This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-522

סאָוועטיש היימלאַנד

9

1979

לייענט אינעם נומ. 10
„סאָוועטיש היימלאַנד"

■

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער.
די היטלעריסטישע פאַרברעכנס קעגן דער
מענטשהייט טאָרן קיינמאָל ניט „פאַרעלטערט ווערן".

■

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. יאָרשים (ראָמאַן,
סאָף).

■

צווישנפעלקערלעך יאָר פון קינד
לידער פון שיקע דריז און בראָניע סינעלניקאָווע.

■

אַרן וווערגעליס. אין פופצן יאָר אַרום (רייזע-
נאָטיצן, פאַרזעצונג).

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פֿאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

סענטיאַבער

9

1979

אינהאַלט

טעאַרעטישע קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאַנד״. **ו. זאַגלאַדין, אי. פראָלאָוו. גלאָבאַלע פּראָבלעמען פון דער הײַנטיקער צײַט. נאַ־ל ביקענין. אידייִש־מאָראַלישע פּראָבלעמען פונעם סאָציאַליסטישן לעבנס־אויפן. אי. מינץ. די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און מענטשן־רעכט** 3

צווישנפעלקערלעך יאָר פון קינד. **לייב קוויטקאָ. פאַר די קינדערסוועגן. צייכענונגען פון א. קאַראַטקין** . . 20

מאָטל טאַלאַלאַיעוסקי. יאָרשים (ראָמאַן. פאָרזעצונג). צייכענונגען פון ה. אינגער 28

הירש רעלעס. אין שײַן פון צײַטן (לידער) 77

באָריס מאָגילנער. פאַר שקיִע (דערציילונג) . . . 80

יוסעף בורג. אָפּקלאַנגען (נאָוועלן) 115

מאָטל גרוומאַן. זאָל אייביק זײַן דער גרויסער טאָג (לידער) 133

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. **זעליק אַקסעלראָד, מוישע טייף** 135

קורצע רעצענזיעס 153

פּובליציסטיק. **לעאָנעל דאַדיאַני. די פּעקין־פּאָליטיק אויפן נאָענטן מיזרעך** 163

אונדזער רעפּליק. **ל. יאַקאָוולעוו. דער בלאָפער פּ. נאָוויק** 171

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 174

מיר ענטפערן אויף פראַגעס פון אונדזערע לייענער . . . 177

וואָס דערוויסן מיר זיך פון נײַע פּובליקאַציעס. **דאָס געשטאַלט פונעם פּאַלעסטינישן אַראַבער פאָלק** . . . 180

דאָס איז טשיקאַווע. 182

כראָניק 162, 170, 179, 182

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער 183

פריילעכע שורעס 185

אין דער וועלט־ליטעראַטור 186

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 188

פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 190

רעזומע לויט די מאַטעריאַלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פּריַ, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר)

טעאָרעטישע קאָנפערענץ
פון „סאָוועטיש היימלאַנד״

װ. זאַגלאַדין,
פּראָפעסאָר
אי. פראָלאָװ,
מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון
דער װיסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון ססר

גלאָבאַלע פּראָבלעמען פון דער הײַנטיקער צײַט און די פאָרשלאָגן צו לײזן זײ

דער פרידלעכער פאַרמעסט צװישן די צװײ קעגנזעצלעכע סאָציאַלע סיסטעמען — סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם — האָט אויף יעדן עטאַפּ פון דער היסטאָרישער אַנטװיקלונג זײַנע באַזונדערע, ספּעציפֿישע שטריכן. אין אונדזער צײַט לאָזן זיך דאָ פֿילן, כּולל אַלעם, די אַזױגערופֿענע גלאָבאַלע פּראָבלעמען.

עס האַנדלט זיך, װי באַװוּסט, אין פּראָבלעמען, װעלכע באַרירן אין אַ גרױסער מאָס דעם גורל פון דער גאַנצער מענטשהײַט. אײניקע פון זײ זײַנען אַרױסגערופֿן געװאָרן צום לעבן דורך די טיפֿער געװאָרענע װידערשפּרוכן צװישן דעם מענטשנס שעפֿערישער בױ־אַרבעט, זײַן איבערגעשטאַלטנדיקער טעטיקײַט, און די מעגלעכקײַטן פון דער נאַטור: צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איז אויפֿגעקומען, אַלס אָביעקטיװע רעאַליטעט, די פּראָבלעם צו פֿאַרמײַדן די נעגאַטיװע פֿאָלגן פון דעם מענטשנס אויפֿװירקונג אויף דער נאַטור. די אַנדערע מאָמענטן זײַנען געשטעלט געװאָרן אין טאָג־סדר דורך דעם קװאַנטיטאַטיװן װוּקס פון דער מענטשהײַט; דאָס רופֿט אַרױס די נײטיקײַט צו לײזן אויף אַ פֿאַרגיכערטן אופֿן די אויפֿגאַבע פון באַזאָרגן די באַפֿעלקערונג מיט ענערגיע, שפּײַז־פּראָדוקטן און אַנדערע רעסורסן, אויסנוצן די רײַכטימער פון דעם װעלט־אָקעאַן, באַהערשן דעם קאָסמאָס א״אַ. פון דעם, װי עס װעט געלײזט װערן די פֿראַגע װעגן מילחמה און שלום, — אַ פֿראַגע, װאָס האָט באַאומרויִקט די מענטשן אין משך פון זײער גאַנצער באַװוּסטזיניקער געשיכטע, — פון דעם איז אין לעצטן רעזולטאַט אָפּהענגיק די לײזונג פון די אַנדערע קאַרדינאַלע פֿראַגן פון דער הײַנטיקער צײַט.

װי דער כאַװער ל. אי. ברעזשנעװ האָט אָפּגעמערקט אין זײַן פֿאָרטראָג אויפֿן XXV צוזאַמענפֿאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ פון סאָװעטנפֿאַרבאַנד, װעלן אין דער פּערספּעקטיװ די גלאָבאַלע פּראָבלעמען „האָבן אַלץ אַ מער קענטיקן אײַנפֿלוס אויפֿן לעבן פון יעדן פֿאָלק, אויף דער גאַנצער סיסטעם פון די צװישנפֿעלקערלעכע באַציִונגען. אונדזער לאַנד, װי אויך די אַנדערע לענדער פון סאָציאַליזם, קאָן ניט שטײן אין אַ זײַט פון דער לײזונג פון די דאָזיקע פּראָבלעמען, װעלכע רירן אָן די אינטערעסן פון דער גאָרער מענטשהײַט״.

דער אַלמענטשלעכער כאַראַקטער פון די גלאָבאַלע פּראָבלעמען באַטײַט לאַלוטן ניט, װי דאָס באַהױפּטן גאַנץ אָפֿט די בורזשואַזע אידעאָלאָגן, אַז זײ האָבן ניט, קלומערשט, קײן קאָנקרעטן סאָציאַלן קלאַסן־אינהאַלט. „די באַציִונג פון די מענטשן צו דער נאַטור, — האָט אָפּגעמערקט ק. מאַרקס, — װײַזט זיך אַרױס בלױז מיט דער הילף פון געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרבינ־

דונגען און פאַרהעלטענישן"[1]. און טאַקע די געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען און פאַרהעלטענישן באַשטימען אין דער אונטערשטער שורע דעם כאַראַקטער פון דער קעגנזײַטיקער טעטיקײַט פונעם מענטשן און פון דער נאַטור־סוויווע.

אין די באַדינגונגען פונעם הײַנטצײַטיקן קאַפּיטאַליזם האָט די אויבערהאַנט אַזאַ צוגאַנג צו די גלאָבאַלע פּראָבלעמען, וועלכער אַנטשפּרעכט די שטרעבונגען פון דער מאָנאָפּאָליסטישער בורזשואַזיע צו באַקומען פאַר זיך מאַקסימאַלן מערוועט. די אינטערעסן אָבער פון דער איצטיקער און ביפראַט פון דער קומענדיקער מענטשהײַט, די אינטערעסן פון פאַרהיטן און אַנטוויקלען די לעבעדיקע נאַטור, ווערן דערבײַ דיסקאָנטירט אין אַ מינימאַלער מאָס.

דעם קאַטאַסטראָפאַלן כאַראַקטער פון די פאָלגן פון אַזאַ צוגאַנג אַנערקענען הײַנט אַ סאַך בורזשואַזע אידעאָלאָגן. אָבער זײַענדיק טרײַ זייער קלאַסן־אינטערעס, וואַרפן זיי אָפּ דעם געדאַנק, אַז פאַר די דאָזיקע פאָלגן איז פאַראַנטוואָרטלעך יענע סאָציאַלע סיסטעם, אין וועמענס יעסאָד עס ליגט די הערשאַפט פון פּריוואַט־אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען. נאָך מער, ניט זעלטן פּרוּוון זיי פאַרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז דער עצם אופקום פון די גלאָבאַלע פּראָבלעמען נעמט קלוימערשט אַראָפּ די פראַגע וועגן דעם קעגנזאַץ צווישן די צוויי וועלט־סיסטעמען און פאָדערט שיר ניט, אַז זיי זאָלן צונויפגעגאָסן ווערן אין די ראַמען פון דער „גלאָבאַלער געמיינשאַפט" מיט אַן „איינהײַטלעכן וועלט־באַוווסטזײַן".

מיר זײַנען, פאַרשטייט זיך, ווײַט פונעם געדאַנק אָפּצולייקענען, אַז אין דער הײַנטצײַטיקער וועלט־סיטואַציע פאָדערט אפילו אַ טיילווײַזע לייזונג פון די גלאָבאַלע פּראָבלעמען אַ געמיינזאַמע טעטיקײַט פון די מעלוכעס, וועלכע געהערן צו קעגנזעצלעכע סאָציאַלע סיסטעמען. אָבער אַזאַ געמיינזאַמע טעטיקײַט באַזײַטיקט לאַכלוטן ניט און קאָן ניט באַזײַטיקן דעם סאָציאַלן באַריער, וועלכער צעטיילט זיי. יעטווידער פּרוּוו צו פאַרשטעלן די עצם עקזיסטענץ פון די גלאָבאַלע פּראָבלעמען און די נייטיקײַט צו לייזן זיי געמיינזאַם אַלס אַ סימען פון דער „קאָנווערגענץ" פונעם סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם אָדער אַלס אַ באַווײַז, אַז עס האָט זיך געענדערט דער מעהוס פון די איינער פון די דאָזיקע סיסטעמען, האָט לאַכלוטן קיין שום באָדן אונטער זיך ניט. אָביעקטיוו איז עס אַ פּרוּוו צו מאַסקירן דעם אימפּעריאַליסטישן העגעמאָניזם, די אַלוועלטלעכע עקספּאַנסיע פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל.

שטרעבנדיק צו אונטעראָרדענען די פעלקער אונטער זײַן ווילן, פּרוּווט דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל און זײַנע אידעאָלאָגן צו מאַכן דעם אײַנדרוק, אַז, קלוימערשט, גראָד די דאָזיקע עקספּאַנסיע לייגט דורך דעם וועג צו שאַפן אַ „גלאָבאַלע געמיינשאַפט", וועלכע איז פייִק צו לייזן אַלע פּראָבלעמען, וואָס באַאומרויִקן די מענטשן. די פאַרברייטערונג פון דער אימפּעריאַליסטישער אינטעגראַציע, וואָס איז אַ געוועזער אין די הענט פונעם גרויסן קאַפּיטאַל, ווערט געמאָלט שיר ניט אַלס מיטל צו מיטהעלפן דעם „פּראָגרעס פון דער עקאָנאָמיק" און דער „סאָציאַלער אַנטוויקלונג". די עקספּאַנסיע פון טראַנסנאַציאָנאַלע קאָמפּאַניעס ווערט אָנגעגעבן אַלס אַ זיכער מיטל צו „קאָאָרדינירן די ווירטשאַפטלעכע טעטיקײַט פון דער מענטשהײַט אין די אינטערעסן פונעם אַלגעמיינעם אופּבלי", און די פּרוּוון פון די מאָנאָפּאָליעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן צוצופּאַסן די פאַנאַנדעראַרבעטונג פון די נאַטור־רעסורסן פון דער וועלט צו די אינטערעסן פונעם אַמעריקאַנער גרויסן ביזנעס ווערט פאָרגעשטעלט אַלס באַמיִונג צו לייזן די וועלט־פּראָבלעמען פון ענערגיע און רויוואַרג. דאָס אַריבערטראָגן אין די ווייניקער אַנטוויקלטע ראַיאָנען פון דער וועלט די סאַמע געפערלעכע פאַר דער אַרומיקער סוויווע פּראָדוקציעס און טעכנאָלאָגישע פּראָצעסן, וועלכע געפינען זיך אין די אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פּראָפּאַגאַנדירט מען אָדער אַלס אַ וועג פון „אויסגלײַכן דעם עקאָנאָמישן ניוואָ", אָדער אַלס מיטל צו לייזן די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. ענדלעך, אפילו דער באַוואָפענונגס־געיעג, וואָס ווערט אונטערגעטריבן דורך די גרעסטע מאָנאָפּאָליסטישע גרופּירונגען פון דער מײַרעוו־וועלט, ווערט אָנגעגעבן שיר ניט אַלס אַ גאַראַנטיע... פאַר זיכערן די אַלגעמיינע געפערלאָזיקײַט!

אַזעלכע פּראָפּאַגאַנדיסטישע קונץ־שטיק קאָנען אָבער אין קיין שום פאַל ניט אויסבאַהאַלטן פון די פעלקער דעם עמעסן זין פון די שטרעבונגען און האַנדלונגען פונעם צווישנפעלקערלעכן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל. די פּראַקטישע רעזולטאַטן פון די דאָזיקע האַנדלונגען באַווײַזן מיט דער גאַנצער איבערצײַגעוודיקײַט, אַז עס ווערן נאָך מער פאַרשאַרפט די גלאָבאַלע פּראָבלעמען.

---

[1] ק. מאַרקס און פ. ענגעלס. ווערק, ב. 6, ז. 441.

עס איז קיין כידעש ניט, וואָס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האַלט אין איין וואַקסן
דער אומרו. אין אַ רײ פֿאַלן ווײַזט אַרויס איר איניציִאַטיוו די עפֿנטלעכקײַט — עס ווערן גע־
שאַפֿן פֿאַרשיידנערליי אָרגאַניזאַציעס, וועלכע שטעלן זיך אַלס ציל צו געפֿינען די אָדער אַנ־
דערע לייזונג פֿון די גלאָבאַלע פּראָבלעמען. באַזונדערס אַקטיוו וויקלט זיך פֿאַנאַנדער דער
קאַמף פֿאַר פֿאַרמײַדן אַ נײַע וועלט־מִלחמה. עס ווערן פֿאַרשפּרייט אויך פֿיל טעאָריעס, וועמ־
מענס אויטאָרן פּרוּוון דערקלערן די סיטואַציע, פֿאָרלייגן אַוועלכן־ניט־איז אויסוועג.
מע דאַרף זאָגן, אַז אין אַ סאַך קאָנקרעטע צוגאַנגען צו די גלאָבאַלע פּראָבלעמען (קוידעמ־
קאָל פֿון די וויסנשאַפֿטלעך־טעכנישע און טעכנאָלאָגישע), וועלכע ווערן פֿאָרגעלייגט אָפֿן מײַ־
רעוו, זײַנען פֿאַראַן אינטערעסאַנטע, פּאָזיטיווע מאָמענטן. און דאָס איז פֿאַרשטענדלעך — צו
אַזעלכע פֿאַנאַנדעראַרבעטונגען ווערן דאָך, אַלס קלאַל, צוגעצויגן די גרעסטע הײַנטצײַטיקע
געלערנטע, וועלכע האָבן געגעבן דער וויסנשאַפֿט ווערק פֿון ערשטראַנגיקער וויכטיקײַט. די
מאַרקסיסטן קאָנען ניט אַרויסלאָזן דאָס פֿון אויג. אַדעראַבע, מע דאַרף די דאָזיקע רעזולטאַטן
קריטיש איבעראַרבעטן פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון אונדזער מעטאָדאָלאָגיע און אויסנוצן זיי באַם
זוכן לייזונגען פֿון די גלאָבאַלע פּראָבלעמען. דאָס געזאָגטע איז שײַעך, באַזונדערס, צו אַ רײ
מאָדעלן, וועלכע עס האָט פֿאַנאַנדערגעאַרבעט דער אַזויגערופֿענער „רוימישער קלוב". דער־
בײַ איז אָבער וויכטיק צו האָבן שטענדיק אין אויג, אַז אַפֿילו דער פֿולקומסטער וויסנשאַפֿט־
לעך־טעכנישער אַפּאַראַט קאָן ניט זיכערן קיין ריכטיקע לייזונגען, אויב ער שטיצט זיך ניט
אויף דער קאָנקרעטער סאָציִאַלער רעאַליטעט, און ווער רעדט נאָך, ווען ער ווערט אויסגענוצט
אויף צו באַגרינדן פֿאַלשע סאָציִאַל־פּאָליטישע קאָנצעפּציעס.
„ניט געקוקט דערויף, וואָס דער קאַפּיטאַליזם איז באַגרענעצט לויט זײַן עצעם מעהוס,
שטרעבט ער צו דער אוניווערסאַלער אַנטוויקלונג פֿון די פּראָדוקטיוו־קרעפֿטן..." — האָט
אָפּגעמערקט ק. מאַרקס[1]. גראָד אָט דער ווידערשפּרוך ווערט אָפּגעשפּיגלט אינעם צוגאַנג פֿון
דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע צו די גלאָבאַלע פּראָבלעמען פֿון דער הײַנטיקער צײַט. ער
רופֿט אַרויס, פֿון איין זײַט, פֿאַרשיידנערליי פּעסימיסטישע פּראָגנאָזן, „אַנטוישונג אינעם
פּראָגרעס" (ר. אַראָן), און, פֿון דער צווייטער זײַט, — פּרוּוון צו געפֿינען אַן „אָפּטימיסטישע"
לייזונג אויף די וועגן פֿון... אָפּשטעלן די אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשהײַט. די באַגרענעצטקײַט
פֿונעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוציר־אויפֿן, די אָפּוועזנהײַט פֿון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו
באַם קאַפּיטאַליזם ווערט אין ביידע פֿאַלן געשילדערט ווי קלומערשט אַ באַגרענעצטקײַט פֿון
די אַנטוויקלונגס־פּערספּעקטיוון פֿון גאָר דער מענטשהײַט.
וואָס זשע רעקאָמענדירן די שעפֿער פֿון די סאַמע פֿאַרשפּרייטע מאָדעלן פֿון לייזן די גלאָ־
באַלע פּראָבלעמען?
ד. ל. מעלאָוז און זײַנע מיטאויטאָרן פֿאָרמולירן די „גרענעצן פֿונעם וווּקס", שטעלן די
פֿראַגע וועגן אײַנהאַלטן די אַנטוויקלונג פֿון דער פּראָדוקציע, דעם וווּקס פֿון דער באַפֿעלקע־
רונג אאַז"וו. מ. מעסאַראָוויטש און ע. פּעסטעל לייגן פֿאָר צו אָנהאַלטן דעם „אָרגאַנישן וווּקס",
וואָס איז באַלאַנסירט לויט יענע רעגיִאָנען פֿון דער וועלט, וועלכע אָט די אויטאָרן טיילן
באַדינגלעך אויס. ד. גאַבאָר און אַנד. לייגן פֿאָר „עקאָנאָמיש און פֿאַרנונפֿטיק אויסנוצן די
נאַטור־רעסורסן". ע. לאַסלאָ און זײַנע מיטאַרבעטער געפֿינען פֿאַר נייטיק צו האַלטן זיך בײַ
די „אינערלעכע גרענעצן פֿון דער גלאָבאַלער אַנטוויקלונג". לעסאָף, דער פּרעזידענט פֿונעם
„רוימישן קלוב" אַ. פּעטשען אײַצעט, אַז די מענטשהײַט זאָל זיך האַלטן בײַ זעקס אויפֿגאַבן
(אָדער „מיסיעס"): אָפּהיטן די „אויסערלעכע גרענעצן" (דאָס הייסט אָפּהיטן די נאַטור); אָפּ־
היטן די „אינערלעכע גרענעצן" (די גרענעצן פֿון דעם מענטשנס מעגלעכקײַטן); אָפּהיטן
די קולטור־ירושה; זיכערן די לעבנס־סורווע; שאַפֿן אַן „עפֿעקטיווע עקאָנאָמישע סיסטעם";
לעסאָף, ווידעראַמאָל שאַפֿן אַ „וועלט־געמיינשאַפֿט".
די אויטאָרן פֿון די איבערגערעכנטע פּראָיעקטן אַבסטראַהירן זיך אין טאָך פֿון די רעאַלע
סאָציִאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס וויקלט זיך פֿאַנאַנדער די דיסקוסיע מיקויעך
די וועגן פֿון לייזן די גלאָבאַלע פּראָבלעמען. זיי זעען ניט דעם קאַמף צווישן די צוויי קעגנ־
זעצלעכע סאָציִאַלע סיסטעמען. עס איז ניט צופֿעליק, וואָס אין דער מערהײַט פֿון די דער־
מאָנטע פּראָיעקטן ווערט אין טאָך לאַכלותן ניט באַטראַכט די וויכטיקסטע גלאָבאַלע פּראָ־
בלעם — דאָס פֿאַרמײַדן אַ נײַע וועלט־מִלחמה.
באַזונדערס איז דאָס שײַעך צום פּראָיעקט פֿון אַ. פּעטשען, וועלכן ער האָט פֿאָרמולירט
אינעם בוך „דעם מענטשנס קוואַליטעט" (1977). די זעקס אויפֿגאַבן פֿון דער מענטשהײַט,

---

[1] דאָרט, ב. 46, טייל II, ז. 33.

וועלכע ער האָט אויסגעטיילט, קאָנען אַליין פּאַר זיך, אויב נעמען זיי אין דער אַלגעמיינער פאָרם, ניט אַרויסרופן קיין דערווידערונגען. ס׳פרעגט זיך אָבער: אין די ראַמען פון וואָסער סאָציאַלער סיסטעם ווערט פאָרגעלייגט צו לייזן זיי? ווי אַזוי פאַרשטיין, לעמאָשל, דעם באַגריף „עפעקטיווע עקאָנאָמישע סיסטעם"—דאָס פאַרפולקומט געצייַג פונעם נעאָקאָלאָניאַליזם פון די מאָנאָפּאָליעס, אָדער די סיסטעם פון גלייַכבאַרעכטיקטע צווישנפעלקערלעכע עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, וועלכע שליסט אויס דעם ווילקיר פונעם קאַפּיטאַל? אויף דער דאָזיקער פראַגע געפינען מיר ניט קיין ענטפער. פונקט אַזוי איז ניטאָ קיין ענטפער אויך אויף דער פראַגע וועגן דעם טאָך און דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דער „וועלט־געמיינשאַפט".

א. פּעטשען שטעלט דעם טראָפּ, ווי עס איז צו זען פון זייַן בוך, אויפן „נייַעם הומאַניזם", אויף דער ענדערונג פון דעם מענטשנס „קוואַליטעט". דאָס גייט צו, לויט זייַן מיינונג, אַ זיכערע ריכטונג דער אַנטוויקלונג אין דער אינדוסטריעלער, וויסנשאַפטלעכער, טעכנאָלאָגישער און סאָציאַל־פּאָליטישער הינזיכטן. ווי אַזוי אָבער קאָן מען דערגרייכן אָט דעם „נייַעם הומאַניזם"? ווי אַזוי, אויף וועלכע וועגן ווערט געזיכערט די ענדערונג פונעם מענטשנס „קוואַליטעט"? די דאָזיקע פראַגן בלייַבן הענגען אינדערלופטן...

פונקט אַזאַ איינזייַטיקן קלאַסן־באַגרענעצטן צוגאַנג טרעפן מיר אין אייניקע רעגיאָנעלע פּראָגנאָזן, לעמאָשל, בענעגייע מייַרעוו־אייראָפּע, ווי מיר זעען עס אינעם קאָלעקטיוון ווערק, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1977 אין לאָנדאָן — „אייראָפּע אין יאָר 2000". די אַוטאָרן פונעם ווערק פאַרבינדן די צוקונפט פונעם אייראָפּעיִשן רעגיאָן מיט דער לייזונג פון די גלאָבאַלע פּראָבלעמען, אַקצענטירנדיק די אויפמערקזאַמקייַט אויף די וויסנשאַפטלעך־טעכנאָלאָגישע, פּראָדוצירישע און עטישע אַספּעקטן.

אויב אָפּוואַרפן די עלעמענטן פון אוטאָפּיע און אַפּאָלאָגעטיק פונעם קאַפּיטאַליזם, שטעלט מיט זיך פאָר דער אינהאַלט פון אַזעלכע פּראָיעקטן אַ פאַרקריפּלטע, צומאָל אַ פאַלש טראַקטירטע, אָבער דאָך אַן אומבאַשטרייַטבאַרע אָפּשפּיגלונג פונעם וווּקס פון דער אָביעקטיווער באַדערפעניש פון דער מענטשהייַט אין סאָציאַליזם, אַן אָפּשפּיגלונג פון דער רייַף געוואָרענער נויטווענדיקייַט צו פאַרבייַטן דעם קאַפּיטאַליזם מיט אַ העכערער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג.

ווענדנדיק זיך צום אידייִש־טעאָרעטישן אַנאַליז פון די גלאָבאַלע פּראָבלעמען פון דער הייַנטיקער צייַט, פאַנאַנדערארבעטנדיק די סטראַטעגיע פון פּראַקטיש זיי לייזן, זעען די מאַרקסיסטן די דיאַלעקטישע קעגנזייַטיקע פאַרבינדונג און קעגנזייַטיקע אָפּהענגיקייַט פון אָט די פּראָבלעמען, זייער קאָמפּלעקס־ און סיסטעם־כאַראַקטער. דערביי ווערן אויסגעטיילט די סאָציאַל־פּאָליטישע (איינגעשלאָסן די צווישנפעלקערלעך־יורידישע) וויסנשאַפטלעך־טעכנישע און קולטור־היסטאָרישע, זיטלעך־עטישע אַספּעקטן פון די גלאָבאַלע פּראָבלעמען. די מאַרקסיסטן פאָרשן זיי אין קאָנטעקסט פונעם גרונט־ווידערשפּרוך פון אונדזער עפּאָכע — צווישן דעם סאָציאַליזם און דעם קאַפּיטאַליזם — און פונעם שטאַנדפּונקט פון דער פּערספּעקטיוו, וואָס איז געווענדט צו דער צוקונפט, צום קאָמוניזם.

שילדערנדיק די היסטאָרישע קוועלן, וועלכע האָבן אַרויסגערוקט די גלאָבאַלע פּראָבלעמען, די ראָליע, וואָס די אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע, וויסנשאַפט און טעכניק האָבן געשפּילט אין זייער פאַרשאַרפונג, פאַרשטייען צוזאַמען דערמיט די מאַרקסיסטן קלאָר: די דאָזיקע פּראָבלעמען טראָגן לאַכלוטן ניט קיין פאַטאַל קאַטאַסטראָפישן כאַראַקטער, זיי לאָזן זיך פולשטענדיק לייזן. זייער פולע און ענדגילטיקע לייזונג איז אָבער מעגלעך בלויז אויף אַן אַדעקוואַטן סאָציאַלן יעסאָד, אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפטלעכער פאָרמאַציע.

פ. ענגעלס האָט געשריבן, אַז קעדיי דערשלאָגן זיך אַ ווירקלעכן איבערבראָך אין די קעגנזייַטיקע באַציִונגען צווישן דעם מענטשן און דער נאַטור, קעדיי זיכערן, אַז דער מענטש זאָל מער ניט קאַלעטשען די נאַטור, „...פאָדערט זיך אַ פולע איבערקערעניש אין אונדזער ביז איצט עקזיסטירנדיקן פּראָדוציר־אויפן און צוזאַמען דערמיט אין אונדזער גאַנצער איצטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג"[1]. מיט אַנדערע ווערטער, עס איז נייטיק אַן אַריבערגאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער צו דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג.

די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז אין אונדזער לאַנד, אין די אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער ווערט שוין הייַנט, טראָץ די דערווייַל באַגרענעצטע מאַטעריעלע און וויסנשאַפטלעך־טעכנישע מעגלעכקייַטן, געטאָן דער מאַקסימום פון דעם, וואָס עס איז מעגלעך, קעדיי די גלאָבאַלע פּראָבלעמען זאָלן באַקומען אַזאַ לייזונג, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם הומאַניסטישן כאַראַקטער פון דער נייַער געזעלשאַפט.

---

[1] דאָרט, ב. 20, ז. 497.

אזוי, לעמאָשל, אַף וויפל דער ציל פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג באַם סאָציִאַליזם איז ווײַטער העכערן דעם וווילשטאַנד פון די מענטשן, פאַרבעסערן די באַדינגונגען פון זייער אַרבעט און לעבנסשטייגער, זיכערן דעם פּראָגרעס פון בילדונג און קולטור, איז אויך דער סאָציִאַליסטישער וועג פון לייזן די גלאָבאַלע פּראָבלעמען אינגאַנצן און פולשטענדיק אונטערגעאָרדנט דער דערגרייכונג פון די דאָזיקע צילן.

דער סאָציִאַליזם אַלס א געזעלשאַפט, וואָס איז געריכטעט צו דער צוקונפט, באַוואָרנט איינצײַטיק, אז ווען די מענטשהײַט נוצט אויס די נאַטור־רעסורסן, זאָל דאָס ניט בלויז ניט פאַרשאַפן קיין שאָדן די קומענדיקע דורות, נאָר, פאַרקערט, זיכערן פאַר זייער אַנטוויקלונג מער גינסטיקערע באַדינגונגען, איידער הײַנט.

אָט די ביידע אַספּעקטן — דער הײַנטיקער און דער מאָרגעדיקער — זײַנען אָפּגעשפּיגלט אינעם אַרטיקל 18 פון דער נײַער קאָנסטיטוציע פון פססר, ווו עס ווערט געזאָגט, אז „אין די אינטערעסן פונעם הײַנטיקן דאָר און פון די קומענדיקע דורות ווערן אין פססר אָנגענומען די נייטיקע מאָסמיטלען צו אָפּהיטן און וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט, ראַציִאָנעל אויסנוצן די ערד און אירע אויצרעס, די וואַסער־רעסורסן, די געוויקסן־ און באַלעכײַים־וועלט, אָפּהיטן אין ריינקײַט די לופט און די וואַסערן, זיכערן די רעפּראָדוקציע פון די נאַטור־רײַכטימער און פאַרבעסערן די נאַטור, וועלכע רינגלט אַרום דעם מענטשן".

בא אונדז אין לאַנד זײַנען די קאַפּיטאַלע מעלוכע־אינוועסטיציעס אַף אָפּהיטן די נאַטור און ראַציִאָנעל אויסנוצן די נאַטור־רעסורסן אויסגעוואַקסן בלויז פאַר די יאָרן 1973—1976 אַף 54 פּראָצענט און האָבן באַטראָפן מער פון זעקס מיליאַרד רובל (אין 1978 יאָר — 1,8 מיליאַרד רובל). אינגאַנצן גענומען, וועלן בלויז די דירעקטע אינוועסטיציעס אין דער ספער פון אָפּהיטן די נאַטור באַטרעפן אין דעם איצטיקן פינפיאָר (1976—1980) 11 מיליאַרד רובל. די דאָזיקע מיטלען וועלן אויך אַף ווײַטער וואַקסן אָן אויפהער. פונקט אַזא ליניע פירן דורך אין אָט דער פראַגע די אַנדערע סאָציִאַליסטישע לענדער.

לויט די פאַראַנענע אָנגאַבן, זײַנען די אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וועלכע פּראָדוצירן 53 פּראָצ. פון דער אינדוסטריִעלער פּראָדוקציע אין דער וועלט, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מאַכן קויטיק די נאַטור־סוויווע אַף 63 פּראָצענט. די לענדער אָבער פונעם ראַט פון עקאָנאָמישער קעגנזײַטיקער הילף, וועלכע גיבן אַרויס 33 פּראָצענט פון דער אינדוסטריִעלער וועלט־פּראָדוקציע, מאַכן קויטיק די נאַטור־סוויווע בלויז אַף 15 פּראָצענט. דאָס איז א באַווײַז פון די צוויי סאָציִאַל־קעגנזעצלעכע צוגאַנגען צו איין און דער זעלבער פּראָבלעם!

פאַרשטייט זיך, די גלאָבאַלע פּראָבלעמען פאָדערן לויט זייער עצעם טאַקע א קאָנצענטראַציע פון די באַמיִונגען ניט בלויז אין די נאַציִאָנאַלע און אפילע ניט בלויז אין די רעגיִאָנעלע ראַמען, נאָר אויך אין צווישנפעלקערלעכן מאַסשטאַב. טאַקע דערפאַר האַלטן אונטער די סאָציִאַליסטישע לענדער אַן אַקטיווע צווישנפעלקערלעכע מיטאַרבעט, דערונטער מיט די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס.

מע דאַרף באַזונדערס באַטאָנען, אז די לענדער פון סאָציִאַליזם שענקען באַזונדערע באַמיִונגען אַף צו לייזן די גלאָבאַלע פּראָבלעם נומער איינס — אָפּהיטן דעם שאָלעם, דערגרייכן די אַלגעמיינע און פולע אַנטוואָפענונג. גרויסע באַפרידיקונג האָט אַרויסגערופן דאָס אונטערשרײַבן אין יון ד. י. מיצאַד פסס״ר און אַמעריקע דעם אָפּמאַך וועגן באַגרענעצן די סטראַטעגישע אָנגרײַפערישע באַוואָפענונגען.

די פּרינציפּיעלע און הומאַנע ליניע פון די סאָציִאַליסטישע מעלוכעס באַגעגנט א וואַקסנדיקע שטיצע מיצאַד דער פּראָגרעסיווער וועלט־עפנטלעכקײַט, דערונטער מיצאַד די געלערנטע, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן דעם, אז די דערגרייכונגען פונעם וויסנשאַפטלעך־טעכנישן פּראָגרעס זאָלן אויסגענוצט ווערן צוליב אַנטיהומאַנע צילן. קלאָר און אָפן האָבן די וויסנשאַפטלער פון א סאַך לענדער דערקלערט וועגן דעם אַף דער 28־טער פּאַגוואָשער קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען אין 1978 אין בולגאַריע, אין דער ספּעציִעלער רעזאָליוציע „די גלאָבאַלע אַספּעקטן פון אַנטוואָפענונג און זיכערהײַט".

ק. מאַרקס האָט אין זײַן צײַט אַרויסגעזאָגט א געדאַנק, אז דער קאָמוניזם וועט זיכערן די עמעסע לייזונג פון די ווידערשפּרוכן צווישן מענטש און מענטש, צווישן דעם אינדיווידו און דעם שטאַט, צווישן דעם מענטשן און דער נאַטור. אָט די פאָרויסזעונג פון מאַרקסן איז איצט באַשטעטיקט דורך דער פּראַקטיק פונעם רעאַלן סאָציִאַליזם. די גלאָבאַלע פּראָבלעמען, וועלכע שטייען פאַר דער מענטשהײַט, ווי אויך די באַשײַמפּערלעכע נייטיקײַט צו לייזן זיי אַמגיכסטן, זײַנען אין אונדזער צײַט איינער פון די סאַמע וואָגיקע אַרגומענטן לעטויוועס דעם סאָציִאַליזם און קאָמוניזם, לעטויוועס דער פולער סאָציִאַלער און נאַציִאָנאַלער באַפרײַונג פון דער מענטשהײַט.

נ א ט ל ב י ק ע נ י ן,
דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן

אידייִש־מאָראַלישע פּראָבלעמען פונעם סאָציאַליסטישן לעבנס־אופן

די מאָראַלישע דערציִונג איז באַרופן אויסצואַרבעטן אַן אַקטיווע לעבנס־פּאָזיציע, אַ באַוווּסטזיניקע באַציִונג צו די געזעלשאַפטלעכע פליכטן. דאָרט, וווּ דער מענטש איז ווײַט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, וווּ ער איז אַרײַנגעטאָן אין די דאַלעד־אַמעס פון די עגאָיִסטישע אינטערעסן, געפינען אָפּטער פון אַלץ אַ נעסט די אָפּגעלעבטע זײַטן, די אָבערגלויבנס און שעדלעכע געוווינהײַטן. „...דאָ זײַנען בלויז געזעצן ווייניק, — האָט אָנגעוויזן לענין, — עס איז נייטיק זייער אַ סאַך דערציִערישע, אָרגאַניזאַציִאָנעלע אַרבעט, קולטור־אַרבעט, וואָס מע קאָן דאָס ניט אָפּטאָן שנעל, מיטן געזעץ, דאָס פאָדערט אַ קאָלאָסאַלע דויערנדיקע אַרבעט”[1].

אַלס וויכטיקע פּראָבלעמען פון מאָראַלישער דערציִונג טרעטן הײַנט אַרויס קוידעמקאָל די סאָציאַליסטישע קעגנזײַטיקע פאַרהעלטענישן צווישן מאַטעריעלע און גײַסטיקע ווערטן, די אָרגאַנישע איינהײַט פון די פּאָשעטע זיטלעכע נאָרמעס און דער קאָמוניסטישער מאָראַל.

דער קער פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק צו אַלץ מערער און מערער פאַרשיידענע אופגאַבן, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיטן באַפרידיקן די וואַקסנדיקע מאַטעריעלע באַדערפענישן פון די אַרבעטנדיקע, רוקט אַרויס אויפן פאָדערגרונט די פּראָבלעם פון קעגנזײַטיקע פאַרהעלטענישן צווישן די מאַטעריעלע און גײַסטיקע ווערטן. די רעכט־רעוויזיִאָניסטישע און לינקאַטשישע פּראָפּאַגאַנדע פּרוּווט שילדערן דעם וווּקס פונעם וווילשטאַנד פון פאָלק אַזוי, אַז די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט ווערט קלוימערשט פאַרוואַנדלט אין אַ בורזשואַז־געברויכערישער וואַריִאַציע.

עס איז אַ טיפער פעלער צו זען אין דער נויט אַ גאַראַנט פון רעוואָליוציִאָנערישקײַט און אין דער סיסטעמאַטישער פאַרבעסערונג פונעם לעבן פון די אַרבעטנדיקע — אַ סאַקאָנע, וואָס דראָעט מיט בורזשואַזן איבערגעבורט פון דער געזעלשאַפט. אַזעלכע אָנשויונגען זײַנען טיפּיש פאַר די פאַרשיידענע פאָרמען פון קלייִנבירגערלעכן סאָציאַליזם, וועלכער באַציט זיך ביכלאַל מיט ביטל צו די מאַטעריעלע לעבנס־באַדינגונגען פון די מענטשן, אָדער ער האַלט, אַז דער ציל און דער זין פונעם סאָציאַליזם באַשטייט בלויז אין דער געברויכערישער פאָרמול: „לעבן, קעדיי צו לעבן”.

דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע זײַנען אַלצייִנס פרעמד סײַ דער קולט פון זאַכן, סײַ די ביטל־באַציִונג צו די מאַטעריעלע באַדערפענישן פונעם מענטשן. די אַלזײַטיקע אַנטוויקלונג פונעם מענטשן איז מעגלעך בלויז דעמלט, ווען עס עקזיסטירן באַשטימטע מאַטעריעלע און גײַסטיקע פאָרהאַנאָכעס, וועלכע ווערן געשאַפן אין גאַנג פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. ווען איבערן מענטשן הערשט די מאַטעריעלע נויט, קאָן ניט זײַן קיין שום רייד וועגן אַוועלכער־ניט־איז אַלזײַטיקער אַנטוויקלונג פונעם אינדיווידו. אין דער זעלבער צײַט איז אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט די שעפע פון מאַטעריעלע רײַכטימער ניט דער זעלבסטציל, נאָר אַ נייטיקער באַדינג, וואָס אָן אים קאָן ניט געמאָלט זײַן קיין פרײַע גײַסטיקע אַנטוויקלונג פונעם מענטשן.

עס איז ניט ריכטיק צו מאָלן די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט אַלס אַ קיניגרײַך פון אָרעמקײַט פאַר אַלעמען, און אין אַזאַ „גלײַכהײַט” זען דעם אידעאַל פון דער צוקונפט. דאָס איז אַ טיפּיש קלייִנבירגערלעכער שטאַנדפּונקט. באַם פּראַקטישן פאַרווירקלעכן אים וועט זיך באַקומען אַ קאַריקאַטור אויף דער נײַער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג — אַ „קאַזאַרמע־קאָמוניזם”. „דער באַלעבעסלדיקער סאָציאַליזם, — האָט לענין געשריבן, — מיינט, אַז מע קאָן אַלע מענטשן

[1] וו. אי. ל ע נ י ן. פולע זאַמלונג פון די ווערק, ב. 38, ז. 166.

מאכן פאר אלציינע באלעבאטימלעך...״[1]. דאָס לעבן האָט פולשטענדיק דעמאסקירט די עקאָנאָמישע באַדנלאָזיקייַט און די סאָציאַל־פּאָליטישע רעאקציאָנערקייַט פון די אידייען פונעם באלעבעסלדיקן סאָציאַליזם.

די בעעמעס סאָציאַליסטישע לייזונג פון דער פּראָבלעם פון גלייַכהייַט האָט קיין שום געמיינזאמס ניט מיט דער אוניפיקאציע פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייַט, מיט אייַנשטעלן א „דורכשניטלעכע מאָס״ פון די מענטשלעכע פייִקייַטן, טאלאנטן אאוו. — ווי דאָס ווערט געווייגלעך געשילדערט אין דער בורזשואזער ליטעראטור. „...ווען די סאָציאַליסטן ריידן וועגן גלייַכהייַט, — האָט געשריבן לענין, — פאַרשטייען זיי אונטער דעם שטענדיק די געזעלשאפטלעכע גלייַכהייַט, די גלייַכהייַט פון דער געזעלשאפטלעכער לאגע, אָבער בעשום־אופן ניט די גלייַכהייַט פון די פיזישע און גייַסטיקע פייִקייַטן פון באזונדערע פּערזענלעכקייַטן״[2].

אין דער נייַער קאָנסטיטוציע פון פּססר לייענען מיר: „אין העסקעם מיטן קאָמוניסטישן אידעאל — „די פרייַע אנטוויקלונג פון יעדן איינעם איז א באדינג פאר דער פרייַער אנטוויקלונג פון אלעמען״ — שטעלט די מעלוכע פאר זיך דעם ציל פארברייטערן די רעאלע מעגלעכקייַטן פון די בירגער אָנצווועדן זייערע שעפערישע קרעפטן, פייִקייַטן און טאלאנטן פאר דער אלזייַטיקער אנטוויקלונג פון דער פּערזענלעכקייַט״. דערצו זייַנען קוידעמקאָל נייטיק ברייטע מאטעריעלע פּאַרהאנאָכעס. די קאָמוניסטישע פּארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד, טרייַ דעם טאָך פונעם ווירטשאפטלעכן קאָמוניזם, טוט אלץ, וואָס איז נייטיק, קעדיי דאָס לעבן פון די סאָוועטישע מענטשן זאָל ווערן פון יאָר צו יאָר, פון פינפיאָר צו פינפיאָר אלץ בעסער — מע זאָל בויען וואָס מער ווויל־איינגעאָרדנטע הייַזער, ס׳זאָל וואקסן דער ארויסלאָז פון הויכקוואליטאטיווע סכוירעס, פולער זאָלן באפרידיקט ווערן די באדערפענישן פון די ארבעטנדיקע אין שפּייַז־פּראָדוקטן, ס׳זאָל קעסיידער ווערן פולקומער די באדינונגס־ספער. א גאראנטיע פאר דער לייזונג פון אָט די אופגאבן איז די ברייטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָגראם פונעם צענטן פינפיאָר, וועלכע איז פאנאנדערגעארבעט געוואָרן אין העסקעם מיט די אייַנשטעלונגען פונעם XXV צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד. צי באטייַט דאָס, אז די סאָציאַליסטישע געזעלשאפט גייט מיטן וועג פון געברויכערישקייַט, ווי דאָס פּרוּוון שילדערן די בורזשואזע און רעוויזיאָניסטישע קריטיקער פונעם רעאלן סאָציאַליזם? פארשטייט זיך, אז ניט.

דער געברויך אן און פאר זיך מאכט לאכלוטן ניט די געזעלשאפט פאר א געברויכערישער. די באדערפענישן באקומען אן אוטיליטארן כאראקטער בא ספּעציפישע געזעלשאפטלעכע פאָרמען, וועלכע זייַנען פארבונדן מיטן היסטאָריש צייַטווייַליקן קאפּיטאליסטישן פּראָדוציר־אופן. אן אנדער לאגע איז באם סאָציאַליזם, וואָס דאָס באטייַט ניט, פארשטייט זיך, אז אין די סאָציאַליסטישע באדינגונגען זייַנען אווטאָמאטיש אויסגעשלאָסן די רעצידיוון פון דער באלעבעסלדיק־געברויכערישער פּסיכאָלאָגיע.

סאָציאַליזם באטייַט, אז עס ווערן גרעסער און פארשיידנארטיקער די מענטשלעכע באדערפענישן. דערבייַ ווערט, צוזאמען מיטן וווּקס פונעם מאטעריעלן וווילשטאנד, סיסטעמאטיש רייַכער און פילזייַטיקער דער אידייִש־זיטלעכער פּאָטענציאַל פון דער געזעלשאפט, און דאָס גייַסטיקע לעבן פונעם פאָלק ווערט אלץ אינהאלטסרייַכער, פילארטיקער און אינטערעסאנטער. אין צוזאמענהאנג דערמיט דארף מען באזונדערס זאָגן וועגן יענע ריזיקע מעגלעכקייַטן פאר דער מאָראלישער באַרייַכערונג פון דער געזעלשאפט, וועלכע עס פארמאָגן די ליטעראטור און קונסט, ווייַל זיי האָבן צו טאָן דירעקט מיטן פאָרמירן דעם מענטשנס אינערלעכע וועלט, זייַנע מאָראלישע און אידייִש־זיטלעכע פּרינציפּן.

דער XXV צוזאמענפאָר פון אונדזער פּארטיי האָט אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייַט און אקטועלקייַט פון דער זיטלעכער פּראָבלעמאטיק. „עס לוינט אָפּצומערקן נאָך איין טעמע, — האָט געזאָגט ל. אי. ברעזשנעוו, — וואָס אונדזער ליטעראטור און קונסט האָבן געשענקט ניט ווייניק אופמערקזאמקייַט. דאָס איז די טעמע פון מאָראל, די זיטלעכע זוכונגען. עס זייַנען דאָ געווען אויך אייניקע בלויזן, אָבער פונדעסטוועגן זייַנען געווען מער דערגרייכונגען. דער פאַרדינסט פון אונדזערע שרייַבער און קינסטלער באשטייט דערין, וואָס זיי שטרעבן אונטערצוהאלטן די בעסטע אייגנשאפטן פונעם מענטשן — זייַן פּרינציפּיִעלקייַט, ערלעכקייַט, טיפקייַט פון די געפילן, האלטנדיק זיך דערבייַ בא די פעסטע פּרינציפּן פון אונדזער קאָמוניסטישער מאָראל״[3].

[1] דאָרט, ב. 13, ז. 124.

[2] דאָרט, ב. 24, ז. 364.

[3] מאטעריאלן פונעם XXV צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד, ז. 79.

אַזאַ שטעלונג פון דער פראַגע דערלויבט טיפער קלאָר צו מאַכן צוויי פּרינציפּיעלע פּראָבלעמען, וואָס זייער ריכטיקע לייזונג האָט אַן אומיטלבאַרע שײַכעס צו דער עפעקטיווקייט פון דער מאָראַלישער דערציִונג. דאָס איז די פּראָבלעם וועגן דער „מאָראַלישער רעפלעקסיע“ און דער ראַליע, וועלכע עס שפּילן די פּאַשעטע זיטלעכקייט־נאָרמעס אינעם פאָרמירן די קאָמוניסטישע מאָראַל־שטריכן פון דער פּערזענלעכקייט. מע קאָן ניט, לויט אונדזער מיינונג, מאַסקים זײַן מיט דער נעגאַטיווער טראַקטירונג פון דער „מאָראַלישער רעפלעקסיע“, וועלכע איז געגעבן אין איינִיקע ליטעראַריש־קריטישע און פילאָסאָפישע ווערק און זי ווערט מאָטיווירט מיט דער נייטיקייט צו באַשטעטיקן דעם „אַקטיוו טעטיקן מענטשן“, אין קעגנזאַץ צום „רעפלעקסירנדיקן“.

ווי אונדז שײַנט, וואָלט געווען אומבאַגרינדעט צו קעגנשטעלן די טעטיקייט און די רעפלעקסיע, זעענדיק אין דער טעטיקייט „אַבסאָליוט גוטס“, אין דער רעפלעקסיע „אַבסאָליוט שלעכטס“. די טעטיקייט מיכוץ דער מאָראַלישער רעפלעקסיע, מיכוץ די אינערלעכע מאָראַלישע אָריִענטירן אינעם געזעלשאַפטלעכן פּלאַן קאָן עפּשער אַרויסווײַזן זיך פאַר געפערלעכער, איידער די ריינע רעפלעקסיע מיכוץ דער טעטיקייט.

די רעפלעקסיע, וואָס ווערט פאַרשטאַנען ניט אינעם זין פון אַבסטראַקטער מאָראַליזירונג, נאָר ווי זיטלעכע זעלבסטאָפּשאַצונג, מאָראַלישע באַזיִיקונג פון דער לעבנס־דערפאַרונג, זיטלעכע זוכעניש, אינערלעכע באַטראַכטונגען אַרום געזעלשאַפטלעכע מאָראַל־נאָרמעס, — איז אַ נייטיקע פאָרהאַנאָכע פאַר דער סאָציִאַליסטישער אופירונג אין סאַמע ברייטן זין, אַ פעסטער יעסאָד פאַר דער מאָראַלישער זיכערהײַט פון דער פּערזענלעכקייט. ס׳איז אַ פאַקט, אַז ווען עס איז ניטאָ קיין באַדערפעניש אין מאָראַלישער רעפלעקסיע, טרעט אָפּט אַרויס איר ניהיליסטישע אָפּלייקענונג אַלס אַ באַרעכטיקונג פונעם שטייגערישן אָפּאָרטוניזם און פון דער מאָראַלישער קאַפּיטוליאַנטישקייט אין קאָמפּליצירטע לעבנס־באַדינגונגען. אויב רעפלעקסיע מיכוץ טעטיקייט פירט צו אַבסטראַקטער מאָראַליזירונג, צום אָפּגיין פון די רעאַלע לעבנס־פּראָבלעמען, ווערט די טעטיקייט מיכוץ דער מאָראַלישער רעפלעקסיע פאַרוואַנדלט אין אַן אומבאַטראַכטן אַקטיוויזם, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין מאָראַלע אָריִענטירן, אין „טעטיקער אַמעראַצעס“.

די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט איז אַן אייגנהײַט פונעם אינטעלעקט, כאַראַקטער און וועלט־אָנשויונג. דער אינטעלעקט, וואָס ווערט פאַרשטאַנען אַלס די טיפקייט און באַגרינדעטקייט פון די קענטעניש, אַלס אינערלעכע קולטור, זעלבשטענדיקייט און אָריגינעלקייט פונעם דענקען[1] (דאָס דריקט זיך אויס אין דער טיפקייט פונעם פאַרשטיין די לעבנס־ווערטן, אין דער אָריִענטאַציע אַף מי, שעפערישער טעטיקייט), — איז דאָס ניט אָפּצוטיילן פונעם כאַראַקטער פון דעם מענטשן, פון זײַן מאָראַלישקייט, פון דער פעסטקייט פון די פּרינציפּן פון זײַן וועלט־אָנשויונג.

דער כאַראַקטער און די וועלט־אָנשויונג באַשטימען דעם סטיל פונעם דענקען, דעם באַוווסטזיניקן אויסוואַל, זיי גאַראַנטירן, אַז אַלץ, וואָס עס ווערט געזאָגט, איז באַזיניקט און דורכגעטראַכט. רעאַל באַשטימען די באַזיניקונג און דורכגעטראַכטקייט קאָן בלויז די אַקטיווקייט פון די לעבנס־פּאָזיציעס. מאַרקס האָט אין דער יוגנט געשריבן: „דער, וועמען עס פאַרשאַפט מער פאַרגעניגן צו גריבלען זיך אייביק אין זיך גופע, איידער מיט די אייגענע קויכעס בויען אַ גאַנצע וועלט, זײַן דער שעפער פון אַ וועלט, — טראָגט אַף זיך די טויכעכע פונעם גײַסט, אַף אים איז אַרופגעלייגט אַ כיירעם, אָבער אין פאַרקערטן זין — ער איז פאַרטריבן פונעם בייס־האַמיקדעש און איז געבליבן אָן דעם אייביקן גײַסטיקן נאַכעס־רועך, אים קומט אויס צו אײַנשלעפערן זיך מיט ראַיוינעס וועגן זײַן פּערזענלעך גליק און כאָלעמען אין די נעכט וועגן זיך זעלבסט“[2].

אינעם צוגאַנג צו די מאָראַלישע ווערטן איז דעם מאַרקסיזם פרעמד דער סאָציִאָלאָגישער רעלאַטיוויזם, וועלכן די אידייִשע קעגנער פּרוּוון זיך צושרײַבן אים. דער סאָציִאַלער דעטערמיניזם, וואָס איז אייגנטימלעך דעם מאַרקסיזם־לעניניזם, מאַכט לאַכלוטן ניט קיין סאָף צום געוויסן, צו דער זיטלעכער אָפּשאַצונג, אַדעראַבע, ער גיט זיי די איינציק ריכטיקע וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג. די קאָמוניסטישע מאָראַל ווערט געשאַפן פון צוויי גרונט־עלעמענטן:

[1] דער אַנטיפּאָד פון אָריגינעלקייט איז — מאַכן זיך פאַר אָריגינעל. דאָ איז צום אָרט דערמאָנען, וויִאַזוי דער פילאָסאָף קאַנט האָט אונטערגעשיידט דעם אינערלעכן קעגנזאַץ פון אָט די באַגריפן. דאָס מאַכן זיך פאַר אָריגינעל האָט קאַנט דעפינירט אַלס „נאָכמאַכן ווי אַ מאַלפּע“, וואָס עס טרעפט זיך דאַן, ווען די פאָרם אַנטשפּרעכט ניט דער אידיי. אַנדערש גערעדט, „נאָכמאַכן ווי אַ מאַלפּע“ — דאָס איז מאַנירלעכקייט, איבערכאַזערונג און רעטראַנסליאַציע פון דעם, וואָס איז שוין באַוווּסט, אין פּרעטענציִעזוולגאַרע פאָרמען, ווען די אַנטוויקלונג פונעם געדאַנק און די באַוועגונג פון באַגריפן ווערן פאַרביטן מיט דער עקוויליבריסטיק פון ווערטער.

[2] ק. מאַרקס און פ. ענגעלס. פון די פריִע ווערק. מ., 1956, ז. 169.

— פון דער רעוואָליוציאָנערער מאָראַל פונעם אַרבעטער־קלאַס, וועלכע האָט אַ באַזונדערס וויכטיקע באַדײַטונג אין דער זיטלעכער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט;

— פון די פּאָשעטע געזעצן פון זיטלעכקײַט און יושער, וועלכע זײַנען פּאַרפּיקסירט דורך דער אייביק זיטלעכער דערפאַרונג פון די אַרבעטס־מאַסן אין זייער קאַמף קעגן עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג, קעגן דער אָפּיציעלער מאָראַל פון די הערשנדיקע קלאַסן. מאַרקס נאָך האָט אַרויסגעשטעלט די אויפגאַבע: „...דערשלאָגן זיך דערצו, אַז די פּאָשעטע געזעצן פון זיטלעכקײַט און יושער, באַ וועלכע פּריוואַטע פּערזאָנען דאַרפן זיך האַלטן אין זייערע קעגנזײַטיקע באַציִונגען, זאָלן ווערן די העכסטע געזעצן אויך אין די פאַרהעלטענישן צווישן פעלקער"[1].

ווי עס איז צו זען, וואַרפן די מאַרקסיסטן ניט אָפּ די זיטלעכע דערפאַרונג, וואָס איז אָנגעזאַמלט אין די עלעמענטאַרע מאָראַל־נאָרמעס, פאַרקערט, זיי אַנטפּלעקן איר סאָציאַלע באַדײַטונג. „אַ מענטש מיט לעבנס־דערפאַרונג, — האָט געשריבן לענין, — ווען ער גיט אַ קוק אָפּן אַקוראַט „גלאַטן" פּאַרצעף און אויסערלעכן אויסזען פון אַ „וואויל־געבוירענעם מע־ענטשן" וועט ער טייקעף און אָן שום טאָעס זאָגן: „לויט אַלע וואַרשײַנלעכקײַטן, אַ שווינדלער"[2]. אין 1921, ווען עס איז געגאַנגען די פּאַרטיי־רייניקונג, האָט לענין באַזונדערס באַטאָנט די באַדײַטונג פון דער סאָציאַל־זיטלעכער דערפאַרונג פון די מאַסן: „די אַרבעטנדיקע מאַסע כאַפּט אויף מיט דער גרעסטער פילבאַרקײַט די פאַרשיידנקײַט צווישן ערלעכע און איבערגעגעבענע קאָמוניסטן און אַזעלכע, וואָס רופן אַרויס אַ ווידערגעפיל באַ אַ מענטשן, וועלכער האָרעוועט מיטן ביטערן שווייס, קעדיי פאַרדינען אַפּן שטיקל ברויט, האָט ניט קיינע פּריווילעגיעס, קיינע „וועגן צו דער נאַטשאַלסטווע"[3].

די געוויינלעכע נאָרמעס פון זיטלעכקײַט — ערלעכקײַט, כאַווערישקײַט, געפיל פון פּערזענלעכער ווירדע, געוויסנהאַפטיקײַט, לײַטישקײַט — זײַנען אומיטלבאַר פאַרבונדן מיט דער אויספאָרמירונג פון די מער קאָמפּליצירטע סאָציאַלע נאָרמעס פון זיטלעכקײַט, בילדנדיק זייער פונדאַמענט. אָן די איבעריקע זיטלעכע יעסוידעס קאָן אַפילע קיין רייד ניט זײַן וועגן דער אידייִשער קוואַליטעט פונעם מענטשן. אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין זיטלעכע פּרינציפּן אין די טאָגטעגלעכע קעגנזײַטיקע באַציִונגען מיט אַנדערע מענטשן, און ער דעקט צו די מאָראַלישע נידעריקײַט פון זײַנע האַנדלונגען מיט אַ הויכקלינגענדיקער פראַזעאָלאָגיע, — דאָס איז דער שטשעדרינישער פּערסאָנאַזש „אָן אויסוווּרף אַף אַ ריכטיקן וועג". אָט דאָס האָט מיט דער גאַנצער פּרינציפּיעלער שאַרפקײַט און באַשטימטקײַט באַטאָנט לענין, ווען ער האָט געשריבן: „...די קאַריעריסטן האָבן ניט קיין אידייען, זיי ווייסן ניט פון קיין שום ערלעכקײַט"[4]. מיט סאַרקאַזם האָט ער גערעדט וועגן דעם, אַז „ענדערן די אייגענע אָנשויוּנגען ניט בלויז אין 24 שאָ, נאָר כאָטש אַפילע אין 24 כאַדאָשים.... קאָנען בלויז מענטשן, וועלכע האָבן ניט קיין טראַדיציאָנעלע לעבנס־נאָרמעס"[5].

קיין איין עלעמענט פון דער מאָראַל עקזיסטירט ניט איזאָלירט, אַלע זײַנען זיי אײַנגעשלאָסן אין דער אַלגעמיינער סיסטעם. די עלעמענטאַרע פּרינציפּן פונעם צוזאַמענלעבן און די פּאָשעטע זיטלעכקײַט־נאָרמעס, וועלכע פאַרמאָגן אַן אַלמענטשלעכן כאַראַקטער, זײַנען ניט איזאָלירט פון די קלאַסן־פאַרהעלטענישן, פונעם קלאַסן־קערן פון דער אָדער אַנדערער מאָראַל־סיסטעם. מאַרקס, ווען ער האָט באַוויזן די דאָזיקע אָפּהענגיקײַט, האָט ער אָפּגעמערקט, אַז דאָס געוויסן באַם רעפּובליקאַנער שיידט זיך אונטער פונעם געוויסן באַם ראָיאַליסט; עס איז אַן אַנדער געוויסן באַ אַ מענטשן אַ פאַרמעגלעכן און באַ אַ ניט־פאַרמעגלעכן, באַ אַ דענקענדיקן און אַ ניט־דענקענדיקן[6]. לענין האָט באַטאָנט די קלאַסן־דיאַלעקטיק און די אַלמענטשלעכע דיאַלעקטיק, ווען ער האָט אָנגעוויזן, אַז די קאָמוניסטישע מאָראַל דינט דעם קאַמף פאַר פאַרפעסטיקן און פאַרענדיקן בויען דעם קאָמוניזם, זי דינט דער אויפגאַבע, אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט זאָל זיך אויפהייבן העכער.

---

[1] ק. מאַרקס און פ. ענגעלס. ווערק, ב. 16, ז. 11.
[2] וו. אי. לענין. פולע זאַמלונג פון די ווערק, ב. 39, ז. 23.
[3] וו. אי. לענין. דאָרט, ב. 44, ז. 123.
[4] וו. אי. לענין. דאָרט, ב. 38, ז. 199.
[5] וו. אי. לענין. דאָרט, ב. 5, ז. 6.
[6] ק. מאַרקס און פ. ענגעלס. ווערק, ב. 6, ז. 140.

די קעגנזײַטיקע פאַרהעלטעניש צווישן דער אַלמענטשלעכער מאָראַל און דער קלאַסן־מאָראַל איז ניט סטאַטיש. די קאָמוניסטישע מאָראַל, אין קעגנזאַץ צו דער בורזשואַזער — ניט בלויז, וואָס זי שליסט אײַן אָרגאַניש די געוויינלעכע זיטלעכקײַט־נאָרמעס אין דער סיסטעם פון אירע פרינציפן, באַרײַכערנדיק און אַנטוויקלענדיק זיי, נאָר זי שטעלט זיך אויך אַלס ציל צו פאַרוואַנדלען זיי אין פעסטע לעבנס־קלאָלים פאַר אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. „אונדזער קאָמוניסטישע מאָראַל, — האָט באַטאָנט ל. אי. ברעזשנעוו אפן XVII צוזאַמענפאָר פון קאָמיוג, — יאַרשנט מיט רעכט און אַנטוויקלט ווײַטער די הומאַניסטישע זיטלעכקײַט־נאָרמעס, וועלכע די מענטשהײַט האָט אויסגעאַרבעט. ליבע, ערלעכקײַט, באַשיידנקײַט, דאָס געפיל פון אייגענער ווירדע, כאַווערישקײַט, קעגנזײַטיקע אַכטונג — דאָס אַלץ זײַנען די אָרגאַנישע שטריכן פונעם מאָראַלישן אָנבליק פון דעם סאָוועטישן מענטשן"[1].

דער זין פון דער זיטלעכער דערציִונג באַשטייט דערין, ווי עס האָט באַטאָנט דער XXV צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אַז דאָס קענען די פּאָליטיק, די טעאָרעטישע פרינציפן זאָל זײַן אַן אַקטיווע קענטעניש, דה״, זי זאָל פאַרקערפּערט ווערן אין פּראַקטישע מײַסים. „דער אײַנרײַס צווישן וואָרט און טאַט, אין וואָס פאַר אַ פאָרם דאָס זאָל זיך ניט אויסדריקן, ברענגט שאָדן אויך דער ווירטשאַפטלעכער בויונג, נאָר באַזונדערס — דער זיטלעכער דערציִונג"[2].

די עקאָנאָמישע איבערגעשטאַלטונגען, די פאַרטיפערונג פון דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע, דער הײַנטיקער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער פּראָגרעס שטעלן אַרויס הויכע פאָדערונגען צו דער באַוווסטזיניקײַט, אָרגאַניזירטקײַט און פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פון די מענטשן. „אָן דיסציפּלין, — האָט באַטאָנט דער XXV צוזאַמענפאָר, — אָן אַ פעסטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג קאָן ניט זײַן קיין שום דעמאָקראַטיע. גראָד דער פאַראַנטוואָרטלעכער צוגאַנג פון יעדן בירגער צו זײַנע פליכטן, צו די פאָלקס־אינטערעסן שאַפט די איינציק זיכערע באַזע פאַר דער פולסטער פאַרקערפּערונג פון די פרינציפן פון סאָציאַליסטישן דעמאָקראַטיזם, פון דער עמעסער פרײַהײַט פון דער פּערזענלעכקײַט"[3].

די דערציִונג פון דער געזעלשאַפטלעכער דיסציפּלין, דאָס אָפּהיטן מיצאַד אַלע בירגער זייערע פליכטן בענעגייע דער געזעלשאַפט זײַנען ניט אָפּצוטיילן פון די ווײַטערדיקע פאַרפולקומונגען פון דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע. „...די מעלוכע, — האָט געשריבן לענין, — איז שטאַרק מיט דער באַוווסטזיניקײַט פון די מאַסן. זי איז שטאַרק, ווען די מאַסן ווייסן אַלץ, קאָנען וועגן אַלץ אורטיילן און גייען אײַן אַף אַלץ באַוווסטזיניק"[4]. אין דער דאָזיקער פאָרמול איז, אין טאָך גענומען, געגעבן אַ פרינציפּיִעל נײַער אויפן פון פאַרשטיין די קוואַלן פון דער קראַפט און מעכטיקײַט פון דער מעלוכע.

אין דער גאַנצער געשיכטע פונעם פּאָליטישן געדאַנק איז ניט געווען אַזאַ שטעלונג פון דער פראַגע, ווי די, וועלכע לענין האָט געגעבן, שטיצנדיק זיך אַף דער לעבעדיקער פּראַקטיק פון דער ערשטער אין דער וועלט סאָציאַליסטישער מעלוכע פון אַרבעטער און פויערים. די מעלוכע איז שטאַרק דערמיט, וואָס די מאַסן ווייסן וועגן אַלץ און גייען אײַן אַף אַלץ באַוווסטזיניק, — אַזאַ איז דער קאַרדינאַלער לענינישער אויספיר, וואָס האָט פאַרבונדן צוזאַמען די פּראָבלעם פון דער סאָציאַליסטישער מעלוכישקײַט און די רעאַלע דעמאָקראַטיע, די רעכט און די פליכטן פונעם מענטשן, די קאָמוניסטישע דערציִונג און די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אַקטיוויקײַט, די אַרבעטס־אַקטיוויקײַט פון די מאַסן, זייער אומיטלבאַרער אָנטייל אינעם פאַרוואַלטן מיט די מעלוכישע, געזעלשאַפטלעכע און פּראָדוקטירישע איניאָנים. אָט דער לענינישער פרינציפּ איז קאָנסעקווענט דורכגעפירט אין דער נײַער קאָנסטיטוציע פון פססר, וואָס איר טאָך באַשטייט אינעם פאַרברייטערן און פאַרטיפערן דעם סאָציאַליסטישן דעמאָקראַטיזם פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט.

דער פאַרנעם און די אויפגאַבן פון דער מאָראַלישער דערציִונג וואַקסן אויס אויך אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס אינעם באַוווסטזיניקן לעבן טרעטן אַרײַן אַלץ נײַע דוירעס פון דער

---

[1] ל. אי. ברעזשנעוו. די פראַגן וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער פּאָליטישער סיסטעם פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, ז. 300.

[2] מאַטעריִאַלן פונעם XXV צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, ז. 77 — 78.

[3] דאָרט, ז. 85.

[4] וו. אי. לענין. פולע זאַמלונג פון די ווערק, ב. 35, ז. 21.

יוגנט, ווען מען עס שטייט פאַר צו לערנען זיך קאָמוניזם אין נײַע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, וואָס שיידן זיך אונטער פון יענע באַדינגונגען, וועלכע זײַנען געווען אין דער פאַרגאַנגענהײַט. דער יוגנט שטייט פאַר צו באַהערשן די רײַכסטע דערפאַרונג פון די עלטערע דוירעס, באַקומען, ווי לענין האָט געזאָגט, „הויכע באַוווסטזיניקײַט, פעסטקײַט פונעם כאַראַקטער, א קלאָרן בליק אויפן ברײַטן פּאָליטישן ארום...״[1]. די אַקטועלסטע פּראָבלעמען פון דערציִונג, בילדונג, אַרבעט און לעבן פון דער יוגנט אין די הײַנטיקע באַדינגונגען ווערט געשענקט א קאָלאָסאַלע אויפמערקזאַמקײַט אין די מאַטעריאַלן פון XXIII, XXIV, XXV צוזאַמענפאָרן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אין די אַרויסטרעטונגען און רעדעס פון ל. אי. ברעזשנעוו פאַר די קאָמיוגיסטן און דער יוגנט, אין אַנדערע פּאַרטיי־דאָקומענטן.

אויף אַן אָפּטימאַלן אויפן זײַנען דעפינירט די געהעריקע הײַנטצײַטיקע באַדינגונגען און אויפגאַבן, די קאָנקרעטע פאָרמען און וועגן פון באַהעפטן די יוגנטלעכע צו דער אַלפאָלקישער אַרבעט, צו די סאָציאַליסטישע טראַדיציעס פון אונדזער געזעלשאַפט, צום טיפן דערלערנען די רעוואָליוציאָנערע טעאָריע און פּראַקטיק פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם. דערמיט גופא ווערט געלייזט די וויכטיקסטע אידייִש־פּאָליטישע אויפגאַבע, וועלכע איז פאַרבונדן דערמיט, וואָס יעדער דאָר טרעט צו צו דער באַוווסטזיניקער אַרבעט אין געענדערטע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען. און די דאָזיקע באַדינגונגען זײַנען ניט סטאַטיש, נאָר דינאַמיש, זיי שיידן זיך אונטער פון יענע, וועלכע זײַנען געווען מיט 10, 20, 30 יאָר צוריק. לענין האָט שטענדיק געווענדט די אויפמערקזאַמקײַט אויף דעם, אַז די פאָרמען און מעטאָדן פון דערציִען דעם יונגן דאָר דאַרפן אַנטשפּרעכן די אָביעקטיווע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען און באַדערפענישן. „אונדז, אונדזער דאָר, — האָט ער געשריבן, — איז שווערער איידער אונדזערע טאַטעס. אָבער אין איין פּראַט זײַנען מיר א סך גליקלעכער פון די טאַטעס. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט און לערנען זיך שנעל אויס צו קעמפן — און קעמפן ניט בעיעכידעס, ווי עס האָבן געקעמפט די בעסטע פון די טאַטעס, ניט לעשעם אונדז פרעמדע לאָזונגען פון די בורזשואַזע גלאַטע צינגלעך, נאָר לעשעם די אייגענע לאָזונגען, די לאָזונגען פונעם אייגענעם קלאַס, מיר קעמפן בעסער, און זיי וועלן זיגן״[2].

די לענינישע אויפגאַבע — „ערשטנס — לערנען זיך, צווייטנס — לערנען זיך און דריטנס — לערנען זיך״[3] — טראָגט פאַר דער יוגנט א פּראָגראַם־כאַראַקטער, וועלכער ווערט רעאַליזירט אין קאָנקרעטע ספּעציפישע פאָרמען אויף יעדן עטאַפּ פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. דעם יונגן דאָר שטייט פאַר קודעמקאָל צו באַהערשן די פאָריקע סאָציאַלע דערפאַרונג. „...די יונגע אַרבעטער, — האָט לענין אָנגעוויזן, — איז נייטיק די דערפאַרונג פון די אַלטע קעמפער קעגן אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, פון די קעמפער, וועלכע האָבן דורכגעפירט א סך שטרײַקן, אָנטיילגענומען אין א ריי רעוואָליוציעס, זײַנען באַרײַכערטע מיט טיפזיניקע רעוואָליוציאָנערע טראַדיציעס און מיט ברייטער פּאָליטישער וועלט־אָנשויונג״[4].

אין די רעוואָליוציאָנערע טראַדיציעס, אין די טראַדיציעס פונעם סאָציאַליזם איז אַקומולירט א פּרינציפּיִעל נײַע סאָציאַלע דערפאַרונג, און באַהערשן זי איז אַן אויפגאַבע, וואָס טראָגט א שעפערישן כאַראַקטער. די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג דאַרף אויסגענוצט ווערן אין די נײַע היסטאָרישע באַדינגונגען, און ווען עס גייט א רייד וועגן באַהערשן די טראַדיציעס, שטייט פּראַקטיש קודעמקאָל די פראַגע וועגן דעם אינהאַלט פון דער דערפאַרונג, ניט וועגן אירע אויסערלעכע פאָרמען, וועגן דעם, וויאַזוי אויסנוצן זי אין די נײַע, געענדערטע געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן. עס איז אוממעגלעך צו עקסטראַפּאָלירן מעכאַניש די טראַדיציע אויף א נײַער קאָנקרעטער סיטואַציע. די טראַדיציע לעבט, אויב זי ווערט באַרײַכערט און אַנטוויקלט אויפן סמך פון לייזן נײַע אויפגאַבן. און דאָס עצעם לייזן די נײַע אויפגאַבן קאָן ניט פאָרקומען לויט אַן אַנאַלאָגיע, עס מוז וויסנשאַפטלעך באַזיניקט ווערן סײַ די נײַע סיטואַציע, סײַ די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג.

צומאָל קאָן מען זיך אָנטרעפן מיט אַזאַ מין צווייפלען: „צי איז די הײַנטיקע יוגנט א גוטע אָדער א שלעכטע?״ — און עס גייט אַוועק א לעבהאַפטיקע פּאָלעמיק. דוכט זיך, אַז די עצעם שטעלונג פון דער פראַגע אין אַזאַ פאָרם איז פון שטאַנדפּונקט פונעם וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג ווייניק באַגרינדעט, און פּראַקטיש גיט זי נאָך ווייניקער. זי לײַדט אויף אַבסטראַקטער מאָראַליזירונג, זי איגנאָרירט די קאָנקרעטע באַדינגונגען — די סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, וויסנשאַפטלעך־טעכנישע און קולטור־שטייגערישע, אין וועלכע יעדער דאָר טרעט אַרײַן אינעם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן, אינעם אַרבעטס־לעבן.

[1] דאָרט, ב. 40, ז. 15.
[2] וו. אי. לענין. דאָרט, ב. 23, ז. 256.
[3] וו. אי. לענין. דאָרט, ב. 45, ז. 391.
[4] וו. אי. לענין. דאָרט, ב. 14, ז. 226.

יעדער דאָר טרעפט א באַשטימטע סומע פּראָדוציר־קרעפטן, א באַשטימטן אַנטוויקלונגס־ניוואָ פון דער וויסנשאַפט און טעכניק, פון דער קולטור, פון די טראַדיציעס, דערפאַרונג, געוווינהייטן אדג., א קאָנקרעטע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע אַטמאָספער, וועלכע ער זאַפּט אין זיך איַין, און וועלכער ער פאָרמירט זיך. דעם יונגן דאָר שטייט פאָר קוידעמקאָל צו באַהערשן יענע סומע געזעלשאַפטלעכע רײַכטימער, וועלכע זײַנען אָנגעזאַמלט, אים שטייט פאָר סאָציִאַל צו אַדאַפּטירן זיך. אינעם לייזן די דאָזיקע אויפגאַבן שפּילט אַן אַקטיווע ראָליע די אידייִש־פּאָליטישע בילדונג פון דער יוגנט. אָן די אַנדערע טעאָרעטישע קענטעניש זײַנען אוממעגלעך סײַ א באַזיניקטע באַציִונג צום לעבן און זײַנע ווערטן, סײַ די קענטשאַפט ריכטיק צו פאַנאַנדערקלײַבן זיך אין דער קאָמפּליצירטער און ווידערשפּרעכלעכער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן, סײַ אויסאַרבעטן פעסטע פּרינציפּן פון דער וועלט־אָנשויונג.

מיטן פאַרוואַנדלען דעם סאָציִאַליזם פון אַן אוטאָפּיע אין א שטרענגער וויסנשאַפטלעכער טעאָריע איז אַף א נײַעם אופן געשטעלט געוואָרן די פראַגע אויך וועגן דערלערנען אים. מע דאַרף באַמערקן, אַז דער כאַראַקטער פון דער אידעאָלאָגיע באַשטימט דעם אופן פון דערלערנען און באַהערשן זי. דעם וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט פון דער סאָציִאַליסטישער אידעאָלאָגיע קאָן מען באַהערשן בלויז דאַן, ווען די עצם־טעאָריע דערשײַנט ניט אין דער פאָרם פון א פּאַרטיקער „קענטעניש“, נאָר אַלס א לערע, וואָס אַנטוויקלט זיך שעפעריש, אַלס א טעאָריע און א מעטאָדאָלאָגיע, וואָס איז פייִק צו שטעלן און לייזן די אויפגאַבן פונעם הײַנטיקן און אויך פון דעם מאָרגנדיקן טאָג.

מאַרקס האָט אויסגעלאַכט די דאָגמאַטישע אויפפאַסונגען פון דער וויסנשאַפט. „וואָס וועט מיר געבן א סוביעקט, וואָס קען די גאַנצע מאַטעמאַטישע ליטעראַטור, נאָר ער פאַרשטייט ניט קיין מאַטעמאַטיק?.. זײַן וועזנטלעכע אייגנשאַפט איז דאָס, וואָס ער פאַרשטייט ניט די עצם פּראָגן און דעריבער באַשטייט אין טאָך זײַן עקלעקטיזם בלויז אין אָנשלעפּן פון אומעטום שוין פאַרטיקע ענטפערס“[1].

עס איז, הייסט עס, ווייניק צו קענען די מאַטעמאַטישע ליטעראַטור, מע דאַרף נאָך פאַרשטיין מאַטעמאַטיק, דה. דעם שעפערישן גײַסט פון דער עצם וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש. דאָס איז ניט אין קיין קלענערער מאָס שײַעך צו דער סאָציִאַלער קענטעניש. מע קאָן ניט מאַסקים זײַן מיטן פּובליציסט ע. וו. איליענקאָוו, וועלכער האָט געשריבן: „אָפט קאָן מען טרעפן אַזאַ מענטש, וואָס איז צוגעוווינט צו אַרבעטן לויטן שטאַמפּ, לויט א פאַרטיקן רעצעפּט פון א „טיפּאָלאָגישער לייזונג“, און ער פאַרלירט זיך אין יענע פאַלן, ווען מע פאָדערט פון אים געבן א זעלבשטענדיקע (שעפערישע) לייזונג, דערפאַר האָט ער אויך „ניט ליב“ קיין ווידערשפּרוכן. ער באַמיט זיך אויסמײַדן זיי, פאַרשמירן, אומקערן זיך צוריק צו די אויסגעטראָטענע, רוטינע סטעזשקעס. און ווען כאַס־וועכאָלילע די ווידערשפּרוכן באַווײַזן זיך נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, פאַלט אַזאַ מענטש אַרײַן אין א היסטעריק גראָד דאָרט, וווּ מע דאַרף דענקען“[2].

ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן אויבן, שטייט פאַר דער יוגנט די אויפגאַבע צו באַהערשן באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע נאָרמעס און באַהעפטן זיך צו א באַשטימטן סאָציִאַלן טיפּ לעבנס־טעטיקייט, צו א באַשטימטן לעבנס־אופן. עס איז גוט באַוווּסט דאָס אַלטע שפּריכוואָרט: „וועגן גוסטן שטרײַט מען ניט“. אָבער די גוסטן, ווי ווײַט אינדיווידועל זיי זאָלן ניט זײַן, טראָגן אַף זיך שטענדיק א געזעלשאַפטלעכן כויסעם. לעבן אין א געזעלשאַפט און זײַן פרײַ פון די געזעלשאַפטלעכע נאָרמעס איז אוממעגלעך. עס איז ניט צופעליק, וואָס די אימפּעריִאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע באַמיט זיך מיט אַזויפיל אַקשאָנעס אָנצובינדן דער יוגנט פון די סאָציִאַליסטישע לענדער די „גוסטן“, וועלכע הערשן אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, אירע אַנטיהומאַנישע זיטן, אַרויסשטעלנדיק זיי אַלס א מאָדערנעם אויפירונג־סטיל פונעם יונגן דאָר.

אייניקע פּובליציסטן, וועלכע באַהויפּטן ריכטיק, אַז עס ברענגט ניט קיין עפעקט די אַדמיניסטראַטיווע אַרײַנמישונג אין דער ספער פון פאָרמירן די גוסטן, לאָזן אָבער אַרויס פון אויג א צווייטן אומשטאַנד, אַז די גוסטן ווערן אויסגעאַרבעט און זײַנען אין פיל היניזיכטן אָפּהענגיק פון דער דערציִונג. אָפּזאָגן זיך פון אַדמיניסטראַטיווע מאָסמיטלען באַטײַט ניט, אַז די געזעלשאַפט מעג זײַן נייטראַל, ניט אָנטיילנעמען אינעם פאָרמירן די גוסטן פון די אונטערוואַקסנדיקע דורות. דעריבער איז זייער וויכטיק, אַז די זיטלעכע פאָרמירונג פון דער

---

[1] ק. מאַרקס און פ. ענגעלס. ווערק, ב. 30, ז. 518.

[2] ע. וו. איליענקאָוו. וועגן אידעאַלן און אידעאַלן. מ., 1968, ז. 168.

פערזענלעכקײט זאָל זיך אָנהײבן וואָס פריִער, קעדײ דער מענטש זאָל פון די פריִע יאָרן דערצויגן ווערן אינעם גײַסט פון אכטונג צו ארבעט און צו אנדערע מענטשן, אין גײַסט פון כאַווערישקײַט, ערלעכקײַט און לײַטישקײַט, פון פאַרשטײן, אַז אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט זײַנען ניטאָ קײן רעכט אָן פליכטן.

די פראַגן וועגן אידײיִש פאַראַרטעוועון דעם יונגן דאָר ווערן געלײזט אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין באַדינגונגען פון אַ שאַרפן אידעאָלאָגישן קאַמף אַף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע. די יוגנט־פּראָבלעמען זײַנען ניט צופעליק געוואָרן אַן אָביעקט פון ספּעקוליאַציעס פון די בורזשואַזע אידעאָלאָגן, און די יוגנט גופא — אַן אָביעקט פון מאַסנווײַזער אופווירקונג פון אַלע עשעלאָנען פון דער בורזשואַזער פּראָפּאַגאַנדע.

די פאַרשאַרפונג פון די ווידערשפּרוכן פונעם הײַנטיקן קאַפּיטאַליזם, די פאַנאַנדערוויקלונג פון דער מאָדערנער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע אין אַן אַטמאָספער פון עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אופטרייסלונגען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט — דאָס אַלץ האָט געשטעלט פאַר דעם יונגן דאָר די פּראָבלעם פון סאָציאַלן אָפּקלײַב, די פּראָבלעם פון באַשטימען זײַן פּאָזיציע און די אופירונג־ליניע אין די קאַרדינאַלסטע פּראָבלעמען: מילכאָמע און שאָלעם, סאָציאַלער פּראָגרעס, ווי־אַזוי אויסנוצן די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט און טעכניק, אווּלכע זײַנען די געזעלשאַפטלעכע פונקציעס פון קונסט און ליטעראַטור, וואָס איז דער זין פון מענטשנס לעבן, פון זײַן ארבעט און טעטיקײַט, ווי־אַזוי אָפּשאַצן די ווערטן פון מאָראַל און קולטור.

די דאָזיקע פּראָבלעמען זײַנען ניט בלויז „יוגנטלעכע". אָרום זײ גײט דער אידעאָלאָגישער קאַמף, ווו יעדער קלאַס איז פאַרינטערעסירט, אַז דער יונגער דאָר זאָל שטײן אַף זײַן זײַט. די יוגנט שטעלט מיט זיך, נאַטירלעך, ניט פּאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז סאָציאַל אײנאַרטיק, ווי ס'באַמיִען זיך מיט אַלע קויכעס פאַרצושטעלן עס די בורזשואַזע און די רעוויזיאָניסטישע אידעאָלאָגן. אין איר סאָציאַלער דיפערענציאַציע כאַזערט איבער די יוגנט אין גרונט די קלאַסן־סטרוקטור פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אירע ווידערשפּרוכן.

ניט צופעליק קומען פאָר אין דער הײַנטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט די שאַרפסטע קאָליזיעס צווישן די דורות. די בורזשואַזע אידעאָלאָגן, זײַענדיק געצוווּנגען צו אָנערקענען די רעאַליטעט פון די דאָזיקע קאָליזיעס, שטרעבן, ערשטנס, אָפּצופירן די עפנטלעכע מײנונג אַף זײַטיקע דערשײַנונגען, אַרויסשטעלנדיק אין פאָדערגרונט די קאָלערלײ „סקאַנדאַליעזע" פּראָטעסט־פאָרמען פון אַ טײל יוגנט קעגן דעם בורזשואַזן לעבנס־אופן; צווייטנס, מײַדן זײ זאָרגזאַם אויס די סאָציאַלע סיבעס פונעם קאָנפליקט צווישן די דורות אין די באַדינגונגען פונעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, סטאַרענדיק זיך צו דערקלערן אַלץ מיט דעמאָגראַפישע, פּסיכאָלאָגישע און ביאָלאָגישע פאַקטאָרן, גענומענע אָן שום שײַכעס מיט די סאָציאַלע באַדינגונגען.

דאָס באַשטימען, וועלכע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס עס זאָלן פאַרנעמען פאַרשײדענע שיכטן פון דער יוגנט, איז אין אַן אַנטשײדענער מאָס אָפּהענגיק פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער לאַגע. דאָס קומט אָבער פּאָר ניט אויטאָמאַטיש. אַ סאַך איז דאָ אָפּהענגיק פונעם ניוואָ פון באַזיניקן די אײגענע לאַגע, פונעם אידעאָלאָגישן אײַנפלוס פון די אָדער אַנדערע קלאַסן. דערצו דאַרף מען נעמען אין אַכט די געוויסע פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע אומדערפאַרנקײַט פון דער יוגנט, די אָפּוועזנהײַט פון דער נײטיקער קלאַסן־ און לעבנס־דערפאַרונג.

וואָס אָנבאַלאַנגט די עפּאַטירנדיקע (איבעראַשנדיקע, סקאַנדאַליעזע) אופירונג־פאָרמען, שטעלן זײ מיט זיך פאָר אײנע פון די פאָרמען פונעם אונטערגאַנג פון דעם בורזשואַזן לעבנס־אופן, אײנעם פון די פּראָדוקטן פון זײַן צעפוילונג. דאָס איז ניט קײן נײַס אין דער געשיכטע. מאַרקס האָט באַמערקט, „אַז דער פּראָטעסט קעגן דער אונטערגײענדיקער געזעלשאַפטלעכער סיסטעם קאָן אָננעמען די פאָרם פון צעלאָזענער פּריוואַליטעט (לײַכטזיניקײַט). די טרעגער פון אַזאַ פּראָטעסט פאַרשטײען און לאַכן אויס די עקזיסטירנדיקע פּוסטע אידײיִנלאָזיקײַט, אָבער בלויז צוליב דעם, קעדײ נאָכן אַראָפּוואַרפן פון זיך אַלע פּאַרינציפּטיקע און זיטלעכע נאָרמעס, פּאַרווײַלן זיך מיטן בילד פון צעפוילונג און צעפּאַלונג, און, געפינענדיק זיך אונטער דער מאַכט פון דער אַלגעמײנער צעפוילונג, גײן אַנטקעגן דעם אײגענעם אומקום"[1].

אָט די באַמערקונג פון מאַרקסן העלפט אונדז זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין ענלעכע דערשײַנונגען, וועלכע האָבן אין די לעצטע יאָרצענדליקער באַקומען אַ ברײטע פאַרשפּרייטונג אינעם

[1] ק. מאַרקס און פ. ענגעלס. ווערק, ב. 1, ז. 88.

לעבן פון דער בורזשואזער געזעלשאַפט. קוידעמקאָל דאַרף מען באַטאָנען, אַז אַזעלכע „פּראָטעסט"־פאָרמען פאַרמאָגן ניט אין זיך קיין רעוואָליוציאָנערישקייט; זיי זײַנען קליינבירגערלעך סײַ לויטן טאָך, סײַ לויט דער פאָרם. אויב ריידן װעגן דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן „פּראָטעסט", איז דאָס אַ טיפּיש קליינבירגערלעכע רעאַקציע, וואָס טרעט מיט די פּיס ניט אַזוי די בורזשואַזע פּראָגרעס, ווי פֿאַל די עלעמענטאַרע נאָרמעס פון זיטלעכן און מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. ניט צופעליק ווערט אַזאַ אויפֿירונג קולטיווירט און אונטערגעהאַלטן מיט אַלע מיטלען דורך דער בורזשואַזער פּראָפּאַגאַנדע. כאָטש דעם, איז עס געוואָרן איינער פון די צוגאָבלעכע האַכנאָסע־קוואַלן פון אַ סאַך פירמעס, וועלכע סטימולירן און צעצינדן די צעלאָזנקייט, ציניזם, עקספּלואַטירן זי, קעדיי באַקומען העכערע רעוואָכים פון דער הײַנטיקער „פּאַרווײַלונג־אינדוסטריע".

עס האַנדלט זיך אָבער ניט בלויז אין דער קאָמערציעלער זײַט פון דער זאַך. דער הערשנדיקער קלאַס פאַרמאָגט ניט ווייניק ערנסטע מאָטיוון: סאָציאַלע און פּאָליטישע. די מאָנאָפּאָליסטישע בורזשואַזיע מיט איר רײַכער קלאַסן־דערפאַרונג, מיט איר קענען לאַווירן, פאַרשטייט גוט, אַז אַזעלכע פּראָטעסט־פאָרמען באַרירן ניט קיין שום יעסוידעס פון איר הערשאַפט, אַדערבע, זיי לוינען איר, ווײַל זיי דערלויבן אָפּצוציִען פון די רעאַלע פּראָבלעמען אַ טייל יוגנט, אַ טייל פון דער עפנטלעכער מיינונג. אויסנוצנדיק די עפנטלעכע מיינונג קעגן אַזעלכע עפּאַטירנדיקע אויפֿירונג־פאָרמעס, שטרעבט זי גלייכצײַטיק מאַכן אַ פּרוּוו צו דיסקרעדיטירן די בעעמעס רעוואָליוציאָנערע מאָראַל און אידייען.

די געשיכטע האָט געגעבן איבערצײַגנדיק באַוויזן, אַז די יוגנט־גרופּעס, וואָס האָבן ניט קיין סאָציאַלע אָריענטאַציע, ווערן אַ לײַכטע פאַנג פאַר די קאָלערליי פּסעוודאָרעוואָליוציאָנערע און פאַשיסטישע שטרעמונגען, וועלכע ווילן אויסנוצן אין זייערע צילן דעם אידייִש און מאָראַליש דעזאָריענטירטן טייל פון דער יוגנט. מע דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז אונטערן פלאַג פון איינפירן אָרדענונג, אויסבעסערן די זיטן, פאַרגרעסערט די מאָנאָפּאָליסטישע בורזשואַזיע אירע שטראָף־קרעפטן, קעדיי באַפאַלן די בעעמעס רעוואָליוציאָנערע און פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, אויסשליסן דעם יונגן דור פונעם אַקטיוון אָנטייל אינעם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן.

די אידעאָלאָגישע טעטיקייט אין די באַדינגונגען פונעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם טיילט זיך אויס מיטן וואַקסנדיקן פאַרנעם פון די קולטור־דערציִערישע אויפגאַבן. עס האַנדלט זיך וועגן אויסנוצן מאַקסימאַל יענע מעגלעכקייטן, וועלכע זײַנען, אַדאַנק דער קענטעניש און קולטור, אַ קוואַל, וואָס פאַרגיכערט די פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג אין אַלע ספערן פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

לענין האָט איינגעזען אין די קענטענישן די העכסטע מענטשלעכע ווירדע. ער האָט אָבער גערופן צו לערנען זיך ניט פאַשעט צוליב דעם, קעדיי אָנזאַמלען קענטענישן. „לערנען זיך אַרבעטן", „לערנען זיך פאַרוואַלטן", „לערנען זיך דעם קאָמוניזם" — אַזוי האָט לענין פאָרמולירט די אויפגאַבע, פאַרבינדנדיק די בילדונג, דאָס באַהערשן די קענטענישן און די קולטור מיטן לייזן די קאָנקרעטע פראַגן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. דאָרט, ווו עס פאַררייניקן זיך אָרגאַניש די קולטור פון דענקען און פון אַרבעט, די קולטור פון פאַרוואַלטן און די קולטור פון מענטשלעכע קעגנזײַטיקע באַציִונגען, דאָרט איז געזיכערט דער פּאָרויסגאַנג פונעם מענטשלעכן פּראָגרעס.

אי. מינץ,
אקאַדעמיקער

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און מענטשן־רעכט

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט פֿאַרווירקלעכט די טרוימען און האָפֿענונגען פֿון אַלע אַרבעטסלײַט, זי האָט געשאַפֿן אַ נײַע געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג — דעם סאָציאַליזם. די רעוואָליוציע האָט צום ערשטן מאָל אין דער וועלט־געשיכטע זיך אָפּגעזאָגט פֿון בײַטן איין עקספּלואַטאַציע־פֿאָרם אויף אַ צווייטער, זי האָט ליקווידירט אַלע עקספּלואַטאַציע־פֿאָרמען, דאָס פֿאָלק איז געוואָרן דער פֿולער בעל־הבית פֿון די נאַטור־רײַכטימער און פֿון אַלץ, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן דורך זײַן מי.

זינט דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אַנטפּלעקט אַלס אַ זעלבשטענדיקער, אָרגאַניזירטער קלאַס, האָט ער די האָפֿענונג פֿון אַלע עקספּלואַטירטע, וואָס איז אויסגעדריקט אין דער פֿאָדערונג פֿון רעכט אויף אַרבעט, דערקלערט אַלס גרונט־באַדינג פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג: „לעבן אַרבעטנדיק אָדער שטאַרבן קעמפֿנדיק".

בלויז די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, וואָס האָט פּראָקלאַמירט די מאַכט פֿונעם פּראָלעטאַריאַט אין בונד מיטן האָרעפּאַשנעם פּויערטום, איז אַנטשיידן צוגעטראָטן צום רעאַליזירן די דורעסדיקע פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטנדיקע. די סאָוועטנמאַכט האָט אויך צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהײַט פּראָקלאַמירט אַלס אַ געזעץ די פֿאָדערונג פֿון די אַרבעטנדיקע וועגן אַן 8־שעהיקן אַרבעטסטאָג.

דאָס איז אָבער געווען בלויז דער ערשטער טראָט אויפֿן וועג צו רעאַליזירן די רעכט אויף אַרבעט. די סאָוועטנמאַכט האָט מיט איר גאַנצער פּאָליטיק — קודם־כּל מיטן דערפֿאָלגרײַכן פֿאַרווירקלעכן דעם לענינישן פּלאַן פֿון אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע פֿונעם לאַנד און מיט דער קולטור־רעוואָליוציע, אונטערגעפֿירט אונטער דעם דאָזיקן רעכט אַ זיכערע מאַטעריעלע באַזע. צום אָנהייב פֿון די 30־ער יאָרן איז בײַ אונדז אין לאַנד פֿולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן די אַרבעטסלאָזיקײַט, אָט די אומפֿאַרמײַדלעכע באַגלייטערין פֿונעם קאַפּיטאַליזם.

דער פֿולער זיג פֿונעם סאָציאַליזם, דער מעכטיקער אויפֿשטײַג פֿון די פּראָדוציר־קרעפֿטן בײַ אונדז אין לאַנד האָבן דערלויבט, ווידער טאַקע צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע, צו פֿאַרפֿעסטיקן געזעצגעבעריש און גאַראַנטירן די פֿאַרווירקלעכונג פֿונעם רעכט אויף אַרבעט, אויף אָפּרו, אויף בילדונג, די אַנדערע מענטשן־רעכט.

מיט דער זעלבער קאָנסעקווענטקײַט און מיט דער זעלבער רעאַלער פֿאַרזיכערונג האָט דער סאָציאַליזם פֿאַרווירקלעכט אויך די עכט דעמאָקראַטישע נאָרמעס פֿון פֿאַרוואַלטן מיט די מלוכישע און געזעלשאַפֿטלעכע ענינים, דאָס הייסט די עמעסע פֿאָלקס־מאַכט.

די סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע, און דערין באַשטייט איינע פֿון אירע ראַדיקאַלע אונטערשיידן פֿון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, האָט ניט בלויז פּראָקלאַמירט און פֿאַרפֿיקסירט געזעצגעבעריש אַלע רעכט און פֿרײַהײַטן פֿונעם מענטשן, נאָר אויך געזיכערט זייער פֿאַקטישע רעאַליזירונג, האָבנדיק ליקווידירט די בורזשואַזע אייגנטום־פֿאַרהעלטענישן, וועלכע דינען אויך הײַנט אין די לענדער פֿונעם קאַפּיטאַל אַלס שטרויכלשטיינער אויפֿן וועג צו פֿאַרווירקלעכן די רעכט און פֿרײַהײַטן פֿון די פֿאָלקסמאַסן.

סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע זײַנען ניט אָפּצוטיילן איינס פֿונעם צווייטן. די סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע זיכערט פֿאַר די אַרבעטנדיקע אַן אַלץ ברייטערן אָנטייל אינעם פֿאַרוואַלטן מיט אַלע ענינים פֿון דער געזעלשאַפֿט, אַ קאָנסעקווענטע אַנטוויקלונג פֿון די דעמאָקראַטישע מלוכה־יסודות, דאָס שאַפֿן באַדינגונגען פֿאַרן אַלזײַטיקן אויפֿבלי פֿון דער פּערזענלעכקײַט.

עס ווייסן דאָס אויסגעצייכנט אויך די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער טומלדיקער קאַמפּאַניע אַפן מײַרעוו „צו פאַרטיידיקן די מענטשן־רעכט“, וועלכע מע היט, קלוימערשט, ניט אָפּ אין די סאָציאַליסטישע לענדער.

די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער דאָזיקער פּראָוואָקאַציאָנעלער קאַמפּאַניע ווייסן גוט, ווער און ווי אַזוי עס נעמט ווירקלעך אָפּ בא דער קאָלאָסאַלער מערהײַט ארבעטנדיקע די עלעמענטאַרע רעכט און פרײַהײַטן. זיי מאַכן אָבער וועגן דעם בעקיוון א שווײַג, אויסרעכענענדיק, אַז ס׳וועט זיך זיי אײַנגעבן אָפּצונאַרן דעם ניט־אינפאָרמירטן טייל פון דער באַפעלקערונג.

די האָרעפּאַשניקעס האָבן לאַנגע דוירעס געזוכט די וועגן צום שאַפן אַזא געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס איז באַזירט אַף סאָציאַלן יוישער, אַן אָרדענונג, וואָס ווייסט ניט פון קיין עקאָנאָמישע קריזיסן, פון ארבעטסלאָזיקײַט.

בלויז דער מאַרקסיזם־לעניניזם, וועלכער האָט אופגעדעקט די טיפע וואָרצלען פון די ווידערשפּרוכן פונעם קאַפּיטאַליזם, בלויז ער האָט אָנגעוויזן דעם אייניציקן וועג צו באַפרײַען זיך פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַראַנדקעס, — פאַרניכטן די עצעם קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג און אויסבויען א נײַע געזעלשאַפט, דעם סאָציאַליזם, אײַנגלידערן אין דער אָנפירונג מיט דער פאָלקסווירטשאַפט דעם פּלאַן־פּרינציפּ, באַזײַטיקנדיק די סאָציאַלע אומגלײַכהײַט און פאַרווירקלעכנדיק דעם סאָציאַליסטישן פּרינציפּ: פון יעדן לויט די פייִקײַטן, יעדן לויט דער ארבעט.

דער רענעגאַט פונעם סאָציאַליזם ק. קאַוטסקי האָט בעשײַטע פּראָקלאַמירט, אַז עס קומט אָן א נײַע עפּאָכע, אַן עפּאָכע פונעם אַזויגערופענעם אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַליזם. נאָך קאַוטסקין האָבן די בורזשואַזע אידעאָלאָגן ארויסגערוקט א היפּש ביסל טעאָריעס (וועגן דער פּאָסטאינדוסטריעלער געזעלשאַפט, וועגן דער געזעלשאַפט פון אַלגעמיינעם וווילשטאַנד אדג.), וואָס אין זייער טאָך איז געלעגן דער געדאַנק וועגן פאַרהיטן דעם קאַפּיטאַליזם. דאָס לעבן האָט געמאַכט טיל־טעל פון אָט די פאַלשע טעאָריעס, באַווײַזנדיק, אַז דער מעלוכיש־מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַליזם האָט ניט ליקווידירט און ניט געקאָנט ליקווידירן די אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע, די קאָנקורענץ, די רײַסערײַ און קאָנפליקטן צווישן די גיגאַנטישע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע מאָנאָפּאָליעס, נאָר, פאַרקערט, ער האָט פאַרשאַרפט דעם קאַמף צווישן זיי.

וועגן דעם רעדט באַזונדערס דער פאַקט, וואָס די באַראַטונגען פון די אָנפירער פון די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין ראַמבויע און אין פּוערטאָ־ריקאָ, אויך די ניט לאַנג צוריק פאָרגעקומענע אין לאָנדאָן באַראַטונג פון די זיבן גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער — דעם „גרויסן זיבלינג“ — האָבן ניט געבראַכט פאַר די אָרגאַניזאַטאָרן די געוווּנטשענע רעזולטאַטן.

ארויסטרעטנדיק אַף דער פאַרמאַכטער באַראַטונג פון די זיבן קאַפּיטאַליסטישע לענדער, האָט דער דעמלטיקער פאָרזיצער פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון איטאַליע אַנדרעאָטי אַנערקענט: „איינס פון די גרונט־רעכט פונעם מענטשן איז דאָס רעכט אַף ארבעט, און דאָס דאָזיקע רעכט מוזן מיר גאַראַנטירן אַלעמען, באַזונדערס דער יוגנט...“ אָבער די אָנפירער פון די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע מעלוכעס, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַן ענגן קרײַז, האָבן ניט געקאָנט געפינען קיין רעצעפּט קעגן דער געפערלעכער פאַר דער בורזשואַזער געזעלשאַפט קרענק — קעגן דער ארבעטסלאָזיקײַט. אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ נאָך דער באַראַטונג איז דער פינאַנץ־מיניסטער פון די פאַרייניקטע שטאַטן בלומענטאַל ארויסגעטראָטן מיט זייער א כאַראַקטעריסטישער אַנערקענונג, וועלכע באַווײַזט, אַז די בורזשואַזע געזעלשאַפט איז ניט פייִק צו לייזן די דאָזיקע אופגאַבע. „מיצאַד די אָנפירער פון די רעגירונגען, — האָט ער געזאָגט, — איז ניט געמאַכט געוואָרן קיין שום פּרווו צו געפינען א לייזונג, געפינען א פאָרמול אַף צו צוימען די אינפליאַציע און מאַכן א סאָף צו דער אַרבעטסלאָזיקײַט אין די אייגענע לענדער“.

די סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט געעפנט אַן אַנדער וועג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, — דעם וועג פון סאָציאַליזם, וועמענס עקאָנאָמישע באַזע איז דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטום אַף די פּראָדוציר־מיטלען, אַף די נאַטור־רײַכטימער, וועלכע זײַנען אַן אַלפאָלקיש אייגנס. אין יעסאָד פון דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק ליגט דער פּלאַן־פּרינציפּ, דער העכסטער ציל פון דער פּראָדוקציע איז — אַלץ פולער באַפרידיקן די מאַטעריעלע און גײַסטיקע באַדערפענישן פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. מיט אָט דעם וועג גייען הײַנט אַלע לענדער פונעם וועלט־סאָציאַליזם. אין רעזולטאַט דערפון האָבן די פעלקער דעראָבערט דאָס גרעסטע רעכט — זײַן זיכער מיטן מאָרגעדיקן טאָג.

אַפן XXV צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָט דער כאַווער ל. אי. ברעזשנעוו מיט דער גרעסטער קלאָרקײַט און טיפקײַט דעפינירט די גרויסע פאָרצוגן פון דער געזעלשאַפט פונעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם: „מיר האָבן געשאַפן א נײַע

געזעלשאַפט, אַ געזעלשאַפט, וואָס פון אַזאַ האָט די מענטשהייט נאָך ניט געוווּסט. דאָס איז אַ געזעלשאַפט אָן קריזיסן, אַ געזעלשאַפט פון שטענדיק וואַקסנדיקער עקאָנאָמיק, פון רייפע, סאָציאַליסטישע פאַרהעלטענישן, פון עכטער פרייהייט. דאָס איז אַ געזעלשאַפט, וווּ עס הערשט די וויסנשאַפטלעכע מאַטעריאַליסטישע וועלט־אָנשויונג. דאָס איז אַ געזעלשאַפט פון פעסטער זיכערהייט אין דער צוקונפט, פון ליכטיקע קאָמוניסטישע פּערספּעקטיוון. פאַר דער דאָזיקער געזעלשאַפט זיינען אָפן גרענעצלאָזע ראַכוועסן פונעם ווייטערדיקן אַלזייטיקן פּראָגרעס".

אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג אינעם לעבן פון אונדזער געזעלשאַפט האָט דאָס רעכט אויף בילדונג. באַפרייט די אַרבעטנדיקע פונעם יאָך פון פּריוואַט־אייגנטום, פון אַזעלכע סאָציאַלע אומגליקן, ווי אַרבעטסלאָזיקייט, קריזיסן, אומזיכערקייט אין דער אייגענער צוקונפט, האָט די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע ניט איבערגעלאָזט קיין זייכער אויך פון יענער גייסטיקער שקלאַפעריי, אויף וועלכער די בורזשואַזנ־פּריצישע אָרדענונג האָט פאַרורטיילט די אַרבעטנדיקע.

היינט זיינען אויך די קאַפּיטאַליסטן געצוווּנגען צו איינגיין אויף אַ געוויסער אַנטוויקלונג פון דער בילדונג פון די מאַסן. אין דער טקופה פון דער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע נייטיקן זיי זיך אין אַן אַרבעטער, וואָס קען באַדינען די קאָמפּליצירטע מאַשינעס. אָבער ניט מער. עמעסע בילדונג פאַר די אַרבעטנדיקע רופט אַרויס אַן אומצופרידנקייט בא די קאַפּיטאַליסטן, ווייל די וויסנשאַפט גיט די אַרבעטער צו פאַרשטיין, ווי אומענטשלעך עס איז די סיסטעם פון פּריוואַט־אייגנטום, די וויסנשאַפט מאַכט זיי פאַר די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם קאַמף פון די מאַסן קעגן דעם סאָציאַלן דרוק, פאַר דעמאָקראַטיע און סאָציאַלן פּראָגרעס.

די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע האָט אָפּגעראַמט אַלע שטערונגען, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעהויפט אויפן וועג צו קענטענישן, צום אויפבלי פון טאַלאַנטן. פון יעדע טויזנט אַרבעטנדיקע, וועלכע זיינען בא אונדז אין לאַנד באַשעפטיקט אין דער פאָלקסווירטשאַפט, האָבן היינט 780 הויכבילדונג אָדער מיטלבילדונג (פולע און ניט־פולע). אין סאָוועטנפאַרבאַנד אַרבעט אַ פערטלעך פון אַלע וויסנשאַפטלער פון דער וועלט.

גרויס איז דער בייטראַג פונעם סאָציאַליזם אין דער געשיכטע פונעם קאַמף פאַר די מענטשן־רעכט — פאַרן רעכט פון די פעלקער אויף פרייהייט און נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט.

קעדיי באַרעכטיקן די פאַרברעכערישע פּאָליטיק פון קאָלאָניאַלער הערשאַפט, האָבן די אידעאָלאָגן פונעם אימפּעריאַליזם געשאַפן אומענטשלעכע ראַסן־טעאָריעס, וועלכע באַהויפּטן, אַז אייניגע ראַסעס און פעלקער זיינען ניט קיין פולווערטיקע, אַנדערע האָבן אַ פאַרצוג לעגאַבע די ערשטע. דער קאַפּיטאַליזם קאָן לויט זיין עצעם מעהוס ניט אַנטוויקלען זיך, אויב ער וועט ניט עקספּלואַטירן ניט בלויז די אַרבעטנדיקע פון די אייגענע לענדער, נאָר אויך פון אַנדערע. די גאַנצע געשיכטע פונעם קאַפּיטאַליזם איז פול מיט גוואַלדטאַט און נאַציאָנאַלן יאָך.

די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט ראַדיקאַל געענדערט די לאַגע, וועלכע די אימפּעריאַליסטן האָבן געשאַפן אין מעשעך פון דורות. דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט געוויזן דער גאַנצער וועלט אַ מוסטער פון אַ פילנאַציאָנאַלער מעלוכע, וווּ אַלע פעלקער, נאַציעס און פעלקערשאַפטן לעבן אין אַ באַהעפטער, פריינטלעכער מישפּאָכע און בויען מיט געמיינזאַמער מי די נייע געזעלשאַפט.

ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס גראָד די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, וועלכע טרעטן היינט אַרויס אַלס דיריזשאָרן און קאָאָרדינאַטאָרן פון דער גאַנצער טומלדיקער און ביז גאָר ניט פיינער קאַמפּאַניע אַרום דעם, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד און אין די אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער היט מען ניט אָפּ די מענטשן־רעכט, — אַז גראָד די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן ביז איצט ניט ראַטיפיצירט דעם צווישנפעלקערלעכן פּאַקט וועגן די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע רעכט און די קולטור־רעכט און דעם צווישנפעלקערלעכן פּאַקט וועגן די בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט, די צוויי פּאַקטן, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן דורך דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס און זיינען אָבליגאַטאָרישע צווישנפעלקערלעכע דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכעס צו די רעכט פונעם מענטשן. די דאָזיקע דאָקומענטן האָבן ראַטיפיצירט דער סאָוועטנפאַרבאַנד, די סאָציאַליסטישע לענדער, פיל אַנדערע מעלוכעס.

די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שטעלן זייער כסימע אויף די צווישנפעלקערלעכע קאָנווענציעס וועגן מאַכן אַ סאָף צום אַפּאַרטעיִד, זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצוהאַלטן די פּראָגראַם פון צעניאָריקן קאַמף קעגן ראַסיזם און ראַסן־דיסקרימינאַציע, וועלכע עס האָט פּראָקלאַמירט די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס.

דער גוואַלדיקער טומל, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן אַרום מענטשן־רעכט, דער אומגעהערטער מאַסשטאַב פון דער רעכילעס־קאַמפּאַניע רעדן אָן איבעריק מאָל וועגן דער מעהוס צווישן די הערשנדיקע קלאַסן אין די לענדער פון קאַפּיטאַל.

צווישנפעלקערלעך
יאר פון קינד

לייב קוויטקא

פאר די קינדערסווענג

די קוזניע

טיק־טיק העמערל,
שטעלן מיר א קעמערל,
ווענטלעך פון א בלעכל,
פון קאבאק א דעכל.

צוויי קאָוואַדלעס שווערע,
וועט א קוזניע ווערן.
גליטשיק, גליטשיק איז די ערד,
דארף מען אָפּקאָווען די פערד.

פירט דער פאסטעך דורך די קי.
— ווער וועט, כעוורע, ווינען הי?
— נו, אוואדע ניט די קי,
וועלן, כאווער, ווינען הי.

פירט א צווייטער דורך א פלוג:
— וואָס וועט שטיין אָט דאָרטן, זאָג?
— נו, אוואדע ניט דײַן פלוג
וועט מען קאָנען שטעלן דאָ.

אָט פון דאָרטן, זעט און הערט,
פליט א רײַטער אף א פערד,

לײַב צו לײַב און קאָפּ צו קאָפּ,
פליט ער צו און שפרינגט אראָפּ:
— כעוורע, קאָוועט מיר מײַן פערד!
— פיר עס נעענטער אהער!

פײַער, האמער, בלאָזזאק, בלאָז,
נו, פארהייב דעם פערד דעם פוס.
זעסט, מיר האלטן דיך ניט לאנג,
נעם דאָס פערד און זאָג א דאנק!

צוגאַסט

ביאַ־וויאַ, פערדל,
העץ־העץ, פורל,
גיכער אינעם וואַלד אַרײַן —
צו דער באָבע מירל!

דאָרטן וואַקסן דעמבעס,
שוועמעלעך און גראָזן,
דאָרט — אַזעלכע פֿייגלען
מיט אַזעלכע נאָזן!

בא די גרויסע דעמבעס,
שפּאַנט אַרום די באָבע,
ווי אַ קליינינק הינדעלע,
אַ הינדעלע אַ ראָבע.

דאָ איז אין די וועלדער
כּמעלעך גאָר קליינע,
מיט דער באָבע איז מען
גאַנצע גוטע שכיינים.

ס'פּיקסל צו דער באָבען
קומט אַמאָל אַף פּראַקעס,
מוז מען שוין פֿאַרבעטן
אויך אַ פּאָר איזשאַקעס.

אָפּגעווישט די וואָנצעס,
אויסגעלעקט די שיסל,
בלײַבט מען פֿאַר גרויס פֿרײַנטשאַפֿט
זיצן נאָך אַ ביסל.

אַז איך קום אַהינצו,
העלף קאַבאַקעס שיילן,
האָט די באָבע מײַסעס,
מײַסעס צו דערציילן.

שיקט מיך צו דעם ברונעם,
ב'עמער איז אַ לעכל,

ריר איך אָן דאָס וואַסער, —
רעדלט עס און שמייכלט.

— באָבע, ס'רינט דער עמער! —
שרײַ איך. הער איך זאָגן:
— ווען ס'אַ גאַנצער עמער,
ווי וואָלסטו דערטראָגן?..

גיט זי הייסע פּראַקעס,
האַלט איך אין איין בלאָזן,
גיי איך זוכן לעכער,
וווּ סע ווינען האָזן.

ביאַ־וויאַ, פערדל,
העץ־העץ, פורל,
גיכער אינעם וואַלד אַרײַן —
צו דער באָבע מירל.

אַנאַ־וואַנאַ

— אַנאַ־וואַנאַ, בריגאַדיר,
עפן אויף פֿון שטאַל די טיר!
ווײַז די נײַע, שיינע
כאַזערלעך די קליינע!

— שפּעטער, שפּעטער, כעווערלײַט,
איצטער דאָ ניט ראַשן,
כ'האַלט דאָך איצט די כאַזערלעך
גראַד אײַנמיטן וואַשן.

— אַנאַ־וואַנאַ, בריגאַדיר,
עפן אויף פֿון שטאַל די טיר!
לאָז זיי דאָך אַ פֿלעט טאָן, —
מאָגערע צי פֿעטע?

— שפּעטער, קינדער, כעווערלײַט,
האָט איר דען פֿאַרגעסן?
ס'דאַרפֿן דאָך די כאַזערלעך
גראַדע איצטער עסן!

— אנאַ־וואַנאַ, בריגאַדיר,
עפֿן אויף פֿון שטאַל די טיר!
גיכער שוין באַווײַז זיי, —
ראָזעווע צי ווײַסע?

— שפּעטער, קינדער, כּעוורעלײַט,
שטילער, ניט געלאָפֿן,
כ'לייג אוועק די כאַזערלעך
גראַדע איצטער שלאָפֿן!

— אנאַ־וואַנאַ, בריגאַדיר,
אַלע קינדער בעטן דיר!

— שאַ־שאַ, כאַוויירימלעך,
עס שלאָפֿן די כאַזיירימלעך!
אָטאָ שלאָפֿן זיי זיך אויס, —
לאָז איך זיי צו אײַך אַרויס!

שניי־טײַבעלעך

שניי און שניי און שנייעלעך,
פּיצינקעלעך טײַבעלעך,
פֿלי̇ען, פֿלי̇ען, זעצן זיך
אויף דער גאָרער וועלט.

ווערט די וועלט אַ ווײַסינקע,
פֿול באַזעצט מיט טײַבעלעך,
שניי און שניי און שנייעלעך,
פֿרישינקע ווי קעלט.

גיי איך — שפּרינגען טײַבעלעך,
לויף איך — פֿלי̇ען טײַבעלעך,
שניי און שניי און שנייעלעך,
מיך פֿאַרדרייען זיי.

אוי, אַ שאָד צו רירן זיי!
אוי, אַ שאָד צערײַבן זיי!
שטיי איך בעסער, ריר זיך ניט —
דרייט זיך, דרייט, איך שטיי!

ניין, בעסער לאָזן זיך
דרייען זיך מיט זיי!

באַבעצי בלומצי די שלאָגלערן

קומט באַבע בלומצי
צו קינדערלעך קומט זי:
— נעמט מיך אַרײַן,
א שלאָגלערן זײַן!

ווער העלפט בא דעם שניט?
די באַבעצי בלומצי!

ווער קלײַבט, וואָס צעשיט?
די באַבעצי בלומצי!

בלומצי די באַבעצי
שארט מיט דער שקראבעצי,
העלפט פּיאָנערן
די זאנגען פארמערן.

זי ארבעט ווי צען, —
די באַבעצי קען.

ווער העלפט בא די קי?
די באַבעצי בלומצי!
ווער מעלקט זיי גאנץ פרי?
די באַבעצי בלומצי.

בלומצי די באַבעצי
רײַבט מיט דער שקראבעצי,
העלפט פּיאָנערן
די שטאלן פארקערן,
דעם בעזעם אין האנט
זי קערט און זי ראמט.

דעם קאָרן ווער היט?
באַבעצי בלומצי!

ווער הערט פרעמדע טריט?
די באַבעצי בלומצי!

בלומצי די באַבעצי
שטיל מיט דער שקראבעצי,
העלפט פּיאָנערן
דעם פײַנט צו דערהערן,
זי הערט זײַנע טריט —
געהיט, איז געהיט!

די קו אין נעפל

אוי, ווו איז די קו שוין ווידער?
שווערער נעפל נידערט, נידערט.
שווערער נעפל דעקט די ערד,
מאַניע, קו, דו קום אהער!

נעפל, נעפל, וואָלקן ווײַסער,
אויס, ניטאָ קיין טײַך, קיין הײַזער,
אַלץ צעגייט אין ווײַסן רויך,
נאָך א ווײַל — צעגיי איך אויך!

נאָר א בארג מיט קאָפּ א שמאָלן
ווארפט דעם נעפל אין די טאָלן,
ווארפט דעם נעפל טיף אראָפּ
און באפרײַט זײַן הויכן קאָפּ.

העלער ווערט דער בארג און ליטער,
בלאסלעך־ראָז און רויטלעך, רויטער,
און פון נעפל־טאָל שווימט צו
צו דעם בארג דאָרט אונדזער קו.

שפּאנט אַף בארג, צום קאָפּ צום שמאָלן,
און דער נעפל לויפט פון טאָלן,
און די קו שפּאנט אַלץ ארוף,
איר אנטקעגן זון גייט אוף.



דאָס פערדל פון באנאכט

געקומען צו פאָרן
דער פאפּא באנאכט.
ער האָט פון דער רײַזע
א פערדל געבראַכט.

א פערדל אַזאַמינס
ווי מאַקס האָט געוואָלט.
דער קאָפּ און די טלאָען
מיט שווארצן געמאָלט.

ניט פאָשעט מיט שווארצן,
נאָר טאַקע לאַקירט,
און טאַקע דאָס צײַמל
מיט זילבער באצירט.

אַזאַ מין וויל מאַקסל
שוין זייער פון לאַנג,
אָט שטייט עס, דאָס פערדל,
אַליין אַף דער באַנק

און קוקט זיך אַף מאַקסלען,
סע ווארט און סע קוקט,
נאָר מאַקסל ווייסט גאָרניט,
ער שלאָפט און — גענוג!

פאַרטאָג ערשט דערזעט ער,
צעשרײַט זיך ניט שיר:
סע, דאכט זיך, א פערדל
פאַרלאָפן צו מיר!

וואָס איז עס, א כאָלעם?
צי טאַקע א פערד?

ער רײַבט זיך די אויגן
און קוקט אַלץ און קלערט.

און באַלד מיט די הענטלעך
א פריידיקן פּאַטש:
— סע גאָר ניט קיין כאָלעם!
ס'א גאַנצער פערדאַטש!

זומער פאַרטאָג

דער טאָג באַגינט.
דער טוי אַף גרינס,
אַף גרינס, אַף גראָז
עס פינקלט ראָז
די שפּיצן פוןביימער.
א קאַפּעלע זון
אַף יעדער
בוים און בלום.

שפּערלעך שרײַען
אין א ראָד:
„ניטאָ קיין ווערעמלעך
אין סאָד!"
ניטאָ קיין ווערעמלעך,
ציוו־ציוו!

ניטאָ, ניטאָ,
ווײַל סעדער זײַנען קאָלעקטיוו,
די סעדער
אָפּגעשיט מיט פּרוכט.
אָט פּרוווט,
א ווערעמל זוכט.
מיט פּרוכטן פול
אַדורך און דורך,
טו א צווײַג א שטורך
וועט זיך נעמען שיטן!

ניטע!
זיי האַלטן נאָך אין וווּקס
אין סאַמע מיטן.

א בריוו דעם כ׳ וואָראָשילאָוו

אוועק איז מײַן ברודער
אין רויטער אַרמיי,
מײַן ברודערל ליבער
אין רויטער אַרמיי!

כאווער וואָראָשילאָוו!
כ׳האָב ליב אים א סאך.
כאווער וואָראָשילאָוו!
אים שטעל אף דער וואך!

א שלאָגלער מײַן ברודער,
פרעמירט אין ווארשטאט,
א יאט איז מײַן ברודער,
שוין איינמאָל א יאט!

כאווער וואָראָשילאָוו!
כ׳האָב ליב אים אזוי!
כאווער וואָראָשילאָוו,
דאָס לאנד אים פארטרוי!

אָט הערט מען, פאשיסטן,
זיי שארפן די שווערד,
ניט אנדערש — זיי ווילן
סאָוועטישע ערד!

כאווער וואָראָשילאָוו,
דעם ערשטן אין קריג,
כאווער וואָראָשילאָוו,
מײַן ברודערל שיק!

א שלאָגלער מײַן ברודער,
דער בעסטער בא אונדז!
ער וועט זיי באווײַזן
א קריכן צו אונדז!

כאווער וואָראָשילאָוו!
און טאָמער... ער פאלט,
כאווער וואָראָשילאָוו,
איז שרײַב מיר דאן באלד!

איך בין שוין א גרויסער,
איך וואקס נאָכאנאנד,
איך לערן זיך האלטן
א ביקס אין דער האנט!

דאָס פידעלע

א זײַטל פון א קעסטעלע
און פעדעמער פון שטריק, —
מאך איך מיר א פידעלע,
מאך איך אַן אנטיק.

א צווײַגל פון א ביימעלע,
לאנגע האָר פון פערד, —
צי איך אָן א סמיטשיקל
און צעשפיל זיך, הערט!..

די בין בלײַבט שטיל און זשומעט ניט,
די קאץ פארײַסט דעם קאָפּ,
סע לאָזן זיך די לאָשעקלעך
אוועק אין א גאלאָפּ.

די הון פארגעסט די הינדעלעך
און הערט זיך צו מיר אײַן.
— פארגעס ניט, הון, די הינדעלעך,
זיי וועלן אין טאָפּ ארײַן!

סע שפּילט, סע שפּילט מײַן פידעלע,
טרײַ־לי, טרײַ־לי, טרײַ־לײַ!
דרײַ פּיקערס אפן קארשנבוים
טשיריקען צו דערבײַ.

דרײַ פּיקערס אפן קארשנבוים
מיט העלדזעלעך ווי אש.
סע טוט א פּאָך א ווײדעלע,
פאלט אראָפּ א קארש.

נאָר קײנער דארף קײן קארשן ניט,
מע הערט דאָך מײַן מוזיק, —
יעדער וויל דאָס פידעלע
א צי טאָן מיטן סמיק!

טרײַ־לי, טרײַ־לי, מײַן פידעלע,
טרײַ־לי — און שוין, און עק.
סע רופט די הון די הינדעלעך,
די פּיקערס — אויך אוועק!

מאָטל טאלאלאיעווסקי

יאָרשים

ראָמאַן

6

עס האָט זיך געענדיקט יון.

די לאגע אפן פראָנט איז געוואָרן נאָך שווערער, ווי אין אָנהייב פון דער מילכאָמע. אונדזער מיליטער האָט באוויזן מוסטערן פון העלדישקייט. צענדליקער טויזנטער פאשיסטן זיינען אומגעבראכט געוואָרן, נאָר היטלערן האָבן ניט אָפּגעשטעלט קיין שום קאָרבאָנעס. אלץ נייע און נייע דיוויזיעס האָט ער געשיקט אפן מיזרעך־פראָנט.

די רויטע ארמיי האָט פארלאָזט לוואָוו און טערנאָפּאָל.

אַלעניעווס דיוויזיע האָט באקומען א באפעל זיך איבערבאזירן אף א נייַ אָרט אונטער קיִעוו. צו יענער צייַט איז הערשל לאזעבניק קאָמאנדירט געוואָרן אלס מיליטער־קאָרעספּאָנדענט אין דער צענטראלער צייַטונג. מיט א שווערן געפיל האָט ער זיך צעשיידט מיט אָלעניעוון און מיט די שרעקלאָזע פילאָטן, וועגן וועלכע ער האָט זיך געקליבן אָנשרייַבן א גרעסער ווערק. ניט איין מאָל האָט ער געבעטן, מע זאָל אים נעמען אין אן עראָפּלאן, קעדיי דערפילן אין הימל די סאקאָנע פון א לופטשלאכט. נאָר דאָס האָט מען ניט דערלויבט. בלויז איין מאָל האָט מען אים אף אן „אר־2" אָפּגעפירט צום מיטגליד פון מיליטער־ראט אף א באַ־

[1] פּאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד", נומ. 8, 1979.

ראטונג. טאַקע דעמלט איז ער איבערגעפירט געוואָרן אין דער צענטראַלער צײַטונג אַלס מי־ליטער־קאָרעספּאָנדענט.

אין קיִעוו האָט הערשל פון דער גרויסער מישפּאָכע לאַזעבניק געטראָפן בלויז צוויי פון זײַנע ברידער — אַנאַטאָליִן, דעם דירעקטאָר פון דער בײַשטאַטישער זאַוואָדישער ווירטשאַפט, און דאָדיקן, וואָס האָט אַלץ ניט געקאָנט פֿויִלן, מע זאָל אים נעמען אין אַרמיי.

— איך הייב אים ניט אָן צו פאַרשטיין, — האָט געטײַנעט דער עלטערער ברודער, וועל־כער האָט אויך פֿיל מאָל געהאַט געבעטן, מע זאָל אים באַפרײַען פון דער ווירטשאַפט. — איך הייב אים ניט אָן צו פאַרשטיין, אונדזער אַרטיסט! כ׳האָב דאָך די מעגלעכקייט אים אײַנצוואָר־דענען אין מײַן ווירטשאַפט — באַקומען פון זײַנעטוועגן אַ בראָן, איז איין מאָל ניין — ער וואָרט, מע זאָל אים מאָביליזירן. ביסט דאָך נאָך קיין אַכצן ניט אַלט, — זאָג איך אים. נישקאָ־שע, איך וועל אין אַרמיי אַלט ווערן אַכצן!

פאַרנאַכט זײַנען די ברידער זיך צונויפגעקומען אין דער פּוסט־געוואָרענער גרויסער שטוב. דער טאַטע און דאָס שוועסטערל ציפּקע האָבן זיך שוין געהאַט וועאַקויִרט. יאַשקע און איציקל זײַנען אַוועק אין אַרמיי און זייערע ווײַבער מיט די קינדער זײַנען אַרויסגעפאָרן ערגעץ אַף מיזרעך.

הערשל האָט געטאָגט און גענעכטיקט אין דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג. די פראָנט־ליניע איז געווען גאָר נאָענט. דער דײַטש איז צוגעגאַנגען אַזש ביזן לינקן ברעג פונעם טײַך אירפּען און ביזן האָלאָסייעווער וואַלד...

אין רעדאַקציע פלעגט מען זאָגן, אַז אַפן פראָנט קאָן מען צופאָרן מיטן טראַמוויי. עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ „רויִק״ לעבן. די לופטשוץ האָט אָפּגעהיט די שטאָט, און דער סוינע האָט פאַר זיך געשטעלט אַ ציל אײַנעמען די הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע אַ לעבעדיקע, אַ גאַנצע. ער האָט אַפילע אופגעהערט צו באָמבירן.

דער הימל איבער קיִעוו איז געווען בלוי באַטאָג און אויסגעשטערנט באַנאַכט. עס איז פאַרגעזעצט געוואָרן די רעגלמעסיקע עוואַקואַציע פון דער אויסשטאַטונג פון אַ ריי גרעסערע זאַוואָדן. דעם זאַוואָד, אַף וועלכן ס׳האָט געאַרבעט אַנאַטאָלי, האָט מען דעמאָנטירט און קימאַט פאַרענדיקט אים עוואַקויִרן אַף מיזרעך. דער לעצטער עשעלאָן האָט באַנאַכט געדאַרפט אוועק־גייִן פון דער פראַכט־סטאַנציע.

— עפּשער וואָלסטו געפאָרן צוזאַמען מיט אונדזער קאָלעקטיוו? — האָט אַנאַטאָלי פאַר־געשלאָגן דאָדיקן. — וואָס וועסטו דאָ שלאָגן בײַדעקעס, לעצעווען מיט דײַנע קאָמעדיִאַנטן.

דאָדיק האָט זיך אָפּדערעמעסן באַליידיקט:

— ערשטנס, ניט קאָמעדיִאַנטן, און צווייטנס, ניט לעצעווען, נאָר שפּילן טעאַטער.

— טעאַטער! איך מיר אַ טעאַטער! איך בין דאָך געווען אַף אײַער קאָנצערט — אַ כאַר־פּע צו קוקן!

— אַ כאַרפּע? נו, און לאַריסאַ אָזערנאַ?!

— זי איז, פאַרשטייט זיך, די איינציקע.

— און וואַנדע?

— נו, וועגן וואַנדען איז ניטאָ וואָס צו ריידן. אַז מע איז פאַרליבט, ווערט מען בלינד און מע מיינט, אַז קיין שענערס און קיין בעסערס איז אַף דער וועלט ניטאָ. וואַנדע! כ׳האָב מירע, אַז טאַקע צוליב אָט דער וואַנדע כאַפּסטו זיך ניט אַרויסצופאָרן.

— און דו צוליב וועמען בלײַבסטו?

— וואָס גלײַכסטו זיך, קינד! מיך לאָזט מען ניט אָפּ. אַף מײַן אַכרײַעס איז אַ גאַנצע ווירטשאַפט. מע מוז דאָך באַזאָרגן אַזויפיל מענטשן מיט שפּײַז...

זיך פאַרקריגן מיטן עלטערן ברודער האָט דאָדיק ניט געוואָלט, אָבער פאַרשווײַגן האָט ער אויך ניט געקאָנט.

— גיי, טו אַ קוק, וואָס פאַר אַ דערפאָלג עס האָבן אונדזערע פאָרשטעלונגען.

...דער איינציקער באַלעבאָס איז שטוב איז איצט געווען דאָדיק, וועלכן מע האָט אויך קיינמאָל ניט געקאָנט טרעפן אין דער היים. ער איז טעג און נעכט איבערגעלעגן אין טעאַטער. אהער האָבן זיך פאַרזאַמלט די אַרטיסטן, וועלכע האָבן צוליב פאַרשיידענע סיבעס ניט באַוויזן זיך עוואַקויִרן.

בעראָש פונעם טעאַטער איז געשטאַנען אַן אַקטיאָר פון דער אָפּערעטע, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצופאָרן פון קיִעוו.

— עמעצער דאַרף דאָך באַדינען די עמעסע פּאַטריאָטן, וועלכע ווילן אַפילע אין געדאַנק ניט דערלאָזן, אַז מיר וועלן אָפּגעבן די הויפּטשטאָט...

מע האָט אפגיך צוגעגרייט עטלעכע סקעטשן, וואָדעווילן, עס האָט זיך געפונען א גאַנץ פייִקער קאָמפּאָזיטאָר, וועלכער האָט געהאַט אן אלטע קראַנקע מוטער און מע האָט זי ניט געקאָנט עוואַקויִרן. ער האָט געשאַפן אן אינסטרומענטאַלן קוואַרטעט. וואַנדע מיט עטלעכע אירע כאָוועריעס זײַנען געוואָרן די טענצערנס פונעם נײַ־געשאַפענעם מיניאַטיור־טעאַטער און אויך דאַדיק איז ווי אַנגעמאָסטן געוועזן פאַר זייער אַנסאַמבל.

— איין גאָט האָט דיך אהער אַראָפּגעבראַכט! — האָט מיט באַגײַסטערונג אים באַגעגנט דער קינסטלערישער אָנפירער. — מיט מאַנצבלען האַלט עס בא אונדז באַזונדערס שמאָל. ווער עס קאָן האַלטן א ביקס אין האַנט, איז אוועק אַפן פראָנט.

— איך וועל אויך אוועק. ניט הײַנט איז מאָרגן, נאָר כ׳וועל אוועק.

— נו, ביז מע וועט דיך נעמען — העלף מיט, ברודערקע!

— סײַדן צײַטווײַליק.

אין די קאָנצערטן, וואָס מע האָט אפדערגיך צונויפגעשטעלט, זײַנען געוועזן צוויי נומערן, אין וועלכע דאַדיק און וואַנדע האָבן געהאַט א מעגלעכקײַט צו באַווײַזן זייער מײַסטערשאַפט. די אַרבעט אינעם וואַנדער־טעאַטער איז אים איצט זייער צוניץ געקומען. איינער פון די צוויי נומערן האָט גאָר אויסגענומען באַם צושויער. דאָס איז געווען א סקעטש, אין וועלכן דאַדיק לאַזעבניק האָט אויסגעפילט די ראָל פון א יונגן דײַטשישן אָפיצער, וואָס שאַדכנט זיך צו אַן אוקראַאינישן מיידל. ווען עס דערגייט דערצו, אַז ער וויל אַרומנעמען דאָס מיידל און א קוש טאָן, דערלאַנגט זי אים א פּאָר פּײַערדיקע פּעטש אין די באַקן.

וואַנדע האָט געשפּילט דאָס אוקראַאינישע מיידל, און דאַדיק — דעם שלימאַזלדיקן פּאַר־שטייער פון דעם דײַטשישן ווערמאַכט. מע האָט געמאַכט עטלעכע רעפּעטיציעס. אַלץ האָט זיך באַקומען זייער געלונגען, אָבער ווען דאַדיק האָט זיך געזען אויספּוצן אין דער דײַטשי־שער אוניפאָרם, האָט ער שטאַרקער ווי געוויינלעך זיך אַנגעהויבן פאַרהיקען.

— באַפרײַט מיך פון דעם דאָזיקן טאַנץ! — האָט ער זיך געווענדט צום אָנפירער.

— וואָס הייסט באַפרײַען?! — האָט זיך יענער פאַרכידעשט, — עס באַקומט זיך דאָך א גלענצנדיקער, אן עמעסער שליאַגער!

— איך וועל אָף זיך ניט אָנטאָן אָט דעם מונדיר!

גאַנץ מעגלעך, אַז דער אָנפירער וואָלט טאַקע גאָרנישט ניט געפּועלט בא דאַדיקן, נאָר אינעם וויקועך האָט זיך אַרײַנגעמישט די זינגערן לאַריסאַ אַזערנאַ, וועלכע האָט זיך געדעכנט אינעם קאָלעקטיוו פאַר דעם גרעסטן מייוון און איז געוועזן די אמערסטן כּאַשעווע אַקטריסע אינעם קאָלעקטיוו. א וווּנדער־שיינע פרוי מיט אַן אויסגעצייכנטער שטים, האָט זי עטלעכע יאָר געאַרבעט אינעם אָפּערע־טעאַטער אלס סאָליסטקע, זי איז אָבער ניט אַרויסגעפאָרן מיטן אָפּערע־קאָלעקטיוו און געבליבן אין קיִעוו צוזאַמען מיט איר קראַנקן זיידן, א געוועזענעם גאַלעך.

צו לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ האָט זיך דאַדיק באַצויגן מיט גרויס דערעכערעץ. ער האָט זי א פּאָר מאָל באַגעגנט שפּאַצירן מיט זײַן הערשלען, מיט וועלכן, לאָזט זיך אויס, זי איז געווען באַפרײַנדעט נאָך פון דעמלט, ווען זי האָט געשפּילט אין הערשלס מוזיקאַלישער קאָמעדיע. לאָרע, ס׳הייסט לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ, האָט אפילע אנומלטן באַזוכט די מישפּאָכע לאַזעבניק, ווען לייע האָט נאָך געלעבט.

דאָס, וואָס לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ איז פאַרבליבן אין שטאָט, האָט דאַדיק שטאַרק געכידעשט. שוין זשע איז זי געבליבן צוליבן קראַנקן זיידן? בייזע צינגער האָבן געטײַנעט, אַז דעם זיידנס קרענק איז ניט מער ווי א טערעץ. לאָרע איז, ווײַזט אויס, פון די, וועלכע וואַרטן אַפן דײַטש. אַזוי איז זי דאַפקע מיט א צינגעלע אָף שרײַפעלעך, נאָר מע קאָן זיך ניט דערמאָנען קיין איין פאַל, ווען זי זאָל האָבן אַרויסגעטראָטן אָף א פאַרזאַמלונג צי אָף א מיטינג. אַלע כאַווערע אין אירע יאָרן זײַנען געוועזן קאָמיוגיסטן, און זי, לאָרען, האָט מען פון קאָמיוג אויסגעשלאָסן.

לאַריסאַ פּאַוולאָוונען האָט דאַדיק געפאָלגט.

אָף איינעם א קאָנצערט האָט דאַדיק אײַנגעלאָדן אנאַטאָלין, און דער ברודער האָט אים דאַפקע געלויבט:

— ביסט דאָך אן עמעסער פריץ, דאַדיקל! ווען איך וויים ניט, אַז דאָס ביסטו, מײַן ברודער, וואָלט איך געמיינט, אַז מע האָט דיך אויסגעשריבן פון בערלין!

— א גרויסן דאַנק דיר פאַרן קאָמפּלימענט! נאָר ווען דו וויסט, ווי מיר איז פּריקרע דאָס דאָזיקע אָנטאָן. בעסער וואָלט איך שוין פאַרבליבן אין מײַן וואַנדער־טעאַטער... כאַטש, צוריק גערעדט, איז וואָס איז דער אונטערשייד? מע אַפּלאָדירט דאָך מיר, ניט דעם פריץ.

נאָך די קאָנצערטן פלעגט זיך דאַדיק אומקערן אהיים צוזאַמען מיט וואַנדען. איין מאָל האָט ער זי באַגלייט צוזאַמען מיטן קאַצעוו־יונג וואַסילקען.

— נו, און דיר געפעלט אונדזער טעאַטער? — האָט ער בא אים געפרעגט.
— דעם עמעס געזאָגט, ניט זייער! איך האָב ליב, אין טעאַטער זאָל פריילעך זײַן. און בא אײַך? נאָר מע קוויטשעט און נאָר מע טאַנצט. און נאָך א זאַך: וואָס אַגיטירט איר אַזוי דעם עולעם? מע אַגיטירט מיך גענוג דורך דער ראַדיאָ. גענוג פון מײַנעטוועגן!
— וואָס הערסטו און וואָס פאַרשטייסטו?! — איז וואַנדע אופגעבראַכט געוואָרן. זי האָט זיך גאָר ניט פאַרגעשטעלט, אַז ער איז אַזוי געשטימט. — אָך וואָס רעכנסטו אויס?
— איך האָב מיר מײַן כעזשבן...
— וואָס זשע איז דאָס פאַר א כעזשבן? — האָט רויִק געפרעגט דאַדיק.
מײַן כעזשבן איז אַזאַ, אַז אין א פאַר וואָכן אַרום וועלן אַלע אָנהייבן שפּרעכן דויטש... וואָס וועסטו דעמלט זאָגן, כאַכעם איינער?
— כ'וועל דעמלט זאָגן פונקט דאָס זעלבע, וואָס איצט...
— אינטערעסאַנט צו הערן! נאָר פאַרהיקע זיך ניט, רעדע, מע זאָל פאַרשטיין!
— ניטאָ וואָס צו פאַרשטיין! איך זאָג, אַז אומזיסט טראָגט אונדזער ערד אַזאַ מין אויסוואורף, ווי דו!
— נאָ, נאָ! פאַרגעס ניט, אַז פאַר אַזעלכע רייד קאָן איך געבן אין די ציין! „אויסוואורף"... ביסט אַליין אַן אויסוואורף און א דעזערטיר! אַלע אונדזערע כעוורע אין דײַנע יאָרן זײַנען אַפּן פראָנט! און דו?!
— און דו?
— מיך נעמט מען ניט! ווער דאַרף מיך דאָרט מיט אַזאַ ריִע?
אָט אַזוי, אַמפּערנדיק זיך, איז מען צוגעקומען צו דער פאַראַדנע פונעם גרויסן מויער, ווו עס האָט געלעבט וואַנדע. די יונגעלײַט האָבן זיך געזעגנט מיט איר און נאָך עטלעכע מינוט זיך ניט געקאָנט צעשיידן. דאַדיק האָט קיינמאָל זיך ניט געכאַוועט מיט וואַסילקען און גע־ווּסט האָט ער וועגן אים בלויז פון וואַנדעס רייד. הײַנט האָט זיך וואַסילקאָ אַנטפּלעקט פאַר אים אין זײַן פולער פּראַכט.
— און צום לעצטן וויל איך דיך וואָרענען, — האָט וואַסילקאָ דורך די ציין קונציק א שפּײַ געטאָן, — יאָ, וואָרענען, זאָלסט זיך אופהערן פּלאָנטערן פאַר מײַנע אויגן.
— ווי דאַרף מען עס פאַרשטיין אָף א מענטשלעכן לאַשן?
— גאַנץ פּאַשעט און איינפאַך: זאָלסט לאָזן צורו מײַן וואַנדען!
— דײַן וואַנדען?
— יאָ, מײַנע! ס'איז שוין אַן אָפּגערעדעטע זאַך. זאָל נאָר ווערן א ביסל שטילער, וועלן מיר ווערן מאַן און ווײַב.
— דו און וואַנדע?! מאַן און ווײַב? ניטאָ, ווער עס זאָל לאַכן.
— איך, איך וועל דיך צעקיצלען, פּאַסקודנער יידליק איינער, וועסטו פאַרגעסן צו לאַכן! — וואַסילקאָ האָט ווידער א שפּײַ געטאָן דורך די ציין און איז אַוועק אין דער פינצ־טערניש.
...און דער זומער איז ווי אַפּצולאַכעס אַזוי שיין און פריש! יעדעס גרעזעלע, יעדעס וואַלקנדל אינעם הויכן הימל, יעדעס פייגעלע, וואָס באָדט זיך אין דער בלויער וואַרעמקײַט, שרײַט מאַמעש וועגן דעם, אַז די וועלט איז באַשאַפן פאַר ליבע און פאַרגעניגן! ווען ניט די טאַנקען־פאַרצוימונגען אָף די גאַסן, ווען ניט די טיפע רינוועס, מיט וועלכע מע האָט צעקאַר־דאַשעט די טראָטואַרן און די אַספאַלט־וועגן, ווען ניט די פּאַפּירלעך, מיט וועלכע מען האָט פאַרקלעפּט די טאַפּליעס פון די פענצטער, און די זעק מיט זאַמד, מיט וועלכע מע האָט אַרומ־געלייגט די הויכע וויטרינעס פון די קראָמען, ווען ניט אַלץ, וואָס עס האָט מיט זיך געבראַכט די מילכאָמע, וואָלט מען געקאָנט גליקלעך זײַן. זומער ווערט קיִעוו פאַרוואַנדלט אין א גרויסן קינדער־גאָרטן מיט אַזויפיל הילכיקע, טומלענדיקע, פריילעכע קינדער! נאָר האַיאָריקן זומער איז ניט צו דערקענען די שטאָט. גלײַך ווי מע וואָלט פאַרבאָטן צו לאַכן און צו פריילעך זײַן... ווי מע וואָלט פאַרבאָטן זײַן פאַרליבט...
דער עלטערער ברודער אַנאַטאָלי, וואָס איז איצט אויך געבליבן איינער אַליין, אָן דער פאַמיליע און האָט געטאָגט און גענעכטיקט אין זײַן אונטערשטאָטישער ווירטשאַפט, האָט אַנומלטן אַראָפּגעבראַכט צו זיך דאַדיקן דעם אַרטיסט, ווי ער האָט אים גערופן. אויג־אָף־אויג, בא איין טיש האָט ער געקאָנט מיט אים ריידן אָפענע דיבורים, ווי אַן עלטערער ברודער, א מער דערפאַרענער.
— כ'בין דיר מויכל דײַן פאַרליבטקײַט אינעם טעאַטער. וועדליק איך פאַרשטיי, איז דאָס ניט דאָס בעסטע, מיט וואָס דו וואָלסט זיך געקאָנט פאַרנעמען, זיך באַשעפטיקן. כ'בין דיר

דאָס אויך מוחל, איך ווייס, אז בארוף איז אַמאָל שטאַרקער פון מעשוגאַס. נאָר ווי קומסטו אויס איינער אליין? דו עסט כאָטש עפּעס?

— וואָס זשע, איך הונגער? בא הערשלען אין רעדאַקציע איז פאַראַן א גאַנץ ווילער בופעט. איצט קאָכט מען דאָרט געשמאַקע וואַרמעסן. הערשל האָט מיך איינגעאָרדנט!

— נו, און אויסוואַשן א פּאָרל גרעט?

— האָב קיין יעסורים ניט! כ'האָב זיך אויסגעלערנט אי וואַשן, אי פּרעסן.

— צי עפּשער באַדינט דיך דײַן פּאַרטניאָרשע? שעם זיך ניט, זאָג מיר דעם ריינעם עמעס — עפּעס זײַנען מיר דאָך ברידער און... מאַנצבלען!

אַנאַטאָליס כשאַד האָט ניט געהאַט קיין שום גרונט, ווײַל דאַדיק איז ווירקלעך געווען א זעלבשטענדיקער באָכער און זײַן באַציִונג צו וואַנדען איז געווען א באַציִונג פון אן איידעלן נאָבעלן מענטשן. וואַנדע וואָלט עפּשער ניט דערווידערט, ווען ער לייגט איר פאָר, זי זאָל זיך איבערקלײַבן צו אים אין דער גרויסער שטוב. וועגן דעם, אייגנטלעך, האָט ער דאָך געטראַכט דאָרט, אין דער פרעמדע, אין דעם וואַנדער־טעאַטער, לייענענדיק אירע בריוו.

די מומע אַגנעסע האָט שוין ניט איין מאָל געזאָגט וואַנדען:

— איך, אין דײַנע יאָרן, בין שוין געווען מער געוואָגט פון דיר... וואָס איז דאָס וואַרטן?

— און וואָס האָב איך קיין צײַט ניט?

— וואָלסט שוין געמעגט ווערן בא זיך אליין א באַלעבאָסטע.

— וואָס רעדסטו, מומעניו? — האָט וואַנדע איבערגעפרעגט. — אין אַזא צײַט זיך פאַר־שלייערן? מע ווייסט דאָך ניט, וואָס מאָרגן וועט זײַן...

— וואָס עס זאָל ניט זײַן, איז אינצווייען בעסער און גרינגער.

— און אויב מע וועט אים צונעמען אין אַרמיי?

— ווּעמען? וואַסילקען? וואָס רעדסטו? ער איז גאַראַנטירט!

— הייסט עס, שאַדכנסטו מיר גאָר וואַסילקען?

— און דו האָסט געמיינט — דעם יִדליק?

דאָס וואָרט „יִדליק" האָט וואַנדע ניט איין מאָל געהערט בא דער מומען אין שטוב, נאָר זי האָט קיינמאָל ניט געלייגט דערויף קיין אַכט — מאַלע וואָס פאַר א וואָרט עס כאַפּט זיך אַרויס בא איר פּינצטערער מומען. נאָר הײַנט האָט עס וואַנדען דערלאַנגט ביז דער זיבעטער ריפּ. אינעם וואָרט „יִדליק" איז געווען ניט נאָר אומקאָוועד און פאַראַכטונג צום גאָלדענעם באָכער, וועלכער האָט זי ליב, נאָר גיפטיקע סינע צו אַלץ, וואָס איז וואַנדען ליב און טײַער.

אַז די מומע אַגנעסע איז אַזא מענטש, האָט וואַנדע, אייגנטלעך, געוווּסט. די מומע אַגנעסע האָט אויך פריִער אַרויסגעוויזן פײַנטשאַפט צו אַלץ און צו אַלעמען. אַלץ איז איר געווען ניט צום האַרצן, און פײַנט געהאַט האָט זי ניט נאָר יִדן, אויך די אוקראַיִנער האָט זי געהאַלטן פאַר מענטשן פון א נידעריקן סאָרט. עכטע מענטשן זײַנען לויט איר טיפער איבערצײַגונג נאָר דײַטשן. ריידן וועגן דעם אָפן, מיטן פולן מויל האָט זי זיך געהיט, נאָר ווען עס פלעגט קומען צו רייד, „צווישן זיך" האָט זי מיט א טיפן זיפץ אַרויסגעבראַכט:

— בא זיי וואָלט מען זיך געדאַרפט לערנען, בא די דײַטשן! מײַן זיידע, אַשטייגער, האָט דאָס גאַנצע לעבן כאַראַקטע געהאַט, לעמאַי ער איז נאָך יענער מילכאָמע פאַרבליבן אין רוס־לאַנד. מײַן מאַמע אויך. וואָס וואָלט אונדז אַצינד געפעלט, ווען מיר וואָלטן געווען בא זיך אין דער היימאַט...

— הייסט עס, האַלטסטו, מומעניו, אַז דו ביסט ניט בא זיך אין דער היים?

— פאַרשטייט דאָס ווי דו ווילסט, נאָר מיך וועסטו ניט איבערמאַכן. נעם, צום בײַשפּיל, א דײַטשישן אַנצוג — ס'איז דאָך א פאַרגעניגן צו קוקן, ווי ער איז אויפגענייט.

— בא אונדז נייט מען אויך ניט שלעכט!

— אָדער לאָמיר זאָגן זייערע מאַשינעס! ניט אומזיסט האָבן זיי שוין אײַנגענומען גאַנץ אייראָפּע...

— געשטעלט זיי אַף די קני, אָבער ניט אַף אייביק. זי וועט זיך נאָך שטעלן אַף די פיס! צוזאַמען מיט וואַסיל גאַרקושאַ פלעגט אַגנעסע ליב האָבן הערן א דײַטשישע ליד, א דײַטשישן מאַרש.

איבערמאַכן די מומע האָט וואַנדע אַפילע ניט געפּרוּווט. זי איז גליקלעך געווען, וואָס קימאַט א גאַנצן טאָג און אויך פאַרנאַכט איז זי באַשעפטיקט מיט דער אַרבעט אינעם מיני־אַטיור־טעאַטער און עס קומט איר ניט אויס צו אַמפּערן זיך מיט דער מומען.

דאַדיק האָט אויך געוווּסט וועגן אַגנעסעס שטימונגען. אָבער אויסטײַנען זיך מיט איר האָט ער ניט געוואָלט. איר פאַרביסנקײַט, איר סינע צו דער מאַכט, האָט גאָר ווייניק געווירקט אַף דעם, וואָס איז פאַרגעקומען אין שטאָט.

און די שטאָט האָט געלעבט מיט אַ שווער אָנגעשטרענגט לעבן. מענטשן האָבן זיך געקליבן עוואַקויִרן און ניט געפּויעלט בײַ זיך, ווען און וווּהין זיי זאָלן זיך לאָזן. אייניקע זאַוואָדן האָבן נאָך געאַרבעט. עמעס, די באַפעלקערונג איז געוואָרן שיטערער, אָפּטער, ווי געווײנלעך, האָבן זיך אױף די גאַסן באַוויזן מיליטער־פּאַטרולן. אַ דערשיטערנדיקן אײַנדרוק האָט געמאַכט די שטאָט בײַנאַכט. די געבײַדעס, ווי אויסגעשטאָרבן, אָן אַ טראָפּן שײַן. בלויז די פּראָזשעקטאָרס האָבן אָן אופהער געשניטן דעם הימל, באַשיצנדיק די שטאָט פון אָן אָנפאַל. גאָר נידעריק זײַנען געפלויגן אונדזערע אעראָפּלאַנען, באַזונדערס איבער די בריקן, וואָס פאַרבינדן ביידע דניעפּער־ברעגן.

הערשל לאַזעבניק, וועלכער האָט זיך געזעגנט מיטן גענעראַל אָלעניעווס דיוויזיע, האָט ניט געקאָנט פאַרגעסן דעם כוידעש, וואָס ער האָט געלעבט און געאָטעמט צוזאַמען מיט די פליִער, און אַלע מאָל, ווען ער פלעגט באַזוכן די אַרטילעריע־פּאָזיציעס, אָדער די מיניאָרן, וואָס האָבן געטאָן זייער שווערע טאָגטעגלעכע אַרבעט — מינירט די וועגן, מיט וועלכע דער פײַנט וואָלט זיך געקאָנט אַ רוק טאָן אױף דער הויפּטשטאָט, אומעטום האָט ער געטראַכט, אַז אַלע זײַנען זיי, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט, פון איין שטאָל אויסגעגאָסן.

די לידער און פאַרצייכענונגען, וואָס הערשל לאַזעבניק האָט געשריבן, האָבן גלײַך דערזען די ליכטיקע שײַן אױף די שפּאַלטן פון די צײַטונגען. ער האָט אויך מאַמעש אַלע טאָג אָנטײלגענומען אין די ראַדיִאָ־טראַנסליאַציעס צוזאַמען מיט אַנדערע שרײַבער, וואָס זײַנען, פּונקט ווי ער, געווען מיליטעריש געקליידט און געטראָגן דעם טיטל ספּעץ־מיליטער־קאָרעספּאָנדענטן.

אַנומלטן האָט אים אין גאַס באַגעגנט דער באַקאַנטער אַלטער ניקיטע סופרון, וועלכער האָט זיך איצט ניט צעשיידט מיטן סוקעוואַטן שווערן שטעקן. ער האָט געטראָגן טונקל־בלויע ברילן און מיט זײַן שפּיצעכיק גראָוו בערדל דערמאָנט איינעם פון די קיניגן פון אַן אַלט טעשל קאָרטן.

— זע נאָר, אַ גאַנצער גענעראַל! — האָט ניקיטע אָראָפּגענומען דעם אַלטמאָדישן קאַפּעליוש.

— צו אַ גענעראַל איז נאָך ווײַט. דערווײַל בלויז אַ קאַפּיטאַן.

— נו, איז ווי זשע האַלטן מיר מיטן דײַטש, הער קאַפּיטאַן?

— מיר האַלטן אים אונטער דער שטאָט... ס'הייסט, עס איז נאָך ניט קלאָר ווער וועמען האַלט. יעדנפאַלס האָבן מיר אים אָפּגעשטעלט. ער טאָפּטשעט זיך אױף איין אָרט און קאָן אונדז ניט אײַנבײַסן... נו, און וואָס טוט איר?

— איך קלײַב נאַכעס פון אונדזערע זעניטשיקעס. זיי ווײַזן דאָך ווונדער! האָסט דאָך מיסטאָם געהערט, וויפל דײַטשישע אעראָפּלאַנען מיר האָבן אַראָפּגענעריקט? — ער האָט געזאָגט מיר, פּונקט ווי ער וואָלט דאָס געטאָן מיט זײַנע אייגענע הענט.

— מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך אַצינד?

— איך בין אױף דער עלטער געוואָרן אַן עקספּעדיטאָר אױף דער באַן.

— און אײַער מישפּאָכע?

— מישפּאָכע?! אַן אַלטער הונט האָט אַ מישפּאָכע? האָסט דען פאַרגעסן, אַז איך בין דאָס וויפלטע מאָל שוין ווידער אַן אַלמען. ס'הייסט, אַז מע וויל צוריק, איז דאָס אַצינד גאָר אַ מײַלע, ווײַל ווען איך וואָלט האָבן אַ פאַמיליע, וואָלט איך זי באַדאַרפט עוואַקויִרן. און אַזוי בין איך אַ פרײַער פויגל.

— אַמאָל איז דאָס ניט פון די גרעסטע מײַלעס, — האָט הערשל באַמערקט.

— אַליין איז די נעשאָמע ריין, — אַזוי, דאַכט זיך, פלעגט זאָגן דײַן מאַמע. זי איז געווען אַ כאַכאָמע! כ'שטעל מיך פאָר, וואָס זי וואָלט עס איצט איבערגעלעבט.

— ווען זי לעבט, וואָלט זי פּונקט ווי איך געפרעגט בײַ אײַך: ווען קלײַבט איר זיך אַרויספאָרן?

— עס האַלט דען דערבײַ, אַז מע וועט מוזן? — האָט ניקיטע סופרון כיטרע אַ קוק געטאָן אױף הערשלען, אויסווישנדיק די ברילן מיט אַ קויטיק טיכעלע.

— אַליין פאַרשטייט איר דען ניט, פעטער סופרון, אַ העלפט שטאָט איז שוין אין וועג. כ'וויל ניט זאָגן, אַז דאָס איז אױף לאַנג, אָבער, ווי עס פלעגט זאָגן מײַן מאַמע: פאַרלאָז זיך ניט אױף עמעצן, טו אַלץ באַצײַטנס.

— נו, פאָר מיר האָב קיין יעסורים ניט. אַלס עקספּעדיטאָר וועל איך באַווײַזן אין דער לעצטער מינוט, מיטן לעצטן עשעלאָן.

— און אויב איר וועט ניט באַווײַזן?

— איז אויך אַ קליינער אומגליק. אין מײַן עלטער איז שוין אַלציינס, ווו מע לייגט אָן מיטן קאָפּ. היטן דאַרפן זיך אַזעלכע, ווי דו... און וועגן מיר — האָב קיין יעסורים ניט.

דעם טאָג האָט הערשל זיך באַגעגנט אויך מיט דער זינגערין לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ. זי איז געווען בלייך, און מער ווי געוויינלעך פּאַרדאַגעט.

— ס'האָט עפּעס געטראָפן? — האָט הערשל געפרעגט.

— געטראָפן! עס זײַנען צו מיר געקומען מײַן מאַמעס אַמאָליקע צוויי שכנים, וואָס האָבן קוים באַוויזן זיך אַרויסרײַסן פונעם גענעם...

— פון וועלכן גענעם?

— פון וויניצער גענעם... דאָרט האָט מען צונויפגעטריבן דאָס ביסל ייִדן, וואָס האָט ניט באַוויזן זיך אַרויספּעקלען, ווי מע האָט זיי געייצעט און געוואָרנט... נו, און אין מעשעך פון איין טאָג... מײַנע באַקאַנטע זײַנען דורך אַ נעס געראַטעוועט געוואָרן און קוים לעבעדיק זיך דערקליבן אַהער. מײַן קראַנקער ייִדע האָט באַפוילן זיי אָנהאָדעווען, קריגן פאַר זייערט־וועגן די נייטיקע פּאַפּירן, קעדיי זיי זאָלן קאָנען ווײַטער פאָרן. נו, מיט פּאַפּירן וועל איך זיי באַזאָרגן. וואָס וועט אָבער ווײַטער זײַן?

— דאָס זעלבע האָב איך אויך געוואָלט בא דיר פרעגן. וואָס טראַכטן די, וואָס פאַרבלײַבן דאָ?

לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ האָט אַ קוק געטאָן אַף אים מיט אירע מידע אומרויִקע אויגן, וועלכע זײַנען, דאַכט זיך, טונקעלער געוואָרן. וואָס האָט זי אים געקאָנט ענטפערן? דערציילן אים דעם ריינעם עמעס האָט זי ניט געהאַט קיין רעכט. און דער עמעס איז געווען גאָר אַ וויכטיקער...

די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען ניט ווײַט פונעם טעאַטער אַף דער פּושקין־גאַס, ווו מע האָט פאַרענדיקט די רעפּעטיציע פון אַ נײַער קאָנצערט־פּראָגראַם, אין וועלכער לאַריסאַ אַזערנאַ האָט אויסגעפּילט צוויי אַלטע ראָמאַנסן. עמעצער האָט געפּרוווט מאַכן אַ באַמערקונג, אַז אין אַזאַ אָנגעשטרענגטער צײַט וואָלט מען עפשער באַדאַרפט זינגען נײַע לידער, הײַנטצײַטיקע, מונטערע לידער, וואָס זאָלן מאָביליזירן, וואָס זאָלן רופן צו העלדנטאַט און ניט די האַרצרײַסנדיקע ראָמאַנסן, וואָס שמעקן מיט אַלטקײַט און יערידע.

— אַ גוטער ראָמאַנס איז אַמאָל בעסער פון אַ שוואַכער טשאַסטושקע, — האָט לאַריסע דערווידערט. — עס זײַנען נאָך פאַראַן זשוויער, וועלכע האַלטן פון קלאַסיק. און פּיטשקען זיי מיט הוראַ־לידער, הייסט פאַרקלענערן די ווירקונגס־קראַפט פון טעאַטער.

ווען לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ איז אַרויסגעגאַנגען פון דער טעאַטער־געבײַדע, איז צו איר צוגעגאַן אַן עלטערער מענטש אין אַ ליכטיקן אָנצוג, אין אַ העל־בלויען העמדל אָן אַ שניפּס, ווייליונגעריש צעבראַסטעט. ער האָט זי פאַרזיכטיק גענומען פאַרן עלנבויגן און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— אַנטשולדיקט מיר, ביטע...

— וואָס האָט איר, אייגנטלעך, געוואָלט, יונגערמאַן?...

— וואָס קאָן וועלן אַזאַ „יונגערמאַן”, ווי איר זאָגט? זיך באַקאָנען מיט אײַך.

— אַף אַזאַ אופן?! אינמיטן דער גאַס?

— קיין אַנדער ברירע האָב איך ניט...

— איך בין אָבער ניט פון די, וואָס זוכן אַזעלכע באַקאַנטשאַפטן. דערצו זײַנט איר פאַר מיר צו אַלט, אַנטשולדיקט מיר...

— דאָס ווייסן מיר גענוי! און טאַקע ווײַל איר זײַנט ניט פון „יענע”, האָט מען מיך באַפולמעכטיקט אַ שמועס צו טאָן מיט אײַך אויג־אַף־אויג. און ווי איר זעט, טו איך דאָס מיט גרויס פאַרגעניגן. טראַכט ניט וועגן מיר קיין שלעכטס. און קעדיי איר זאָלט וויסן, מיט וועמען איר האָט צו טאָן, וועל איך אײַך וויזן מײַן צײַגעניש, אָט, ביטע! — און ער האָט אַרויסגענומען פונעם פּידזשאַק־קעשענקעלע אַ רויט ביכעלע. — דאָ קאָנט איר זיך איבערצײַגן, אַז דאָס בין איך.

לאַרע האָט גענומען די צײַגעניש. אַ קוק געטאָן אַפן בילדל, פאַרגלײַכט עס מיטן ריין אויסגעראַזירטן, עטוואָס צעקנייטשטן פּאָנעם פון איר נײַעם באַקאַנטן.

— נו, גוט, אַז דאָס זײַנט איר, האָט איר מיך שוין איבערצײַגט. אָבער וואָס האָט אײַך געצווונגען זיך באַקאָנען מיט מיר און דערצו נאָך אַף אַזאַ אופן?

איוואַן איוואַנאָוויטש — אַזוי האָט מען געקענט דעם באַפולמעכטיקטן — האָט זי איידל גענומען אונטערן עלנבויגן, פּונקט ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג געווען נאָענטע באַקאַנטע און זי וועט זיך אַף אים ניט באַליידיקן.

— קומט מיט מיר אַ ביסעלע אַהין, צום בולוואַר... שענקט מיר עטלעכע מינוט, כ'וועל אײַך לאַנג ניט פאַרהאַלטן.

— זאָגט מיר אָבער, פאַרוואָס אַף אַזאַ אופן?...

— ווייַל קלינגען צו אייַך, אָדער ארויסרופן אייַך, אז עמעצער פון אייַערע באַקאַנטע זאָל וויסן וועגן אונדזער באַגעגעניש, איז ניט קעדייַ, לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ.

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט איר אינקורצן אַנטפּלעקט דעם סאָד פון דער אומגעוויינלעכער באַקאַנטשאַפט. די זאַך באַשטייט אָט אין וואָס: עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז מע וועט מוזן פאַרלאָזן די שטאָט. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז מע וועט זי פאַרלאָזן אַף הפקר... דאָ וועלן בלייַבן מענטשן, וועלכע מע וועט פאַרטרויען אַלץ, וואָס מע קאָן פאַרטרויען נאָר די סאַמע געטרייַסטע און איבערגעגעבענע פּאַטריאָטן.

— פונוואַנען ווייסט איר, איוואַן איוואַנאָוויטש, אַז איך גראַדע בין פּונקט אַזאַ מענטש?

— דאָס דאַרף איך אייַך ניט דערציילן, לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ.

— איך בין אַן אומפּאַרטייִשע...

— עס מאַכט ניט אויס, איר זייַנט גאַנץ לאַנג געווען אַ מיטגליד פון קאָמיוג.

— פון וועלכן מע האָט מיך אויסגעשלאָסן, אַלס אַ גאַלעכס אַן אייניקל.

— אָט דאָס איז, זעט איר, גראַדע זייער גוט, וואָס איר זייַנט דעם גאַלעכס אַן אייניקל, ווי מע זאָגט באַ אונדז.

— איך קלייַב זיך אָבער די נאָענטסטע טעג ארויספאָרן. אַפילו דער קראַנקער זיידע האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז פאַרלאָזן זיך אַפן דייַטש איז אַן אומזין.

— איר וועט מוזן בייַטן אייַער באַשלוס, לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ.

— וואָס הייסט: מוזן? ווער קאָן מיך צווינגען?

— צווינגען קאָן אייַך קיינער ניט. אָבער בעטן אייַך, פאַרלייגן אייַך...

אַזערנאַ האָט מיט נייַגער באַטראַכט דעם ווילן עלטערן מענטשן, דעם „באַפולמעכטיקטן", ווי ער אַליין האָט זיך פאַר איר פאָרגעשטעלט, און האָט געטראַכט בלויז וועגן איינס: „ווען איז דאָס אייַנגעפאַלן זיך ווענדן צו איר מיט אַזאַ פאָרשלאָג?" צום גרויס באַדויערן, איז איר אין לעבן אויסגעקומען בייַקומען גענוג שווערקייַטן טאַקע צוליב דעם, וואָס איר זיידע איז אַ געוועזענער גאַלעך. אין די אַנקעטעס האָט זי קיינמאָל ניט געלייקנט דעם פאַקט פון איר ביאָגראַפיע, נאָר באַרימען זיך דערמיט האָט זי אויך ניט געקאָנט. פאַרקערט, עס איז געווען אַ פאַל, ווען מע האָט זי געוואָלט אויסשליסן פון דער קאָנסערוואַטאָריע דערפאַר, וואָס זי האָט קלוימערשט פאַרבאַהאַלטן איר אָפּשטאַמונג. עס האָט זי געקאָסט גענוג געזונט און ווען ניט די באַרימטע זינגערן ליטווינענקאָ־וואָלגעמוט, וועלכע האָט איר, לאָרען, פאָרויסגעזאָגט אַ גליקלעכע צוקונפט, ווען ניט זי און דער באַוווּסטער שרייַבער מאַקסים רילסקי, וועלכער האָט זיך אייַנגעשטעלט פאַר איר, ווער ווייסט, צי זי וואָלט באַקומען דעם דיפּלאָם פון אַן אָפּערע־זינגערן.

נאָר ווי די מייַסע זאָל ניט זייַן, איז זי איצט ניט אַף יענער הייך, וואָס ליטווינענקאָ־וואָלגעמוט האָט איר פאָרויסגעזאָגט, דאָך איז זי אַן אָנערקענטע סאָליסטקע, און, ווי סע איז צו זען, איינע פון די, צו וועמען מע האָט באַשטימט זיך ווענדן מיט אַזאַ פאָרשלאָג.

„ווער? ווער האָט עס מיך אויסגעקליבן? וואָס האָט מען אין מיר דערזען אַזוינס, וואָס מע פאַרטרויט מיר אַזאַ איניען? — האָט לאַריסע ניט אויפגעהערט צו טראַכטן. און איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבן פון דער גרינער לאַנגער באַנק, אַף וועלכער זיי זייַנען געזעסן אינעם שעווטשענקאָ־בולוואַר.

— אַנטשולדיקט, נאָר לאַנג זיצן מיט אייַך האָב איך ניט קיין מעגלעכקייַט, כאָטש דאָס איז מיר זייער אָנגענעם. וועגן אונדזער געשפּרעך, ווי איר פאַרשטייט, דאַרף קיינער ניט וויסן. און וועגן דער צווייטער באַגעגעניש וועט מען אייַך צו וויסן געבן מאָרגן, אַמשפּעטסטן — איבערמאָרגן. איר וועט זייַן פאַרבונדן בלויז מיט איין מענטשן. פון אים וועט איר זיך דערוויסן, וואָס און ווו איר האָט צו טאָן.

אַזערנאַ איז געגאַנגען אַהיים אַ דערשיטערטע פון דער נייַער באַקאַנטשאַפט און האָט צופעליק באַגעגנט הערשל לאַזעבניקן, וועלכער דערוואַרט פון איר אַ קלאָרן ענטפער: וואָס טראַכט זי צו טאָן. לאָרע ווייסט, אַז הערשל איז אַ כאָשעווער פּאַרטיי־מאַן, אַן אָפיצער, אַ געטרייַער כאַווער. מיט אים וואָלט זי זיך געוויס געקאָנט האַלטן אַן אייצע, אָבער מע האָט דאָך זי געוואָרנט, אַז קיינער טאָר ניט וויסן, האָט זי זיך געסטאַרעט אים ענטפערן אַזוי, אַז עס זאָל ניט אויסקומען, אַז עפּעס באַהאַלט זי אויס פון אים און אייַנצייַטיק ניט געבן אים קיין מעגלעכקייַט אַפילו אַ טראַכט טאָן וועגן איר עפּעס שלעכטס, פאַרדעכטיקס.

— דו פרעגסט, וואָס איך טראַכט טאָן?

— און ווי דו זעסט, ניט דאָס ערשטע מאָל, באַ יעדער באַגעגעניש.

— דערוויַיל זעסטו דאָך, אַז עפּעס טו איך. ס'איז, פאַרשטייט זיך, ניט דאָס, וואָס איך וואָלט אַ באַלן זײַן טאָן. נאָר קיין אויסוואַל האָב איך ניט. איך פּיל, אַז אונדזער מיניאַטיור־טעאַטער איז דיר ניט צום האַרצן.

— פאַרקערט! איר טוט אַ נוצלעכע אַרבעט! און דו ביסט אַ ינעם קאָלעקטיוו ווי אַ העלער שטערן. אָבער לאָמיר זיך ניט ליגן קיין פייגעלעך אין בוזעם. נאָך אַ טאָג, און נאָך אַ וואָך און איר וועט זיך מוזן צעלויפן? כ'מיין, איר וועט ניט בלײַבן, קעדיי צו געבן קאָנצערטן פאַר די היטלעריאַקעס?

— כ'מיין אויך אַזוי! — האָט אַזערנאַ אַ טיפן זיפץ געטאָן.

— איז טאַקע ווײַל אַזוי, לאָרע, אײַלע איך דיר באַצײַטנס אַרויספאָרן, לאָמיר זאָגן, קיין כאַרקאָוו. רעד אײַן אויך מײַן דאַדיקן, דיך וועט ער פאָלגן. פאַרט צוזאַמען אַוועק. איבער־מאָרגן גייט אונדזערע אַ לאַסטמאַשין — איך וועל פּרוּוון אײַך ביידע אײַנאָרדענען. אָבער וועגן דעם מוז איך וויסן שוין הײַנט באַנאַכט. דיך בעט איך בלויז איינס: טו אַ שמועס מיט דאַ־דיקן — מיך פאָלגט ער ניט. ביסט, זאָגט ער, אַ פּאַכדן, אַ פּאַניקיאָר! קיִעוו וועט מען בעשום־אויפן ניט אָפּגעבן. אָט ווילסטו זען, — זאָגט ער, — מע וועט אונדז נאָך לויבן, פאַר אַ מוסטער שטעלן. ווער פאַרלאָזט עס אַן אייגענע שטאָט, אַזאַ שטאָט! נו, וואָס קאָן איך אים זאָגן? אַזאַ שטאָט! דאַדיק איז גערעכט, ווי פאַרלאָזט מען עס אַזאַ שטאָט?! ווי אַפּצולאָכעס איז דער זומער געווען נאָך שענער, ווי געוויינלעך. די גאַסן, ווי עמעצער וואָלט זיי ספּעציעל אויסגעפּוצט אין גרינס, זײַנען נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי פאַרשיקערנדיק יונג. עמעס, אַף די ראָגן האָט קיינער ניט פאַרקויפט קיין בלומען, ווי געוויינלעך זומער־צײַט, און צו אוּונט־צו זײַנען די גאַסן געוואָרן פּוסט, ווי די פאַרבליבענע אין שטאָט וואָלטן זיך פון עמעצן פאַר־שפּאַרט אין זייערע דירעס. האָגאַם אייניקע פאַרלעך זײַנען געגאַנגען אַרומגענומען, ווי מע וואָלט זיך געהאַלטן אין איין געזעגענען.

די קאָנצערטן אינעם מיניאַטיור־טעאַטער פּלעגן זיך פאַרענדיקן גאָר פרי, עס זאָל ניט אויסקומען זיך אומקערן אַהיים אין דער פינצטערניש. עס האָבן אופגעהערט זיך דערטראָגן די לאַקאָמאָטיוו־סירענעס פון דער באַן־סטאַנציע, ווײַל פּונעם וואָקזאַל, וואָס שטייט מאַמעש אין צענטער פון דער שטאָט, זײַנען קיין שום צוגן ניט אָפּגעגאַנגען — די וועגן זײַנען שוין געווען איבערגעשניטן.

אַרויספאָרן פון קיִעוו האָט מען געקאָנט בלויז מיט אַן אויטאָ, כאָטש דאָס איז אויך געווען ניט קיין זיכערע זאַך, ווײַל פאַקטיש איז די שטאָט שוין קימאַט פון אַלע זײַטן געווען באַ־לאַגערט.

די רעדאַקציע פון דער צענטראַלער צײַטונג, אין וועלכער הערשל האָט געאַרבעט, האָט באַקומען אַ באַפעל זיך אַריבערקלײַבן קיין כאַרקאָוו, און הערשל לאַזעבניק האָט צום לעצטן מאָל געפּרוּווט איבערצײַגן דאַדיקן צוזאַמען מיט אים פאַרלאָזן די שטאָט. דערצו איז אויך די קעגנלופט־שוצקאָמאַנדע אויך ליקווידירט געוואָרן...

— פאַר דיר, ווּהין מע באַפעלט, — האָט דאַדיק אים פּעסט געענטפערט. — איך בלײַב מיט אַנאַטאָלין.

און דאַדיק האָט זיך אוועקגעלאָזט צום ברודער אין זײַן בײַשטאָטישער ווירטשאַפט.

— ביסט נאָך אַ היגער? — האָט זיך אַנאַטאָלי געכידעשט.

— ווי דו זעסט, אַ קיִעווער.

— ביז ווען? אַלע זײַנען דאָך שוין אַרויסגעפאָרן?

— עס רעדט זיך — אַלע? אַלע ווילן ניט און וועלן ניט און דאַרפן ניט אַרויספאָרן!

— דו, צום בײַשפּיל...

— איך, צום בײַשפּיל, פאַרבלײַב אַ היגער ביזן לעצטן אָטעם.

— נאַרישקײַטן! אַפילע מיך האָט מען שוין באַפרײַט פון מײַן פּאָסטן.

— וואָס זשע וועסטו טאָן?

— זיך געזעגענען און טאָן דאָס, וואָס מע וועט באַפוילן. דאָס ביסטו באַ אונדז אַ פרײַער פויגל. ביז אַ צײַט, פאַרשטייט זיך.

— געוויס ביז אַ צײַט. אָט דאָס בין איך דאָך געקומען צו דיר. ווּעסטו דאָך פרעגן צוּ ליב וואָס?

— דאָס וועל איך גראַדע ניט פרעגן. עפּעס זײַנען מיר דאָך ברידער.

— כ'בין געקומען, מיר זאָלן ביידע זיך אַראָפּכאַפּן צו דער מאַמען.

— וואָס הייסט אַראָפּכאַפּן?

— זיך געזעגענען מיט איר. זי וועט זיך דאָך געוויס אין ערגעץ ניט לאָזן פון איר הייליק אָרט...

אנאטאָלי האָט זיך לאַנג ניט געאַמפּערט. מער פון אַלע זײַנע קרוויוים און פריינט האָט ער גראָדע ליב געהאַט דאַדיקן, ליב געהאַט פאַר זײַן אופריכטיקײַט, פאַר זײַן בענימעסדיקײַט און צאַרטקײַט. אנאטאָלין האָט געפריייט דאַדיקס פּאַרליבטקײַט אין טעאַטער, דער שטענדיק פאַרהאַוועטער אנאטאָלי האָט ווייניק צײַט געהאַט אַף צו אַרויסווײַזן זײַנע געפילן צום קלע־נערן ברודער, נאָר יעדע באַגעגעניש מיט אים איז פאַר אים געווען ווי אַ טרייסט, אַ מין דערמאָנונג אין דער מאַמען, וועלכע ער האָט אויך זייער ליב געהאַט און אָפּט געהאַט אַגמעס־נעפעש, וואָס ער האָט זיך ניט שטענדיק צוגעהערט צו איר.

— קום, ברודערקע, קום! דו ביסט גערעכט. — אנאטאָלי האָט אָנגעשניטן אַ היפּש בינטל קוויטן פונעם קוסט געאָרגינען, וואָס ער אַליין האָט פאַרפלאַנצט לעבן דעם קאַנטאָר־שטיבל. — אַליין וואָלט איך זיך עפּשער ניט דערטראַכט דערצו. קום!

בא דאַדיקן איז אַ גוטער זיקאָרן. ער האָט גלײַך געפונען דעם דרײַצנטן באַצירק, אַף וועלכן עס איז באַערדיקט געווען די מאַמע. פאַר דער צײַט האָט דער בעסאַלמען זיך היפּש צעוואַקסן. עס זײַנען צוגעקומען הונדערטער פרישע קוואָרים. בלויז לייעס קייווער איז געווען פאַרנאַכלעסיקט, עטוואָס אײַנגעוואַלגערט. עס האָט זיך אָנגעבויגן אין אַ זײַט דאָס שילדל, אַף וועלכן עס איז אָנגעשריבן געווען איר נאָמען, די דאַטעס פון איר געבוירן און טויט.

בישכיינעס מיט לייעס קייווער איז געשטאַנען אַ הויכער גרויער שטיין מיט אַן אויפשריפט: „דער האַרציקער מאַמע פון די, וואָס וועלן זי אייביק געדענקען“...

בא דער זײַט פונעם שטיין איז געשטאַנען אַ בענקעלע, אַ גלאַזערנע קײַלע, אַ פלעשל מיט וואַסער, קענטיק, אַז עמעצנס געטרײַע האַנט איז דאָ ניט לאַנג געווען און געמאַכט אָן אָרדע־נונג. דאַדיקן האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ. אַן אומגעריכטער ביזאָיען האָט אים געשטיקט אין האַלדז.

ער האָט גענומען דאָס בענקעלע, אָפּגעקערט די פאַראיאָריקע פאַרוועלקטע בלעטער, וואָס דער ווינט האָט צוגעשאַרט צו דער מאַמעס קייווער. אנאטאָלי האָט אַנידערגעלייגט די גע־בראַכטע בלומען. ביידע האָבן געשוויגן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך אָפּן צענטראַלן וועג באַוויזן דער בעסוילעם־וועכטער. דאַדיק האָט אים דערקענט. כאָטש עס איז נאָך געווען גאַנץ וואַרעם, דער האַיאָריקער סענטיאַבער איז ווי קיינמאָל ניט געווען מעכײַעדיק זוניק, האָט דער וועכטער געטראָגן זײַן ווינטערדיקע הוט, ווי ער וואָלט געשוווירן זי קיינמאָל פון קאָפּ ניט אַראָפּנעמען. דערזעענדיק די צוויי מאַנצבלען, איז ער צוגעגאַנגען נעענטער.

— איר האָט זיך, הייסט עס, ווי איך זע, דערמאָנט... זייער פײַן פון אײַער זײַט, — האָט ער אַ הוסט געטאָן, — זייער פײַן! און איך האָב ערשט נעכטן אַ טראַכט געטאָן: וואָס איז עס דער קייווער אַזוי פאַרדאַרבענער, אַזוי פאַרגעסענער...

— איר האָט אַ טאָעס, זיידעניו. ניט קיין פאַרגעסענער, — האָט געזאָגט אנאטאָלי. — מיר וועלן נאָך שטעלן אַ שיינעם דענקמאָל! אָבער איצט איז אַזאַ צײַט...

— אַ וועלט אַזאַ! — האָט דער וועכטער ווי מיט אַ קרעכץ געענטפערט און פאַריכט דאָס וואַרעמע היטל אָפן פאַרשוויצטן קאָפּ. — ניט יעדערן איז באַשערט צו האָבן געטרײַע קינדער, ניט יעדערן. אָט נעמט, צום בײַשפּיל, אײַער מאַמעס שכיינע.

— וואָס פאַר אַ שכיינע? — האָט אנאטאָלי אַ פרעג געטאָן.

— כ׳מיין אָט די, וואָס מע האָט באַגראָבן אָט דאָ, לעבן איר. אַלע זונטיק — ס׳מעג דונערן און בליצן, אין די גרעסטע פרעסט קומט מען אַהער. און מע רעדט מיט איר, ווי מיט אַ לעבע־דיקער. און נעכטן איז מען געקומען, מיר געבראַכט אַ טײַערע מאַטאָנע, איך זאָל דאָ אַכטונג געבן, ווײַל זיי פאָרן אַף אַ שטיק צײַט אַרויס... און איך בלײַב דאָך דאָ אָפּן גאַנצן לעבן. נו יאָ, דאָ בין איך אַף אייביק אַ צוגעשריבענער.

— און עפּשער וועט איר אויך אונדז ניט אָפּזאָגן, זיידעניו... מיר וועלן אײַך אָפּדאַנ־קען, — האָט אנאטאָלי אַרויסגענומען אַ פינף־און־צוואַנציקער פון זײַן קעשענע. — לאָמיר זאָגן, אַז דאָס איז אַן אַדערויף, אַן אַוואַנס, ווי מע זאָגט.

— וואָס זשע, אַליין זײַנט איר, כאַלילע, ניט אימשטאַנד זיך אַראָפּכאַפּן צו דער מאַמען? עפּעס זײַנט איר דאָך אירע יאָרשים, ווי איך פאַרשטיי.

— מיר וועלן זיך אומבאַדינגט, ווי איר זאָגט, זיידעניו, אַראָפּכאַפּן. זײַט זיכער!

ניט ווײַט פונעם בעסוילעם האָבן זיך די ברידער געזעגנט.

— איצט איז שוין ניט קיין סאָד, דאַדיקל, אַז די שטאָט וועט מען פאַרלאָזן. — האָט גע־זאָגט אנאטאָלי. — איך האָב דיך ניט איין מאָל געוואָרנט, האָסטו מיך דאָפּקע ניט געפאָלגט. איז וואָס טוט מען אצינד? נעמען דיך אין מײַן טייל קאָן איך ניט. דיך אַריבערפּעקלען אַף מיזרעך איז אויך קימאַט ווי אומעגלעך...

— מע דאַרף מיך ניט אַריבערפּעקלען. איך בלײַב אַ קיעווער.

— באַ די דײַטשן?

— וואָס עפּעס באַ די דײַטשן?! דאָ בלײַבן נאָך אַזעלכע ווי איך. נישקאָשע, מע וועט זיך אַן אײַצע געבן.

— דו פאַרגעסט אָבער, אַז דו ביסט אַ ייִד...

— איך געדענק אָבער גוט, אַז איך בין אַ קאָמיוגיסט! כוץ מיר, בלײַבן דאָ נאָך אַזעלכע און אַנדערע...

— ווער, צום בײַשפּיל?

— אַזערנאַ, צום בײַשפּיל, בלײַבט. אונדזער לאַריסאַ אַזערנאַ, די זינגערן.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס? זי האָט עס דיר אַליין געזאָגט?

— וואָס פאַרא נאַפּקעמינעו! כ׳ווייס און האָב קיין יעסורים ניט. אַזוי דאַרף מען, מעגסט מיר גלייבן... מע האָט מיר פאַרגעלייגט, און איך האָב געזאָגט, אַז איך בין מאסקים. און דאָס, וואָס איך האָב דיר וועגן דעם ביז איצט ניט דערציילט, האָב איך דערויף קיין רעכט ניט געהאַט. און האָסט אַף מיר ניט וואָס צו באַרויגעז זײַן.

אַנאַטאָלין איז קלאָר געוואָרן, אַז מער וועט אים דאָדיק גאָרניט דערציילן. עס זײַנען פאַראַן פאַלן, ווען אַפילע אַן אייגענער ברודער דאַרף ניט אַלץ וויסן.

— טו ווי דו פאַרשטייסט, — האָט ער אים אוועקגעלייגט די שווערע האַנט אַף דער שמאָלער פּלייצע. — איינס דאַרפסטו נאָר געדענקען, אַז אויב עס וועט דיר אויסקומען אַנטרונען ווערן פון שטאָט, זאָלסטו זיך דערקלײַבן אין אונדזער דאָרף, אין ליסאָווע. דאָרט זײַנען באַ אונדז פאַראַן גענוג פרײַנט.

— ליסאָווע? ווער קאָן מיך דאָרט אין ליסאָווע? איך בין דאָך אַ קיִעווער...

— דיך קען מען ניט, אָבער אונדזער מאַמע געדענקט מען דאָרט. ווען מען דו זאָלסט ניט פּרעגן, וועמען דו זאָלסט ניט זאָגן, אַז דו ביסט לייע לאַזעבניקס מיזיניק, וועט מען דיך אויפנעמען, ווי אַן אייגענעם. עפּשער וועט מיר אויך ווען־ניט־איז אויסקומען פאַרקערעווען קיין ליסאָווע, וועלן מיר זיך נאָך טרעפן צוזאַמען.

דעם אַכצנטן סענטיאַבער האָט אויך אַנאַטאָלי באַקומען אַ פאָראָרדענונג זיך מעלדן אין זײַן מיליטער־טייל, צו וועלכער ער איז געווען פון לאַנג אַ צוגעפּעסטיקטער.

— די פאָראָרדענונג איז פאַר מיר אַ באַפעל, — האָט אַנאַטאָלי געזאָגט דעם פאַרשטייער פון צענטראַל־קאָמיטעט, מיט וועלכן ער האָט די גאַנצע צײַט געהאַט אַ דירעקטע פאַרבינדונג. — וואָס טוט מען אָבער מיטן גוטס? פאַרלאָזן דאָס אַף גאָטס באַראָט?

— דאָס גוטס וועט מען מוזן פאַרניכטן, דער סוינע זאָל ניט קאָנען זיך דערמיט באַנוצן. אַזאַ איז די אײַנשטעלונג, אַזאַ איז דער באַפעל...

אַנאַטאָלי לאַזעבניק, וועלכער איז געווען אַ גוטער באַלעבאָס און האָט מער ווי זײַן אייגן פאַרמעגן אָפּגעהיט דאָס מעלוכישע גוטס, האָט מיט גרויס ווייטעק געמוזט פאַרניכטן דאָס, וואָס ער האָט אַזוי פלײַסיק געהאַט אָפּגעהיט ביז צו דער לעצטער מינוט.

די בריק, וואָס האָט פאַרייניקט דעם רעכטן און דעם לינקן ברעג פונעם דניעפּער האָט מען פאַריקע נאַכט, ווען עס זײַנען שוין אַריס די לעצטע מיליטער־טיילן אופגעריסן. אַף אַ קליין שיפל האָט אַנאַטאָלי זיך דערקליבן צום לינקן ברעג, ווו עס איז געשטאַנען זײַן מיליטער־טייל. קיינמאָל איז נאָך אַנאַטאָלין ניט אויסגעקומען אַזוי ווייטעקלעך זיך צעשיידן מיט דער אייגענער היימשטאָט. וויפל מאָל איז ער דאָ געווען אַף דער זײַט, אין דער באַרימטער דאַרניציע, נאָר קיינמאָל האָט ער זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס איז אַזוי ווײַט פון זײַן אייגענער שוועל, פון זײַן אייגענער גאַס, אַף וועלכער עס איז אַדורך זײַן יוגנט.

די מיליטער־טייל, ווו אַנאַטאָלי האָט זיך געדאַרפט שטעלן צו דינסט, האָט נאָך אַ שווערער שלאַכט געמוזט פאַרלאָזן די פּאָזיציעס, אָפּטרעטן. אייגנטלעך געגרעדט — זיך ראַטעווען, ווײַל דער סוינע האָט דאָ שוין אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען.

— וואָס זשע הייבט מען אָן צו טאָן? — האָט אַנאַטאָלי געפרעגט זײַנעם אַ כאַווער, מיט וועלכן ער האָט באַאַגענט די שרעקלעכע שאַ. — וואָס טוט מען, מע זאָל אונדז כאָטש ניט פאַרעכענען פאַר קיין דעזערטירן?!

— דערצו, מײַן איך, וועט עס ניט דערגייען! ביז מיר לעבן, וועלן מיר זיך ניט אונטערגעבן...

7

איצט איז דאַדיק געבליבן אַליין.

וווהין גייט מען? דער מיניאַטיור־טעאַטער איז זיך צעפאַלן. דאַדיק וועט ניט פאַרגעסן, ווי דער שטענדיק פרייליכער און שאַרפזיניקער קינסטלערישער אָנפירער פונעם טעאַטער האָט זיך געסטאַרעט שאַפן אינעם קאָלעקטיוו אַן אַטמאָספער פון זיכערקייט, אַז אַלץ וועט זײַן גוט, און אַז גאָר אינגיכן וועט מען די אָנטיילנעמער פון די קאָנצערטן אין דעם באַלאַגערטן קיִעוו לויבן און פרעמירן, אָט דער זעלבער גוטמוטיקער קאָמיקער האָט זיך ווי אַ קליין קינד צעוויינט.

— פרעגט מיך ניט און פאָדערט ניט פון מיר, איך זאָל אײַך דערקלערן, וואָס עס קומט פאָר. איך בין ניט קליגער און ניט באַהאַוונטער פון אײַך, פאַרקערט, עפשער בין איך אַף אַ סאַך לײַכטזיניקער פון אײַך, ווײַל כ׳האָב דאָך געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרויספאָרן און האָב זיך אָפּגעזאָגט. נאָר איצט איז שוין שפּעט וועגן דעם צו ריידן און פאַרקירצן זיך דאָס לעבן, כאַראַטע האָבן און אַזוי ווײַטער...

יאָ, שפּעט. פאַרבלײַבן אין שטאָט, וווּ יעדער איינער קען דיך און געדענקט ווי דו האָסט אָפּגעשפּעט פון די פריצן, ווי דו האָסט געפראַוועט לעצאָנעס פון די טויגעניכצן, וועלכע ווילן אײַנעמען די וועלט... מע וועט עס דאָך דיר דערמאָנען!

— איז אָט, מײַנע ליבע קאָלעגן, זאָל יעדערער אַליין באַטראַכטן זײַן לאַגע און טאָן ווי ער פאַרשטייט. דעריקער בעט איך אײַך — האָט אַף מיר קיין פאַריבל ניט. עפשער איז דאָס גאָר ניט אַף לאַנג, עפשער וועלן מיר זיך נאָך ווידער צונויפקומען, ווער ווייסט? דאָס ביסל געלט, וואָס מיר האָבן פאַרדינט, זאָל יעדערער באַקומען, כאָטש איצט איז עס שוין גאָר ניט אַזוי וויכטיק... מע וועט דאָך זיכער אײַנפירן זייער געלט...

דאַדיק האָט זיך אומגעקערט אין זײַן גרויסער שטוב. דער מאַמעס פאַרגרעסערט בילד איז געווען די איינציקע טײַערע זאַך, וואָס איז דאָ נאָך פאַראַן. בלײַבן דאָ איינער אַליין אַף נאַכט האָט ער ניט געוואָלט. קיין שום פאַראַרדענונגען האָט ער פון קיינעם ניט באַקומען. אַף דער לעצטער פאַרזאַמלונג פונעם קאָלעקטיוו איז לאַריסאַ אָזערנאַ ניט געקומען. פון איר וואָלט ער זיכער זיך דערוווּסט, וואָס ער האָט צו טאָן, כאָטש בייס זייער לעצטן געשפּרעך האָט זי אים געזאָגט:

— סטאַרע זיך וואָס ווייניקער באַגעגענען מיט מיר. ווען מע וועט דיך דאַרפן, וועט מען דיר געבן צו וויסן.

דאָס פאַרשטיי איך. אָבער ווי וועל איך וויסן, וואָס ווײַטער צו טאָן?

— וועסט וויסן. ס׳קאָן טרעפן, אַז מע וועט צו דיר קומען. ווער דאָס איז, ווייס איך ניט. זאָלסטו מיט אים ניט ריידן, ביז מע וועט דיר ניט זאָגן: „אײַך שיקט אַ גרוס אײַער מומעשי"... וועסטו דעמלט פרעגן: „וואָס פאַר אַ מומעשי", וועט ער דיר ענטפערן: „פון בערדיטשעוו". ערשט נאָך דעם זאָלסטו אויסהערן דעם געקומענעם און טאָן, וואָס ער וועט דיר הייסן...

— און ווו דאַרף איך וווינען?

— דערווײַל בא זיך — האָסט דען ניט קיין שטוב?

דאַדיק האָט געהאַט אַ שטוב, אָבער איצט איז זי אים געווען דערווידער. אין ערגעץ האָט ער זיך ניט געפילט אַזוי איינזאַם און פרעמד, ווי אין זײַן אייגענער שטוב.

דאַדיק איז אַוועק צו וואַנדען, וועלכע איז אויך געבליבן ווי אָפּן וואַסער. איר מומע אַגנעסע האָט אים דאַפּקע באַגעגנט מער פרײַנטלעך, ווי געווייינלעך. גאָר אינגיכן האָט ער פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי געענדערט.

— אַ, דאַדיקל! קום אַרײַן, קום אַרײַן! וואָס זעט מען דיך ניט?

— ווו קאָנט איר מיך זען? אין טעאַטער גייט איר דאָך ניט...

— גענוג פון מײַנעטוועגן, וואָס וואַנדע טאָגט דאָרט און נעכטיקט.

— עס רעדט זיך אַזוי. קיינער נעכטיקט דאָרט ניט. און בכלל איז שוין די מײַסע מיטן טעאַטער פאַרענדיקט. — האָט ער געזאָגט ווי מיט אַ קרעכץ.

— דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט! — האָט אַגנעסע זיך גאָטספאָרכטיק איבערגעציילעמט. — פאַטער געוואָרן פון אַן אומגליק! זאָל זי שוין בעסער זיצן אין שטוב. יאָ, — האָט זי זיך נעענטער צוגעזעצט צו אים, — דו ווייסט, וואָס איך האָב אַ טראַכט געטאָן?

— לאָמיך הערן!

— עפשער וואָלט געווען אַ פּלאַן, מיר זאָלן זיך איבערקלײַבן צו דיר...

— כ׳פאַרשטיי ניט, וואָס עפּעס פּלוצעם?

— נו, די שטוב איז דאָך סײַוויסיי פּוסט. און וואָס איז דיר דער כילעק, ווער עס וועט זיך באַזעצן אין איר?

דאַדיק האָט קוים אויסגעהערט אַגנעסעס פאַרשלאָג. ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן, קעדיי ניט אַרויסזאָגן איר אַלץ, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט בא אים אפּן האַרצן.

— וואָס זשע, איר מיינט, אַז דאָס איז אָף לאַנג, אָט דער אומגליק?

— פאַר ווענען דאָס איז אַן אומגליק, און פאַר וועמען — פאַרקערט. אַזוי איז די וועלט געשאַפן. האָב קיין יעסורים ניט — כ׳וועל דיך ניט צווינגען אונדז מיטהעלפן אַריבערטראָגן די זאַכן. כ׳וועל בעטן וואַסילקען — ער האָט געזונטע פּלייצעס, נישקאָשע, זאָל ער זײַ אונטערשטעלן אין אַ נויט.

עס איז אַרײַנגעקומען וואַנדע. וועגן אַגנעסעס פאַרשלאָג פאַרנעמען לאַזעבניקס שטוב האָט זי גאָר ניט געוווּסט. די מומע האָט עס גאָר באַהאַנדלט מיט וואַסילקען.

— מיר האַלטן זיך דאָ אַן אײַצע, וואַנדעטשקע, — האָט אַגנעסע געזאָגט מיט אַ זיסלעכער שטים, פון וועלכער עס איז דאַדיקן שיר ניט גוט געוואָרן. — מיר ריידן דאָ וועגן אַריבערקלײַבן זיך צו די לאַזעבניקעס... אָף אַ צײַט, פאַרשטייט זיך, אָף אַ צײַט, כאָטש ווער ווייסט, וויפל די צײַט וועט זיך פאַרציִען...

— טוט ווי אײַך גלוסט זיך, נאָר איך וועל זיך אַהין ניט אַריבערקלײַבן.

— אַזוי איז זי דיר ניט ליב, די שטוב? דו פלעגסט דאָך דאָרט טאָגן און נעכטיקן. האָסט דאָך אַזוי ליב געהאַט די טײַערע באַלעבאָסטע לייעטשקע.

— טאַקע ווײַל אַזוי! איך בלײַב דאָ. אויב איך וועל ביכלאַל בלײַבן דאָ.

— וואָס הייסט „אויב״? קלײַבסט זיך שוין אויך עוואַקוִירן?

— שטעל זיך פאָר!

— שוין שפּעט, מײַן טײַערע, שוין! זאָלן איבערגיין אָף אַ ציגײַנעריש לעבן די, וואָס האָבן מוירע דאָ בלײַבן. און איך, און מיר האָבן ניט וואָס מוירע צו האָבן. און דאַדיקן וועט אויך היימלעכער זײַן. אַ, וואָס זאָגסטו, אַרטיסט?

— טוט, ווי איר פאַרשטייט... עפּשער ווילט איר, איך זאָל זיך אַריבערקלײַבן צו אײַך אַהער אין קעלער, בין איך אויך ניט קעגן. ס׳איז דען ניט אַלציינס, ווו צו איבערנעכטיקן. דערצו וועל איך דאָך זיכער ניט בלײַבן קיין היגער, כ׳וועל אויך מוזן אָפּטראָגן די פיס.

פונקט אָף די רייד איז צו אַגנעסען אין קעלער מיט צוויי פלעשער ווײַן אין די הענט אַרײַנגעקומען וואַסיל גאַרקושאַ. ער איז מער ווי שטענדיק געווען אויפגעלייגט. עס האָט פון אים געטראָגן מיט ווײַן. דאָס מאָל איז ער ווי אָף כידושים געווען באַריידעוודיק און פריילעך געשטימט.

— איך גיי מיר און טראַכט: צי וועל איך אײַך טרעפן אין שטוב.

— ווו׳ דען קאָנען מיר זײַן? — האָט געפרעגט אַגנעסע.

— וואָס הייסט ווו?! אין שטאָט, פאַרשטייט זיך! עס טוט זיך דאָך אַזוינס ווי אַזעלכס: די קראָמען זײַנען אָפן, ביטע, גיי און נעם, וויפל דו ווילסט און וואָס דו ווילסט — אומזיסט! אָט אַזאַ טאַקע האָב איך זיך פאַרגעשטעלט וועט זײַן דער קאָמוניזם — נעם דיר, וויפל דאָס האַרץ דײַנס גלוסט!

— האָסטו געגומען צוויי פלעשער ווײַן?!

— וואָס גייט מיר דען אָפּ, און וואָס פעלט מיר? מײַן טאַטע מיטן שאַכן זײַנען אַוועק צו די אויפגעשלאָסענע קראָמען. און איך? וואָס דאַרף איך עס, דאָס גוטס. אָט, זעט איר, גוטן ווײַן — דאָס איז עפּעס אַנדערש. דאַוואַי אַרטיסט, טרינק אויס מיט אַ פאַשעטן כלאַפּעץ פון דער בוויניע. זײַ בא זיך ניט אַזוי גרויס, איצט זײַנען מיר אַלע פון איין גראַד — אַלע פרײַ און אַלע פריילעך.

דאַדיק האָט זיך אויפגעהויבן אַ באַצאַרנטער. וואַנדע האָט, צום באַדויערן, ניט געקאָנט לינדערן זײַן ווײ. זי האָט אויך ניט געקאָנט באַגלייטן אים, כאָטש זי האָט מיט איר געטרײַ האַרץ געפילט, אַז ער נייטיקט זיך אַצינד מער ווי אַלעמאָל אין איר מיטגעפיל. דאַדיק האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָ ניט ווײַט פון זייער שטוב וווינט דער מאַמעס אַלטע כאַווערטע נאַסטיע, איז ער אַוועק צו איר. ניט אַזוי, קעדיי האַלטן זיך אַן אײַצע מיט איר. נאָך דעם געשפּרעך מיט לאַריסאַ אָזערנאַ האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אין קיין שום אײַצעס נייטיקט ער זיך ניט, און וואָס אים שטייט פאָר צו טאָן, וועט מען אים אומבאַדינגט זאָגן. ער איז געגאַנגען צו נאַסטיען, ווי צו דעם אייניציקן נאָענטן מענטשן, ווי צו דער סאַמע נאָענטסטער קרויווע, וועלכע וועט אים גערן אופנעמען ווי אַ ליבן גאַסט, ווי אַ פרײַנט.

דאַדיק האָט ניט אומזיסט געהאַלטן נאַסטיען פאַר דעם נאָענטסטן מענטשן. זי האָט אים טאַקע באַגעגנט אַזוי, ווי זײַן מאַמע לייע וואָלט באַגעגנט איר כאַוועריטעס אַ קינד פונעם דאָרף ליסאָווע.

פאַר די לעצטע פאָר יאָר האָט זיך נאַסטיע זייער געעלטערט. די פענסיע, וואָס זי האָט באַקומען, איז געווען צו אַ קליינע, און זי האָט געמוזט אַ ביסל צופאַרדינען. אירע אויסגעהאַרעוועטע הענט, וואָס האָבן פון קליינווײַז אָן ניט מוירע געהאַט פאַר קיין שווערער אַרבעט, זײַנען, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט מיד געוואָרן. נאָר אַזוי האָט זיך עס בלויז געדאַכט. באַנאַכט האָט זי ניט געוווּסט, ווו אַוועקצולייגן זיי, די גרויסע אָדערדיקע הענט. דאָס וואַשן איז נאָך געווען צו דערלײַדן. ערגער איז געווען מיטן פּרעסן. דאָס איז פאַר נאַסטיען געווען אַ מין קאַטאָרגע — אַזוי האָט זי געזאָגט. אַמערגסטן איז באַ איר שלעפּן זיך מיטן שווערן פּרעסל. נאָר גראַדע פאַר איר פּרעסן, פאַר איר פלײַסיקער אַרבעט פלעגט מען זי גערן אײַנלאַדן אָף אַרבעט.

— נו, איצט וועל איך שוין אַ ביסל אָפּרוען. מײַנע באַשטעלער זײַנען שוין העט־העט ווײַט פונדאַנעט. ווער ווייסט, צי באַ דער נײַער מאַכט וועט עמעצן ליגן אין קאָפּ צוקוקן זיך, וווּאַזוי דאָס העמדל איז אויסגעפּרעסט.

דאַדיקן האָט זי באַגעגנט אַ פאַרכידעשטע:

— ביסט נאָך דאָ? און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין ערגעץ אין אַרמיי, ווי די ברידער דײַנע. ווער זשע טוט נאָך דיר אַכטונג? צי עפּשער האָסטו שוין געפונען פאַר־זיך אַ פאָר. זאָג, זאָג, שעם זיך ניט! מיר מעגסטו פאַרטרויען דעם סאָד.

— וואָס פאַר אַ סוידעס? — האָט ער ווי מיט אַ קרעכץ אַרויסגעבראַכט. ריידן מיט נאַסטיען האָט ער ניט געקאָנט און אַוועקגיין פון איר האָט זיך אים אויך ניט געוואָלט — זי איז איצט געווען די איינציקע נאָענטע נעשאָמע, אויב ניט רעכענען וואַנדען, וועלכע קאָן אים איצט מיט גאָרניט קומען צוהילף. ער איז געווען איבערצײַגט, אַז ווען ער לייגט איר פאָר, זי זאָל זיך איבערקלײַבן צו אים און זײַן מיט אים, וואָלט זי געוויס מאַסקים געווען, ווײַל די מומע אַגנעסע מיט איר פלאַפּלערײַ און מיט איר שאַדכאָנעס איז איר נימעס געוואָרן. נאָר ווי האָט ער געקאָנט איר פאָרלייגן אַזוינס, ווען אין שטאָט טוט זיך ערדטריטעניש און קיינער ווייסט ניט וועמענס מאָרגן עס איז.

— ביסט אַוודע הונגעריק, דאַדיקל, זאָג דעם עמעס, שעם זיך ניט. הײַנט איז באַ אונדז דאָנערשטיק און אַלע דאָנערשטיק קאָך איך אַ גרינעם באָרשטש. אַ קאַלטן באָרשטש, ווי די מאַמע דײַנע פלעג קאָכן. טאַקע באַ איר האָב איך זיך אויסגעלערנט.

נאַסטיע האָט אים מעכאַבעד געווען מיט אַ טעלער קאַלטן באָרשטש און מיט אַ גלאָז אוזוואַר — אַזוי האָט זי פון טאָמיד אָן גערופן דעם צימעס פון פאַראיאָריקע טרוקענע באַרעלעך און פלוימען. דאַדיק האָט איר באַדאַנקט און געבעטן באַ איר אַ דערלויבעניש איבערצונעכטיקן — עס האָט זיך אים ניט געוואָלט אומקערן אָף דער אייגענער גאַס, צו דער אייגענער, נאָר שוין פאַרוואָרלאָזטער שטוב, וואָס וועט שוין מאָרגן ווערן אַגנעסעס.

דאָס איז געווען דאָנערשטיק...

און פרײַטיק, דעם נײַנצנטן, זײַנען שוין די דײַטשן געווען אין שטאָט.

פון פּאַדאָל, פון דעמיִעווקע און פון סוויאַטאָשינע זײַנען זיי געגאַנגען מיט אַ טראַסק, שיקערע פון ניצאָכן, פרעכע און ווילד געוואָרענע פון דעם, וואָס זיי איז אַלץ דערלויבט.

שאַבעס, דעם צוואַנציקסטן סענטיאַבער, האָט די אויבערקאָמאַנדשאַפט פונעם דײַטשישן מיליטער פײַערלעך געמאָלדן, אַז נאָכן העלדישן אָנגריף אָף מיזרעך, נאָכן דורכרײַס פון די מעכטיקע פאַרפעסטונגען אָפן מײַרעוודיקן ברעג פון דניעפּער האָט היטלערס כאַיל אײַנגענומען די שטאָט קיִעוו און פון הײַנט אָן פלאַטערט איבער איר די דײַטשישע מיליטערישע פאָן.

די אָנגריף־אָפּעראַציעס אָף מיזרעך פונעם דניעפּער ווערן פאָרגעזעצט, די אָפּעראַציעס ווערן דורכגעפירט מיט ריזיקן דערפאָלג...

זונטיק, דעם איין־און־צוואַנציקסטן סענטיאַבער, האָט די צײַטונג „אוקראַיִנסקע סלאָוואָ" מיט גרויס פּאָמפּע געשריבן וועגן דער היסטאָרישער געשעעניש, דערבײַ זיך באַרימט דערמיט, וואָס די ציווילע באַפעלקערונג פון דער הויפּטשטאָט באַגעגנט די „העלדישע באַפרײַער" מיט ברויט און זאַלץ, מיט גליקלעכע צופרידענע פּענעמער.

דאָס איפּעשדיקע צײַטונגל, וואָס איז אָפּגעדרוקט געווען אָף קוטיקן פּאַפּיר ניט ווײַט פון קיִעוו אין דער שטאָט זשיטאָמיר, האָט כוץ דער נײַס וועגן דעם, אַז קיִעוו איז געפאַלן, מיטגעטיילט, אַז אויך פּאָלטאַווע איז שוין אין די הענט באַ די דײַטשן, אַז אָפן לענינגראַדער באַצירק פונעם פראָנט האָט די דײַטשישע ווערמאַכט דעראָבערט קאָלאָסאַלע דערפאָלגן, אַז הונדערט טויזנט קילאָגראַם באָמבעס איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אָפן אָדעסער האַפן...

די צײַטונג האָט מען פֿאַרשפּרייט אומזיסט, ווי פֿלוגבלעטלעך. אַזאַ פֿלוגבלעטל האָט נאַסטיע אַרײַנגעטראָגן אין איר שטוב.

— וואָס איז עס? — האָט דאַדיק געפֿרעגט.

— טו אַ לייען, וועסטו מיר דערציילן, וואָס דאָס איז.

דאַדיק האָט געלייענט אַף אַ קאָל און נאַסטיע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— זאָל איך גלייבן, אַז דאָס אַלץ איז טאַקע אַן עמעס?

— און אויב דאָ איז אַפֿילע נאָר אַ צענטכיילעק עמעס, וועט אײַך גרינגער זײַן? אָט וועל איך אַליין, מיט מײַנע אויגן אַ קוק טאָן, וואָס אין שטאָט טוט זיך.

— זיץ אין שטוב! דײַן מאַמע זאָל זי דאָרט האָבן אַ ליכטיקן גאַניידן, פֿלעגט זאָגן: נאָר אַ נאַר גראָבט זיך אַליין אַ גרוב. וואָס ווילסטו זיך פֿאַר דער צײַט אַרויסשטעלן? זיץ איבער בא מיר, וועסט מיר ניט ענג מאַכן אין מײַן פּאַלאַץ...

נאַסטיע איז געראָטן געווען. אָבער זיצן מיט צונויפֿגעלייגטע הענט און וואַרטן, ביז מע וועט זיך דערמאָנען אין אים. און אויב אַפֿילע דערמאָנען, פּונוואַנען זשע וועט מען וויסן, וווּ ער געפֿינט זיך?

— עפּשער זײַנט איר גערעכט, מומעניו. כ'וועל איבערזיצן אין שטוב...

— אָט אַזוי האָב איך דיך ליב. אַלץ דאַרף מען טאָן מיט קאָפּ!

— איר מוזט מיר אָבער טאָן אַ טובֿה.

— וואָס, אַשטייגער?

— בא אונדז אין הויף, וווינט מײַנע אַ כאַווערטע...

— וואַנדע רופֿט מען זי, איך ווייס, איך האָב זי ניט איין מאָל געזען בא אײַך אין שטוב. נו, איז ווילסטו, מיסטאָם, איך זאָל איר איבערגעבן אַ גרוס פֿון דיר?

— איר האָט קיין טאָעס ניט, מומעניו.

— אָט דאָס, זעסטו, איז גאַנץ לײַטיש פֿון דײַן זײַט. זי קער דאָך אוואַדע האָבן יעסורים, זי ווייסט דאָך ניט, וווהין דו ביסט אַהינגעקומען. אין וואָס פֿאַר אַ קוואַרטיר וווינט זי דאָרט?

— כ'מיין, אַז הײַנט וווינען זיי שוין אין אונדזער דירע. די מומע אירע, אַגנעסע, האָט שוין וועגן דעם געטײַנעט מיט מיר.

— זיך אַפֿילע ניט דערוואָרט, ביז די היצעלס וועלן אַרײַנקומען, — האָט נאַסטיע אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן. — זי האָט אוואַדע געוואָרט אַף זיי.

נאַסטיע האָט ניט געהאַט קיין טאָעס. מער ווי אַ העלפֿט קיִעווער אײַנוווינער האָבן פֿאַרלאָזט די שטאָט — ווער עס איז אַוועק אין אַרמײ, ווער אַרויסגעפֿאָרן. עס זײַנען אָבער געווען גענוג אַזעלכע, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט רירן פֿון אָרט. צווישן זיי אויך מייער בולקין, דער קאַוועל, וואָס האָט געוווינט בישכיינעס מיט די לאַזעבניקעס. ער האָט ניט געוואָלט פֿאַלגן זײַן פֿראַדיען, ווײַל ער איז איבערצײַגט געווען, אַז אַלץ וועט מען, מיט גאָטס הילף, יאַקאָס איבערקומען. סאַפּקאַלסאַף איז ער דאָך אַ באַלמעלאָכע, אַ קאָוועל, און אַ גוטער קאַ־וועל, אַ געזונטער אַרבעטער.

טאַקע מייער בולקין איז געווען דער ערשטער, וועמען נאַסטיע האָט באַגעגנט, ווען זי איז געגאַנגען מיט דאַדיקס אַ צעטעלע צו וואַנדע זאַלעסקע.

— נו! וואָס זאָגט איר עפּעס וואָס עס טוט זיך?! — האָט ער געפֿרעגט נאַסטיען, מיט וועל־כער ער האָט זיך ניט איין מאָל באַגעגנט בא לייע לאַזעבניק אין שטוב. — בא אײַך אין הויף איז אויך ניטאָ קיין וואַסער?

— און ווו איז זי דאָ? מע האָט דאָך אופֿגעריסן די וואַסערלייטונג...

— וואָס זשע וועט זײַן?! מיילע עסן — עסט מען קאַדאָכעס, אָבער טרינקען... באַשער.

— מע וועט זיך מוזן מעיאַשעוו זײַן און לויפֿן צום דניעפּער זיך אָנטרינקען... און וועגן עסן איז שוין אויך פֿאַראַן אַ שטרענגע פֿאַראָרדענונג! גייט, לייענט.

ביידע זײַנען זיי צוגעגאַנגען צו אַ טומבע, אַף וועלכער מע פֿלעגט אויסהענגען אַפֿישן. איצט זײַנען די אַלטע אַפֿישן געווען פֿאַרקלעפּט מיט באַפֿעלן פֿון דער דײַטשישער קאָמענ־דאַטור. אין איינעם פֿון די באַפֿעלן איז געווען אַ שטרענגע וואָרענונג, וועלכע האָט געוואָרנט די באַפֿעלקערונג איבערלאָזן בא זיך אין שטוב ניט מער ווי אַף איין מעסלעס שפּײַז־פּראָ־דוקטן. דאָס איבעריקע מוז מען אָפּגעבן דער קאָמענדאַטור. ווער עס וועט ניט אויספֿילן דעם באַפֿעל, וועט צעשאָסן ווערן.

— און איך זאָגט, זעט אויס, אין אַ שפּאַס: עסן קאַדאָכעס.

— ס'איז שוין דאַפֿקע ניט קיין שפּאַס! נאָך אַ שוואַרצן פֿרײַטיק, זאָלט איר וויסן, קומט געוויינלעך אַ ניט ווייניקער שוואַרצער שאַבעס און זונטיק.

נאסטיע האָט באַגעגנט וואַנדען פונקט דעמלט, ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען פונעם הויף.

— איך זע, דו לויפסט ערגעץ, וואַנדע?

— אַ צײַט אַזאַ, וואָס האָט איר מיר געוואָלט זאָגן?

— כ׳האָב דיר געבראַכט אַ גרוס פון איינעם אַ מענטשן. אָט, אַ בריוועלע.

וואַנדע האָט אַפּגיך איבערגעלייענט דאַדיקס צעטעלע.

— איז ער, הייסט עס, בא אײַך? און איך זוך אים ווי מיט ליכט.

— וואָס דאַרפסטו אים אַזוי עקסטרע? און אויב דו דאַרפסט אים טאַקע אַזוי, איז קום מיט מיר. כ׳מיין, ער וועט זײַן צופרידן...

די דרײַ טעג, וואָס דאַדיק האָט זיך ניט געזען מיט וואַנדען, האָבן זיך פאַר אים געצויגן, ווי דרײַ יאָר. נאָר ווען מע האָט זיך באַגעגנט, האָבן ביידע ניט געוווּסט, פון וואָס אָנצוהייבן. ס׳האָט געמאַכט און אײַנדרוק, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט איינס דעם צווייטן קוקן אין די אויגן, ווי מע וואָלט באַגאַנגען איינער קעגן אַנדערן אַ פאַרברעכן.

— מיט וואָס זשע פאַר אַ נײַס ביסטו געקומען?

— צום באַדויערן, מיט ניט גאָר קיין פריילעכער נײַס. מע רופט מיך אַרויס אין דער קאָמענדאַטור. דיך אויך. מיט איין וואָרט, אַלע די, וואָס האָבן געהאַט אַ שײַכעס צו דעם מיניאַ־טיור־טעאַטער... די אַרטיסטן און די אָרקעסטראַנטן.

— וואָס זשע רעכנסטו טאָן?

— אויב מע רופט, מוז מען גיין. און דו וואָס טראַכסטו?

— אומבאַדינגט! קיין צווײ מיינונגען קאָנען גאָר ניט זײַן. כ׳וואָלט נאָר אַ באַלן זײַן וויסן, צי לאַריסאַ פּאַוולאָווגע האָט מען אויך אַרויסגערופן.

— לאַרע? טאַקע זי האָט מיר געבראַכט די נײַס. ניט אומזיסט האָב איך זי שטענדיק כּוּר־שעד געווען: עפּשער לוינט זיך באַגעגענען מיט איר, איידער וואָס־ווען?

— זי האָט דיר געהייסן מיר איבערגעבן אָט די נײַס?

— נו, יאָ, זי! געקומען אַן אויסגעפוצטע, אַן אָנגעפּאַרבטע, גאָר ניט די פאַרדאַרבענע און פאַרדײַגעטע לאַרעטשקע! וואָס זײַנט איר אַזוי פריילעך? — האָב איך זי געפרעגט. ווײַל עס הייבט זיך אָן אַ נײַ בלעטל אין מײַן ביאָגראַפיע, — האָט זי געזאָגט. און אויך אין אײַער ביאָ־גראַפיע... די געשעפטן זייערע גייען, זעט אויס, ניט שלעכט, אויב זיי טראַכטן שוין וועגן פאַרווײַלונגען און וועגן אַ טעאַטער.

— די שטוב ברענט און דער זייגער גייט, — האָב איך איר געענטפערט, — האָט וואַנדע אַ זיפץ געטאָן. — יאָ, די שטוב ברענט...

— אַף מאָרגן האָט מען אויך אַרויסגערופן אַלע מיטאַרבעטער פונעם ראַדיאָ־קאָמיטעט, וואָס האָבן ניט באַוויזן אַרויספאָרן, — צי עפּשער גאָר ניט געוואָלט. די שטאָט דאַרף ווידער ווערן אַ לעבעדיקע, אַ פריילעכע שטאָט. די אַלטע אָרדענונג איז אַף אייביק קאַפּוט, זאָל לעבן די נײַע אָרדענונג!

דאַדיק איז געווען אין פאַרלעגנהייט. לויט דעם, ווי זיי האָבן געהאַט אָפּגערעדט מיט לאַרען, האָט צו אים געזאָלט קומען אַ שאַליעך מיט אַ גרוס פון דער בערדיטשעווער מומע... וואַנדע האָט קיין גרוס ניט איבערגעגעבן. פרעגן בא איר באַזונדערס אַצינד, ווען זי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אַז ניט אומזיסט האָט בא איר לאַרע טאָמיד אַרויסגערופן כשאַד, וואָלט געווען אַן אומזין. אויב וואַנדע איז ניט פאַרבונדן מיט לאַרען, וואָס זשע איז לאַרע געקומען צו איר?

— איז הער מיך אויס מיט קאָפּ, וואַנדע, — האָט דאַדיק זי אָנידערגעזעצט בא נאַסטיעס שמאָלן טישל. — איך וועל דערווײַל אין ערגעץ ניט גיין. און דו וועסט דאַפקע יאָ גיין אַהין, וווּהין מע רופט דיך. וועסט אַלץ אויסהערן, פאַרגעדענקען, וועגן וואָס מע וועט דאָרט ריידן, און דערנאָך מיר גענוי דערציילן. דײַן כשאַד בענעגייע דער אָזורנאַ, מיין איך, איז ניט באַרעכטיקט.

— אַזוי מיינסטו? און איך בין ניט זיכער.

— די צײַט וועט באַווײַזן, ווער פון אונדז איז גערעכט. דאָס, וואָס זי איז, קלוימערשט, פריילעך און אופגעלעבט און, ווי דיר דאַכט זיך אויס, גליקלעך מיטן אָנהייב פון איר נײַער ביאָגראַפיע, איז גאָר, קאָן זײַן, ניט מער ווי אַ שפּיל. פאַרגעס ניט, אַז זי איז אַן אַקטריסע. וואָס זשע, לייגן דיר שטיינער אַפן האַרצן? קרעכצן? אויקען? באַווייננען דעם גורל? פאַרשעלטן דאָס מאַזל? דאָס וואָלסטו געוואָלט?

— איך וויל דעם עמעס! — האָט וואַנדע שיר ניט אויסגעשריגן. — איך דאַרף מער פון איר מוירע האָבן. איך בין אַ קאָמסאָמאָלקע און איך האָב זיי פײַנט, ווי דעם טויט! — און וואַנדע האָט זיך פּלוצעם צעוויינט. — איך קאָן זיך ניט מוחל זײַן, וואָס איך האָב באַצײַטנס

ניט פאַרלאָזט די שטאָט, אין דעם האָסטו אויך א כיילעק — צוליב דיר. איבער דיר בין איך געבליבן...

— אויב צוליב מיר, — האָט זיך אופגעהויבן דאָדיק, — איז פאָלג זשע מיך, וואַנדע, און הער אוף וויינען. לערן זיך בא לאַרען, בא לאַריסא פאַוולאָוונען. א קניפּ אין באַק און די פאַרב זאָל שטיין!

— כאָכמעסט זיך. אַזאַ צײַט און דו כאָכמעסט זיך. כ'האָב גאָר ניט געמיינט, אַז דו ביסט אַזוי לײַכטזיניק. צי עפּשער ווייסטו ניט, עפּשער האָסטו פאַרגעסן, אַז דו ביסט א ייִד און אַף די ווענט און אַף די פּלויטן הענגען באַפעלן — דו האָסט זיי ניט געלייענט, און אַף מיר קוקן זיי אַראָפּ אַף יעדן שריט און טריט: „באַפרײַען די הייליקע אוקראַיִנישע ערד פון די ליאַכעס און זשידעס!” „די ייִדן און די ליאַכן זײַנען די שרעקלעכסטע סאָנים פון אוקראַיִנע”... דו ביסט, הייסט עס, מײַן גרעסטער סוינע.

א פאַרוויינטע, איז וואַנדע אַרויסגעגאַנגען פון נאַסטיען. דאָס איז געווען גאַנצפרי. ס'איז געווען וואַרעם, כאָטש די בלעטער אַף די ביימער פון די קיִעווער פּאַרקן און בולוואַרן האָבן שוין אָנגעהויבן געל ווערן און גענומען פאַלן. קיינער האָט זיי איצט ניט צוגעראַמט, פאַרקערט, די גאַסן און די פּלעצער זײַנען געווען פאַרשאָטן מיט מיסט, מיט צעפליקטע פּאַפּירן. די, וואָס האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, האָבן שוין ניט געזאָרגט וועגן דעם, ווי זי וועט אויסזען און די, וואָס זײַנען מיט א אימפּעטדיקן מאַרש אַרײַן אַהער, זײַנען באַשעפטיקט געווען מיט מער וויכטיקע זאַכן — מע האָט דורך ראַדיאָ געטײַנעט, אַז עס ווערט אײַנגעשטעלט אָרדענונג, כאָטש קיין אָרדענונג איז ניט געווען. די קראָמען זײַנען געווען צעפּראַלט און צעראַבעוועט, א געדיכטער רויך פון אָנצאָליקע לאַסט־אויטאָמאָבילן, אַרטילעריע־מאַשינעס, טאַנקען און גלאַט אויטאָמאָבילן פון פאַרשיידענע קאָלירן און מאַרקעס, האָט געשוועבט איבער דער שטאָט, ווי א מין נעפּל. קיין ציווילע באַפעלקערונג האָט מען קימאַט ווי ניט געזען. אַלץ איז געווען אין רעשוס פונעם מיליטער.

די מענטשן, וועלכע מע האָט אויסגערופן אַף דער עקסטרע פאַרזאַמלונג, זײַנען זיך צונויפגעקומען אינעם לאָקאַל פון ראַדיאָ־קאָמיטעט. צווישן זיי זײַנען געווען מענטשן, וועלכע האָבן ערשט פאַרטאַכטאָגן מאָנטיק טראַנסלירט סאָוועטישע מוזיק און איבערגעגעבן די נײַעס פון סאָווינפאָרמביוראָ. געווען זײַנען צווישן זיי אויך עטלעכע ייִדן, וואָס האָבן געטרײַ אויסגעפּילט זייער כויוו ביז דער לעצטער מינוט. און ווען מע האָט זיי געמאָלדן, אַז די שטאָט וועט אויסקומען פאַרלאָזן, איז שוין געווען שפּעט צו עוואַקויִרן זיך.

די פאַרזאַמלטע זײַנען אַמיינסטן געווען אויסגעבלייכט און אויסגעמאָגערט. אייניקע זײַנען געקומען מיט זייער אייניציקן פאַרמעגן אין די הענט — מיט די אינסטרומענטן. באַזונדערס דערשלאָגן איז געווען דער קאָמפּאָזיטאָר מיט די לאַנגע שיטערע און צוגעפאַרבטע האָר — זײַן פּרוי איז פונקט יענעם טאָג געלעגן געוואָרן. אין קיין שום שפּיטאָל האָט מען זי ניט געקאָנט אײַנאָרדענען. א שכיינע האָט איר, ווי זי האָט געקאָנט, מיטגעהאָלפן. נאָר קיין עמער וואַסער איז אין שטוב ניט געווען. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געמוזט מיט צאָרעס און מיט ווייטעקן זיך שלעפּן צום דניעפּער און ברענגען צוויי בוטל וואַסער.

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרדײַגעט? — האָט אים געפרעגט איינער פון די רעדאַקטאָרן, וועלכער האָט זיך געסטאַרעט ניט אַרויסווײַזן זײַן צערודערטקײַט און שרעק, כאָטש עס איז באַוווּסט געווען, אַז ער איז א מיטגליד פון פּאַרטיי און אין זײַנע פלאַמיקע רעדעס האָט ער שטענדיק אַרויסגעוויזן זײַן טיפע פאַראַכטונג צו דעם היטלערישן ווערמאַכט, ער האָט געהאַט געשאַפן שאַרפזיניקע לידלעך, אין וועלכע ער האָט אויסגעלאַכט היטלערן און די מאַלפּע גער־בעלס מיט זייער קנופּיע. — ערגער ווי עס איז געווען וועט שוין ניט זײַן!

— דו מיינסט אַזוי?! און וואָס זאָל איך טאָן? ביז איך זיך דאָ, אין געהאַקטע ווונדן, שטאַרבט בא מיר אוועק דאָס ברעקעלע, אַף וועלכן מיר האָבן העכער צען יאָר געוואַרט. עס איז דאָך ערשט ניט לאַנג געבוירן געוואָרן...

דער קאָמפּאָזיטאָר האָט שיר ניט געוויינט פון צאַר.

נאָר אָט האָט זיך באַוויזן אַן אויסגעפּרעסטער דײַטש אין גאָלדענע פּענסנע, וואָס האָט ווי אַף צווייען צעשניטן זײַן קורץ קירפּאַט נעזל. ער האָט זיך מיט קיינעם ניט באַגריסט, באַטראַכט דעם אוילעם און א פרעג געטאָן:

— אָט דאָס זײַנען אַלע?

קיינער האָט אים ניט געענטפערט. ער האָט א הוסט געטאָן, אויסגעווישט מיט א ווײַס טיכעלע די פּענסנע און איבערגעכאַזערט:

— איך פרעג: אָט דאָס זײַנען אַלע?

א מוירעדיקע שטילקייט איז געשטאַנען אינעם זאַל. מע האָט געהערט, ווי צוויי פּאָר־בלאַנדזשעטע גרויסע פליגן שלאָגן זיך אָן די טאַפּליעס פונעם ברייטן פענצטער און קאָנען פון דאָרט ניט ארויספּליִען. דער רעדאַקטאָר, וואָס האָט באַ זיך געפויעלט, אז סײַוויסײַ מוז עמעצער אָנהייבן, האָט זיך א הייב געטאָן פונעם אָרט.

— ווי איר זעט...

— לײַדער, זע איך זייער ווייניק פון די, וועמען דאָס גרויסע דײַטשלאַנד האָט אויסגע־שטרעקט די האַנט... דאַקעגן, זע איך די, וועמענס בײַזײַן איז דאָ ניט זייער ווינשנסווערט.

— וועמען האָט איר זינען, הער אַבערסט? — האָט געפרעגט דער רעדאַקטאָר.

דער דײַטש איז בלייך געוואָרן, אראָפּגענומען די פּענסנע און אויסגעשריגן:

— יודען אויף!

ווי מע וואָלט האָבן זיך צונויפגערעדט האָט קיינער זיך ניט אופגעהויבן פונעם אָרט. די צוויי גרינע פליגן האָבן נאָך שטאַרקער גענומען קלאַפּן אין די טאַפּליעס. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אומדערוואַרט זיך א הייב געטאָן:

— הער אַבערסט, איך בין ניט קיין ייִד, — האָט ער געזאָגט אף א געבראָכענעם דײַטש. — איך בין אן אוקראַיִנער, א קאָמפּאָזיטאָר בין איך. נאָר איך מוז אײַך זאָגן, אז מיר, אינטע־ליגענטן...

— שווײַגן! — האָט זיך צעקוויטשעט דער דײַטש. — איך בעט מיך ניט איבערשלאָגן! — ער האָט א טרייסל געטאָן מיט זײַן געלן פליכעוואַטן קאָפּ, פונקט ווי דער ענגער קאָלנער וואָלט אים גענומען וואָרגן. — איך באַפעל נאָך איין מאָל: זשידעס אויף!

פון זייערע ערטער האָבן זיך אופגעהויבן עטלעכע מוזיקאַנטן און מיט זיי דער אלטער דעקאָראַטאָר איוואַשטשענקאָ, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעאַרבעט אין טעאַטער. זײַן ברודער איז געווען א בודיאָנאַוועץ, וואָס האָט אמאָל געראַטעוועט א ייִדיש מיידעלע, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אין זייער שטוב, און ער, איוואַשטשענקאָ, איז איר געוואָרן אייגענער פון א ברודער. ער האָט זיך אופגעהויבן ניט מאַכמעס ער האָט געוואָלט דערווײַזן, אז ער איז קליגער און לײַטישער פונעם הער אַבערסט. פון זייערע ערטער האָבן זיך אופגעהויבן נאָך עטלעכע געוועזענע מיטאַרבעטער פונעם מיניאַטיור־טעאַטער און פונעם ראַדיאָ־קאָמיטעט.

— עס בלײַבן בלויז אוקראַיִנער. נאָר אוקראַיִנער! פאַרשטאַנען?!

די, וואָס זײַנען אופגעשטאַנען פון די ערטער, האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל. צווישן די געבלי־בענע איז געווען אויך לאַרא אָזערנאַ און וואַנדע זאַלעסקע. דער דײַטש האָט אף זיי א וואָרף געטאָן א פאַרניכטנדיקן בליק און שטרענג, ווי ער וואָלט געשפּיגן מיט גאַל, א זאָג געטאָן:

— אלזאָ, אָט דאָס איז פאַרבליבן פון אײַער זאָגענאַנטער אינטעליגענץ? גוט! אָבער די, וואָס וועלן ניט ארויסווײַזן זייער ליבע צו דער נײַער אָרדענונג, דאַרפן ניט פאַרגעסן, אז דער פּיורער וועט ניט פאַרצײַען קיין סאַבאָטאַזש.

דאָס וואָרט „סאַבאָטאַזש" און „טויט־שטראָף" האָט מאַמעש געלעכערט די אויערן. איצט האָבן עס דערהערט מיט די אייגענע אויערן לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ און וואַנדע זאַלעסקע.

— מאָרגן פרי, — האָט פאַרגעזעצט דער דײַטש, — וועט יעדערער פון אײַך באַקומען א גענויע פאַרגעבונג. ווער עס וועט געטרײַ זײַן דער דייטשישער מאַכט, וועט באַקומען די גע־העריקע לעבנס־מיטלען, און די, וועלכע קלײַבן זיך שטערן און סאַבאָטירן, וועלן דערשאָסן ווערן. זאָ, און ניט אנדערש! האָבן מיך אלע פאַרשטאַנען?

ניט באַוויזן האָבן די אײַנגעלאַדענע ארויסווײַזן זייער באַציִונג צו דעם, וואָס דער פאָר־שטייער פון דער קאָמענדאַטור האָט געזאָגט, ווי עס האָבן אופגעציטערט די ווענט און עס האָט זיך א שאָט געטאָן דאָס גלאָז פון די ארויסגעזעצטע פענצטער. דער אומדערוואַרטער מעכטיקער אופרײַס איז געשען אף דער קעגניבערדיקער זײַט, ווו ניט ווײַט פונעם ראַדיאָ־הויז איז געשטאַנען דער גרויסער מויער, אין וועלכן עס איז געווען די באַוווּסטע קראָם „די קינדער־וועלט".

דער דאָזיקער אופרײַס איז געווען דער ערשטער ענטפער אף דער פראַגע, וויאַזוי די קיִעווער באַפעלקערונג באַציט זיך צו דער נײַער אָרדענונג. א מעכטיקער פײַער און א שוואַר־צע רויך־כמאַרע האָט זיך א הייב געטאָן טיף אין הימל. עס איז געווען מיטיק־צײַט, נאָר גע־דאַכט האָט זיך, אז עס האָט אראָפּגעשטיגן א פינצטערע נאַכט. קיינער האָט ניט געוווּסט, ווו־הין לויפט מען פונעם געגנעמדיקן קרעשטשאַטיק. די מיליטערלײַט, וואָס האָבן ניט דערוואַרט אף אזא סורפּריז, האָבן זיך פאַרלוירן און ניט געוווּסט, וואָס זיי האָבן צו טאָן. אין די פּלענער וועגן אײַנעמען קיִעוו האָט זיך אזעלעכס ניט פאָרויסגעזען. מע האָט געפּרוווט פאַרהאַלטן יעדן איינעם פון די ציווילע לײַט, וועלכע האָבן צופעליק זיך געפונען אין גאַס.

ס'האָט ניט באַוויזן זיך אָפּזעצן דער שטויב און זיך צעוויין דער רויך פונעם אופגעריסענעם מויער, ווי אין א שאָ אַרום האָט זיך דערהערט א נאָך מער דערשיטערנדיקער אופרײַס — דאָס איז געווען דער צווייטער באַרעכהאַבע דער דײַטשישער קאָמענדאַטור און דעם אָפּיצערישן האָטעל, וואָס האָט זיך גאַנץ ברייט באַזעצט בישכיינעס מיט דער „קינדער-וועלט".

און נאָך אין א שאָ אַרום האָט זיך אופגעריסן דער דריטער מויער, אין וועלכן די דײַטשן האָבן אַנגעהויבן אײַנאָרדענען זייערע אַמט-אַשטאַלטן.

די דײַטשישע קאָמענדאַטור האָט געוואָלט אויסלאָזן איר קאַס און צאָרן אף אַלעמען, ווער עס האָט זיך צו דער צײַט געפונען אף די גאַסן און געסלעך אַרום קרעשטשאַטיק, ווײַל א גאַנצע רייִ אופרײַסן זײַנען פאָרגעקומען, ווי לויט א שטרענג אײַנגעשטעלטן סיידער.

קרעשטשאַטיק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א גענעם, ווו אַלץ האָט געדונערט, געברענט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ציגל, שטויב און שטיינער.

וואַנדע און לאַרע, וואָס האָבן באַוויזן זיך אַרויסרײַסן פונעם ראַדיאָ-מויער, האָבן זיך געלאָזט לויפן. נאָר אַפּילע דאָ, גאָר ווײַט פון קרעשטשאַטיק, לעבן דעם וואָקזאַל, אין די געסלעך אַרום דעם ייִדישן מאַרק, האָט מען בוילעט געזען און געהערט, וואָס דאָרט, אַפן ברענענדיקן קרעשטשאַטיק, קומט פאָר.

וואַנדע איז אַוועקגעלאָפן צו נאַסטיען, קעדיי דערציילן דאָדיקן אַלץ, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען — אַזוי האָבן זיי געהאַט אָפּגערעדט. נאָר זי האָט אים אין דער היים ניט געטראָפן. געכטן, באַם צעשיידן זיך, האָט מען, זעט אויס, פאַרגעסן באַשטימען פעסט, ווען מע וועט זיך באַגעגענען.

— ווּהין האָט ער זיך געקאָנט אַהינטאָן? — האָט וואַנדע א פאַרדײַגטע געפרעגט בא נאַסטיען. — ער האָט פאַר מיר ניט איבערגעלאָזט קיין שום צעטעלע?

ניין, קיין צעטעלע האָט איר דאָדיק ניט איבערגעלאָזט — קיין צײַט ניט געהאַט. קאַיאַר איז צו אים געקומען עפּעס אַן אומבאַקאַנטער, אים איבערגעגעבן, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט, דעם גרוס פון דער בערדיטשעווער מומע און זיי זײַנען ביידע נעלעם געוואָרן.

— ווען זאָל איך אף דיר וואַרטן? — האָט נאַסטיע געפרעגט בא דאָדיקן, ווען דאָס ייִנגל האָט אף זיך אָנגערוקט די אַלטע קעפקע.

— אַן אומדערוואַרטער גאַסט איז אַמאָל ליבער פון א דערוואַרטן! — האָט צו איר דאָדיק ליב א שמייכל געטאָן, — איך וועל אײַך ניט זייער דערקוטשען, מומע נאַסטיע...

— רעד ניט קיין נאַרישקײַטן! וואָס פאַרא דערקוטשען? קום און לעב בא מיר וויפל דו באַדאַרפסט. איך האָב דיך נאָר געוואָלט בעטן זאָלסט מיר טאָן א טויווע...

— א דרינגענדע?

— יאָ, אָפּלייגן דאָס טאָר מען ניט... האָסט דאָך, מיסטאַמע, געהערט דעם שטרענגן באַפעל: אָפּגעבן די ראַדיאָ-אופנעמערס. און מיך האָט דער רוער געטראָגן קויפן א נײַעם אופנעמער. צוויי מייעס האָב איך פאַר אים באַצאָלט. א נײַנקער! א פאַרגעניגן צו הערן, ווי ער פלעגט זינגען. נו, איז זעסטו דאָך: מע מוז אים אָפּטראָגן אַזש אף קרעשטשאַטיק. איז עפּשער וואָלסטו עס געטאָן? מיר איז שוין שווער זיך שלעפּן מיט אַזאַ קעסטל. טו מיר א טויווע...

דאָדיק האָט צוזאַמען מיטן אומבאַקאַנטן גענומען דעם אופנעמער און אים אַוועקגעטראָגן. מיטן וועג האָט דער אומבאַקאַנטער פאַרקערעוועט אף טשעכאָווער געסל, ווו עס האָט געוווינט זײַנס א פרײַנטל. פונדאָרטן זײַנען זיי זאַלבעדריט אַרויסגעגאַנגען מיט די אופנעמערס — אײַנער גאָר א גרויסער. די דרײַ אופנעמערס האָבן זיי אַרײַנגעטראָגן אין דעם גרויסן מויער, אינעם זאַל, ווו עס זײַנען שוין געשטאַנען פיל הונדערטער קאָנפיסקירטע אַפּאַראַטן, זייער ענלעכע אײנער אַפן אַנדערן. אין די נאָרוואָס געבראַכטע אופנעמערס האָבן די „פּלעמעניקעס" פון דער בערדיטשעווער מומע באַוויזן אײַנמאָנטירן דרײַ מינעס, וואָס האָבן געמוזט אופגעריסן ווערן פונקט פיר אַזייגער נאָך מיטיק.

אָט די דרײַ מינעס האָבן טאַקע אופגעטאָן זייערס באַם סאַמע אָנהייב פון דער קרעשטשאַטיקער עפּאָפּיי. עמעס, זיי זײַנען, זיכער, געווען ניט די איינציקע, נאָך עטלעכע אַזעלכע אופנעמערס זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן מיט א פאַר שאָ פריִער דעם געביטס-קאָמיסאַר, וועלכער איז באַפולמעכטיקט געווען נאָכשפּירן, אַז אַפן זאַמלפּונקט פון דער ראַדיאָ-אַפּאַראַטור זאָל זײַן א געהעריקע דײַטשישע אָרדענונג.

ווען דער אופרײַס איז פאָרגעקומען, איז שוין דאָדיק געווען בא דעם וועכטער פונעם עסוילעם.

8

סאכאקל איין וואָך איז אדורך, זינט די דײַטשישע ווערמאכט האָט געמאָלדן דער וועלט, אַז קיִעוו איז אין די הענט פון דײַטשלאנד, און אַז פון הײַנט אָן וועלן די גאסן באקומען נײַע נעמען און די לעבנגעבליבענע באפעלקערונג וועט באפרײַט ווערן פונעם באָלשעוויזם. דער ערשטער סימען דערפון וועט זײַן די לייזונג פון דער ייִדן־פראגע. אויס סאָוועטן — אויס ייִדן! אויס קאָמוניסטן! דער אויסדרוק „זשידאָבאָלשעוויזם” האָט ארויסגעשריגן פון די צײַטונגען, פון די ראדיאָ־טראנסלירונגען. די סאמע פּאָפּולערסטע צוויי ווערטער זײַנען געוואָרן סאבאָטאזש און טויט... דער מינדסטער אויסדרוק פון סיבע צו די אָקופּאנטן איז געווען געקרוינט מיטן נאָמען סאבאָטאזש. די קלענסטע און די איינציקע שטראָף — טויט!

א שרעק, א פּאכעד האָט געלויערט איבער דער פּרעכטיקער שטאָט, וואָס איז אין די נאָך ווארעמע הארבסטיקע טעג און נעכט מיטאמאָל פארוואנדלט געוואָרן אין איין גרויסער טפיסע.

די וועלט האָט געוווּסט, אַז אין דער אוראלטער שטאָט אפן דניעפּער האָבן צווישן אנדערע יאָרנלאנג געוווינט אויך ייִדן. קיינער האָט אָבער ניט געטראכט, אַז גראָדע זיי, די ייִדן, זײַנען די גרעסטע געפאר פאר דעם אוקראַיִנישן פאָלק און אַז בלויז מיט דער פארניכטונג פון אָט די „בלוטיקע סאָנים” וועט קומען די עמעסע אויסלייזונג פאר דעם אוקראַיִנישן פאָלק.

איינע פון די גרעסטע שטרענגע וואָרענונגען איז געווען: ניט דערוועגן זיך האָבן אוועלכע־ניט־איז פארבינדונג מיט די ייִדן. די שטאָט קיִעוו האָט געמוזט ווערן יודנריין און צוליב דעם איז ארויסגעגעבן געוואָרן א שטרענגער באפעל וועגן דעם, אַז זונטיק, דעם 29 סענטיאבער, דארפן „אלע זשידעס פון דער שטאָט קיִעוו און פון דער אומגעגנט נעמען מיט זיך אלע ווערטפולע כפייצים און ווארעמע קליידער און זיך מעלדן אף דער מעלניקאָוו־גאס. ווער עס וועט אויסבאהאלטן זשידעס און קאָמוניסטן, וועט צעשאָסן ווערן”. עס איז, אגעוו, אָנגעוויזן געוואָרן אויך פּינקטלעך, אַז אופזאמלען זיך דארפן די ייִדן אפן ראָג פון מעלניקאָוו־גאס און דעכטיארנע.

עס איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן אין א צווייטן באפעל, אַז עס ווערט שטרענג פארבאָטן צו פאררייגענען דאָס האָב־און־גוטס פון די באפרײַטע ייִדישע וווינונגען. ווער עס וועט ניט אויספילן דעם באפעל, וועט צעשאָסן ווערן. ניט אלע קיִעווער אײַנוווינער האָבן געוווּסט, ווו דאָס פארשאָלטענע אָרט — מעלניקאָוו־גאס און דעכטיארנע געפינט זיך. דאָס איז אָבער גלײַך באוווּסט געוואָרן, ווען אלטע קיִעווער טוישווים האָבן דערקלערט, אַז דאָס זײַנען זיכער די גאסן ניט ווײַט פונעם קריסטלעכן און ייִדישן בעסוילעם, אף לוקיאנאָווקע...

...דרײַ מעסלעס האָט וואנדע ניט געוווּסט, וואָס מיט דאָדיקן איז געשען. זונטיק פארטאָג איז זי אוועק צו לאָרען אף דער טשקאלאָוו־גאס, ווו אין דעם ענגן דירעלע האָט יאָרנלאנג געוווינט דער געוועזענער גאלעך אלעקסיי אָזערני. מיט אַן איבערגעבונדענעם האלדז איז דער אלטער געלעגן אף זײַן שניי־ווײַסן געלעגער. זײַן ברייטע צעקעמטע באָרד איז, דאכט זיך, נאָך גראָוער געוואָרן און האָט דערמאָנט אין איינעם פון די הייליקע איקאָנעס, וועלכע זײַנען געהאנגען אף דער נידעריקער וואנט, באשײַנט מיט א לאמפּאדקע.

וואנדע האָט אָנגעקלאפּט.

— קומט ארײַן, קומט ארײַן — די טיר איז בא אונדז שטענדיק אָפן.

וואנדע איז ארײַנגעקומען. עס האָט אף איר ווי א ווייע געטאָן מיט א געמיש פון וואלעריאנע און שטארקן טוטין, מיט וועלכן דער גאלעך אלעקסיי האָט זיך באנוצט, כאָטש די דאָקטוירים האָבן אים שטרענג פארבאָטן רייכערן.

— איר דארפט אוואדע צו לאָרען? — האָט זיך דער אלטער פארהוסט.

— צו לאריסא פּאוולאָוונען...

— איר זײַנט, ווײַזט אויס, אירע א כאווערטע, פון איין טעאטער.

— פון איין טעאטער, — האָט וואנדע א טיפן זיפץ געטאָן, — וואָס איז שוין, אייגנטלעך, ניט קיין טעאטער. איר ווייסט דען ניט, אַז שוין צוויי וואָכן, ווי מע האָט אים פארמאכט.

— ס'מאכט ניט אויס, — האָט דער אלטער מיט די ציטעריקע פינגער פון דער געלבלעכער האנט צעקעמט די באָרד און צוגעגלעט די געדיכטע פארייכערטע וואָנצעס. — איינע האָבן אים פארמאכט, און אנדערע וועלן אים ווידער עפענען. אזוי איז די וועלט באשאפן. אזא שטאָט, ווי קיִעוו, קאָן ניט בלײַבן אָן א קלויסטער און אָן א טעאטער.

— געוויס, געוויס. עפּעס מוז דאָך זײַן. ווו איז אָבער לאָרע?

— אוועק ערגעץ קריגן אַן עמער וואסער. אָן וואסער קאָן מען דאָך אפילע ניט אײַנעמען

די מיקסטור. וואָס טראַכטן זיי זיך, די באַפרײַער אונדזערע? אַ שטאָט קאָן דאָך ניט בלײַבן אָן וואַסער.

— איך זײַנט גערעכט. אָן וואַסער איז אַמאָל שווערער, ווי אָן ברויט.

— נו, יאָ, ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער צום אַלעם ערשטן אַ טראַכט געטאָן, וויאַזוי באַזאָרגט מען זי מיט וואַסער און מיט שפּײַז. אָן וואַסער איז די וועלט אַ גענעם. אַגעוו, וואָס הערט זיך דאָרט, אינעם גענעם, אַף קרעשטשאַטיק? איר זײַט דאָרט צופעליק ניט געווען? לאַרעטשקע זאָגט, אַז עס טוט זיך דאָרט ערדטרעטעניש. דאָס איז זיכער גאָטס שטראָף פאַר אונדזערע זינד — יאָ, גאָטס שטראָף. קיין מענטש איז ניט אימשטאַנד פּאַרוואַנדלען אַזאַ קרעשטשאַטיק אין איין סרייפע.

— דעם אָנהייב פון דער סרייפע האָבן מיר צוזאַמען מיט לאַריסאַ פּאַוולאָוונען געזען מיט די אייגענע אויגן. כ'מיין, אַז ווען עס וואָלט געווען וואַסער, וואָלט מען עפּשער די סרייפע געקאָנט לעשן.

— אַזאַ סרייפע? וואָס רעדט איר, קינד! אַזאַ סרייפע וואָלט, מיין איך, אַפילו קיין מאַבל ניט געקאָנט אַפּלעשן. אין די הייליקע ביכער האָבן די נעוויִים וועגן אַזעלכע סרייפעס פּאָרויס־געזאָגט... צו מײַן גרויסן אומגליק, האָב איך ניט די מעגלעכקײַט זיך אופהייבן פון מײַן לע־בעדיקן קייווער און זיך לאָזן אַ קוק טאָן, ווי דער אַלמעכטיקער שטראָפט אונדז פאַר די זינד און אוולעס. עס שטייט דאָך געשריבן: „פײַער און אַש וועל איך שיטן אַף אײַערע קעפּ"...

— יאָ, יאָ: פײַער און אַש... דעם פּערטן מעסלעס פּאַלט טאַקע אָט דער אַש.

לאַרע איז אַרײַנגעקומען אין שטוב מיט אַן עמער וואַסער אין די הענט. זי איז געווען אַזוי מיד, אַז זי האָט זיך אַפילו ניט באַגריסט מיט וואַנדען. דער זיידע האָט ניט ווילנדיק געמאַכט אַ באַמערקונג:

— באַ אונדז איז אַ גאַסט אין שטוב, דו זעסט דען ניט?

— איך זע, איך זע, — האָט זי קוים אַרויסגערעדט. — כאָטש דאָס, וואָס איך האָב ערשט געזען, קאָן מאַכן בלינד... אין אַ בייזן קאָלעם קאָן זיך אַזוינס ניט כאָלעמען.

לאַרע האָט מיט טרערן אין די אויגן גענומען דערציילן, וואָס זי האָט אַקאָרשט געזען אַף דער מעלניקאָוו־גאַס, ווען זי איז מיטן עמער וואַסער געגאַנגען פון פּאָדאָל.

— כ'האָב שוין, דאַכט זיך, אַ לעבן אָפּגעלעבט, זיך גענוג אָנגעקוקט מיט מענטשלעכע צאָרעס, נאָר אַזוינס האָב איך נאָך ניט געזען, — האָט לאַריסאַ געזאָגט. זי האָט דערלאַנגט דעם זיידן אַ גלאָז פרישע דניעפּער־וואַסער. — כ'האָב גאָר ניט געוווסט, אַז אַף אונדזער שטאָט האָט זיך מיטאַמאָל אָנגערוקט אַזויפיל ווייטעקן און לײַדן.

— וואָס זשע פּאַרט? וואָס האָסטו אַזוינס געזען?!

— לעבעדיקע מייסים, זיידע... מייסים, וועלכע באַוועגן זיך שווײַגנדיק און צווישן זיי אויך אונדזערע שכיינים, טאַקע פון אונדזער הויז. דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק לייבעניאָן. ער מיט זײַן באַרימטן סאַקוואַיאַזשל און זי מיט איר קוישל. כ'האָב זיך געפּרוווט באַגריסן מיט זיי, האָבן זיי זיך אָפּגעקערעוועט אין אַ זײַט, פּונקט ווי איך וואָלט שולדיק זײַן אין זייער אומ־גליק.

— זײַ אַף זיי ניט באַרויגעז, לאַרעלע, זײַ זיי מויכל, קינד מײַנס.

— באַם סעדל האָב איך באַגעגנט אונדזער מאַניקיורשע סימאַטשקע מיט איר טעכטערל אַף די הענט. דאָס מיידעלע האָט צו מיר אַ מאַך געטאָן מיטן הענטל, ווי זי וואָלט זיך מיט מיר באַגריסט צי געזעגנט אַף שטענדיק. וואָס וועט עס זײַן, זיידע, וואָס וועט עס זײַן?!

דער אַלטער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן. עס האָבן אים אויסגעפּעלט ווערטער אַף אויס־צודריקן דאָס, וואָס ער האָט געפילט.

וואַנדע האָט אויך באַמערקט, ווי מיט זייער גאַס גייען אָן אַ שיר מענטשן, אַמיינסטן עלטערע און קינדער, אַהין, אין דער ריכטונג צום סיענאַי־מאַרק, וווּ עס הייבט זיך אָן די אַרבעט־גאַס. ווען וואַנדע איז אַרויסגעגאַנגען פונעם טויער, האָט זי דערזען די שכיינע פּראַדיע בולקינע מיט אַ היפּש פּעקל אין די הענט. וואַנדע האָט זיך ניט דערוועגט צו פרעגן, וווהין זי שלעפּט זיך מיטן קלומעק — וואַנדע האָט ווי אַלע אַנדערע געוווסט וועגן דעם שטרענגן באַ־פעל פון דער שטאָט־קאָמענדאַטור. נאָר פּראַדיע האָט זיך אַליין אָנגערופן:

— ווער ס'איז שיין, און איך בין קלוג... איך האָב אים אָבער געזאָגט מײַן אַקשן: לאָמיר לויפן, האָט ער ניט געוואָלט. איצט מוז איך זיך אַליין שלעפּן צופוס אַף יענער־וועלט...

— לעמיי זאָלט איר אַזוי אויסלייגן, מאַדאַם בולקינע?

— וואָס זשע, איך בין אַ בלינד פערד — איך זע ניט, איך פאַרשטיי ניט?!

— מע טײַנעט, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ מין עוואַקואַציע...

— נאָט אײַך אַ גראַשן פאַר דעם, וואָס מע זאָגט! מייער, מײַן כאַכעם, האָט זיך אָנגעטאָן

און איז ניט געסטײַעט... צוזאמען מיט זײַנעם א פרײַנטל, אויך א קאָוועל. און איך מוז גיין. כ׳מוז! וואָס וועל איך וואַרטן, ביז מע וועט מיך אף מײַן אייגענער שוועל מיימעסן — בא זיי איז דאָס גאַנץ איינפאַך! איז זאָל דאָס שוין בעסער געשען צווישן מענטשן.

וואַנדע האָט געוואָלט בא איר פרעגן, צי ווייסט זי עפּעס וועגן דאָדיקן, נאָר זי האָט א טראַכט געגעבן: עפּשער דאַרף גאָר קיינער ניט וויסן, אז ער איז געבליבן אין שטאָט. ניט צופעליק האָט אַגנעסע, איר מומעטשקע, פאַרטאָג א פרעג געטאָן:

— נו, און ער ווו איז? צי עפּשער האָט דער באַפעל צו אים קיין שײַכעס ניט?

— וואָס פרעגסטו בא מיר? פרעג בא אים. ביסט מיט אים צעקריגט?

— כ׳מיין, אז עס וועט שוין ניט אויסקומען זיך דערפרעגן. ער וועט אליין זיך סטאַרען ניט באַווײַזן זיך אין גאַס. און דו... און דיך בעט איך: שלאָג זיך אים אַרויס פון קאָפּ. סטאַרע זיך פאַרגעסן אָן אים, ווי ער וואָלט גאָר ניט געווען!

וואַנדע האָט זיך ניט געשטעלט אויסטײַנען מיט אַגנעסען, וועלכע האָט גאָר אָנגעהויבן זיך אויספּײַנען פאַר די שכיינים מיט איר ייִכעס. עס לאָזט זיך אויס, אז זי איז א שטיקל דײַטשקע, א מין פאָלקס־דויטשקע, צו וועלכע די ווערמאַכט באַציט זיך מיט א באַזונדער אַכ־טונג. און טאַקע ווײַל אזוי, פּאַסט איר ניט, אז די אייגענע פּלעמעניצע זאָל זיך פּלאָנטערן מיט אזא, וועגן וועלכע מע האָט אַרויסגעגעבן א ספּעציעלן שטרענגן באַפעל.

די סרייפע אף קרעשטשאַטיק, די אָנצאָליקע פאַרלוסטן, וואָס די דײַטשן האָבן געהאַט אין מעשעך פון דער איינער וואָך, וואָס זיי באַלעבאַטעווען אין קיִעוו, האָבן אף א באַזונדער אויפן זיי אופגעבראַכט. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אז פאַר די הונדערט טעג, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן דער „דראַנג נאָך אָסטען״, זינט דאָס דײַטשישע מיליטער האָט אַכזאָריעסדיק אַריבערגעטראָטן די גרענעץ פון ראַטנפאַרבאַנד, האָבן די אָקופּאַנטן פאַרלוירן פיל מער, ווי אינעם זיגרײַכן מאַרש איבער גאַנץ מײַרעוו־אייראָפּע און גרענעצלאָז איז געווען דאָס נע־קאָמע־געפיל בא די, וועמען דער פיורער האָט באַפולמעכטיקט אײַנשטעלן די נײַע אָרדענונג אין קיִעוו.

ווי עס וועט אויסזען די שטאָט בא דער נײַער אָרדענונג, האָט קיינער גענוי ניט געוווּסט. אייניקע האָבן געטײַנעט, אז די דײַטשן זײַנען א קולטורעל פאָלק און זיי וועלן זיכער פאַר־וואַנדלען די שטאָט אין א צווייטן בערלין. אַנדערע האָבן דערוויזן, אז ניט צופעליק האָבן זיי אָנגעהויבן דאָס נײַע בלעטל פון דער קיִעווער געשיכטע פון אַרויספירן די ייִדן. אָן זיי וועט געוויס גרינגער זײַן עטעמען. דער „זשידאָבאָלשעוויזם״ וועט מער ניט פאַרסאַמען די לופט פון דער באַפרײַטער שטאָט. די האַשאָרע האָט אַרויסגעזאָגט דער קאַצעוו וואַסיל גאַרקושאַ, וועלכער איז נעכטן געקומען צו אַגנעסען מיט א פולן קויש פּלעשער מיט טײַערע ווײַנען און מיט א גרויסן אָקסן־פוס, וועלכן ער האָט געבראַכט פון דער בויניע.

— כ׳מיין, אז פון אזא פוס קאָן מען מאַכן א גוטן כאָלאָדיעץ.

און נאָך האָט ער געבראַכט א זעקעלע זאַלץ:

— מע זאָגט, אז דאָס איז איצט די שענסטע מאַטאָנע — זייף און זאַלץ. דאָס איז שטענ־דיק אזוי בעשאַס א מילכאָמע.

— ווידער שרעקסטו מיך מיט מילכאָמע, — האָט זיך אף אים אַרופגעוואָרפן די מומע אַגנעסע. — אָט איז שוין אויס מילכאָמע, — האָט זי א מאַך געטאָן מיט די פולע הענט, אזוי ווי דאָס וואָלט געווען איר פּערזענלעך פאַרדינסט. — אויב קיִעוו האָט מען שוין אײַנגענומען און ניט הײַנט־מאָרגן וועט מען אָפּגעבן מאָסקווע, וואָס זשע וועט בא אונדז בלײַבן? — האָט אַגנעסע געפרעגט.

— ניט בא אונדז — בא זיי! — האָט זי וואַסיל פאַריכט. — בא אונדז וועט בלײַבן אַלץ, וואָס מע דאַרף, קעדיי גליקלעך זײַן. כ׳מיין, אז איצט וועט שוין וואַנדעלע ניט אָפּקערעווען די נאָז — וועט קליגער ווערן.

...לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ האָט געוואָלט מעכאַבעד זײַן וואַנדען מיט א גלאָז טיי, וואָס זי האָט נאָרוואָס אופגעזאָטן אפן פּרימוס, ווײַל דער עלעקטראָטשײַניק האָט ניט געאַרבעט, נאָר וואַנדע האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— הײַנט גלוסט זיך מיר גאָרניט: ניט עסן, ניט טרינקען...

— פאַרשפּאָרסט מיר דערציילן. מיט מיר קומט אויך פאַר דאָס זעלבע, און עפּשער נאָך ערגער. דו האָסט כאָטש א געזונטע מומע. און איך — א קראַנקן זיידן. וואָס וועל איך טאָן מיט אים? מיט וואָס וועל איך אים שפּײַזן?

— כ׳מיין, אז איר וועט זיך אָן אייצע געבן. א סאַך אַזעלכע אַרטיסטקעס האָבן זיי אַצינד?

איר האָט דאָך געהערט: מיר מוזן אופשטעלן די שטאָט... זיי וועלן אײַך ווי־עס־איז באַזאָרגן. וואָס טוט מען אָבער מיט לאַזעבניקן?

— וועלכן לאַזעבניקן? — האָט לאָרע ניט גלײַך פאַרשטאַנען וואָנדעס פראַגע.

— מיט דאָדיקן. ער איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. עפשער האָט מען אים שוין געפאַקט. ער איז דאָך... איר ווייסט דאָך, וואָס פאַר א פײַער דאָס איז.

אָזערנא האָט זיך געקווענקלט: צי זאָל זי זאָגן וועגן דעם, אַז זי ווייסט, ווו דאָדיק איז איצט; ווײַל ווער נאָך האָט געקאָנט וויסן, ווו ער דאַרף און מוז זײַן נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעפילט איר פאַרגעבונג. זי איז געווען די איינציקע, מיט וועמען דאָדיק האָט געהאַט א דירעקטע פאַרבינדונג. דאָס האָט זי, לאַריסא פאַוולאָוונא, אים איבערגעגעבן די צוויי פעקלעך אופרײַס־שטאָף, וועלכע ער האָט צוזאַמען מיט דעם שאָליעך פון דער „בערדיטשעווער מומע" אײַנגעפאַסט אין די ראַדיאָ־אופנעמערס, וועלכע זיי האָבן מיט א באַזונדער פלײַס אָפגעטראָגן אינעם פאָקהאַוז פון דער „קינדער־וועלט".

בייס דער לעצטער באַגעגעניש מיטן באַפולמעכטיקטן איוואַן איוואַנאָוויטשן איז געווען אָפגערעדט, אַז די, וואָס בלײַבן אין שטאָט, דאַרפן זיך זעלטן באַגעגענען, און בעשום־אויפן ניט זייער פאַרטרויען יעדן איינעם, וועלכער וועט אַרויסווײַזן זײַן אומצופרידנקײַט מיט דער נײַער אָרדענונג, ווײַל עס קאָן גאַנץ מעגלעך זײַן, אַז צווישן יענע זאָלן זײַן פּראָוואָקאַטאָרס. דערבײַ האָט איוואַן איוואַנאָוויטש געזאָגט, אַז גוט וואָלט געווען, ווען לאַריסא פאַוולאָוונא זאָל האָבן איינע, ניט מער ווי צוויי כאַווערטעס, אָף וועלכע זי וואָלט זיך געקאָנט פאַרלאָזן. אָזערנא האָט דעמלט א טראַכט געטאָן, אַז גראַדע וואָנדע קאָן זײַן איינע פון די צוויי. דערצו נאָך, אויב נעמען אין אַכט איר באַציִונג צו דאָדיקן.

אָבער זאָגן איר שוין, באַלד, ווו ער געפינט זיך, האָט לאָרע נאָך ניט באַשטימט.

און דאָדיק איז געווען באַם אַלטן באַקאַנטן, בא דעם בעסוילעם־וועכטער. נאָך דעם ערשטן אופרײַס אָף קרעשטשאַטיק האָט ער געזאָלט נעלעם ווערן; דאָס פאַסיקסטע אָרט, האָט ער באַשטימט, איז דאָרט, ווּהין קיינער קומט איצט ניט מאַזקיר נעשאָמע זײַן. וועמען וועט פאַלן אָפן סייכל זוכן די אונטערגײַסער צווישן די מאַצייוועס.

נאָר אין עטלעכע טעג אַרום איז גראַדע דאָ, דערנעבן, בישכיינעס מיטן קריסטלעכן און ייִדישן הייליקן אָרט, געוואָרן דאָס אָרט פונעם אָפענעם קייווער פאַר צענדליקער און צענדליקער טויזנטער אומשולדיקע נעשאָמעס.

דאָדיק האָט ניט באַוויזן איבערצולייענען דעם באַפעל וועגן דעם זאַמלפונקט אָפן ראָג פון מעלניקאָוו און דעכטיאַראָווער גאַסן. ער האָט דעמלט איבערגענעכטיקט באַם וועכטער, וועלכער האָט צו אים אַרויסגעוויזן אופריכטיקע זאָרג, ווי אַן אייגענער. די געבראָטענע קאַרטאָפל און דאָס קריגעלע ציקאָריע מיט ציגענער מילך — דער אַלטער האָט פאַרמאָגט צוויי ציגן — דאָס ריפּטעלע צוגעפרישטע ברויט, באַשאָטן מיט זאַלץ, האָט דאָדיקן דערמאָנט אין דער מאַמען, וועלכע פלעגט מיינען, אַז דאָס געשמאַקסטע געקעכץ איז א געבראָטענע קאַרטאָפל... דער סאָף סענטיאַבער־פרימאָרגן איז געווען א קילבלעכער. דאָדיק האָט זיך געשלאָגן מיט דער דייע, צי דאַרף ער איצט באַלד באַזוכן דעם דרײַצנטן באַצירק און עפשער א ביסל צוראַמען דער מאַמעס קייווער. נאָר פלוצעם האָט ער דערהערט א ווײַטן רויש פון א גרויסן האַמוין. ער האָט געוואָלט זיך א וואָרף טאָן אַהין, א קוק טאָן, וואָס קומט עס פאָר, נאָר דער וועכטער האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט:

— זיץ אײַן! צו דיר האָט עס קיין שײַכעס ניט! מע וועט זיך דאָרטן אָן דיר באַגיין.

דאָדיק האָט ניט דערווידערט. דאָס האַרצרײַסנדיקע שוידערלעכע געשריי און קוויטשערײַ האָט געהאַלטן אין איין שטײַגן. דערנאָך האָט זיך דערטראָגן דער אָפהילך פון א שיסערײַ. דאָדיקן איז שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס קומט דאָרט פאָר. צוערשט זײַנען דאָס געווען איינצלנע ביקסן־שאָסן, דערנאָך — א שיסערײַ פון אַווטאָמאַטן, וואָס האָט איבערגעשטיגן די יעלאָלע און דעם געשריי פּון די אָף טויט איבערגעשראָקענע און צום טויט פאַרמישפּעטע טויזנטער און טויזנטער קאָרבאָנעס.

וועגן דעם, אַז דאָדיק לאַזעבניק איז א ייִדיש קינד, האָט זיך דער בעסוילעם־וועכטער פאַרשפּאָרט אָנשטויסן... דאָך, ווען דער אומגעריכטער גאַסט איז בא אים געבליבן אָף נאַכט, האָט ער אים ווי אונטערוועגנס געפרעגט:

— ווי זשע רופט מען דיך? לאָמיך כאָטש וויסן דײַן נאָמען...

— ביז איצט האָט מען מיך גערופן דאָדיק, דאָווידקע.

— דאָווידקע טויג ניט! לויטן אויסזען ביסטו ניט זייער ענלעך אָף קיין ייִדישן באָכער, איז עפשער וואָלסטו זיך ביז וואָס־ווען פאַרביטן דעם נאָמען...

— ווי, אַשטייגער?

— לאָמיר זאָגן: איוואַן, אָדער סטעפּאַן... ניין, טאַקע בעסער איוואַן, ווי מײַן פלעמעניק רופט מען — וואַניאַ.

— זאָל זײַן וואַניאַ — וואָס פאַרא נאַפּקעמינע. דעם פּאַספּאָרט האָב איך סײַוויסײַ ניט גע־נומען מיט זיך.

— איז דאָך אוואַדע גוט! וועסטו בײַ מיר הייסן וואַניאַ. און אויב עמעצער וועט בײַ דיר פרעגן, ווער דו ביסט, זאָלסטו זאָגן: מײַן פלעמעניק.

צו אַ נײַעם נאָמען, זאָגט מען, איז שווער זיך צוגעוווינען, אָבער נאָך שווערער איז געווען צו געפינען זיך בישכיינעס מיטן גענעם, וואָס האָט טאָג ווי נאַכט געבושעוועט ניט ווײַט פונעם הייליקן אָרט.

ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום — מיטוואָך צי דאָנערשטיק — האָט לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ זיך מעיאַשעוו געווען און געזאָגט:

— הער זיך אויף פײַניקן און איבערטראַכטן, דײַן דאַדיק איז אַף אַ זיכער אָרט.

— פונוואַנען ווייסט איר, טײַערע לאַרעטשקע? — האָט זיך וואַנדע שיר ניט צעוויינט, — פונוואַנען ווייסט איר און פאַרוואָס זשע שווײַגט איר?

— אַף ביידע דײַנע פראַגעס וואָלט איך דיר עפּשער ניט געענטפערט, ווען איך באַשטים ניט בײַ זיך זאָגן דיר דאָס, וואָס דו וועסט באַלד הערן.

וואַנדע האָט פאַרטײַעט דעם אָטעם. זי האָט געוווסט פון די באַגעגענישן מיט אַזערנען, אַז דאָס איז אַן ערנסט, אַ צוריקגעהאַלטן מיידל, בײַ וועלכער יעדעס וואָרט איז גוט דורכגע־טראַכט, אויב ניט זאָגן, פּינקטלעך אויסגערעכנט. וואָס זשע אַזוינס וועט זי איר באַלד זאָגן? לאַרע האָט אַרופגעלייגט ביידע הענט אַף וואַנדעס אַקסלען:

— איז אָט, וואַנדע טײַערע, ביז הײַנטיקן טאָג האָב איך ניט קיין רעכט געהאַט דיר אַנט־פּלעקן דעם סאָד. הײַנט קאָן איך דיר זאָגן, אַז אי איך, אי דאַדיק זײַנען דאָ אין שטאָט געבליבן ניט צופעליק. האָסטו עס פאַרשטאַנען?

— כ'הייב ערשט אָן צו פאַרשטיין, לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ. נו־נו, רעדט, און וואָס וועט זײַן ווײַטער?

— ווײַטער? וואָס וועט זײַן ווײַטער, דאָס קאָן איך דיר פּינקטלעך ניט זאָגן. אין דער נעכטיקער צײַטונג, אָט, זע, — האָט לאַרע דערלאַנגט דאָס בלעטל, וואָס מע האָט איר גאַנצע פרי אַרײַנגעשטופּט אין האַנט. — לייען, לייען! אָט דאָ, אָט די מעלדונג...

וואַנדע האָט איבערגעלייענט:

„אַלע מאַנצבלען אין עלטער פון 15 ביז 60 יאָר זײַנען מעכוייעוו זיך מעלדן אין די וווי־נונגס־פאַרוואַלטונגען פון זייער באַצירק. ווער עס וועט סאַבאָטירן דעם באַפעל, וועט באַ־שטראָפט ווערן מיט טויט.

— דאָרט, ווו ער געפינט זיך, — האָט לאַריסע געזאָגט, — איז מעגלעך ניטאָ אָט די צײַ־טונג. אָבער דאָס באַפרײַט אים ניט פון אויספילן דעם באַפעל. מע קאָן אים פאַקן אין גאַס און ווי זיי וואָרענען — דערשיסן. איז אָט, טײַערע, וועסטו מוזן אים איבערגעבן די נײַס. גע־פינען וועסטו אים אַפן הייליקן אָרט, בײַ דעם אַלטן וועכטער. דעם וועג צום בעסוילעם ווייסטו.

— געוויס! מיר האָבן גאָר ניט לאַנג צוזאַמען מיט אים באַזוכט זײַן מאַמעס קייווער.

— איז דאָך אוואַדע גוט! טו זיך איבער, וואַרף אַף זיך אַרויף אַן אַלט שאַלעכל און גיי. אויב עמעצער וועט דיך פרעגן צו וועמען גייסטו, זאָלסטו זאָגן צום פעטער — דער אַלטער וועכטער איז דײַנער אַ פעטער.

— לאָמיר כאָטש וויסן ווי מע רופט אים, מײַן פעטער.

— אַניסים רופט מען אים, אַניסים דערקאַטש...

— און וואָס דאַרף איך זאָגן דאַדיקן?

— גיב אים איבער אַ גרוס פון דער „בערדיטשעווער מומע" און אָט די צײַטונג. און זאָג, אַז אַף אַ געוויסער צײַט דאַרף ער פאַרלאָזן די שטאָט.

— עס רעדט זיך אַזוי: פאַרלאָזן, — האָט וואַנדע אַ קרעכץ געטאָן, — די שטאָט איז דאָך באַלאַגערט.

— נישקאָשע. לאַזעבניק וועט זיך געבן אַן אײַצע!

דער אײַזערנער בעסוילעם־טויער איז געווען פאַרשפּאַרט, פּונקט ווי עמעצער וואָלט אַרויסגעגעבן אַ נײַעם באַפעל ניט אַרײַנלאָזן אַהער קיינעם, ווער עס האָט שוין פאַרענדיקט זײַן שווערן וועג אַף דער פאַרבלוטיקטער און געפּײַניקטער ערד.

דער אַלטער אַניסים דערקאַטש האָט זי באַגעגנט אַ פאַרכידעשטער:

— וואָס, אַשטייגער, דאַרף אַזאַ פײַנע באַרישניע אַפן ייִדישן בעסוילעם?

— אייגנטלעך, דאַרף איך ניט אַפּן בעסוילעם. איך דאַרף צו אײַך פּערזענלעך, פּעטערל אַניסים.

— דו ווייסט אַפילע ווי מע רופט מיך? — האָט ער אַ הייב געטאָן זײַן שווערן הוט.

— איך ווייס ניט נאָר דאָס, פּעטערל אַניסים, — האָט זי צו אים ליב אַ שמייכל געטאָן. — איך ווייס אויך, אַז איר האָט אַ גאָלדן האַרץ און אַז בא אײַך אונטערן דאַך געפינט זיך אַ טײַערער כעווערמאַן.

— מײַן פּלעמעניק, ווילסטו זאָגן, וואַניע? יאָ, ער איז געקומען צו מיר צוגאַסט. דאַרפסט אים האָבן?

— זייער! און טאַקע באַלד.

— איז וועל איך אים אַ רוף טאָן. — און דער אַלטער האָט ניט איבעריקס הויך אויסגערופן:

— וואַניע, קום נאָר אַהער, וואַניע!

וואַנדע האָט אים קוים דערקענט. אַן אויסגעמאָגערטער, אַ בלייכער, האָט דאָדיק געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ פאַרוואָרלאָזטן, לאַנג ניט געוואַשן ייִנגל אין אַ פּאָר שטרויענע פּאָסטעלעס אַף די פיס, אין אַ פאַרשמאָלצעוועט קאַשקעטל, וואָס האָט קימאַט פאַרדעקט זײַן הויכן שטערן. פון אונטערן דאַשעק האָבן געקוקט זײַנע מידע, פון די שלאָפלאָזע נעכט, אויגן. דאָדיקס אויגן! וואַנדע האָט אַזוי ליב געהאַט אַרײַנקוקן אין זײַנע טונקל־בלויע אויגן. זי פלעגט זיי ניט ווילנדיק פאַרגלײַכן מיט די גרויסע כוצפּעדיקע וואַסיל גאַרקושעס קוקערס, און וועלכע עס איז געווען אי רעציכע, אי ניט פאַרשטעלטע סינע.

אַ ווײַלע זײַנען זיי געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן. וואַנדע האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דאָדיק האָט אומיסטן פאַרביטן זײַן נאָמען און האָט אַפילע ניט געפרוווט איבערצײַגן דעם אַלטן אַניסים, אַז וואַניע איז ניט וואַניע, נאָר טאַקע איר דאָדיק לאַזעבניק.

— ווו ביסטו עס פאַרפאַלן געוואָרן? — האָט זי אים דערלאַנגט איר קאַלטע האַנט.

— בא מײַן פּעטער אַניסים ווערט מען ניט פאַרפאַלן! — האָט ער אַ ווונק געטאָן, ווי איינער רעדט: פאַרשפּאָרסט זיך דערפרעגן, אַלץ איז אין אָרדענונג. קום אַרײַן, קום אַרײַן וועל איך דיר אַלץ דערציילן.

וואַנדע האָט אים דערלאַנגט די צײַטונג. אַף דער ערשטער זײַט האָט זיך אים גלײַך געוואָרפן אין די אויגן דאָס קעפּל פון געציילטע ווערטער:

דער גרעסטער סוינע פון פאָלק איז דער זשיד!

— וואָס ווילסטו דערויף זאָגן?

— וואָס פּרעגסטו?!

— וואַסיל גאַרקושעס וווּ ערטער...

— ווען נאָר גאַרקושעס! איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז כּוץ אים זײַנען נאָך פֿאַראַנען גענוג אַזעלכע, וואָס טראַכטן פּונקט אַזוי.

— דײַן מומעס אַגנעסע, צום בײַשפּיל.

— וועגן מײַן מומעטשקע איז ניטאָ וואָס צו ריידן! ניט קעדײַ זי צו דערמאָנען.

— קעדײַ צי ניט קעדײַ, דאָס איז אַן אַנדער זאַך. זאָג מיר בעסער, פֿונוואַנען האָסטו זיך דערוווּסט, ווו איך בין?

— די מומעס פֿון בערדיטשעוו האָט מיר געגעבן צו וויסן...

ערשט אַצינד האָט זיך דאַדיק אַנגעשטויסן, אַז ניט אַלץ האָט ער געוווּסט וועגן וואַנדען. עס האָט אים אַפֿילו דערפֿרייט, וואָס זי האָט פֿון אים אויסבאַהאַלטן איר פֿאַרבינדונג מיט לאַרען. האָט ער, הייסט עס, ניט קיין טאָעס געהאַט, ווען ער איז טיף אין האַרצן איבערצײַגט געווען, אַז זי איז אַן עמעסע, אַ געטרײַע קאָמסאָמאָלקע, און אַז ניט צופֿעליק האָט זיי דער גורל פֿאַרייניקט ניט נאָר צוליב דעם טרעפֿן זיך אינעם מיניאַטיור־טעאַטער און ניט נאָר דערצו, זיי זאָלן דורך די נעכט טראַכטן איינער וועגן צווייטן, ליב האָבן איינער דעם אַנדערן.

ניט אומזיסט האָט אַנאַטאָלי בײַסן צעשיידן זיך מיט דאַדיקן געזאָגט: „עפּשער וועט מיר ווען־ניט־איז אויסקומען פֿאַרקערעווען קיין ליסאָוווע...‟ דער אַטריאַד, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט סאָף סעפּטיאַבער ניט ווײַט פֿון קיִעוו און ווו אַנאַטאָלי לאַזעבניק איז באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָליטקאָמיסאַר, אַלס אָנפֿירער מיט די, וואָס זײַנען געצוווּנגען געווען פֿאַרבלײַבן אין אָרומרינגלונג, האָט ניט לאַנג געקאָנט עקזיסטירן. אָן געוווער און אָן שפּײַז. די פֿאַרבינדונג מיט דער טייל, וואָס איז אין די לעצטע שלאַכטן פֿאַר קיִעוו צעשמעטערט געוואָרן, איז איבערגעריסן געוואָרן. דער געפּרוווטער אַנאַטאָלי לאַזעבניק האָט שיר ניט געווײַנט, ווען ער האָט זיך געוועגט צו זײַנע מיטגייער.

— וואָס קאָן איך אײַך אײַנצערעדן? דער איינציקער וועג איז זיך פּרוּוון דורכרײַסן דורכן פֿראָנט. אָבער ניט אַלע צוזאַמען, יעדער באַזונדער. עפּשער וועט כאָטש אַ טייל פֿון אונדז געלינגען ניט אַרײַנפֿאַלן אין געפֿענקעניש.

געמיינט האָט אַנאַטאָלי גלײַך זיך דורכרײַסן צום אייגענעם דאָרף ליסאָוווע. ער, אַנאַטאָלי, האָט זיך ניט געקאָנט מויכל זײַן, לעמײַ ער, דער עלטערער ברודער, האָט ניט געפֿויעלט בײַ דאַדיקן, יענער זאָל זיך וואַקויִרן צוזאַמען מיטן זאַוואָד. אַנאַטאָלי וועט זיך קיינמאָל ניט מויכל זײַן און קיינער פֿון די לעבנגעבליבענע וועט אים ניט מויכל זײַן, אויב דאַדיק וועט אומקומען.

עס זײַנען שוין דורך צוויי וואָכן, זינט די דײַטשן האָבן באַלעבאַטעוועט אין שטאָט. אַ פֿאַרוואַקסענער מיט אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד, אין אַ לאַנגן ברעזענטענעם רעגנמאַנטל, מיט אַ גראָבן שטעקן אין האַנט, האָט ער זיך מיט גרויסע שוועריקײַטן דערקליבן אויף פּאָדאָל און פֿון דאָרט מיט די הינטערגעסלעך אויף שוליאַווקע, ווו עס האָט געלעבט זײַנער אַן אַלטער פֿרײַנט, אויך אַ מעטאַליסט פֿונעם זאַוואָד.

צוויי וואָכן — און ס'איז ניט צו דערקענען דעם געוועזענעם דירעקטאָר פֿון דער בײַ־שטאָטישער ווירטשאַפֿט. אים האָט זיך געוואָלט אַ שמועס טאָן מיטן איינפּוסיקן קאָניוך טימאָ־פֿיי דאַנילאָוויטש, וועלכן ער האָט איבערגעלאָזט אין דער באַלעבאַטישקײַט. באַם געזעגענען זיך מיט אים האָט טימאָפֿיי דאַנילאָוויטש שיר ניט געוויינט:

— איר פֿאַרשטייט, אַנאַטאָלי באָריסאָוויטש, די ערד אונדזערע איז דאָך ניט שולדיק... מע טאָר ניט פֿאַרניכטן אַלץ, וואָס עס בלײַבט דאָ.

— דאָס איז ניט נאָר מײַן באַפֿעל, טימאָפֿיי דאַנילאָוויטש.

— דאָס פֿאַרשטייען מיר. גוט, מירן פֿאַרניכטן! כאָטש דאָס איז, לויט מײַן מיינונג, אַ גרויסער פֿאַרברעכן. ברויט טאָר מען ניט פֿאַרניכטן...

אַזוי האָבן זיי זיך געזעגנט.

און אַט האָבן זיי זיך באַגעגנט. טימאָפֿיי דאַנילאָוויטש איז געווען אין הויף, ווען אַנאַ־טאָלי, אַן איבערגעטאָנענער, אַן אָפּגעלאָזטער, האָט זיך באַוויזן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער זעט אים ניט. ווי אַפּצולאַכעס איז דער טאָג געווען ניט ווי עס פּאַסט פֿאַר אָנהייב אָקטיאַבער — אַ זוניקער, אַ וואַרעמער. עס האָט זיך געפֿילט, אַז די באַלעבאַטישקײַט איז דאָ פֿאַריאָסעמט און פֿאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. עס איז שוין דאַפֿקע געקומען אַהער איינער פֿון מײַרעוו־אוקראַינע, אַ געוועזענער באַלעגוף מיט אַ מאָדנעם נאָמען באַגומיל פּאָליקאַרפּאָוויטש, וועלכער האָט געמאָלדן, אַז פֿון הײַנט אָן וועט ער דאָ דער באַלעבאָס. נאָר קיינער פֿון די

געבליבענע האָט אים ניט געוואָלט קענען. דער ערשטער, מיט וועמען עס איז אים אויסגעקומען זיך צוזאמענשטויסן, איז טאַקע געווען דער קאָניוך טימאָפיי דאנילאָוויטש...

— כ׳מיין, אז דו פארשטייסט, און אויב דו פארשטייסט ניט, וועל איך דיר געבן צו פארשטיין, אז עס ווערט איינגעפירט א נײַע אָרדענונג.

— דאָס פארשפאָרט איר מיר געבן צו פארשטיין, — האָט טימאָפיי דאנילאָוויטש געזאָגט, — כ׳בין מיט א פאָר יאָר עלטער פון אײַך.

— עלטער הייסט אָבער ניט קליגער. האָסטו דיר איינס. און צווייטנס, לערן זיך אויס שווײַגן, ווען דער באלעבאָס זאָגט ארויס זײַנע געדאנקען.

טימאָפיי האָט זיך קוים אײַנגעהאלטן, אָבער ניט געענטפערט.

— און נאָך זאָלסטו פארגעדענקען, אז יעדער פרווו מיר דערווידערן וועט ווערן אויסגעטײַטשט ווי סאבאָטאזש. וואָס דאָס איז פארשטייסטו?

טימאָפיי האָט ווי אפצולאָכעס געשוויגן, און דאָס האָט נאָך מער געבייזערט באָגומילן.

— כ׳פרעג: וואָס סאבאָטאזש הייסט ווייסטו? ענטפער!

— איך וואָלט אײַך געענטפערט, פּאני...

— באָגומיל פּאָליקארפּאָוויטש רופט מען מיך.

— נאָר וואָס וועל איך זיך מיט אײַך שטעלן אויסטײַנען? דער פריערדיקער באלעבאָס פון דער ווירטשאפט, דער דירעקטאָר, הייסט עס, פלעגט מיך ניט שרעקן, כאָטש ער איז אויך געווען א קאָמפּמענטש. מיט שרעק דערגרייכט מען בא אונדז גאָרניט... איך בין שוין א געשראָקענער און א געליטענער, א געקריפּלטער און א געשניטענער... וואָס קאָנט איר מיר טאָן? מיך הארגענען? ווער זשע וועט אײַך באדינען, כ׳מיין, אײַך און די ווירטשאפט? איז רעדט בעסער מיט מיר מיט גוטן, פּאני באָגומיל.

באָגומיל פּאָליקארפּאָוויטש האָט מוירע געהאט נעכטיקן אין דער ווירטשאפט. ער פלעגט קומען אהער אף א פערד־און־וועגעלע פון שטאָט אזייגער אכט־נײַן. באנאכט איז דאָ טימאָפיי געווען אי דער באלעבאָס, אי דער וועכטער.

— זעט נאָר, אנאטאָלי באָריסאָוויטש, — האָט ער שיר ניט אויסגעשריגן, — עס איז דאָך אײַך פראָסט ניט צו דערקענען!

— איז דאָך גוט! — האָט אנאטאָלי צום ערשטן מאָל פאר די צוויי וואָכן אפדערעמעסן זיך צעלאכט. — וואָס ווייניקער מע וועט מיך דערקענען, אלץ בעסער איז! דערקענען דארפן מיך נאָר די, וועמען איך קאָן פארטרויען אזוינס, וואָס מע פארטרויט אמאָל אפילע קיין ברודער ניט.

— זײַט זשע זיכער, אז איך בין אײַך געטרײַער פון א ברודער.

— ווען כ׳וואָלט אין דעם געצווייפלט, וואָלט איך ניט געקומען צו דיר, טימאָפיי דאנילאָוויטש.

דער קאָניוך האָט אים מעכאבעד געווען מיט א טעפּעלע פרישער מילך, אים אויסגעבעט א געלעגער אין דער אלטער שטאל, וואָס האָט געשמעקט מיט פאראיאָריקן היי. אנאטאָלי האָט זיך אײַנגעקוקטעט אינעם אלטן שווערן שאָפּענעם פעלץ און איז נאָך די צוויי וואָכן בלאָנקעניש און וואָגלעניש געשמאק אנשלאָפן געוואָרן.

מער פון אלץ האָט טימאָפיי דאנילאָוויטש מוירע געהאט, אז באָגומיל פּאָליקארפּאָוויטש זאָל זיך צופעליק ניט אנשטויסן אפן אוירעך. אלס נײַער באלעבאָס האָט ער זיך צוגעקוקט צו דער באלעבאטישקײַט. אלץ, וואָס מע האָט ניט באוויזן פארניכטן, האָט מען געמוזט נעמען אפן דיסקאָנט און אכטונג געבן, מע זאָל עס ניט צעשלעפּן. די דײַטשישע קאָמענדאנטשאפט האָט געגנוג שפּײַז — א העלפט אייראָפּע באזאָרגט זי מיט געווער, מיט פּראָדוקטן. דאָך האָט מען אין זינען געהאט, אז די בײַשטאָטישע ווירטשאפט קאָן באזאָרגן מיט פרישן גרינס און מיט מילכיקס.

אין אָוונט, ווען באָגומיל האָט זיך שוין געקליבן צוריק אין שטאָט, האָט זיך אים פארגלוסט אויסשפּרייטן די בריטשקע מיט א ביסל שמעקנדיקן היי. ער איז ארײַן אין שטאל. בא טימאָפיי דאנילאָוויטשן האָט זיך מאמעש אָפּגעריסן דאָס הארץ — מער פעלט אים ניט, מע זאָל נאָך געפינען בא אים א באהאלטענעם ייִדן. א שטיקל מיספארשטייעניש איז שוין צווישן טימאָפיי דאנילאָוויטשן און באָגומילן פאָרגעקומען. אפן צווייטן טאָג פון זײַן באווײַזן זיך אין דער ווירטשאפט האָט יענער באמערקט, אז דער איינפוסיקער קאָניוך באשעפטיקט זיך מיט טויבן. ס׳הייסט, די גאנצע באשעפטיקונג איז באשטאנען אין דעם, וואָס ער פלעגט פון זייערט וועגן צוגרייטן א ביסל שפּײַז. ער איז פון קינדווײַז אָן פארליבט געווען אין זייער וואָרקערײַ. ער האָט געקאָנט שאָענווײַז מיט זיי ריידן און איז גרייט געווען שווערן, אז די טויבן פארשטייען אים.

— זײַט װיסן, דאַבראַדי, — האָט באַגומיל זיך געװענדט צו אים, ניט אָנרופנדיק באַם נאָמען, — זײַט װיסן, אַז פֿון מאָרגנדיקן טאָג זאָל איך דאָ, אין מײַן באַלעבאַטישקײַט, ניט זען קײן סימן פֿון קײן טױבו!

— װאָס הײסט עס, דאָבראַדי באַגומיל פּאַליקאַרפּאָװיטש?

— דאָס הײסט, אַז לױטן באַפֿעל פֿונעם הער גענעראַל־מאַיאָר עבערהאַרדט מוזן אַלע טױבן פֿאַרניכטעט װערן. װער עס װעט ניט אױספֿילן דעם באַפֿעל, װעט צעשאָסן װערן.

— װאָס שטערן אײַך די טױבן, װאָס פֿאַר אַ געפֿאַר שטעלן זײ פֿאָר?

— איך האָב דאָך שױן אײַך געװאָרנט און דערקלערט, אַז פֿרעגן האָט די רעכט דער, װאָס רעגירט, און ניט דער, װאָס איז אונטערטעניק. און שלוס!

— װי זשע האָרגעט מען עס אַװעק די שטילסטע און די רױקסטע פֿון די פֿײגלען? — האָט דער קאַניוך ניט געקאָנט באַנעמען דעם באַפֿעל. ער האָט מיט אומגעדולד געװאָרט אױף דער גליקלעכער מינוט, אַז דער דאָבראַדי באַגומיל זאָל שױן אַװעקפֿאָרן אין שטאָט.

אַנאַטאָלי האָט געהערט זײער געשפּרעך מיט אַ פֿאַרטײַעטן אָטעם. ער האָט גוט געװוּסט פֿון אַ צװײטער קאַטעגאָרישער פֿאַראָרדענונג פֿונעם שטאָט־קאָמענדאַנט הער עבערהאַרדט: עס װערט שטרענג פֿאַרבאָטן דער אַרײַנפֿאָר אין קיִעװ פֿון אַלע, װאָס װױנען ניט אין שטאָט. װער עס װעט װױנען אין קיִעװ אָן אַ דערלױבעניש ביזן 15 אָקטיאַבער, װעט װערן שטרענג באַשטראָפֿט. די דאָזיקע פֿאַראָרדענונג, צוזאַמען מיט אַ רײ אַנדערע פֿאַרענונגען זײַנען מיט גרױסע אױסיִעס געדרוקט געװען אין דער נײַער אוקראַיִנישער צײַטונג און אין די באַפֿעלן, װאָס זײַנען צעהאָנגען געװען אױף די װענט און טױערן פֿון שטאָט און פֿאַרשטאָט.

דעם פּאַרטײ־בילעט און אַנדערע דאָקומענטן האָט אַנאַטאָלי באַגראָבן. מע האָט געמוזט ערגעץ־װוּ קריגן נײַע דאָקומענטן, און דאָס האָט אים טאַקע געהאָלפֿן טימאָפֿײ דאַנילאָװיטש, װעמענס טאָכטער עס האָט איצט געאַרבעט אין דער קאָמענדאַטור אַלס איבערזעצערין.

זײַן נאָמען איז געבליבן דער זעלבער — אַנאַטאָלי, די פֿאַמיליע — לױטן פּאַק — ליװאַרני, עס איז נאָר אױסגעקומען ענדערן דאָס יאָר פֿון געבױרן, עלטער װערן אױף גאַנצע צװאַנציק יאָר. די געדיכטע שװאַרצע באָרד, װאָס איז באַ אים פֿון גרױס איבערלעבעניש היפּש גראָ געװאָרן, די גרױסע קוטשמע האָר, װאָס האָט מאַמעש פֿאַרדעקט דעם שטערן, דאָס אַלץ האָט געזאָלט באַשטעטיקן, אַז אַנאַטאָלי ליװאַרני איז אַ זאַקן פֿון העכער זעכציק יאָר. דאָס, װאָס ער איז אױסגעװאַקסן אין אַ דאָרף, דער אױפֿן פֿון ריידן מיט שפּריכװערטלעך, אַלץ, אַלץ איז אים צונוץ געקומען. מיט אַ נײַעם פּאַס און מיט עטלעכע דײַטשישע רײַכסמאַרקעס אין קעשענע, װעלכע מע האָט אײַנגעפּירט גלײַך װי די װערמאַכט האָט פֿאַרנומען קיִעװ, איז ער אַװעק פֿון דער װירטשאַפֿט זוכן זיך אַן אַרבעט, אױף װעלכער מע װעט זיך צו אים ניט זײער צוקוקן.

טימאָפֿײ דאַנילאָװיטש האָט געהאַט אַ פּרײַנטל איװאַן באָנדאַ, װעלכער װױנט אױף דער באַרשטשאַגאָװער גאַס, גאָר ניט װײַט פֿון דער װירטשאַפֿט. באָנדאַ האָט גוט געקענט דעם פֿרײַלעכן דירעקטאָר לאַזעבניק. ער האָט זיך ניט אײן מאָל געהאַט באַגעגנט מיט אים הינטער דער שטאָט, אָבער אַנאַטאָלי האָט זיך אַזױ געענדערט, אַז איװאַן באָנדאַ האָט אים לאַכלוטן ניט דערקענט; באָנדאַ איז געװען אַן אומפּאַרטײיִשער, האָט פֿײַנט געהאַט זיך מישן אין קאָהאָלשע געשעפֿטן, ער האָט זיך געגעבן אַ װאָרט שטײן אין אַ זײַט, ניט אַרײַנדרינגען אין די פּאָליטישע פֿראַגן. אײנס איז אים קלאָר געװען: דער דײַטש װעט ברעכן דעם קאָפּ, ער װעט באַקומען אַ מאַפּאָלע, מע דאַרף נאָר אַ ביסל האָבן געדולד. און געדולד האָט ער, אַ געדולד און אַ רײנעם געװיסן. אײַנשטעלן דעם קאָפּ פֿאַר אַנאַטאָלין װעט ער ניט, אָבער מיטהעלפֿן אים אין אַ נױט איז זײַן כּיװו. אַזױ לערנט אים אױך זײַן גלױבן, װאָס זאָגט, אַז אַלע מענטשן זײַנען גלײַך און מוזן אײנס דעם צװײטן באַהילפֿיק זײַן.

איװאַן באָנדאַ װאָלט עפּשער אַלײן ניט געקאָנט עפּעס װיכטיקס טאָן פֿאַרן געװעזענעם דירעקטאָר. ער האָט אָבער געהאַט אַ גוטן פֿרײַנט, װעלכער האָט דאַפֿקע אַנאַטאָלין ניט געקענט, נאָר ער איז פֿאַרבונדן געװען מיט אײניקע אַזעלכע לײַט, װעלכע האָבן געמוזט װיסן, װיאַזױ אים מיטצוהעלפֿן. צװישן זײ איז געװען אײנער אַ שװאַרצאַרבעטער אױף דער טאַרע־באַזע. זײַן װײַב האָט געהאַט פֿאַפּירן פֿון אַ פֿאָלקס־דױטשקע. אין אַ צײַט אַרום האָט זיך איר אײַנגעגעבן אײַנאָרדענען דעם מאַן אױף דער אַרבעטס־בירזשע און טאַקע װײַל ער איז קימאַט אַ פֿאָלקס־דױטש האָט מען אים געמאַכט פֿאַר אַ שטיקל אינספּעקטאָר.

אַ קאַרטל פֿון דער אַרבעטס־בירזשע האָט געקאָנט פֿאַרבײַטן אַ פּאַספּאָרט. טאַקע אַזאַ קאַרטל איז צונוץ געקומען דאַדיקן די ערשטע צײַט. ער האָט אָבער גאָר גיך געמוזט פֿאַרשװינדן װערן, װײַל זײַן גרעסטער סוינע װאַסיל גאַרקושאַ האָט פֿאַרלאָזט די אַרבעט אױף דער

בוניע, זיך איינגעאָרדנט אין דער פּאָליציי; מע האָט אים אַרויסגעגעבן אַ שוואַרצע אוני־פאָרם, געווער, אַ היטל מיט אַ האַרטן דאַשעק.

אָן אויסגעפּוצטער און אַ ביסל אַ שיקערלעכער, איז ער געקומען צו אַגנעסען, וואָס האָט זיך שוין אַריבערגעקליבן אין דער גרעאַמער דירע פון די לאַזעבניקעס.

— וואָס זשע, אויס קאַצעוו, און אויס אַקסן און כאַזיירים?

— אויס! ווייל וויפל איז דער שיר זיך פּאַרען מיט פליייש און בלוט?

— וויפל זשע ווערסטו כאָטש באַקומען? — האָט אים אַגנעסע געפרעגט.

— דריי הונדערט רייכסמאַרקעס! — האָט וואַסיל שטאָלץ געענטפערט.

— וויפל הייסט עס, ווערליק אַף אונדזער געלט?

— אונדזער געלט? פאַרגעסט, איך בעט אייך, אין „אונדזער געלט“! אונדזער געלט האָט איצט קיין שום ווערט ניט. סיידן באַקלעפּן דערמיט די ווענט. די מאַרקע — אָט דאָס איז אַ זאַך! כ'מיין, אַז כוץ די דריי הונדערט, וועל איך נאָך עפּעס האָבן. יעדנפאַלס איז דאָס אַ בעקאַוועדיקע שטעלע!

— און איך האָב געמיינט, אַז דו ווערסט מיך נאָך קאָנען אונטערהאַלטן מיט אַ פּאָר פּיס פּאָר אַ כאַלאַדיעץ, מיט אַ לונג־און־לעבער...

— אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. איצט איז דאָס אַפּהענגיק נאָר פון אייך און פון וואַנ־דען. ווו איז זי, אַגעוו? עפּעס זע איך זי ניט.

— וואָס הייסט ווו? אַף דער אַרבעטס־בירזשע — פון עפּעס דאַרף מען דאָך לעבן!

— כ'וועל זיך אַריבערקלייבן אַהער און, כ'מיין, אַז עס וועט אונדז סטייען. טוט מיט איר אַ רעד: זאָל זי אופהערן פאַרייסן די נאָז.

אַגנעסע האָט אים פאַרזיכערט, אַז זי וועט מיט וואַנדען אַ שמועס טאָן, כאָטש זי האָט גוט געוווסט, די מומעטשקע, אַז פונעם געשפרעך וועט גאָר ניט אַרויסקומען, וויל וואַנדע האָט איר ניט איין מאָל שוין געזאָגט, אַז זי וועט גיכער שטאַרבן, איידער ווערן גאַרקושעס ווייב.

און ווי קאָן זי אים גאָר ליב האָבן! און ווי קאָן זי טראַכטן וועגן כאַסענע האָבן, ווען אַרום טוט זיך אַזאַ ערדציטערניש און דער קאָפּ שפּאַלט זיך באַ איר פון איין געדאַנק: וואָס טוט מען! וווהין גייט מען?

וואַנדע איז אוועק צו לאַרען. דער קראַנקער אַלעקסיי אַזורני איז אַרומגעגאַנגען איבערן ענגן צימערל אָן אופגעבראַכטער און אַ דערצאַרנטער. די לאַנגע גראָווע באָרד האָט זיך אַלע מאָל פאַריסן אַף אַרוף. ער האָט אַראָפּגענומען די ברילן, זיי אויסגעווישט, פונקט ווי ער האָט געוואָלט בעסער באַטראַכטן דאָס מיידל, וואָס איז עפּעס געוואָרן צו אַן אָפּטער גאַסט באַ זיין לאַרען. אופגעבראַכט איז געווען דער פאָטער אַלעקסיי, ווייל די נאַכט איז אין זיין דירע געווען אַ גאַסט: עס האָט געגעכטיקט אַן אומבאַקאַנטער מאַנצבל, וועלכן אַלעקסיי האָט געזען דאָס ערשטע מאָל. זיי זיינען ביידע — לאַרע און דער אומבאַקאַנטער — ביז שפּעטער נאַכט געזעסן אין דער פינצטערער קיך, וועגן עפּעס שטיל געשמועסט און פאַרטאָג, ווען מע האָט שוין געמעגט אַרויסגיין אין גאַס, איז דער גאַסט אַנטרונען געוואָרן.

— ווער איז ער און וואָס האָסטו מיט אים פּאָר אַ געשעפטן? — האָט דער זיידע גע־פרעגט, און לאַרע האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט עפּעס צוטראַכטן, כאָטש די באַציִונגען מיטן זיידן זיינען באַ איר געווען מער ווי פריינטלעכע. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דער באַזוך פונעם מאַנצבל איז געווען אַ ניט־געוווּנטשענער, נאָר קיין אַנדער ברייַרע האָט ער זיכער ניט געהאַט — ער האָט געמוזט קומען צו איר, וואָרענען זי וועגן עפּעס זייער וויכטיקס.

— וואָס קאָן זיין וויכטיקער, ווי ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן? — האָט ער געפרעגט באַ לאַרען.

— ראַטעווען הונדערטער און טויזנטער פרעמדע לעבנס, — האָט זי אים דעמלט געענט־פערט.

— זאָל יעדערער זיך גוט אופירן, וועט מען אים פאַרשפּאָרן ראַטעווען, — האָט ער גע־פּרווט דערווידערן. נאָר די לעצטע צייט איז לאַרען ניט צו דערקענען. אויסערלעך איז זי העפלעך און, ווי פריִער, גוטמוטיק. נאָר דעם זיידן ווערסטו דאָך ניט אָפּנאַרן. וואָס באַ איר אין האַרצן טוט זיך, איז ניט שווער זיך פּאַרצושטעלן. ער זעט דאָך, ווי זי איז אָנגעשטרענגט, ווי זי בייסט זיך די נעגל, האַלט אין איין קעמען אירע לאַנגע האָר — צעקעמען, און פאַרקעמען, און פאַרדרייען זיי מעשוגענערוויַז — גאָר ניט ווי אַמאָל, ווען זי פלעגט זיך מיט אַלע קוי־כעס סטאַרען זיין נאָך שענער ווי זי איז.

לאַרע אַזערנאַ האָט ניט געהאַלטן, אַז זי איז די גרעסטע שיינהייט אין שטאָט. איר איז ניט געפעלן געווען איר שטערן, די טיף געזעצטע טונקל־בלויע אויגן, איר שטרענגער בליק,

וואָס האָט געקאָנט מאכן אַן אײַנדרוק, אַז זי איז א בייזע. לאָרע אָזערנא איז געווען פון די פרויען, וואָס באַציִען זיך צו זייער אויסזען אויסערלעכן מער ווי קריטיש, באַזונדערס ווען זי פלעגט ניט ווילנדיק זיך פאַרגלײַכן מיט ייִנגערע פון זיך. זי האָט זיך ניט געסטאַרעט געפעלן ווערן, ניט געזוכט זיך קיין יונגעלײַט, וואָס זאָלן זיך אין איר פאַרליבן — גענוג פון אירט־וועגן דער מישטיינסגעזאָגטער ראָמאַן מיט זשאָרען, דעם ספּאָרטסמען... ווו איז ער איצט? עפּעס האָט זי זשאָרען א לענגערע צײַט ניט באַגעגנט.

דער איניען, וועגן וועלכן דער זיידע האָט זיך ניט געקאָנט אָנשטויסן, האָט אויך וואַנדען געבראַכט צו לאָרען. איצט איז שוין פאַר וואַנדען ניט קיין סאָד, אַז אי זי, אי דאָדיק זײַנען מיט לאָרען פאַרבונדן מיט איין שבועה, וואָס זיי האָבן געגעבן: נעקאָמע נעמען אין היטלערס ראָצכים!

דאָדיק האָט זיך אומבאַדינגט געדאַרפט ערגעץ־ווו אײַנאָרדענען אָף אַן אַרבעט, וואַנדע אויך. מיט לאָרען איז אַלץ געווען פּאָשעטער: מע האָט איר פאָרגעלייגט זיך אומקערן אין טעאַטער.

— וועלכן טעאַטער? ווו האָט איר א טעאַטער?!

— מיר האָבן דאָך שוין מיט אײַך אָפּגערעדט, — האָט איר אין א גוטן מוט געזאָגט דער זעלבער אויסגעפּראַנטעוועטער אָבערסט, אַראָפּנעמענדיק די גאָלדענע פּענסנע, קעדיי בעסער אַרײַנקוקן איר אין דער נעשאָמע. — וויפל מאָל דאַרף מען אײַך דערקלערן, אַז די נײַע אָרדענונג איז גענוג שטאַרק, און אַז אַלץ וואָס זי ברויכט, האָט זי!.. פאַרשטאַנען?

— יאַוואָל! — האָט לאָרע געענטפערט, ווי אַן עכטער דײַטשישער זעלנער. זי האָט שוין געוווסט, אַז דאָס קלינגענדיקע וואָרטל „יאַוואָל” געפעלט זייער דעם כוצפּעדיקן פאָרשטייער פון דער דײַטשישער קאָמענדאַנטשאַפט.

— נו, איז אויב יאַוואָל, פּרוילן אָזערנא, דאַרפט איר מיר מיטהעלפן שאַפן א קרעפטיקן אַנסאַמבל, א טעאַטער, איך זאָל גאָר אין א קורצער צײַט קאָנען מעלדן דעם הער עבערהאַרדט, אַז אין דער באַפרײַטער שטאָט קיִעוו האָט זיך אָנגעהויבן א נאָרמאַל לעבן מיט קינאָ און טעאַטער, מיט טענץ און פאַרווײַלונגען.

— דאָס איז ניט אַזוי גרינג, הער אָבערסט.

— אײַנעמען קיִעוו איז אויך ניט גרינג געווען, פּרוילן אָזערנא, — האָט דער קורצנעזיקער קליינינקער אַריִער, וואָס האָט אַלץ פאַריסן דאָס קעפּל, קעדיי אויסזען העכער ווי ער איז, געענטפערט. — נאָר אַז דער פירער באַפוילט... האָט איר פאַרשטאַנען?

— יאַוואָל! — האָט לאָרע נאָך קלינגעוודיקער אויסגערופן, — ווו נעמט מען אָבער די בייטיקע שוישפּילער? מוזיקאַנטן? — זיי זײַנען דאָך אַרויסגעפאָרן.

— ניט אַלע! ניט אַלע זײַנען אַרויסגעפאָרן! מיט איין וואָרט, פּרוילן אָזערנא, — איז ער אופגעשטאַנען און זיך אויסגעגלײַכט ווי א קאָמאַנדיר, וועלכן קיינער האָט קיין רעכט ניט צו דערווידערן. — א טעאַטער מוז זײַן און ער וועט זײַן.

— און פאַר וועמען וועט דער טעאַטער שפּילן, הער אָבערסט?

— אָ, וועגן דעם, פּרוילן אָזערנא, האָט איר ניט וואָס צו זאָרגן! דאָ וועט זײַן א קאָלאָסאלער צושויער, אָפיצערן און זאָ ווײַטער און ווײַטער. געפינט דעם קאָמפּאָזיטאָר, וועלכער איז געווען אָף אונדזער ערשטער באַגעגעניש, איר געדענקט — אינעם ראַדיאָ־לאָקאַל אָף קרעשטשאַטיק? זאָל ער אויך א טראַכט טאָן. כ׳מיין, אַז צווישן די, וואָס האָבן מיט אַזאַ ליבע באַגעגנט זייערע באַפרײַער, וועלן זיך געפינען אויך מוזיקאַנטן.

לאָרע איז געווען אין פאַרלעגנהײַט: זיך אָפּזאָגן האָט זי ניט געהאַט די מעגלעכקײַט און די רעכט, געבן איר האַסקאָמע? אָבער וואָס וועט וועגן דעם זאָגן איוואַן איוואַנאָוויטש, מיט וועלכן זי האָט ערשט נעכטן געהאַט א באַגעגעניש און וועגן אַלץ, דאַכט זיך, אָפּגערעדט, כוץ דעם אומגעלומפּערטן פאָרשלאָג: אין דעם צערויִנירטן און ברענענדיקן קיִעוו — שפּילן טעאַטער. כוץ אַלעמען, האָט נאָך דער באַפולמעכטיקטער אָבערסט געזאָגט, אַז דער שטאָט־באַלעבאָס, דער גענעראַל הער עבערהאַרדט איז פּערזענלעך פאַרינטערעסירט אינעם טעאַטער, ווײַל ער איז א גרויסער ליבהאָבער פון מוזיק און קונסט ביכלאַל.

די ערשטע, מיט וועמען לאָריסע האָט זיך געטיילט מיט דער נײַס, כוץ דעם זיידן, פאַרשטייט זיך, איז געווען וואַנדע. דער זיידע האָט אופגענומען די נײַס, ווי א גרוס פון יענער־וועלט. די הענט און פיס האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן און אין די אויגן האָט אים געגומען שנײַדן, ווי עמעצער וואָלט אין זיי געשאָסן זאַלץ.

— איך פאַרוואָר דיר אַפילע טראַכטן וועגן דעם! — האָט ער געזאָגט, פאַרגעסנדיק דערבײַ, אַז לאָרע איז שוין ניט קיין קינד און אַז יאָ טעאַטער צי ניט טעאַטער איז ניט אין איר

געוועגדט, ווײַל זי איז ניט באַ זיך אין רעשוס,— לויט מײַן אַלטן סייכל איז דאָס ניט מער ווי אַ שפּיל מיטן טײַוול.

— נאָר דאָס איז אַ שפּיל מיטן טײַוול?! — האָט אים לאָרע שטיל דערווידערט, — און אַלץ דאָס איבעריקע, וואָס עס קומט פֿאָר אין שטאָט, איז ניט דער רועך ווייסט וואָס?

— צוערשט וועלן זיי דיך צווינגען שפּילן זייערע איפּעשדיקע פֿאָרשטעלונגען, דערנאָך וועלן זיי נאָך פֿאַדערן פֿון דיר, דו זאָלסט זיי צו דער צײַט באַזאָרגן מיט פּרײַלנס צוליב זייערע שאַנדהײַזער.

און וואַנדע, כאָטש קיינער האָט פֿון איר ניט דערוואַרט קיין האַסקאָמע, האָט דאַפֿקע געזאָגט:

— איך האַלט, אַז דאָס איז גראַדע אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער פֿאָרשלאָג. איר וועט כאָטש זײַן באַזאָרגט מיט אָוועלכן־ניט־איז געהאַלט און מיט לעבנס־מיטלען, ווי דאָס רופֿט זיך באַ זיי... מיך, צום בײַשפּיל, ווען מע לאַדט אײַן, וואָלט איך זיך ניט אָפּגעזאָגט.

— און וואָס וועלן אונדז זאָגן די פֿרײַנט אונדזערע, ווען זיי וועלן זיך צוריק אומקערן? צי עפּשער מיינסטו, אַז דאָס איז שוין אויף לאַנג, אויף שטענדיק? — האָט לאָרע געפּרוווט באַטראַכטן דעם איניען אויף אַ קאָל. — דיך, פֿאַרשטייט זיך, וועל איך אומבאַדינגט נעמען אין טעאַטער. כ׳מיין, אַז צוזאַמען וועלן מיר דערנאָך קאָנען דערווײַזן, אַז קיין אַנדער אויסוועג האָבן מיר ניט געהאַט... און טאַקע: אויב מיר זײַנען שוין געבליבן באַ זיי אין די הענט, טאָר מען ניט שפּרינגען אין פּאָנעם און ניט פֿאַרקריגן זיך מיט זיי.

— נו, און דאָדיק? וואָס טוט מען מיט דאָדיקן? — האָט וואַנדע פּלוצעם אַ קוק געטאָן אויף אָזערנען, פּונקט ווי נאָר זי, די איינציקע, איז אימשטאַנד געפֿינען פֿאַר אים אַן אָרט אין אָט דעם געגנעם.

— מיט אים איז דער איניען ערגער. ער טאָר זיך ניט באַווײַזן אין גאַס. לויט די נײַע באַפֿעלן איז ניט נאָר זײַן לעבן אין אַ סאַקאָנע, נאָר אויך פֿון די, וואָס וועלן אים אויסבאַהאַלטן. דאָדיק מוז פֿאַרלאָזן די שטאָט, — האָט זי געזאָגט, ווי זי וואָלט אָפּגעגעבן אַ באַפֿעל.— כאָטש אויף אַ צײַט, ביז עס וועט אַ ביסל שטילער ווערן. זיי כאַפּן דאָך פּאַשעט אין די גאַסן יעדן איינעם, ווער עס איז כאָטש אַ ביסל ענלעך אויף אַ ייִדן, צי אויף אַ ציגײַנער.

— דאָדיק איז ניט ענלעך אויף קיין ייִדן און נאָך מער אויף קיין ציגײַנער.

— אַזוי דאַכט זיך דיר, טײַערע. ער האָט אָבער גענוג סאָנים, וואָס וועלן אויף אים אָנווײַזן דער פּאָליציי. דײַן גאַרקושאַ — דער ערשטער.

9

ניט לאַנג געטראַכט, איז דאָדיק, אַ איבערגעטאָנענער, מיט אַ זיכערער אַאוסווײַזע — מיטן קאַרטל פֿון דער אַרבעטס־בירזשע, מיט וועלכן עס האָט אים באַזאָרגט איוואַן באָנדאַס גוטערפֿרײַנט, אוועק אין דעם ביז איצט אומבאַקאַנטן פֿאַר אים, אָבער דאָך אייגענעם דאָרף ליסאָווע — ווי דאָס איז געווען אָפּגערעדט מיטן ברודער אַנאַטאָלי.

ווען די מאַמע האָט נאָך געלעבט, האָט מען ניט איין מאָל באַ די לאַזעבניקעס אין שטוב דערמאָנט דעם דיאַק גאַוורילאַ אַנטאָנאָוויטש, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון זײַן גלויבן און איז געוואָרן די רעכטע האַנט באַ דער פּאָרזיצערן פּונעם קאָלווירט מאַרטע. אָט די נעמען, ווי אויך די נעמען פֿונעם שוסטער יאָסיף דאַניליוק און זײַן טעכטערל סאָלאָמײַקע, האָט דאָדיק פֿאַרגעדענקט.

צו וועמען זיך ווענדן? וועמען זיך פֿאַרטרויען?

די ערשטע, וועמען דאָדיק האָט באַגעגנט אין ליסאָווע, איז גראַדע געווען די באָבע אוליאַנע, וואָס איז ניט איין מאָל געווען באַ די לאַזעבניקעס אין שטוב, ווי אַן אָנגעלייגטער גאַסט, ווי אַן עמעסע קרויווע. זי האָט דאָך געהאַלטן אַלע לייעס קינדער פֿאַר אירע אייניקלעך. וואָס זשע?! ווער האָט זיי די ערשטע גענומען אויף די הענט — אוליאַנע! אַלע, כוץ דאָדיקן, וועלכער איז שוין געבוירן געוואָרן אין דער גרויסער שטאָט, אָן איר, אוליאַנעס, אָנטייל. אָבער דאָדיק האָט זי דערקענט, כאָטש דאָס מאָל איז זי געווען פֿאַרשלייערט אין אַ וואַרעמער שאַל, אַזוי ווי עס פֿאַרשלייערן זיך די אַלטע פּאָלישטשוטשקעס.

— כ׳מעג שווערן, אַז דאָס זײַנט איר, באָבע אוליאַנע? געטראָפֿן?

— וואָס פֿאַר אַ כידעש, גאָספּאָדי, באָזשע מױ! אַ כידעש איז, וואָס איך האָב דיך גלײַך דערקענט!

— וואָס זשע, אזוי האָב איך זיך געענדערט?

— טראַכט דיר וואָס דו ווילסט, נאָר אין די ברידער דײַנע, אין אונדזער לײַטשקעס זין, ביסטו ניט געראָטן. — זי האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. — ניין, ניט געראָטן!

— דאָס קאָן ניט זײַן! — האָט ער ליב א שמייכל געטאָן. — מיר זײַנען אלע ווי איין מאמע האָט אונדז געהאַט...

— געדעכט, זאָל איך האָבן אזא יאָר, טאַקע איין מאמע. נאָר די עלטערע דײַנע ברידער — זיי כאַפּן דעם אָנבליק פון אונדזערע פּאַלישטשוקעס און דו ביסט, ווי זאָל איך דיר געבן צו פאַרשטיין, דו ביסט מער שטאָטיש, איידעלער, אויסגעצערט.

— אזא צײַט אצינד, באַבעניו אוליאַנע. אין שטאָט איז איצט א הונגער.

— וואָס עפּעס נאָר אין שטאָט — בא אונדז איז אויך ניט בעסער, ווי רופט מען דיך? כ׳וועל דיך א ביסל אונטערהאַלטן מיט א לעפל געקעכץ. וועסט בא מיר ווערן א מענטש, ווי רופט מען דיך?

— וואַניע הייס איך, איוואַן...

— איוואַן? — האָט זי אַף אים א פאַרכידעשטע א קוק געטאָן. — דאָס קאָן ניט זײַן. לייעס זון זאָל הייסן...

— אז מע דאַרף — מוז מען, באַבעניו... וואַניע זאָלט איר מיך רופן. איוואַן. און אז איך בין פון דער מישפּאָכע לאַזעבניק, זײַנט איר אויך ניט מעכויעוו יעדן איינעם דערציילן...

— ווער זשע ביסטו מיר, אויב עמעצער וועט מיך פרעגן? — האָט זיך אוליאַנע צו אים נעענטער צוגערוקט, — אויב עמעצער וועט מיך פרעגן... אין דאַרף בא אונדז ווייסט יעדערער וועגן אלעמען און אלע וועגן יעדן.

— דאָס פאַרשטיי איך, באַבעניו, דאָס זײַנט איר גערעכט. וואָס טוט מען אָבער פאַרט, אז קיין אנדער ברייטרע האָב איך ניט. מײַן עלטערער ברודער אנאַטאָלי — אים געדענקט איר געוויס — נאַפּטאַלע, דער צווייטער זון...

— אוואַדע געדענק איך, אָט דער, וואָס האָט מיך גערופן צו זיך, איך זאָל אים העלפן אויסניאַנטשען זײַן זונדעלע... נו־נו, איז וואָס זשע האָסטו געוואָלט וועגן אים דערציילן?

— ער האָט מיר געייצעט זיך ווענדן צו גאַווריילאַ אַנטאָנאָוויטשן, אויב ער לעבט נאָך, און צו דער מומע מאַטריע.

— מאַטריע? א, דאָס קאָנען מיר, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. מאַטריע איז בא אונדז, ווי פריער, דער כאַשעווסטער מענטש אין ליסאָווע. די פּאַרטיזאַנערס פונעם דאָרפּראַט האָבן זיך שוין בא אונדז אזויפיל מאָל געביטן, און זי איז ווי געוועזן דער באַלעבאָס פון אונדזער קאָל־ווירט. קום, אָט דאָ ניט ווײַט וווינט זי, די צווייטע שטוב פונעם שוסטער דאַנילויק. און וועגן אים האָט דיר דײַן אנאַטאָלי גאָרניט דערציילט?

דאַדיק האָט זיך דערמאָנט, אז טאַקע וועגן אים, דעם שוסטער יאָסיפ דאַנילויק, האָט דער עלטערער ברודער דערציילט, אז ער איז שיער ניט דער בעסטער פרײַנט זײַנער, און אז ער קומט אמאָל אין שטאָט, שטעלט ער זיך אָפּ בא אנאַטאָלן, ווי בא זײַנעם א קאָרעווו.

די פּאַרזיצערן פונעם קאָלווירט מאַטריע איז גראָדע ניט געווען אין דער היים. איז מען טאַקע אַרײַנגעקומען צו דעם שוסטער יאָסיפ, וועלכער איז געזעסן אַף זײַן בענקעלע און צורעכט געמאַכט א פּאָר אלטע פוישטן. אין שטוב, לעבן דעם אויוון, האָט זיך געפּאָרעט זײַן ווײַב דאָמאַכע, איר האָט מיטגעהאָלפן א בלאָנד מיידל — סאָלאָמייקע.

דער באַפעל, וואָס האָט פאַרבאָטן אויסבאַהאַלטן יידן, איז גילטיק געווען אויך אין די דערפער. אין ליסאָווע זײַנען שוין קיין יידן ניט געווען, כוץ דעם קרעמער עליעס געשמאַדטע טאַכטער פאַניע, וואָס האָט שוין גאָר פאַרגעסן איר אייגענעם נאָמען, ווײַל העכער צוואַנציק יאָר האָט מען זי גערופן באַם באַלעגוף אין שטוב מיט איר נײַעם נאָמען — אָקסאַנע.

דער הינקענדיקער יאָסיפ דאַנילויק האָט פלײַסיק געאַרבעט און שטילערהייט אונטער־געזונגען זײַן באַליבט לידעלע:

אוי, א שטאָך נאָך א שטאָך,
אוי, א צוויאָך לעם א צוויאָך,
אוי, עס איז מיר אָך־און־ווײ
און עס איז מיר ווײ און אָך...

— א גוט העלף דיר, יאָסיפקע.

— א, אוליאַנע! קום אַרײַן, קום אַרײַן! א שאָק מיט יאָרן דיך ניט געזען, — האָט איר יאָסיפ מיט דעם זעלבן נוסעך פון דער שוסטער־ליד געענטפערט.

— ווי קאָנסטו מיך זען, — האָט אוליאַנע צעבונדן איר שאַל און זיך צוגעזעצט אױף א באַנק לעבן דער וואַנט, — אַז אױף קיין דאַסווידקעס גייסטו שוין ניט...

— דאַסווידקעס? — האָט אױף איר א פריילעכן קוק געטאָן דער שוסטער.

— און ווי נאָך קאָנסטו זיך מיט מיר טרעפן! אַלטער שאָלטיק?

דאָמאַכע האָט מיט איר פאַרטעכל אָפּגעווישט א שטול און אים דערלאַנגט דעם אומדערוואַרטן גאַסט, וואָס איז אַרײַנגעקומען מיט אוליאַנען.

אין שטוב איז מיטאַמאָל פריילעכער געוואָרן פון יאָסיפס און אוליאַנעס ווערטלען זיך. דאַדיק האָט עס אופגענומען, ווי א מין שפּיל פון זײַנעטוועגן, ער זאָל זיך דערפילן אין דער פרעמדער שטוב היימישער.

— ווייסטו כאַטש, ווען איך האָב דיר געבראַכט אין שטוב, דאָמאַכע? — האָט זיך די באָבעשי געווענדט צו דער באַלעבאָסטע. — וויפל דו זאָלסט ניט טראַכטן, וועסטו סײַוויסײַ זיך ניט אָנשטויסן.

דאָמאַכע האָט ווידער באַטראַכט דעם אוירעך.

— זיכער, איינער פון דײַנע טויזנט כרעשטשעניקעס.

— דו האָסט דאַפקע ניט געטראָפן. נאָר קעדיי ניט מוטשען דיך, וועל איך דיר גלײַך זאָגן: דאָס איז אונדזער לייעס יוירעש, כ׳מיין, איר האָט זי ניט פאַרגעסן, לייעטשקע דעם קאַסירס שנור. דאָס איז בערל לאַזעבניקס מיזיניק, אָט ווער דאָס איז. און רופן רופט מען אים וואַניא. נו, וואָס זשע שטייסטו, ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט. באַגריס זיך מיט דײַנע פרײַנטלעך.

יאָסיפּ האָט אָפּגעלייגט אין א זײַט דעם פּוישט, אויסגעווישט די הענט, זיך אָנגעשפּאַרט אױף דער מיליצע און זיך באַגריסט מיט דאַדיקן.

— דעם עמעס גערעדט, וואָלט איך דיך אױפן לעבן ניט דערקענט. נאָר ווי מע זאָגט בא אונדז, אױף איינעם און דעם זעלבן בוים וואַקסן פאַרשיידענע עפּעלעך. ביסטו שוין אַרײַן צו אונדז אין שטוב, איז זײַ זיכער, אַז מײַן דאָמאַכע וועט דיך מעכאַבעד זײַן ווי דעם ליבסטן גאַסט. און אונדזער סאַלאָמײַקע וועט זיכער צופרידן זײַן, ווײַל קיין עמעסע כלאָפּצעס זײַנען שוין בא אונדז אין ליסאָווע קימאַט ווי ניט געבליבן — ווער עס איז אױפן פראָנט און ווער...

— נו, גענוג, גענוג! — האָט אים דאָמאַכע איבערגעשלאָגן די רייד. — ווען גייט עס אָן, ווו דײַנע כלאָפּצעס זײַנען איצט. אַזאַ צײַט, וואָס קאָן מען טאָן?

יאָסיפּ דאַניליוק, וועלכער האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון טאַראַס שעווטשענקאָ, האָט צעקעמט די געדיכטע וואָנצעס און די שווערע ברעמען, וואָס זײַנען ענלעך געווען אױף צוויי פולע ווייצענע זאַנגען, און האָט א פרעג געטאָן:

— נו, און דער טאַטע דײַנער, ווו איז ער?

— דער טאַטע? ער איז איצט גאָר־גאָר ווײַט פון דאַנען.

— וואָס זשע, אַנטלאָפן? ער וואָלט דאָך געקאָנט זיך אויסטײַנען מיט זיי, מיט די „באַפרײַער". ער פלעגט דאָך ליב האָבן דערמאָנען, סאַראַ פײַנע מענטשן עס זײַנען די דײַטשן...

— איצט וואָלט ער זיך געוויס מער ניט באַרימט מיט אָט דער באַקאַנטשאַפט זײַנער.

דאַניליוק האָט ניט מוירע געהאַט אַרויסזאָגן זײַן באַציִונג צו די אָקופּאַנטן — דערווײַל האָבן זיי אים פערזענלעך קיין שלעכטס ניט געטאָן, אָבער ווען בערל לאַזעבניקס מיזיניק, דאָס אויסגעדאַרטע באָכערל, האָט אָנגעהויבן דערציילן, וואָס אין שטאָט טוט זיך און וואָס אים איז אויסגעקומען אויסצושטיין, ווען ער האָט דערציילט וועגן באַבי יאַר, האָט זיך יאָסיפּ ניט אײַנגעהאַלטן:

— שוין זשע וועט מען זיי דערפאַר ניט באַצאָלן?

סאַלאָמײַקע האָט ניט געקאָנט אָפּרײַסן דעם בליק פונעם גאַסט. דאַכט זיך, ניט קיין שעמעוודיקער, האָט ער דאָך געשפּאָרט א וואָרט, זי האָט באַמערקט, אַז ער פאַרהיקעט זיך א ביסל, נאָר זײַן אויסשפּראַך, זײַן האַלטן זיך, זײַן שמייכל האָט איר דערמאָנט אין איינעם אַן אַרטיסט, וועלכן זי האָט געזען אין קינאָ. וואַניע איז ניט צו שטאָטיש און דאָס לאָשן איז בא אים א זינגעוודיקס.

— נישקאָשע, — האָט וואַניע געזאָגט זיכער און איבערצײַגעוודיק, — מע וועט זיי באַצאָלן. אַזוינס פאַרגעסט זיך ניט.

— ווער? ווער וועט זיי באַצאָלן? — האָט דורך טרערן געפרעגט דאָמאַכע, אויסווישנדיק די ליפּן מיט איר פאַרטעכל. — אַז ווי נאָר עפּעס א לעבעדיקער מענטש, איז ער אױפן פראָנט, און עפּעס הערט מען ניט, אַז אונדזערע זאָלן זיי בײַקומען, די מערדער, די גאַזלאָנים.

— דער הימל איז ניט בא דער ערד, מומעניו דאָמאַכע, — האָט דאַדיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — דאָס רעדעלע וועט זיך נאָך איבערדרייען.

— אַט דאָס זאָג איך דאָך אויך, — האָט זיך אָנגערופן סאָלאָמיִע.

די באָבע אוליאַנע האָט זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן באַם שוסטער — ווען עס ווערט פינצ־טער, האָט זי מוירע גיין אין איר טונקל ווינקל אינעם צווייטן עק דאָרף. זי האָט געוואָלט מיטנעמען דאָדיקן מיט זיך, נאָר יאָסיפּ דאַניליוק האָט איר דערווידערט:

— וווהין וועט ער זיך שלעפּן? און וואָס וועט ער דאָרט באַ דיר טאָן, אָפּהיטן דײַנע הונגעריקע מײַז?

— וואָס עפּעס הונגעריקע? — האָט זיך אוליאַנע באַליידיקט. — איך שטאַרב נאָך ניט פון הונגער. מאַטריע, זאָל לעבן, באַזאָרגט מיך, מיט וואָס נאָר זי קאָן. און אויב עס הייצט זיך באַ מיר ניט אַלע טאָג דער אויוון, ווי באַ אַנדערע, האָב איך אַ לעזשאַנקע און אַ ביסל פּאַראַיאָריקע שטרוי, ס'איז באַ מיר, כאָלילע, ניט קאַלט. און רעד ניט וועגן מיר, בעט איך דיך, ווי וועגן עפּעס אַ בעטלערן. איך בין פון די אַלטע, וואָס לעבן און לעבן!

— וואָס האָסטו זיך באַליידיקט, אוליאַנע? — האָט זיך געפּרוּווט פאַרענטפערן דאַניליוק. — איך זאָג נאָר, וואָס וועט ער באַ דיר טאָן, און באַ מיר איז נאָך, דאַנקען גאָט, דאָ, צו וואָס צולייגן אַ האַנט.

ווען אוליאַנע איז אַ באַרוּיִקטע אַרויס פון שטוב, האָט יאָסיפּ ערשט אָנגעהויבן זיך דערפרעגן וועגן אַלע לאַזעבניקעס. לאָזט זיך אויס, אַז ער קען גענוי אַלע לייעס קינדער. ער ווייסט אַפילע די געשיכטע מיט דער ייִדענע, וואָס בערל האָט געבראַכט אין שטוב און ווי די קינדער האָבן זי אַרויסגעמעשאַלייעכט. און וועגן אים, דעם אַרטיסט, האָט ער גאָר ניט געהערט. נאָר ניט געזאָרגט. דער אומגליק איז ניט אויף לאַנג, וואַניע וועט נאָך ווידער ווערן אַן אַרטיסט און דערווײַל דאַרף מען יאַקאָס איבערקומען די צײַט.

— עס רעדט זיך — איבערקומען, — האָט דאָדיק אַ טיפן זיפץ געטאָן. — ווער קאָן עס זיך דערלויבן אין אַזאַ צײַט זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט? איבערקומען? אַז מע איז אַלט אַכצן יאָר, דאַרף מען זײַן דאָרט, ווו מע קאָן ברענגען אַ נוץ. דאָרט, ווו מע קאָן זיך קעגנשטעלן די גאָרגלשנײַדער.

— דו רעדסט אַזוי, וואַניע, פּונקט ווי דו וואָלסט אַליין געווען אין זייערע הענט. ווי זיי וואָלטן דיך געקוילעט, — האָט יאָסיפּ געפּרוּווט אויסקלאָרן באַם באָכערל וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך דאָרט אינעם געטאָ, ווײַל אַלץ, וואָס מע האָט דערציילט וועגן באַבי יאַר, האָט זיך ניט געלייגט אויפן סייכל. יאָסיפּ דאַניליוקן האָט זיך ניט געוואָלט גלייבן, אַז אַזוינס קאָן פּאַסירן.

דאָדיק האָט מיט טרערן אויף די אויגן דערציילט בלויז דאָס, וואָס ער אַליין האָט געזען מיט זײַנע אויגן. און געזען האָט ער, ווי מע האָט טאָג און נאַכט געטריבן קליין און גרויס, קראַנקע און הילפלאָזע זקיינים... פון זײַן באַהעלטעניש אויפן בוידעם באַ דעם וועכטער פּונעם בעסוילעם, האָט ער געזען דעם פאַרשאָלטענעם פּלאַץ, אויף וועלכן מע זאַמלט צונויף די אַנצאָליקע קאָרבאָנעס. און אָט דערטראָגט זיך צו אים, ווי אין אַ בייזן כאָלעם, דאָס שיסערײַ און דער געיאָמער פון די פאַרורטיילטע. אָט זעט ער, ווי מע פירט אַ מאַכנע קריגסגעפאַנגענע און צווישן זיי מאַטראָסן פון דער קיִעווער פלאָטיליע אין די יאַם־העמדלעך און בעזקאָזירקעס... פרויען מיט זויגקינדער אויף די הענט...

ער דערציילט וועגן ברענענדיקן קרעשטשאַטיק, וועגן די אויפרײַסן, פון וועלכע עס האָט זיך שיר ניט צעריסן אויף שטיקער די ערד. און אָט דערמאָנט ער זיך אין דער אַלטיטשקער פרוי אויף טורגענעווער גאַס, וועלכע איז אַוועק אין באַבי יאַר צוזאַמען מיט איר ייִדישער שנור...

— און איך וואָלט דען ניט אַזוי געטאָן? — האָט זיך אָנגערופן דאָמאַכע דאַניליוק, וועלכע איז געשטאַנען באַם אויוון אַ פאַרוויינטע און אַ באַטריבטע.

— שוין זשע וועט מען זיי מויכל זײַן, די מערדער? שוין זשע וועט מען זיי דאָס אַלץ פאַרגעסן?

— דאָס וועלן מיר שוין זען שפּעטער, — האָט פעסט געענטפערט דאָדיק. — און דערווײַל, פעטער יאָסיפּ, איז ביטער. און מע מוז עפּעס טאָן. מע מוז, פעטער יאָסיפּ, אויב ניט, וועט אונדז דער פאַרדראָס דערוואַרגן!

— ביסט גערעכט, וואַניע, — האָט אים אונטערגעהאַלטן סאָלאָמיִקע.

יאָסיפּ האָט געקוקט אויף זײַן טאָכטער און ניט געוווּסט ווי אויסדריקן זײַן ליבע צו איר, דער אַנטשיידענער און דרייסטער קאָמסאָמאָלקע.

— דערווײַל וועסטו, וואַניע, בלײַבן באַ מיר. — האָט ער זיך ווידער אויפגעהויבן און זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער מיליצע, — וועסט זיך אַ ביסל אונטערלערנען, איך וועל דיר באַווײַזן, ווי

מע האַלט אַ נאָל אין דער האַנט און ווי מע באַדאַרף אויסטשוועקעווען אַ פּאָדעשווע, ס׳איז ניט אַזוי פּראָסט ווערן אַ גוטער שוסטער, נאָר אַז מע וויל, לערנט מען זיך אויס.

דאָמאַכע האָט אים מעכאַבעד געווען מיט געשמאַקע האָלעשקעס און מיט אַ קוואָרט זויערלעכן עפּלקוואַס.

— עס, עס, וואַניע, און קום צו־זיך. קיין ליידיקגייער וועסטו בא מיר ניט זײַן, וועסט יאַקאָס איבערווינטערן און צו וועסנע־צו וועלן מיר זיך אַן אייצע געבן. דאָס דאָרף אונדזערס שטייט אין אַ זײַט, און די דײַטשן דערקוטשען אונדז ניט, ווי אין די גרעסערע דערפער און שטעטלעך. און סאַלאָמײַקען וועט אויך פריילעכער זײַן — פאָרט אַ לעבעדיקע נעשאָמע אין שטוב. אַ, טאַכטער, וואָס זאָגסטו?

סאַלאָמײַקע האָט גאָרניט געזאָגט. זי האָט געקוקט אַף דעם אומדערוואַרטן גאַסט און זיך באַמיט פעסטשטעלן, וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש: צי איז ער טאַקע אַזאַ שעמעוודיקער און צוריקגעהאַלטענער, ווי ער זעט אויס, צי דאָס איז בלויז אַן אָנשטעל, קעדיי ניט אַנטפּלעקן דאָס עמעסע פּאָנעם. לויט איר טיפער איבערצײַגונג, מוז יעדער איינער, וועלכער האָט שוין געהאַט צו טאָן מיט די אָקופּאַנטן, זײַן אַ פלאַמיקער סוינע זייערער, און וואַניע — דאָ האָט מען אים שוין אַציַנד אַזוי גערופן — וואַניע דערציילט וועגן זיך גאָר ווייניק, מע דאָרף בא אים אַרויסציִען אַ וואָרט וועגן דעם אַלעמען, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך דעם בלוטיקן פרײַטיק — אַזוי האָט ער אָנגערופן דעם טאָג, ווען די דײַטשן האָבן פאַרכאַפּט קיִעוו.

ניט לאַנג האָט אָבער געדויערט זײַן צוריקגעהאַלטנקײַט. קיין ליסאָווע האָט זיך אומגעקערט אַ פאַרוווּנדעטער רויטאַרמייער — סטעפּאַן יאַרעמטשוק, וועלכן עס האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסרײַסן פונעם דאַרניצער לאַגער. גראַטעוועט האָט סטעפּאַנען אַ ווילד־פרעמדע געפור־פרוי, וואָס איז געקומען מיט נאָך אַ סאַך אַזעלכע, ווי זי, ראַטעווען זייערע מענער. ניט געוווּסט איר אייגענעם מאַן, וועלכן מע האָט אויך גערופן סטעפּאַן, האָט זי אָנגעוויזן דעם דײַטשישן פּאַטרול אַף אים, אַף יאַרעמטשוקן, אַז דאָס איז ער, קלוימערשט, איר מאַן און מע האָט אים אַרויסגעלאָזט אַ פאַרכאַלעשטן, אַ פאַרמוטשעטן. זי האָט אים גענומען צו זיך, אים אַ ביסל דערמונטערט, געשטעלט אַף די פיס, געשענקט אים דעם מאַנס אַן אַלטן אָנצוג.

— אַז גאָט וועט העלפן, וועסטו מיר, סטיאָפּע, אַמאָל אָפּדאַנקען, — האָט געזאָגט יענע טײַערע נעשאָמע. — עפּשער איז ערגעץ מײַן סטעפּאַן אין אַזאַ לאַגע און עמעצער העלפט אים אין אַ נויט.

סטעפּאַן יאַרעמטשוק האָט ניט אויפגעהערט דערציילן וועגן דעם גענעם, אין וועלכן ער איז געווען מער ווי צוויי וואָכן.

— דער, וואָס האָט פאַרזוכט דעם דאַרניצער לאַגער, וועט ביזן סאָף פון לעבן ניט פאַרגעסן וועגן זײַן הייליקן כויוו צו נעמען נעקאָמע אין די פאַשיסטן.

קיין ליסאָווע איז אויך געקומען איינער אַ סערזשאַנט, סאַלאָמין האָט מען אים גערופן, וועלכער האָט זיך געמוזט אַרויסוואַרפן אַף אַ פּאַראַשוט, ווײַל אַ פאַשיסטישע זעניטקע האָט אונטערגעבונדן זײַן אַעראָפּלאַן, און ער האָט זיך דורך אַ נעס געראַטעוועט.

— זײַנען מיר דאָ שוין דרײַ אומדערוואַרטע געסט, — האָט סטיאָפּע יאַרעמטשוק געזאָגט, זיצנדיק בא דעם גאַסטפרײַנטלעכן יאָסיפ דאַנילױק. — מײַן קאָמאַנדיר פלעגט ליב האָבן פאַרופן זיך אַף איינעם אַ בוך, וואָס ער האָט געהאַט געלייענט נאָך ייִנגלווײַז. דער בוך האָט געהייסן „אָוואָד”. ער האָט געזאָגט, אַז אַ מענטש האָט ניט די רעכט צו שטאַרבן, ביז ער נעמט ניט קיין נעקאָמע אין זײַנע סאָנים. ער האָט אויך געזאָגט, אַז עס איז אַ פאַרברעכן צו בלײַבן איינער אַליין דאָרט, ווו מע מוז זײַן אינצווייען און אינדרײַען. ווײַל צו די צוויי און צו די דרײַ קאָנען צושטיין נאָך אַ סאַך און אַ סאַך...

— און איר זײַנט דאָך שוין ניט דרײַען, — האָט געזאָגט יאָסיפ דאַנילױק, צעקעמענדיק די געדיכטע וואָנצעס, — קוק זיך גוט אַרום וועסטו זען, אַז דאָ, בא אונדז אין ליסאָווע, האָט מען דעם אָקופּאַנט ליב, אַזוי ווי דו.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און סטעפּאַן יאַרעמטשוק, וועלכער האָט זיך נעענטער באַקאַנט מיט מאָטריען, דער פאָרזיצערן פון קאָלווירט, און מיטן געוועזענעם דיאַטשאָק גאַווריל אַנטאָנאָוויטש, האָט אָרגאַניזירט אַן אָטריאַד נעקאָמענעמער. וואַניע לאַזעבניק איז געוואָרן יאָסיפס רעכטע האַנט. ווער וואָלט זיך גאָר געקאָנט ריכטן, אַז דאָס שטאָטישע באָכערל, וואָס האָט אָפן לעבן ניט געהאַלטן קיין האַמער אין האַנט, זאָל אַזוי גוט זיך אויסלערנען צוקלאַפּן אַ פּידמעטקע, לייגן אַ לאַטקע. קיין נײַע פּאָר שטיוול וואָלט אים יאָסיפ דערווײַל ניט פאַרטרויט אָופּצונייען, נאָר אַ געהילף איז ער אַ גוטער, יעדנפאַלס — אַ פליַיסיקער.

יאָסיפ דאַנילױק האָט ליב געהאַט, אַז בעשאַס דער אַרבעט זאָל וואַניע זינגען איינע פון

זײַנע באַליבטע לידעלעך. מע קאָן שווערן, אַז דאָס ייִנגל האָט זיך גאָר אופגעהערט פאַר־היקען.

— ווו האָסטו זיך עס אויסגעלערנט אַזוי פײַן זינגען, וואַניע?

— זינגען? — האָט דאַדיק באַשיידן איבערגעפרעגט. — זינגען איז ניט מײַן פאַך. אָט זעט איר, טאַנצן! טאַנצן איז מײַן לעבן! נאָר ווו קאָן מען דאָ טאַנצן און מיט וועמען? איר וואָלט שוין דאַפקע מיך געמעגט אָנקוקן אויף דער בינע...

— לאָמיר האָפן, אַז איך וועל נאָך דערלעבן דיך זען אויך אויף דער בינע.

דאַדיק האָט ניט איין מאָל דערציילט וועגן זײַן אַרבעט אין וואַנדער־טעאַטער, וועגן די ווילע מענטשן, וואָס האָבן אים אַרויסגעפירט אויף דער ליכטיקער וועלט, צו דעם טײַערסטן, וואָס עס קאָן נאָר זײַן פאַר אים — צום טעאַטער.

די ערשטע פּאָר כאַדאָשים איז דאַדיקס לעבן אין ליסאָווע געווען ווי אין אַ גוטן כאָלעם. ער האָט זיך ניט איין מאָל, זיצנדיק אויפן שוסטער־בענקעלע, פאַרטראַכט וועגן גורל פון זײַנע באַגנטע און ליבע, וועלכע זײַנען פאַרבליבן אין קיִעוו. קיין לעבעדיקן גרוס פון זיי האָט ער ניט געקענט באַקומען און אים האָט זיך גראַדע געוואָלט וויסן, וואָס מאַכט עפּעס וואַנדע און וואָס טוט אַצינד לאַריסאַ אַזערנאַ, צי האָט זי וועלכע־ניט־איז פאַרבינדונג מיט דער „בערדי־טשעוועער מומע" און צי האַלט זי ניט, אַז ער איז אַ דעזערטיר — באַהאַלט זיך אויס, היט זיך פון אַ געפאַר און שטייט אין אַ זײַט פון די געשעענישן, וואָס קומען זיכער פאָר אינעם אָקור פּירטן קיִעוו. טרייסטן פלעגט אים נאָר איין געדאַנק: דאָס, וואָס זי האָט אַליין אים באַפוילן פאַרלאָזן די שטאָט אויף אַ געוויסער צײַט. און פאַרלאָזן דאַניליוקס שטוב און זיך אומקערן קיין קיִעוו וואָלט געווען אָן אומזין. דאָס, וואָס ער טוט דאָ, אין ליסאָווע, האָט דאַדיק גע־האַלטן, איז זײַן כויוו צו טאָן.

וואָס טוט ער? וואָס טוען זיי דאָ אַלע אין ליסאָווע? ערשטנס, האָט מען זיך צונויפגערעדט מיטהעלפן מיט וואָס נאָר ס'וועט מעגלעך זײַן די פּרויען — סאָלדאַטקעס, די אַלמאָנעס מיט קליינע קינדער. צווייטנס, האָט מען באַשטימט די פלוגבלעטלעך, וואָס פון צײַט צו צײַט וואַרפן אַראָפּ די סאָוועטישע פליִער, איבערשרײַבן און פאַרשפּרייטן צווישן די ליסאָווי־טשאַנער. די זאַך האָט מען פאַרטרויט דאַדיקן.

— באַ דיר, וואַניע, איז אַ גוטער קסאַוו, און אַז מע דאַרף, קאָנסטו שרײַבן גיך און שיין און טאָקע פאַרשטענדלעך, — האָט אים געלויבט יאַרעמטשוק.

צוזאַמען מיט סאָלאָמייִקען פלעגט דאַדיק איבערשרײַבן ניט ווייניקער ווי דרײַ צענדליק פלוגבלעטלעך און אופרופן.

דער סערזשאַנט סאָלאָמין האָט אויף זיך גענומען צונויפזאַמלען געווער. יאָסיף דאַניליוק פלעגט זאָגן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אַטריאַד, אויב מע איז ניט באַוואָפנט?

סאָלאָמין האָט אויך גענומען אויף זיך אונטערהאַלטן די פאַרבינדונג מיט דעם אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנישער גרופּע, וואָס איז אופגעקומען ניט ווײַט פון קאָזשומיאַקי.

קיין גרויסע אָפּעראַציעס האָבן זיי דערווײַל ניט דורכגעפירט, נאָר גרייטן זיך צו עפּעס וויכטיקס האָט מען שוין אָנגעהויבן, און סאָלאָמינס וואָרט איז באַ דער גרופּע געווען כאָשעוו.

— ווען וועט מען שוין עפּעס טאָן? — האָט געפרעגט סאָלאָמייִקע.

— כאַפּ זיך ניט! — האָט איר דאַדיק געגעבן צו פאַרשטיין. — וועסט נאָך האָבן די מעג־לעכקײַט באַווײַזן דײַן דרייסטקײַט.

און אָט האָט שוין געגומען צעגיין דער שניי. ס'האָט אַ שמעק געטאָן מיט פרילינג. פון צײַט צו צײַט האָבן זיך אין הימל באַוויזן אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן געהאַלטן דעם קורס אויף די דײַטשישע אַעראָדראָמען, אַהין, אויף מיזרעך, נעענטער צום לינקן ברעג פון דניעפּער. זעלטן־ווען פלעגט זיך אין ליסאָווע אַרײַנכאַפּן אַ פאָרשטייער פון דער דײַטשישער קאָמענדאַטור, וואָס האָט זיך גאַנץ פעסט באַזעצט אינעם שטעטל קאָזשומיאַקי. דאָ, אין ליסאָווע, איז די מאַכט געווען אין די הענט פונעם סטאַראָסטע — מיכײַלאָ טשוב, דעם געוועזענעם באַלעגוף. ער פלעגט אויספילן אַלע באַפעלן פונעם קאָזשומיאַקער גאַולייטער — אויספאָדערן באַ די פּויע־רים ווייץ און קאַרטאָפל, מילך און אייער.

ניט אַלע מאָל איז דאָס אָפּגעגאַנגען גלאַטיק. עס זײַנען געווען פאַלן, ווען די פּאָלישטשוּ־קעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָפּגעבן דאָס לעצטע ביסל טוווּע, וואָס מע האָט צוגעגרייט צום פרילינג־פּאַרזיי. און ווען ניט די קלוגע מאַטריע, וואָס האָט בעסער פון אַנדערע געוווּסט ווי אויסצוקומען אין אַזעלכע פאַלן, וואָלט מען קיין ליסאָווע זיכער אַראָפּגעשיקט אַ שטראָף־קאָמאַנדע.

דעם ווינטער איז מען, גאָט צו דאַנקען, איבערגעקומען. נאָר אָט האָט זיך אָנגעהויבן דער פרילינג און אין דאָרף זײַנען אַראָפּגעקומען דרײַ פּאָליצײַען. געקומען זײַנען זיי אָפּקלײַבן א פּאָר צענדליק מיידלעך, וועלכע וועלן אף א „פרײַוויליקן" אויפן מעלדן, אז זיי כאַלעשן מאַ־מעש אַרויספאָרן קיין דײַטשלאַנד אף אַרבעט.

קיין יונגע געזונטע מאַנצבלען זײַנען אין ליסאָווע ניט געווען, און מיידלעך זײַנען אונ־טערגעוואַקסן גאַנץ היפּשלעך. דער סטאַראָסטע האָט גענומען צונויפשטעלן א צעטל. איינע פון די ערשטע איז אינעם צעטל געשטאַנען סאָלאָמיִע דאַנילױק.

דער סטאַראָסטע — אַן אָנגעפּרעסענער, א פּליכעוואַטער שיקער, אף וועלכן דאָס דאָרף האָט געקוקט ווי אף א בײזן הונט, איז געקומען צו יאָסיפּ דאַנילױקן מיט א פאַרביקן פּלאַקאַט, וואָס האָט געזאָלט באַווײַזן דעם שוסטער, סאַראַ גליקלעכע צוקונפט עס וואַרט דאָרט, אינעם געבענטשטן דײַטשלאַנד, אף די דאָרפישע מיידלעך.

— נו, יאָסיפּ, — האָט ער צעוויקלט דעם פּלאַקאַט, — האָסטו זיך אַמאָל געקאָנט ריכטן, אז דײַן טאָכטער וועט האָבן דאָס גליק צו לעבן, אז גאָט וועט העלפן, אין א גרויסער שטאָט.

— פאַר דיר די גליקן! — האָט יאָסיפּ אָוועקגעלייגט דעם שטיוול, וועלכן ער האָט צורעכט־געמאַכט. — אונדז איז ניט שלעכט בא זיך אין דאָרף.

— דאָס, יאָסיפּ, פאַרשטייען מיר. געוויס ניט שלעכט. נאָר א יונגער נעשאָמע גלוסט זיך דאָך אָנקוקן די וועלט. וואָס זעט זי דאָ בא דיר, דעם שוסטער, דעם אינוואַליד?

— אויב ס'איז אַזוי די מײַסע, ווי דו זאָגסט, פּאַני סטאַראָסטע, פאַרוואָס זשע זע איך ניט אין צעטל דײַן טעכטערל? זי איז דאָך אין איינע יאָרן מיט מײַן סאָלאָמײַקען.

— לויט די יאָרן, יאָסיפּ, זײַנען זיי טאַקע גלײַך. אָבער לויטן געזונט...

סאָלאָמיִע איז געווען ניט זייער קיין הויכע, אָבער א קרעפּטיק מיידל, פאַר וועלכן דאָס שניי־ווײַסע קאָפּטעלע איז שוין געווען צו ענג, און א פּאָר אויגן האָט זי געהאַט, ווי בא איר טאַטן — טונקל־גרינע מיט א פײַערל. קלוג, ווי דער טאָג, און דערבײַ שעמעוודיק־באַשיידן. צווישן אירע כאַווערטעס איז זי געווען די סאַמע אויסגעשפּילטע. איר קלינגעוודיק קעלעכל האָט מען געקאָנט הערן אף אַלע פאַרזאַמלונגען. א טשיקאַווע צו אַלדאָס נײַס, האָט זי ליב געהאַט צו הערן, וואָס יענער רעדט. באַשיידן, ווי איר מאַמע, איז זי דאָך אומעטום געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. און ווען זי האָט זיך באַקאַנט מיט דאָדיקן, האָט זי אים ניט ווילנדיק דערמאָנט אין דער שוואַרצכיינעוודיקער נאַטאַשע, דער זינגערן פונעם וואַנדער־טעאַטער. אַנומלטן האָט זיך אים אַפילע געוואָלט זאָגן איר, אז סאָלאָמײַקעס קאָל איז ענלעך צו נאַ־טאַשעס, און ער האָט עס איר טאַקע געזאָגט!

— דאָס קאָל איז עפּשער ענלעך, נאָר זי איז אַן אַקטריסע. און ווער בין איך? — האָט זי געזאָגט, — א געוויינלעך דאָרפיש מיידל.

דערהערנדיק די קלאָגעוודיקע נײַס וועגן דעם, אז סאָלאָמיִע וועט מוזן פאַרלאָזן איר היים און זיך לאָזן אינעם דײַטשישן גאַניידן, האָט זי דאָדיק אָפּגערופן אין א זײַט:

— לאָמיר א ביסעלע א רעד טאָן מיט דיר, סאָלאָמײַקע!

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! מיר געפעלט, ווען דו רעדסט... די מאַמע מײַנע האַלט אויך, אז דו ביסט ניט קיין שפּעטנער באָכער, אז דו ביסט א מענטש מיט א ערלעכער נעשאָמע.

— די מאַמע אויך... און ווער נאָך?!

— נו, איך, צום בײַשפּיל. איך האָב ליב צו הערן, ווי דו אַמפּערסט זיך מיט מײַן טאַטן.

— איך?! אַמפּער זיך? האָסט א טאָעס. איך אַמפּער זיך ניט, איך דערווײַז אים נאָר, אז ס'איז א פאַרברעכן אין אַזאַ צײַט וואַרטן אף ניסים. מע טאָר ניט אָפּלייגן אף שפּעטער דאָס, וואָס מיר זײַנען בעקויעך צו טאָן איצט, הײַנט, באַלד! ווי דאָס טוען מײַנע גוטעפרײַנט דאָרט אין קיִעוו... צום באַדויערן, בין איך אָפּגעריסן פון זיי. איך דערמאָן זיך אָבער, אז פונעם ערשטן טאָג אָן, ווי נאָר די דײַטשן זײַנען אַרײַן אין שטאָט, האָבן מיר זיי באַגעגנט ווי דאָס פּאַסט פאַר עמעסע פּאַטריאָטן. אָ, דו שטעלסט זיך גאָר ניט פאָר...

— און דו אויך?

— און איך אויך, ביז איך האָב געהאַט די מעגלעכקײַט...

— און וואָס פאַר א מעגלעכקײַטן האָבן מיר דאָ, איצט, באַלד, ווי דו זאָגסט? וואָס, צום בײַשפּיל, קאָן טאָן מײַן טאַטע — א מענטש אָן א פוס, אַן אַלטער קראַנקער אינוואַליד. און דו אויך — וואָס קאָנסטו טאָן מער ווי דו קאָנסט?

דאָדיק האָט זיך פאַרטראַכט. אין א געוויסער מאָס איז סאָלאָמײַקע גערעכט. אף עפּעס מאַמאָשעסדיקס טאָן דאַרף מען האָבן מער קויכעס און דעריקער — געווער. נאָר אָט טוען דאָך עפּעס די קאָזשומיאַקער און די טשאָרנאָבראָדער? און ניט נאָר זיי! אָט שרײַבט מען

אין די פלוגבלעטלעך וועגן דעם קאַמף, וואָס עס פירן די פּאַרטיזאַנער פון ווײַסרוסלאַנד. ווו נעמען זיי קויכעס?

— ביסט, פאַרשטייט זיך, געררעכט, וואַניע, נאָר, אַז מע איז אין קלעם... און אַז אַלע טאָג וואַרטן מיר אָף עפּעס אַ נײַער צאָרע...

— זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט איז אַ פאַרברעכן!

— וועגן דיר קאָן איך אַזוינס ניט זאָגן, וואַניע!

— וואָס זשע פאַרט רעכנסטו טאָן, סאַלאָמיַע?

— און וואָס קאָן מען טאָן? אַן אַנדער ברירה האָב איך?

— איך מיין, אַז עס איז דאָ אַן אַנדער וועג, — האָט ער זי אָנגענומען פאַר דער האַנט.

— צום בײַשפּיל? — האָט זי אופגעהויבן אָף אים אירע פאַרוויינטע אויגן.

— אַנטרונען ווערן! וואָס קוקסטו אָף מיר אַזוי צעשטרייט?

— ווײַל דו רעדסט ניט צו דער זאַך, וואַניע. וואָס הייסט אַנטרונען ווערן?

— דאָס הייסט, זיך אופהויבן שטילערהייט און אַוועק פון דער היים.

— וווהין?!

— איך וועל דיר זאָגן וווהין. איך מיין ניט, אַז דיר וועט זײַן זייער גרינג, נאָר אַז מע מוז — דאַרף מען! און פאַרן אָף קאַטאָרגע איז אַן אומזין!

דאַדיק האָט זי אײַנגערעדט. געגעבן איר וואַנדעס אַדרעס, און סאַלאָמיַע האָט זיך פאַר־טאָג געלאָזט צופוס פונעם אייגענעם דאָרף ליסאָווע קיין קיִעוו.

בלויז איין מאָל אין איר לעבן איז זי געווען אין דער הויפּטשטאָט. דאָס איז געווען ערשט פאַראַיאָרן, ווען מאַטריע, די פאַרזיצערן פון קאָלווירט, האָט זי מיטגענומען אָף דער ווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג. דעמלט האָט זי ניט באַוויזן זיך צוקוקן צו די קיִעווער גאַסן, וועלכע האָבן זי מאַמעש דערשיטערט מיט די פּרעכטיקע ריזיקע מויערן, מיטן טומל, מיט דער עלעקטרישער באַלויכטונג! איצט איז זי געגאַנגען אין אַ פרעמדער שטאָט, ווו קיינער קאָן זי ניט און קיינער וואַרט ניט אָף איר. דעם אַדרעס האָט זי פאַרגעדענקט, דעם נאָמען אויך. אין האַרצן האָט זי געטראָגן אַ נײַ געפיל פון בענקשאַפט און דאַנקבאַרקייט. יאָ־יאָ, זי האָט שוין געבענקט נאָך וואַניען, כאָטש מע איז נאָך געווען אַזוי ווייניק באַקאַנט. סאַלאָמיַע האָט שוין כאַראָטע געהאַט, וואָס זי האָט אָנגענומען זײַן פאָרשלאָג — פאַרלאָזן דאָס אייגענע דאָרף. עפּשער וואָלט זיך דעם טאַטן דאָך אײַנגעגעבן אײַנרעדן דעם סטאַראָסטע זי אויסמעקן פונעם צעטל און סאַלאָמייקע וואָלט פאַרבליבן מיט אים, מיט וואַניען, און וועלכן זי, לעמײַ זאָל זי זאָגן אַ ליגן, האָט זיך אָפּדערעמעסן פאַרליבט.

סאַלאָמיַע דאַניליוק האָט אָפּגעגליקט. ווען זי איז צוגעקומען צום הויז, איז פּונקט אין דער צײַט פון דער פאַראַדנע־טיר אַרויסגעגאַנגען אַן אויסגעפּוצטע פרוי.

— איר וועט מיר ניט זאָגן, ווו איז דאָ די פינפטע קוואַרטיר?

— וועמען דאַרפט איר דאָרט, אין דער פינפטער קוואַרטיר?

— וואַנדען דאַרף איך, וואַנדע זאַלעסקאַ.

— דאָס בין איך וואַנדע זאַלעסקאַ. און ווער זײַנט איר?

— איך האָב אײַך געבראַכט אַ גרוס פון וואַניען... — האָט סאַלאָמיַע פאַרזיכטיק באַטראַכט דאָס שיינע מיידל אינעם פוטערנעם היטעלע.

— ווי קומט איר צו אים?

— ניט איך קום צו אים, ער איז געקומען צו אונדז. ער לעבט איצט באַ אונדז, באַ מײַן טאַטן. די שכיינים פון דאָרף ווייסן, אַז ער איז אונדזערס אַ פּרײַנטל, אַ יאָסעם און מוז לעבן אַ שטיקל צײַט באַם פעטער יאָסיפ, ס'הייסט באַ מײַן פאָטער, דעם שוסטער.

וואַנדע האָט זי גענוי אויסגעפרעגט וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אינעם דאָרף, באַ־טראַכט די צײַגעניש, וואָס מאַטריע, די פאַרזיצערן פון קאָלווירט, האָט איר אַרויסגעגעבן פאַרן אַוועקגיין פונעם דאָרף, און ווען זי האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, אַז סאַלאָמיַע איז אַנטלאָפן, קעדיי ניט אָפּגעשיקט ווערן קיין דײַטשלאַנד, האָט זי גלײַך אַ טראַכט געטאָן, מיט וואָס קאָן מען איר קומען צוהילף. ווײַל אייגנטלעך ווערט די אַקציע פון פאַרנאַרן די אוקראַאינישע יוגנט אָף אַרבעט קיין דײַטשלאַנד דורכגעפירט אויך אין קיִעוו.

— וואַניע האָט מיר געזאָגט, אַז וואַנדע זאַלעסקאַ צוזאַמען מיט לאָרען — איר האָט זיכער געהערט אַזאַ נאָמען?

— נו, געוויס, דאָס איז אונדזערע אַ זייער נאָענטער פרײַנט.

— נו, ביידע וועט איר מיר קאָנען קומען צוהילף. זי ווינט דאָ ערגעץ ניט ווײַט — ריכטיק?

— איך גיי גראָדע צו איר. קומט, קומט מיט מיר.

און ביידע זײַנען זיי אוועק צו לאַריסאַ אַזערנאַ.

דער אַלטער אַלעקסיי האָט זיי באַגעגנט ניט גאָר פֿרײַנטלעך. ער האָט אַפֿילע זיי ניט אײַנגעלאַדן זיך צוזעצן. בעטעווע אַן אָפּנהאַרציקער, האָט ער קיינמאָל ניט געקאָנט פֿאַרמאַס־קירן זײַן אומצופֿרידנקײַט. און אומצופֿרידן איז ער געווען דערמיט, וואָס לאַריסע האָט גע־געבן איר האַסקאָמע אָנטיילנעמען אין דעם נײַ־געשאַפֿענעם אָפּערע־אַנסאַמבל.

דער פֿליכעוואַטער אַבערסט האָט ניט אַף קיין שפּאַס, ווי זיך אײַנגעקלאַמערט אין איר, ס׳האָט געהייסן, אַז ער טוט דאָס אַלץ צוליב אויספֿילן דעם ווילן פֿונעם גענעראַל עבערהאַרדט, דעם גרויסן ליבהאָבער פֿון אָפּערע־מוזיק. נאָר לאָרע האָט גאָר גיך דערפֿילט, אַז דער אָבערסט איז ניט אַף קיין שפּאַס פֿאַרליבט אין איר. ער האָט זי ניט איין מאָל אָפּגעפֿירט אַהיים. צו זיך אין שטוב האָט זי אים ניט אײַנגעלאַדן, כאָטש ער האָט איר שוין עטלעכע מאָל געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז דערמיט באַליידיקט זי זײַן ווירדע.

— איך וויל אײַך דערמיט ניט באַליידיקן, הער אָבערסט, נאָר, ווי פֿאַרשטייט איר אַליין ניט, אַז צו אַ קראַנקן אַלטן, וועלכער גייט אַפֿילע ניט אַרויס אין גאַס, קומט מען ניט מיט קיין שום וויזיטן.

אין שטוב בא דעם געוועזענעם גאַלעך איז איצט געווען וואַרעם, כאָטש קריגן אַ בינטל האָלץ פֿאַר דעם הרובקעלע איז געווען ביז גאָר שווער. אויך מיט עסנוואַרג איז אַזערנאַ געווען מער־ווייניקער באַזאָרגט — מע האָט איר אַרויסגעגעבן אַ דערנערונג־קאַרטל, מיט וועלכן עס פֿלעגן באַזאָרגט ווערן די גאָר כאָשעווע מיטאַרבעטער פֿון דער אָפּראַווע. אַנומלטן האָט זי געבראַכט אין שטוב צוויי שאָקאָלאַדן און אַ שקאַרמיץ מאַראַנצן. דער אַלטער האָט בייז אַ קוק געטאָן אַפֿן געשאַנק, צעקעמט די באָרד און גאָרנישט ניט געפֿרעגט. לאָרא האָט דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי דער גענעראַל האָט זיך באַוויזן הינטער די קוליסן און זײַן אַדיוטאַנט האָט צעטיילט די מאַטאָנעס צווישן די אַרטיסטן.

הײַנט איז לאָרא געקומען עטוואָס שפּעטער ווי געוויינלעך.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, לאָרא, וואָס איך האָב אָן אײַער דערלויבעניש געבראַכט אַ גאַסט אין אײַער שטוב, — האָט וואַנדע גלײַך אָנגעהויבן דעם געשפּרעך, ווען זיי זײַנען אינדרײַען אַרײַנגעגאַנגען אינעם ענגן קיכעלע.

— און ווער איז דער גאַסט? — האָט לאָרא באַטראַכט סאַלאָמײקען.

— סאַלאָמײקע רופֿט מען מיך. פֿון דאָרף ליסאָווע בין איך, עפּשער האָט איר אַמאָל געהערט פֿון אַזאַ דאָרף... כ׳האָב אײַך געבראַכט אַ גרוס פֿון וואַניען.

— פֿון וואַניען? ווער איז דער וואַניע?

— איר קענט ניט וואַניען? און ער האַלט אין איין דערציילן וועגן אײַך... ער האָט אײַך אַזוי אויסגעמאָלט — אי אײַך, אי וואַנדען, — אַז איך האָב אײַך גלײַך דערקענט. ער האָט, זאָגט ער, געשפּילט טעאַטער צוזאַמען מיט אײַך, נו, וואַניע, שוין זשע האָט איר אים פֿאַר־געסן? זײַנע עלטערן האָבן אַמאָל געלעבט אין אונדזער דאָרף... ער האָט אַ ברודער אַ שרײַ־בער...

— איך פֿאַרשטיי, איך פֿאַרשטיי שוין וועגן וועמען דו רעדסט. כ׳פֿאַרשטיי אָבער ניט, וואָס דאַרף דער גרוס באַטײַטן? עפּעס דאַרף ער צו מיר? עפּעס וויל ער?

— ער וויל, איר זאָלט מיך ראַטעווען, — האָט סאַלאָמײַע דורך טרערן געזאָגט.

— ראַטעווען? — האָט לאָרא אויפֿגעהויבן אַף סאַלאָמײַען אירע פֿאַרכידעשטע טונקל־בלויע אויגן.

— מע האָט מיך אַרײַנגעשטעלט אינעם צעטל פֿון די „פֿרײַוויליקע” מיידלעך, וואָס כאַ־לעשן מאַמעש, מע זאָל זיי שיקן קיין דײַטשלאַנד...

— און דיר, ווי איך זע, גלוסט זיך דאַפֿקע ניט?

לויט דעם, ווי לאָרא האָט גערעדט מיט איר, וואָלט סאַלאָמײַע געקאָנט מיינען, אַז די שיינע אַרטיסטקע האָט זיך פֿאַרקויפֿט די דײַטשן און איז זיי געטרײַ מיט לײַב־און־לעבן. נאָר וואַניע האָט דאָך איר דערציילט גאָר עפּעס אַנדערש. עס קאָן דאָך ניט זײַן, אַז אַזאַ קלוגע און סימפּאַטישע רוסישע פֿרוי זאָל זיך פֿאַרקויפֿן... און וואַנדע? וואַנדע האָט זעלטן אַרײַנגע־שטעלט אירס אַ וואָרט, פֿון וועלכן סאַלאָמײַע האָט געקאָנט מאַכן אַן אויספֿיר, אַז וואַניע האָט אין דער אַרטיסטקע קיין טאָעס ניט געהאַט.

— עפּעס ווילן מיר צוטראַכטן, — האָט לאָרא אַ מאַך געטאָן מיט די לאַנגע פֿינגער, אַף וועלכע די נעגל זײַנען געווען געדיכט אָנגעפֿאַרבט מיט רויטן לאַק. — ווו אָרדנט מען דיך אָבער אײַן אַף נאַכטלעגער?

— אָט דאָ אין קיך, לאַריסאַ פּאַוולאָוונאַ. קיין סאַך אָרט וועל איך ניט פֿאַרנעמען און אויב איר זײַט מאַסקים בין איך גרייט זײַן בא אײַך אַ שטוב־אַרבעטערן.

— די הײַנטיקע נאַכט װעסטו איבערנעכטיקן בײַ װאַנדען. און מאָרגן װעלן מיר עפּעס צוטראַכטן.

10

דאָס לעבן אין קיִעװ איז פֿון טאָג־צו־טאָג געװאָרן אַלץ שװערער און געפֿערלעכער. אַלץ שטרענגער און קאַטעגאָרישער זײַנען געװאָרן די באַפֿעלן פֿונעם שטאָט־קאָמענדאַנט גענע־ראַל־מאַיאָר עבערהאַרדט, װעלכער האָט זיך עפּנטלעך באַרימט אַף די שפּאַלטן פֿון דער צײַ־טונג מיט די הונדערטער און טױזנטער פֿאַרברעכער, װאָס ער האָט אומגעבראַכט. דער נאָמען פֿאַרברעכער איז געװאָרן אַזױ ביליק און אַזױ גרינג, אַז מע האָט געקאָנט אים צוקלעפּן צו יעדערן, װער עס האָט אַרױסגעװיזן די מינדסטע אומצופֿרידנקײַט מיט דער נײַער אָרדענונג.

קײן שום אָרדענונג איז, אײגנטלעך, ניט געװען. װילקיר, אַכזאָריעס, פֿולשטענדיקע אומ־טערטעניקײַט און שרעק האָבן געלװירט אַף די גאַסן. דער שװידער פֿון די קרעשטשאַטיקער רױִנעס, דאָס שיסערײַ, די מײסים, װאָס פֿלעגן זיך אַפּט װאַלגערן אַף די פּאַרמיסטיקטע טראָ־טואַרן, — דאָס אַלץ איז באַרופֿן געװען פֿאַרפּלאָנצן פּאַכעד בײַ די היגע אײַנװױנער.

אָבער די צאָל נעקאָמענעמער איז געװאַקסן. אַפֿילע די, װעלכע האָבן זיך געריכט אַף יושער מיצאַד די „באַפֿרײַער", די, װאָס האָבן געהאַלטן, אַז די אָקופּאַנטן זײַנען פֿאָרשטײער פֿון אַ קולטורעל פֿאָלק, האָבן זיך גאַנץ גיך אַנטױשט. ניט יעדערער האָט באַשלאָסן נעמען געװער אין די הענט און שלאָגן זיך אַף לעבן און אַף טױט, אָבער איצט איז שױן קלאָר גע־װאָרן, אַז פֿאַרלאָזן קאָן מען זיך נאָר אַף דער רױטער אַרמײ, װאָס װעט פֿריִער אָדער שפּע־טער זיך אומקערן קײן קיִעװ.

איצט האָט מען שױן בולעט געזען דעם עמעסן פּאַרצעף פֿון די דײַטשישע פֿאַשיסטן. אױך די, װאָס האָבן געװאַרט אַף דער „נײַער אָרדענונג", האָבן דערפֿילט, װאָס עס װאַרט אַף זײ. און דאָך האָבן זיך אײניקע פֿון זײ גלײַך פֿאַרשריבן אין דער אַזױגערופֿענער „פֿאָלקס־פּאָליצײ". די דאָזיקע פּאָליציאַנטן זײַנען אַפּט געװען געפֿערלעכער פֿון די געסטאַפּאָװצעס — די נײַע באַלעבאַטים פֿונעם „באַפֿרײַטן" קיִעװ.

— איך האָב זיך גאָר ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז דו, װאַסילקאָ, זאָלסט זײַן אַזאַ, — האָט צו אים פּאָרזיכטיק אַ זאָג געטאָן די מומע אַגנעסע.

— אױעלכער אַזאַ?! — האָט װאַסיל גאַרקושאַ אַראָפּגענומען זײַנע טונקעלע ברילן, קעדײ בעסער זען די כוצפּעדיקע מומעטשקע אַגנעסע, װאָס דערװעגט זיך אױך אופֿהײבן דאָס קאָל קעגן דער נײַער אָרדענונג.

— װי קאָנסטו זיך באַרימען דערמיט, װאָס דו האָסט אַלײן געשלײַדערט אין פֿײַער טױזנ־טער ביכער פֿון דער ביבליאָטעק!

— דאָס זײַנען ניט קײן ביכער. דאָס איז סאַם. און סאַם מוז מען פֿאַרניכטן. אַזױ זאָגט דאָקטאָר געבעלס.

אײנמאָל האָט װאַנדע באַגעגנט אַף דער גאַס די אַלטע נאַסטיע, װעלכע זי האָט, פּונקט װי דאַדיק, געהאַלטן פֿאַר אַ גוטנפֿרײַנט. נאַסטיע איז מיטאַמאָל זײער אַלט געװאָרן. פֿאַר־שלײערט אין אַ שװאַרץ שאַלעכל, פֿאַרקוטעט אין איר אַלטן מאַנטל, האָט זי געמאַכט אַן אײַנ־דרוק פֿון אַ בעטלערן. זי איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פּונקט װי זי װאָלט זיך געשעמט קוקן אין די אױגן די באַקאַנטע שכײנים. איר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז מע פֿרעגט בײַ איר: „װי קומט עס, װאָס איר זײַנט געבליבן אין שטאָט, נאַסטיע?" און װאָס קאָן זי ענט־פֿערן אַף דער פֿראַגע?

העכער פֿיר צענדליק יאָר האָט זי אָפּגעלעבט דאָ, אין אָט דעם געסל, װאָס איז איר גע־װאָרן פּונקט אַזױ אײגן, װי דאָס שטעטל, װו זי האָט געמאַכט די ערשטע טריט אין איר לעבן, װו זי האָט אָנגעהױבן פֿאַרשטײן דעם כײלעק פֿון גוטס און שלעכטס, און מיטן גאַנצן האַרצן ליב באַקומען די, װעלכע זײַנען מאַקריװ דאָס לעבן צוליבן עמעס, צוליב דער גערעכטיקײַט.

איצט זעט זי, װי די צװײפֿיסיקע כײַעס טאָפּטשען דעם עמעס, זײַנען זיך נױיקעם אין די אומ־שולדיקע ברידער און שװעסטער אירע. נאַסטיע איז אַזױ דערשיטערט געװען פֿון דעם, װאָס עס קומט פֿאָר אין שטאָט, אַז זי װאָלט גליקלעך געװען, װען זי קאָן זיך מיט עמעצן טײלן מיט איר װײטיק.

דאָס לעבן האָט זי אָבער ניט װײניק געלערנט זײַן פּאָרזיכטיק און, ניט יעדן אײנעם פֿאַרטרױען דאָס האַרץ. אָט לעבט אַף דער שכײנעסדיקער גאַס אַן אַלט באַקאַנטע נײטערן —

אגנעסע, רופט מען זי, דאכט זיך, ניט קיין שלעכטער מענטש, נאָר עס לאָזט זיך אָבער אויס, אז זי איז גאָר א פֿאַלקס־דויטשקע און גייט ארום מיט א פּאַריסענעם קאָפּ. ריידן מיט איר, אנטפֿלעקן פאר איר דאָס הארץ איז זיכער ניט קעדײַ. און ווי פילט זיך די פּלעמעניצע אירע, וואנדע, צו וועלכער לייעטשקעס מיזיניק, דאַדיק, איז ניט גלײַכגילטיק.

די באַגעגעניש מיט וואנדען אפן ראָג פון דער גאס איז געווען אן אומגעריכטע, מע האָט זיך שיִר ניט געוואָרפן איינע דער אנדערער אפן האלדז. וואנדע האָט געוווּסט, אז וואָר־ווער, נאָר די אלטע נאַסטיע מוז עפּעס וויסן וועגן דאַדיקן, נאָר גלײַך פרעגן בא איר האָט זי זיך ניט דערוועגט.

— וואָס זײַט איר אזוי ווי פּריטשמעליעט, באַבעניו? — האָט וואנדע זי גענומען אונטער דער האַנט.

— פּריטשמעליעט, זאָגסטו? דערהארגעט, דאָס וועט זײַן פּינקטלעכער, — האָט די אלטע א קרעכץ געטאָן. — אליין פֿאַרשטייסטו דען ניט, אז ווען אן אלטער מענטש בלײַבט אָן א שטיקל ברויט, אָן א לעפל געקעכץ...

— אזוי שווער איז אײַך?

— שווערער קאָן שוין ניט זײַן. די פּאָר קליידלעך, וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך שוין אויסגעביטן אפן מארק. קיין גוטער פרײַנט, וואָס זאָל מיך שטיצן, האָב איך ניט, זיי זײַנען אמערסטן שוין אף יענער־וועלט, איז טאקע ביטער און פינצטער. און דו וואָס מאכסטו? כ'האָב דיך א פּאָר מאָל געזען מיט איינעם א פּאָליצײַ. וואָס זשע, ער האָט זיך טאקע זײַנס דערשלאָגן? איר האָט כאַסענע געהאַט?

— גאָט זאָל מיך היטן? וואָס רעדט איר!

— וואָס זשע, ער האָט זיך שוין געפֿונען אן אנדערע?

— קיין אנדערע זוכט ער ניט. נאָר אויך איך דארף אים ניט! ווי האָט איר גאָר געקאָנט דערלאָזן אזא געדאַנק? אזא קאַט!..

וואנדע האָט אויסגערעדט דאָס וואָרט „קאַט" מיט אזא ווייטעק, אז נאַסטיע האָט ניט ווילנדיק זיך ארומגעקוקט צי קיינער הערט זיי ניט.

דעם נאָמען „קאַט" האָט אים וואנדע געגעבן, ווען זי האָט געזען, ווי ער האָט אין גאָס, ניט ווײַט פון זייער הויז, אָפּגעשטעלט דעם קאָוועל מייער בולקין און אים אוועקגעפירט אין אופּראַווע. זי האָט דעם אלטן שמיד קוים דערקענט — ער האָט זיך פאַרלאָזט א באָרד און געמיינט אזויארום זיך ראַטעווען — קיינער וועט אים ניט דערקענען. גארקושא האָט אים אָבער גלײַך דערקענט און ווײַל ער האָט געזוכט א מעגלעכקײַט זיך אויספּײַנען פאר זײַן נײַעם אָבערסט, האָט ער גלײַך אָפּגעפירט בולקינען און אים אָפּגעגעבן אין די הענט פון די ראָצכים.

— לאָז אים אָפּ, — האָט זי שטיל געבעטן איר מישטיינסגעזאָגטן כאַסן. זאָל ער זיך גיין אין זײַן וועג ארײַן.

— זײַן וועג איז אין באַבי יאַר, — האָט גארקושא ארויסגענומען דעם נאַהאַן פון דער קאָבורע.

— ביסטו דאָך אָן עמעסער קאַט, א מערדער ביסטו.

— וועסט א סאַך ריידן, וועסטו באַגלײַך מיט אים גיין. מיש זיך ניט, ס'איז ניט דײַן דײַגע. זינט דער באַגעגעניש מיט בולקינען, איז שוין אדורך קנאַפּע צוויי וואָכן. גארקושא האָט זי געלאָזט צורו, כאָטש ער האָט געבענקט נאָך איר און ניט איין מאָל נאָכגעשפּירט, ווען זי פלעגט זיך אומקערן פון די רעפּעטיציעס.

און דאָ האָט די אלטע נאַסטיע אָנגערופן זײַן נאָמען.

— דערמאָנט מיר אים ניט, ער איז מיר נימעס, ווי דער טויט. וואָס איז שײַעך אײַער לאַגע, דארף מען עפּעס א טראַכט טאָן. מיר וועלן א טראַכט טאָן.

— לאַנג לעבן זאָלסטו! נאָר ווער איז דאָס דער „מיר"?

— איך און מײַנע א כאַווערטע. זי איז פון א דארף, דאָ ניט ווײַט פון שטאָט. אין דארף בא זיי איז פּאַרט א ביסל גרינגער. איר טאַטע איז א שטיקל שוסטער, פאַרדינט ער זיך מיט דער נאָל און מיט דער דראַטווע אף א לעבל ברויט... שאַט! איר ווייסט גאָר וואָס? עפּשער וואָלט איר זי נעמען צו זיך אלס קוואַרטיראַנטקע. זי וועט אײַך ניט ענג מאכן.

— נו, און מיט די פּאַפּירן איז בא איר אַלץ אין אָרדענונג. אונדזער דוואָרניק איז דאָך אויך א שטיקל קאַט.

— וועגן דעם זאָלט איר זיך ניט זאָרגן. זי האָט די געהעריקע אויסווײַזע — מיר ארבעטן צוזאמען אין איין טעאַטער און זײַנען דערווײַל גאַנץ כאַשעווע לײַט בא זיי.

טאקע דעם זעלבן אָוונט איז סאַלאָמיִקע אַריבערגעפֿאָרן צו נאַסטיען. דאָ, בא דער אַל־טער, איז איר ליבער געווען, ווײַל די צווישנבאַציִונגען פֿון לאָרען מיט איר זיידן זײַנען געוואָרן אַלץ אָנגעצויגענער.

— דיר איז גוט באַוווּסט, — פֿלעגט ער זאָגן, צעקעמענדיק די באָרד מיט די קימאַט וואַקסענע לאַנגע פֿינגער, — דיר איז גוט באַוווּסט, אַז איך בין ווײַט ניט קיין באָלשעוויק און מיט קיין פּראָפּאַגאַנדע פֿאַרנעם איך זיך ניט, נאָר מיטאַרבעטן מיט די נײַע אינקוויזיטאָרס וועל איך ניט און יעדערער, ווער עס באַמקעט זיי נאָך, איז מײַנער אַ פּערזענלעכער סױנע.

— איך באַמקע זיי ניט נאָך, האָסט אַ טאָעס, זיידע!

— זינגען פֿאַר זיי, אָפּגעבן זיי דאָס האַרץ, פֿאַר אַוועלכע זינד?!

— קיין אַנדער ברירע האָב איך ניט.

— און איך קאָן ניט צוהערן, ווי דו כאַזערסט אײַן דײַנע אַריעס אָף זייער שפּראַך.

— דו זאָלסט אַזוינס ריידן, זיידע: פּרעמדע שפּראַך, פּרעמדע שפּראַך! ריכאַרד וואַגנער האָט אָנגעשריבן זײַן „לאָענגרין" מיט הונדערט יאָר צוריק און האָט זיכער ניט געטראַכט, אַז זײַן ווערק וועט מען שעצן לויט דעם, אָף וואָס פֿאַר אַ שפּראַך ער האָט עס גערעדט, — האָט לאָרע געענטפֿערט אַן איבערצײַגטע, אַז איר בראַבאַנטישע פּרינצעסע עלזע איז ניט געווען קיין פֿאַשיסטקע.

דער זיידע האָט ניט געוווּסט — און ווי האָט ער געקאָנט וויסן, אַז ניט לויטן אייגענעם ווילן איז זײַן אייניקל געוואָרן אַ זינגערן אינעם נײַגעשאַפֿענעם אָפּערע־אַנסאַמבל, אַז די „בערדיטשעווער מומע" האָט געלייגט פֿיל האָפֿענונג אָף אָזערנען, אַז דאָס איז גראָדע גוט, וואָס אייניקע דײַטשישע אָפֿיצערן, באַזונדערס פֿון דער שטאָטישער אופּראַווע, שטאַרבן נאָך אירע טריט און האַלטן זי פֿאַר אַן אייגענעם מענטשן.

סאַלאָמיִען זײַנען ניט צום האַרצן געווען די קריגערײַען פֿון לאָרען מיטן זיידן, טיף אין האַרצן זײַנען אויך איר דערווידער געווען די באַגעגענישן מיט די פֿאַרשטייער פֿון דער דײַטשישער וועַרמאַכט, וואָס פֿלעגן זיך ניט איין מאָל אַרײַנכאַפּן הינטער די קוליסן צו די טענצערנס פֿונעם קאָרדעבאַלעט, אין וועלכן לאָרע האָט זי אײַנגעאָרדנט אַלס אַ קאַסטיו־מערשע.

סאַלאָמיִע האָט זיך בעסער געפֿילט בא נאַסטיען, באַזונדערס נאָך דעם, ווען די אַלטע האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס מיידל איז פֿון ליסאָווע און אַז בא איר טאַטן דעם שוסטער האָט געפֿונען אַ פּריטולעק לייעס מיזיניק וואַניע. דאָס האָט ער איר, אַגעוו, געצייצעט:

— געפֿין זי, די אַלטע, און האַלט זיך מיט איר אַן אייצע. פֿאָלג זי און פֿאַרלאָז זיך אָף איר. איז אָט, די ערשטע אייצע אירע: סטאַרע זיך וואָס ווייניקער באַגעגענען די יונגעלײַט, וועלכע קריכן פֿון דער הויט, אַבי געפֿעלן ווערן דער נײַער אָרדענונג. און די צווייטע אייצע: זײַ ניט אַזוי אָפֿנהאַרציק, אַנטפּלעקן זיך ניט פֿאַר יעדן איינעם — עס זײַנען, לאָזט זיך אויס, נאָך פֿאַראַנען אַזעלכע אויסוווּרפֿן, ווי, צום בײַשפּיל, אָט יענער, אין די ברילן, וואָס שאַדכנט זיך צו וואַנדען. גאַרקושאַ רופֿט מען אים, וואַסיל איז זײַן נאָמען.

און גאַרקושאַ פֿלעגט איצט נאָך אָפֿטער אַרײַנקומען צו אַגנעסען, וועלכע איז, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַן עמעסע פֿאָלקס־דויטשקע. זינט גאַרקושאַ האָט זיך וועגן דעם דער־וווּסט, איז זי בא אים נאָך כאַשעווער געוואָרן.

— אויב איר, מומע אַגנעסע, זײַנט ווירקלעך אונדזערע אַ פֿאָלקס־דויטשקע, איז דאָך וואַנדע, אײַער פּלעמעניצע, אויך אַ שטיקל פֿאָלקס־דויטשקע. ניט אומזיסט זאָגט מען דאָך, אַז דאָס עפּעלע פֿאַלט ניט ווײַט פֿונעם ביימעלע. דערצו איז זי דאָך, ווי איר זעט, קליגער געוואָרן.

— אין וואָס זעסטו אײַן איר קלוגשאַפֿט?

— זי דערמאָנט שוין אַפֿילע ניט דעם זשידאָק. פֿאַרקערט! זי איז געוואָרן אַ דײַטשישע אַקטריסע!

— עס רעדט זיך — אַקטריסע! צו אַן אַקטריסע איז נאָך ווײַט! אַן אַקטריסע איז אָזערנאַ. ס'איז מיר דאָפֿקע זייער אינטערעסאַנט צו זען, וויאַזוי זי זינגט פֿאַר די דײַטשישע אָפֿיצערן.

— וואָס הייסט וויאַזוי? אָף דײַטש, פֿאַרשטייט זיך!

— איך מיין ניט! אַזוי גיך לערנט מען זיך עס אויס זינגען אָף אַ פּרעמדער שפּראַך?

— ווידעראַמאָל „פּרעמדע שפּראַך"! — האָט זיך מאַמעש אָנגעצונדן וואַסילקאָ. — שוין צײַט צו פֿאַרשטיין, אַז אַצינד איז עס אונדזער קולטור־שפּראַך! אָט נעמט אַפֿילע די צײַטונג, כ'מיין די נײַע אוקראַיִנישע צײַטונג. זי איז דאָך אָף העלפֿט געשריבן אָף דײַטש!

— דו לייענסט זי?

— נאָר דאָס, וואָס האָט אַ שײַכעס צו די באַפֿעלן.

אין דער אַנוועזנהייט פון וואנדען האָט גארקושא זיך געסטאַרעט ניט פירן קיין פּאָליטישע געשפּרעכן — ער איז ווײַט פון פּאָליטיק! צו קיין גוטס וועט עס דאָך ניט ברענגען...

— וואָס הערט זיך בעסער בײַ אײַך אין טעאַטער? האָט מען דיר שוין געגעבן עפּעס אַ ראָל?

קיין שום ראָלן האָט מען וואנדען דערווײַל ניט געגעבן. מע וועט זי אויסנוצן אין באַלעט, אין וועלכן עס ווערן אײַנגעלאַדן, כּוּץ איר, נאָך אַ צען־צוועלף געוועזענע סטודענטקעס פון דער כאָרעאָגראַפישער שול. דער אָנפירער פונעם טעאַטער האָט געשעצט אַ פּרווו טאָן אויסנוצן אויך דאָס דאָרפישע מיידל אין די מאַסאָווע טענץ — זי איז אים געפעלן געוואָרן, נאָך מער איז זי געפעלן געוואָרן דעם שאָפער פונעם נײַעם טעאַטער־באַלעבאָס; דער שאָפער האָט גאָר ווייניק פאַרשטאַנען אין טעאַטער־פראַגן, דערפאַר אָבער איז ער געווען אַ מייוון אויף פּרויען. סאַלאָמײַע האָט אים דערמאָנט די עכטע אַרישע גרעטכענס — בלאָנדע, שעמעוודיק, נאָר מיט אַ פֿײַערל אין די אויגן.

אַזערנאַ האָט זיך צוגעקוקט צו דעם מיידל פון ליסאָווע, ניט איין מאָל איר געמאַכט אַ באַמערקונג, געוואָרנט, זי זאָל אַפילו צווישן די מיידלעך, מיט וועלכע איר קומט אויס זיך באַגעגענען, היטן זיך מיט אַ וואָרט.

— איצט איז אַזאַ צײַט, אַז אַן איבעריק וואָרט קאָן אומברענגען און פאַרפירן דער רוער ווייסט וווהין. לערן זיך בײַ וואנדען.

און סאַלאָמײַקע האָט זיך טאַקע געסטאַרעט זײַן נענטער צו וואנדען. איינמאָל איז זי אַפילו געבליבן נעכטיקן בײַ איר, און וואנדע האָט זיך ניט ווילנדיק אַרויסגעכאַפּט, אַז אָט דאָ, אין דעם ווינקל, אויף דעם זעלבן בעטל, איז געשלאָפן דאָרטיק, ס׳הייסט וואַניע, ווי מע רופט אים דאָרט אַצינד.

— אַך, איז דאָס געווען אַ טײַערער באָכער, אַן עמעסער כאַווער. אינטערעסאַנט, וואָס טוט ער אַצינד? — האָט זי אין דער פינצטער אַ טיפן זיפץ געטאָן.

— ער לערנט זיך שוסטערײַ.

— אַזוי גאָר? אַ שוסטער?

— און זינגט. ער זינגט אַזוי, אַז די מאַמע מײַנע וויינט אַזש פון פאַרגעניגן.

— וואָס זשע איז דאָס ווייִנען?

— זי דערמאָנט זיך אין זײַן מאַמען, וואָס האָט אויך געהאַט אַ טײַערע שטים און האָט געקענט אַ סאַך אונדזערע לידער.

דער באַנאַכטיקער געשפּרעך, דאָס דערמאָנען זיך אין דאָרטיקן האָט זיי נאָך מער געשוועסטערט, און ווען עס איז אין אַ פּאָר טעג אַרום אויסגעקומען איבערפּעקלען אַ גאַנץ שווערן קויש פון איין עק שטאָט אין אַ צווייטן, האָט לאַריסע אַ פרעג געטאָן:

— ווי רעכנסטו, וואנדע, עפּשער קאָן מען דאָס פאַרטרויען אונדזער סאַלאָמײַען?

— געוויס קאָן מען! פון די געשפּרעכן האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז זי וועט זיך ניט אָפּזאָגן אונדז מיטהעלפן.

— וואָס זשע, האָסט איר עפּשער דערציילט, ווער דו ביסט?

— גאָט זאָל היטן, וואָס הייסט דערציילט?! זי האָט מיר נאָר אַליין זיך מיסוואַדע געווען, אַז דאָרט, בײַ זיי אין דאָרף, איז וואַניע ניט איינזאַם, און ווען זי זאָל געווען בלײַבן אין דאָרף, וואָלט זי זיכער אויך ניט געזעסן מיט קיין צונויפגעלייגטע הענט.

— אָ, איר שטעלט זיך גאָר ניט פאָר, וואָס אין דאָרף בײַ אונדז טוט זיך! — האָט זי געזאָגט, ווי זי וואָלט אײַנגערוימט אַ גרויסן סאָד. — דער סערזשאַנט סאַלאָמין און סטעפּאַן יאַרעמטשוק, וואָס האָט זיך גענוג אָנגעליטן אין אײַער דאַרניצער לאַגער, האָבן צוגעצויגן נאָך עטלעכע אונדזערע פּאָלישטשוקעס. עס האָט זיך זיי אײַנגעגעבן אײַנשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט אַזעלכע הייסע קעפּ, ווי זיי אַליין זײַנען, און זיי האָבן שוין געקראָגן אַ שיין ביסל געווער.

— וואָס זשע, פּאַרטיזאַנער?

— דאָס קאָן איך אײַך ניט זאָגן אויף געוויס. אין אונדזער קאַנט, זאָגט מען, זײַנען זיי דאָ, נאָר דערווײַל באַווײַזן זיי זיך ניט, ווי אין אַנדערע דערפער. אונדזער דאָרף איז דאָך אַ פאַרוואָרפן ווינקל... נאָר איך מיין, אַז מע וועט דאַרפן, וועלן זיי ניט זיצן מיט קיין פאַרלייגטע הענט, און וואַניע, דער שטילער וואַניע, וועט נאָך באַווײַזן, ווער און וואָס ער איז.

דעם שווערן קויש, וואָס איז פול געווען מיט עטלעכע פּעק ספּעציעל צוגעשניטן פּאַפּיר, האָט סאַלאָמײַע געדאַרפט נעמען בײַ איינעם אַן אַלטיטשקן אַרבעטער און אים אַוועקטראָגן אויף באָרשטשאַגאָווקע צו איינער אַ פרוי, וועלכע האָט שוין געוווסט, וואָס זי דאַרף טאָן מיטן פּאַפּיר. אויף דעם קויש מיט פּאַפּיר האָט מען געוואָרט מיט אומגעדולד, ווײַל גראָדע אויף דעם

פּאַפּיר האָט מען געדאַרפט אָפּדרוקן די פּלוֹגבלעטלעך וועגן אַדאָלף היטלערס געבורטסטאָג, וואָס פאַלט אויס דעם 18 אַפּרעל, און וועגן דעם פאַרשטייענדיקן גרויסן יאָמטעוו ערשטן מײַ. איבערטראָגן דאָס פּאַפּיר האָט מען געקאָנט פאַרטרויען נאָר אַ מענטשן, וואָס קיינער קאָן אים ניט און וואָס וועט ניט אַרויסרופן קיין כשאַד.

אינעם קליינעם געסעלע, אין דעם נידעריק־געזעצטן אַלטן מויערל האָט סאַלאָמעאַ, כּוץ דעם באַלעבאָס, געטראָפן אַ צווייטן אַלטן מיט אַ צעפּאַטלטער שוואַרצער באָרד. ניט קוקנ־דיק אַף דעם, וואָס דער פרילינג איז שוין געווען אין פולן בלי און דאָס מויערל איז קימאַט ווי אײַנגעטונקען געווען אין פרישן גרינס, איז דער אַלטער געווען אָנגעטאָן אין אַ ברעזענטענעם לאַנגן רעגנמאַנטל. סאַלאָמעאַ האָט זיך אַף אַ דאָרפישן אויפן באַגריסט:

— זדראַווענקי בולי, דידוסיו!

— דײַ באָזשע זדראַוויאַ, אַנוקאַ! — האָט איר געענטפערט דער אַלטער. — טשים באָג פּאָסלאַוו? — ס׳הייסט, מיט וואָס האָט דיך גאָט געשיקט אַהער?

— ווי איר זעט, ניט מיט קיין ליידיקע הענט, — האָט אים סאַלאָמעאַ געענטפערט. דאָס איז געווען אַ מין פּאַראָל, וואָס האָט געזאָלט באַשטעטיקן, אַז דאָס איז אַ מענטש, וועלכן מע מעג געטרויען און אַף וועלכן מע קאָן זיך פאַרלאָזן.

פונדעסטוועגן האָט ער ווי אין אַ שפּאַס אַ זאָג געטאָן:

— און ווי קאָנסטו דערווײַזן, אַז דאָס ביסטו? אַן אַאוסווײַזע האָסטו?

— ווי קאָן מען דען אָן אַן אַאוסווײַזע?! אָט, ביטע! ביטע שיין, — האָט זי געזאָגט, באַ־ווײַזנדיק די צײַגעניש.

דאָס איז ווירקלעך געווען אַ צײַגעניש, וועלכע האָט שוואַרץ אַף ווײַס באַשטעטיקט, אַז זי, סאַלאָמעאַ יאָסיפאָווּנאַ דאַנילוק, אַ געבוירענע אינעם דאָרף ליסאָווע, איז אַצינד אַ שוי־שפּילערין אינעם שטאָטישן אָפּערע־טעאַטער.

— דאַנילוק! און דײַן טאַטן, הייסט עס, רופט מען יאָסיפ, — האָט ער אָנגעהויבן באַ־טראַכטן דעם אומגעוויינלעכן שאָליעך מיטן שווערן קוישל אין די הענט.

— און וואָס כּידעשסט עס אײַך אַזוי?

— מיך כּידעשט עס ניט. מיך פרייט עס! יאָסיפ איז דאָך מײַנער אַ גוטער ברודער, אַן אַלטער באַקאַנטער, מיט איין וואָרט — אַ זעמליאַק. ער האָט צוזאַמען מיט מײַן טאַטן אין אַרמיי געדינט, אַ פּוס פאַרלוירן, נו, עפּשער האָב איך אַ טאָעס?!

— איר האָט שוין דאָפּקע ניט קיין טאָעס! ער איז בא אונדז טאַקע אַן איין פּוס, נאָך פון יענער מילכאָמע אַן.

— און די מאַמע דײַנע רופט מען דאָמאַכע? ריכטיק?

— נו, יאָ, דאָמאַכע. און מיך רופט מען ווי דיך באָבע מײַנע — סאַלאָמיִע...

אַנאַטאַלי האָט מיטאַמאָל דערשפּירט צום טײַערן מיידל אַ באַזונדער געפיל, באַזונדערס ווען סאַלאָמיע האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם דאָרפישן לעבן און וועגן דעם, ווי די ליסאָוועשאַנער זײַנען אופגעבראַכט קעגן די אָקופּאַנטן, וואָס ווילדעווען אין די ארומיקע שטעטלעך און דערפער.

— זײַן אופגעבראַכט איז ניט גענוג, סאַלאָמיִקע. ניט גענוג! עפּעס דאַרף מען טאָן, עפּעס דאַרף מען זיי קעגנשטעלן...

— ווער וועט זיך קעגנשטעלן, אַז די יוגנט טרײַבט מען ארויס קיין דײַטשלאַנד. מיך, צום בײַשפּיל, האָט מען אויך געזאָלט צונעמען. גוט, וואָס אײַער וואַניע, אײַער ברודערקע, האָט מיך מאַמעש ארויסגעשטופּט אהער.

פונעם קורצן געשפּרעך מיט סאַלאָמיִקען האָט דער מענטש — און דאָס איז געווען אַנאַ־טאָלי לאַזעבניק — זיך דערוווּסט, אַז זי איז איצט ניט נאָר אַן אָנטיילנעמערן פון דער פאַר־שטעלונג, וועלכע עס גרייט דער נײַער טעאַטער, נאָר אויך אַ שאַלײַעך פון לאַריסע אַזערנאַ. סאַלאָמיִע, קעדיי פאַרזיכערן דעם אומבאַקאַנטן, אַז דאָס איז טאַקע זי און ניט עמעצער אַנדערש, האָט אים מיטגעטיילט, אַז דער טעאַטער וועט אויך שטעלן דעם באַלעט „לעבע־דינאַיע אַזורא״...

— אַזוי די מײַסע! „לעבעדינאַיע אַזורא״? איך פרעג דיך ניט, ווי קומסטו צו דער אַזערע. כ׳וואָלט נאָר אַ באַלן זײַן וויסן, וואָזוי וועל איך קאָנען באַזוכן דעם טעאַטער, אויב אַף די טירן הענגט בעפּיירעש אַן אופשריפט „נור פיור דויטשע״.

— וועגן דעם האָב איך קיין טראַכט ניט געטאָן, נאָר נישקאַשע, זיידעניו, זאָרגט זיך ניט, ס׳וועט קומען אַ צײַט, ווען מיר וועלן זינגען, שפּילן און טאַנצן פאַר אַלעמען. און פרײַער פאַר אַלץ פאַר די, וועלכע האָבן פאַרדינט, מע זאָל צוליב זיי ניט נאָר שפּילן טעאַטער, נאָר אָפּגעבן דאָס לעבן.

פונעם ווײַטערדיקן געשפּרעך מיט סאַלאָמײַקען האָט אַנאַטאָלי זיך דערוווּסט אויך וועגן דעם, אַז דאָדיק ווינט אצינד בא איר טאַטן, אין ליסאָווע.

— מײַן מאַמע פלעגט אַמאָל זאָגן: אַ באַשערטע זאַך! יאָ, טאַקע באַשערט, אַז מיר זאָלן זיך צופעליק טרעפן מיט מײַנער אַ זעמליאַטשקע און ניט סטאַם טרעפן זיך, נאָר טאַקע אַף אַ באַזונדער אויפן. אַ גרויסן דאַנק דיר, טאָכטער, פאַר דער מאַטאָנע, וואָס דו האָסט גע־בראַכט. מיר וואַרטן שוין אַף איר דעם צווייטן טאָג. גיי, טײַערע, גיי, און זײַ פאָרזיכטיק. מע מוז זײַן פאָרזיכטיק, מע מוז!

ווען מע פרעגט בא סאַלאָמיִען, וואָס זי האָט געבראַכט אין קוישל און צוליב וואָס דאָס איז, וואָלט זי געקאָנט שווערן, אַז זי ווייסט ניט, אַז פונעם ספּעציעל צוגעשניטענעם פּאַפּיר וועלן ווערן פלוגבלעטלעך. דער שאַפּיראָגראַף, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ טיפן קעלער באַם אַלטן אינוואַליד סטעפּאַן טראָפימענקאָ, איז געווען גוט פאַרמאַסקירט. טראָפימענקאָ האָט אויך געוווּסט בלויז וועגן איין פליכט: צונויפלייגן די אָפּגעדרוקטע פלוגבלעטלעך אין קליינע פּעקלעך און זיי איבערגעבן אַנאַטאָלי לאַזעבניקן, וועלכער האָט זיי פאַנאַנדערגעטראָגן לויט די באַשטימטע אַדרעסן און איבערגעגעבן די מענטשן, וואָס וועלן פאַרשפּרייטן דעם גרוס פון דער גרויסער ערד.

און דעם גרוס האָט מען באַקומען בא דער אַלטער נאַסטיע, וואָס האָט געוווינט אַף דער טורגענעווער גאַס, ווו לאַריסע אַזערנאַ האָט אײַנגעאָרדנט אַ קליינעם אופנעמער. אָ, דאָס איז געווען אַ ווונדערלעכער אַפּאַראַט, וואָס האָט בלויז 10־15 מינוט אין מעסלעס אין אַ באַשטימ־טער צײַט פאַרשריבן די מיטיילונגען פון דער סאָוויִנפאָרמביוראָ. קיין עלעקטרע איז ניט געווען און ס׳איז אויסגעקומען באַנוצן זיך מיט אַן אַקומוליאַטאָר. וואַנדע, וועלכע האָט אין לעבן ניט געהאַט צו טאָן מיט קיין ראַדיאָ־מאַכשירים, האָט מער פון אַלץ מוירע געהאַט, זי זאָל, כאָלילע, ניט קאַליע מאַכן דעם אופנעמער. בעשאַס איינעם אַזאַ סעאַנס, ווען וואַנדע איז געזעסן מיט די אויער־טרײַבלעך אַף די שלייפן, גרייט אופצונעמען די נייטיקע נײַס, האָט זי דערהערט, ווי מע קלאַפּט אין טיר. דערנאָך דערהערט שווערע טריט פון אונטערגעקאָוועטע שטיוול. דאָס הערץ האָט זיך בא איר שיר ניט אָפּגעריסן: ווער קאָן דאָס זײַן?

און געווען זײַנען דאָס טריט פון וואַסיל גאַרקושאַ מיט זײַנעם אַ נײַעם גוטנפרײַנט, אויך אַ פּאָליצײַאַנט. „זיכער צו דער קוואַרטיראַנטקע סאַלאָמיִע״, — האָט אַ געדאַנק, ווי אַ בליץ, אַ שניט געטאָן אין איר מויעך. נאָר דאָס איז געווען אַן אומזיסטער כשאַד. גאַרקושאַ האָט אין

זינען געהאַט וואַנדען, וועלכע האָט זיך באַמיט מיט איר ניט באַגעגענען. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז וואַנדע איז באַפרײַנדעט מיט נאַסטיען, האָט ער זיך דערוועגט קומען צו איר, פרעגן, עפּשער ווייסט זי, ווו וואַנדע איז אהינגעקומען.

— וואָס פרעגסטו באַ מיר? — האָט נאַסטיע אָף אים אויפגעהויבן אַ פּאָר אומשולדיקע אויגן. — פרעג באַ איר מומעטשקע, באַ אַגנעסען פרעג. זי מוז זיכער וויסן. און נאָך בעסער: טו אַ פרעג באַ די, מיט וועלכע זי טאַנצט דאָרט אין טעאַטער... מענטשן פוכבען פון הונגער, און זי טאַנצט!

— הייסט עס, ווייסט איר ניט, ווו וואַנדע איז? און עפּשער באַהאַלט זי זיך אויס?

— וואָס דאַרף זי זיך אויסבאַהאַלטן און ניט ערגעץ־ווו, נאָר באַ מיר? זי האָט, כאַלילע, עמעצן באַגאַנוועט?

— קיין גאַנעוועטע איז זי ניט!

— מע שמועסט, אַז מע כאַפּט די יונגע מיידלעך אין די גאַסן און מע שיקט זיי אין דער זאַגראַניצע אָף אַרבעט. נאָר כ׳מיין, אַז אַזאַ אַרטיסטקע וועלן די דײַטשישע אָפּיצערן ניט אַרויסלאָזן פון זייערע הענט.

לאַנג פאַרבערענגען מיט דער אַלטער האָט גאַרקושאַ ניט געהאַט קיין כיישעק, איז ער אוועק מיט זײַן כאַוער, וועלכער האָט די גאַנצע צײַט גענישטערט איבערן צימער, זוכנדיק אַ באַווײַז, אַז וואַסיל גאַרקושעס קאַלע איז דאָ אַ גאַסט.

און וואַנדע האָט בעשאַסמײַסע פאַרטײַעט דעם אָטעם. זי האָט מוירע געהאַט זיך אַ ריר טאָן, מע זאָל דאָרט, פון אויבן, ניט דערהערן.

די צײַט האָט זיך מעשונע־לאַנג געצויגן, און ווען די אומדערוואַרטע און אומגעבעטענע געסט זײַנען אַרויסגעגאַנגען, האָט זי פרײַ אָפּגעעטעמט.

דאָס איז שוין געווען ניט דער ערשטער איבערשרעק. מיט דרײַ־פיר וואָכן צוריק, ווען וואַנדע האָט זיך אומגעקערט פון אַ רעפּעטיציע, איז צו איר צוגעגאַנגען איינער אַ שטאַלט־נער פײַן אויסגעראַזירטער יונגערמאַן אין אַ גרוי־גרינעם גאַבאַרדינעווע רעקל און מיט אַ פּלױשענעם קאַפּעליוש.

— איזווינִיטיע, — האָט ער זיך געווענדעט צו איר אָף רוסיש.

— ביטע! — האָט זי אים געענטפערט, ווי אַן עכטע דײַטשקע.

— מעגסט מיט מיר ריידן אָף דײַן אייגענער שפּראַך. כ׳מיין, אַז דו האָסט זי נאָך ניט פאַרגעסן, דײַן אייגענע שפּראַך.

— און פונוואַנען ווייסט איר, וועלכע איז מײַן אייגענע שפּראַך?

— אַלץ, וואָס מע דאַרף וויסן וועגן אַזעלכע „מעדכענס”, ווי דו, — ווייסן מיר... — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, און צוויי גאָלדענע ציין האָבן אַ פינקל געטאָן אין זײַן גראָבליפּנדיק מויל.

— מיר? ווער איז דער „מיר”? — האָט וואַנדע אויך מיט אַ געמאַכטן שמייכל אַ פרעג געטאָן. — און וואָס האָט איר צו מיר?

— צו דיר, האָב איך גאָרניט. מיך אינטערעסירט דער דיעדושקאַ.

— וואָס פאַר אַ דיעדושקאַ?

— דאָס וואָלט, פאַרשטייט זיך, בעסער געווען פאַר דיר, ווען דו קענסט אים ניט. נאָר, צום באַדויערן, קענסטו אים יאָ. און ניט נאָר דו קענסט אים, נאָר דו טוסט אַלץ, וואָס ער פאַרלאַנגט פון דיר.

— אינטערעסאַנט! — האָט וואַנדע שיִער ניט אויסגעשריגן. — ווער זײַנט איר און וואָס טשעפּעט איר זיך צו אומבאַקאַנטע פרויען? איך האָב ניט קיין זיידעס!

— מאַך ניט קיין גוואַלד, מיידעלע! וואָס שטילער דו וועסט זיך אויפירן, אַלץ בעסער און ריכטיקער וועסטו האַנדלען.

— איך וועל מוזן זיך ווענדן צו דער פּאָליציי! — האָט וואַנדע, דראָענדיק, אויסגעשריגן.

— דאָס, זעסטו, אייצע איך דיר ניט! — האָט ער ווידער גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן און וואַנדע האָט שוין ניט געוווּסט, ווי דאַרף זי ווײַטער זיך אויפירן מיט דעם אומבאַקאַנטן.

— איז אָט, מײַן טײַערע, — האָט ער זי גענומען אונטער דער האַנט, — אונדז איז באַ־וווּסט געוואָרן, אַז דו באַגעגנסט זיך מיט איינעם אַן אַלטן פאַרברעכער.

— איר זײַנט פון זינען אַראָפּ! וואָס פאַר אַ פאַרברעכער און וואָס פאַר אַ „זיידן” האָט איר מיר־צוגעטראַכט? מײַן מומע איז אַ פאָלקס־דויטשקע, מײַן כאָסן דינט אין פּאָליציי, איך בין אַ טענצערן פון דער נײַער אָפּערע — אָט איז מײַן אַאוסווײַזע, אָט, זעט, קוקט! — האָט זי אים באַוויזן איר צײַגעניש.

— באהאלט די אאוסוויַזע, — האָט ער באפוילן, — דאָס אלץ איז ריכטיק און דאָס אלץ איז אונדז באוווּסט. אונדז איז אָבער אויך באוווּסט, אז דו ביסט פארבונדן מיט איינעם א פארר שטעלטן פארברעכער. טאָ זיי זשע וויסן, אז מע שפירט נאָך דיר, אז דיַין יעדער שפּאַן איז אונדז באוווּסט. און טאקע וויַיל דו ביסט גארקושעס קאלע, ביסטו אָף דער פריַי... האָסטו עס פארשטאַנען? און נאָך: ביז עס איז ניט שפּעט — דאָס אייצע איך דיר, ווי א גוטער פריַינט — האָט כאסענע מיט גארקושען און זיַיט ביידע גליקלעך.

וואנדע איז געשטאַנען א צעשטרייטע, ניט געוווּסט, וואָס אים צו ענטפערן, דעם „גוטנ פריַינט", דעם אויסגעפּוצטן שאדכן.

— וועגן כאסענע האָבן קאָן איצט קיין רייד ניט זיַין! — האָט וואנדע מיט א קרעכץ געזאָגט און מע האָט געקאָנט מיינען, אז זי באדויערט עס. — דערצו דארפט איר ניט פארר געסן, — איז זי שוין דרייסטער געוואָרן, — אז ווען איך וואָלטווירקלעך געוואָלט כאסענע האָבן, וואָלט איך מיר אויסגעקליבן א מער פּאסיקן כאָסן. דאָס זאָג איך איַיך אויך, ווי א גוטנפריַינט.

— ווּעמען, צום ביַישפּיל? — האָט ער כוצפּעדיק א ווונק געטאָן.

— נו, כאָטשבי איַיך, צום ביַישפּיל, — האָט זי שפּאסנדיק געזאָגט. — איר וואָלט זיך דען אָפּגעזאָגט פון אזא פריַי?

— ווי איך זע, ביסטו א בעסטיע, כלעבן!

— דאָס איז א קאָמפּלימענט צי א באליידיקונג?

— פארשטייט עס ווי דיר געפעלט. נאָר וועגן איינס זאָלסטו דאָך ניט פארגעסן: קיינער טאָר ניט וויסן וועגן אונדזער געשפּרעך. דיַין וויַיטערדיקער גורל איז אין דיַינע הענט, נאָר אין דיַינע און מער אין קיינעמס ניט!

— ווי דארף מען דאָס פארשטיין, הער... כ'ווייס ניט ווי איַיך אָנצורופן.

— ביסט ניט מעכויעוו מיך אָנרופן... דו קענסט מיך ניט און ווייסט מיך ניט. גיי און זיַי געהיט, און לאָז זיך ניט פארפּירן.

זיי האָבן זיך צעשיידט און אין הארצן בא וואנדען האָט זיך פארקליבן א פארדאכט, אז דאָס איז זיכער עפּעס אן אונטערגעשיקטער מענטש. ניט אומזיסט האָט אָזערנא זי ניט איין מאָל געוואָרנט: פארפּיר ניט קיין שום באקאַנטשאפט אָף דער גאס. זאָלסט זיך, כאלילע, ניט אריַינכאַפּן אין די הענט פון א פּראָוואָקאטאָר.

וועגן אירע באגעגענישן מיטן „דיעדושקע" האָט געוווּסט נאָר לאָרא אָזערנא. זאָל דאָס עפּשער הייסן, אז זי פּרוּווט אויס וואנדען? פארוואָס זשע עפּעס אָף אזא אויפן? און וועגן איר באגעגעניש מיטן אומבאקאַנטן „גוטנפריַינט", ווי ער האָט זיך פארגעשטעלט, האָט וואנדע גליַיך דערציילט לאריסען — אנדערש האָט זי ניט געקאָנט טאָן, וויַיל זי האָט געהאלטן לאָרען פאר איר עלטערער כאוועריטע און האָט זיך ווירקלעך געסטארעט אויספּילן אלע אירע אייצעס און באקאָשעס.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, וואנדע? — האָט זי אָזערנא ארומגענומען. — זאָגן, אז איך בין גליקלעך פון דיַין באגעגעניש מיטן „גוטנפריַינט", וואָלט געהייסן, אז מיר זיַינען ביידע לײַכטזיניק. איינע פון אונדז — דו קענסט זי ניט! — האָט פארגעסן וועגן אונדזער וואָרענונג און האָט זיך אריַינגעפּאקט צו א פּראָוואָקאטאָר און צוליב איר לאנגער צונג זיַינען דורכגער פאלן צוויי אונדזערע דריַילינגען. דעם פּראָוואָקאטאָר האָבן מיר שוין ליקווידירט און זי... און זי האָבן מיר דערוויַיטערט. לאָמיר האָפן, אז דאָס מאָל וועט אונדז אָפּגליקן.

— וואָס זשע דארף איך איצט טאָן? — האָט וואנדע געפרעגט.

— אלץ, וואָס דו האָסט פריִער געטאָן, נאָר — פארזיכטיק, וואנדע.

— און אויב ער וועט מיך ווידער אָפּשטעלן אין גאס און פארפּירן א רייד?

— סטארע זיך מיט אים ניט פירן קיין פּאָליטישע געשפּרעכן. און אויב ער וועט דיך פּרוּוון איַינלאַדן אָף א שפּאציר, געפין א טערעץ און זאָג זיך אָפּ. אָבער ווייסטו גאָר וואָס? — האָבן בא לאָרען פלוצעם א גלאנץ געטאָן די אויגן, — לאָד דו אים איַין אָף א רעפעטיציע, איך זאָל האָבן די מעגלעכקייט כאפּן א קוק אָף אים.

עס זיַינען דורכגעגאַנגען דריַי וואָכן, ביז וואנדע האָט אומגעריכט באַם אריַינגאַנג פונעם טעאַטער באמערקט דעם אזויגערופענעם גוטנפריַינט מיט לאריסא פּאוולאָוונא אונטער דער האנט. זיי זיַינען געגאַנגען, ווי אלטע באקאַנטע. וואנדע האָט אים גליַיך דערקענט, זיך אָפּגעַ קערעוועט אין א זיַיט. „זיַינען זיי, הייסט עס, באקאַנט?" — האָט וואנדע א טראכט געטאָן און קוים זיך דערוואַרט די מינוט, ווען לאריסע איז אריַינגעקומען אין רעפעטיציע-לאָקאַל. זי האָט זיך גליַיך א לאָז געטאָן צו לאָרען:

— זײַנט איר, הייסט עס, באַקאַנט מיט אים? דאָס איז דאָך דער, וועגן וועמען איך האָב אײַך געהאַט דערציילט און איר האָט מיר געצייגט אים ברענגען אין טעאַטער, קעדײַ איר זאָלט אַף אים כאַפּן אַ קוק.

— אַזוי די מײַסע? — האָט לאַרע אַ שמייכל געטאָן.

— ווער איז ער?

— מײַן געוועזענער כאָסן — זשאַרע...

— און וואָס טוט ער איצט, אײַער געוועזענער?..

— ער אַרבעט אין געסטאַפּאָ... — האָט לאַרע געזאָגט אַזוי רויק, ווי דאָס וואָלט געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך און ניט אַרויסגערופן קיין כידעש בײַ איר.

— ער איז אַ דײַטש?

— ערגער. ער איז אַ מערדער. אַ פאַרקויפטע נעשאָמע.

וואַנדע האָט געקוקט אַף לאַרען און ניט געוווּסט, צי זאָל זי איר גלייבן, צי איז דאָס טאַקע ווירקלעך אַזוי, ווי זי זאָגט. ווי קאָן עס גאָר מעגלעך זײַן, אַז אַ מערדער, אַ פאַרקויפטע נעשאָמע זאָל זי פירן אונטער דער האַנט און זי זאָל נאָך שמייכלען צו אים קאָקעטיש, ווי זי וואָלט אים וועלן געפעלן זײַן. ניין, דאָ איז עפּעס אַ מיספאַרשטייעניש!

— וואָס קוקסטו אַף מיר אַזוי? וואָס איז דער כידעש? דיר געפעלט ניט מײַן באַקאַנטשאַפט, צי דאָס, ווי רויק איך רייד וועגן דעם?

— שוין זשע איז ער געווען אַמאָל אײַער כאָסן?

— ווען זשאַרע איז געווען מײַן כאָסן, איז נאָך בײַ אונדז קיין געסטאַפּאָ ניט געווען. און ניט דאָס קימערט מיך! מיך פאַרדריסט, פאַרוואָס האָב איך דעמלט ניט דערשפּירט זײַן עמעסן טאָך, ווען איך האָב אים ליב געהאַט, פאַרוואָס האָב איך ניט דערפילט אין אים דעם בלוטיקן סוינע?

— און וואָס וויל ער פון אײַך אַצינד? — איז שוין וואַנדע נײַגעריק געווען צו וויסן, — שוין זשע גלוסט זיך אים באַנײַען מיט אײַך די באַקאַנטשאַפט?

— ער וואָלט זיכער ניט דערווידערט, ווען איך בין מאַסקים.

— וואָס זשע וועט זײַן? וועט איר זיך מיט אים באַגעגענען?

— געוויס! דאָס איז דאָך אַ גליקלעכער צופאַל, האָבן אַ פאַרבינדונג מיט זיי... זיי זאָלן דיר גלייבן און האַלטן דיך פאַר אַ נאָענטן געטרײַען מענטשן... דעם גאַלעכס אַן אייניקל, אַ געליבטע פון אַ געסטאַפּאָווּעץ, איינע פון די הויפּט־זינגערנס אין זייער טעאַטער — אַ קלײַניקײַט?!

וועגן אָט די אַלע געשעענישן האָט נאַסטיע, פאַרשטייט זיך, ניט געוווּסט און האָט ניט געדאַרפט וויסן. זי האָט זיך בלויז אָנגעשטויסן, אַז עפּעס האָט געטראָפן, ווײַל שוין עטלעכע וואָכן קומט צו איר ניט אַרײַן אַנאַטאָלי, וואָס האָט זיך נעבעך געמוזט פאַרלאָזן אַ באָרד און אַרומבלאָנקען מיט אַ קוישל איבער דער שטאָט. אַזאַ טײַערער און כאָשעווער מענטש, אַ געניטער אַרבעטער איז געוואָרן ווי אַ פאַרוואָרלאָזטער, פאַרכליאַנעטער און קומט אַפילע ניט אַרײַן זיך דערקוויקן די נעשאָמע מיט אַירס אַ שיסעלע שיטערן זופּ. און געטאָן האָט ער עס, ווײַל מע האָט אים געגעבן אַ פאַראָרדענונג: זיך מער ניט באַווײַזן אין שטאָט, נעלעם ווערן אַף אַ געוויסער צײַט, ווײַל מע זוכט אים שוין, מע טשאַטעוועט אים נאָך.

— וואָס קאָן מען טאָן, — האָט זיך לאַריסע ווי פאַרענטפערט, געזעגענענדיק זיך מיט אים. — מיר דאַרפן אײַך אַ געזונטן און אַ לעבעדיקן. עס וועט אונדז זײַן שווערער אָן אײַך, נאָר איר וועט דאָך געוויס נוצלעך זײַן אַף אַ צווייט אָרט...

און אַנאַטאָלי האָט זיך דערמאָנט אין זײַן אייגענעם דאָרף ליסאָווע. דערצו האָט ער זיך דאָך דערוווּסט פון סאַלאָמיען, אַז דאַדיק איז דאָרט!

געגאַנגען איז ער, ווי געווײנלעך, מיטן קוישל, אין וועלכן ער האָט געטראָגן עטלעכע פּעקעלעך דיניקע וואַקסענע ליכטלעך, אַ דרײַ־פיר יעוואַנגעליעס, אַ גרויסן זילבערנעם ציילעם, וואָס האָט געדאַרפט איידעס זאָגן, אַז ער איז טאַקע אַ גאָטס־מענטש, וואָס איז פון גאָט אַליין געשיקט פאַרשפּרייטן די הייליקע קסאָווים אַף דער זינדיקער ערד. בײַם אַרויסגיין פון שטאָט האָט אים אָפּגעשטעלט אַ פּאָליצײַ מיט אַ געדיכטן שוואַרצן טשוב אַפן שטערן.

— האַלט, האַלט! — האָט ער ווי אַ בייזער הונט אויסגעשריגן.

— וואָס „האַלט”, וועמען „האַלט”? וואָס ליאַרעמסטו?! — האָט אַנאַטאָלי אים געענטפערט און מיטן ציילעם, פּונקט ווי ער וואָלט ווירקלעך אַן עמעסער גאַלעך געווען, אים איבערגעציילעמט.

— ווער ביסטו און וווּהין גייסטו, באַטיושקאַ? — איז דער פּאָליצײַ שוין ווייכער געוואָרן.

— ווער איך בין, זעסטע, זינדיקער מענטש, און וווהין קאָן איך גיין, אויב ניט צו מײַנע גלויביקע שוועסטער און ברידער...

— דאָס פאַרשטייען מיר, — האָט דער פּאָליצײַ זיך פאַרענטפערט.

— איך גיי! ווי שטענדיק מיט גאָטס וואָרט און מיט יעזוסעס לערע גיי איך. גערעדט האָט אַנאַטאָלי אַזוי איבערצײַגעוודיק, אַז דער פּאָליצײַ האָט אפילו פאַרגעסן זײַן הייליקע פליכט קוידעמקאָל אַ קוק טאָן אויף זײַן אַאוסווײַז.

— און וואָס איז דאָרט בײַ דיר אין קוישל?

— טו אַ קוק, טײַערער, — האָט אַנאַטאָלי אופגעדעקט פאַר אים זײַן קראָם. — און עפּשער דאַרפסטו עפּעס דערפון, וועל איך דיר גערן פאַרקויפן — סײַ פאַר דעם נײַעם געלט, סײַ פאַר דעם אַלטן.

— וואָס טויג עס דיר, דאָס אַלטע? בײַ דער נײַער אָרדענונג מוז זײַן אויך נײַ געלט. שוין זשע ווילסטו עס ניט פאַרשטיין?

— זינדיק ניט, מײַן טײַערער, זינדיק ניט! נעם אָן פאַר ליב אַלץ, וואָס גאָט שיקט אונדז. ער, דער אַלמעכטיקער, ווייסט בעסער פון אונדז, ווי עס באַדאַרף זײַן אויף אונדזער זינדיקער ערד.

— געוויס ווייסט ער, — האָט דער פּאָליצײַ אונטערגעבאָמקעט דעם הייליקן מענטשן.

— דער איקער, זוניו, איז גלויבן. גלויבן אין זײַן גערעכטיקייט!

(סאָף קומט)

הירש רעלעס

אין שײַן פון צײַטן

שאָלעם־אַלייכעם

שוין אָפּגעדונערט האָבן די הארמאטן,
עס איז שטיל געוואָרן אַף דער וועלט.
די העלע זון האָט פון די ווײַטן
שוין ווידער נאכעסדיק געקוועלט.

איך בין אין יורמאלא, אפּרעל ערשט,
דער פּליאזש איז נאָך אינגאנצן פרײַ.
שטיל הין־צוריק באם ברעג שפּאצירן
אין גרעסטער מערהײַט אלטע לײַט.

אין טיפן זאמד, אַף העלע שטעגן
האָט גלאט געשטעמפּלט זיך מײַן שפּאן,
און פּלוצלינג ערגעץ פון אנטקעגן
וואקסט אויס פאר מיר א הויכער מאן.

דאָס פּאָנעם — שווארץ, שניי־ווײַס — דער
בעגעד,
די ציינער — פּערל, איינס אין איינס,
ס'איז נאָענט מיר דער פּראָסטער נעגער,
כאָטש כ'ווייס ניט, וויאזוי ער הייסט.

דער נעגער „מיסטער רוס" רופט אָן מיך,
און כ'פּיל אַף זיך זײַן גוטן בליק,
ער טשירקעט פלינק איבער זײַן דלאָניע
מיט לאנגן פינגער הין־און־צ'ריק.

איך נעם ארויס דאָס צינד־מאכשירל —
זײַן ווילן איז מיר גוט באוווּסט.
פאררייכערט ער און גלײַך פארציט זיך,
און זאָגט סענק־יו מיר — מיסטער רוס!

ער שלינגט דעם רויך און שטייט אלץ נעבן,
און איך גיי אויך פון אים ניט אָפּ,
מיט אויסגעשרייען ווײַסע מעוועס
זיך טראָגן פרײַ איבערן קאָפּ.

כ'האָב א געשפּרעך געוואָלט פארפירן,
ווי הייבט מען אָן — כ'האָב ניט געוווּסט.
ער זאָל דערהערן כאָטש מײַן שטימע,
איך זאָג אים גלאט: כ'בין ניט קיין רוס.

„כא־כא!" — די מעוועס זיך צעלאכן,
ווי איינער זאָגט: וואָס גייט עס אָן?
און ס'קוקט אַף מיר אזא פארטראכטער
מײַן קאמעראד, אין שמועס פארטאָן.

געציילטע ווערטער כ'הער אין מעשעך
פון די מינוטן — פינף, צי צען:
— א מאָלדאוואן? — ער פרעגט, — צי עפּשער
אַן אוקראַינער, א גרוזין?

דער צונג בא אים איז ווי געפּענטעט,
נאָר ס'איז אין דעם קיין וווּנדער ניט,
ער טרעט ניט אָפּ און ווארט אַן ענטפער,
דאַן כ'טו א זאָג: — איך בין א ייִד.

צו זיך כ'טײַנע: — נאר, וואָס רעדסטו?
גלאט אין דער וועלט א קאָפּ דו דרייסט,
צי ווייסט ער דען, מיט וואָס מע עסט עס?
פרעג בא אים גרינגערס, וואָס דאָס הייסט.

נאָר אָט כ'דערזע: א פרײַנטלעך שמייכל
זײַן טונקל פּאָנעם האָט באהעלט,
— אָ, יעס, אָל־רײַט. שאָלעם־אַלייכעם!
ער טײַנעט הארציק, און ער קוועלט.

א דאנק פאר דעם קאבאָלעס־פּאָנעם...
אין קיין שום פאל כ'האָב ניט געווארט,
איך ענטפער אָפּ: אַלייכעם־שאָלעם!
און אופגעלייגט שטרעק אויס די האנט.

„כא־כא!" — צעלאכן זיך די מעוועס,
און איינס נאָך איינס זיי פליִען אָפּ,
און ווידער שוין אַף כוואליעס שווערע
זיי הוידען זיך ארוף־אראָפּ.

ער לאָזט ארויס א רינגל רויך, און
א רעגע בלײַבט ער ווי צעמישט,
— נאָו! נאָו! — זאָגט, — שאָלעם־אַלייכעם!
מיט דעם ער מיינט: איך ווייס געוויס.

און פאר דער האנט ער נעמט מיך פעסט אָן,
ס'איז יעדעס וואָרט מיט הארץ באטאָנט:
— יעס, מאָטעל, טעוועל, ראפאלעסקאָ! —
און אויך קאסרילעווקע דערמאָנט.

דעם גראָבן פינגער ארופצו שטרעקט ער:
— שאָלעם־אלייכעם! אָ־קיי! אָל־רײַט!
און כאָטש איך הער ניט מער קיין ווערטער,
דאָך ווייס איך פאָרט, וואָס דאָס באטײַט.

א ווײַטע זון אף כוואליעס, בלענדיק,
האָט זײַלן פלאמיקע צעגליט,
און אונדזער צופעליקע זעונג
האָט ניט פארענדיקט זיך דערמיט.

אין רעסטאָראן ארײַן ער פירט מיך
און טראָגט מיר צו דעם בעסטן ווײַן,
הייבט אוף א טאָסט, און איך דערפיל זיך,
ווי דער באלסימכע וואָלט איך זײַן.

ווי ס'וואָלט געקומען מיר פאר שײַכעס,
דערפאר נאָר, וואָס צום פאָלק כ'געהער,
פון וועלכן ס'שטאמט דער גרויסער שרײַבער,
וואָס איז בארימט אף גאָרער ערד.

א קאָנצערט אין קאָלווירטישן קלוב

אלע טירן זײַנען אף שלעסער,
וועסט קיינעם ניט טרעפן אין שטוב:
די יונגע סאָליסטקע אָלעסיע
טרעט איצט ארויס אינעם קלוב.

אך, מיט וואָס פאר א צויבער
וועגן „זאָרקא ווענערא" זי זינגט,
דער ניגן — צארט און זויבער —
איבערן גאנצן קאָלווירט ער קלינגט.

וויפל כיין אין איר שטים פאראנען איז —
אלע פענעמער זײַנען צעהעלט,
און פלוצלינג, פון־ווען און פונוואנען,
זי זינגט „דאָס שטעטעלע בעלץ".

מיט אלע פישטשעווקעס, מיט אלע קלאנגען,
א ווונדער! ווי קומט עס צו איר?
און איר שטים ווערט אין טרויער פארגאנגען,
און דער זאל איז אין שטילקײַט פארהילט.

ס'מאכט דער ניגן אן אײַנדרוק א שטארקן,
נאָר די ווערטער פון דער דאָזיקער ליד
פארשטייט אינעם זאל דעם געפאקטן,
בלויז בערקאָ — דער אלטער שמיד.

אָט זיצט ער אין דער ריי דער דריטער,
מיט ווירדע פארלייגט די הענט,
אין געפענקעניש פון הונדערטער בליקן —
דער זאל איז צו אים געווענדט.

שוין גראָוו, נאָר פעסט, קיין אײַנהאָרע,
ארויס פונעם קריג אליין...
איבער דרײַסיק יאָר שוין באם האָרן,
דער גרויסער קאָלווירט איז זײַן היים.

אין הייסע צײַטן פון שניט און פון זייען
קומט זיך אויס דעם קאָוועל גאנץ שווער,
און ס'טרעפט, אז ס'פאָדערט זיך זייער
די קויכעס אָנשטרענגען מער.

דעם קלאל ער אנטזאגט ניט קיינמאָל,
און קיין פרעמיִעס נעמט ער ניט,
האָט אָלעסיע באשטימט אים באלוינען
נו, כאָטש מיט דער דאָזיקער ליד.

פון די נאָענטע, הארציקע ווערטער
אויסצוהאלטן איז, קאָנטיק, אים שווער,
ווישט אָפּ דער גוואר א פארשעמטער
פון די אויגן א קארגע טרער.

און אָט ווערט די ליד אויסגעלאָשן
אין זאל אזוי טרויעריק־זיס,
און אף טעאטראלן לאָשן
דער אוילעם שרײַט: „ביס!", „ביס!"

דער אופברויז ווערט גרעסער און גרעסער,
א טומל אזא מין טויג!
די יונגע סאָליסטקע אָלעסיע
פון בינע צום שמיד זיך פארנויגט.

אויב דאָס ליד האָט א ווערט

פונדאַנען שרײַ איך אזש צום צענטן דאָר...

איזי כאַריק

דיכטער אליין זײַנען שטערבלעך,
אָבער זייערע עמעסע ווערק
קאָנען ניט אומבאַמערקבאַר
פון אלע דורעס אוועק.

יאָרנלאַנג קאָנען זיי דרעמלען
אָפּגעווײַטערט פון אויג,
די בלעטער, זאָגט מען, שימלען
און ווערן צעמאָלט אָף דרויב,

און אויב די ליד האָט א ווערט נאָר
און א נעשאָמע, וואָס רעגט,
איז מיט דער צײַט באַשערט דעם
ווידער ווערן אַנטפּלעקט.

ווידער מיט פלאַם דעם זעלבן,
ווידער אונטער יעדן דאַך —
מונטערן, רופן און רעגן
אָף דער, צי אָף יענער שפּראַך.

און מיטן דיכטערס קרעפטן
שרײַען פון אָוואָר צום וואָר
צום צענטן,
צום עלפטן,
צום הונדערטן דאָר.

אין צירק

ס'האָט די צושויער אַנציקט
דער בער דער קאַסאַלאַפּער,
רויש און רודערט אזש דער צירק
צום טאַקט מיט דלאָניעס קלאַפּט מען.

אין א יאַמטעוודיקן פראַק
מיט צווי וואַזשנע מענער
האָפּקעט ער. דאָ א האָפּאַק,
אינמיטן דער ארענע.

אזוי וואַגיק, אזוי שווער
ער טופּעט אָף צווי לאַפּעס.
און ער הייסט שוין גאָר ניט בער,
נאָר באַריס פּאַטאַפּיטש.

ער איז באָקי אין די טענץ,
און פײַן זיך בייגן קאָן ער,
נאָר וואָס מערער ווערט ער מענטש —
זעט ער אויס מער קאָמיש.

פּרווּוט פאַרטרײַבן אים מיט גוואַלד
צווישן געדיכטע ביימער...
ס'וואָלט אָף אים דער ווילדער וואַלד
אַנטרײַבן אַן איימע.

ווו וואָלט ער ווינען אָן א שטײַג?
ווו וואָלט ער זיך נערן?
ווי אַן אָפּגעבראָכענע צווײַג
זײַן וואָלט ער צווישן בערן.

זײַנע טענץ און זײַנע שטיק
אַנגיין וואָלט דאָרט וועמען?
בלויז נאָר דאָ ער איז, אין צירק,
דער העלד פון דער ארענע.

אַנגעטאַנצט, פאַרבייגט זיך פײַן,
פליעסקען הענט, ווי כוואַליעס...
און מיט אלע כ'פּאַל ארײַן
אין קעלבערנער, היספּײַלעס.

און מיר ווילט זיך פון דער זײַט
אויסשרײַען: — פּאַטאַפּיטש!
ביסט שוין גאָר א גאַנצער לײַט,
צי מיר אויס דײַן לאַפּעס!

בּאָריס מאַגילנער

פאַר שקיצע

1

אין דער צייכענונגס־אַודיטאָריע באַם ברייטן נידעריקן פענצטער שטייט דאָוויד און קוקט אין הויף. דאָרט, לעבן דעם אַלטן לאַסט־אַוטאָמאָביל מיטן אופגעהויבענעם קאַפּאָט, אַמפּערט זיך איבער עפּעס אַ הײַפל סטודענטן. וועגן וואָס עס גייט אַ רייד, הערט ער ניט, נאָר לויט די זשעסטן קומט אויס, אַז די זאַך איז ניט קיין פּאַשעטע.

„קעדיי איבערצײַגן, אַז דו ביסט גערעכט, קומט צומאָל אויס דאָס דערווײַזן מיט קויעך“,— טוט אַ שמייכל דאָוויד, ער האַלט זיך אָבער גלײַך אײַן, זײַן פּאָנעם פאַרכמורעט זיך: ערשט הײַנט האָט ער אַליין געפּרוּווט איבערצײַגן דעם זון אָט אַזוי, מיט קויעך געוואָלט פּויעלן בײַ אים, אַז ער, אילױשע, זאָל ניט וואַגן זיך אַרויסדרייען פון דער אינדערפרײַקער גימנאַסטיק. ווען דוסיע זאָל זיך ניט געוועזן אַרײַנמישן, וואָלט ער געוויס אַרײַנגעטיילט אילױשען עטלעכע גוטע שמיץ. דאָס ווײַב האָט זיך אָבער אַנטשיידן אײַנגעשטעלט פאַר אים. איצט קאָן דאָוויד בעשום־אויפן ניט פאַרשטיין, ווי־אַזוי איז עס געשען, אַז ער האָט דערבײַ היציק זי אַ שטופּ געטאָן — דוסיע איז שיר ניט אומגעפאַלן.

עס פאַרדריסט אים נאָך איצט: וואָס האָט ער געהאַט צו דוסיען?

עס אַרט אים ניט דער פּסאַק, וואָס דוסיע האָט אים געמאַכט, — ער האָט דאָס ערלעך פאַרדינט. אָבער אַ בלינדער וואָלט באַמערקט, ווי אין דוסיעס אויגן האָט זיך אַפילע דורך טרערן דורכגעריסן פאַראַכטונג צו אים.

„ס׳איז איר שווער צו לעבן מיט מיר, — קלערט דאָוויד, פרוּווּנדיק זיך באַפרײַען פון די אַנגסטן, וועלכע האָבן זיך אָנגעוואַלגערט אױף אים. — אַפילע ניט געבעטן קיין מעכילע בײַ איר...“

אַ קנייטש, ווי אַ שראַם, פאַרקאַרבט זיך טיף אין דער באַק. און אַלץ אַרום וועלקט. עס הערט אויף פרייען די מאָדעל פון צוויי איבערגעפלאָכטענע איינע מיט דער אַנדערער פּיראַמידעס, וועלכע דאָוויד האָט נאָרוואָס פאַרטיק געמאַכט צו זײַן מאָרגנדיקער לעקציע. אים דוכט זיך, אַז אַ כוישעך פויזעט אַרײַן אין דער פאַרגאָסענער מיט זונען־שײַן אַודיטאָריע, ווו עס שטייען אויף דרײַפוסן צייכענונגס־ברעטער מיט צוגעפּעסטיקטע צו זייערע ראַנדן רייסשינעס. ער טוט אַ קלער, אַז אָט די באַוועגלעכע מעכאַנישע ווירעס דערמאָנען פונדערווײַטנס אין אײַנגעבראָכענע הענט־ביינער פון סקעלעטן.

דער וויקועך לעבן אַוטאָמאָביל ווערט הייסער. מע דאַרף, אַפּאָנעם, טייקעף דורכקאָנטראָלירן, ווי גייט דאָרטן די לער — אױף אָט דער אָפּטיילונג באַם פאַקולטעט פון געזעלשאַפטלעכע פּראָפעסיעס, מיט וועלכן אים, דאָווידן, קומט אויס אָנצופירן.

דאָווידן ווײַזט זיך פּלוצעם אויס, אַז די עפּלביימער אינעם אינסטיטוטישן גאָרטן ווערן מיטאָמאָל בלייך, האַגאַם זיי בליִען, ווי פריִער, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, אָופּגעוועקטע פון דער שפּעטער היץ.

דאָס, וואָס אין אָקטיאַבער האָבן זיך פּלוצעם צעבליט די עפּלביימער, איז געווען אַ דאָפּלטער כידעש: איין מאָל האָבן זיי שוין געגויסעט האַיאָר, דערנאָך באַוויזן אַ נעס פון ווידערגעבורט. דאָוויד ווייסט, ווי עס איז ניט פּאַשעט — אומקומען און אומקערן זיך צוריק אַף דער וועלט, ער ווייסט גוט, וואָס אַזעלכס עס איז טכיִאַס־האַמייסים. אָט די עפּלביימער האָט דאָוויד פאַרגעדענקט נאָך פון וועסנע אָן.

אויסגעבראָכן איז דער פרילינג פריציַיטיק — ווילד אַ טרײַב געטאָן דאָס גרינס אין וווּקס, זיך צעצוויטשערט מיט פויגל־געווימל. ווער וואָלט געקאָנט פאָרויסזאָגן אַ צאָרע? נאָר מיטאָמאָל האָבן אַ קנאַק געטאָן פרעסט — אַלץ צעשטערט: די צוויַיגן אַנטבלויזט, הויל געמאַכט דעם אַרום, פאַרדאָרבן, פאַרלאָשן.

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז ניט דער גאַנצער צוויט אַף די ביימער איז אומגעקומען, ניט אַלע בלעטלעך זײַנען פאַרגעלט געוואָרן און אַראָפּגעפאַלן. נאָר אומעטיק איז געווען סײַוויסײַ, ווײַל דער איבערגעבליבענער צוויט, אַן אָפּגעסמאַליעטער פון דער קעלט, שמעקט שוין אַנדערש, צומאָל דאַפקע זייער צאַרט, דאָך אָנווייענדיק טרויער, און דאָס גרינס איז ניט אַזוי איידל, און דער פויגל־געזאַנג איז אויך ניט קיין פריילעכער...

דאָוויד געדענקט גוט, אַז נאָרשיין האָט געבעטן, ער זאָל אָנקלינגען. דער טעלעפאָן שטייט באַם פענצטער, נאָר דאָווידן ווילט זיך ניט צורירן צו אים. ס׳וועט אָבער ניט העלפן — מע וועט סײַווי דאַרפן; נאָרשיין איז אַ מענטש אָן אַפּיציִעלער. שטרעקט דאָוויד אויס די האַנט פאַרזיכטיק צו דער בײַפענצטער־טומבע, נעמט אַראָפּ דאָס טרײַבל. עס דערהערט זיך באַלד אַ הודאָק — אַ לאַנגער. דאָוויד פרעסט צונויף די ליפּן: נו, אָט, נעם אָן נאָרשיינס נומער. ער געפינט אַפן טעלעפאָן די געהעריקע ציפערן אין די קײַלעכדיקע לעכלעך, דרייענדיק דעם דיסק. ערגעץ אין דער טיפעניש דערהערט זיך נאָך איין הודאָק מיט עפּעס אַ נאָגנדיק און, דוכט זיך, זייער גוט באַקענט, פון גאָר לאַנג באַקענט טויבלעך קאָל. דאָוויד טוט אַ ציטער: עס ווײַזט זיך אים פּלוצעם אויס, אַז דאָס רופט אים פון דער גאָר ווײַטער ווײַטעניש, פון די פראָנט־יאָרן, דער קלאַנג, וועלכער פלעגט ניט לאָזן אײַנשלאָפן די סאָלדאַטן־פאַרבינדלער פון זײַן פאַרוואַלטונג־ווזוואָד, יענץ זינגעוודיק קעלכל פונעם פעלד־טעלעפאָן, וועלכן מע האָט גערופן מיט אַ וואַרעמען, מילדן נאָמען „זומער”. „פונוואַנען קומט ער אַהער? — טראַכט דאָוויד אָנגעשטרענגט, און טרייסט זיך: — ס׳קאָן ניט זײַן קיין „זומער”, גאָט באַהיט”...

נאָרשיין רעדט צו אים עפּעס, אָבער דאָוויד פאַרשטייט זי ניט און פרעגט איבער. אַהאַ, נאָרשיין פאַרבעט אים צו זיך.

— איך גיי, — ענטפערט אָפּ דאָוויד, לייגט אַוועק דאָס טרײַבל אַפן אָרט, נאָר אײַלט זיך ניט אַראָפּצונעמען פון דעם די פּוכקע האָריקע דלאָניע.

2

נישקאָשע, נאָרשיין קאָן צוואָרטן אַ ביסל. אַ ווײַלע פריִער, אַ רעגע שפּעטער, וואָס פאַר אַ נאַפקעמינע? דאָווידן קימערט אַן אַנדער זאַך, עפּשער טאַקע די הויפּט־זאַך פון זײַן לעבן. דעם בוך, וועלכן ער, דאָוויד, שרײַבט וועגן דער מילכאָמע, דאַרף מען, ווײַזט אויס, ווידעראַמאָל אָנהייבן פון אַלעף, די פאַרטיקע זײַטלעך אַרויסוואַרפן אין מיסטקאַסטן: רויע, גרויע, גאָר ניט אַזעלכע, ווי ער האָט געמיינט. אָנדערש האָט טאַקע ניט געקאָנט זײַן: וואָס קאָן זיך באַקומען, ווען דו זעצסט זיך צום שרײַבטיש בלויז נאָך דער אַרבעט אין אינסטיטוט, באַנאַכט, אַ מידער, אַ שלעפעריקער? מיסטאָם וועט ער אַזוי טאַקע טאָן — צעפליקן די אָנגעשריבענע זײַטלעך און אַלץ אָנהייבן פונדאָסנײַ! דעריקער — זאָל זיך לייגן אַפן פּאַפּיר בלויז דאָס געוועזענע, דאָס בעעמעס געשעענע. בלויז דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט. מיט אים, מיט זײַנע כאַווײרים, מיט זײַנע פרײַנט.

און אָט — דער אָפּקלאַנג פון נאָרשיינס טעלעפאָן, וואָס האָט אים דערמאָנט אינעם „זומער” פונעם מיליטערישן פעלד־טעלעפאָן, און רעגט, רופט אַרויס דערינערונגען, וועלכע דאָוויד האָט געטראַכט אויסמײַדן אין זײַן מאַנוסקריפּט. פאַרוואָס האָט ער געוואָלט זיי אויסמײַדן, האָט ער אַליין ניט געוווּסט, ניט געקאָנט דערקלערן זיך אַליין.

טיף אײַנגעקארבט אין זיקאָרן איז יענער לאנגער אומרויִקער טעלעפאָן־קלונג, יענער „זומער", וועלכער האָט אים, דאָווידן, ארויסגערופן אפן קאָמאנדע־פונקט פון דער ארטילערישער בריגאדע קעגניבער דעם דאָרף סאמבעק צווישן מאטווייעוו קורגאן און דעם אזאָווער יאם. אליין דער קאָמבריג האָט גערעדט מיט אים, דעם יונגיטשקן לייטענאנטל. ניט באפוילן — כאסוועכאָלילע, בלויז געבעטן, אז דאָווידס באטארייע, זײַנע פיר הארמאטן זאָלן פארבלײַבן אף די איצטיקע פאָזיציעס און שיסן אזוי, אז דער פײַנט זאָל קלערן, אז פאָנעם־על־פּאָנעם מיט אים שטייט אף אָט דעם פאס פונעם דאָרעם־פראָנט אמווייניקסטן א גאנצע ארטילערישע דיוויזיע. דאָוויד דאָרף זיך, הייסט עס, פארהאלטן אף אָט דעם פאָדערשטן ראנד איין מעסלעס, נאָר איינעם, אפילע ניט קיין פולן — מאָרגנדיקן טאָג, קעדיי אלע אנדערע מיליטער־טיילן, וועלכע דיסלאָצירן זיך דאָ, זאָלן האָבן א מעגלעכקײַט שטיל, אומבאמערקט, אָן אריערגארד־שלאכטן איבערציִען זיך פונדאנען אף צאָפן, ווו דער קעגנער האָט דורכגעריסן אונדזער פראָנט לעבן מילעראָווא, דראָעט צו פארכאפן ראָסטאָוו און ארומרינגלען אונדזער מיליטער הינטער טאגאנראָג.

דאָוויד איז געשטאנען צעמישט, געקוקט גלײַך אין פּאָנעם ארײַן דעם עלטערן קאָמאנדיר, געשוויגן — ווײַזט אויס מער, ווי עס פאסט אין אזא פאל. דער קאָמבריג האָט ניט אויסגעהאלטן דאָווידס בליק, מיט ראכמאָנעס אראָפּגעלאָזט די אויגן. ערשט דאן איז דערגאנגען צום יונגן לייטענאנטס באוווסטזײַן, אז מע האָט אים ניט ריכטיק פארשטאנען. און דער געדאנק וועגן דעם, אז פונדערזײַט קאָן מען טראכטן, אז ער איז פּאָשעט א פאכדן, האָט אים, ווי א שטארקער פאטש אין פּאָנעם, טייקעף אויסגעניכטערט.

אומקערנדיק זיך אף דער באטארייע, האָט דאָוויד דערקלערט זײַנע כאוויירים, וואָס עס שטייט זיי פאָר. פארשטענדלעך, אז עס איז א געפערלעכע זאך — די באטארייע קאָן אומקומען, אויב דער סוינע וועט זיך דערוויסן, אז זי איז געבליבן איינע אליין... מע דאָרף אָבער האָפן, אז אזעלכס וועט ניט געשען, די פארגעבונג מוז מען אויספילן.

יעדער הארמאט איז צוגעבונדן געוואָרן צו א באשטימטן סעקטאָר אף די פארכאפטע שעטאָכים, יעדן הארמאט איז אויסגעטיילט געוואָרן זײַן צײַט אָפּערירן: ניט אלע אינײנעם, נאָר איינער נאָכן אנדערן, מיט באשטימטע אינטערוואלן, באם פײַנט זאָל זיך שאפן אן איליוזיע, אז אפן פראָנט האָט זיך גאָרניט געביטן, אלץ איז ווי געווען — ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן...

אלץ האָט מען, דוכט זיך, אויסגערעכנט, פאָרויסגעזען. דער סטארשינא פון דער באטארייע האָט געבראכט אף פינף טעג שפּײַז־פּראָדוקטן, באזאָרגט יעדערן אף דרײַ טעג מיט א טרוקענעם פּאיאָק, אלע סאָלדאטן פונעם פארוואלטונג־ווזוואָד האָבן באקומען רעזערוו־דיסקן צו זייערע אווטאָמאטן און זאפאסן גראנאטעס אין צען מאָל מער, ווי געוויינלעך. די שלאכטלײַזײַנען צעשטעלט געוואָרן אין די אָקאָפּעס זעלטן, אפילע עטלעכע צוגאָב־טעלעפאָנען האָט מען געמוזט אויסנוצן, קעדיי פארבינדן די דערווײַטערטע פּאָסטנס מיט דאָווידס קאָמאנדע־פונקט...

גאנצפרי אָבער האָבן דאָווידס אויסשפּירער אין דער סטערעאָ־טרויב דערזען, אז פײַנט־לעכע טאנקען האָבן זיך קאָנצענטרירט אין ריוו צופוסנס פונעם דאָרף סאמבעק. פריִער זײַנען דאָ קיין פאנצערן ניט געווען. וואָס זשע האָט דער סוינע פארטראכט? אן אלגעמיינעם אָנגריף? א שלאכט־אויסשפּיר? אָדער ער דעמאָנסטרירט פּאָשעט זײַן קראפט און וועט צוריקציִען די מאשינעס אין הינטערלאנד? אזוי צי אזוי — ווארטן טאָר מען ניט. מע דאָרף אים געבן א קלאָפּ.

אין דער אומגעגנט פון סאמבעק, ווי אויך אין ריוו באם דאָרף, ווו עס האָבן זיך פארטײַעט די שטאָלענע כײַעס, האָט דאָווידס באטארייע פארמאָגט גאנץ גענוג אָריענטירן. איבערגעבן אף די פײַער־פאָזיציעס די אָנגאבן צום שיסן האָט געדויערט אן ערעך א מינוט, ניט מער...

דאָווידן האָט זיך געדוכט, אז די שלאכט מיטן קעגנער ציט זיך אומענדלעך, אינדערעמעסן אָבער איז אפילע קיין האלבע שאָ ניט דורכגעגאנגען. נאָר אין דעם שטיקל צײַט האָבן דאָווידס סנאריאדן אָפּגעטאָן זייערס: דרײַ שײַטערס פלאקערן אין דער פײַנטלעכער באלקע. קיין אטאקע האָבן די פאשיסטן ניט פאָרגענומען — עפשער האָבן זיי זיך ניט געקליבן אָנגרײַפן, צי עפשער האָט זיי דאָווידס באטארייע געשטערט. אלנפאלס, דאָוויד איז געווען צופרידן — ס׳האָט זיך באקומען דאָס, וואָס מע דאָרף, האגאם געוווסט האָט ער זייער גוט, אז פרייען זיך איז דערווײַל פרי: ס׳איז נאָך געבליבן א גאנצער טאָג, און אין יול זײַנען די טעג לאנגע...

די היץ ברענט. אין סארפענדיקן סטעפּ ליגן פארוועלקט, צוגעבויגן צו דער פוסטער ערד געלע פעלד־בלומען. עס שמעקט מיט פּאָלין. דעם קעגנערס קאנאָנען און מינענווארפערס איז,

קענטיק, נימעס געוואָרן זיך אַמפּערן. אונדזערע האַרמאַטן שווײַגן אויך — אַזוי האָט דאָוויד באַפוילן: אַז זיי זײַנען דאָ, האָבן זיך דאָך די היטלעראָווצעס איבערצײַגט, צוליב וואָס זשע אומזיסט פּאַטערן סנאַריאַדן?

שאַ־שטיל. בלויז אין דער הייך פליט אַ קראָ. קרײַזנדיק אינעם הימל, לאָזט זי זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער און נידעריקער. אינעם בלענדנדיקן זונען־גלאַנץ זעט זי אויס פעך־שוואַרץ. מיטאַמאָל איבערגעשראָקן, טוט זי זיך האַסטיק אַ ריס צוריק אין הימל. צוגעטוליעט דעם נאַקן צום ברוסטווער פונעם אָקאָפּ, דראָעט איר דאָוויד מיטן פויסט:

— אַ קלייניקײַט געוואָלט — די אויגן אויספּיקן. צו פרי — זיי זײַנען נאָך מיר אַליין נייטיק...

די קראָ איז געפלויגן אַף דער דײַטשישער זײַט, און, באַגלייטנדיק זי מיטן בליק, האָט זיך דאָוויד פלוצעם באַאומרויִקט: „כ׳האָב, מיסטאָמע, געדרעמלט, אויב די קראָ האָט מיך שוין געהאַלטן פאַר אַ מעס״.

אַף דעם רעכטן פלאַנג פון דער טראַנשיי דערהערט זיך אַ שיסערײַ פון אַן אווטאָמאַט. שפּעטער אַ ביסל רופט זיך אָפּ דער לינקער פלאַנג. אַ רעגנבויגן פון טראַסירנדיקע קוילן הייבט זיך אויף פון אונדזערע שוץ־גראָבנס און ווערט פאַרפאַלן...

3

אינעם געמיטלעכן צימערל פונעם אינסטיטוטישן פּראָפּאַריין־קאָמיטעט זיצט לעבן טיש נאָרשיין — איין דלאָניע אונטערן עלנבויגן, די צווייטע באַם קין — זי וואַרט אַף דאָווידן. איר ברוין פּאָנעם מיט אַ בערגעלע אַף דער נאָז איז שטרענג. אָבער ווי נאָר עס דערהערן זיך די באַקענטע שאַרנדיקע טריט, דריקט זיך צו אַנע אַרנאָלדאָוונע מיטן לענד צום טיש, וואָס איז פאַרדעקט מיט פּורפּור־רויט געוואַנט, טוט אַ גלעט אַף דער ברוסט די פינקלענדיק־העלע בלוזע, וואָס פלאַמט מיט אָראַנזש־פאַרב פון אונטער דעם זשאַקעט, און גרייט צו אַ שמייכל.

אופעפענענדיק די טיר, קלאַפּט אָן דאָוויד אין איר שוין פון אינווייניק, טרעט איבער די שוועל, טוט קילבלעך אַ קוק אַף אַנע אַרנאָלדאָוונען.

צו אַט דער לערערן פון ליטעראַטור, וועלכע אַרבעט אַף איין קאַטעדרע מיט זײַן פרוי, איז ער, ווײַזט אויס, ניט גלײַכגילטיק. אַלעמאָל, ווען ער באַגעגנט זי, ברענגען אים אין פאַרלעגנהײַט אירע אויגן — קלוגע, שוואַרצע, אַזעלכע, וואָס בײַטן זיך די גאַנצע צײַט, סײַ ווען זיי פינקלען האַרב און קאַלט, סיי ווען זיי זײַנען מילד און ווייך. אַלצײַנס. ער קאָן ניט דערקלערן זיך אַליין פאַרוואָס, נאָר אַלעמאָל, אָנשטויסנדיק זיך אַף זיי, ווערט ער וואַכזאַם און געהיט.

— דער אָפּטייל פון קולטור באַם שטאָטסאָוועט פּאָדערט, מיר זאָלן אַרויסטרעטן מיט אַ קאָנצערט, — זאָגט פאָרזיכטיק אַנע אַרנאָלדאָוונע.

דאָוויד פלאַמט אויף:

— קימאַט יעדער טאָג אַ יאָמטעוו — זינג, שפּיל, טאַנץ... מע דאַרף זיך קעגנשטעלן!

— מיר האָבן געוואָלט זיך אָפּזאָגן, — נאָרשיין צעפירט די הענט. — איז שוין אָבער נאָענט דער יויוול, און קיין פילאַרמאָניע איז אין שטאָט ניטאָ.

— מיר זײַנען דאָך ניט קיין עסטראַדע־ביוראָ, ווי מיר איז באַוווּסט, — קאָכט זיך דאָוויד. — מע האָט אונדז, זע איך, גוט אָנגעזאָטלט.

— איר קאָנט רויִק? אָן ספּיראַלן?

— כ׳האָב זיך ניט אויסגעלערנט. מײַן אומגליק.

— ווען עס זאָל זײַן נאָר אײַערער.

דאָווידס ווײַס הינטער די גרויסע קוואַדראַטע ברילן פאַרשמעלערן זיך, אונטער די וואָנצעס פּרעסן זיך צונויף זײַנע עטוואָס אויסגעבויגענע ליפּן.

נאָרשיין פאַרשטייט, אַז מע דאַרף אים מאַכן ווייכער, און גיט צו:

— אוואָדע האָט מען דעם אינסטיטוט פאַרמוטשעט מיט אַזעלכע אויפגאַבעס, און אײַך אין דער ערשטער ריי, דאָוויד איסײַעוויטש. איר זייט, און נייט און שפּילט אַף דער פלייט. און ס׳איז ניטאָ, ווער ס׳זאָל אַף אײַך ראַכמאָנעס האָבן.

— יעדערער דאַרף קאָנען אַליין זײַן שטעטל באַשטיין.

— פאַרטיידיקן די פערזענלעכע אינטערעסן איז ניט שטענדיק באַקוועם, — דערווידערט אַנע אַרנאָלדאָוונע.

— ווער ווייסט, ווו ענדיקט זיך מײַנס און ווו ס'הייבט זיך אָן אַלעמענס? — רופט זיך אָפּ דאָוויד. עס קאָכט אין אים נאָך אַלץ.

— איר, טײַערער מײַנער, זײַנט ניט קיין אויסגעהאַלטענער מענטש, — באַמערקט אַנע אַרנאַלדאָוונע. — איר באַשטייט דורכויס פון שאַרפע ווינקלען. פאַרגעסט אָבער ניט — מיט נאַ־טשאַלסטווע מוז מען זײַן אײַנשטימיק.

זי הייבט אָן שטיל דערווײַזן דאָווידן, אַז איגנאַצקי שטייט פאַר דעם אינסטיטוט אַרויסטרעטן אָפן שטאַטישן שאַו מיט קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט. וואָס אָפּטער די אינסטיטוטישע קאָ־לעקטיוון באַווײַזן זייער קונסט, אַלץ מערער שלײַפן זיי די מײַסטערשאַפט. און דאָס איז אַ צווייענדיקע נוץ.

דאָוויד כמורעט די ברעמען:

— סײַווי טאָר מען ניט פאַרוואַנדלען דעם פאַקולטעט פון געזעלשאַפטלעכע פּראָפעסיעס אין אַ גאַסטראָל־אונטערנעמונג. ער האָט גאָר אַנדערע צילן.

— מע קאָן זיך אַמפּערן. כ'האָב מוירע, אַז מיר מיט אײַך וועלן די דאָזיקע פראַגע איצט ניט לייזן, — ענטפערט אָפּ נאַרשיין. — לאָמיר בעסער אָנמערקן די פּראָגראַם פון אונדזער הײַנטיקער אַרויסטרעטונג.

— מיט פרעמדע איניאַנים פאַרנעמען מיר זיך, — זאָגט דאָוויד טויבלעך און פאַרביטערט, ער פּרוּווט זיך באַרויקן, נאָר פאַרלעשן זײַן אופרעגונג קאָן ער ניט.

אַרײַנקוקנדיק אים אין די אויגן, פאַרשאָטנטע אי מיט די עטוואָס פאַרשוויסטע ברילן, אי מיט די אַראָפּגעלאָזטע וויִעס, פרעגט נאַרשיין:

— וואָס האָט אײַך אַזוי אופגערודערט, דאָוויד איסײַעוויטש? אָבער אָפנהאַרציק, אָן ספּיראַלן.

דאָווידס ליפּן טוען אַ ציטער. ער וואָלט געדאַרפט ענטפערן קורץ: „מיך וועט איר שוין ניט איבעראַנדערשן". נאָר מיט אָט די ווערטער וועסטו דעם איקער ניט דערקלערן. ס'איז אַ קנאַפּע פּאָרמולירונג. בלויז פאַר זיך. פאַנאַנדערלייגן עס אָף טעלערלעך וויל ניט דאָוויד. דעריבער קנייטשט ער דעם שטערן:

— כ'האָב בעדייע פאָטער ווערן פון הײַנטיקן סאָבאַנטוי.

— איר זײַנט אָן אַלטמאָדישער, לעכערלעכער, קאָמישער מענטש, — טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אַנע אַרנאַלדאָוונע.

— מירן איינמאָל זיך דערוועגן, וועט מען דערנאָך צו אונדז זיך באַציִען מיט אָפּשײַ, — באַשטייט אײַנגעשפּאַרט אָף זײַנס דאָוויד. די אויערן באַ אים פלאַמען, שטענדיק ווערט ער אַזוי פאַרויטלט, בלויז מיט די אויערן. — געהערט אַ מײַסע? באַטאָג דערוויסן מיר זיך, אַז אין אוונט טרעטן מיר אַרויס. פריִער האָט מען אונדז ניט געקאָנט וואָרענען? נעכטן, זעט איר, איז קיין צײַט ניט געווען אונדז מיטצוטיילן...

— עמעצער האָט געדאַרפט אַרויסטרעטן און איז ניט בעקויעך, — פאַרענטפערט זיך אַנע אַרנאַלדאָוונע מיט איר מורמלענדיק גנייוויש קעלכל. — דעריבער בעט מען אונדז אויסלייזן. רופט צונויף דעם אוילעם, דאָוויד איסײַעוויטש, אַמפּערט זיך ניט, שאַנעוועט די צײַט.

דאָוויד טוט אַ פיר מיט דער דלאָניע איבער דער באַק — נו, אָט, אַפילע ניט באַווײַזן זיך אָפּצוגאָלן. ער קלערט וועגן דעם, אַז מיט די טאַרמאָזן האַלט באַ אים שלעכט, זיי זײַנען ניט אָפּגערעגולירט. ער פאַרשטייט, אַז ס'וועט אים גאַרניט העלפן.

— דער קאָנצערט איז פאַר וועמען?

— פאַר וועבערנס, — ענטפערט אָפּ געשווינד נאַרשיין. — יונגע מיידלעך. בעסער פון אַלץ וואָלט געווען די עסטראַדע, — אײַלט זיך אַרויסזאָגן איר מיינונג אַנע אַרנאַלדאָוונע. — אויך איך וועל עפּעס־וואָס זינגען, אויב איר וועט דערלויבן.

דאָוויד טוט אַ הוסט:

— איך קלער אויסנוצן דעם רעזשיסער־אַפּטייל פונעם פאַקולטעט, מירן געבן דעם ספּעקטאַקל „ליובאָוו יאַראָוואַיאַ".

מיט אירע דינע לאַנגע פינגער נעמט נאַרשיין עלעגאַנט אַראָפּ אַ שטויבעלע פון דאָ־ווידס קאַלנער:

— הייסט עס, אַז איר לאָזט מיך הײַנט ניט אַרויסטרעטן, — שמייכלט זי. — איך וועל עס אײַך דערמאָנען! אומבאַדינגט. זײַט געהיט! כ'בין דאָך ניט נאָר דער פאַרזיצער פון דעם פּראָ־פעסיאָנעלן קאָמיטעט — אויך פונעם קינסטלערישן סאָוועט. כ'קאָן אײַך פיל צאָרעס אָנטאָן...

— וואָס ערגער, איז בעסער.

— ניט דער פײַנט פאַראַט — אַ פרײַנט. דערפאַר איז עס אַזוי אומדערטרעגלעך.

זײַ א בעריע, קלײַב זיך פֿאַנאַנדער, צי האָט עס נאַרשײן ארויסגעזאָגט ערנסט אָדער מיט כויזעק. דאָוויד הייבט אָן איוסווישן די ברילן־גלעזלעך. זײַן פּאָנעם אָן די ברילן זעט אויס פֿאַרלאָרן און אומעטיק.

— די שווערקײַט באַשטייט אין דעם, וואָס איך בין זיך מישטאדל וועגן זיך זעלבסט, — זעצט פֿאָר נאַרשײן. — דאָס איז שטענדיק א שוואַכע פּאָזיציע.

און ווידער פֿאַרשטייט ניט דאָוויד, צי זי פֿאַרורטיילט אים, צי זי שפּאַסט.

— נו איז וואָס פֿאַר א באַשלוס נעמט איר אָן, דאָוויד איסײַעוויטש?

— מירן געבן דעם ספּעקטאַקל.

נאַרשײן בלאָזט אָן די ליפּן:

— אָן אַקשן זײַנט איר, פֿונדעסטוועגן. זיך שוינט איר ניט, און אַף קיינעם האָט איר ניט קיין ראַכמאָנעס.

ווי נאָר עס פֿאַרמאַכט זיך די טיר נאָך דאָווידן, ווערט דאָס פּאָנעם בא אַנע אַרנאַלדאָוונען בייז. זי שטופּט אַפּ מיטן פֿוס דאָס בענקל, רײַבט מיט די הענט דעם שטערן, גלײַך זי וואָלט וועלן אָפּמעקן פֿון אים די קנייטשן. דאָס, וואָס דער קאָנצערט וועט דורכגיין אָן איר, איז א קלייניקײַט, די וווּנד וועט זיך פֿאַרהיילן. דעריקער, טראַכט זי, איז טאַקע דער פּאָסטן פֿונעם קאַטעדרע־פֿאַרוואַלטער, וועלכן זי וויל און האָפט פֿאַרנעמען. ניט פֿאַרשפּילן אים — אָט דאָס איז דער איקער. זי האָט די רעכט פֿאַרנעמען אָט דעם פּאָסטן, צי ניין? אין רעקטאָראַט האָט מען איר הײַנט געזאָגט, אז דאָס אָרט איז נאָך דערווײַל אָן א וואַקאַנסיע. צי דען כאַפּט דער אַלטער טערעך צוריק? ס'איז דאָך געמאָלדן געוואָרן קלאָר: דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער ליטעראַטור־קאַטעדרע בעט זיך אין דעמיסיע... „אָף דער קאַטעדרע פֿון ליטעראַטור איז פֿאַראַן א באַלעבאָס", — האָט איר דערקלערט דער פּראָרעקטאָר. איר האָבן געשראָקן, אייגנטלעך, ניט די ווערטער זײַנע, נאָר דער טאָן, מיט וועלכן ער האָט זיי ארויסגעזאָגט. אַנע אַרנאַלדאָוונע טרײַבט פֿון זיך די געדאַנקען, וועלכע באַאומרויִקן זי. עפּעס מוז מען טאָן. ענערגיש און דרינגענד.

אַנע אַרנאַלדאָוונע פּוצט צו די פֿריזור און גייט ארויס אין קאָרידאָר.

דאָרטן, אינדערווײַטנס, דערזעט זי ווידעראַמאָל דאָווידן. לעבן אים — עטלעכע סטודענטן. ער באַווײַזט זיי עפּעס א בלעטל פּאַפּיר, און אַלע אײַנײנעם, אָנגעבויגן די קעפּ, באַטראַכטן דאָס בויגנדל, ווי א מיליטערישע מאַפּע, און נאַרשײן טוט א קלער, אז דאָוויד איז געוועןן און נאָך ביז אַדהײַנטיקער געבליבן א האַרבער סאָלדאַפּאָן, א גרוביאַן. אומעטום, אין אַלץ, סײַ אין דעם, וואָס ער טוט, סײַ אין דעם, וואָס ער פֿילט, סײַ אין דעם, וואָס ער רעדט. זי טרײַבט געוויס איבער, קלערנדיק אזוי, נאָר א ביסל איז זי טאַקע גערעכט: די מיליטערישע פֿאַרגאַנגענהײַט דריקט אָף דאָווידן פּערמאַנענט. אָט אויך אַצינד, אוועקשיקנדיק זײַנע געהילפֿן צונויפֿרופֿן די אָנטיילנעמער פֿונעם ספּעקטאַקל, וועלכן מע דאַרף הײַנט שטעלן פֿאַר די ווערבערנס, קערט ער זיך ווידער אום צו זײַנע מאַכשאָוועס וועגן דאַרעם־פּראָנט זומער טויזנט נײַן הונדערט צוויי און פֿערציק.

4

מיסטאָם איז עס גאָר ניט קיין כידעש, וואָס דאָוויד, בלײַבנדיק אויג אַף אויג מיט זיך אַליין, אַפּילע אַף א קליין שטיקל צײַט, טראָגט זיך טייקעף איבער אין יענע טעג, ווען ער איז נאָך געווען יונג — די גאַליפֿע־הויזן פֿון בלויען געוואַנט זײַנען אַקוראַט אָרײַנגעשטעקט אין די כאָליעוועס פֿון די כראָמענע שטיוול, די כאַקי־גימנאַסטיאָרקע איז איבערגעגאַרטלט מיט א ברייטן לעדערנעם פּאַסעק, אַף וועלכן, פֿון איין זײַט, הענגט א רעוואָלווער־קאָבורע, פֿון דער צווייטער — א פֿעלד־רענצל און א פּלאַנשעטקע, אָנגעפּאַקטע מיט מאַפּעס, שאַרף פֿאַרשניצטע פּילקאָליריקע בלײַערס, צירקולן, און צוגעדעקט מיט א קאָמפּאַס אַף א ספּעציִעלן אַרטילערישן צעלולאָיד־מאַכשיר, וואָס הייסט כאַרדע־ווינקלמעסטער. ס'איז דען א ווונדער, וואָס דאָוויד, אָפּשיקנדיק זײַנע געהילפֿן צונויפֿרופֿן די אַרטיסטן, מישט ווידער אוף אין זיקאָרן דעם שווערן מעסלעס הינטער סאַמבעק?

דירעקט נאָך דעם, ווי די קראָ, וואָס האָט געוואָלט אויספּיקן דאָווידס אויגן, איז איבערגעפֿליגן צו די דײַטשן און טראַסירנדיקע קוילן האָבן צונויפֿגעבונדן דעם פֿײַנטס זײַט מיט אונדזערער, איז עטלעכע שאָ נאָכאַנאַנד געווען שטיל, אַלע האָבן שוין געמיינט, אז אזוי וועט פֿאַרבלײַבן ביזן סאָף טאָג. אָבער באַקומען האָט זיך אַנדערש. גנייוויש, פֿון

הינטער די פּליִיצעס, איז אַנגעפּאַלן דער צווייפיזועליאַזשיקער אערפּלאַן־אויסשפּירער, וועלכן אונדזערע פּלעגן רופן „די ראַמע". שיסנדיק מיט זײַנע קוילנוואַרפּערס, האָט ער גע־מאַכט עטלעכע קרײַזן איבער דאָווידס סאָלדאַטן און אַראָפּגעוואָרפן דערבײַ אַ פּאָר קליינע באָמבעס.

די אויפירונג פונעם פײַנט איז דאָווידן געווען באַקאַנט. ער האָט פּאַרויסגעזען, אַז באַלד קאָנען אַנהייבן קנאַלן זײַנע האַרמאַטן, ווײַל דער פּאַשיסטישער אערפּלאַן האָט קענטיק פּאַרפּיקסירט די פײַער־פּאָזיציעס פון דער באַטאַרייע — פּאַרמאַסקירט זײַנען זיי געווען בע־קיוון ניט אַפן בעסטן אויפן. נו, יאָ, אַפּגעוויס האָט דער פײַנטלעכער אויסשפּירער אָפּגעמערקט אַף דער מאַפּע די קאָאָרדינאַטן פון די פײַער־פּאָזיציעס און איבערגעגעבן דורך ראַדיאָ די יעדיעס זײַנע קאַנאָנירן.

באַפעלנדיק, די באַטארייצעס זאָלן זיך פּאַרטײַען אין די ערד־באַהעלטעניש, האָט דאָוויד אײַנצײַטיק אַלעמען, סײַ אַף די פײַער־פּאָזיציעס, סײַ אין די פאָדערשטע טראַנשייען, אָפּגע־געבן אַ פּאַראָרדענונג זײַן גרייט אופנעמען אַף זיך די אַטאַקע פונעם סוינע, פון זײַנע טאַנקען און פּעכאָטע. מע דאַרף זײַן אַי פּאַרזיכטיק, אַי וואַכזאַם.

דאָוויד האָט פּאַרשטאַנען, אַז עס וועט ניט אויסקומען לאַנג זיך ראַנגלען מיט די פּאַ־שיסטן, אויב זיי וועלן אַצינד מעכטיק אַטאַקירן. עס איז אים אויך געווען קלאָר, אַז זײַנע כאַווײרים וויסן וועגן דעם דאָזיקן גוירל ניט ווייניקער, ווי ער אַליין. צוערשט האָט דאָוויד אַ קלער געטאָן, עפּשער וואָלט מען געדאַרפט זיך ווענדן צו אַלעמען מיט אונטערמונטערנדיקע ווערטער, נאָר אָט דעם געדאַנק האָט ער טייקעף אָפּגעוואָרפן: זיך גלייבט ער פּולקאָם, פּאַרן וואָס זשע זאָל ער ניט גלייבן זײַנע שלאַכט־פרײַנט. איצט איז עפּשער פונקט דער פאַל, ווען איבעריקע רייד קאָנען גיכער פּאַרשאַפן שאָדן, איידער נוץ. אַלץ אין דער מאָס. ס'איז גענוג געזאָגט געוואָרן נעכטן.

דעמאָלט, אין דער טראַנשיי הינטערן דאָרף, וואַרטנדיק אַפן קלאַפּ פון די היטלעראַווצעס, האָט דאָוויד געפּרוווט טיף אין דער נעשאָמע פּאַרבאַרגן דעם ראַכמאָנעס־געפיל צו זײַנע כאַוויי־רים און צו זיך אַליין. דער מויעך האָט ניכטער אָפּגעשאַצט די לאַגע און אונטערגעזאָגט, אַז וואַרטן אַף ניסים איז נאַריש. דאָס איינציקע, וואָס עס איז געבליבן — ניט ציטערן, שלאָגן זיך ביז לעצטן אָטעם, און זאָל דער סוינע טײַער באַצאָלן פאַרן אומקום פון דער באַטאַרייע.

דער צווייפיזועליאַזשיקער פײַנטלעכער אויסשפּיר־אערפּלאַן איז געהאַנגען איבער די פּאָזיציעס פון דאָווידס באַטאַרייע, ביזוואַנען די פּאַשיסטישע אַרטילעריע האָט זיך אָנגעוואָל־גערט מיט אַ שקוואַל־פײַער. ווײַזט אויס, אַז די „ראַמע" האָט באַקומען אַן אויפגאַבע צו קאָרע־גירן אָט דאָס פײַער און וואָלט געוויסנהאַפט אויסגעפּילט די אַרופגעלייגטע אַף איר פּליכטן, נאָר אַ נעס איז פונדעסטוועגן געשען: אין הימל האָבן זיך באַוויזן אונדזערע באָמבאַרדיראַוו־שטשיקעס און שטורמאַוויקעס — זיי זײַנען געפלויגן כוואַליעסווײַז. די „ראַמע" איז גלײַך אַנטרונען. אין עטלעכע מינוט אַרום איז סאַמבעק פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קנויל פון רויך און פײַער, די פײַנטלעכע האַרמאַטן זײַנען דערשטיקט געוואָרן.

דאָוויד האָט געטאַנצט פון פרייד. „גוט אַרײַנגעלייגט אין די ביינער דעם פּאַשיסט! — האָט ער געשריגן, פּאַרײַסנדיק דעם קאָפּ. — מאָלאָדציִ!"

געמיינט האָט ער ניט נאָר די פּילאָטן, וועלכע האָבן אַזוי פײַן און רעכטצײַטיק צעשמע־טערט דעם פײַנט, זײַנע אָנגריף־פּלענער, ווי דאָוויד איז געווען איבערצײַגט. ער איז געווען דאַנקבאַר אויך דעם קאָמבריג, וועלכער האָט ניט פּאַרגעסן וועגן זײַן באַטאַרייע, זי ניט אײַ־בערגעלאָזט אַף הפקר, און אויך דער קאָמאַנדשאַפט פונעם פראָנט, וואָס האָט, מיסטאָמע לויט דער שטאַדלאָנעס פון זײַן קאָמבריג, אויסגעזוכט אַ מעגלעכקײַט פּאַרצונעמען אַן אָנפלי אַף סאַמבעק, קעדיי אויסלייזן די באַטאַרייע פון אַ קאַטאַסטראָפע.

ווי נאָר עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט דאָוויד אויפגעהויבן די באַטאַרייע און זיך גע־לאָזט אין צוריק־מאַרש.

לעבאַטכילע זײַנען די געדאַנקען בא אים געווען פרײדיקע. אים איז געלונגען, ווי ער האָט געגלייבט, אַרויסשלעפּן פון אַ גרויסער סאַקאָנע די באַטאַרייע, ער האָט ערלעך אויסגע־פילט זײַן כויוו — איז אויסגעשטאַנען אַפן פאָדערשטן ראַנד, וויפל מע האָט געדאַרפט, וויפל מע האָט אים געהייסן. זײַן דערהויבענע שטימונג איז אַרויסגעדרונגען אויך דערפון, וואָס ער האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט פּאַרגעסן וועגן דער לופט־אַטאַקע פון אונדזער אוויאַציע, וועלכע האָט, לויט דאָווידס פּאַרשטאַנד, צעשטערט און איבערגעפּלאָנטערט אַלע פּלענער פונעם פײַנט.

דאָווידס באטארייע האָט זיך צוריקגעצויגן מיט זײַטיקע פעלד־וועגן, מערסטנסטייל דורך טאָלן און ריוון, זיך באוועגט אָן אופהער ביזן קאַיאָר. ערשט באַם זון־אופגאנג האָט זיך די מאשין, אין וועלכער דאָוויד איז געפאָרן אין שפּיץ פון דער קאָלאָנע, סאָפקאָלסאָף ארויסגעקאראבקעט פון דער לעצטער באלקע, ברומענדיק און אונטערשפּרינגענדיק אַף די בערגלעך, באוואקסענע מיט גראָז. די פאָדערשטע שויב פון דער קאבינע, וועלכע עס האָט דורכגעלעכערט א קויל, איז געווען פארצויגן מיט א דינינקן שפּינוועבס, און אלץ, וואָס דאָווידן אין וועג איז געלונגען צו באאָבאכטן, האָט זיך ציטעריק געוויגט אין אָט דעם שפּינוועבס.

אנטקעגן איז געלאָפן דער סטעפּ, א פרימאָרגנדיקער, פרישער, געפינקלט מיט טויזנטער גינגאָלדענע טויעלעך. א מילדע ווארעמקײַט האָט ווייך ארומגענומען דאָווידן. אין א האלבער שאָ ארום, ניט מער, ווי נאָר זײַן לאסט־אויטאָמאָביל וועט דערגרייכן אָט יענעם היכפּונקט, וואָס איז שוין באפרײַט געוואָרן פונעם בלוילעכן קאַיאָריקן נעפּל, דארף זיך באווײַזן דער ברייטער שליאך צווישן מילעראָוואָ און ראָסטאָוו. נאָך א ביסל געדולד, נאָך א קאָפּעטשקע מוט — און אויס איינזאמקײַט פאר זײַן באטארייע.

ווײַזט אויס דערפאר, וואָס ער האָט שוין פאָרויס זיך געקוויקט מיט דער קינפטיקער פרייד, אָדער ווײַל ער איז א גאנצע נאכט ניט געשלאָפן, האָט דאָוויד זיך לאכלוטן ניט קענגעשטעלט, דערפילנדיק, אז עס פארפלייצט אים א דרעמל, ער האָט זיך צוגעטוליעט מיטן נאקן צום ווענטל פון דער קאבינע.

אופגעוואכט האָט דאָוויד אומרויִק. א סוואָרע, אז שולדיק איז דאָ זײַן שאָפער. ער האָט אים א שטורכע געטאָן מיטן עלנבויגן — בעקיוון, צי ניט ווילנדיק, דאָס איז שוין, אייגנטלעך, ניט וויכטיק, אלנפאלס, געווען איז דער סאָלדאט אופגערעגט, אָנגעכמורעט, ער האָט שווער געאָטעמט. מע איז געפאָרן לאנגזאם: דער מאָטאָר פונעם לאסט־אויטאָמאָביל האָט שטיל געברומט, און דורך אָט דער שטילער זשומערײַ האָט דאָוויד דײַטלעך געהערט ווי עס ליארעמען די רויפן־טראַקטאָרן, אײַנגעשפּאנטע אין די הארמאטן. נאָך איידער עס איז צו אים דערגאנגען, אז עס איז געשען אויסערגעוויינלעכס, האָט ער זיך א קער געטאָן אפצוריק און ארײַנגעקוקט אין פענצטערל פון דער קאבינע. אינעם אָפּגעריבענעם קוזאָוו, אָן אָנגעפּאקטן מיט באבינעס טעלעפאָן־דראָט, דרײַפוסן פון סטערעאָטרויבן, בוסאָלן, פלאנשעטן און אנדערע ארטילערישע מאכשירים, טעלעפאָן־אפאראטן, לאָפּעטעס, קירקעס, קעסטלעך, ראנצן זײַנען אָנגעשטרענגט געזעסן די שלאכטלײַט פונעם פארוואלטונגס־ווזוואָד.

אז זיי זײַנען אלע אופגערודערט, האָט דאָוויד באלד פעסטגעשטעלט. לאנגע מילכאָמעכאדאָשים קאָכט ער זיך מיט זיי אין איין קעסל, ער ווייסט גענוי זייערע געוווינהײַטן און מאנירן.

לויט פיל סימאָנים באשטימט דאָוויד, אז זײַנע סאָלדאטן קימערט עפּעס, אז זיי ווייסן דאָס, וואָס אים איז דערווײַל אומבאוווסט, און אז דאָס, וואָס זיי ווייסן, געפעלט זיי בעפּייִרעש ניט.

— וואָס קומט פאָר? — פרעגט דאָוויד, ניט אָפּקערנדיק זיך פונעם פענצטערל.

— הייבט זיך אוף אין קוזאָוו, וועט אײַך ווערן קלאָר, — רופט זיך אָן דער שאָפער און טוט הארב א שלעפּ צו זיך דאָס הענטל פונעם טאָרמאָז.

ער איז געווען גערעכט. איין אויגנבליק — און דאָווידן איז אלץ געוואָרן קלאָר. איבערן שליאך, וואָס האָט געפירט קיין ראָסטאָוו, איז געהאנגען א שטויב־וואָלקן, א דורכגעדרונגענער מיט די שטראַלן פון דער אופגייענדיקער זון, און, אײַנגעהילט אין אָט דעם שעמערירנדיקן פאָרהאנג, האָבן זיך באוועגט אין דער דאָרעם־ריכטונג אומענדלעכע קאָלאָנעס מיליטער. אָט וואָס עס איז, הייסט עס, געשען: אונדזערע טרעטן אָפּ? ווידעראמאָל?!

אזוי צי אזוי, נאָר צו זײַן באטארייע האָט עס ניט קיין שײַכעס, אלנפאלס דארף עס ניט האָבן קיין שײַכעס, טאָר ניט האָבן קיין שײַכעס איצט. אים, דאָווידן, איז באפוילן צום סאָף טאָג דערגיין צו דעם טײַך טוזלאָווקע און פארנעמען דאָרטן א קאמפּס־פּאָזיציע. וועט עס אזוי זײַן, אומבאדינגט, אפילו די נעשאָמע פון אים זאָל ארויס. כאָטש קאלאמוטנע אפן הארצן איז געווען.

פאָרן אַף צאָפן, ווען אלע באוועגן זיך אין דער קעגנגיבערדיקער ריכטונג — גיין אנטקעגן דעם שטראָם, איז גאָר ניט קיין פּאָשעטע זאך. נאָך לעסברייִרע, א באפעל בלײַבט א באפעל, ביזוואנען מע שאפט אים ניט אָפּ. דאָוויד איז געשטאנען אפן טריטברעטל פונעם גרוזאָוויק, האלטנדיק זיך מיטביידע דלאָניעס פאר דעם צעעפנטן טירל פון דער קאבינע, געפאָדערט, געבעטן, אײַנגערעדט:

— גיט א וועג! זײַט אזוי גוט, פארשטעלט ניט דעם וועג...

און עס האָט געהאָלפן. בעהאדראָגעדיק, נאָר די באַטאַרייע האָט זיך פונדעסטוועגן גערוקט פאָרויס.

דערקליבן האָט זי זיך צו די נײַע פאָזיציעס נאָך באַ דער זונען־שײַן, מיט אַלע בעבעכעס אַרײַנגעפאָרן אין א רײַפנדיק קוקורוזע־פעלד. ביזוואַנען מע האָט מאַסקירט די טעכניק — אָנגעוואָרפן קוקורוזע־שטענגלעך אַף הארמאַטן, אַף די טראַקטאָרן, וועלכע האָבן זיי געשלעפט נאָך זיך, אַף דעם לאַסט־אויטאָמאָביל מיטן פראָוויאַנט פונעם פאַרוואַלטונג־וזוואָד, איז דאָוויד אוועקגעלאָפן זוכן דעם קאָמאַנדיר פונעם דיוויזיאָן. אײַנגיכן האָט ער זיך אומגעקערט, באַטראַכטנדיק שאַרף צוריקוועגס דעם פראָנט־באַצירק, וואָס די באַטאַרייע וועט דאַרפן פאַרטײַדיקן — אויסגעקליבן ערטער פאַר די הארמאַטן, פאַר די רעזערוו־פאָזיציעס, פאַר די באָאָבאַכטונג־פונקטן.

זײַנע אָפיצערן האָבן שוין אַף אים געוואַרט, אָנגעשטרענגט אויסגעהערט, וואָס פאַר א קאָנקרעטע אופגאַבעס עס שטייט זיי פאָר, און גלײַך זיך אוועקגעלאָזט אויספילן די באַפעלן. ס'איז געווען קלאָר, אַז מער־ווייניקער דערפאָלגרײַך זיך פאַרטיידיקן וועט די באַטאַרייע זײַן בעקויעך בלויז דאַן, ווען זי וועט וואָס טיפער אײַנגראָבן זיך אין דער ערד, דעריבער האָט דאָוויד אָנגעזאָגט זײַנע כאַווײרים צוגרייטן שוץ־גראָבנס פון פולן פראָפיל.

אַף דער פראַגע, ווו געפינט זיך דער סוינע, האָט דאָוויד געענטפערט, אַז די פאַשיסטן קאָנען אין א באַליביקער מינוט זיך באַווײַזן באַם קעגנײַבערדיקן ברעג פון דעם טײַך טוזלאָווקע. מע מוז זיך אײַלן גראָבן גיכער, גראָבן אינטענסיוו.

דער פערסאָנאַל פון די פײַער־וזוואָדן, דער גאַנצער באַשטאַנד פונעם פאַרוואַלטונגס־וזוואָד, אַלע אָן אויסנאַם אַרטילעריסטן — סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן האָבן גוט געהאָרעוועט, אַזוי אַז אים, דאָווידן, איז ניט אויסגעקומען קיינעם אונטערטרײַבן. נאָר ער האָט זיך אַף קיין רעגע ניט צוגעזעצט. אַנדערע האָבן זיך פאַרגונען איבערכאַפּן דעם אָטעם, רייכערנדיק, דאָוויד האָט ניט גערייכערט. ער איז די גאַנצע צײַט געווען אַף די פיס. קאָנטראָלירט, וויאַזוי זײַנע כאַווײרים גראָבן די ערד און געהאָלפן זיי פאַרמאַסקירן די קאָסטנס מיט סנאַריאַדן. ער האָט אויסגעפרווווט די פאַרבינדונגס־ליניעס, וועלכע האָבן זיך געצויגן אין עטלעכע ריכטונגען: פון די פײַער־פאָזיציעס צום באָאַבאַכטונג־פונקט, צום קאָמאַנדיר פונעם דיוויזיאָן, צו דער פעכאָטע, וואָס האָט זיך אויך פלײַסיק פאַרפעסטיקט פונפאָרנט, קימאַט אַפן סאַמע ברעג פון טײַך. דאָוויד האָט זיך ספּעציעל אַראָפגעלאָזט אין די פעכאָטע־אָקאָפעס, קעדיי פערזענלעך זיך באַקענען מיטן קאָמאַנדיר פון דער ראָטע, וועלכע עס וועט דאַרפן שטיצן מיט פײַער אין די פאָרשטייענדיקע שלאַכטן. אַף די פלאַנגען פון די פײַער־פאָזיציעס האָבן אין שמאָלע ערד־שפּאַלטן זיך אײַנגעאָרדנט מיט זייערע קעגנטאַנקען־ביקסן סאָלדאַטן, צוגעגעבענע דער באַטאַרייע, זיך אײַנגעמאָסטעט אַזוי, עס זאָל זײַן באַקוועם צו שיסן.

דאָוויד האָט אַלץ געטראַכט וועגן דעם ראָסטאָווער שליאַך מיט אונדזער אָפטרעטנדיקן מיליטער. וואָס עס קומט פאָר, איז געווען ניט פאַשעט צו באַנעמען. צי דען זײַנען טאַקע די פאַשיסטן שטאַרקער פון אונדז? צי האָבן מיר ווייניקער קויכעס, ווי זיי? מיר פירן די מילכאָמע ניט אַזוי געשיקט, ווי זיי? פאַר דאָווידן איז געווען קלאָר, אַז קעגנשטעלן זיך דעם פײַנט איז מעגלעך בלויז דאַן, ווען דו שרעקסט זיך פאַר אים ניט. קיין פאַכדן איז ער, דאָוויד, אַלנפאַלס ביז אַהער, ניט געווען, ער וועט באַגעגענען אויך איצטער דעם סוינע מיט ווירדע. אָבער סײַוויסײַ, וויסנדיק, וואָס עס שטייט אים פאָר עפשער אין א שאָ אַרום און עפשער אפילע באַלד, אין אָט דער רעגע, פאַרמאָגנדיק שוין א גענוגנדיקע צאָל אָריענטירן אַף יענער זײַט פונעם טײַך, האָט ער אַלץ געקלערט, אומעטיק און פאַרזאָרגט, וועגן דעם שטויב־וואָלקן אַפן ראָסטאָווער שליאַך.

אומבאַמערקט איז צו דער ערד צוגעפאַלן די פינצטערניש. נאָר ניט מאַכמעס איר איז אַף דער באַטאַרייע געמאָלדן געוואָרן אָן איבעררײַס. דאָס איז געקומען דער סטאַרשינאַ מיט זײַן פעלד־קיך. דאָס מאָל, אָנשטאָט דעם קעכער, איז ער אַליין, א הויכער און ברייטפּלייציקער, אין א ווײַסן פאַרטעך, געשטאַנען מיט א קאָכלעפל און געהאָדעוועט דעם אוילעם, צוערשט אַף דער פײַער־פאָזיציע, דערנאָך — אַפן באָאַבאַכטונג־פונקט. געוויינלעך פלעגן די סאָלדאַטן פונעם פאַרוואַלטונגס־וזוואָד — די אויסשפירער, ראַדיסטן, טעלעפאָניסטן, טאָפאָגראַפן — שלעפן שפּײַז אַף זיך אין גרויסע טערמאָסן מיט רימענס — צו די באָאַבאַכטונג־פונקטן איז קימאַט קיינמאָל ניט געווען קיין מעגלעכקײַט געפאַרלאָז צופאָרן מיט דער קיך, איצט האָט דער קיך דאָ גאָרניט געדראָעט, דער סוינע האָט נאָך זי דערווײַל ניט געקאָנט זען.

עסן האָט דאָוויד ניט געוואָלט, נאָר איבערבײַסן האָט מען געמוזט, און ער האָט פאַמעלעך צוגערוקט צו זיך דאָס קעסעלע מיט הירזשענער קאַשע, וואָס עס האָט אוועקגעשטעלט

לעבן אים זײַן פאַרבינדלער. אָן כײשעק האָט ער אָנגעהויבן שעפּן — אַ לעפל נאָך אַ לעפל און, פאַרגעסנדיק, אַז ער איז ניט הונגעריק, אויסגעלעקט דאָס קעסעלע ביזן דעק. דאָס האָט אים עטוואָס געבראַכט אין פאַרלעגנהײַט. צונעמענדיק בײַ אים דאָס געפעס, האָט זײַן פאַרבינדלער ניט געקאָנט באַנעמען, פאַרוואָס ער שמייכלט פאַרשעמט.

אויפן באַאָבאַכטונג־פּונקט איז דאָוויד געזעסן ביז שפּעט אין אָוונט. ער האָט געמיינט, אַז די היטלעראָווצעס וועלן זיך אַט־אָט באַווײַזן אויף יענער זײַט טוזלאָווקע און וועלן פּרוּוון אין פולן גאַנג אַריבערשפּרינגען דעם טײַך. ס'איז אָבער געווען שטיל. האַלבנאַכט איז ער אַוועק אויף די פײַער־פּאָזיציעס, ווידעראַמאָל דורכגעקאָנטראָלירט, צי אַלץ איז אין אָרדענונג, און ווי טיף אין דער ערד עס זײַנען אײַנגעגראָבן די האַרמאַטן.

זייער גוטע האָבן זיך באַקומען די שוץ־גראָבנס בײַם ערשטן האַרמאַט. האַגאַם, עפּשער דוכט זיך נאָר אַזוי דאָווידן — דער ערשטער האַרמאַט איז זײַן ליבלינג. טאָמיד געפעלט אים דער ערשטער האַרמאַט מער, ווי די אַנדערע דרײַ — אי ער שיסט גיכער, אי ער טרעפט פּינקטלעכער...

מיטן ערשטן האַרמאַט זײַנען בײַ דאָווידן פאַרבונדן פיל דערינערונגען. שטייענדיק בײַ זײַן פּאַנאָראַמע, האָט דאָוויד אין אָנהייב פרילינג געגעריקט די דײַטשישע טאַנקען הינטער מאַטווייעוו קורגאַן. מיט אָט דעם האַרמאַט האָט ער זעלבסט אויפגעריסן אַ סקלאַד פון קריגס־מאַטעריאַלן אינעם דאָרף סאַמבעק לעבן טאַגאַנראָג, פאַרניכטעט דרײַ פײַנטלעכע קוילנוואַרפערס. צו דער גאַוביצע פלעגט זיך דאָוויד שטעלן ניט דערפאַר, ווײַל אויף איר נאַוואָדטשיק האָט מען זיך ניט געקאָנט פאַרלאָזן, און ניט דערפאַר, וואָס אויפן באַאָבאַכטונג־פּונקט איז קיין אַרבעט ניטאָ. פּאַשעט, בײַ דאָווידן פלעגט זיך צומאָל יאַווען אַ נויטווענדיקײַט אַליין, מיט די אייגענע הענט, זיך צורירן צו דער פּאַנאָראַמע, צום ציל־מאַכשיר. ער האָט געדאַרפט דערפילן די לעבעדיקע שטויסן פונעם האַרמאַט, ווען ער קײַקלט זיך אָפּ צוריק נאָכן שאָס, ער האָט געלעכצט הערן, ווי עס קלינגען די פּוסטע סנאַריאַדן־גילזעס...

אַ מידער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן לאַפעט פונעם ערשטן האַרמאַט, עטלעכע ווײַלעס זיך צוגעהערט צו זײַנע פּיס. זיי האָבן געשמאַרצט און זײַנען, דוכט זיך, געשטאַנען אָפּגעזונדערט, אָפּגעפרעמדט פון אים, און ער האָט זיי לײַכט אַ גלעט געטאָן, ווי ער וואָלט מיט אָט דעם זשעסט בעטן בײַ זיי מעכילע, וואָס ער האָט זיי אַזוי פאַרמאַטערט. און באַלד האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיי זײַנען אים מויכל אַלץ, ווײַל עס איז אים מיטאַמאָל געוואָרן זיס און וווּל, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז פונדעסטוועגן, טראָץ די ניסיוינעס זײַנע, אַ מאַזלדיקער מענטש, אַז גאָר ווייניק דאַרף מען האָבן, קעדיי זיך פילן גליקלעך.

צו דאָווידן דערטראָגן זיך קורצע סאָלדאַטישע פראַזעס:

— אינטערעסאַנט, ווי ווײַט פונדאַנען זײַנען די פאַשיסטן?

— מיסטאָם באַנאַכט שלאָפן די פריצן.

— נישקאָשע, מירן זיי באַגעגענען, ווי עס דאַרף זײַן.

— ווײַטלעך, פונדעסטוועגן, האָבן זיי אָנגעשפּאַרט...

איבערן קאָפּ האָבן געהודעט באַנאַכטיקע באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען, די אַזוי־גערופענע קוקורוזניקעס, זיי זײַנען געפלויגן מיט אָנגעצונדענע באָרט־פײַערלעך און מע האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס זײַנען בלאָנדזשענדע שטערן.

ס'איז געווען גוט צו זיצן דאָ אויפן לאַפעט פונעם האַרמאַט און רוען. דאָוויד האָט ערלעך פאַרדינט אָט די האַפּסאָקע. קיין טײַנעס צו זיך האָט ער ניט.

ער איז געווען אַ יונגער קאָמאַנדיר, ערשט מיט אַ יאָר צוריק, אין יול איין־און־פערציקסטן, איז ער געקומען אין קריגס־קאָמיסאַריאַט בעטן, מע זאָל אים, אַ סטודענט פונעם לעצטן קורס, נעמען אין דער אַרמיי. געלערנט האָט ער זיך אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, געטרוימט ווערן אַ לערער פון ליטעראַטור. אַז די פאַשיסטן זײַנען אָנגעפאַלן אויף אונדז, האָט ער זיך דערוווּסט, פאָרנדיק אין טראַמווײַ צו דער צוזאַמענוווינונג פונעם אינסטיטוט, אין וועלכער עס האָט אויף אים געוואַרט דוסיע. דאָוויד איז געווען זיכער, אַז מע וועט דעם פײַנט גלײַך צעשמעטערן, אַלנפאַלס, אין מעשעך פון אַ כוידעש, ניט מער, און מילכאָמע האַלטן וועלן מיר ניט אויף אונדזער טעריטאָריע, נאָר אויף דעם סוינעס ערד.

דער מיליטער־קאָמיסאַריאַט שיקט אים קיין פּענזע, אין אַ מיליטער־שול. קנאַפּע פינף כאַדאָשים — און ער איז אַ לייטענאַנט, אַ קאָמאַנדיר פון אַ פײַער־וזוואָד אויפן דאָרעם־פראָנט. זײַן פּרירײַפּיקע קאָמאַנדירישע קאַריערע האָט דאָוויד אויפגענומען ריכטיק — ער האָט געוווּסט, אַז דערווײַל איז ער נאָך גאָר־גאָר אַ שוואַכער אַרטילעריסט, און ווײַל ביז אַהער האָט ער זיך קיינמאָל אין ערגעץ ניט דערלויבט זײַן נאַכלעסיק, סײַ אין דער לער, סײַ אין אַ באַליבּיקער אַרבעט, — אַלץ און אומעטום פלעגט ער טאָן ערלעך, פלײַסיק, האָט ער אויך

איצט פּאַשעט ניט געקאָנט אויספּילן שלעכט די פליכטן, וועלכע דער קריג האָט אָף אים אָנ־געוואַלגערט.

קאַרגע מיליטערישע קענטעניש — דאַרף מען זיי פּאַרפּולקאָמען אין שלאַכט. אין דער ערשטער ריי דערלערנט ער די קלאַלים פון שיסעריי — גאָר ניט קיין איינפאַכע זאַך אין דער אַרטילערישער קונסט. מײַסטערשאַפט דעראַבערט ער אין גאַנג פון די גערנגלען: ווײַזט אויס טאַקע, אַז קיין בעסערער אויפן צו ווערן אַ גוטער פּאַכמאַן איז ביכלאַל ניטאָ.

וועגן דעם טראַכט ער, זיצנדיק אפן לאַפעט פון דער ערשטער גאַוביצע. נאָר לאַנג טראַכטן קומט ניט אויס — אינגיכן פלאַמט אוף אַ פײַנטלעכע באַלויכטונגס־ראַקעטע אָף דעם קעגנאיבערדיקן ברעג פונעם טײַך. דאַווידן שטעלט זי טייקעף אוועק אָף די פיס. דעם סוינעס ראַקעטע־פײַערן צעפלאַמען זיך אָט פון רעכטס, אָט פון לינקס.

— נו, אָט, ס'האָט זיך אָנגעהויבן, — זאָגט פאַרביטערט דאַוויד צו זיך אַליין, טוט אַפּגיך אַ קער דעם קאָפּ און ווענדט זיך צום טעלעפאָניסט, וועלכער פּאַרעט זיך נאָך אַלץ מיטן סאַפּיאָר־זאַסטעפּל אין זײַן פּריש אויסגעגראָבענעם נעסט, ניט ווײַט פונעם האַרמאַט: — גיב איבער אַלעמען: צוגרייטן זיך צו דער שלאַכט!

דעם טעלעפאָניסט ענטפערן אָפּ די קאָמאַנדירן פון די פײַער־ווזוואָדן און פונעם פּאַרך וואַלטונגס־ווזוואָד: מע איז גרייט.

צווישן די שטענגלעך פון קוקורוזע לאָזט זיך דאַוויד אוועק צום באַאָבאַכטונג־פּונקט. באַנאַנד שפּאַנט זײַן פאַרבינדלער, טופּעט מיט די שווערע שטיוואַלעס, אָטעמט אָפּט. אין עטלעכע מינוט אַרום ווענדט ער זיך צו דאַווידן:

— כאַווער קאָמבאַט, ווי קלערט איר, מירן אויסשטיין?

— עס איז געוואָנדט אין אונדז. מע טאָר ניט דורכלאָזן דעם קעגנער.

— יענע, אַפּן שליאַר, ווייסן עס דען ניט? פאַרוואָס זשע טרעטן זיי אָפּ?!

זיכער ענטפערן אָף דער פראַגע איז דאַוויד ניט בעקוויעף, דרייען זיך אָפּן קאָרעק האָט ער ניט קיין כיישעק, דעריבער טוט ער אַ צי מיט די אַקסלען:

— דערווײַל ווייס איך ניט. מיסטאַם האָבן זיי באַקומען אַ באַפעל.

— דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, — רופט זיך אָפּ דער פאַרבינדלער זיפצנדיק. — אַזעלכס טוט זיך ניט אָן דער האַסקאָמע פון נאַטשאַלסטווע. נאָר סיווי — אַ שאָד...

פּאַרטאָג האָבן די היטלעראָווצעס אָנגעהויבן בויען אַ פּאָנטאָן־בריק. דער קאָמאַנדיר פון דאַווידס אונטערשעפּיקער ראָטע איז אומגעדולדיק געשטאַנען באַ זיך אין טראַנשיי, קוקנדיק, ווי די דײַטשן אַרבעטן פלינק און וואַרטנדיק, אַז אָט־אָט וועלן אונדזערע אַרטילעריסטן באַוואַרפן זיי מיט פוגאַסן. ניט דערוואַרט זיך, אָנגעקלונגען דאַווידן.

— איך זע, — האָט אים דאַוויד באַרויקט. — כ'וועל שיסן. כ'וועל ניט פאַרשפּעטיקן.

דער קעגנער איז דערקראָכן מיט זײַנע פּאָנטאָנען בלויז צו דער מיט פון טײַך: דאַווידס אַרטילערישע זאַלפּן האָבן צעשמעטערט אַי די פּאָנטאָנען, אַי די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך אַרום זיי באַשעפטיקט.

אַ שטיקל צײַט איז געווען שטיל. דערנאָך זײַנען אָף אונדזער זײַט טײַך אָנגעפאַלן פאַשיסטישע באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען. פיל באָמבעס האָבן עקספּלאָדירט מיט אַ שרעקלעכער קנאַקערײַ, אָבער קיינעם האָט עס ניט געטראָפן — דאַווידס באַטאַרייע האָט זיך גוט פאַרמאַסקירט, טיף אַרײַנגעגראָבן זיך אינעם קוקורוזע־פעלד.

די פאַשיסטן האָבן ווידעראַמאָל געגומען בויען אַ פּאָנטאָן־בריק. אָבער אויך דאָס מאָל האָט דאַוויד מיט עטלעכע זאַלפּן צונישט געמאַכט זייער טירכע.

— אַהאַ, זיך דערוואָרגן?! — האָט ער געשריגן, באַטראַכטנדיק אין בינאָקל די צעשמעטערטע פּאָנטאָנען, האָגאַם ער האָט גוט געוווּסט, אַז פון דעם באַאָבאַכטונג־פּונקט ביזן פײַנט איז גאַנץ ווײַט און די היטלעראָווצעס קאָנען אים ניט הערן.

די פאַשיסטן האָבן אַפּסנײַ פאַרגענומען לופט־אַטאַקעס, באַשאָסן אונדזער ברעג מיט מינען, מיט סנאַריאַדן פון קאַנאָנען און טאַנקען־האַרמאַטן. די ערד האָט געקרעכצט, אַלץ איז געווען פאַרהילט אין רויך.

אָף מאָרגן איז ווידער ניט געלונגען דעם פײַנט איבערשפּאַנען דעם טײַך. ביזן סאָף טאָג איז דאַווידן דרײַ מאָל אויסגעקומען צו שמעטערן דעם סוינעס בריקבוי־אַרבעטן. אַלע אַטאַקעס פונעם סוינע האָבן זיך פאַרכלינעט אויך אָפן דריטן טאָג.

דאַוויד איז געווען גליקלעך. האַס און פרייד האָבן איבערגעפולט זײַן האַרץ. ער האָט היספּײַלעסדיק געטײַנעט צו זײַן פאַרבינדלער, וועלכער האָט געפּרווט אים אָנפּאַיען מיט טײַ:

— זעסט צי ניין? דעם פאַשיסט קאָן מען שלאָגן! דעם פאַשיסט דאַרף מען שלאָגן! און מיר וועלן אים נאָך גוט אַרײַנלייגן אין די ביינער!

אָבער דאָ איז אָנגעקומען א פאַראָרדענונג פונעם שטאַב: אָפּטרעטן און פאַרנעמען א פּאָזיציע אַפן צאָפנדיקן ראַנד פון ראָסטאָוו. לאָזט זיך אויס, אז די דײַטשן האָבן פונדעסטוועגן אײַנגעבראָכן אונדזער פאַרטיידיקונגס־ליניע אַף דעם לינקן פלאַנג און רײַסן זיך צו דער שטאָט.

די טונקלקײַט איז אומבאַמערקט אַרײַנגעקראָכן אינעם טאָל פון דעם טײַך. איבערן וואַסער האָט זיך אופגעהויבן א לײַכטער נעפּל און געשוועבט לאַנגזאַם צווישן די ברעגן.

א פאַרטויבטער פון דער אַרומיקער שטילקײַט און פון דעם אומדערוואַרטן באַפעל, איז דאַוויד געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אַפן ברוסטווער פונעם באַאָבאַכטונג־פּונקט. ער האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט זיך צווינגען איבערכאַזערן פאַר דער באַטאַרייע די פאַראָרדענונג פונעם שטאַב. ווידער אָפּטרעטן? סטײַטש? דאַוויד האָט פאַרומערט געקלערט וועגן זײַן שטוב און זײַנע עלטערן אַפן פּריוואָלנע־געסל אין קאַזאַן, וועגן דוסיען, וועלכע דער גורל האָט פאַרשלײַדערט אין א טאָטעריש דערפל אַקסובאַיעוואָ. אויב אָט אַזוי — טראָט נאָך טראָט אַפּצוריק — קאָן מען דאָך, כאַסוועכאָלילע, זיך דערקלײַבן צו זיי... וואָס זשע באַטײַט עס? און ביזוואַנען איז דער שיר? אומבאַגרײַפלעך...

גאַנצפרי האָט זיך שוין דאַווידס באַטאַרייע געראַנגלט אין דער צאָפנדיקער פאָרשטאָט פון ראָסטאָוו. אַרום און אַרום זײַנען באַצײַטנס געווען אויסגעגראָבן קעגנטאַנקען־ריוון. די פאַשיסטישע פּאַנצערן, וועלכע דער גענעראַל פאָן קלייסט האָט אָן אופהער געשיקט אַף אונדזערע פּאָזיציעס, זײַנען ניט געווען בעקויעך, ווי ער האָט פּלאַנירט און געוואָלט, מיטאַמאַל, אין פולן גאַנג אַריבערשפּרינגען זיי.

מיט סינע האָט דאַוויד געקוקט אַף די פײַנטלעכע מאַשינעס, נידעריקע און פונדערווײַטנס געגליכענע א ביסל צו וואַנצן, וועלכע וואַרפן זיך אַהין און אַהער, זוכנדיק א שפּאַרונע אַף זיך דורכצושמוגלען. עס איז געווען פּונקט יענער פאַל, ווען דאַוויד אַליין האָט געמוזט שטיין בא דער פּאַנאָראַמע פון דער גאַוביצע. קיין האַרמאַטן־קוילן האָט ער ניט געזשאַלעוועט.

איינע נאָך דער אַנדערער האָבן זיך די פײַנטלעכע אַטאַקעס פאַרכלינעט, נאָר פאָן קלייסט האָט פאַרגענומען נײַע. דער סטעפּ האָט געפלאַקערט מיט רויט־ברוינע פײַערן — עטלעכע צענדליק פאַשיסטישע טאַנקען זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ברענענדיקע שײַטערס. דער ווינט האָט געטריבן צו דער באַטאַרייע א געשטאַנק פון אָנגעגליט אײַזן.

עס האָט זיך געדוכט, אַז שוין — הײַנט איז דער סוינע אָפּגעשטעלט, אויסגעווייפּט און אויסגעשעפּט, ער וועט ניט דורכגיין. נאָר קלייסט האָט אַרויסגערופן אַוויִאַציע...

דעם פאַרטאָג האָט דאַווידס באַטאַרייע באַגעגנט אין דער סטאַניצע אַקסײַסקאַיאַ. פונפאַרנט האָט געפירט אַן אַקשאָנעסדיקע אַריערגאַרד־שלאַכט א גוואַרדייִשער פּעכאָטע־קאָרפּוס.

דאַוויד האָט באַפוילן אַראָפּלאָזן די האַרמאַטן צום טײַך, אָנצילן די רערן קעגן סוינע.

אונטן האָט פרידלעך זיך געלאַשטשעט צום ברעג דער שטילער דאָן. די בריק איבערן טײַך איז געווען רויִנירט און האָט אויסטערליש פאַריסן אין לויטערן הימל אירע שוואַרצע געבראָכענע ריפּן.

דאַוויד איז צוגעגאַנגען צום דאָן, אָנגעבויגן זיך, א שעפּ געטאָן מיט דער דלאָניע וואַסער. זי איז געווען קילבלעך און ביטער. פאַרוואָס ביטער? מיט פאַרפּרעסטע ציין האָט דאַוויד איבערגעפירט דעם בליק אַף יענער זײַט טײַך. אינדערווײַטנס האָבן די פײַנטלעכע „יונקערסן" באָמבירט באַטײַסק. פונדאָרטן זײַנען אָנגעשוווּמען וואַרעמע כוואַליעס לופט. דאַוויד האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב עס איז ניט געלונגען אָפּשטעלן דעם סוינע בא די קעגנטאַנקען־ריוון, וועט זיך ניט אײַנגעבן פאַרהאַלטן אים אויך דאָ, אַף אָט דעם ברעג, וועלכער איז ניט פאַרפעסטיקט, יעדער מינוט קאָנען זיך באַווײַזן די פאַשיסטישע פּאַנצערן. ס'וואָלט טאַקע געווען בעסער איבערפּעקלען די קאַנאָנען אַף יענער זײַט טײַך. אָבער ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?

דאַוויד האָט זיך אַרומגעקוקט און פּלוצעם דערזען אַפן ברעג פּוסטע פּעסלעך. זיי זײַנען דאָ געלעגן אָנגעוואַלגערט אין אומאָרדענונג. אויך פריִער האָט זיי דאַוויד געזען, נאָר קיין אַכט ניט געלייגט. איצט אָבער איז אים אײַנגעפאַלן א געדאַנק: פּאָנטאָנען! די פּעסער זײַנען דאָך גוטע פּאָנטאָנען!

בא די גאַוביצעס האָט דאַוויד איבערגעלאָזט בלויז צו צוויי סאָלדאַטן, אַלע איבעריקע האָט ער געשיקט בויען פּליטן. וואָס נאָר ס'איז מעגלעך קריגן: ברעטער, קלעצער, צווײַגן, סטאַם שטיקער האָלץ...

דער ערשטער שלעפּ־טראַקטאָר איז, ברומענדיק פריילעך, ווי ס'וואָלט אים געפעלן, וואָס עס איז אָפּגעזוכט געוואָרן אַן אויסוועג, פאָרזיכטיק אַרופגעפאָרן אַפן פּליט, וועלכער האָט זיך

געפערלעך צעהוידעט, אָפּגעטוקט זיך, נאָר אויסגעהאַלטן די מאַסע. מע האָט דעם פליט א שטוף געטאָן, און ער איז אוועקגעשווומען.

ס'קאָן זײַן, אַז דערפאַר, וואָס די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן גערודערט מיט די וועסלעס, זײַנען געווען ניט אופמערקזאַם און ניט געהיט, אָדער מאַכמעס דעם, וואָס דעם פליט האָט האַסטיק אונטערגעכאַפּט און א דריי געטאָן דער וואַסער־שטראָם, נאָר מיטאַמאָל האָט זיך דער טראַקטאָר אַפּן פליט א בייג געטאָן און זיך אַראָפּגעגליטשט אין טײַך. דער שטילער דאָן האָט אים מאָמענטאַל אײַנגעשלונגען.

ביזוואַנען די אויסגעבאָדענע אינעם דאָן רודערער זײַנען צוגעשווומען אַפּן לײַדיקן פליט צוריק צום ברעג, ביזוואַנען מע האָט דעם פליט פאַרפעסטיקט — אונטערגעפירט אונטער זײַן דעק נאָך א צענדליק פוסטע פעסלעך, איז געלונגען אַף אַן אַנדער, קלענערן פליטל איבער־שלעפן צום קעגנבערדיקן ברעג דאָס פאַרמעגן פונעם פאַרוואַלטונגס־ווזוואָד. ווען דער גרוי־סער פליט איז ווידער געווען גרייט אין וועג, האָט מען אַף אים אָנגעלאָדן דעם לאַסט־אויטאָ־מאָביל. די רודערער זײַנען דאָס מאָל געווען שטאַרק אופמערקזאַם, און דער רעיס האָט זיך פאַרענדיקט בעשאָלעם.

דער צווייטער שלעפ־טראַקטאָר איז שוין געשטאַנען גרייט אַרופצוקלעטערן אַף די פּאָנ־טאָנען, און דאַווידן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלץ וועט זײַן קעשורע, ער האָט זיך שוין פאַרויס געפרייט. נאָר באַקומען האָט זיך אַנדערש. דער סוינע האָט אָנגעהויבן א ווילדע שיסערײַ. פונעם בערגל אַפּן ראַנד פון דער סטאַניצע אָקסײַסקאַיאַ האָט זיך באַוויזן אָן אָנ־גרײַפנדיקע קייט פאַשיסטישע אויטאָמאַטלער.

דאַוויד האָט געטאָן אַלץ, וואָס ס'איז געווען מעגלעך. די באַטאַרייע האָט באַגעגנט דעם פײַנט מיט פײַער. דעריקער — ניט דערלאָזן, דער פײַנט זאָל פאַרכאַפּן די האַרמאַטן. דוכט זיך, אַז קיינמאָל נאָך האָט זיך די באַטאַרייע ניט צוגעהערט אַזוי אופמערקזאַם צו זײַנע קאָ־מאַנדעס.

ווען מע האָט אים געזאָגט, אַז עס ענדיקן זיך די סנאַריאַדן, איז ער מיטאַמאָל בלאַס גע־וואָרן. הייסט עס, אַז עס איז געבליבן איין ברירע — מיט די אייגענע הענט פאַרניכטן די באַטאַרייע.

זיבן אופרײַסן האָבן אופגעטרייסלט דעם ברעג לעם שטילן דאָן.

5

אָנגעבויגן דעם קאָפּ, פאַוואָליע, פאַרקלערט הייבט זיך אוף דוסיע אין לערער־צימער. זי איז מיד, זי האָט זיך גוט אָנגעהאָרעוועט אַף דעם פּראַקטישן לימעד, וועלכער איז, ווי גע־ווינלעך, אויך הײַנט פאַרוואַנדלט געוואָרן בא איר אין א הייסן דיספּוט. שטענדיק איז זי צופרידן, ווען עס צעפלאַקערן זיך די סטודענטישע מאַכלויקעס, כאָטש רעגולירן און ריכטן אָט די לײַדנשאַפטן פון די שטרײַטנדיקע יונגעלײַט איז ניט אַלע מאָל פּאַשעט. נאָר הײַנט איז דוסיע מידער, ווי טאָמיד. אָנהייבנדיק פון יענער רעגע, ווען זי איז געקומען אין אינ־סטיטוט און אַף איר האָט א פלייץ געטאָן דער געפילדער, וועלכער הערשט אין זײַנע קאָרי־דאָרן, ביז עס דערהערט זיך א דורכדרינגענדיקער, רופנדיקער קלונג, פון יענער ווײַלע אָן מוז זי פאַרטויבן אין זיך די פרימאָרגנדיקע אופרעגונג, וואָס לאָזט זי די גאַנצע צײַט ניט צורו. מע טאָר עס אָבער ניט אַרויסווײַזן פאַר קיינעם ביכלאַל, און ביפראַט פאַר די יונגע. דוסיע שטעלט שווער אירע פיס אַף די אַלטערטימלעכע טשוהונענע טרעפּ, וועלכע פירן צום צווייטן שטאָק. דער לײַטער איז ברייט און פאַרמאָגט א צאַם מיט אַן אײַזערנעם אוזאָר און אויסגעפּאָלירטע ביז שוואַרץ דעמבענע פּאַרענטש.

פון דער זײַט קאָן זיך אויסווײַזן, אַז דוסיע באַטראַכט אופמערקזאַם די שטומפּיקע שפּיצן פון אירע נײַע לאַקירטע פּאַנטאָפל.

די אינדערפרײַיקע מאַכלויקעס מיטן מאַן האָבן זיך אין איר ניט אויסגעוועפט. זי האָט ראַכמאָנעס געהאַט אַף זיך, קלערנדיק, אַז מיט יאָרנלאַנג צוריק איז זי א נאַריש מיידל גע־ווען, קליינמוטיק פאַר א שטרויעלע זיך אָנגעכאַפּט, געהאַפּט זיך אופהאַלטן אַף דער אויבער־פלאַך, ניט אײַנזינקען אינעם אייגנזאַמקײַט־זומפּ, וועלכער איז שוין, לויט אירע דעמלטיקע באַגריפן, ביז צום האַלדז אירן דערקראָכן. זי איז באַרויגעז געווען אַפּן גורל, וואָס האָט אָנגעוואַלגערט אַף אירע פּלייצעס א לאַסט איבער־די קויכעס.

איבערנייגנדיק זיך איבער דער פּארענטש, דערזעט דאָוויד זײַן פּרוי. דאָס האַרץ טוט א קלעם: פונויבן טיילט זיך אויס מיט א באַזונדער שאַרפקײַט די סטענגע גראָווע האָר, וועלכע צעטיילט אפצווייען דוסיעס פריזור פונקט אינמיטן קאָפּ. די סטענגע איז א ברייטע און דערמאָנט א קלינגל פון א קינזשאַל. א באַנגנדיקע שולד טוט א שניט דאָווידן.

ער לאָזט זיך לויפן פון די טרעפּ אנטקעגן דוסיען, היפּערט איבער עטלעכע טרעפּ. זײַן דלאָניע גליטשט זיך דערבײַ אַף דער אויסגעשלײַפטער פּארענטש. ער שטעלט זיך אַפּ אַף איין טרעפּל העכער פון יענעם, ווו עס איז פאַרגליווערט געבליבן שטיין דוסיע, און טוט א זאָג:

— האָב ניט קיין פאַריבל, איך בעט דיך...

דוסיע טוט שאַרף א קוק אַף אים:

— ס׳איז ניט דאָס אָרט און ניט די צײַט פאַר אזא מין געשפּרעך. וווהין פּליסטו ווידער פּײַל־פון־בויגן?

— אין טעאַטער. מע דאַרף אויסקליאַנטשען רעקוויזיט פאַר א ספּעקטאַקל. הײַנט אַפּדער־נאַכט גיבן מיר א פאָרשטעלונג.

— מיט ברויט האָדעווע דיך ניט, אבי דערלויב זיך באַרימען מיט א וואָסער־ס׳ניט־איז אָפּטיילונג פון דײַן פאַקולטעט. עס ליגט שוין בא מיר אין די געדערים...

דאָוויד טוט א קנייטש מיט די אַקסלען, טרעט איבער פון איין פוס אַפן צווייטן. דוסיעס בליק גליטשט זיך דורך איבערן מאַנס פּאָנעם: „סאַראַ גרויסע, מעגושעמדיקע, פונדעסטוועגן, פּרעמדע נאָז בא אים", — טוט זי א זיפץ. אָבער דערבײַ זאָגט זי:

— דײַן שניפּס איז אונטערן קאָלנער ארונטערגעקראָכן.

אײַלנדיק זיך אומקערן דעם געקעסטלטן האַלדזטוך אַפן אָרט, ענטפערט ער שטיל:

— אילירשען וועסטו שוין מוזן אַנהאָדעווען. ס׳איז דאַפקע מײַן ריי, נאָר כ׳וועל, ווײַזט אויס, זיך ניט אומקערן באַצײַטנס.

— מע וואָלט שוין לאַנג געדאַרפט אים איבערפירן אַף זעלבסטבאַדינונג. מיר בלאָזן אַף אים, ווי אַף א גוווירטשיק. מיר פאַטערן דאָס ייִנגל.

און דוסיע קערט זיך אַפּ קאַלט פונעם מאַן.

ווען זי טרעט איבער די שוועל פונעם לערער־צימער, טרעפט זי דאָרטן בלויז אַנע ארנאָל־דאָוונען. נאַרשיין סטאַרעט זיך, זי איז אָבער ניט אימשטאַנד אָפּרײַסן אירע נײַגעריקע אויגן פון דוסיעס קרעפּדעשינענעם קלייד, וואָס נעמט אזוי עלעגאַנט ארום איר פיגור, אז דאָס מאַכט זי אויסערגעוויינלעך איידל — עס אַנטרינען ערגעץ אומבאַגרײַפלעך וווהין סײַ איר הויכער בו־זעם, סײַ דער בויך, סײַ די היפּשע היפּטן.

— ווו האָט איר עס אזא מין פראַכט ארײַנגעכאַפּט? — פרעגט מיט קינע אַנע ארנאָלדאָוונע.

— אופגעבייט.

— אָן אויסגעצייכנטער געשמאַק בא אײַער נייטערן. פּירט מיך צונויף מיט איר.

— אדרעבא, — דוסיע טוט צערעמאָנ׳על א נייג דעם קאָפּ. — אָט איז זי.

— וואָס זשע באַהאַלט איר אויס אײַערע טאַלאַנטן? איך וואָלט די ערשטע געוואָרן אײַער קליענט.

— אז מע וועט מיך פון אינסטיטוט ארויסטרײַבן... דעמלט — ביטע...

— ע, ניין, דאָס איז זייער לאַנג צו וואַרטן, — באַמערקט נאַרשיין און טוט אינמיטן דערבײַ נען א קלער: „מע קאָן דאָך זייער פּאַשעט אוועקזעצן פאַרוואַלטן מיט דער קאַטעדרע יעוודאָ־כען. דער רעקטאָר האַלט פון איר." אַנע ארנאָלדאָוונע פּילט, ווי עס הייבט איר אָן פּרירן די פּלייצע.

אָבער זיך צו פיל קימערן קאָן ניט נאַרשיין. דאָס לעבן איז אזוי גוט און אזוי קורץ, אז פאַטערן די טײַערסטע רעגעס אַף קאָלערלײַי אַנגסטן איז ניט אין איר טעווע.

— וואָס זשע טוט מען עפּעס אוף אזעלכס? — זאָגט זי. ווילט איר, קאָן עס זײַן ווי א דראָונג עמעצן, ווילט איר — אומצופרידנקײַט.

דוסיען געפעלן ניט אין אָט דער רעגע נאַרשיינס גלאַנצנדיקע אויגן:

— צוליב וואָס?

— ווען כ׳זאָל האָבן כאָטש א קאַפּעטשקע פון אײַער גליק, יעוודאָקיאַ פּעטראָוונא, וואָלט איך זיך געהאַלטן ווי א שפּעלע.

דוסיע טוט נערוועז א גלעט די ברעמען, אײנצײַטיק סײַ די רעכטע, סײַ די לינקע, מיט ביידע דלאָניעס:

— ווער עס איז מיר מעקאַנע...

— אהאַ, הייסט עס, אז עס איז טאַקע ניט אַלץ אין אָרדענונג בא אײַך מיטן מאַן! מע פלוי־דערט שוין לאַנג וועגן דעם. אָן אַל אין זאַך איז ניט אויסצובאַהאַלטן.

— מאלע וואָס מע פלאפלט, איז דען נייטיק דאָס איבערכאזערן?

— כאכאָמעס כאזערן ניט איבער קיין רעכילעס. קלוגע פרויען פארמאָגן גענוג סייכל, קעדיי פליאָטקעס צו פארפאסן...

מיט פלינקע טריט שפאנט זיך דורך נאָרשיין איבער דעם לערערצימער, פארהאלט זיך עטוואָס לעבן שפיגל, קוקט זיך אײַן אופמערקזאם, טוט א פיר מיט פארגעניגן איבערן לײַב.

— איך ווער גרעבער, ווי לענגער. אייניקע האלטן דעם בויך אין הונגער. איך אָבער האָב אַף אים ראכמאָנעס.

זי דעקט צו מיט די הענט אירע ראָזעווע באקן, טוט א געגעץ, זוכט אָפ אין שפיגל דורסיעס אויגן און טוט א שמייכל צו זיי. בא אנע ארנאָלדאָוונען זײַנען די אויגן גרויסע און פיפיקע — אויגן שוין ניט פון קיין יונגן מענטשן, אָבער אין זיי איז פארבאָרגן אן אומבאגרענעצטער דאָרשט צום לעבן, אי אן אנטשיידנקײַט ארויסבאקומען פונעם לעבן אלץ, וואָס מע קאָן.

די זון, וואָס איז ארויסגעשווומען פון די אָנגעלאָפענע וואָלקנס, טוט זיך א רוק ארײַן אין פענצטער פונעם לערער־צימער, באגילדעט נאָרשיינס פוכיקע שווארצע האָר. קוקנדיק אַף איר פונדערזײַט, דערשפירט דוסיע, אז איר פראָפיל האָט עפעס אזוינס, וואָס דערמאָנט דעם סילועט פון א שפארבער. עפשער איז דאָ שולדיק איר נאָז מיטן הויקערל, צי דער אומגעריכטער קער פון איר קאָפ, אָדער נאָך עפעס, נאָר דוסיען ווערט אומאָנגענעם, און זי לאָזט אראָפ די וויִעס.

באם סאמע אונטערשטן טרעפל דערזעט דאָוויד אפן טאָוול, ווו געווייִנלעך הענגט מען ארויס פארשיידענע מעלדונגען און באפעלן, א גרויסן פלאקאט, וועלכער איז מודיִע אלעמען, אז די רעפעטיציע פונעם אינסטיטוטישן כאָר ווערט אָפגעלייגט. פארוואָס? לאָזט זיך אויס, אז בא די ייִנגלעך פונעם אינדוסטריִעל־פעדאגאָגישן פאקולטעט איז א קאָנטראָל־ארבעט און בא די מיידלעך פונעם פאקולטעט, וואָס גרייט לערער פאר דער אָנפאנג־שול, איז א קאָלאָקוויִום פון נאטורוויסנשאפט.

דאָוויד ווערט אופגעבראכט: שטרויכלונגען אַף שריט און טריט. אלע קאטעדרעס האָבן אין דער לינקער פייע דעם דעקאנאט פון געזעלשאפטלעכע פראָפעסיעס. צי דען האָט מען ניט געקאָנט זיך אן אייצע טאָן מיט אים, מיט דאָווידן? מע האלט, אז דער פאקולטעט פון געזעלשאפטלעכע פראָפעסיעס אין אינסטיטוט איז אן איבעריקער, אומנוצלעכע, אפילע שעדלעכע אויסטראכטעניש. אגעוו, לעכאטכילע האָט אויך דאָוויד אזוי געקלערט. דער פעדאגאָגישער אינסטיטוט גרייט לערער, נו, איז זאָל ער עס טאָן געזונטערהייט. אַף אלדי שווארצע יאָר דארף א לערער א צווייטע פראָפעסיע? לאָזט זיך אויס, אז ער דארף. ווײַל די מערהײַט יונגע לערער שיקט מען ארבעטן אין דאָרף, און דאָס דאָרף, וואָס ציט זיך צו קונסט, צו הויכער קולטור, דערוואַרט, אז זײַנע יונגע ספעציאליסטן — לערער, מעדיקער, אגראָנאָמען, מעכאניזאטאָרן — זאָלן באפרידיקן אויך זײַנע גײַסטיקע אינטערעסן. אלנפאלס, וואָס איז שײַעך דעם לערער, איז ניט שלעכט, אויב ער איז נאָך כוץ דעם אויך א רעזשיסער און קאָן באווײַזן א ספעקטאקל, אָדער א כאָרעאָגראף און ווייסט, וויִאזוי צו שטעלן טענץ, צי א מאָלער, צי א כאָרמייסטער, צי עפשער א קלעזמער. ניין, אין די אינסטיטוטן איז דער פאקולטעט פון געזעלשאפטלעכע פראָפעסיעס ניט קיין פינפטע ראָד אין וואָגן. זייער גוט העלפט ער דער אלזײַטיקער אנטוויקלונג פונעם קינפטיקן ספעציִאליסט.

אָט דאָס טראָגט זיך דורך אין דאָווידס מויעך, ווען ער קוקט א פארצאָרנטער אַף דער מודיאָע. „מירן אַף דעם שטאָטישן דורכקוק דורכפאלן, א גוטער כאָר — איז שוין א העלפט פונעם זיג אפן שאָו”, — קלערט דאָוויד. ער טוט א קוק, וויפל האלט דער זייגער: יאָ, אין טעאטער וועט ער נאָך ניט פארשפעטיקן. נאָר פריִער פון אלץ דארף מען פויעלן באם רעקטאָראט, מע זאָל עפעס פאָרנעמען.

אין פאָדערצימער איז די טיר פונעם רעקטאָראט ארומגעצויגן מיט דערמאטין, שווארצן און געשטופלטן, גלייך ער זאָל געווען איבערטראָגן א פאָקן־קרענק. דער דערמאטין איז דורכגעשטעפט מיט העלע בראָנזענע שורעס טשוועקעס־קעפלעך אַף די ראנדן, לויט די דיִאגאנאלן און געקרייצט אינדערמיטן. דאָוויד צעעפנט די טיר אָן א קלאפ, ברעכט די סובאָרדינאציע און רײַסט זיך ארײַן גלײַך צום רעקטאָר. ער ווייסט פאָרויס, אז דער פראָרעקטאָר וועט אים ניט מויכל זײַן, לעמײַ ער האָט איבערגעהיפערט זײַן טרעפל. פארשטייט זיך, אז עס וואָלט געווען א יוישער זיך ווענדן לעכאטכילע צום פראָרעקטאָר, נאָר מיט אים איז שוין עטלעכע

מאָל אויסגעקומען צו באַהאַנדלען אָט דעם איניען און ס'האָט זיך דערפון גאָרנישט ניט באַקומען. דאַוויד האָט געוואָלט גאָר א קלייניקייט: מע זאָל אויסשטעלן איין טאָג אין וואָך ספּעציעל אין רעשוס פון זײַן פאַקולטעט, ניט דעם גאַנצן טאָג, פאַרשטייט זיך, בלויז די צווייטע העלפט, נאָך דעם, ווי עס ווערן זיך פאַרענדיקן די אַקאַדעמישע לימודים, מע זאָל אין אָט די געציילטע שאָען ניט דערלויבן קיינעם, כּוץ די אָפּטיילונגען פון זײַן פאַקולטעט, פאַרנעמען די אַאודיטאָריעס, האַלן, לערן־צימערן, דעם אַקטן־זאַל. זײַן ביטע איז אָבער באַגעגנט געוואָרן קילבלעך. היצנדיק זיך, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן, און ניט באַמערקנדיק אַפילע, אַז ער כאַפּט איבער די מאָס, האָט דאַוויד זיך באַמיט צו דערווײַזן, אַז דאָס איז דער איינציקער אויסוועג אין דער סיטואַציע. דער יונגער רעקטאָר האָט דערפילט דאַווידס אײַנגעשפּאַרטקייט און האָט טאַקע אַרויסגערופן אויף דעם פּראָרעקטאָר.

באַ דאַווידן איז דאָס העמדל שוין געווען דורכגעווייקט פון שווייס. אין די לעדערנע אָנגעקוואָלענע רעקטאָרישע פאָטעלן מיט דיקע, ווי מיט לופט אָנגעבלאָזענע, וואַליקעס, עס זאָל זײַן באַקוועם אַף זיי אַרופלייגן די עלנבויגנס, האָט זיך דאַוויד ביכלאַל געפילט אומהיימלעך, ער האָט זיך בעשום־אופן ניט געקאָנט צוגעוווינען צו זייער ברייטקייט, צו זייער וואַקלדיקייט. דער איצטיקער וויזיט אַהין איז געווען דער סאַמע שווערסטער. האַגאַם דאַווידס פאָדערונג האָט מען אין רעקטאָראַט צוגעזאָגט באַפרידיקן, האָט ער פלוצעם א טראַכט געטאָן: עפּשער טאַקע א צו גרויס אָרט פאַרנעמט אין אינסטיטוט דער פאַקולטעט פון געזעלשאַפטלעכע פּראָפעסיעס?

דאַוויד פאַרהאַלט זיך א ביסל באַם סטענד פון זײַן פאַקולטעט, אים אינטערעסירט איצט דער לערן־פּלאַן, וועלכן ער האָט אַליין אויסגעאַרבעט. אַצינד, נאָכן שטרײַט באַם רעקטאָר אין קאַבינעט, באַטראַכט אים דאַוויד מער קריטיש. ער זעט אויס צוצי̈ענדיק, ווי שטענדיק: אויסגעוועבטע מיט פּילפאַרביקע בלײַערס קעסטעלעך, ווו עס זײַנען אַרײַנגעשריבן די געגנשטאַנדן און די פּראַקטישע איבונגען, מיט וועלכע עס האָט צו טאָן דער פאַקולטעט. יאָ, אינדערעמעסן, א גוטער פּלאַן, א געדיכטער. אַרבעט איז פאַראַן האַגוג. פּרי̈ער האָט עס דאַוויד ניט באַמערקט אַזוי שאַרף. עפּשער טאַקע צו פיל אָפּטיילונגען פאַרמאָגט דער פאַקולטעט — דאָ האָסטו דיר אי א סטודיע פון מאָלערײַ, אי א סעקטאָר פון קינסטלערישע פאָרלעזונגען, אי א כאָרעאָגראַפישע אָפּטיילונג, מע דערלערנט דאָ דעם אויטאָמאָביל, מע פאַרנעמט זיך מיט טעכנישער מאָדעלירונג, מע גרייט אָנפירער פון פאַרשיידענע ספּאָרט־קרײַזלעך און עלטערע פּי̈אָנער־וואָזשאַטעס... יעדערע פון אָט די אָפּטיילונגען אַרבעט צוויי מאָל אין וואָך. ס'איז א סאַך אָדער ווייניק? אַגעוו, אַלץ איז פאָרויסגעזען: לעקציעס, לאַבאָראַטאָרישע איבונגען, פּראַקטיק. אַנדערש קאָן דען זײַן?! א מענטש באַקומט דאָך נאָך איין פאַך! א פּראָפעסיע! און ניט בלויז פון א קולטור־אָרגאַניזאַטאָר. גוט איז עס אָדער ניין? נאָר מיסטאָם איז עס פונדעסטוועגן צוועקמעסיק, אויב אין שול וועט אָנקומען ניט בלויז א ספּעציאַליסט — א לערער פון א באַזונדערן געגנשטאַנד, לאָמיר זאָגן, פון פיזיק, צי פון שפּראַך, נאָר אויך א פאַכמאַן, וואָס איז אימשטאַנד אָנצופירן מיט דער פּי̈אָנערישער און אַנדערער אויסערקלאַסן־אַרבעט. עפּשער צאָלן מיר גאָר ניט אַזאַ גרויסע פּרײַז פאַר דעם, וואָס דער פאַקולטעט פון געזעלשאַפטלעכע פּראָפעסיעס קוועטשט א ביסל אָן אַף די מאַזאָלן פון די איבעריקע פאַקולטעטן און קאַטעדרעס?

הינטער דאַווידס פּלייצע דערהערט זיך א גנייוויש שעפּטשען:

— מע האָדעוועט אײַך פּאָרט גאַנץ נישקאָשעדיק. עס וואַקסט דאָס בײַכל.

דאַוויד טוט א קער דעם קאָפּ: יאָ, ס'איז זי, אַנע אַרבאַלדאַוונע.

— פאַרוואָס זײַנט איר עפּעס דאָ און ניט אין טעאַטער? — פרעגט זי. — איר האָט דאָך געדאַרפט פונדאַרטן אַרויסצי̈ען רעקוויזיט פאַרן הײַנטיקן ספּעקטאַקל? צי דאָס איז בלויז א טערעץ פאַר דער פּרווי?

— צוליב וואָס? — ווערט דערשטוינט דאַוויד. — כ'האָב זיך עטוואָס פאַרהײַעט אין רעקטאָראַט. מיט אייניקע כאַווײרים־נאַטשאַלניקעס זיך פרײַלעך דורכגעשמועסט.

— איר זײַנט צו היציק, פרײַנט מײַנער, — מוסערט נאַרשיין שטיל דאַווידן. — פרי̈ער פון אַלץ באַוואָרנט זיך מיט טאַקט. קלוגע מענטשן טוען אַפילע ראָעס טאַקטיש.

— איר ווילט מיך א ביסל צערייצן?

— דערוויַיל ניט. נאָר מע טאָר דאָך ניט פאָדערן, אַלע זאָלן אומבאַדינגט זײַן מאַסקים מיט אײַך. א פרײַנט וועט אײַך צובאַמקען, קוקן אײַך אין מויל און זאָגן — יאָ. עס דערווידערט א פרײַנט.

— קיין געשלעג וועסטו סי̈ווי ניט אויסמײַדן.

— מע אטאקירט אײַך ווידער? — אינטערעסירט זיך נאַרשיין. — נאָר מיינט ניט, אַז דאָס איז אַן אָפּאָזיציע, דאָס איז פּאַשעט אַ פּאָזיציע. זײַט פונדעסטוועגן רויִקער. אויב אַלע צאָרעס אין הארצן אַרײַנלאָזן, איז אַף וויפל וועט עס אײַך קלעקן? שאַט, איר ווילט, איך זאָל זײַן אײַער סאַיוזניק?
— אַ סאַיוזניק — דאָס איז שוין עפּעס ווערט, — באַמערקט פריילעכער דאָוויד.
— יאָ, — כאַפּט זיך נאַרשיין, — איך בין אָבער בלויז אַ פּאַרזיצער פון אַרטקאָם...
— פונדעסטוועגן ניט וויינ‌יקער! — שמייכלט דאָוויד.
„מענטשן טוען אַ נוצלעכע זאַך, — קלערט אַנע אַרנאָלדאָוונע. — דאַרף מען זיי דאָך אונ־טערהאַלטן, און מיר... ניין, ס'איז ניט באַלעבאַטיש“. זי טוט אַ קוק אין דאָווידס פּאָנעם, עט־וואָס אַן אַסימעטרישס, מיט אַ הויכן שטערן און באַרויִגעז אויסגעקרימטע ליפּן. אַלעמאָל אַנטדעקט זי אין אים, אַפילו ווען ער איז בייז, צוצי‌ענדיקע שטריכן. „קיין טראָפּן אייגננוצי־קייט, — קלערט נאַרשיין וועגן דאָווידן. — אַזאַ ניט לײַכטן וואָגן שלעפּט ער, וויפל קויכעס גיט ער אַף זײַן פאַקולטעט און באַקומט פאַר דעם קיין גראָשן ניט. אָט דאָס איז אַ קאָמוניסט! פאַרוואָס זשע באַצי‌ען זיך צו אים אייניקע מיט פאַרורטיילן, צומאָל אַפילו מיט פאַראַכטונג, אַלנפאַלס ניט מיט קיין דערעכערעץ? פאַרוואָס? ער איז דאָך כוץ אַלעמען גאָר ניט קיין אָר־דינאַרער לעקטאָר, די סטודענטן האָבן אים ליב“.
— זעט, איר זאָלט היינט אַפּן אָוונט ניט דורכפאַלן מיט דער פאָרשטעלונג. אַן מיר, — זאָגט קאָקעטיש אַנע אַרנאָלדאָוונע.
— איר זײַנט נאָך אַלץ אין קאַס אַף מיר?
— די נעשאָמע האָט שוין איבערגעמאָזלט. מע קאָן גאַרניט העלפן: אַ גערעאַנגל — ווער עס האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן, דער איז גערעכט.
פונעם גאַנעק לאָזט מען זיך אַראָפּ אײַנײַנעם. און ווײַטער גייט מען שוין באַנאַנד.
דער וועטער ווערט מיטאמאָל קאַליע. די זון באַהאַלט זיך הינטער די כמאַרעס, וואָס פליִסן זיך אומבאַדינגט אַרופקריכן אײַנע אַף דער אַנדערער: ווײַזט אויס, אַף פרעמדע פלייצעס איז טאָקע גרינגער צו שווימען אַפילו אין הימל. עס טוט אַ בלאָז אַ פריש ווינטל. דער אַספאַלט אונטער די פיס הייבט אָן פאַרפלעקט ווערן מיט היפשע טונקעלע פליסנדיקע פינטעלעך — פון די וואָלקנס פרווט זיך אַרויסרײַסן אַ רעגן.
— ווי באַציט איר זיך צו קריטיק, דאָוויד איסײַעוויטש? — פרעגט אומגעריכט נאַרשיין.
— כ'האָב זי ניט ליב.
— אַ שאָד...
נאַרשיינס בליק דריקט אויס פולקאָמע געטרײַשאַפט. ס'איז אָפּנהאַרציק? עפּשער איז אָט די פרוי ניט אַזוי קאָמפּליצירט, ווי ער מיינט?
— מיט אַ פויסט קאָן מען קיין שטיין ניט צעדרויבלען, — זאָגט פּאָר נאַרשיין. — אײַער סטיל געפעלט מיר ניט, דאָוויד איסײַעוויטש. נו וואָס איז עס פאַר אַן אַרבעט: אַלץ אַליין, לעבאַטכילע אַליין, און נאָכאַמאָל — אַליין, און אָבעראַמאָל — אַליין, אויסשליסלעך מיט די אייגענע קויכעס. באַקומט זיך, אַז אויב ניט איר — איז קיינער ניט, הייסט עס, אַז קיינער איז באַ אײַך ניט באַגלייבט... אין טעאַטער, אַשטייגער, מוזט איר אַליין לויפן? מיסטאָם וואָלט געוווען בעסער שיקן אַהין עמעצן פון אײַער רעזשיסער־אַפּטייל... אָדער אַנקלינגען דעם אָנ־פירער פונעם אָפּטייל, וועלכער אַרבעט, אַגעוו, טאָקע דאָרטן, אין טעאַטער...
— ס'איז ניטאָ קיין צײַט.
— זאָג איך דאָך — בלויז זיך אַליין פאַרטרויט איר.
דאָוויד פירט צונויף די ברעמען, און עפּשער דערפאַר דוכט זיך, אַז זײַן שטערן איז שטאַרק אָנגעקנייטשט. אַנדערש באַקומט זיך דערוויַל ניט. פּרוּוו עמעצן שיקן אין טעאַטער נאָך רעקוויזיט — מיינט איר, אַז ער וועט זיך עפּעס דערשלאָגן? מוז ער טאַקע אַליין זיך מאַטרי‌ען זײַן...
— אײַך העלפט ווייסט איר וואָס? — זאָגט נאַרשיין. — אײַער צוויי‌אָדערדיקײַט...
דאָוויד טוט אַ קלער: „זע נאָר, עפּשער בין איך טאַקע אַזאַ, ווי זי זאָגט“. נאָר אַף אַ קאָל באַמערקט ער:
— יאָ, ניט קיין לײַכטע לאַסט איז ער, מײַן פאַקולטעט. נאָר עמעצער דאַרף דאָך אים שלעפּן.
אַנע אַרנאָלדאָוונע פאַרשטייט, אַז דער פאַקולטעט פון געזעלשאַפטלעכע פּראָפעסיעס אין די הויכשולן איז דערוויַל אַ זוכעניש, אַן עקספּערימענט. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז אַלץ וועט זיך פאַרענדיקן מיט אַ דורכפאַל און מע וועט זיך פון אים אָפּזאָגן. נאָר דערוויַל איז ער זייער צוצי‌ענדיק: דער אינסטיטוט גרייט ניט פּאַשעט לערער, נאָר לערער־אַרטיסטן, לערער־זשור־

נאַליסטן, לערער־ספּאָרטסמענער. און אויב אַזוי, איז ער מיסטאָם נייטיק. אַנע אַרנאַלדאָוונע פאַרשטייט אָבער גאַנץ גוט, אַז דאָ באַ זיי אינעם פּראָווינציעלן אינסטיטוט, האַלט ער זיך אַף דער ענערגיע פון איין מענטשן — דאַוויד איסײַעוויטש. זי זאָגט אים עס טאַקע:

— יאָ, דער פאַקולטעט האַלט זיך בלויז אַף איַיך, אַלנפאַלס, אין דער ערשטער ריי, אַף איַיער ענטוזיאַזם. א גרויסער מאַרטירער זיַיט איר.

דאַוויד טוט א קאָסע די אויגן אַף נאָרשטיינס פּראָפיל מיט דער הויקערדיקער נאָז. שטענ־דיק איז אים קלאָר, וואָס זי וויל, אַלנפאַלס, אַזוי מיינט ער, דאַוויד. איצט האָט ער ניט גע־קאָנט באַנעמען. ער שפּאַנט אַקסל צו אַקסל מיט איר, שאַרקעט מיט די דיקע פּידמעטקעס פון זײַנע שיך איבערן אַספאַלט, סטאַרעט זיך זי פאַרשטיין. זי האָט אים ראַכמאַנעס? דאַכט זיך, אַז זי איז דאָ אופריכטיק. ער סוטוליעט זיך אָן און ווערט עפּעס מיטאַמאָל עלטער עפּשער אַף א צענדליק יאָר.

אַנע אַרנאַלדאָוונע ווילט זיך אים א גלעט טאָן, ווי א קליינינטשקן, אים נעמען אונטערן אָרעם, זאָגן אים עפּעס גוטס, וואַרעמס, אָבער זי וואָגט ניט. עס כאַפּט זי פּלוצעם ארום א ראַכמאָנעס־געפיל צו זיך אַליין, ס'האָט איר ניט אָפּגעגליקט אין לעבן. שווער אָטעמנ־דיק, שפּאַנט זי באַנאַנד מיט דאַווידן און קלערט וועגן דעם, אַז אויך ער איז מיסטאָם ניט גליקלעך. זי האָט ניט קיין גרונט אַזוי צו טראַכטן, קיין דערוויַיזן האָט זי ניט, אָבער אַזוי פילט זי. און עס כאַפּט זיך באַ איר אַרויס:

— ווער עס איז צום טײַוול צוגעווינט, האָט מיט גאָט א מאַטערניש.

— ווער איז דאָ דער גאָט, און ווער — דער טײַוול?

אַנע אַרנאַלדאָוונע שווײַגט. און דאַוויד האָט קיין אָנונג ניט, וואָס עס קומט מיט איר פּאָר.

6

און נאָכאַמאָל קערט ער זיך אום צו זײַנע זיכרוינעס.

באַם דאָן, ווען דאַוויד איז געווען געצווונגען אופּצורײַסן זײַנע גאָוביצעס און איבערשלעפּן אַפן קעגנבערדיקן ברעג די רעשטלעך פון דער באַטאַרייע, האָט ער אויך ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז געשען, וויאַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז די דײַטשן זײַנען נאָכאַמאָל אַרײַן אין ראָס־טאָוו, פון וועלכן מע האָט זיי אַרויסגעשלײַדערט אין פעבריק הארבסט? פאַרוואָס טרעטן מיר אָפּ?

עפּשער אַף א קליין טיילכל פון דער ערשטער מינוט נאָכן איבערשווימען דעם דאָן, פּילנ־דיק זיך אומהיימלעך צווישן דעם וואָס עס איז זיך מיט אים נאָרוואָס פּאַרלאָפן, און דעם, וואָס עס שטייט אים פאָר אין דער סאַמע נאָענטסטער צײַט, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און דערזען אַף יענער זײַט טײַך די פּאַרלאָזטע, פאַריאָסעמטע סטאַניצע אַקסײַסקאַיאַ, און דאָ, הינטער דער פּלייצע, האָט זיך געוויכערט דער ברענענדיקער סטעפּ. איין געדאַנק האָט אים געפּיקט אין מויעך: „מע דאַרף זיך קעגנשטעלן!" איצט איז שוין דאַווידס באַטאַרייע, אייגנט־לעך, קיין באַטאַרייע ניט געווען, פּאָשעט — א סאָלדאַטן־איינהײַט, נאָר דאַוויד איז געבליבן איר קאָמאַנדיר, דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר איר, און ניט בלויז פאַר איר גוירל. ער האָט קוידעמקאָל געגעבן א פאַראָרדענונג, אַלע זײַנע אַרטילעריסטן זאָלן פאַרנעמען די שוץ־גראַבנס אַפן ברעג, וועלכע מע האָט נאָך צוגעגרייט פאַראַיאָרן. קאַראַבינען און אויטאָמאַטן און אַפילע עטלעכע קעגנטאַנקען־ביקסן איז געלונגען איבערצופירן איבער דעם טײַך, און האַנט־גראַנאַ־טעס זײַנען אויך באַ אַלעמען פאַראַן...

פאַרסירן דעם דאָן אין פולן גאַנג אַף אָט דעם אָפּשניט פונעם טײַך האָט מען די פאַשיסטן ניט געלאָזט. דאָ האָבן זיך געראַנגלט ניט נאָר דאַווידס באַטאַרייצעס — אַף רעכטס און אַף לינקס האָבן זיך געפונען די אָקאָפּעס פון אונדזערע אָפּטיילונגען.

עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דאַוויד און זײַנע כאַווירים וואָלטן זיך מיט דער צײַט איינ־גאַנצן פאַרוואַנדלט אין פּעכאָטע־סאָלדאַטן. נאָר אַפן צווייטן מעסלעס זײַנען צום פּאָדערשטן ראַנד אייניגעם מיט דער צוגעקומענער פרישער דיוויזיע דערפּאָרן עטלעכע לאַסטמאַשינעס פון דאַווידס אַרטילערישער בריגאַדע מיט א באַפעל פון דעם קאָמבריג, אַז די אַרטילעריסטן זאָלן מיט אַלע קויכעס זיך דערקלײַבן צום זאַמלפונקט פון דער בריגאַדע.

נײַע האַרמאַטן איז געלונגען באַקומען ניט אַזוי גיך. האַגאַם דאַווידס באַטאַרייע האָט זיך דערקלײַבן צום זאַמלפונקט פון דער בריגאַדע בעשאָלעם, איז סײַווי אויסגעקומען איניגיכן אָפּ־צוטרעטן ווײַטער און ווײַטער אין דעם דאָנער סטעפּ. די בריגאַדע האָט קימאַט זיך ניט באַטיי־

ליקט אין שלאַכט, בלויז עטלעכע מאָל האָבן אירע איבערגעבליבענע הארמאטן אָפּגעשלאָגן א ריי פּרווון פון די פיַינטלעכע טאַנקען־קאָלאָנעס דורכצוריַיסן אונדזערע פלאַנגען.

דאָס, וואָס זיַין אַרטילערישע בריגאַדע איז אָפּגעטראָטן אָן אן ערנסטן ווידערשטאַנד, האָט פאַרשאַפט דאָווידן טיפע אַנגסטן. פריִער פלעגן זיַינע באַטאַרייצעס אָפּט הערן זיַין הילכיקן געלעכטער. איצט האָט מען ניט געזען אויף זיַין אָנגעכמורעטן פּאָנעם קיין שמייכל. געווען איז ער צו יונג, קעדיי צו פאַרשטיין, צוליב וואָס די העכערע קאָמאַנדשאַפט באַגייט זיך מיט זיַין באַטאַרייע און מיט זיַין בריגאַדע אַזוי און ניט אַנדערש.

דאָוויד האָט געשפּאַנט באַנאַנד מיט זיַינע כאַוויירים אינעם הייסן סטעפּ. ער וואָלט געקאָנט זיך אַריַינזעצן אין דער קאַבינע פונעם לאַסט־אויטאָמאָביל, וועלכן די באַטאַרייע האָט איבערגעשלעפּט איבערן דאָן, אָבער ער האָט געוואָלט זיַין צוזאַמען מיט זיַינע שלאַכט־כאַוויירים. און ער האָט געשפּאַנט און געשפּאַנט, און די שטיוול זיַינע זיַינען געווען ביזן סאַמע ראַנד פון די כאָליעוועס פאַרשטויבט און געקנייטשט, ווי א בלאָזזאַק. ער האָט געשפּאַנט און געשפּאַנט, און אין קאָפּ האָבן זיך געטראָגן ביטערע מאַכשאָוועס, אים ניט געלאָזט צורו. אוואַדע איז ער, דאָוויד, אויך שולדיק, וואָס עס קומט אויס צו דראַפּען אַזוי שענדלעך: ווען ער זאָל געווען איבערפּעקלען איבערן דאָן די גאַוביצעס, ווען ער זאָל געווען זיך שלאָגן בעסער, וואָלטן די דיַיטשן ניט אָנגעשפּאַרט אַזוי טיף אין אונדזער לאַנד.

די באַטאַרייע איז געגאַנגען און געגאַנגען, איבערלאָזנדיק הינטער זיך סטאַניצעס, כוטאַרס, סעדער, פּאַסעקעס, באַזונדערס איז דאָווידן געווען א שאָד איבערצולאָזן דעם סוינע די געדיכטע, געשמאַקע האָניק־דופטן פון די בינשטאָקן — אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז צוזאַמען מיט אָט דעם גערוך לאָזט ער איבער דעם פיַינט די דופטן פון זיַין קינדהייַט. ס'האָט געמאַטערט דער דאָרשט. דאָווידס פליאַזשקע פלעגט די ערשטע זיך אויסליידיקן: זיַין וואַסער פלעגט ער צעטיילן גיכער, ווי עמעצער אַנדערש. עס האָט זיך באַ דאָווידן צעעפנט די ווונד אויפן פוס — גאָר א קליינע. אָבער באַאומרויִקט האָט זי פונדעסטוועגן, געשטערט שפּאַנען. פריִער האָט ער זי אַפילע פאַר קיין ווונד ניט געהאַלטן — מישטיינסגעזאָגט, אויך מיר א וואַוקע — א מינע־שפּליטערל האָט א קראַץ געטאָן דעם פוס.

עס האָבן ניט געלאָזט צורו די פיַינטלעכע עראָפּלאַנען. זיי פלעגן אָנפליִען פונקט פונדאַרטן, פונוואַנען מע האָט אויף זיי ניט געוואַרט. דאָווידס באַטאַרייצעס האָבן גוט געוווסט, וואָס אַזוינס איז די פאַשיסטישע אַוויִאַציע — ניט איינמאָל איז זיי אויסגעקומען צו טרעפן זיך אָדער מיט שווערע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען מיט געלע קרייצן אויף די פליגלען, אָדער מיט ווייענדיקע פיקירנדיקע יונקערסן, אָדער מיט מעסערשמידטן־פאַרניכטלער.

אין עטלעכע מעסלעס אַרום איז שוין דאָוויד געפאָרן מיטן געדרייטן צאָפּן־קאַווקאַזישן ברוקירטן שליאַך קיין נאַזראַן — א ייִשעוו אין אָסעטיע — נאָך נייַע הארמאטן פאַר זיַין באַטאַרייע.

7

דאָס מאָל קומט ניט אויס לאַנג צו דערקלערן די אָנפירער פונעם טעאַטער, צוליב וואָס מע דאַרף אַנטליַיען די דעקאָראַציעס, און דאָוויד שיקט באַלד אַרויס נאָך זיי די אינסטיטוטישע לאַסטמאַשין, וואָס געפינט זיך אין רעשוס פון דאָווידס פאַקולטעט אַלס לערן־אויטאָמאָביל, כאָטש דעריקער נוצט מען אים אויס מער אויף ווירטשאַפטלעכע אַרבעטן, איידער אויף לערנען די סטודענטן. אָבער דער באַלעבאָס איבער אים איז דאָוויד.

דעם אָנפירער פון דער רעזשיסערישער אָפּטיילונג האָט מען שוין געגעבן צו וויסן, און מע רופט באַלד אַרויס אַלע אָנטיילנעמער פונעם ספּעקטאַקל. איין אָל פון דער פּלייצע — אַראָפּ.

איצט מעג מען זיך דערלויבן איבערכאַפּן דעם אָטעם, און דאָוויד, צעשפּילענדיק אַלע קנעפּלעך פונעם פּידזשאַק, פאַרקערעוועט אין ביבליִאָטעק אַריַין — דורכבלעטערן די פרישע ציַיטונגען. אין לייענזאַל פון דער ביבליִאָטעק שטויסט ער זיך אָן אויף דוסיען און ווערט דערציַיטונגען. אין לייענזאַל פון דער ביבליִאָטעק שטויסט ער זיך אָן אויף דוסיען און ווערט דערצעווינט — זי דאַרף דאָך איצטער זיַין אין דער היים, מיט איליושען. אָבער אַרויסזאָגן זיַין באַוווּנדערונג באַוויַיזט ער ניט. דוסיע טוט אויף אים א קוק, ווי אין זייערע בעסטע ציַיטן, מיט א ברייטן שמייכל, און דערלאַנגט אים א ניט גרויסן פּאַקעט מיט א שטאַמפּ פון דער אַלפאַרבאַנדישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

— אַן אויטאָר־עקזעמפּליאַר?

— יאָ, — האַלט נאָך אין איין שמייכלען דוסיע, — ווי מע האָט צוגעזאָגט.
זי איז גליקלעך און פּרוּווט ניט אַפילו אויסבאַהאַלטן די גדולה.

— ס'איז אָנגענעם, פֿונדעסטוועגן, ערן וואָרט, — זאָגט זי, צערטלענדיק מיטן בליק דעם זשורנאַל אינעם מאַנס האַנט.

דאָוויד צעעפֿנט דעם בוך, זעצט זיך צו אויף אַ בענקל לעם דעם ווײַב, נעמט אַרויס פֿון טאַש דאָס ברילן־פֿוטעלע.

דוסיעס מיטיילונג, אַן אָפּגעדרוקטע מיט אַ קלאָרן, דײַטלעכן שריפֿט, שמעקט מיט דרוקערײַ־פֿאַרב, וועלכער מאַכט דאָווידן שטענדיק עטוואָס שיקער, פֿאַרדרייט אים דעם קאָפּ.

— מאַזלטאָוו! — זאָגט ער. — ס'איז דאָך ניט קיין פּאַשעטע אויסגאַבע — אַן אַקאַדעמישע! דאָס איז אַ דערפֿאָלג. אַן עכטער זיג.

הינטער זיי צעקלינגט זיך דאָס פֿענצטער. דוסיע טוט אַ קער צו דעם דעם קאָפּ. אַזוי האָט זי טאַקע געקלערט: די איינזאַמע ליסטוועניצע, וואָס איז געוואַקסן דערנעבן, האָט סאַפּקאָלסאָף דערצויגן צום פֿענצטער איר לענגסטע צווײַג און אַ וויש געטאָן מיט אירע געלע ווייכע נאָדלען די טאַפּליעס. דער שטיפֿנדיקער ווינט, האָפֿנדיק אויסבאַהאַלטן זײַן שײַכעס צו אָט דעם קלונג, כאַפּט רוישנדיק אונטער אַ הײַפֿל רעגנטראָפּנס און שלײַדערט זיי בעקיוון אָפּן פֿענצטער.

— אַצינד ביסטו שוין צופֿרידן? — שעפּטשעט דאָוויד אין דוסיעס אויער.

— אין דער דאָזיקער רעגע — יאָ, — ענטפֿערט זי אויך שעפּטשענדיק.

דוסיע סטאַרעט זיך פֿאַרגעסן דעם אינדערפֿרײַיקן סיכסעך. דאָס פֿילט זיך אין אירע רייד. זי איז אַפֿילו גרייט צו אָנערקענען דאָווידס פֿאַקולטעט, ביז אַהער האָט זי געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ געוויינלעכע מאָדע: פֿריִער זײַנען אין די הויכשולן געווען פֿאַרשיידענע קרײַזלעך, האָט מען זיי אַצינד איבערגעצײַלעמט, אָנגערופֿן אָפּטיילונגען — און נאָט אײַך אַ נײַעם פֿאַקולטעט פֿון געזעלשאַפֿטלעכע פּראָפֿעסיעס. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז ער איז ניט אינגאַנצן אַזוי, ס'איז אַ נײַע קוואַליטעט.

דאָוויד הערט זיך אײַן אין דעם ווײַבס רייד און גלייבט ניט די אייגענע אויערן. ביז איצט פֿלעגט דוסיע אים בלויז זידלען. אָט וואָס עס מאַכט מיט אַ מענטשן זײַן אייגענער דערפֿאָלג.

אַהיים קערט זיך דאָוויד אום שפּעט, נאָכן ספּעקטאַקל פֿאַר די טעקסטילשטשיקעס. ער איז מיד, אים שמײַסן אַ ווינט מיט אַ רעגן איינגעמען. ער גייט און טראַכט וועגן די אינזשענים אָף זײַן פֿאַקולטעט. און זיי, ווי אים דוכט זיך, זײַנען גאַנץ קלאָגעדיקע. דעם ספּעקטאַקל האָבן די כעוורע געשפּילט ניט אָפּן בעסטן אופֿן. די קינסטלערישע אָפּטיילונג איז געבליבן אָן פֿאַר־פֿיר, און קיין וואָטמאַן איז דאָ, אין דער טיפֿער פּראָווינץ, ניט צו קריגן. די כאָרעאָגראַפֿן ווייסן ניט, וואָס זאָל מען טאָן מיט דער אייביקער פּראָבלעם: קיין יאַטן קלעקן ניט. אין די פּעדאַגאָגישע אינסטיטוטן ביכלאַל קומען אָן ווייניק ייִנגלעך, הײַנט זײַ אַ בעריע און זוך אָפּ צווישן אָט דער אויסגעוויילטער מינדערהײַט אַזעלכע, וואָס ווילן און קאָנען טאַנצן. די אָפּטיילונג פֿון דער קינסטלערישער פֿאָרלעזונג פֿאַרשאַפֿט אויך דײַגעס: אַ מאָדנער געשמאַק באַ זײַנע אָנפֿירער — מע קלײַבט אונטער אָף פֿאַרצולייענען קלוימערשט הײַנטצײַטיקע, נאָר אַזעלכע ווערק, וואָס עס קערט פֿון זיי די גאַל... און מיטן פֿאַרטראַכט צו דורכפֿירן אָן אָוונט פֿון לידער וועגן דעם באַם באַקומט זיך אויך דערווײַל גאָרניט.

דאָוויד שפּאַנט אַ צערודערטער, ער לייגט ניט קיין שום אַכט אָף די קאַליוזשעס, בלאָ־טיקע וואַסער־שפּריצן כליופּען איבער זײַנע פּיס, עס פּיבערט אים עטוואָס, און, קענטיק, ניט נאָר פֿון קעלט, אַ סאַך מערער פֿון די געדאַנקען, פֿון אופֿרעגונג.

מיט די הילכיקע, הילצערנע, שוואַך באַלויכטענע טרעפּ, אָפּטרייסלענדיק פֿון זיך די טראָפּנס רעגן, הייבט זיך דאָוויד שווער אויף צו זײַן שוועל. ער שטעקט אַרײַן דעם שליסל אין שפּאַלט פֿונעם שלאָס, נאָר די טיר צעפּראַלט זיך אַפֿריִער, ווי ער באַוויזט זי אַ שטופּ צו טאָן. פֿון פּירהויז קוקט אָף אים פֿאַרזאָרגט דוסיע:

— אויסגעווייקט? אָף דורך און דורך?

זי טרעט אָפּ אַ ביסל, לאָזט אַרײַן דעם מאַן אין שטוב:

— די בגדים — אַראָפּ! אַלע... און מאַרש אין וואַנע אַרײַן!

געהאָרכזאַם פּילט ער אויס אירע באַפֿעלן.

— וווּ איז אילִיושע?

— באַ די שכנים. קוקט דעם טעלעוויזאָר.

אָף וועטשערע באַקומט דאָוויד קרעפּלעך. צוגעגרייט האָט ער זיי אַליין, נאָך אינדערפֿרי, פֿיל פֿריִער פֿאַר דעם, ווי דוסיע און אילִיושע זײַנען אופּגעשטאַנען. איצט האָט זיי דוסיע בלויז

צעווארעמט. דאַוויד עסט אָן אַפּעטיט, כאָטש הונגעריק איז ער שטאַרק, ער סטאַרעט זיך ניט טשאַוקען, ניט שמאַרען מיט דער נאָז — דאָס קאָן באַזונדערס ניט לײַדן דוסיע. ער לאַדט זי אײַן אויך צום טיש:

— צוזאַמען וועט זײַן פריילעכער.

דוסיע זאָגט זיך אָפּ:

— כ'האָב מוירע איבערצועסן. דערנאָך וועל איך ניט קאָנען אײַנשלאָפן. מאָרגן מוז איך אופשטיין פרי.

דאַוויד טוט א זאָג:

— אָט א לעבן. עסן — באַזונדער, שלאָפן — באַזונדער, און מע איז נאָך אונדז מעקאַנע...

דוסיע כמורעט זיך אָן:

— אָט־אָט, ס'הייבט זיך ווידער אָן! און דו פילסט ניט, ווי ס'איז ברוטאַל?

— בא אונדז איז פרײַהײַט פון וואָרט, צי ניין? איך זידל זיך דאָך ניט, — פאַרטיידיקט זיך דאַוויד. — ס'איז דאָך בלויז צווישן אונדז געערדט.

זי וויל אָבער ניט הערן:

— מ'עס אין אלע פּאַלן.

דאַוויד נייגט זיך אָן איבערן טעלער. ער וויל אויסמײַדן א נײַעם צוזאַמענשטויס מיט דוסיען. יעדער קריגערײַ — דאָס איז אָן איבעריקער ווייטעק.

איז שוין אַלץ פאַרפאַלן? אַזוי וועט דויערן אויך ווײַטער? און עפשער איז פון אָנהייב אָן געווען אַזוי? ניין, עס איז דאָך פּאַרט געווען גוט. עס זײַנען דאָך פּאַרט געווען גוטע צײַטן אינעם לעבן. געווען, אָדער ניין? ווער, אויב ניט דוסיע, האָט אים אָפּגעהיט פון קאָלערליי אַנשיקענישן?! ווער, אויב ניט זי, דוסיע, האָט געוואַרט אַף אים לאַנגע, שווערע יאָרן? צי עפשער איז דאָס געשען מיט עמעצן, ניט מיט אים?

ער טוט זיך א טראַג איבער אין יענער צײַט. אָט זעט ער, ווי דוסיע נעמט אַרויס פונעם אַלטן שראַנק א טישטעך, וועלכן זיי ביידע, ער און זי, האָבן געקויפט נאָך ערעוו דער מיל־כאָמע. דוסיע וויקלט פאַנאַנדער דעם טישטעך מיט א געפיל פון שטאָלץ, קוקנדיק דערבײַ אַף דאַווידן מיט פאַרליבטע אויגן: ער דערקענט, צי ניין? זי האָט געגעבן א ניידער צעשפּרייטן אַפן טיש אָט דעם טישטעך בלויז דאַן, ווען דאַוויד וועט זיך אומקערן. זיבן יאָר איז דער טיש־טעך געלעגן אין שופלאַד פונעם שראַנק, זיבן יאָר, פון זינט ער איז אין יול אײַן־און־פער־ציקסטן אוועק אַף דער מילכאָמע.

„נו, נעם זיך אָן מיט דרייסטקײַט און באַשולדיק זי, די דעמלטיקע, אַז זי איז קיין אופ־ריכטיקע ניט געווען, אַז איר פרייד איז געווען דאַן א געקינצלטע" — פּרוווט זיך אליין אונ־טערהעצן דאַוויד, אָבער פילן פילט ער, אַז עס וועט זיך אים ניט אײַנגעבן פראַוואָצירן זײַן דימיען.

און ווידעראַמאָל קוקט אַרײַן דאַוויד אין זײַן ווײַטער ווײַטעניש. דוסיע סערווירט דעם טיש אַף וואָרמעס — דעם ערשטן וואָרמעס נאָך זײַן אומקערן זיך. ניט געפערלעך, וואָס אַף דעם טישטעך איז וויניקלעך ברויט — מע גיט עס אַרויס נאָך אַף קאַרטלעך. דערפאַר גייט א געשמאַקער דופט פונעם הייסן באַרשטש, וועלכער איז פריער געווען א גאַלעך, רוקט צו נעענטער צו דער סודע דאָס הויכע, בענקעלע פון זייער ערשטלינג בערעק, זעצט זיך אוועק דערנעבן, ער קוקט אינעם לײַדיקן ווינקל, ווו עס וואָלט געדאַרפט הענגען אַן איקאָנע, און צײַלעמט זיך איבער, זיפצנדיק און באַטריבט.

בערעק פרעגט נאַיוו: „פאַרוואָס צײַלעמסטו זיך קיינמאָל ניט, מאַמע?" דוסיע ענטפערט דעם זון: „איך בין ניט קיין גלויביקע". „און דו, טאַטע, פאַרוואָס דאַוונסטו ניט?" — שמאַרעט מיט דער נאָז בערעק. „קיין גאָט איז ניטאָ. ניטאָ צו וועמען זיך בוקן". בערעק טוט א קוק אַפן צעמישט געוואָרענעם זיידן, ווי ער וואָלט בעטן בא אים הילף, און, ניט דערוואַרטנדיק זיך, זאָגט ער הויך: „צו דער מאַמען בוק זיך, צו דער מאַמען". „גאַר ניט קיין שלעכטער פאַרשלאַג", — האָט זיך דעמלט אָפּגערופן דוסיע, עטוואָס שיקערלעך. גאַר יונג איז זי נאָך דעמלט געווען.

— דעם ערשטן וואָרמעס נאָך אונדזער צעשיידונג געדענקסטו? — הייבט אוף די ברעמען דאַוויד.

— פאַרשטייט זיך. און בערעקס פאַרשלאַג אויך.

— פון דעמלט אָן פאַרנעם איך זיך אויסשליסלעך מיט דעם, וואָס איך בוק זיך פאַר דיר, ווי פאַר אַן איקאָנע.

דאַוויד לײַגט ניט, ער כיטרעוועט ניט. ער איז אײַנדערעמעסן די גאַנצע צײַט דוסיעס פאַר־

רערער. נאָך פון יענעם טאָג, ווען ער, א נאַיוו סטודענטל, האָט אפן ערשטן קורס פון אינסטיטוט זי באמערקט און אויסגעטיילט צווישן די מיידלעך פון זײַן גרופע.

באמערקט האָט דאַוויד דוסיע, קענטיק, דערפאַר, ווײַל קימאַט אלע אנדערע מיידלעך פון זײַן סטודענטן־גרופע זײַנען געווען אזעלכע גרינגע מענטשעלעך, ווי ער אליין. און דוסיע האָט אים צוגעצויגן מיט אירע אנטשיידענע ניכטערע מיינונגען, מיט איר דרייסטקײַט און פּראָסטקײַט.

און אויך איר אויסערלעכער אויסזען האָט צוגעצויגן דאַווידן, באזונדערס אירע פוכיקע צעפּ, וועלכע האָבן צוויי מאָל ארומגערינגלט איר קאָפּ און ווי רייפן געבליבן ליגן אפן ראנד פונעם שטערן. דאַווידן איז געווען געפעלן, ווי איר שטערן טוט זיך א קנייטש, ווען זי פלעגט זיך וועגן עפּעס פארקלערן, און די נאָז, א גלײַכע, א געוויינלעכע, נאָר מיט א פּיצינק פּינטעלע אפן סאמע שפּיץ, און אירע ליפּן — פולע, צומאָל אופּציטערנדיקע, עטוואָס פּײַכטע, ווי זיי וואָלטן געווען באזאלבט מיט פרישן זאפט. דוסיע האָט זיך אָנגעטאָן מער ווי באשיידן, אָרעמער אלנפאלס, ווי אלע אנדערע סטודענטקעס. דאָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. נאָר דאַווידן איז געווען אלציינס. ער האָט קיין אכט ניט געלייגט ניט אף זײַנע אייגענע, ניט אף אירע, ניט אף קיינעמס בגאָדים, ער פלעגט גלײַכגילטיק קומען אין אינסטיטוט יעדן טאָג אין איינע און די זעלבע הויזן, און אין איינעם און דעם זעלבן רעקל, אין איינער און דער זעלבער בלוזע מיטן שטייענדיקן קאָלנער, האגאם שטענדיק א ריינער, ווײַל די מאמע זײַנע פלעגט זי וואשן צוויי מאָל אין וואָך, ניט ווייניקער, און פאר איין נאכט זי אויסטריקענען און אויספרעסן. בלויז אין דעם בייזן, אומגעהערטן אפילע אין די צאָפּן־קאנטן אומגעוויינלעך הארבן ערשטן ווינטער זײַנעם אין קאזאן האָט ער, דאַוויד, אָנגעטאָן אף זיך א וואָלן לײַבל, אי ערשט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָפּגעפרוירן די אויערן און דוסיע האָט אים אונטערגעזאגט, אז עס איז ווינשנסווערט ארופּצוציִען אף זיך עפּעס מער ווארעמס, ווי זײַן בלוזקע, אויב עס איז בא אים פאראן וואָס אף זיך ארופּצוציִען. זי האָט ביכלאל גענומען שעפּטום איבער דאַווידן פון זינט ס'האָט זיך אנטפּלעקט, אז ער, א באָכערל, וועלכער האָט געענדיקט א ייִדישע שול, באהערשט די רוסישע שפּראַך ניט אפן בעסטן אופן און דערלאָזט אין זײַן מינדלעכן רוסישן לאָשן אזעלכע גרײַזן, אז צומאָל רופן זיי ארויס א פריילעכע אופלעבונג. און דוסיע האָט זיך גענומען אים העלפן. פון דעם, אייגנטלעך, האָט זיך פארקניפּט זייער בונד.

א צופעליקע אנטדעקונג האָט דערשטוינט דאַווידן: דוסיע איז ניט נאָר א גוטע — זי איז א שיינע. זי איז ניט נאָר א קלוגע — זי איז אויך א געגארטע, דאָס אלטע אָפּגעבליאקעוועטע קליידל אירס איז ניט געווען אימשטאַנד צו פארבאָרגן איר גראַציעזקײַט, די צוציִענדיקײַט פון איר קערפּער — א שטאַלטנעם, מיט איידעלע בריסטלעך, מיט א דינער טאַליע און קרעפּטיקע, האַסטיקע פיס.

דערנאָך האָט ער טאָמיד, ווי הארב עס האָט אים ניט געבראָכן דער גוירל, ווי כיטרע עס האָבן אים ניט געפּרוּווט קאָלערליי יעיצערהאָרעדיקע ספּייקעס, דערנאָך האָט ער זי קיינמאָל ניט פאראַטן.

דאַווידס באציִונג צו איר האָט דוסיע געפילט אומופהערלעך, אף פארשיידענע אופאַנים: צומאָל מיט ציטער, צומאָל שטאָלצירנדיק מיט איר און צומאָל אפילע שרעקנדיק זיך פאר אָט דער פארערונג. ס'פלעגט טרעפן, אז זי האָט זיך געקוויקט מיט דער צופעליק דראָבערטער פרויִשער מאכט. אָפּטער פון אלץ אָבער האָט זי שטיל זיך געפרייט מיט איר. נאָר צײַטנווײַז פלעגט אָט די פארערונג דאַווידס זיך פארוואנדלען אין א שווערן יאָך פאר איר, און זי האָט געוואָלט זיך באפרײַען פון אָט דעם יאָך.

„פארגעטערט מיך, אָבער די פויסטן אף מיר אינדערפרי הײַנט אופגעהויבן", — באגעגנט דוסיע מיט א ביטערער שמייכל דעם מאנס שוווע־ווערטער, אז ער הערט ניט אוף דאָס גאנץ לעבן דוכענען אף איר.

דאַוויד שטויסט זיך גלײַך אָן, וועגן וואָס דוסיע קלערט. מיסטאַם הערט זי ניט אוף א גאנצן טאָג געדענקען זייער אינדערפריִיקן סיכסעך. דאַוויד עסט זיך אוף דאָס הארץ, ער איז אין קאַס אף זיך אליין. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן קומט אים אויס צו בעטן מעכילע בא דעם ווײַב, וועסט עס ניט אויסמײַדן, נאָר דאָס, קענטיק, איז ניט פאר זײַן כאראַקטער, ער איז ניט צוגעווינט צו אזעלכס. דאַוויד כמורעט אָן די ברעמען. ער האָט מוירע, אז דוסיע וועט ניט ווי עס דארף זײַן אויסטײַטשן זײַן אומצופרידנקײַט, זײַן שטרײַט מיט זיך אליין — זי קאָן נאָך, גאָט באהיט, אלץ אופנעמען אף איר כעזשבן, זי קאָן נאָך מיינען, אז דאָס איז ער אף איר בארויגעז. ענלעכס פלעגט צומאָל פּאסירן פריִער. איצט טאָר מען בעשום־אויפן אזעלכס ניט דערלאָזן. מיט דער פרײַער האנט טוט ער א ציִ צו זיך דוסיען:

— פארגעס, איך בעט דיך, הײַנטיקן פרימאָרגן. כ'בין שולדיק פון קאָפּ ביז די פיס.

דוסיע באַפרײַט זיך פון זײַן אָרעם, טרעט אָפּ א שפּאַן אַפּצוריק, דריקט זיך צו מיט דער פּלייצע צום בלווילעכן קיך־שראַנק.

— ניט דיר, ניט זיך קאָן איך עס ניט מוכל זײַן, — קוקט זי פון אויבן אַפּן זיצנדיקן, אַנגעהויקערטן און דעריבער, ווײַזט אויס, מעגושעמדיק דיקן דאַווידן.

פון איר קאָל טוט א בלאָז אָן דאַווידן מיט א צוגווינט. אומזיסט, פאַרשטייט זיך, האָט ער געוואַרט אַף עפּעס אַנדערשס פון א באַליידיקטער פרוי. און טאַקע דערפאַר, וואָס זי איז דער סאַמע נאָענטסטער מענטש זײַנער, האָט זי ניט געקאָנט און ניט געדאַרפט אים צוזאָגן קיין גנאָד. נאָר פונדעסטוועגן איז א שאָד. דוסיע שטייט דערנעבן, אָבער דאַווידן דוכט זיך אויס, אַז ער זעט זי העט־ווײַט פון זיך, אין אַן איבערגעקערטן בינאָקל, ווען ער פאַרמינערט ניט, נאָר פאַרגרעסערט דעם מעהאַלעך. צי איז זי דערשלאָגן? עפּעס באַמערקט ער עס ניט. פאַרקערט. זײַן כוש נאַרט אים זעלטן אָפּ. אָבער וויאַזוי עס דורכקאָנטראָלירן? דוסיע שווײַגט. זי הערט זיך צו צו זיך אַליין, זי הערט זיך צו מיט וווּנדער. עפּשער איז דאַווידס אינדערפרײַ־קער קונץ בלויז א געלעגנהייט פאַר א קריגערײַ, ניט קיין סיבע? דוסיע דערקלײַבט זיך בע־האַדראַגעדיק צו דעם געדאַנק, אַז די לעצטע צײַט רייצט זי עפּעס דער מאַן צו אָפּט, און ניט נאָר מיט דעם, וואָס ער איז ברוטאַל, צעטראָגן, נאָר אויך מיט קליינקײַטן, אַשטייגער, מיט דעם, וואָס ער רייכערט ניט, און איז ניט קיין שיקער, וואָס ער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין די לאַבירינטן פון זײַן פאַקולטעט. וואָס זשע וויל זי? זיך צעשיידן מיט דאַווידן? דרײַסיק יאָר אָפּגעלעבט איינינעם — און זיך געטן?! ניין, פאַרלירן דעם מאַן וויל זי ניט. זי וויל ניט, נאָר זי וואָלט עס געקאָנט טאָן. עפּעס האָט זיך אין איר איבערגעקערט. זי פילט, אַז זי וואָלט עס געקאָנט טאָן. זי איז דערגאַנגען מיט דאַווידן צו א געפערלעכער גרענעץ, זי שטייט אַף דעם ראַנד פון אַן אָפּגרונט, בלויז איין ניט ריכטיקער טראָט — און פליסט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף...

— נו, און ווײַטער וויאַזוי? — פרעגט פאַרטויבט דאַוויד.

דוסיע ענטפערט ניט אַף זײַנע — אַף אירע געדאַנקען:

— מאַך א סאָף צו דײַן דראַקערײַ. דאָס איז א קאַפּריז פאַר א שילער פונעם ערשטן קלאַס, שוין צײַט אופהערן צו דראַקען אומזיסט פּאַפּיר און אויך אַרומלויפן מיט אַן אַרויסגע־שטעקטער צונג פון איין אָפּטיילונג צו דער צווייטער פון דײַן אַזויגערופענעם פאַקולטעט. עפּ־שער וועט זיך דאַן פון דיר נאָך עפּעס באַקומען...

די קרעפּלעך רוקט אָפּ פון זיך דאַוויד מיט א קורצן שטורך, טוט זיך א קער צו דער פרוי מיטן גאַנצן גוף: „ווידעראַמאָל איינס און דאָס זעלבע”, — קנייטשט ער מיט פאַרדראָס דאָס פּאָנעם. ער הייבט זיך אוף, גיסט אָן רוישיק וואַסער אין פענדל, שטעלט עס אַוועק וואַ־רעמען אַף דער גאַז־פּליטע.

— דאָס ברויט מײַנס דאַרף איך פאַרדינען ערלעך, — זאָגט ער.

„צי דען האָב איך אים איבערגעשאַצט און ער איז פּויזק זײַן בלויז א שוואַרצאַרבע־טער?” — קלערט דוסיע מיט פּאַרוואָרף אַף זיך אַליין. נאָר דאַווידן זאָגט זי:

— דו צעטרענצלסט זיך. פאַרוואָס האַלטסטו ניט דעם קאַנדידאַטן־עקזאַמען?

— אָט, הייסט עס, וואָס פאַר א שטיין עס ליגט אין דײַן פאַרטפעל? א געוויינלעכער באַסער־ווערדאַם איז דיר שוין ניט קיין גלײַכן. בין איך ניט קיין דיפּלאָמירטער קנאַקער — קיין קאַנדידאַט פון א וועלכער ס׳ניט־איז וויסנשאַפט, טויג איך שוין, הייסט עס, ניט פאַר קיין מאַן אַף דער עלטער. שעמסט זיך שוין באַנאַנד מיט מיר פאַר לײַטן זיך באַווײַזן...

— דאָס האָב איך נאָך ניט געזאָגט.

— דערווײַל...

דאַוויד פאַרשמעלערט די ווי׳עס. ער נעמט אַראָפּ פון דער קאָנפאָרקע דאָס אופגעזאָטענע פענדל און הייבט אָן ניט געײַלט צו וואַשן דאָס געפעס.

— מיר איז גאַר ניט פריילעך מיט דיר, — זיפצט דוסיע.

ענטפערן איר איז פּאָשעט. אָבער איין זאַך איז האַלטן, אַז ביסט גערעכט, א צווייטע — זײַן א גערעכטער. דוסיע וואָלט ביכלאַל געקאָנט פריטשמעליען — מיט די סאַמע עלעמענ־טאַרסטע טײַנעס. ער, דאַוויד, איז א דילעטאַנט — אומעטום א דילעטאַנט. אויך די וויסנשאַפט, ווען ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט איר אין דער פולער מאָס, ווי עס פּאָדערט דוסיע, וואָלט פון אים באַקומען ניט מער, ווי מע קאָן אויסמעלקן מילך פון א באָק. דאַוויד ווישט דאָס אויס־געוואַשענע געפעס. דער האַנטעך, צו א דינער, קענטיק, ווערט טייקעף נאַס. ער טאַדלט זיך אַליין, ניט מאַכמעס דעם האַנטעך, פאַרשטייט זיך. ער מוסערט זיך דערפאַר, וואָס ער טאַפּ־טשעט זיך אַף איין אָרט טאַקע. עפּעס א קליינקײַט — דעם גאַנצן וועג, ניט איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, האַלט און האַלט עקזאַמענעס. אַן עקזאַמען אַף ווירדע, אַן עקזאַמען אַף דרײַסט־

קײַט, אַן עקזאַמען אױף פֿעסטקײַט, אַן עקזאַמען אױף אױסגעהאַלטנקײַט, אַן עקזאַמען אױף רעכט צו זײַן אַ בירגער און אַ טאַטע — אַן עקזאַמען אױף צו זײַן אַ מענטש...

דוסיע האַלט ניט אױס דעם מאַנס אומעטיקן בליק, פֿירט אָפּ אין אַ זײַט די אױגן.

דאַװיד קלערט: „צום װײַב, צום געזעצלעכן אַזױ צו זאָגן, דאַרפֿסטו זיך אַלע מאָל אָפּסנײַ, װי צו אַ קאַלע, שאַדכנענען... דערלעבט, ניטאָ װאָס צו זאָגן"...

8

דעם עסקיז פֿון דער אופֿגאַבע אױף איבערקרײצן צװײ צילינדרישע פֿיגורן, װאָס ער האָט אָנגעצײכנט צו זײַן מאַרגנדיקער לעקציע, רוקט דאַװיד פּאַמעלעך אָפּ אין לינקן װינקל פֿון טיש, לײגט צוריק צונױף אין אַ קאַרטאָן־שאַכטל די שאַרף פֿאַרשפּיצטע פֿילפֿאַרביקע בלײַערס — מיט זײ האָט ער בוילעט אָנגעצײכנט די איבערגאַנג־ליניעס פֿון אײן אױבערפֿלאַך אױף דער צװײטער, און װאַרפֿט אַן אױג אױף דער רעכטער זײַט פֿון טיש: דאָרטן װאַרט אױף אים דער מאַנוסקריפּט מיט זײַנע זיכרױנעס, אױף װעלכן עס זײַנען דערװײַל אָנגעװאָרפֿן בלױז עטלעכע שורעס. נאָר באַלד װעט ער זיך װידער נעמען פֿאַרן מאַנוסקריפּט, האָגאַם אינעם שכײנעסדיקן צימער אַמפּערן זיך דוסיע מיט אילױשען און שטערן אים זיך קאָנצענטרירן. אילױשע װיל בעשום־אױפֿן ניט גײן שלאָפֿן, ביזװאַנען ער װעט זיך ניט צוזעצן צו דער פּיאַנינע און װעט ניט אױסשפּילן דעם ניגון, װאָס ער האָט הײַנט געהערט אין טעלעװיזאָר. אילױשע געדענקט אָט דעם ניגון אױף אױסװײניק. דוסיע דערװײַזט שטרענג דעם זון, אַז עס איז שױן קימאַט האַלבנאַכט, די שכײנים װעלן װערן אין קאַס, און װעלן זײַן גערעכט, אָבער אילױשע טײַנעט פֿאַראַקשנט, אַז ער װעט שפּילן שטיל און קײנעם ניט שטערן.

דאַװיד הערט זיך צו, װי עס שטרײַטן די מאַמע מיטן זון, ער װאָלט װעלן איבערצײַגן זיך אַלײן, אַז טאַקע זײ בײדע װענדן אָפּ זײַן אופֿמערקזאַמקײַט, לאָזן אים ניט צעעפֿענען דעם מאַנוסקריפּט. נאָר אינדערעמעסן אײַלט ער זיך ניט איצט צו צעעפֿענען די פּאַפּקע מאַכמעס אַן אַנדער סיבע: ניט אַזױ פּאַשעט איז אַרױסצװאָרפֿן פֿון זינען דוסיעס װערטער, אַז זײַן שרײַבערײַ איז אַן אַרבעט פֿאַר אַ שילער פֿונעם ערשטן קלאַס... זי איז געװיס גערעכט. אַזױ איז עס. דאָס איז אַלײן דער עמעס. אַ בײזער, אָבער אַן עמעס. קײן קינסטלעריש װערק באַקומט זיך ניט באַ אים, כאָטש שרײַ כײַװעקײַים...

אילױשע האָט, קענטיק, געזיגט אינעם שטרײַט מיט דער מאַמען. קלאַנגען פֿון דער פּיאַנינע האָבן אומגעריכט באַרױקט דאַװידן, און ער איז מיטאַמאָל װידער איבערגעפֿלױגן אין זײַן װײַטער מיליטערישער יוגנט.

אָנשטאָט די גאַוביצעס, װעלכע זײַנע סאָלדאַטן האָבן פֿאַרניכטעט אױפֿן ברעג פֿונעם דאָן, צופּוסנס פֿון דער סטאַניצע אַקסײַסקאַיאַ, ביכדי זײ זאָלן ניט אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿונעם פֿײַנט, װײַל איבערפֿעקלען זײ איבערן טײַך איז ניט געלונגען, אָנשטאָט אָט די גרױסע גאַוביצעס מיט אַ קאַליבער פֿון הונדערט צװײ און צװאַנציק מילימעטער, איז דאַװידן אױסגעקומען אין נאַזראַן זיך באַנוגענען מיט דיװיזיאָן־האַרמאַטן, אַרױסגעשלעפּטע פֿון די אַלטע אַרסענאַלן. זײער קאַליבער איז געװען קימאַט אױף אַ העלפֿט קלענער. אַזױ צי אַזױ, נאָר צוריק פֿון נאַזראַן איז דאַװיד געפֿאָרן אַ באַװאָפֿנטער, װי מע זאָגט, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. כאָץ די האַרמאַטן פֿאַר זײַן באַטאַריע, האָט ער געפֿירט מיט זיך אין דער אַרטילערישער בריגאַדע קעגנטאַנקען־האַרמאַטן פֿאַר אַ גאַנצן דיװיזיאָן — לײַכטע, לאַנגהאַלדזיקע, פֿון פֿינף־און־פֿערציקמילימעטערדיקן קאַליבער. עמעס, בײס אָט דער רײַזע איז זיך פֿאַרלאָפֿן אַ געשעעניש, װעלכע האָט שיר ניט אױעקגעשטעלט דאַװידן פֿאַרן געריכט פֿונעם מיליטערישן טריבונאַל. דער איניען איז באַשטאַנען אין דעם, װאָס אַלע האַרמאַטן אױף רעדער פֿון עכטן גומי זײַנען געװען לײַכט אין גאַנג, מאַמעש אַ פֿאַרגעניגן. אַפֿילע װען זײ פֿלעגן, אָנגעהאַנגענע צו די „סטודעבעקערס", אונטערשפּרינגען אױף די בערגלעך און אין די אױסגעקלאַפּטע גריבלעך פֿונעם װעג, האָט זײ ניט געשאַדט. אָבער צװישן אַנדערע האָט זיך דורכגעשמוגלט אַזאַ מין קעגנטאַנקען־האַרמאַטל, װאָס איז ביכלאַל, װײַזט אױס, געװען אַזאַ פֿאַרצײַטיקס, אַז אַפֿילע די רעדער זײַנע האָט מען, קענטיק, אױסגעקאָװעט אין אַ דאָרפֿישער קוזניע, פֿון אײַזן, און קײן גומענעם אָנצוג האָבן די רעדער ניט פֿאַרמאָגט. אױף דעם האָט דאַװיד צוערשט קײן אכט ניט געלײגט. אָבער דאָס איז געװען אַ ניט־דערלאָזבאַרער פֿעלער. דאָס שלימאַזלדיק האַרמאַטל האָט שױן אין סאַמע אָנהײב געגעבן װעגן זיך צו װיסן מיט זײַן אומגעװײנלעכער טראַסקע-

ריַי — קיין איין הארמאט האָט מען ניט געהערט אין גאנג, בלויז אָט דעם. דאָוויד איז געזעסן אין דער קאַבינע פון דער ערשטער מאשין. דאָס הארמאטל אַף די אײַזערנע רעדער האָט געשלעפט דער לעצטער „סטודעבעקער", עפשער דעריבער איז צו דאָווידן דערפלויגן זײַן ליאמעריַי שוין דעמלט, ווען עטלעכע זײַנע וויכטיקע טיילן זײַנען ערנסט צעטרייסלט גע־וואָרן. דאָוויד האָט באלד די קאַלאָנע זײַנע אָפּגעשטעלט, דאָס הארמאטל האָט מען אופגעהויבן און פארעפּסטיקט אין קאָרב פונעם „סטודעבעקער".

ווען דאָס הארמאטל וואָלט געדארפט איבערגיין אין דאָווידס רעשוס, וואָלט קיינער פון אָט דער וועג־געשעעניש אפילע ניט געוווּסט. אָבער באקומען האָט זיך אנדערש. אי דער שעף פון דעם ארטילערישן ווארשטאט, אי דער קאָמאנדיר פונעם קעגנטאנקען־דיוויזיאָן האָבן זיך גלײַך געווענדט מיט טײַנעס צו דאָווידן — האלעמײַ האָט ער קאליע געמאכט א הארמאט. צו דער העכערער קאָמאנדשאפט איז דער איניען ניט דערגאנגען — בא דאָווידן אין דער באַטארייע האָבן זיך אָפּגעזוכט פייזיקע, געניטע מײַסטערס — און אין מעשעך פון איין מעסלעס איז דאָס שלימאזלדיק הארמאטל געשטאנען, ווי ערשט פונעם זאוואָד ארויס, אפילע מיט רע־דער נײַע, אויך גומענע, האָט מען עס באשטאט.

נאָר פאר דאָווידן איז די געשיכטע געווען א באלערעוודיקע. ער האָט איין מאָל פאר אלע מאָל פארשטאנען, אז אופמערקזאם דארף מען זײַן טאָמיד, אין אלע פאלן, צי האָסטו צו טאָן מיט אָן ערנסטן איניען, צי ס'דוכט זיך דיר, אז דאָס, וואָס דו טוסט, איז קיין גראָשן ניט ווערט.

אין עטלעכע טעג ארום האָט מען דאָווידן אין שטאב פון דער בריגאדע באוויזן אף דער טאָפּאָגראַפישער מאפע־צווייווערסטקע, ווו זײַן באטארייע וועט דארפן פארנעמען איר פּאָזי־ציע. קיין איבעריקע צײַט אף קלײַבן זיך אין וועג ארײַן איז ניט געווען.

עס זײַנען דאן געשטאנען סארפענדיקע זומער־טעג מיט אומענדלעך ווײַטע העלע הימלען, און דאָס, וואָס די הימלען זײַנען געווען אומענדלעך ווײַט, איז געווען א גרויס גליק, ווײַל ווען זיי, אָט די צעגליטע ראכוועסן, כאלילע, לאָזן זיך אראָפּ א ביסל נידעריקער, וואָלטן זיי אלץ אף דער פארשמאכטער ערד צעשמאָלצן. אפילע די זעלטענע וואָלקנדלעך, וואָס פלעגן פון צײַט צו צײַט זיך א ווײַז טאָן אין די צארטע צעפלאָמטע הויכענישן, אויסזעענדיק גאנץ איידל, אפילע צומאָל עלעגאנט, זײַנען, קענטיק, אויך געווען ניט מער און ניט ווייניקער, ווי ברוכ־שטיקער פון אָן אומגעווייַנלעכן ניטדאָיקן, פון ווײַטע וועלטן פארבלאָנדזשעטן אהער צערי־סענעם פײַער.

דאָוויד האָט אונטערגעהאלטן די שטימונג פון זײַנע כאווירים. קיין היספּײַלעס האָט ער, פארשטייט זיך, ניט געפילט. די לאגע איז ביז גאָר א שווערע, און אונדזער קאָמאנדשאפט האָט ניט אויסבאהאלטן פון קיינעם, אז מיר טרעטן אָפּ, אָבער דאָוויד האָט שוין איצטער מיט זײַנע אייגענע אויגן געזען און מיט אלע זײַנע כושים געפילט, אז ס'איז שוין נאָענט די צײַט, ווען מע וועט אָפּשטעלן דעם סוינע.

נאָך איידער דאָוויד האָט באקומען דעם באפעל צוגרייטן די פײַער־פּאָזיציעס פון זײַן בא־טארייע און אָנמערקן, ווו צו פּלאנאָרשטעלן די באָאבאכטונגס־פונקטן, האָט ער אײַנגעפירט אין דער באטארייע א שטרענגע אָרדענונג, עפשער אפילע א מער שטרענגערע, ווי עס האָבן דערוואַרט זײַנע סאָלדאטן. און פריִער פון אלץ האָט ער מאָבילירט זיך אליין.

פארנומען די נײַע פּאָזיציעס, האָט די באטארייע פארטאָג און אזוי שטיל, אז קימאט קיינער פון די אָרטיקע טוישווים האָט דאָס ניט באמערקט, כאָטש די טשעטשענישע פרויען שטייען אוף פאר שאַריען אף טאָג — מעלקן די בויוואָליכעס, רייניקן די סאקליעס און שטאלן, גרייטן פאר די מישפּאָכעס פרישטיק. קיין טראקטאָרס האָט מען ניט געדארפט — די זעקס־און־זיבע־ציקמילימעטערדיקע הארמאטן האָט מען געבראכט צו פירן מיט פערד. און געטאָן האָבן דאָס די ניט לאנג מאָבילזירטע קאָלווירטישע פערד אָן געפילדער, אָן ראש, ווי זיי וואָלטן צע־אקערט בא זיך אין דער היים א פעלד און מער גאָרניט.

באָאבאכטונגס־פונקטן האָט דאָוויד אָנגעמערקט עטלעכע — צו צוויי אף די הויכענישן הינטער דעם אאול און אינמיטן דעם טשעטשענישן דאָרף, און איין באָאבאכטונגס־פונקט אפן ברעג פונעם טײַך טערעק. די פארבינדלער האָבן טייקעף דורכגעלייגט א טעלעפאָן־קאבעל פון איין פונקט צום צווייטן, צו די פײַער־פּאָזיציעס, צום קאָמאנדיר פונעם דיוויזיאָן. עס זײַנען אויך אײַנגעשטעלט געוואָרן צוויי ראציעס.

די באטארייע האָט זיך טיף, ביז איבערן קאָפּ, ארײַנגעהריזעט אין דער ערד. מע האָט דאָס געמאכט אזוי קונציק, אז ווען אליין דער קאָמאנדיר פון דער ארטילערישער בריגאדע איז געקומען אף דער פּאָזיציע, האָט ער זיך ניט אײַנגעהאלטן זי א לויב צו טאָן: — מאָלאָדצי, באטארייצי!

צוזאמען מיט אנדערע קאָמאַנדירן איז דאַוויד נאָכגעפּאָרן נאָכן קאַמבריג אַף זײַן פערדל, וואָס האָט געוויס נאָך קיין פּולווער ניט געשמעקט. אָבער אויך אַף אַזאַ נישטיק פערדל איז דאַוויד סײַווי געזעסן אין זאָטל פֿײַן — דאָס האָט מען אים אויסגעלערנט נאָך אין פענזע אין דער אַרטילערישער שול.

דאַוויד האָט מיט צאַר באַטראַכט פונדערווײַטנס די סטאַניצע גאַליוגאַיעווסקאַיאַ, וואָס איז געלעגן אַפן קעגנאיבערדיקן ברעג, און געקלערט וועגן דעם, אַז עס וועט, מיסטאָם, אים אויסקומען אײַנגיכן באַשיסן אָט די סטאַניצע מיט אירע שיינע סעדער, מיט אירע גאַסן און הײַזער, אויב דער סוינע וועט זי פאַרנעמען. ער האָט געקלערט, אַז מע וואָלט געדאַרפט איבערקלײַבן זיך אַף דעם קעגנאיבערדיקן ברעג, זיך דורכשמועסן מיט די געבליבענע מענטשן און עפּשער זיי אײַנצענען צײַטווײַליק פאַרלאָזן די סטאַניצע, ביז עס טוט זיך אַזוינס אַרום איר, ווײַל, קענטיק, שלאַכטן שטייען דאָ פאַר אומדערבאַרעמדיקע, שרעקלעכע, בלוטיקע.

באַזוכן די סטאַניצע גאַליוגאַיעווסקאַיאַ האָט דער קאָמאַנדיר פונעם דיוויזיאָן דאַווידן דערלויבט מיט אַ טנאַי, אַז דער שטעלפאַרטרעטער פונעם באַטאַרייע־קאָמאַנדיר זאָל פאַר אָט דער צײַט אַלץ באַוואָרענען. דער קאָמאַנדיר פונעם דיוויזיאָן האָט דערבײַ געגומען אין אַכט ניט נאָר דאָס, וואָס דאַוויד האָט אים דערקלערט, נאָר אויך אַנדערע אומשטענדן. דאַווידן האָט ער באַפוילן מיטנעמען מיט זיך אַן אָפּיצער פון דער אויסשפּירונג־דינסט.

אָט אַזוי אײַנפירן: צוויי קאָמאַנדירן און צוויי דאַווידס סאָלדאַטן פונעם פּאַרוואַלטונגס־ווזוואַד זײַנען אַרײַנגעקראָכן אין אַן אויסגעדלובעט פון אַן אַלטן אָלכע־בוים שיפל. צוויי וועסלעס האָט זיך צוערשט אויסגעוויזן געגוג, נאָר ווען מע האָט זיך אָפּגעשטויסן פונעם ברעג און עס האָט זיי אַרויסגעטראָגן אַפן מיט טײַך, אַרײַנגעשלעפּט אין אַ האַסטיקן ווילדן וואַסער־שטראָם, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דער טערעק איז ניט קיין געוויינלעכער טײַך — עס האָט זיי אָפּגעטראָגן העט־ווײַט נידעריקער פונעם אָרט, וווהין זיי האָבן געוואָלט צושטיין אַפן קעגניבערדיקן ברעג.

אַרויסגעקראָכן זײַנען זיי פונקט אַנטקעגן דעם גיגאַנטישן ווײַנגאָרטן אַף רעכטס פון דער סטאַניצע. זיי האָבן געשפּאַנט צווישן די געדיכטע קוסטעס, באַהאַנגענע מיט טונקעלע יאַגעדעס, נאָר די ווײַנטרויבן זײַנען נאָך געווען רויע, ביז צום רײַף וועין האָט נאָך געדאַרפט געדויערן ניט וויניקער פון אַ כוידעש. דאָס האָט דאַוויד גלײַך פעסטגעשטעלט: פאַרזוכט אַן אָפּגעצופּטע יאַגעדע — זויער, ווי עסיק. מיט אָט דעם זויערדיקן טאַם אַף די ליפּן איז דאַוויד אַרײַן אין סטאַניצע.

ס'איז דורכגעגאַנגען מער ווי אַ האַלבע וואָך, ביז איבער דער באַנאַכטיקער גאַליוגאַיעווסקאַיאַ האָבן אופגעפלאַמט פײַנטלעכע באַלויכט־ראַקעטעס.

9

אַף דער שוועל פון דער קיך, וועלכע דאַוויד רופט „מײַן קאַבינעט", וואָקסט אויס פלוצעם דוסיע, טוט אַ פיר דעם בליק איבערן מאַנס באַגײַסטערט פּאָנעם, דערנאָך איבערן מאַ־נוסקריפּט, וועלכער ליגט אַפן טיש, און פאַרקרימט די ליפּן:

— שפּילסט זיך אַלץ?

אַף אַזאַ קלאַפּ האָט דאַוויד ניט געוואָרט. נאָר דאָ דערמאָנט ער זיך, ווי אילױשע האָט הײַנט זיך געאַמפּערט מיט דער מאַמען און זי איבערצײַגט, אַז ניט זי, נאָר ער איז גערעכט. גוט, קינד מײַנס! פֿײַן, טײַערער באָכערעץ! אילױשעס ניגן צעקלינגט זיך ווידער אין זײַן זיקאָרן. דער זון איז איבערצײַגט, אַז דאָס, וואָס ער טוט, איז פונקט דאָס, וואָס ער דאַרף טאָן. צי דען איז עס ניט זײַן, דאַווידס, טעווע באַ אים?

זײַן וואָך ביז האַלבנאַכט האָט אילױשע געהאַט אַ טעווע נאָך פון די וויקעלעך. אַנשלאָפן ווערן פריער פון צוועלף אַזייגער באַנאַכט האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט. אָבער דאָ פלעגן קומען צוהילף די לידער, וואָס דאַוויד האָט געזונגען זײַן זון. אָט אַזוי, ווי איצטער, דערמאָנט ער זיך, עפנט זיך די טיר אין קיך און עס באַווײַזט זיך דוסיע, אַ פאַרלוירענע, אַ פאַרשעמטע, אַ דערשלאָגענע, מיט אילױשען אַף די הענט. זי טוט אַ קאַסע מיטן אויג אַפן מאַן, וועלכער זיצט, ווי געוויינלעך, אין אָט דער צײַט, האַלבנאַכט, באַם קיך־טיש און שרײַבט, זי זאָגט:

— ווידעראַמאָל דאָס זעלבע...

דאַוויד פאַרשטייט, וועגן וואָס עס גייט אַ רייד, נאָר ער פרעגט:

— וואָס דאָס זעלבע?

— פאַרשטייסט, איך האָב זיך ניט איינגעהאַלטן און אים אַ פּאַטש געטאָן.
דוסיע נייגט אָן דעם קאָפּ איבערן זונדל, ווישט די טרערן פון זײַן פּענעמל, זיפּצט:
— ווען דו ווייסט, זונעניו, ווערסטו אין מײַנע הענט שווערער.
דאַוויד הייבט זיך אויף פונעם טאַבורעטל און לאָזט זיך צו דער פרוי.
— אַלע קינדער שלאָפן שוין, פייגעלע, ס'איז שוין צײַט אויך דיר, — ווענדעט ער זיך צום קינד.
— וועסט אים אײַנריידן, וואָדען, — זאָגט דוסיע און הייבט אויף די אויגן אויף דאַווידן. — איך שמײַס אים, און ער זוכט מיטלײַד און ראַכמאָנעס בא מיר טאַקע.
— גיב נאָר מיר אהער דעם באָכערעץ.
דעמלט, אין יענער נאַכט, און אין אַ סאַך אַנדערע אַזעלכע נעכט, וועלכע זײַנען איצט אופגעשווומען אין דאַווידס זיקאָרן, האָט אילױשע אַרומגענומען זײַן פּלאַסטמאַסעווע אוטאָ־מאָבילכל און מיט אַלע קוּקיכעס זיך געסטאַרעט, זײַנע אויגן זאָלן זיך, כאַלילע, ניט פאַרמאַכן. אָפּן טאַטן האָט ער געקוקט שלעפעריק, אָבער די אויגן געהאַלטן אָפן. די האַלב־פינצטערניש פונעם שלאָף־צימער פלעגט צומאָל דורכשנײַדן די שײַן פון אוטאָבוסן. אילױשע פלעגט נאָכ־שפּירן נאָך דעם אָפּשײַן, וואָס האָט געפויזעט אויף דער וואַנט, אויף דער פענצטער־ראָם, און אומקערן דעם בליק אָפן טאַטן. דער טאַטע האָט געזונגען, און אילױשע פלעגט זיך אופמערק־זאַם צוהערן צו אַט דעם געזאַנג. אים זײַנען געפעלן געווען דעם טאַטנס ניגונים. און ער האָט זיך געסטאַרעט צו פאַרשטיין, וועגן וואָס דער טאַטע האָט געזונגען. אַ סאַך שפּעטער וועט צו אילױשען דערגיין, אַז זײַן טאַטע האָט געזונגען וועגן אַ פינצטערער נאַכט, וועלכע האָט איינמאָל צעשיידט אויף גאָר־גאָר לאַנג טאַקע אים, זײַן טאַטן מיט זײַן מאַמען; וועגן עפּעס איינער אַ קאַכאַוּוקע און אַ פאַנצער־צוג, וועלכער שטייט און וואַרט אויף אַ רעזערוו־קאַלייע; וועגן אַ פײַערל אין אויוונדל, וואָס האָט דערוואַרעמט ניט אַזוי דאָס ערד־שטיבל, ווי די הער־צער פון די סאָלדטן; וועגן סאָלאָווייען, וועלכע לאָזן ניט שלאָפן די פּראַנטאַוויקעס...
ווען אַליין דאַוויד איז געווען אַ קלייניטשקער, פלעגט אים זײַן מאַמע אויך קיין לידער ניט זשאַלעווען. דאָס זײַנען געווען פריילעכע און טרויעריקע ניגונים, און דאַוויד האָט גע־זונגען אילױשען אויך דער מאַמעס לידער — וועגן פּריפּעטשעק, אויף וועלכן עס ברענט אַ פײַערל; וועגן דעם מיילעך, וואָס האָט געהאַט אַ מאַלקע, און די מאַלקע האָט געהאַט אַ ווײַנ־גאָרטן... עליק פאַרמאַכט שוין די אויגן, נאָר דאַוויד רײַסט ניט איבער די ליד, מוירע האָבנ־דיק, די שטילקײַט זאָל ניט איבערשרעקן דעם זון זײַנעם און יענער זאָל ווידעראַמאָל ניט עפענען די אויגן.
דער מאַלקעס ווײַנגאָרטן דערמאָנט דאַווידן וועגן די זויערע ווײַנטרויבן לעבן דער סטאַ־ניצע גאַליוגאַיעווסקאַיאַ. איצט, קוקנדיק אויף דוסיעס פאַרקרימטע ליפּן, פילט ער אויף זײַנע ליפּן דעם טערפּקן, זויערן טאַם פון די גאַליוגאַיעווער ווײַנטרויבן.
נאָר ס'לאָזט זיך אויס, אַז אַצינד איז דוסיע אַרײַן אין קיך ניט צוליב דעם, קעדיי מו־סערן דאַווידן. זי האָט געבראַכט געדיכט פאַרשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר מיט פיל פאַרשטראָ־כענע, אויסגעמעקטע שורעס. דאַוויד ווייסט, אַז נאָך אַ געלונגענער אַרבעט באַם שרײַבטיש איז דוסיע שטענדיק אַ צופרידענע. נו, אַט...
— אַלץ איז גוט אין דער פּראָפעסיע פון אַ לערער, — שעפּטשעט דוסיע, צוהערנדיק זיך צו דער טיר, הינטער וועלכער עס איז פונדעסטוועגן אײַנגעשלאָפן אילױשע. — איינס איז אָבער ניט גוט: גלײַך נאָך די לעקציעס הייבט זיך ווידער אָן די אַרבעט — אין ביבליאָ־טעק, אין דער היים, אומעטום, אָן אַ סאָף און אָן עק. און אינטערעסאַנט איז אָט וואָס: אויב דער מענטש איז אַ דערפאַרענער, איז אים שווערער — מערער פאָדערונגען צו זיך אַליין.
דוסיעס רייד באַגײַסטערן דאַווידן, אָבער עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אָט די רויִקײַט זאָל זיך אין אַ באַליביקער ווײַלע אופרײַסן.
— מיט וואָס ביסטו פאַרנומען? — פרעגט דאַוויד.
— אַלץ מיט דעם זעלבן, דו ווייסט דען ניט?
דאַוויד קוקט אויף דוסיעס בייגעלעך פּאַפּיר. ער טראַכט, אַז זיי זײַנען גליקלעכער פון אים — דוסיע איז אין זיי פאַרליבט. זײַן האַנט ציט זיך צו איר, אַ גלעט טאָן דעם גראָוון סלעד אין דער מיט פון איר פריזור. אָבער ער האַלט זיך אָפּ און זאָגט שטיל:
— און אַז איך וועל דיר אַ ביסל שטערן אַרבעטן?
דוסיע צוקט מיט די אַקסלען, גענעצט זיס:
— בלויז ביז פערציק בליט אַ פרוי.
— ווערט איר, אָבער, פופציק יאָר — קומט דער צווייטער פרילינג. אָן עכטע פרוי איז, ווי ווײַן, וואָס עלטער, אַלץ זיסער, — דערווידערט דאַוויד, פּרוּוונדיק אַרומנעמען דוסיעס

קאָפּ. — איך קאָן נאָך אַלץ צו דיר זיך ניט צוגעוווינען. אַלע מאָל ביסטו א נײַע, אַלע מאָל — צום ערשטן מאָל.

פון יענער זײַט פּענצטער פלאַמט אוף א בליץ, מיט א רעגע שפּעטער — א צווייטער. ערשט נאָך דעם רופט זיך אָפּ פאַרטויבט א דונער.

— דער געוויטער קערט זיך אום, — זאָגט דאָוויד. — ער קאָן נאָך אונדזער מיזיניק אופוועקן.

— א מאָדנער געוויטער — א האַרבסטיקער, — זאָגט דוסיע טרוימעריש.

נאָך עטלעכע בליצן אָן דונערן, איינער נאָכן צווייטן, רײַבן זיך אָן, ווי שוועבעלעך, אין דעם רויען הימל. זיי ווינקען עפּשער פונדערווײַטנס דעם דונער, וואָס איז אַנטלאָפן ווײַט פון זיי, אַזש אַף יענער זײַט אָקאַ. אָבער דער דונער וויל זיך מער ניט אומקערן.

דער ווינט טוט א ריס דאָס פענצטער, צעעפנט עס. אין צימער כאַפּט זיך אַרײַן א קאַלטע פײַכטקײַט.

דוסיע טוט א קנייטש מיט די אַקסלען.

— דערוואַרעמען דיך? — ציט זיך דאָוויד צו דער פרוי.

ניין, דוסיע וויל ניט. זי טוט פּלוצעם א זאָג:

— איז ווי זשע האַלט עס בא דיר מיט די קאַנדידאַטן־עקזאַמענעס?

נו, אָט, זי האָט שוין ווידער אָנגערירט די ווייטעקלעכע סטרונע.

דוסיע קוקט אַף אירע בייגעלעך פּאַפּיר, נאָר באַווײַזן זיי דאָווידן ווילט זיך איר שוין ניט.

— שלאָפן, שלאָפן! — זאָגט זי אַנטשיידן.

דאָווידן וועקט אוף דער געדאַנק, אַז זייער פיל מוז ער הײַנט אופטאָן. נאָר אופשטיין ווילט זיך לאַכלוטן ניט. קיין רו איז ווי ניט געווען. ער טוט זיך שאַרף א הייב, לאָזט אַראָפּ די פיס, טאַפּט אָן מיט זיי די פּאַנטאָפל און שטיל, עס זאָלן זיך ניט צעסקריפּען די דיל־ברעטער, גייט ער אַף די שפּיץ־פינגער צום קראַן. דער קאַלטער וואַסער־שטראָם דערמונטערט אים. ער ווישט זיך אַרום מיט א לײַוונטענעם האַנטעך, נעמט די האַנטעלן, טוט עטלעכע מאָל א פאָכע מיט זיי — דאָס דאַרף באַטײַטן, אַז ער האָט געמאַכט פיזקולטור־איבונגען, און קערט זיך אום, ווידער גנייוויש, צוריק צו זיך.

דוסיע ליגט אַף דער פּלייצע און כאָרכלט געשמאַק, אָבער אויך ווי עפּעס בייזלעך, און דאָס פאַרוויײַלט אַף א רגע דאָווידן. דער זון אָטעמט רעגלמעסיק, זײַנע הענט ליגן אַף דער זויבערער ציך, און אַפילע אין דער האַלבטונקלקײַט זעט דאָוויד, ווי זיי הייבן זיך אוף און לאָזן זיך אַראָפּ אין אייַנקלאַנג מיטן אָטעם. דעם זונס הענטלעך דערמאָנען דאָווידן, ווי עליק, נאָך גאָר אַן אייפּל, פלעגט ליב האָבן אומבאַדינגט אַליין, זעלבשטענדיק אַרופּציִען אַף זיך זײַנע ווייכינקע אָראַנזשעווע פּויזע־הויזלעך, נאָר געטאָן האָט ער עס קאַפּויר: געשלעפּט זיי אַפן קאָפּ, ניט אַף די פיס. דוסיע פלעגט אים זאָגן:

— ניט אַהין, קעצעלע!

אָבער עלישע איז, גוואַלדעוועדיק, באַשטאַנען אַף זײַנס.

עס פליט די צײַט! אַפן בענקל לעם עליעס בעטל הענגען איצט לאַנגע דזשינסן מיט אַזויפיל קעשענעס, אַז מע וואָלט אין זיי, מיסטאָם, געקאָנט אַרײַנשטופּן אַלץ, וואָס עליע פאַרמאָגט, און צוגעבן נאָך עפּעס פונעם טאַטנס קנאָפּן גוטס. „אינגיכן וועלן שוין מײַנע הויזן זײַן אים קליין”, — טוט א טראַכט דאָוויד.

עליע שמייכלט אין שלאָף. דער פאָטער טוט צאַרט א גלעט דעם זונס קאָפּ און גייט אין קיך.

די פּאַרטאָגיקע בלויקײַט אײַלט זיך ניט צעזייען די פינצטערניש, דאָוויד שליסט אײַן די שײַן און טוט א קלער, וואָס וועט ער הײַנט קאָכן.

אין דער מישפּאָכע פּלאַנירט זיך ניט די מעניו פאָרויס, און זי איז בא זיי א גאַנץ באַגרענעצטע. עלישע איז אָפּט מעקאַנע אַלע הויף־כעוורע, זײַנע כאַווײרים, וועלכע עסן קנישעס און פּאַמפּושקעס און קאָלערליי אַנדערע געבעקסן און נאַשערײַען. דאָוויד פאַרשטייט, אַז דער זון איז גערעכט, אַרויסזאָגנדיק זײַנע טײַנעס צו דער מאַמען און צום טאַטן. אָבער אויך דוסיען פאַרשטייט ער: מיט א טאַלאַנט דאַרף מען געבוירן ווערן. קולינאַריִע איז אויך א טאַלאַנט, און ניט יעדער פאַרמאָגט אים. אַפילע א געוויינלעכע מאַנע־קאַשע, דאָס איינציקע מײַכל, וואָס עליע עסט מיט פאַרגעניגן, אַפילע אָט די מאַנע־קאַשע איז אָפּצוקאָכן ניט קיין איינפאַכע זאַך. זי זאָל ניט זײַן צו האַרט, אָדער צו לויז, עס זאָלן אין איר קיין קלומפּן ניט זײַן, און קיין הײַטל זאָל זי ניט פאַרדעקן, זי זאָל ניט זײַן ניט איבעריק זיס, און מילך פאַר

איר דאַרף מען קאָנען אָפּבריִען, פאַרהײַעסטו זיך — איז אָדער זי אַנטלויפט, אָדער זי ברענט אונטער...

די סאַמע נייטיקסטע קענטעניש האָט דאָוויד פּונדעסטוועגן באַהערשט. אַז מע וויל, לערנט מען זיך אויס אַפילו שטיין מיטן קאָפּ אַראָפּ, ווי די יאָגן — איבערהויפּט נאָך, אַז דער בויך איז אַ גאָזלען, ער פֿאָדערט אַלע טאָג זײַן גאָב.

קיין באַזונדער היספּײַלעס רופט ניט אַרויס בא דאָווידן אָט די קיך, נאָר עמעצער דאַרף זיך דאָך אויך מיט איר פאַרנעמען, עליע איז נאָך קליין, דוסיע איז איבערגעלאָדן מיט אירע פליכטן. און ווער האָט עס, סאָפאָקלאָסאָף, באַשטימט, אַז די קיך — דאָס איז אַ פרויִיִשע פּריווי־לעגיע? ס'איז דאָך זייער אַ קאָמפּליצירטער, אַ שווערער אייסעק, און אויב אַ שווערער — הייסט עס, אַז דאָס דאַרף זײַן אַ מאַנצבלשער איניען.

אָף אָנבײַסן גרייט דאָוויד אַ סאַלאַט פון קאָלערלײַ גרינוואַרג, אַ פּרעזשעניצע, עליען באַזונדער אַ האַלב־לויז איי און קאַווע. קאַווע איז אויך ניט קיין געוויינלעכע — פאַרפּראַוועט מיט פּוטער. אָף וואַרעמעס — אַ יויך און אַ ראָסלפלייש. און אָף דעסערט — אָן עפּל, גוטע ראַ־נעטן וועלן הײַנט זײַן אָפן טיש. די וועטשערע — אַ מילכיקע.

אַזוי באַשטימט דאָוויד — און פאַרקאַטשעט די אַרבל. די פענדלעך נאָכאַמאָל אַ וואַש געטאָן מיט אַקרעפּ, אַנגעגאָסן, וויפל עס איז נייטיק, וואַסער און — אָט ברענען שוין אַלע קאָנפאָרקעס פון דער גאַז־פּליטע.

פלינק שיילט אָף דאָוויד אַ ציבעלע, לייגט אַוועק אַ צווײַגעלע קריפּ, עטלעכע לאָרבער־בלעטלעך, אַ וואָרצל פּעטרעשקע, אַ צײַנדל קנאָבל — אַלץ, ווי עס דאַרף צו זײַן. די קאַר־טאָפּל — דריבנע אָנגעשניטן פאַרן סאַלאַט, די מערן אָנגעשאָבן, די בורעקעס אָף קליינטשקע כאַלאַקים צעהאַקט. אַ דריטכײַלעך פון אַ היפּטל קרויט צעשינקעוועט. און אָט דאָס אַלץ — אין טאָפּ. זאָלן ניט פאַרגעסן, און פעפער אָפן שפּיץ מעסער. דוכט זיך, גאָרנישט ניט דורכגעלאָזט.

איצט דאַרף מען צוטרעטן צו דער סאַמע אומאָנגענעמער פּראָצעדור — איצט נעמט זיך דאָוויד שיילן ציבעלעס פאַר דעם ראָסלפלייש. די קאָמפּליצירטקײַט פון אָט דער אָפּעראַ־ציע באַשטייט אין דעם, וואָס די אָנגעשניטענע ציבעלע האָט אַ בייזע טעווע בײַסן די אויגן, אַרויסקוועטשן פון זיי טרערן — לאָזן צוויי ריטשקעלעך איבער די באַקן: דאָוויד פּרוווט זיך פאַרשטעלן, ווי זעט ער אויס פונדערזײַט. עס דאַרף זײַן גאָר ניט קיין וואָזשנע פּאָנעם — אַ פאַרוויינטס, אַ פאַרדאַרבנס, אין קנייטשן, אַ פּאָנעם פון אַן עלטערן מענטשן — ניט שוין איז דאָס ער? ניט ווילנדיק טוט ער זיך אַ קער צום פענצטער, ווו עס ליגט די פּאַפּקע מיט זײַן מאַנוסקריפּט, און ציטערט אויף: עס דוכט זיך אים, אַז די פּאַפּקע באַוועגט זיך. דאָוויד פאַרקוועטשט פעסט אין דער דלאָניע דאָס הענטל פונעם מעסער. הײַנט באַנאַכט האָט ער זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ מאָדנער דערשײַנונג: זײַנע פּערסאָנאַזשן האָבן אופגעהערט זײַן אים געהאָרכזאַם. דאָוויד האָט פּלאַנירט אין זײַן דימיען איינס, זיי אָבער האָבן אַקשאָנעסדיק זיך קעגנגעשטעלט, ניט געוואָלט טאָן דאָס, וואָס ער האָט פאַרקלערט. איצט דערהערט זיך עפּעס אַ שורשרײַ, פאַרשיידענע אומפאַרשטענדלעכע קלאַנגען דערטראָגן זיך צו דאָווידן, עפּשער אַפילו אַ פּוס־טופּערײַ. צי דען איז עמעצער פון זײַנע פּערסאָנאַזשן פון אים אַנטלאָפן? דאָוויד טוט צוערשט אַ טאָפּ דעם קאָפּ: צי איז ער עפּשער אַראָפּ פון זינען? און דאָ שטויסט ער זיך אָן: דוסיע איז אופגעשטאַנען, מאַכט פיזקולטור. דאָוויד קערט זיך אום צו זײַן ראָסלפלייש.

ווען אַלץ איז שוין אָפּגעטאָן, דערמאָנט זיך דאָוויד, אַז עליע האָט באַשטעלט בא אים אָף הײַנט אַ קיסעל. מוז מען אָפּגיך דערלאַנגען די באַנקע פּאַסטעריזירטע זשוראַווינעס, איבער־געמישטע מיט זאַמדצוקער, און קראַכמעל. ער לאָזט זיך אַראָפּ אָף די קני לעם די צעעפנטע אונטערשטע טירלעך פונעם קיך־שראַנק און הייבט אָן איבערוקן פון איין אָרט אָפן צווייטן קאָלערלײַ פּאַקעטן, באַנקעס, שאַכטלעך, קעסטעלעך.

און אין אָט דער רגע באַווײַזט זיך אין דער קיך דוסיע.

— גאָט מײַנער, וויפל דאַמף האָסטו דאָ אָנגעלאָזט, אַלע טאַפּליעס זײַנען פאַרשוויצט, — זאָגט זי אומצופרידן און גייט צום פענצטער. — האָסט ניט געקאָנט צעפּראַלן ברייטער? זי טוט זיך אַ קער צו דער פּליטע, מאַכט קלענער דאָס פײַער.

— פאַרוואָס איז דער טאָפּ ניט צוגעדעקט? דער שוים ניט אַראָפּגענומען?

אָף קיין דערקלערונגען וואַרט ניט דוסיע, זי זשמורעט אָן די אויגן אָפן מאַן:

— די בלוזע פאַרפּאַטשקעט — דורכויס אין פעטע פלעקן!

— אָף ציכטיקס זעט זיך אַלץ בוילעטער, — פאַרענטפערט זיך דאָוויד. ער האַלט זיך אָף ניט אַרויסצוזאָגן עפּעס־וואָס אַזעלכס, וואָס קאָן אופרײַסן דוסיען. פּונדעסטוועגן באַמערקט ער:

— אויב ניט איך, וועט דיר אַליין אויסקומען אַרײַנקריכן אין די טעפּלעך.

דוסיע שווײַגט.

אין דאָווידס מישפאָכע איז אַלץ ניט ווי בא לײַטן, אפילע אָנבײַסן עסט יעדערער באזונדער. דער ערשטער זעצט זיך צום טיש אליוישע, און דעמלט דאַרף קיינער זיך ניט דרייען אין קיך: עליק האָט ליב צו עסן אליין. אָבער וואשן נאָך זיך דאָס געפעס איז ער ניט קיין באלן. און דאָוויד מוז צומאָל דערמאָנען וועגן דעם, אַז עס וועט אים, עליען, ניט שאטן, אויב ער וועט אײַנעצן די הענט אין וואַרעמער וואסער.

נאָך עליען פאַרנעמט דעם קיך־טיש דוסיע. זי פאַרלאַנגט אויך, אַז קיינער זאָל איר ניט שטערן, ווײַל פּונקט דאַן, ווען זי עסט, קלערט זי דורך איר לעקציע. דאָוויד דערווידערט ניט, האַגאַם ער איז מיט איר ניט מאַסקים: אַז אַ מענטש עסט, דאַרף ער עסן און מער וועגן גאָרנישט ניט קלערן.

דאָווידן קלעקט שוין ניט קיין צײַט אויסצונוצן זײַן שרײַבטיש ווי אַן עס־טיש: ער שטופּט אָן דעם מאָגן שטייענדיק אָדער ארומגייענדיק. קענטיק, אַז דאָס שאַדט אים אין געזונט, אָבער אַזוי באַקומט זיך עס מערסטנטייל. כוץ דעם, קאָן ער ניט לײַדן, ווען אין קיך קלײַבט זיך אָן ניטגעוואשן געפעס. שטייענדיק לעבן דער געפעס־ראַקאָווינע איז גוט צו קלערן. איצט טראַכט ער וועגן דעם, אַז די פאַשיסטן האָבן פאָרט אין יענעם זומער פון צוויי־און־פערציקסטן דעם טערעק אַף זײַן פראָנט־באַצירק ניט געקאָנט פאָרסירן.

די היטלעריסטן זײַנען ניט דורכגעגאַנגען אויך אַף די איבעריקע באַצירקן פונעם צאָפן־קאַווקאַזער פראָנט, וועלכער האָט זיך צעצויגן אַף הונדערטער קילאָמעטער — פון די בערג ביזן קאַספּישן יאַם. העכער אַ וואָך האָבן זיך די דײַטשן געטאָפּטשעט בא אונדזערע פרישע טראַנשייען און דזאָטן. דאָס האָט זיי אַי דערשטוינט, אַי אַנטוישט: זיי האָבן געהאַלטן, אַז אונדזער אַרמיי איז דעמאָראַליזירט און קימאַט אינגאַנצן צעקלאַפּט. עס האָבן זיי אָבער ניט געהאָלפן זייערע נײַ־צוגעקומענע רעזערוון. אָבער די פײַנטלעכע קאָמאַנדשאַפט איז געווען אַזוי זיכער אינעם דערפאָלג, אַז זי האָט זיך ניט געוואָלט פאַרקלערן איבער די סיבעס פון אָט דער דערשײַנונג. זי האָט פּאָשעט, ווי ביז אַהער, אַזוי ווי שטענדיק אין ענלעכע פאַלן, אַ דריי געטאָן אין איר מיליטער־מאַשין אַ רעדל, וואָס איז נאָך דערווײַל ניט אויסגענוצט געוואָרן, און געוואַרט, אַז די גאַנצע מאַשינעריע זאָל ווידעראַמאָל, ווי עס איז פאָרגעקומען ביז איצט, אָפּטאָן וואָס מע דאַרף.

צוערשט טאַקע האָט דעם פײַנט זיך אײַנגעגעבן דערגרייכן זײַנס — מיט אַן אומגעריכטן שטאַרקן קלאַפּ האָט ער אין סאַף אויגוסט זיך האַסטיק אַ רוק געטאָן צו דער שטאָט נאַלטשיק. נאָך עטלעכע אַזעלכע שפּרונגען — און ער וואָלט זיך דערקליבן צו דעם גרויסן וועג דורך די בערג־פּערעוואַלן. אָבער די נאַלטשיקער אָפּעראַציע איז געווען פאַר די פאַשיסטן איינע פון די לעצטע געלונגענע אָפּעראַציעס.

ווען דאָוויד האָט שפּעט אין אָוונט באַקומען דעם באַפעל צו פאַרלאָזן זײַנע באַקוועמע פּאָזיציעס און זיך דרינגענד איבערקלײַבן מיט זײַן גאַנצן פאַרמעגן צו די עלכאָטאָווער טויערן, איז ער געוואָרן אַ ביסל צעמישט. און ניט נאָר דערפאַר, ווײַל עס האָט זיך ניט געוואָלט אופהייבן פון די גוטע אויסגעשטאַטע אָקאָפּעס, פאַרייניקונגס־גענג, פײַער־פּאָזיציעס. דאָוויד האָט ניט געקאָנט באַנעמען, ווי אַזוי לאָזט מען עס איבער אָן אַן אַרטילערישער שוץ אַזאַ מין גרויסן שטעטך, ווי דער בערג אַנטקעגן דער סטאַניצע גאַליוגאַיעווסקאַיאַ, ווו עס זײַנען, אַלנפאַלס לויט די באַאָבאַכטונגען פון זײַנע אויסשפּירער, געווען אָנגעזאַמלט ניט ווייניק פאַשיסטן. ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס פאַרנעמט קיינער ניט זײַן אָרט. אָבער אַ באַפעל איז אַ באַפעל, און מע דאַרף אים אויספּילן.

געשלעפּט האָט מען זיך צום אָרט פון דער נײַער דיסלאָקאַציע אַ גאַנצע נאַכט, ווײַל דער וועג איז געווען אַן איבערגעפּאַקטער. אָבער צו דער צײַט, וועלכע איז געווען אָנגעוויזן אינעם באַפעל, איז דאָווידס באַטאַרייע שוין געווען דאָרט, ווו זי האָט געדאַרפט זײַן, האַגאַם גוט פאַרפעסטיקן זיך האָט זיך דער באַטאַרייע ניט אײַנגעגעבן — פון דער הייך זײַנען אָנגעפלויגן עטלעכע צענדליק פאַשיסטישע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, אין דעם שמאָלן צווישנבאַרג־שפּאַלט, וועלכן מע האָט גערופן עלכאָטאָווער טאָל, האָבן זיך באַוויזן דעם סוינעס טאַנקען, און עס האָט זיך אופגעהויבן אַזאַ מין פײַער, וועלכן דאָווידן, כאָטש ער איז שוין אין זײַן קורץ מיליטעריש לעבן אויסגעשטאַנען ניט איין פאַשיסטישע אַטאַקע, איז געווען שווער צו באַזיניקן. ווען דאָ, בא די עלכאָטאָווער טויערן, וואָלט געווען בלויז זײַן באַטאַרייע, וואָלט פון איר, פאַרשטייט זיך, קיין זייכער ניט געבליבן, נאָר אין עלכאָטאָווע, ביז דאָוויד מיט זײַניקע האָבן זיך דערקליבן אַהין, איז שוין געווען קאָנצענטרירט אַ גרויסער טייל פון דער צענטער גוואַרדייִשער בריגאַדע — אווזאַדעסאַנטישער, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ

געווינלעכער פעכאָטע — מיט קעגנטאַנקען־האַרמאַטן און קעגנטאַנקען־ביקסן. אַף די ווײַטע און נאָענטע צוגאַנגען צו עלכאָטאַוואָ האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס אין פולן פּראָפיל עטלעכע אַרטילערישע פּאָלקן, וועלכע זײַנען אָנגעקומען פונעם רעזערוו פון דער הויפּט־קאָמאַנדשאַפט, און צוויי טאַנקען־בריגאַדעס זײַנען געווען גרייט פאַרנעמען אין דער נייטיקער מינוט א קאָנטער־אָנגריף...

דאַווידס ערשטע שלאַכט לעם עלכאָטאַוואָ איז ניט געווען פון די גלענצנדיקע, לעכאַטכילע האָבן אים אונטערגעפירט די פאַרבינדלער. דעם קאַבעל צום אָרט, וועלכן ער האָט אָנגעוויזן און ווו עס האָט געדאַרפט זײַן דער פאָדערשטער באַאָבאַכטונגס־פּונקט פון דער באַטאַרייע, איז געווען דורכגעצויגן אַפּגיך, אין עטלעכע רעגעס אַרום נאָך דעם, ווי די באַטאַרייע האָט פאַרנומען איר נײַ אָרט. נאָר עמעצער פון די יונגע פעכאָטע־לייטענאַנטן, וועלכער האָט זיך געפונען דערנעבן, נאָך ניט קיין אויסגעפרוווטער, ערשט פון דער מיליטער־שול, דערזעענדיק אין הימל א כמאַרע פײַנטלעכע באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַנען און דירעקט פאַר זיך פאַשיסטישע טאַנקען, האָט ניט אויסגעהאַלטן און אָן א באַפעל אָנגעהויבן אָפּפירן אַפּצוריק זײַנע סאָלדאַטן, איבערלאָזנדיק אָן א צודעק דאַווידס טעלעפאָניסטן און זיי האָבן זיך אויך א וואַקל געטאָן — אָן א פאַראָרדענונג געפרוווט פאַרלאָזן די אויסגעשטאַטע פּאָזיציע. דאַוויד האָט זיך אָבער ניט פאַרלוירן און האָט גלײַך אײַנגעאָרדנט די זאַך — די טעלעפאָנען פון דער באַטאַרייע זײַנען געבליבן שטיין דאָרט, ווו עס איז געווען אָנגעמערקט, און דאַוויד האָט איבערגעגעבן אַף זײַן פײַער־פּאָזיציע די געהעריקע קאָמאַנדעס — זיך אײַנגעשלאָסן אין געראַנגל.

אונדזער מיליטער האָט אָפּגעשלאָגן אי דעם ערשטן אָנגריף פון די פאַשיסטן אַף עלכאָטאָוואָ, אי דעם צווייטן, אי דעם דריטן. א גאַנצן טאָג האָט געדויערט די שלאַכט. די פאַשיסטן זײַנען געקראָכן און געקראָכן, ניט פאַרשטייענדיק, וואָס עס איז געשען. צום ערשטן מאָל האָט דאָ, אַף דער צאָפן־קאַווקאַזער ריכטונג, אין דער זומער־קאַמפּאַניע פונעם צוויי־און־פערציקסטן פּאַסירט אַזעלכס.

איצט, דערמאָנענדיק זיך וועגן אָט יענעם ערשטן טאָג אַף דעם עלכאָטאָווער פאָדערשטן ראַנד, קלערט דאַוויד, אַז ווען ניט די „קאַטיושעס", וואָלט ווער ווייסט וויאַזוי זיך פאַרענדיקט די שלאַכט. אַלנפאַלס, ערשט נאָך אָט דעם ערשטן טאָג אין עלכאָטאָוואָ האָט דאַווידס באַטאַרייע באַקומען א מעגלעכקײַט זיך פאַרפעסטיקן. געשלאָפן איז מען זייער ווייניק. א גאַנצע נאַכט האָבן געאַרבעט אַלע באַדין־טיילן פון דער אַרמיי, אין באַשטאַנד פון וועלכער עס איז איבערגעגעבן געוואָרן לויטן נעכטיקן באַפעל דאַווידס בריגאַדע. אומופהערלעך האָט מען געפירט און געפירט צו די פאָדערשטע פּאָזיציעס סנאַריאַדן, פּראָוויאַנט, טעכניק, פעלד־קיכן — אַלץ, וואָס עס איז געווען נייטיק.

האַגאַם דאַוויד האָט קימאַט די גאַנצע נאַכט ניט צוגעמאַכט קיין אויג נאָך די פאַרביטערטע שלאַכטן אין עלכאָטאָווער טאָל, איז ער צום שאַריִען שוין געשטאַנען אין שמאָלן שוץ־גראָבן פון זײַן באַאָבאַכטונגס־פּונקט — א גאַנץ פײַן ערדשטיבל אונטער א סטעליע פון דרײַ רייען קלעצער, וועלכע מע האָט אָפּגעזוכט דאָ ניט ווײַט אַף איינעם פון די פּלאַטאָען. דאַוויד איז געשטאַנען לעבן דער סטערעאָטרויב א פרישער, אַפילע אָן אָפּגעגאָלטער, מיט אָן אויסזען פון א מענטש, וואָס איז זיך גוט אויסגעשלאָפן.

דער נעפל האָט זיך פאַרזיכטיק אופגעהויבן איבער די אָקאָפּעס. א גראָוער, מיט א בלוילעכער, ווי מאַכאָרקע־רויך, צוגאָב־באַפאַרבונג, האָט ער זיך געקניפט אין קנוילן און איז אָנגעשוואָלן, ווי מע וואָלט אין אים אַרײַנגעבראַכט הייוון. דער נעפל האָט זיך געצויגן אין דער הייך, איבערלאָזנדיק אונטער זיך דעם טערעק, וועלכער איז דאָ געווען א שוימיקער, אָבער ניט אַזאַ טיפער און ווילדער, ווי אַנטקעגן דער סטאַניצע גאַליוגאַיעווסקאַיאַ. דער טערעק האָט פאַרבאָרגן געוואָרטשעט און געשיפּעט, געשלײַדערט זײַנע כוואַליעס אַף די שטיינערדיקע ברעגן. פון אונטן האָט געצויגן מיט קעלט — דער טערעק איז פונדעסטוועגן א קאַלטער טײַך.

דאַוויד האָט געמיינט, אַז די פאַשיסטן קריכן דערווײַל ניט אַף אונדזערע פּאָזיציעס, מאַכמעס דעם, וואָס דער נעפל שטערט זיי. האַגאַם, ווער ווייסט? ניט גיך וועט אָנקומען די לויטערקײַט, פונדעסטוועגן זײַן אַף דער וואַך מוז מען יעדער רעגע. ער האָט געוואַכט. דאַוויד האָט געוווסט, אַז אַף יענער זײַט, דאָרטן, ווו עס האָט זיך איצט פאַרטײַעט דער סוינע, לאָזט מען אויך ניט אַראָפּ פון אונדז קיין אויג, כאָטש אויסערלעך האָט זײַן באַאָבאַכטונגס־פּונקט אויסגעזען זייער פרידלעך. מע וואָלט אַפילע געקאָנט מיינען, אַז דאָס ערדשטיבל איז פאַרהילט אין דרעמל. אָבער די פאַשיסטן האָבן שוין געהאַט די נעכטיקע דערפאַרונג און זיי האָבן געדאַרפט פאַרשטיין, אַז דער קעגנער דרעמלט ניט.

פון אונטער דער ערד האָבן זיך צו דאָווידן דערטראָגן פאַרטויבטע צעריסענע פראַזעס, שטיקלעך רייד, נאָר צו אים איז ניט דערגאַנגען קלאָר, וועגן וואָס עס רעדט זיך. ער איז שוין געווען קימאַט אינגאַנצן אָנגעצילט אפן פאַרשטייענדיקן געראַנגל, וואָס מע קאָן אים דערוואַרטן, אויב ניט באַלד, איז אין א שאָ, אין צוויי שאָ ארום...

עפשער דערפאַר, ווײַל אים איז שווער געווען זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אז פיל פון זײַנע כאַווײרים האָט ער פאַרלאָרן אָדער אָפּגעשיקט אלס פאַרוווּנדעטע אין סאַניטאַרן־באַטאַליאָן, עפשער דערפאַר האָט דאָוויד קימאַט זיך ניט צוגעהערט, וועגן וואָס עס ריידן זײַנע כאַוורע אין ערדשטיבל, כאָטש צו אים איז פונדעסטוועגן דערגאַנגען, אז דאָרטן טרוימט מען וועגן דעם אָנבײַסן, וואָס מע וועט באַלד ברענגען אהער, אפן באַאָבאַכטונגס־פּונקט. דאָוויד אָבער האָט ניט געקאָנט קלערן וועגן אזא מין פּאַשעטער זאַך, באַזונדערס איצטער. ער האָט זיך געגעסן דאָס האַרץ, וואָס איבער זײַן אויסערגעוויינלעכער באַנאַכטיקער פאַרנומענקײַט איז ער ניט בײַגעווען, ווען מע האָט געבראַכט צו קוורע די געפאַלענע. צווישן די געהאַרגעטע איז געווען איינער פון די צוויי ברידער אָסטאַפּענקאָ — באַוווּסטע אין דער בריגאַדע און אַפילע אין דער גאַנצער קאַווקאַזער אַרמיי, אַט די סאָלדאַטן האָבן מיט זייערע קעגנטאַנקען־ביקסן פאַרניכטעט אָנדערהאַלבן צענדליק פאַשיסטישע טאַנקען. די ברידער זײַנען געווען א צווילינג, און אזוי ענלעך איינער אפן צווייטן, אז מיסטאַם די אייגענע מוטער האָט זיי ניט געקאָנט אונטערשיידן. איינעם האָט מען גערופן דמיטרי, דעם צווייטן — איוואַן. דמיטרי איז דערהאַרגעט געוואָרן. נאָר אין גאַנג פונעם שלאַכט האָט דאָוויד ניט גלײַך זיך דערוווּסט, ווער פון די ברידער איז אומגעקומען, און דערזעענדיק פונדערווײַטנס אָסטאַפּענקאָן, האָט ער אויסגעשריגן: „א דאַנק גאָט, וואָס דו לעבסט, דמיטרי! אבי מע האָט מיר געזאָגט, אז דו ביסט שוין ניטאָ". „איך בין איוואַן, — האָט זיך הייזעריק אָפּגערופן דער בראָנעבאָישטשיק. — מע האָט אײַך ריכטיק אינפאָרמירט"... אַט דעם פעלער זײַנעם קאָן זיך דאָוויד ניט מויכל זײַן. געהערט אזעלכס — איבערפּלאָנטערן!

אין ערדשטיבל איז דערווײַל געגאַן א רייד וועגן א סטאַרשינאַ, וואָס איז געווען א יאַט א כוואַט. די מײַסעס וועגן אַט דעם סטאַרשינאַ האָבן שוין געהאַט א באָרד, נאָר דער, וואָס האָט זיי איצט איבערדערציילט, האָט געהאַט אין זינען די צוויי נײַינקע יונגיטשקע טעלעפאָניסטן — זאָלן זיי אויך וויסן וועגן די שפּיצלעך פונעם בראַוון סטאַרשינאַ, וועלכער האָט פאַראַרן ערעוו נײַיאָר אָנגעהאָדעוועט די גאַנצע באַטאַרייע מיט קאָטלעטן פון הינער־פלייש. דאָוויד האָט שוין געהערט ניט איין מאָל די געשיכטע. א מײַסע וועגן יענעם בראַוון סטאַרשינאַ, וועלכער האָט לעקאָוועד דעם, וואָס די סאָוועטישע אַרמיי האָט ארויסגעשלײַדערט די פאַשיסטן פון דער שטאָט ראָסטאָוו און דערטריבן זיי אזש ביז צו טאַגאַנראָג, צוגעזאָגט אָנהאָדעווען די גאַנצע באַטאַרייע מיט הינער־קאָטלעטן. מע האָט עס געהאַלטן פאַר א פּוסטער באַרימערײַ. ארום און ארום, אין די כוטאָרן און אין די כאָרעוו געוואָרענע גרעסערע יישובים, זײַנען שוין צו יענער צײַט ניט נאָר קיין הינער־פערמעס, נאָר ביכלאַל קיין הינער ניט געווען. וויאזוי וועט דער סטאַרשינאַ האַלטן וואָרט? נאָר פּלוצעם דערוויסט מען זיך: באַם סטאַרשינאַ אין א שטײַגל קרייעט א הענדל, און כאָטש עס קרייעט דערשראָקן, נעבעכדיק, נאָר עס קרייעט פאָרט — ס'איז א הענדל! פּרווו אָבער מיט איין הענדל אָנהאָדעווען א גאַנצע באַטאַרייע! פרעגט מען זיך אָן באַם סטאַרשינאַ, מיט א געלעכטערל פאַרשטייט זיך: „נו, וואָס הערט זיך עפּעס בא אים, באַם סטאַרשינאַ, מיטן צוגעזאָגטן?" ענטפערט ער, אז מע זאָל זיך באַרויקן — אַלץ וועט זײַן קעשורע. מע דאַרף נאָר קריגן וואָסער־ניט־איז צוגאָב צום הינער־פלייש, וואָלט עס געקלעקט. האָט אים די באַטאַרייע דערלויבט — זאָל זײַן מיט א צוגאָב. פרעגט ער: „און אויב עס וועט זיך באַקומען באַש אף באַש — ביילעך קעכיילעך? נישקאָשע?" קיין ברייערע האָט מען דאָך ניט. מע דערלויבט אים. ווער עס מיינט, אז דער סטאַרשינאַ האָט די באַטאַרייע צום יאָמטעוו אָן קאָטלעטן איבערגעלאָזט, האָט א טאָעס. צום נײַיאָר האָט די באַטאַרייע קאָטלעטן באַקומען, און דאַפקע געשמאַקע, געפעפערטע, מיט קנאָבל, די פינגער האָט מען געלעקט, ווי בא דער מאַמען באַם טיש. מע לויבט דעם סטאַרשינאַ אין הימל ארײַן, און ער שמייכלט. לאָזט זיך אויס, אז באַש אף באַש האָט בא אים געהייסן איינס אף איינס — אף איין הענדל איין לאָשעק, צונויפגעמישט דאָס פלייש פונעם האָן און דאָס פלייש פון א געקוילעטן לאָשעק — און נאָט אײַך קאָטלעטן, עסט געזונטערהייט...

איז דאָך וויניק, עס גלוסט זיך, דער סטאַרשינאַ זאָל נאָך איין קונץ מאַכן. נײַיאָר איז א יאָמטעוו, צי ניין? א יאָמטעוו. אָבער ווו נעמט מען א ביסל מאַשקע? די נאַרקאָמאָווסקע נאָרמע איז אויסגעשעפּט, אפן סקלאַד — קיין טראָפּן. גרײַפט מען ווידער אָן אפן סטאַרשינאַ: ער האָט דערוויזן, אז ער איז א קישעפמאַכער, טאָ זאָל ער באַווײַזן נאָך איין קונץ, זאָל ער געפינען אָדער בראַנפן, אָדער כאָטשבי אָן אייצע. פאַרקלערט זיך דער סטאַרשינאַ, טוט א ריב

דעם שטערן און זאָגט: „אַט וואָס, כעוורע, אַזאַ מין קאָמפּאָט. קיין גאָט בין איך ניט, שאַפן ווײַן — דאָס קאָן איך ניט, אָבער מאַכן אײַך שיקער בין איך בעקויעך. ווילט איר? איז אַדראַבאַ". די באַטאַרייע וויל. און דער סטאַרשינאַ גייט אַרויס אַרגעץ, אַלע בלײַבן זיצן אַרום דעם הייס־אָנגעגליט ביז רויט, אײַזערן הרובקעלע — געניסן פון איר וואַרעמקײַט. די באַטאַרייע וואַרט. לאַנגלעך וואַרטן די אַרטילעריסטן. אָבער דער סטאַרשינאַ קערט זיך אום אַ צופרידענער. „נו, כעוורוסיע, האַלט זיך אײנער פאַרן אַנדערן", — זאָגט ער און נעמט אַרויס פונעם הויזן־טאַש אַ פלאַזשקע. ער טוט אַ טרייסל די פלאַזשקע — די פליסיקײַט, פילט זיך, פליעסקעט זיך בלויז אַפן דעק, נאָר דער סטאַרשינאַ ווערט ניט ניספּאָעל. ער כאַזערט איבער: „האַלט זיך פעסט, כעוורעס" — און טוט אַ גאָס פון דער פלאַזשקע אַ ביסל אַף דער צעגליטער הרובקע. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז ספּירט, ריינער ספּירט. דערנאָך טוט ער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַ שפּריץ אַף דער הרובקע דעם ספּירט פון דער פלאַזשקע ביזן לעצטן טראָפּן. דער ספּירט שיפּעט אַף דעם צעגליטן אײַזן, עס הייבט זיך אויף אַ דאַמף, אַ ספּירט־דאַמף, וואָס דרינגט אַרײַן אין יעדערן, ווי אַפּיום, און מאַכט שיקער. אַלע זײַנען גע־וואָרן שיקערלעך, אָבער ניט אַף אַזויפיל, מע זאָל ניט קאָנען באַדאַנקען דעם סטאַרשינאַ...

ערגעץ פון יענער זײַט טערעק דערטראָגט זיך אַ הודערײַ פון טאַנקען־מאָטאָרן, עס סקריפּעט אַ זעקסרעריקער פּײַנטלעכער מינענוואַרפער — אין עלכאָטאָווער טאָל הייבן אָן הילכן אופרײַסן. צו דאַווידן דערגייט נאָך פון ערדשטיבל אַ לעצטע פראַזע: „קיין אָנבײַסן, ווײַזט אויס, וועלן מיר שוין הײַנט אַזוי גיך ניט פאַרזוכן — מירן זיך בלויז באַלעקן".

11

עטלעכע מינוט פאַר דוסיעס לעקציע גייט צו איר צו נאַרשיין.

— איך קלײַב זיך צו אײַך, — וואָרנט זי. — אויב איר דערווידערט ניט.

— ווי קאָן מען זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ קאָוועד?

אַרײַנגייענדיק אין דער אאודיטאָריע, זוכט דוסיע קוידעמקאָל אָפּ מיט די אויגן אַנע אַרנאָלדאָוונען. נאַרשיין זיצט באַם לעצטן טיש, אירע עלנבויגנס ליגן אַף דער פענצטער־ברעט.

אַפן פענצטער — אַ פאַרהאַנג פון אַ שטיק צעריסענעם הימל. צו דעם גלאָז פון דער קלענערער טאַפליע איז צוגעקלעפּט אַ קלײַנען־בלאַט, פון אונטער וועלכן עס פּויזעט און רוקט זיך שטילערהייט אַראָפּ אַ רעגן־טראָפּן, און עס דוכט זיך, אַז דער טראָפּן איז צוגע־בונדן צום בלאַט מיט אַ דיקן פאָדעם.

אַלץ גייט באַ יעוודאָקיע פּעטראָוונען נאָרמאַל, ווי מע זאָגט דאָ — אַפן געהעריקן ניוואָ. נאַרשיין צווייפלט קיין קאָפּל ניט אין דעם, נאָר פילן פילט זי זיך ווי אַ באַראַבעוועטע. נעכטן, ווען זי האָט געאַרבעט אין דער זעלבער אאודיטאָריע מיט די זעלבע סטודענטן, איז אַלץ געווען אַנדערש. נעכטן האָבן די כעוורע אויסגעזען אַזוי, ווי זיי וואָלטן געפּירט אַ וואָגן, און אַ שווערן דערצו נאָך. איצט זײַנען זיי באַגײַסטערט, צעהיצט, זיי שטרײַטן. יעוודאָקיע פּעטראָוונע פאַרקערעוועט זיי אין דער נייטיקער ריכטונג, די סטודענטן פילן עס אפילע ניט, מע פירט אַ הייסע אַמפּערניש, אַ לײַדנשאַפטלעכע, מיט אַ מאָדנער פּערזענלעכער פאַרינטע־רעסירטקײַט. אַנע אַרנאָלדאָוונע וואָלט אויך זיך אַרײַנגעמישט — וואָלט אויך אַרויסגעזאָגט איר מיינונג, איר איבערצײַגונג פאַרטיידיקט, נאָר זי האַלט זיך אײַן. פאַרוואָס? אַ קאָמפּליצירטע פראַגע. אַ גאַנצער קאָמפּלעקס סיבעס. זי וואָלט עפּשער אַרײַנגעקראָכן אינעם דיספּוט, ווען זי זאָל ניט וויסן אַפּגעוויס, אַז די גאַנצע גרופּע וועט זיך אופהייבן קעגן איר — אַ צע־פּלאַמטע, אַן אופגערעגטע. נו, איז וואָס? זאָל זײַן אַזוי! זאָלן די סטודענטן איר דערווידערן, זאָלן זיי זיך קעגנשטעלן. עס איז דען וויכטיק, וואָס זי, נאַרשיין, איז איצט דאָ אַ גאַסט, וואָס זי איז עלטער פון זיי, וואָס זי איז זייער לערערין? דאָ, אין אָט דעם שטרײַט, זײַנען אַלע גלײַך, אַלע האָבן איינע און די זעלבע רעכטס. ס'איז דאָך אַ גליק דערפילן זיך באַגלײַך מיט די סטודענטן יונג. נאָר אַנע אַרנאָלדאָוונע האָט זיך פונדעסטוועגן אָפּגעהאַלטן. און באַשולדיקט אין דעם ניט זיך. דוסיען באַשולדיקט זי — דאָס איז דוסיע יונג באַגלײַך מיט אירע שילער, האַגאַם עלטער פון זיי איז זי שוין קימאַט אינדרײַען... פאַרוואָס איז דוסיע שולדיק? מאַכמעס דעם, וואָס זי איז דוסיע — און שוין, וואָס זי איז, ווי נאַרשיין קלערט, אַ גליקלעכע פּרוי... אַנע אַרנאָלדאָוונען דוכט זיך, אַז עס קלעקט איר ניט קיין לופט צו עטעמען, אַז זי וועט זיך

אַט־אַט פאַרכלינען, דערשטיקן. נאָר דאָס דויערט ניט מער, ווי איין מינוט. „איך בין מעקאַנע. פע, ניט שיין”,— מוסערט זי זיך.

אין א באַליביק אָרט — אַף א זאַוואָד, אין א פאַבריק, אין א קאָלווירט — אומעטום גיט זיך אײַן פּילזײַטיק, אָביעקטיוו אָפּשאַצן די אַרבעט פון יעדן מענטשן לויט זײַן קוואַליטעט. אין דער פּעדאַגאָגישער טעטיקײַט ווערט אָט די אַטעסטאַציע באַלעסטיקט מיט פאַרשיידענע באַגלייטנדיקע אומשטענדן. דערווײַל האָט מען נאָך ניט אַנטדעקט יענע פּינקטלעכע קריטעריִען, מיט דער הילף פון וועלכע מע וואָלט געקאָנט פּינקטלעך אָפּשאַצן די ווערט פון דער פּעדאַגאָגישער מי. וועגן איינעם און דעם זעלבן פאַקט הערן זיך צומאָל לאַכלוטן קעגנזעצלעכע מיינונגען. עפּשער איז עס נאַטירלעך. ווײַל די אַרבעט פון א פּעדאַגאָג איז דאָך אַן אַלזײַטיקע, וועסט זי ניט אַרומנעמען מיט איין אויגנבליק, מע מוז דאָ פאַרנעמען פאַרשיידענע אויסמעסטונגען. און דער מאַטעריאַל, מיט וועלכן עס האָט צו טאָן דער פּעדאַגאָג, איז א קאַלערלייִקער. האַגאַם איין געזעץ איז פאַראַן אַן אומשטרײַטבאַרער: בא גוטע לערער זײַנען די שילער שטענדיק טאַלאַנטפולע... עמעס, מע דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז, אָפּשאַצנדיק די פּעדאַגאָגישע אַרבעט, טײַנעט א פּרײַנט איינס, א קעגנער, מערסטנטייל באַוווּסטזיניק, — גאָר עפּעס אַנדערש, א גלײַכגילטיקער — גיט אַרויס זײַן אורטייל. און אַזוי אָן א סאָף.

א דערשלאָגענע זיצט אַנע אַרנאָלדאָוונע אַף דוסיעס לעקציע, וואַרט, ביז עס וועט א קלונג טאָן דאָס גלעקל אַפן איבערײַס. און בלויז צום סאָף באַהערשט זי זיך. זי גייט אַרויס פון דער אַאודיטאָריע דירעקט נאָך יעוודאָקיִע פּעטראָוונען און זאָגט מיט א פרײלעכער נאַכלעסיקײַט:

— וואָס הערט זיך מיט אונדזער שעף? ער בעט נאָך ניט אָפּשאַפן זײַן דעמיסיע?

— דוכט זיך, אַז ניין.

— פאַר אײַך וואָלט דאָס אָרט געוועזן גלײַך ווי אָנגעמאָסטן, — טוט א טאַפּ אין וואָגן אַנע אַרנאָלדאָוונע.

— מײַנע פּלענער זײַנען אַנדערע.

נאָך אָט דעם שמועס ווילט זיך דוסיען שטיין א ביסל לעבן מאַן.

און אָט איז ער, לעבן זײַן אַאודיטאָריע — מיט א גרויסן הילצערנעם צירקול, מיט א ברייטער, אָפּגעלאַקירטער אין ווײַסער פאַרב ווירע. דוסיע גייט צו צו דאָווידן א פאַרויטלטע, טוט א שעפּטשע:

— נאָרשיין איז געוועזן בא מיר.

— נו, איז וואָס? — פרעגט מיט אומרו דאָוויד.

— איך ציטער שוין איצטער ניט פאַר די סטודענטן, — ענטפערט דוסיע. — איך גיי שוין דרייסט אַרײַן צו זיי אַפילע אַף די פּראַקטישע לימודים. מיט זיי איז אינטערעסאַנט, נאָר פיל דאַרף מען וויסן, אוי, ווי פיל...

— צוליב וואָס איז זי געקומען? ווי קלערסטו?

דוסיע טוט א קנייטש מיט די אַקסלען.

זײַן לעקציע פירט דאָוויד מיט פאַרגעניגן, ער צייכנט זיכער מיט פּילפאַרביקן קרײַד אַף א ברייטן — די גאַנצע וואַנט — טאָוול די ליניעס פונעם עפּיור, שטרעבט דערקלערן די פּאָזיציעס פון דער צייכענונג פּראָסט, צוגענגלעך, קלאָר, אַזוי קלאָר, אַז פּאָשעטער איז אוממעגלעך. ער דערלויבט, די סטודענטן זאָלן פאַרגעבן זייערע פראַגעס אין גאַנג פון דער דערקלערונג, ער האָט ניט מוירע, עס זאָל זיך איבעררײַסן דער פאָדעם פון דער לעקציע. און דאָך קלערט ער דערבײַ וועגן דוסיען.

דאָוויד ווייסט ניט, געוויינלעך, אַז זי שטייט אַצינד באַנאַנד מיט אַנע אַרנאָלדאָוונען לעם דער טיר פונעם אָרטקאָם, וווּהין נאָרשיין האָט זי פאַרבעטן. עפּעס שטערט איר אַריבערצוטרעטן אָט די שוועל. אָפּגעהאַלטן האָט דוסיען, ווײַזט אויס, דער גלאָקן־קלונג. אין קאָרידאָר רײַסט זיך אַרײַן דורכן צעעפנטן פענצטער לעם נאָרשיינס קאַבינעט אַן אַליאַרעמדיקע הורדעניש פון א קלויסטער־גלאָק. שוין לאַנג האָט דוסיע ניט געהערט אַזעלכע קלאַנגען פון יענער זײַט שטיינערנעם קירכע־פּלויט. אין דער אַלטער דירע פלעגט נאָך צומאָל דערגיין צו איר געהער אײַנדערפרי דער קלאַנג פון אָט די גלעקער. זיי פלעגן צעקאַלויצען די שטילקײַט פאַרזיכטיק, ווי מיט ווייכע קעצישע טריט אַרײַנקריכן אין דער נעשאָמע. איצט אָבער, ווען זי האָט זיך איבערגעצויגן אין א נײַ הויז אַף קוליקאָווער גאַס, לעם דער אײַזנבאַן, ווײַטלעך פונעם קלויסטער, האָט זיך שוין דוסיע אײַנגאַנצן אַנטוווינט פון אָט די קאַלאַמוטנע קלאַנגען.

געווען איז אָט דער גלאָקן־קלונג איר פּײַנטלעך שטענדיק, פון זינט זי געדענקט זיך, פון דער פריִער קינדהײַט, ווען אן ענלעכער גלעקער־געקלאַנג האָט מעכטיק גערופן איר פאָטער אף זײַן דינסט, און ער, אײַלנדיק אין קלויסטער אויסצופילן זײַנע פליכטן פון א גאָטס־דינער, פון א גאַלעך, האָט צופעליק, ניט־ווילנדיק אראָפּגעשטופּט דוסיען פון די פּאַ־לאַטיעס — פון איר הויכן געלעגער, און זי, דוסיע, איז אראָפּגעפאַלן אפן דיל, און נאָכדעם, מאכמעס דעם, איז זי לאַנג געווען קראַנק; און דערנאָך, ווען זי איז שוין אונטערגע־וואקסן און האָט געמוזט בײַס דעם גלעקער־קלונג גיין אין קלויסטער, און פאַסטן, כאָטש עס פלעגט זיך זייער וועלן עסן, און זיך מיסוואָדע זײַן — אין די כאַטאַים, וועלכע זי איז באַגאַנגען און איז ניט באַגאַנגען, אָבער וואָלט געקאָנט באַגיין אף דער וואַר און אין די געדאַנקען. מיט אָט דעם גלעקער־געקלאַנג זײַנען בא דוסיען פארבונדן אלע אירע שפּעטערדיקע יוגנט־שווערקײַטן, ניט ווייניק צאָרעס און בושע: א קלייניקײַט, א טאָכטער פון א גאַלעך!

א סוואָרע, אז די סטודענטן האָבן דאַפקע ניט באמערקט דאָווידס אומגעווײַנלעכע אופרעגונג, אלע האָבן געהאָרעוועט ערלעך — אף דאָווידס לעקציעס איז געווען פּאָשעט און איינפאַך צו אנטפּלעקן א לײַדיקגייער: די צייכענונגען בא יעדן איינעם האָבן גלײַך איידעס געזאָגט, צי ער ארבעט און קלערט צי ער איז א פּוילִיאַק.

נאָך דער ערשטער שאָ פון זײַן לעקציע לאָזט זיך דאָוויד גיין אָפּזוכן דוסיען. און געפינט זי, פארשטייט זיך, גאָר גיך.

דערזעענדיק דאָווידן אין דער צעעפנטער טיר פון איר פּראָפּאריין־קאַבינעט, באמערקט אנע ארנאָלדאָוונע מיט א פריילעכער, איבערגעשפּיצטער אָנצוהערעניש:

— אַן אונטערזוכונג האָט איר פאָרגענומען, דאווידן איסײַעוויטש? איר מוזט אומבאדינגט וויסן, ווהין ווערט אײַער פּרוי פּלוצעם געהיימניספול פארפאַלן? איך בין גערעכט, צי ניין?

— אנדערש קאָן ניט זײַן, — ענטפערט אָפּ אין איר נוסעך דאָוויד. — דאָ פאָדערן זיך ניט נאָרביידע אויגן, אפילע גאנצע פיר זײַנען ווייניק...

אף אָט דער רעפּליק רופט זיך נאָרשיין אָן מיט פארשטעלטע רייד:

— וועגן זײַן אווטאָריטעט זאָרגט זיך און ציטערט בלויז דער, וואָס צווייפלט אין אים...

יוסף בורג

אָפּקלאַנגען

נאָוועלן

דאָס לעבן גייט ווײַטער

מײַנער א פרײַנט, א לײַדנשאַפטלעכער ליבהאָבער פון זעלטענע ביכער, האָט פּלוצעם אין איינעם א טאָג מיר געבראַכט א מאַטאָנע.

— זע, וואָס כ'האָב אויסגעפונען, דיר וועט עס זיכער ניצן.

און ער האָט מיר דערלאַנגט א זייער אַלט, אײַנגאַנצן דורכגעזאַפּט מיט רייכעס פון שימל, צעשאָטן סייפּערל, וואָס איז ווער ווייסט וויפל צײַט אָפּגעלעגן ערגעץ אַף א בוידעם און זיך געקרישלט פון אַלטקײַט.

— א טכינע? — האָב איך פאַרווונדערט אויסגערופן און פאַרזיכטיק זיך צוגערירט צו די פאַרגעלטע שיימעס, און בא יעדן ריר האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך טאַפּ אָן אַף די זײַטלעך שפּורן פון ווײַבערשע פינגער, פיל די בריִענדיקע הייסקײַט פון פאַרגאָסענע טרערן, צערונענע איבער די אָפּגעבליאַקעוועטע אויסיִעס.

און איך האָב דערמאָנט זיך אין מײַן מאַמען.

קינדער געדענקען זעלטן זייער מוטער יונג און שיין, ווײַל דאָס קאָנען שעצן שיינקײַט קומט א סאַך שפּעטער, ווען די צײַט האָט שוין באַוויזן היפּש צו פאַרשלינגען דעם באַכיינטן פּלאַטער פון פרויִשער בליִונג.

אויך איך געדענק מײַן מאַמע גראָוו און אײַנגעשרומפּן, מיט צייכנס פון מידקײַט אַפן פּאָנעם. זי פלעגט יעדן שאַבעס זיך פאַרקלײַבן אין א ווינקעלע און, ווי א יערושע פון אייביקער בענקשאַפט, לייענען די שכינע מיט א געבראָכן קאָל:

— איך בעט דיך, גאָט ליבער, אַז עס זאָל קומען פאַר דיר מײַן געבעט און זאָלסט נייגן דײַן אויער צו מײַן געשריי...

איבערן אַלקער האָט א טיפער פאַרלוירענער קרעכץ א שניט געטאָן, ווי א מעסער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער דאָס נאַסע פאַלן פון טרערן איבערן פאַרגעלטן פּאַפּיר.

נאָר מע האָט דערציילט, אַז מײַן מאַמע איז געוועזן אַמאָל א שיינהײַט.

איך האָב ווי אין כאָלעם זיך פאָרגעשטעלט א יונג מאַט־הויטיק פּאָנעם, מיט גרויסע, שפּילנדיקע אויגן, באַשאָטנטע פון צאַרט געוועלבטע ברעמען. די אויגן האָבן אַלעמאָל געביטן זייער אויסדרוק: אָט שטיפערישע מיט א סאַמעטענעם בליץ, אָט ערנסטע, פאַרטראַכטע. שווער געפאַלדעוועטע האָר זײַנען מיט א ווילדקײַט אַראָפּגעפאַלן איבער אירע איידעלע, שמאָלע אַקסלען — א שיינהײַט, וועלכע האָט זיך ניט געוואָרפן אין די אויגן, נאָר פאַרכאַפּט מיט רירנדיקער צאַרטקײַט, ווי א ניט צעוויקלטע בלום.

צי אַזוי טאַקע האָט מײַן מאַמע אויסגעזען אין איר בליִ, ווייס איך ניט פּינקטלעך. קינדער געדענקען זעלטן זייער מוטער יונג און שיין. נאָר וואָס איך ווייס אַף זיכער: דאָס לעבן האָט צעגעײַלט דעם אומזיניק־פאַרניכטנדיקן לויף פון איר שיינקײַט, און זי איז אַלט געוואָרן, נאָך זײַענדיק זייער יונג.

דאָס לעבן איז קיין לעבן ניט, ווען צײַטן זײַנען גרויזאַם...

מײַן מאַמע האָט געשטאַמט פון א קליין דערפל, א פאַרלוירנס אין דער סאַמע טיף פון די קאַרפּאַטן, וווּ אין שטרענגע טונקעלע וועלדער האָבן אין אַלטע צײַטן געלעבט דרייסטע הײַדוקן, געהאַט דאָרט צווישן פעלדזן זייערע

פאַרבאָרגענע היילן, פונוואַנען זיי פלעגן באַפאַלן פּריצישע הויפן... און אַלע מאָל, ווען די זון האָט אָנגעצונדן דעם מיַירעוו, האָט זיך געדאַכט: רײַכע פּאַלאַצן שטייען נאָך אַלץ אין פלאַמען...

באַ די ראַנדן פון דאָרף האָבן מיט שטאַרקער פאַרזאָרגטקײַט זיך געטוליעט אַלטע ייִדישע כאַטקעס פון וואַלדהעקער און פליטנטרײַבער, געבלינצלט מיט קרומע פאַרשטויבטע פענצטער, ווי זיי וואָלטן אין אַ פאַרטראַגענעם דרעמל געזען די שטעגן און סטעזשקעס, וועלכע ס'האָט אויסגעשפּאַנט דער באַלשעמטאָוו, געזען די בערג, וואָס זײַנען זיך צונויפגעגאַנגען, ווען ער האָט, אַ פאַרטיפטער אין זײַנע מאַכשאָוועס, שיִר ניט אַראָפּגענידערט אין אַ טיפן אָפּגרונט.

די וועלדער האָבן גערוישט מיט אַזאַ שטילער פאַרטראַכטקײַט, גלײַך זיי וואָלטן דערציילט אַלטע הוצולישע לעגענדעס, אָדער געמורמלט כאַסידישע נעגינעס, און דער ווינט, אָנגעזעטיקט מיט פאַרצײַטיקע שטימונגען, האָט געטראָגן איבער די בערג זײַן אייביקן ניגן.

און מײַן מאַמען האָבן פון געבוירן אָן באַגלייט טעג, אָנגעפילטע ווי לאָגלען מיטן קישעף פון אַ צויבער־וועלט.

אַפילע דעמלט, ווען זי האָט פאַרלאָזט די היים פון איר טאַטן און אַוועק מיט איר באַשערטן צו די ברעגעס פון אַ שטעטלשן טײַך, וווּ טאָג און נאַכט האָבן גערעוועט די זעג־מילן, איז ווי אַ רײַכער נאָדן איר נאָכגעגאַנגען דער קלאַנג פון היימישע בערג.

מײַן קינדהײַט איז פאַרוויגט געווען מיט מײַסעלעך און לידער.

די מאַמע האָט די לידער געזונגען, גלײַך זי וואָלט געפירט אַ שטענדיקן שמועס מיט איר פאַרלאָזטער דאָרפישער היים. איר שטים איז געווען אַ וואַרעמע, אַ לויטערע.

היט אײַך, גוטע מענטשן!
רויבער טראָגן זיך, ווי פײַל פון בויגן!

און אַ גאַנצער וויכער פון שטורמישע קלאַנגען האָט דערציילט פון רויבער אויף שוואַרצע פערד מיט פײַערדיקע גריוועס, רויבער, וואָס האָבן אין פינצטערע נעכט זיך געטראָגן איבער פאַרפּלאָנטערטע וועגן, און פון אויסגעלאָשענע דערשראָקענע ייִדישע שטיבער מיט פאַרהאַקטע טיר־און־טויער, וואָס האָבן אומרויִק געדרעמלט.

זי האָט געזונגען מיט אַזאַ לײַדנשאַפט, ווי אָט־אָט, — און די רויבער וועלן אָנקלאַפּן אין פענצטער.

אַ צווייט מאָל האָט זי פאַרצויגן שטיל ווי אַ זיפץ:

וועה עס וויל די געשיכטע אויסהערן,
דער זאָל די נאַכט ניט שלאָפן.

אוי, די געשיכטע איז טרויעריק,
וואָס האָט מיט אַ מיידל געטראָפן.

און פון זיך אַליין האָבן די ווערטער זיך אויסגעטיילט אין אַ ליד פון אַ ייִדיש מיידל, וועלכע אַ יונגער פּאַניטש האָט אין אַ טאָג פאַרשלעפּט אין וואַלד:

די רעכטע האַנט איר אויסגעדרייט,
און דעם פוס דעם לינקן...

און אַזוי אַ געפּענטעטע, איבערגעלאָזט פאַרשפּאַרט אין אַ וואַלד־שטיבל אָן אַ דאַך.

עפּעס זייער אומעטיק איז מיר געוואָרן פון מײַן מאַמעס געזאַנג. אַ געזאַנג וועגן אומרעכט און ווילקיר.

אַ סאַך לידער האָב איך דערנאָך געהערט אין מײַן לעבן, פריילעכע און טרויעריקע. נאָר די לידער, וואָס האָבן אײַנגעשלעפערט מײַן קינדהײַט, זינגען און שאַלן ביז הײַנט אין מײַן דאַנקבאַר געמיט, און אויב איך קאָן זיי ניט נאָכדערציילן, איז עס, ווײַזט אויס, דערפאַר, ווײַל מיר פעלט יענע פאַרב, וועלכע ס'האָט פאַרמאָגט מײַן מאַמע, — מײַן שעכערעזאַדע.

די וועלט איז געשטאַנען פאַר אַ גרויסן בלוטיקן מאַבל... די וועלט האָט דערמאָנט זיך אין ווײַטע פאַרנעפּלטע אינקוויזיציע־צײַטן.

בערלין — רוים — טאָקיִאָ.

פאַקעל־צוגן האָבן אָנגעצונדן פינצטערע נעכט. אויף שײַטער־הויפנס האָט געברענט דער מענטשלעכער גײַסט, און דער עכאָ פון ווילדער רעציכע האָט אָפּגעהילכט אין די קאַרפּאַטן־בערג.

— ייִדן זײַנען בייזע גײַסטער!..

...ס'איז געווען אַ שניי־ווײַסער ווינטערדיקער פרײַטיקצונאַכטס. אַ ברענענדיקער פראָסט האָט צעשפּילט זיך אויף די שויבן. די קעלט האָט אַרײַנגעדרונגען דורך די שפּאַרונעס אין שטוב, און די אָנגעצונדענע ליכט אין די מעשענע לײַכטער האָבן געברענט מיט אַ בלייכער ציטערנדיקער שײַן.

מײַן מאַמע איז געשטאַנען איבער די שאַבעסליכט אָן אויסגעלײַכטע, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל ייִנגער געוואָרן. זי האָט לײַכט זיך געוויגט אינעם ריטם פון איר אייגענעם געמורמל:

— ליבער, האַרציקער גאָט! פאַרנעם מײַן טפילע, דען ווען שוין אַלע טויערן זײַנען צוגעשלאָסן, אַזוי זײַנען דאָך די טויערן פון טרערן ניט פאַרשלאָסן...

די ווערטער פון איר ליכט־בענטשן זײַנען געפאַלן אויסגעטאָקט, ווי קאַרעלן. מיטאַמאָל איז די מאַמע אַנשוויגן געוואָרן. פון ערגעץ גאָר ווײַט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין איר טפילע אַ שווערער קלאַנג פון קלויסטער־גלעקער.

— בים... באָם...

זי האָט אופגעציטערט און פאמעלעך גענומען אראָפּשארן די הענט פון איר פארדעקט פּאָנעם, ווי זי וואָלט אין די פּויסטן צונויפגענומען די טרערן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאמלט אין די פארווינטע, צעאקערטע קנייטשן.

— גוט שאבעס!

און זי האָט מיט אן אײַנגעהאלטענעם אָטעם זיך צוגעהערט צום דרויסן.

אין יענער נאכט האָט מען פון די אלטארן געפריידיקט „מענטשן־ליבע”, און, ווי צעלאָזטער כיילעוו, איז געפלאָסן אין די הערצער פון גלויביקע:

— ייִדן זײַנען אָנגעלאָפענע בייזע גײַסטער...

גזיירעס, גזיירעס...

ווי שווארצע קראָען זײַנען זיי אָנגעפלויגן, און, ווי פון זינען געריטע, אראָפּגעשריִען פון אלע הײַזער, פון אלע פּלויטן:

„ייִדן דארפן מיט דאָקומענטן אָדער אײדעס נאָכווײַזן זייער בירגער־רעכט, באקומענע מיט זיבעציק יאָר צוריק...”

דאָקומענטן זײַנען מיט דער צײַט פארפאלן געגאנגען, אײדעס זײַנען אויך קימאט אלע אוועק אין דער אייביקײַט, און הונדערטער ייִדן פון די צוגעקומענע עסטרײַכישע פּראָווינצן זײַנען מיטאמאָל פארעכנט געוואָרן פאר פרעמדע.

די בריקן, וואָס דוירעס האָבן געבויט מיטן בלוט פון זייערע הערצער, זײַנען אײַנגעבראָכן געוואָרן, און מײַן מאמעס בערג, מײַן מאמעס וועלדער זײַנען איבער נאכט געוואָרן די היים פון היימלאָזע...

די מאמע האָט פרום אופגעהויבן די אויגן צום הימל און צונויפגעלייגט די הענט אין א פּאָרכטיק געבעט:

— גאָט בארעמהערציקער, באַהיט און באַשיץ אונדז!

ס'איז געווען א געשריי פון פארצווייפלונג און ביטאָכן. און די וועלט איז געשטאנען פאר א בלוטיקן מאבל...

צו די גזיירעס האָט אין א לויטערן זומערטאָג פון נײַנצן הונדערט פערציק גענומען א סאָף. א ליכטיקער שטראל פון מיזרעך האָט געבראכט האָפענונג און גלויבן.

זומער, ווינטער און ווידעראמאָל זומער... און א שרעקלעכער פארטאָג האָט אופגעוועקט די וועלט.

מעכטיקע עראָפּלאנען מיט שווארצע קרייצן אף די פליגל האָבן אָנגעיאָגט מיט א מוירעדיקן געוואָי, געזייט טויט און פארניכטונג.

— אוי! — האָט מײַן מאמע אויסגערופן. איר פּאָנעם איז געווען בלייך און א שטומער צאר האָט ארויסגעקוקט פון אירע אויגן. אזא האָב איך מײַן מאמען נאָך קיינמאָל ניט געזען.

— וואָס וועט זײַן מיט אונדז?

די פראגע איז געווען אלט ווי דאָס לעבן. וואָס איז געווען צו ענטפערן? די וועלט האָט נאָך ניט געוווּסט פון גאַז־אויוונס און אויסגעברענטע צייכנס אף נאקעטע לײַבער... ניט געוווּסט פון אָשווענטשים און טרעבלינקע.

און איך האָב געפּרוּווט די מאמע טרייסטן:

— די מילכאָמע וועט לאנג ניט דויערן!

און אליין געבליבן א ניט געטרייסטער.

דער טאָג איז געווען א זעלטן לויטערער. די בערג האָבן געגלאנצט קעגן דער זון מיט זייער גאנצער פּראכט און צירונג. און ס'האָט געוויייט פון זיי מיט געצוימטער גוטמוטיקער רויִקײַט.

א פויגל איז פארבײַגעפלויגן, געטראָגן פאר זײַן נעסט א שטרויעלע אין שנאָבל. די פליִער האָבן געטראָגן טויט.

מײַן מאמע האָט פארריסן די אויגן צום הימל, אָבער די געטער זײַנען געווען אף דער ערד...

אין יענעם טאָג האָב איך פארלאָזט מײַן מאמע און איר שטוב, די מילכאָמע האָט געוואַרט אף מיר, פארלאָזט און ניט געוווּסט, אז אף שטענדיק.

שטראָמען געדאנקען דורכן קאָפּ.

צי האָב איך געקענט מײַן מאמען? וואָס ווייס איך וועגן איר?

אין יענע יאָרן, ווען זי האָט געזאָלט ווי א בוך זײַן פאר מיר אָפן, האָב איך קימאט ניט ארײַנגעקוקט אין דעם בוך. איצט, ווען די זײַטלעך זײַנען פארמאכט אף אייביק, זע איך אָפּט אײנצלנע שורעס אין כאָלעם.

איך זע מײַן מאמע אין שווארצן אײַנגעהילט, זי האלט דעם קאָפּ אָנגעשפּארט אף אירע אָפּגעצערטע הענט, און לײַכט צערטלט א ווינטל אירע גראָווע צעפּאטלטע האָר. איר בליק איז פארטראכט, גלײַך ער וואָלט פארמאָגט די פײַקײַט פארגליווערט צו ווערן אפן געגנשטאנד, אף וועלכן ער איז געצילט. עפּעס פרעגן בא מיר אירע ליפּן און מיר דאכט זיך, איך הער אָפּגעריסענע ווערטער:

— וויִאזוי האָסטו געוואגט מיך איבערלאָזן אײנע אליין?

איך פּרוּוו זיך פארענטפערן, נאָר מײַנע רייד ווערן פארשלונגען פון העלישע פלאמען.

— ווי אלט ביסטו, מאמעניו?

זי קוקט אף מיר און שווײַגט. און איך פארשטיי, אז כ'בין באגאנגען א פעלער. ניט געטאָרט פארגעסן איר עלטער, ווײַל מײַן מאמע איז אלט, ווי די וועלט, זי איז אָפּגעגאנגען מיט אלע דוירעס, מיט אלע צײַטן דעם לאנגן וועג פון ראנגלענישן און פּײַן...

* * *

איך בלעטער א זייער אלטע טכינע, א פארשטומטע, ווי א פידל מיט געפּלאצטע סטרונעס.

די זײַטלעך זײַנען פאַרגאָסן מיט אויסגעטריקנטע טרערן. די אויסיִעס זײַנען אויך שוין פאַרוּישט. איך פיל די וואַרעמקייַט פון מײַן מאַמעס שערשאָווע הענט, דעם הויך פון איר פּאָנעם.

זי איז שוין לאַנג ניטאָ, מײַן גוטע, שעמעוודיקע, פרומע מאַמע. און טויזנטער אַנדערע מאַמעס זײַנען אויך ניטאָ. ערגעץ באַם סאַמע ראַנד פון די קאַרפּאַטן־בערג איז א מאַסן־קייווער פאַראַן, אַן איבערפולטער מיט צאַר און בלוט.

דאָרט איז מײַן מאַמע באַגראָבן.

קיין דאָקומענטן זײַנען ניט פאַראַן... איידעס אויך ניט... נאָר דער ווינט טראָגט איבער די בערג זײַן אייביקן ניגון, ווי אַן אייביקן קאַדיש. און דאָס לעבן גייט ווײַטער.

מײַן פאַרגעסן לידעלע

איך האָב געקענט אַמאָל א לידעלע.

געווען איז עס, מיסטאָמע, אין מײַן ווײַטער קינדהײַט, ווײַל איך געדענק ניט מער דעם ניגון, און די ווערטער האָב איך אויך פאַרגעסן.

געווען איז עס אין א בוקאָווינער שטעטעלע מיט אַן אײַנגעשטעלטן יידישן לעבנסשטייגער, וואָס האָט טאָג־אײַן, טאָג־אויס זיך געפירט, ווי גאָט האָט געבאָטן. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַזוי וועט עס אייביק דויערן.

אָפּט טוט מיר באַנק מײַן פאַרגעסן לידעלע.

וועגן וואָס איז עס געווען?

קאָן זײַן, עס האָט דערציילט פון מײַן קליין אָרעם שטיבל באַם סאַמע ברעג טײַך. אַן איינזאַם שטיבל בא אַן איינזאַמען ברעג, ווו מײַן וויגל איז געשטאַנען און מײַן מאַמע האָט אין כאָלעם געבראַכט מיר „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען”.

איך פאָר אַראָפּ צום טײַך, ווי צו מײַנע פאַרשוווּנדענע נעכטנס. נאָך אין די ווינדעלעך האָב איך זײַן וואַסער געטרונקען.

צי דען איז עס דער זעלבער טײַך? דער זעלבער ברעג?

פונוואַנען האָבן זיך גענומען אַזויפיל זומערדאַטשעס מיט גערטנער און סעדער אַרום?

מיר דאַכט, איך בין דאָ קיינמאָל ניט געווען.

נאָר פאַרוואָס זעט מיר אַלץ אויס אַזוי באַקאַנט?

עפּשער איבער די גאַנעקלעך פאַר יעדער דאַטשע?

אין זיקאָרן שווימט אויף עפּעס נאָענטס, לײַבלעכס. און די אויגן מיינען צו געפינען דאָס אַלטע, ליימיקע הײַזל מיט א גאַנעקל אויף הייערשע פּיסלעך, מיט א פענצטער און א טיר, דורכגעשניטן צום טײַך.

אויף דער שוועל איז געזעסן מײַן מאַמע, געלאַטעט דעם טאַטנס אַלטע, פון שווייס דורכגעפרעסן, העמד און געזונגען דערבײַ א לידעלע, וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך סײַ יידישן טרויער, סײַ אוקראַיִנישע ראַכוועס.

האָט אויסגעבראָכן א סרייפע אויף דער וועלט און דאָס פײַער האָט דערגרייכט ביז צו מײַן שטיבל.

כאָרעוו איז געוואָרן דאָס שטיבל מיטן גאַנעקל. פאַרשטומט איז געוואָרן מײַן מאַמעס געזאַנג.

וואָס פאַר א לידעלע איז עס געווען?

איך פּרוּוו זיך דערמאָנען כאָטש א וואָרט. וויל אויפכאַפּן כאָטש א קלאַנג.

מע זאָגט, אַז צײַטן קערן זיך ניט אום. איז דאָך אין יאָרן אַרום מײַן היים ווידער געשטאַנען אין פלאַמען, און איך, שוין אַליין אין דעם זעלבן עלטער, וואָס מײַן מאַמע איז געווען אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, בין געלאָפן פון מײַנע היימישע ברעגעס, און מײַן מאַמע האָט מיך באַגלייט מיט בליקן פון צאַר.

וואַכט איצט אויף אין מיר איר בליק, איר ווייטעק.

ס'איז האַרבסט.

די דאַטשעס שטייען ליידיקע, פאַרשלאָסענע. קיינער וווינט ניט מער אין זיי. איך קוק אַרײַן אין א פענצטער. אין א פרעמד פענצטער. און מיר ווײַזט זיך אויס, אַז איך הער עפּעס א רויש, עפּעס א סקריפּען פון הילצערנע טרעפּ. און עלנט בלאָנדזשעט אַרום א ניגון. די שויב שלאָגט אָפּ מײַן אייגן געזיכט, און פון יענער זײַט קוקט אויף מיר מײַן מאַמע, א שטאַרק געעלטערטע...

באַם ברעג פון טײַך שטייט נאָך אַלץ די גרויע, אָפּגעקראָכענע סקאַלע. שטייט האַלב פאַרזונקען אין דער ערד, ווי א פאַרצײַטיקע מאַציִווע.

מיט יאָרן, יאָרן צוריק האָט מען די סקאַלע גערופן „פאַרשטיינערטע פּריצע”. און דערציילט האָט מען א מײַסע וועגן א רײַכער באַראָנעסע, וואָס האָט אין צײַטן פון פינצטערע גזייִרעס אָן א פאַרוואָס געהייסן אויסשמײַסן א יִידן באַם ברעג פון טײַך.

די פּריצע האָט געוואָלט הערן זײַן וויי־געשריי, לעשן מיט זײַן ווייטעק די גליִענדיקע סינע, וואָס האָט אין איר געברענט. ווי א האָגל, זײַנען שמיץ געפאַלן אויף זײַן לײַב, אָבער דער יִיד האָט ניט געשריגן, אפילו קיין קרעכץ ניט געטאָן, נאָר עפּעס א פאָרכטיקער געברום האָט מיט א שטילן נאָגנדיקן פלאַטער געריזלט אין זײַן האַלדז.

דאָס האָט ער ווידער געזאָגט. און וואָס ווײַטער די בײַטשן האָבן געשניטן זײַן לײַב, אַלץ אַקשאָנעסדיקער איז געוואָרן זײַן געברום. און ווען די בלוטיקע עקזעקוציע האָט זיך, ענדלעך, אָפּגעשטעלט, האָט דער זאָקן מיט דער זילבער־ווײַסער באָרד און צעמיימעסטן גוף, וואָס האָט געפיבערט, זיך אויסגעגלײַכט און פון זײַן פאַרבלוטיקט מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ קלאָלע:

— פאַרשטיינערט זאָלסטו ווערן!

ער האָט די ווערטער אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ צעוויטעקטן רוף, גלײַך ווי דורך זײַן האַרץ זײַנען אַדורך אַלע שטורעמס פון צער. און דורך זײַנע אויגן — אַלע טרערן פון דער וועלט:

לעגענדע און לעבן — אַ שנירל בלוטיק רויטע קאָרעלן!

און די „פאַרשטיינערטע פּריצע" שטייט אַזוי שוין הונדערטער יאָרן, ערטערווײַז טונקלען זיך שלענגלענדיקע שפּאַלטן, ווי אָפֿענע ניט פאַרהיילטע שראַמען, וואָס דער ווינט האָט אויסגעקריצט אַף איר שטיינערנעם לײַב.

איך קוק אַרויף צו דער סקאַלע, וואָס האָט ניט איין מאָל, קינדווײַז, מיך אין כאַלעם געשראָקן.

און ס'יאָגט מיט האַרבסט דער ווינט
איבער מײַן טײַך דעם לינדן,
און פון דעם שטיינערנעם באַרג די
בענקשאַפט רינט,
איבער טונקעלע שפּאַלטן, ווי צעריסענע
ווונדן.

צעזינגט זיך אין מײַן האַרץ אַ ליד,
און וועקט מײַן קינדערשן אַמאָל...

פּרוּוו איך נאָכאַמאָל זיך דערמאָנען מײַן פאַרגעסן לידעלע.

ווען וואָס איז עס פּאַרט געווען?

עפּשער איז עס געווען דער ניגון פון יענעם פּליטנטרײַבער, וואָס אין די זומערדיקע, פּריש־געבוירענע פאַרטאָגן געשווומען אַף אַ ספּלאַוו און געשיקט צו גאָט אַ טפילע:

— טאַטע אין הימל, זאָלסט ניט אָפּקערן דײַן כעסעד און דײַן ראַכמים ניט פאַרבייגן... היצן זאָלן ניט אויסטריקענען די וואַסערן און שלאַקסרעגנס זאָלן זיי איבער די ברעגעס ניט צעגיסן... דער זומער איז קורץ... זאָל דער הונגער צו מײַן שטוב קיין שליטע ניט האָבן...

באַ זײַן זײַט איז געשטאַנען אַ יונגער האַריקער הוצול, שטיל געקערמעוועט, ווי ער וואָלט אָפּגעהיט דעם ייִדנס דאַוונען, און געקוקט מיט פאַרגאַפטע בליקן. דערנאָך האָט ער אַף אַ רעגע אָפּגעלאָזט די קערמע, צונויפגעלייגט די הענט ווי באַם ציילעמען זיך, און אַ נידעריקע, צעשטראַלטע זון האָט קיל געראָיטלט בײַדנס פּנעמער.

דורך אַלע יאָרן, אין דער טיף פון די קאַרפּאַטן, האָב איך זיי באַגעגנט, אָט די אָרעמע האָרעפּאַשניקעס.

צום לעצטן מאָל האָב איך דעם ייִדן געזען לויפן פון זײַן ברענענדיקער היים, וועלכע איז געווען פאַרפּליצט פון האָריגעס און טײַכן בלוט...

זײַן פּאָנעם איז געווען אַש־גרוי. ער האָט געטוליעט אַ קינד צום האַרצן. געטראָגן עס אַזוי, גלײַך ער וואָלט דערמיט געגאַנגען האַקאָפּעס... די לעצטע האַקאָפּע...

די טעג האָט מען באַ אונדז אין שטאָט צווישן אַנדערע געמישפּעט אויך איינעם אַ וואַסיל, וואָס האָט געהאָלפן אויסהאַרגענען אַ גאַנץ דאָרף מיט ייִדן און איז אַריבער דרײַסיק יאָר פראַנק־און־פרײַ אַרומגעגאַנגען אַף גאָטס וועלט. ער זוכט אַ רעטונג פאַר זיך באַ די סאָוועטישע דינים און געזעצן. ער בעט די ריכטער נעמען אין אַכט: ער איז נאָך דעמלט קיין גאַנצע אַכצן ניט אַלט געווען. איצט איז ער איבער פופציק. פאַרהאַלט זיך רויִק. ענטפערט אויסגערעכנט, ווי אַ גוט אָנגעשטעלטער מעכאַניזם. נאָר אין זײַנע קאַלטע אויגן גליווערט אַ פאַרבליבענע אַף שטענדיק גאַזלאָנישע רעציכע.

— פאַרוואָס האָט איר זויג־קינדער מיט די שטיול געוואָרגן?

— ווײַל מיט די הענט וועל איך דאָך דאַרפן עסן.

דאָס בלוט פּרירט אין די אָדערן, דאָס האַרץ וויינט, און אין די שלייפן קלאַפּט אַ טעמפּער וויטעק. און ס'לייגט זיך קוים אַפן סייכל: וויִאַזוי האָט ער געלעבט די אַלע יאָרן? וויִאַזוי פון זיבען ניט אַראָפּ, דערמאָנענדיק זיך אין די דערוואָרגענע קינדער?

ער האָט דוירעסלאַנג געלעבט אין די באַרג בישכיינעס מיט ייִדן... און געהאָלפן זיי אויסהאַרגענען... און ס'האָט זײַן האַק געבענטשט דער גאַלעך פון דער יוניִאַטישער צערקווע, עפּשער אַן אורייניקל פון יענער קאַטוילישער פּריצע...

און פאַר די אויגן שטייען דער ייִד מיטן הוצול אַפן ספּלאַוו.

רוישן סוידעסדיק די ווערבעס באַם טײַך. די כוואַליעס פינקלען, שפּילנדיק זיך מיטן שטראָמיקן זילבער.

שטילקײַט און כוואַליעס... אַ פאַרשניטענער ניגן...

איך שטיי מיט מײַן טאָכטער אַף אָט דער ערד, אַן אויסגעטראָטענער פון מײַנע זיידעס און עלטערזיידעס. רויטע בלומען ווינקען אונדז צו. מײַן טאָכטער איז אַנציקט פון דער פלאַמיקער בליִונג. זי באַנעמט ניט מײַן בענקשאַפט... כאָטש כ'האָב, ווי מײַן מאַמע מיך, זי אויך מיט „ראָזשינקעס און מאַנדלען" פאַרוויגט...

צומאָל לײַד איך דערפון און צומאָל ווײַזט זיך מיר אויס, אַז מײַן טאָכטער איז ניט מער־כויעוו צו טראָגן אַף זיך דעם טרויער פון מײַן דאָר. זי איז געוואַקסן אינעם ריטם פון אַנדער געזאַנג, און איר שפּראַך איז אויך אַן אַנדערע...

אירע ניגונים זײַנען ליניעס, אויסגעלייגט אַף ווײַסע וואַטמאַן־בויגנס. יעדער ניגן — אַן אויסגעכעזשבנט פילגאָרנדיק הויז, אַ טייל פון אַ נײַ־פּלאַנירטער גאַס.

מײַן טאָכטער איז אַ בוי־אינזשעניער.

הײַנט איז איר כאַסענע!

אָנגעטאָן אין אַ ווײַס קלייד, מיט אַ ווײַסן שלייער, לײַכט, ווי אַ וואָלקן, גייט זי מיט איר באַשערטן באַ דער זײַט איבער ברייטע, יונגע גאַסן, באַגאָסענע מיט זון און פרייד. זיי גייען צום דענקמאָל פון די געפאַלענע שלאַכטלײַט, ווי פאַרבעטן זיי אַף זייער סימכע... לייגן צו־פוסנס שטיל אַוועק רויטע און ווײַסע גלאַדיאָלוסן. און שווײַגן, שווײַגן...

אויך אַנדערע מענטשן לייגן בלומען. שטייען לאַנג און באַוועגלאָז. אייניקע מיט אַ שטיל געוויין אָן בושע, לאָזנדיק פרײַ קײַקלען די טרערן. און אין האַרצן רופט זיך אָפּ טרויער און האָפענונג.

טויטע ליגן אין דער לעבעדיקער ערד, אײַבער וועלכער עס גייען יעדן פרילינג אויף בלומען און גרעזער. ליגן יונגע, אַכצניאַריקע, וואָס וועלן קיינמאָל מער עלטער ניט ווערן. לעבנס, אָפּגעצאָלטע פאַר לעבן, אויסגעלאַשענע ווי פאַקעלן אין זוניקע קאַיאָרן...

און דער מערדער איז דעמלט אויך אַכצן אַלט געווען!

דערוועקט זיך פּלוצעם אין מײַן געמיט אַן אַלטער אומרו, דער אומרו פון אַלע נעכטנס און אַמאָלן. עפּעס אַ שווערער געדאַנק נעמט גריבלען אין מויעך מיט ברענענדיקער מאָנונג. און מיר ווײַזט זיך אויס, ווי פונעם רויטן וואַרעמען גראַניט גייט, ווי אַ ליכטיקע צוואָע, אויף אַ געזאַנג...

העל און צאַרט, ווי אַ געבעט:
ס'זאָל מײַן טאָכטערס פרייד
פאַרשטערט ניט ווערן...

איך שטיי לעבן טײַך, ווי לעבן מײַנע פאַר־שוווּנדענע נעכטנס. דער ווינט זינגט איבערן שטילן ברעג. אַ געזאַנג ווערט געבוירן אָט דאָ פאַר די אויגן, ווי עמעצער וואָלט פון דער לופט קלאַנגען געצויגן. אַ נײַ געזאַנג פון אַ נײַער צײַט. און מיר ווײַזט זיך אויס, ווי עס וועבט זיך אַרײַן אין אים דער טרוים און די בענקשאַפט פון מײַן פאַרגעסן לידעלע...

געוועזן אַמאָל אַ שטעטעלע

אַ קליין שטעטעלע, ווי אַלע ייִדישע שטעטלעך אין דער אַמאָליקער גאַליציע, מיט אַ קוי־טיקן מאַרק, ווו צעפּאַטלטע הענדלערקעס און פאַרגאַרטלטע באַלעגאָלעס האָבן מיט אומרויִקע בליקן אַרויסגעקוקט אַף אַ שטיקל פאַרדינסט און אַ האָגל פון שאַרפע ווערטלעך און בײַסיקע קלאָלעס האָט געקוילערט, געליאַרעמט.

אַ קליין שטעטעלע מיט ענגע, פאַרשטויבטע געסלעך און פּונקט אַזעלכע פאַרשטויבטע פענצטער אין די אָפּגעלופּעטע הײַזלעך, ווו אַ קײַלעכדיק יאָר האָט געפּײַניקט שווערע זאָרג; באַטאָג האָט מען געזוכט, מיט וואָס דעם הונגער צו שטילן, און אין די נעכט האָבן קליינע קינדער פון שלאָף געוויינט, און מאַמעס מיט פלאַכע, טרוקענע בריסטן זײַנען, ווי געהויקערטע שאָטנס, געהאַנגען איבער זיי, און אַרײַנגעזונגען אין זייער געוויין אַ גרויסן און צעריי־סענעם אומעט:

אפן בוידעם שלאָפט דער דאַך,
צוגעדעקט מיט שינדעלעך.
און אין וויגל ליגט דאָס קינד
נאַקעט, גאָר אָן ווינדעלעך.
אוי, אוי, אוי,
עסט די ציג פון דאַך דאָס שטרוי...

און שווערע קלעפּ פון הילצערנע וויגן האָבן אויסגעמאָסטן די נאַכטישע שאָען...

אַ שטעטעלע, ווי אַלע אַמאָליקע שטעטלעך, מיט אַ העקדעש און אַ בעסוילעם.

פון דעם מאַרק און דעם העקדעש איז מער קיין זייכער ניט געבליבן. די געסלעך זײַנען אויך פאַרשוווּנדן. נאָר דער בעסוילעם שטייט נאָך אַ פאַרלאָזטער, פאַרוואַקסן מיט ווילדע גרעזער.

עס איז קיין שטעטל ניט מער, נאַר אַ שטאָט מיט פריילעכע, לויפנדיקע גאַסן. אַף ברייטע טראָטואַרן הילכן אָפּ קלינגענדיקע טריט. און דאָרט, ווו שמאָלע געוועלבלעך האָבן געפינטלט האַלב־פינצטערע, שטייען פילשטאָקיקע הײַזער און מיט אַ רײַכן שימער פון נײַקײַט שפּיגלט זיך אין זייערע פענצטער די הימלשע בלויקײַט.

אין יעדן פענצטער אַ שטיק הימל.

אַף יעדער גאַס אַ ווײַסער פרילינג.

אַ טאַטע מיט אַ טאָכטער גייען געאַרעמט.

אַ יונגער טאַטע מיט זײַן טאָכטער — אַ שילערן פון נײַנטן קלאַס.

איר גאַנג איז לײַכט, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל פאַרלוירן די וואָג. זי עפנט אירע אויגן צו דער גאַס און באַשענקט יעדן מיט דער פרישקײַט פון איר יונגן מיידלשן בליק. די אויגן בלויע,

רויקע, קימאַט נאָך קינדערישע, ליכטן מיט א באַזונדער גלאַנץ, און א מילדער, א ביסל קאָ־קעטישער שמייכל שפּילט אויף איר פּאָנעם.

איך גיי איבער דער שטאָט מיט ברייטע אַס־פאַלטירטע גאַסן. צעבליטע אַקאַציע־ביימער באַגלייטן מײַנע טריט. איך קוק נאָך דעם יונגן טאַטן מיט זײַן טאָכטער, און די געדאַנקען קערן מיך אום צו אַן אַנדער טאַטן און אַן אַנדער טאָכטער.

...אין א זומערדיקן באַטאָג האָט אַמאָל מײַן טאַטן זיך פאַרגלוסט מאַכן א שפּאַציר מיט מײַן קליין שוועסטערל, א דרײַיאָריק מיידעלע, מיט בלאָנדע אויסגעצוואָגענע צעפּלעך און בלויע־בלויע אייגעלעך.

ס'איז געווען א ליכטיקער טאָג.

דער טאַטע האָט געפירט מײַן שוועסטערל פאַר דער האַנט און זיי זײַנען געגאַנגען איבער־צווייען אַראָפּ צום ליידיקן מאַרק. באַ עפּעס א ייִדן מיט א צעשויבערטער באָרד האָט ער געקויפט א קוועטל עפּל־קוואַס. ס'איז געווען שאַבעס, און דער ייִד האָט קיין געלט ניט גענומען. ער האָט געהאַנדלט אויף נעמאָנעס.

מיטאַמאָל איז אָנגעפאָרן א גאַל־לאַקירטע בריטשקע מיט צוויי פערד נאָשפּיץ און עפּעס א וואָזשנער פאַרעץ אין א גרינעם טיראָלער יעגער־אָנצוג מיט הירשענע קנעפּ האָט א צי געטאָן די לייצעס, די פערד האָבן ווי פאַרט־שטאַרטע זיך אָפּגעשטעלט, און דער פּאָרעץ האָט א פרעג געטאָן באַם טאַטן:

— היי דו, וועמענס קינד איז עס?

ער האָט, זעט אויס, מײַן טאַטן אָנגענומען פאַר א מעשאָרעס באַ יענעם, ווײַל עס איז געווען שאַבעס און מײַן שוועסטערל אין א ריין קליידל האָט אויסגעזען ווי א קליינע שאַבעס־פּרינצעסן.

דער טאַטע האָט א ווײַלע זיך פאַרלוירן. גיי ווייס, וואָס א פּאָרעץ קאָן אײַנפאַלן, נאָר באַלד געקומען צו־זיך און מיט א ניט פאַרשטעלטן שטאָלץ געענטפערט:

— מײַנס!

דער פּאָרעץ האָט מיט פאַרלאָפענע בליקן דורכגענומען מײַן שוועסטערל און באַ דעם טאַטן ווײַטער געפרעגט:

— וויפל קינדער האָסטו, ייִדז?

— פינף, זאָלן געזונט זײַן!

— פאַרקויף איינס מיר, אָט דאָס!

און ער האָט פאַרגעלייגט א גרויסע סומע געלט, אַזאַ גרויסע, אַז עס וואָלט מיסטאָמע גע־נוג געווען אויף גאַנצן לעבן.

דער טאַטע האָט זיך טיף פאַרבייגט פאַרן פּאָ־רעץ און מיט א האַכנאָעדיק קאָל געזאָגט:

— פּאָרעץ־לעבן, ווען וואָלסט געהאַט אפילע דאָס רײַכטום פון א קייסער, וואָלט עס אויך ניט געסטײַעט אויף אָפּקויפן א קינד באַ מיר.

באַם פּאָרעץ האָבן די אויגן אויסגעשאָסן מיט א שטאַרקער בייזקייט. ער האָט א קנאַק געטאָן מיט דער בײַטש, און א שטויב האָט זיך אויפ־געהויבן פון דעם זאַמדיקן, צעפּאָרענעם וועג...

געווען אַמאָל א שטעטעלע...

נײַנטער מײַ

מיליאָנען שטערנדלעך צינדן אָן דעם אוּנטע־דיקן הימל, צעבליִען זיך, ווי א צעדרויבלטער רעגנבויגן, און פאַלן, פאַלן, פאַלן...

איך קוק נאָך דעם פײַערווערק פון ליכטנ־דיקע פאַרבן און מיר דאַכט, אַז דאָס זײַנען גאָר צעבלאָזענע פונקען פון אָנגעצונדענע יאָרצײַט־ליכט. און אויף מײַנע ליפּן ציטערט אויף א וואָרט, וואָס האָט זײַן אייגענע פאַרב און קלינגט קיי־מאַט אויף אַלע שפּראַכן פון דער וועלט מיט דעם זעלבן קלאַנג:

מאַמע...

באַהאַלטן צווישן בערג, לויפט פּופּציק מײַל די ווײַט א גרויער שטיינערנער וועג. דער אויטאָבוס מאַכט אים דורך פאַר קאַרגע צוויי שאָ, און לענגויס דעם וועג ציִען זיך גרינע, רוישנ־דיקע וועלדער.

גרין — די פאַרב פון האָפענונג און פרייד.

דעם רויש פון אָט די וועלדער האָט אַמאָל מײַן מאַמע אין א ליד פאַרוועבט און מיט איר אײַנגעוויגט מײַן קינדהײַט. צעקלינגט זיך פּלוצ־צעם ערגעץ טיף־טיף, אין סאַמע האַרץ יענער זעלטענער ניגון, די וווּנדערלעכע ירושע, וואָס איך האָב געיאַרשנט פון מײַן מאַמען.

מײַן מאַמע איז געשטאַנען אויף דער היימי־שער ערד, ווי א יונגע טיף־פאַרוואָרצלטע סאָסנע, וואָס פאַרײַסט איר קרוין צו יענע הייכן, ווו וואָלקנס זעען כאַלוימעס... און קיין שום הוראַגאַן קאָן זי ניט בײַקומען...

און אָט בין איך, אַן אָפּגעבראָכענע צווײַג פון יענעם בוים, ווידער געקומען צו די זעלבע וועל־דער.

שלענגלט זיך אין דער ווײַט דער גרויער שטיינערנער וועג און אים לויפט נאָך א קליין

באַרג־טײַכל. איך בייג זיך אַריבער און דערזע אין זײַן טיפקײַט דאָס פּאָנעם פון מײַן מאַמען, ווי אַלט און גראָוו זי איז געוואָרן.

גראָוו — די פאַרב פון דערפאַרונג און כאָכמע.

זי קוקט אַף מיר מיט דערשראָקענע אויסגעלאָשענע בליקן, און דאָס האַרץ קלעמט מיר.

אין יענעם ווײַטן און גרויזאַמען אויגוסט איין און פערציק האָט זי באַדאַרפט ווער ווייסט וויפל צײַט אויסשפּאַנען צופוס די זעלבע פופציק מײַל...

איבער די בערג פאַרגייט די זון א בלוטיקרויטע, און מײַנע אויגן זשמורען זיך... איך דערזע מיטאַמאָל דעם וועג א פאַרלאָזטן, מיט טויטע פאַרסמאַליעטע סאָסנעס בא די זײַטן, און צווײַגן, ווי אָפּגעבראָכענע הענט. דער וועג איז אָנגעפילט מיט דראָענדיקער איימע, קאָרטשעט זיך פון מײַרעוו אַף מיזרעך.

און מײַן מאַמע שפּאַנט איבער אים אין איר שווארץ קרוזשעווע־שאַלעכל פאַרשלייערט. אין דעם יאָמטעוודיקן שאַלעכל מיט פרענדזן, צונויפגעקלעפטע פון טרערן... זי שפּאַנט איבער די פופציק מײַלן פון וואָגל און נאַווענאַד. זי גייט א פאַריאָגטע איבער דעם וועג, ווו די ערד האָט דאָרשטיק געטרונקען טײַכן בלוט.

און איר גייט נאָך א סאַרפּענדיקע אויגוסט־זון און ברענט מיט מידבאָר־היץ אירע מידע טריט.

מײַן מאַמע האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פונעם כורבן און אין א שטילן פאַרטאָג זיך געזעגנט מיט איר היים, מיט די שוואַרץ־אויסגעברענטע יידישע הײַזער, וואָס זײַנען געשטאַנען פאַרזונקענע אין א פאַרלוירענעם שטומשווײַגן. זי איז צוגעפאַלן מיטן פּאָנעם צו די פרישע קוואָרים, פון וועלכע ס'האָבן נאָך געפלאַקערט צום הימל די יעלאָלעס פון פאַרפּײַניקטע מאַמעס און קינדער, און זיך אויך געזעגנט מיט זיי...

אַף וואָס פאַר א נעס האָט זי געהאָפט, לאָזנדיק זיך איינע אַליין? וואָס פאַר א גאָט האָט זי אָנפאַרטרויט איר אָפּגעראַטעוועט ביסל לעבן, אַף וועלכן דער סוינע האָט ווי א צעררייצטע כײַע געלויערט?

און מיר ווילט זיך פלוצעם, טראָץ לאָגיק און געזונטן סייכל־האַיאָשער, זיך אומקערן צו יענעם ווײַטן נעכטן, דעריאָגן מײַן מאַמע אינמיטן וועג און טיילן מיט איר אַלע לאַסטן, שטרויכלונגען און געפאַרן. לאַסטן פון אַלע פופציק מײַל, ווו יעדער שפּאַן איז אויסגעשטעלט אַף סאַקאָנע. איך וויל גיין לעבן איר, אָפּווישן דעם שווייס און צאַר פון איר אויסגעמאַטערט פּאָנעם. ווישן די טרערן, וואָס זײַנען פאַרגליווערט געשטאַנען אין אירע אויגן. איך וויל אונטערהאַלטן זי, ווען דער סאַם־האַמאַוועס פון מידקײַט נעמט ריזלען אין אירע געבליטן און דאָרשט טריקנט דעם גומען.

איך וויל צופאַלן צו די פיס פון יענער אַלטיטשקער בעטלערקע, מיטן שוואַרצן בלעכענעם ציילעם אַף דער ברוסט, וואָס האָט געטיילט מיט מײַן מאַמען איר טרוקענעם לאַבן ברויט און דעם קאַלטן לאָגל וואַסער. און, צופאַלנדיק, קושן פון דאַנקבאַרקײַט דעם זוים פון אירע פאַרשטויבטע קליידער.

איך וויל גיין מיט מײַן מאַמען דעם לאַנגן פופציקמײַלנדיקן וועג. זי מינטערן און טרייסטן און הערן איר שטילע שטים, וואָס רײַסט מאַמעש הימלען...

איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, פאַרלעצנדיק כראָנאָלאָגיע און נאַטירלעכן גאַנג פון געשעענישן, וויל איך פאַרמאַכן איר די אויגן, ווען זי האָט באַם יאַם פון קידעש־האַשעם אויסגעהויכט איר איידעלע נעשאָמע. איך וויל, זיצנדיק בא איר קייווער מיט א זאַק אַש אַף מײַן גראָוון קאָפּ, דערציילן איר פון פולשטענדיק נאָרמאַלע מענטשן, וואָס האָבן געהאַרגעט מיט א רויִק געוויסן, אויסגעפירט זייער בלוטיקע מעלאָכע, פונקט ווי זיי וואָלטן אין אַנדערע באַדינגונגען געהאַקט האָלץ אָדער געפירט בוכהאַלטעריע.

איך וויל איר דערציילן, אַז נאָך דעם, ווי זיי האָבן געבראַכט דעם גרויסן כורבן אַף דער וועלט, זײַנען זיי ווידער געוואָרן אייגנטימער פון געשעפטן און רעסטאָראַנען, און זיי וואַרגן זיך ניט אין די נעכט פון שוידערלעכע קאָשמאַרן, גלײַך קיין פאַרברעכנס וואָלטן גאָר אינגאַנצן ניט געווען. און אויב עפּשער יאָ, ווערן זיי אויסגעקויפט דורך מאַגישע ווערטער, ווי „פליכט” און „באַפעל”.

מאַמע... מאַמע...

מיר דאַכט, אַז דאָס האָט דער גוירל מיך באַשאָנקען מיט יאָרן, קעדיי איך זאָל פון דײַנע לײַדן אויספלעכטן א טרויעריק געוועב און ווי א וואָרענונג עס שענקען אַלע מאַמעס פון דער וועלט...

מיליאָסן שטערן צינדן אָן דעם אָוונטדיקן הימל. צעפאַלן זיך, ווי א צעדרויבלטער רעגנבויגן, און צווישן די צענדליקער, צענדליקער קאָלירן פינקלען העל־גרינע פאַרבן, — פאַרבן פון רו, האָפענונג און פרייד...

נאָך עטלעכע פּראָסטיקע ווינטער־נעכט, וואָס האָבן באַדאַרפט פּאַרקאָווען דעם דרויסן אַף לאַנגע כאַדאָשים, האָט פּלוצעם זיך אומגעקערט דער הארבסט. פּונעם אָנגעכמורעטן האָריזאָנט זײַנען ארויסגעשווומען גרויע כמארעס, געהאַנגען איבער די בערג. נאַסע ווינטן האָבן געוואָיעט און געטאַנצט אין די באַרג־שפּאַלטן, און אַף די נאַקעטע ביימער האָבן געציטערט פאַרבליבענע טויטע בלעטער און געפאַלן צו דער ערד מיט א טרוקענעם זיפץ.

דאַניעל דער וואַלדהעקער איז ארומגעגאַנגען איבער דער שטוב מיט שווערע טריט, ווי א כײַע אין א שטײַג. זיך צוגעהערט צום ווינט, וואָס האָט געהוליעט אַפן בוידעם. ער האָט געפילט עפּעס א נאַגנדיקן ווייטעק באַם הארצן, ווי מע וואָלט עס פאַרקלעמט אין דראָטן. און זײַנע געדאַנקען האָבן זיך געטראָגן, ווי די צעריסענע כמארעס.

— שוין אַזוי שפּעט, און זי איז נאָך אַלץ ניטאָ... עפּשער ניט באַדאַרפט, זי זאָל הײַנט גיין אין פּריצישן הויף!

אין שטוב איז געווען שטיל, ווי אין אַן אָפּגרונט. אפילו די צווײ עמערס, וואָס זײַנען געהאַנגען אַף די האָקנס באַ דער טיר, האָבן ניט אויסגעהאַלטן די פּײַנלעכע שטילקײַט און זיך צעקלונגען מיט אַן אומעטיק ליידיקן קלאַנג.

דאַניעל האָט ארומגעשפּאַנט איבער דער טונקעלער שטוב, וואָס האָט אויסגעזען ווי פון קײנעם ניט באַוווינט, און זײַן נעשאָמע איז אָנגעפילט געוואָרן מיט כאַשכעס.

מיט א פּאָר יאָר צוריק האָט מען אין דאַניעלס שטוב נאָך געוווּסט פון אָרעמער פרייד. ער האָט געהאַט א ווײַב, וועלכע ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון א ווײַט רומעניש שטעטעלע. זי איז געווען יונג, שיין און קלוג. ער האָט זי ליב געהאַט, ווי נאָר א פּאַשעטער וואַלדהעקער קאָן ליב האָבן. נאָר די צײַט איז געלאָפן א יאָר נאָך א יאָר, אָנגעצונדן אַף איר פּאָנעם א באַשטענדיקן פיבער, און זי האָט אין פולן בלי אויסגעשפּיגן אירע לונגען.

געבליבן איז דאַניעל, ווי אַפן וואַסער, מיט א טעכטערל, וואָס האָט נאָרוואָס ארויסגעשפּאַנט פון די קינדער־יאָרן און זיך גענומען אָנגיסן מיט זאַפטן, ווי א צײַטיקע פּיירע.

זי איז געוואָקסן, ווי א סאַרנע, שלאַנק, לײַכט, מיט א שטאָלצן פּאַריסענעם קאָפּ. די גרויסע מאַנדלפאַרמיקע אויגן זײַנען געווען טונקלברוין און טיפע־טיפע.

א זעלטענע שיינקײַט.

און פאַר דאַניעלן איז זי געווען אי אַן אָנשפּאַר, אי א טרייסט.

ווען ער פלעגט זיך אומקערן פונעם וואַלד א מידער, האָט עפּעס א ליכטיקײַט אים באַגעגנט אַף דער שוועל, און וואַרעם פלעגט אים ווערן אַף דער נעשאָמע... און מיט אָט דער וואַרעמקײַט האָט ער זיך גענומען פאַר זײַן באַליבטער ארבעט — קנעטן לײם און אויספאַרעמען, אויסטאָקן ערדענע קײלים, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער קנעט ארײַן אין זיי זײַן טרויער און זײַן פרייד. נאָכן אויסברענען אין אויוון האָט ער זיי באַפאַרבט מיט א שאַרלעך־רויטער פאַרב, און זיי האָבן געגליט מיט א מאַטן פײַער און פאַרמאָגט א דינעם, סוידעספּולן קלאַנג, ווי א פאַרבלאָנדזשעט געוויין אין דער טיף פון וועלדער.

און ווען זײַן טאָכטער פלעגט אוועקגיין אין די רײַכע הײַזער צוהעלפן אין דער ווירטשאַפט, האָט ער צומאָל איר מיטגעגעבן אַזא מין קײלע.

— נאַ, שענק אוועק, זאָלן זיי כאָטש זען, אַז אויך באַ קאַפּצאָנים ליגן די הענט ניט אין קימפּעט!

האָט מען טאָקע מיט קינע באַוווּנדערט זײַנע געבענטשטע הענט און מיט קינע געניסט פון זײַן שאַפונג.

— אַזעלכע הענט! אַן אַנדערער וואָלט מיט זיי גאָלד געשאַרט.

נאָר מיט גאָרנישט קאָן ניט פאַרגלײַכט ווערן די קינע, וואָס עס האָט באַ אַלעמען ארויסגערופן דאַניעלס טאָכטער.

ייִנגלעך, וואָס האָבן ניט לאַנג צוריק געשטיפט מיט איר, ווילד זיך ארומגעטראָגן מיט איר אײנינעם איבער די בערג, האָבן מיטאָמאָל דערזען פאַר זיך עפּעס א פרעמדע „פאַרשטעלטע פּרינצעסן" און, ווי פאַרקישעפטע, מיט פאַרבענקטע בליקן גענומען גאַפן אַף איר יונגער, זאַפטיקער איידלקײַט. זיך ניט געקאָנט זעטיקן מיט דער צאַרטקײַט פון איר קאָרנהויטיק פּאָנעם און דער שיינקײַט פון אירע מאַנדלפאַרמיקע אויגן, וואָס האָבן געשאָטן מיט בליציקע פײַערן. שלאַנק און לײַכט, ווי א סאַרנע, האָט זי געריצט מיט איר יונגער פרישער אומבארירטקײַט, און עפּעס א פאַרטראַכטער שמייכל האָט ארומגעבלאָנדזשעט אַף אירע פײַכטע, וואַרעמע ליפּן.

און מאַמעס פון טעכטער מיט נאָדן האָבן זי דורכגעבויערט מיט שפּיציקע אויגן, געקוקט אַף איר מיט פאַרקרימטע פּענעמער, גלײַך זי וואָלט באַ די טעכטער זייערע צוגערויבט דעם מיידלשן כיין.

באַלד ווי ס'איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שנײ האָט מען אין פּריצישן הויף באַגעגנט דעם ווינטער מיט א גרויסן באַל.

אינעם לויפנדיקן וויכער פון טענץ האָט זיך געדרייט, געבלענדט א פאַרשיידנפאַרביקע קאַרוסעל פון זײַד, סאַמעט און צירונג. און עס האָט וואַלסירט מיט די עלעגאַנטע דאַמען אַליין דער יונגער גוטבאַזיצער, וואָס האָט שטודירט ערגעץ אין א גרויסשטאָט און איז אַף ווינטערפעסט געקומען צו פאָרן.

עס האָבן געדרייט זיך, ווי אין א קאַרוסעל, קליידער, בריליאַנטן און בליציקע אויגן פון ציגײַנער־מוזיקאַנטן.

אין דער זעלבער צײַט איז דאַניעל געווען פאַרטאָן מיט אויספורעמען נײַע ערדענע קיילים און אפילע ניט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אין סאַמע ברען פון דער סימכע זאָל זיך עמעצער גאָר דערמאָנען אין אים. וואָס האָט ער, דער וואַלדהעקער, צו טאָן מיט פּריצישע באַלן?

פונוואַנען זאָל דאַניעל געווען וויסן, אַז דעם יונגן גוטבאַזיצער וועט פּלוצעם זיך פאַרגלוסטן א שפּיל טאָן אַף די סטרונעס פון זײַן אָרעם לעבן, און די שפּיל וועט זיך ענדיקן מיט געווינען אין קאָרטן ניט קיין געלט, ניט קיין פאַרמעגן, נאָר זײַן, דאַניעלס טאָכטער, וואָס איז זיך געשלאָפן מיט א יונגן, רויִקן שלאָף.

און עס האָבן געדרייט זיך, ווי אין א פאַרביקן קאַרוסעל, קליידער, צירונג און בליציקע אויגן פון ציגײַנער־מוזיקאַנטן.

יענעם טאָג, ווען ס׳האָט פּלוצעם זיך אומגעקערט דער האַרבסט מיט דריבנע שנייִקע רעגנס און מוירעדיקע ווינטן, האָט דאַניעלן באַהערשט עפּעס א ווילדע אומרויִקײַט. ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, צו קיין שום אַרבעט זיך ניט גענומען, גלײַך ווי די הענט וואָלטן אים אופגעהערט פאָלגן. ער האָט אַרויסגעקוקט אַף דער טאָכטער, וואָס איז אוועק אין פּריצישן הויף נאָך ברינדזע און שוין לאַנג באַדאַרפט זײַן צוריק. נאָר די נאַכט איז צוגעפאַלן, און זי איז אַלץ ניט געווען.

פּלוצעם האָט די דרויסנדיקע טיר זיך ניט געעפנט, ניט ווי אַלע מאָל מיט א שטילן סקריפּ, נאָר זיך צעפּראַלט, גלײַך א שטורעמווינט וואָלט זי אופגעריסן. און דאַניעל האָט דערזען זײַן טאָכטער אין א צעפּליקט קלייד, מיט צעפּאַטלטע האָר אָן א שאַלעכל, ווי זי וואָלט פון זינען אַראָפּ.

אירע אויגן זײַנען געווען אונטערגעשלאָגן מיט בלויע פאַרלאָפענע רינגען און זיי האָבן אויסגעמיטן זיך באַגעגענען מיט דאַניעלס בליקן.

א רעגע האָט א גליווער געטאָן א שווער פאַרזונקען שווײַגן. דערנאָך האָט ער א זייע געטאָן דורך די פאַרביסענע ציין מיט א פאַרשטיקטן געבערום:

— וואָס האָט געטראָפן, קינד מײַנס?

א שרעק האָט זיך פאַרקליבן אין זײַן האַרצן. די פּיס זײַנען אים מיטאַמאָל שוואַך געוואָרן, ווי אונטערגעהאַקט, און ער איז געשטאַנען פאַר איר גרויס און פינצטער, ווי די נאַכט אַף יענער זײַט פענצטער.

איר בלייך פּאָנעם האָט א צאַפּל געטאָן, באַוואַשן געוואָרן פון א רויטער בושע־כוואַליע. באַלד שוואַרץ געוואָרן, ווי די ערד, און א ווילד צעריסן געוויין האָט אויסגעבראָכן:

— טאַ־טע!

אַלץ אין איר איז פאַרגאַנגען אין א געוויין. יעדער גליד אירער האָט געוויינט. און דאַניעל האָט ניט געקאָנט צוזען איר צאַר. ער האָט זי געטוליעט צו זיך, דערהערט דאָס שלאָגן פון איר האַרץ. דערפילט דעם ציטער פון אירע ליפּן.

— וויאַזוי וועל איך איצט לעבן, טאַטע?!..

עס איז געווען אַזוי, ווי זי וואָלט די ווערטער אַרויסגעצויגן פון זײַן אייגן האַרץ. ראַכמאָנעס און פאַרצווייפלונג האָבן אים געוואָרגן און ער האָט מיטן אַרבל פון זײַן העמד געטריקנט אירע טרערן.

— מיר זײַנען מאַכטלאָז, טאָכטער!

פּלוצעם האָט זיך אים פאַרוואָלט שרײַען. ס׳איז געווען א ווילדער, כײַישער פאַרלאַנג צו שרײַען, גוואַלדעווען, אַפּטאָן אַזוינס, וואָס האָט נאָך דערווײַל קיין נאָמען ניט. זײַן האַרץ האָט באַגאָסן א הייסע כוואַליע פון סינע, און די אויגן האָבן געבליצט מיט א פלאַם פון מעשוגאַס...

שפּעט באַנאַכט, ווען דאַניעלס טאָכטער איז פון לאַנגן וויינען מיד געוואָרן און אײַנגעשלאָפן מיט אַן אומרויִקן שלאָף, האָט ער אַרופגעשלעפּט אַף זיך דעם פּעלץ, אַרײַנגעלייגט אין טײַסטער צוויי אָנגעפילטע ערדענע טעפּ און זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב.

איבערן הימל האָבן זיך געטראָגן כמאַרעס, ווי גרויסע פּאָנעם, צעריסענע אין שלאַכטן. דער גאַנצער אַרום איז געווען אין דער מעמשאָלע פון נאַכט און ווינט. די נאַכט האָט זיך ניט געוואָלט אויסלאָזן, און דער ווינט האָט ניט געוואָלט דורכלעכערן אַלץ, וואָס האָט אין וועג זיך אים באַגעגנט.

אין א פּאָר שאָ אַרום האָט דאַניעל מיט אַן אַנדערן וועג זיך אומגעקערט אַהיים און, ניט אויסטוענדיק זיך, פעסט אײַנגעשלאָפן.

אופגעוועקט האָט אים א א ווילד, צעשראָקן קלינגען פון קלויסטער־גלאָקן. ער האָט דערזען דורכן פענצטער, ווי אין דער פינצטער שפּילן פלאַמען. פלאַמען האָבן זיך געריסן צום הימל און אָנגעפילט די לופט מיטן רייעך פון סרייפע.

— אײַ, ווי דו ברענסט, היניטישער זון!

און ס׳איז געווען אַזוי ווי ניט זײַנע רייד האָט ער גערעדט, נאָר די רייד פון דוירעס

באַליידיקטע, באַשפּיגענע, וואָס האָבן געגאַרט נאָך נעקאָמע.

די נאַכט האָט זיך ניט געוואָלט ענדיקן.

און עס האָבן דורך טיר און פענצטער פון פריצישן הויף זיך געריסן פלאַמען. דער ווינט האָט זיי געיאָגט, ווי א בייזע קלאָלע, געהאָלפן צעבלאָזן די סרייפע.

פאַרטאָג איז אויסגעפאַלן א פרישער שניי.

און צווישן די אָפּגעברענטע באַלקנס האָבן אין דער לויטערער ווײַסקײַט זיך געוואַלגערט טשערעפּעס פון צעבראָכענע ערדענע טעפּ, אַזעלכע שאַרלעך־רויטע, גלײַך זיי האָט עמעצער מיט בלוט באַגאָסן...

נעכט

א שטילע לעוואָנע־נאַכט האָט זיך געשפּרייט פאַר מײַן פענצטער. שטערן האָבן אַרײַנגעקוקט און אײַנציקווײַז זיך געלאָשן, ווי אויסגעברענטע ליכט. איך האָב זיך דורכגעוועקט פון שלאָף און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט ביז צום ווײַטסטן, פאַרוואָרפנסטן ווינקעלע איז פאַרוויגט אין א קילער, אָפּגעלאָשענער בלויקייט.

אַזעלכע נעכט האָב איך געזען אין מײַן קינדהײַט צווישן טונקעלע בערג און שטיינערנע ברעגעס. געזען אין מײַן יוגנט, ווען זיי האָבן, ווי אויסגעשפּינט פון ליכט און שאָטן, אַרײַנגעוועבט אין מײַן כאָלעם די אײַדלסטע פעדעם פון בענקשאַפט און ליבע...

נעכט.

דאַרעמדיקע זומער־נעכט פון שטילן פרידן. איבערן טײַך שוועבט א פײַכטער דורכזיכטיקער נעפּל, ווי א דין שפּין־געוועב. רייכערט זיך, גלײַך דער וואַסערפלאַך וואָלט געפּרוווט זיך צונויפגיסן מיט דער לופט.

דאָס איז די צײַט פון סאַמע זיסן שלאָף באַם וואַרעמען פלאַקער פון צעלייגטע שײַטערס. אָטעמען טאַקע האַסטיק די ברוסטן, באַ מידע פליטנטרײַבער, וואָס שלאָפן אויס אָף נאַקעטע שטיינער זייער טיפן, העפקערדיקן שלאָף.

נאָר אָט שווימט אַרויס פון הינטער די בערג א פולע, קופערנע לעוואָנע, שפּילט מיט וואַרעמע בליקן און גיט צו פליגל די סאַמע דרייסטע טרוימען.

שטייט אוף, אויסגעמאַטערטע ספּלאַוויקעס! טרײַבט אָפּ פון זיך דעם זיסן שלאָף! איצט איז די צײַט, די בעסטע, אָף אויסבינדן ספּלאַוועס!

שאַרן זיך שווערע, טעמפּע טריט איבערן שטיינערנעם ברעג. און ס'הילכט אָפּ אין דער נאַכטישער שטילקײַט:

— זייליק!

— ליפּצע!

— שטעפּאַן!

ווישן מידע פליטנטרײַבער אָפּ דעם שלאָף פון די אויגן און נעמען וואַלגערן נאַסע, אָפּגעשיילטע געהילצן, באַגלייטנדיק יעדע באַוועגונג מיט א טיפן אָטעם־צוג:

— הע... הא, הע... הא!

און ס'דאַכט זיך, אַז אין די ווײַטע בערג קרימט זיך עמעצער נאָך:

— הע... הא, הע... הא...

בינדן פליטנטרײַבער ספּלאַוועס אויס. נעמען פאַר א שוטעף די לעוואָנע. ווײַל מע דאַרף אָפּכאַפּן. דער זומער איז קורץ. רעגנס לויערן אין די בערג, ווי ווילדע כײַעס אָף זײַער רויב, און די מוירע פאַרן ווינטער איז גרויס.

— זייליק!

— ליפּצע!

— שטעפּאַן!

נעכט!

אין פריצישן הויף לעשן זיך אײנס נאָכן אַנדערן די גרויסע, געקעסטלטע פענצטער, פאַרהאַנגענע מיט טײַערן זײַד.

לאַקירטע בריטשקעס צעפאָרן זיך, רודערן אוף די נאַכטישע שטילקײַט און דאָס געקאָוועטע פערדישע געלויף הילכט אָפּ, גלײַך מע וואָלט שטיינער געזיפּט.

באַראָן פאַן שטיפט בלײַבט איבער איינער אליין.

אין זײַן קאָפּ רוישט דער אַלטער בורגונדישער ווײַן, ווי דער הייליקער קלאַנג פון קלויסטער־גלעקער, און אין זײַן פאַרנעפּלטן שיקערן מויעך זידן די בלוטן פון אופרעגונג. ער פירט א שמועס מיט זיך אליין:

— די יידן, אָט דער פרעמדער עלעמענט אָף אונדזער ערד, בונטעווען זיך אײַנעם מיט די פויערים... לויערן אָף מײַנע גיטער, מײַנע וועלדער און זעג־מילן...

ער מאַכט א שפּאַן פאָרויס צום ווינקל, וווּ עס הענגט א זעלטן מײַסטער־ווערק פון איטאַליענישן רענעסאַנס. ציילעמט זיך ברייט איבער מיט דער גאַנצער פלאַך פון דער רעכטער האַנט און פאַרגלאָצט פרום די אויגן צום „הייליקן בילד", פונקט ער וואָלט צום ערשטן מאָל דערזען די נאַקעטע, צוגענאָגלטע געשטאַלט פון דעם געקרייציקטן.

— ביזן סאָף פון אַלע דירעס וועלן זיי טראָגן די שולד פאַר דײַן פאַרגאָסן בלוט!

און ציילעמט זיך נאָכאַמאָל איבער.

באראַן פֿאַן שטיפּט האָט אין די יונגע יאָרן שטודירט טעאָלאָגיע אין אַ דײַטשישן אוניווערסיטעט... און אין די בורשנשאַפֿטן און ווײַנקעלערס געכאָוועט אין שיקרעס און זנוס זײַן סינע צו יידן, געכאָוועט איינעם מיט זײַן „שטאָלצן גערמאַנישן גײַסט".

איצט שטייט ער אין אַ פּרומער פּאָזע. אין הארצן ברענט אַ ווילדע רעציכע און אין קאָפּ שווינדלט וואַנזין...

— ביזן סאָף פֿון אַלע דוירעס...

באראַן פֿאַן שטיפּט ציילעמט זיך צום דריטן מאָל איבער און די אָפּגעפּאַרענע בריטשקעס צעפירן איבער דערפֿער, שטעטלעך און פּאַלאַצינעס זײַן שטרענגן באַפֿעל:

„בונטארן אומעטום פּאַרפּאַלגן און באַשטראָפֿן!"

ווער האָט ניט געקענט דעם באראָנס באַפֿעלן?

האָט מען אין די נעכט באַ אײַנגעדרייטע לאָמפּן זיך באַהאַלטן פֿאַר שטעכיקע בליקן פֿון זשאַנדאַרן און געהיים־אַגענטן, געוועבט אַ בײַעם כאַלעם...

נעכט... פֿון לעוואָנע־שײַן באַלויכטענע. מיט פּלוצעמדיקע אַבלאַוועס און אָענלאַנגע, סאַדיסטישע פֿאַרהערן אין די סיגוראַנצע־קאַבינעטן.

— יודע...

— באָלשעוויק...

מאַמעס האָבן אויסגעוויינט די נעכט און דערשראָקענע געוואָרפֿן צדאָקע אין די מייער־באַל־נעס־פּושקעס. און טאַטעס האָבן אויסגעבונדן די באַראַנישע ספּלאַוועס, געפֿירט זיי איבער ברויזנדיקע טײַכן און זיך געשראָקן פֿאַר פּאַרוואָלקנטע הימלען...

— — — — — —

אַ פּולע לעוואָנע האָט אַרײַנגעקוקט אין מײַן צימער, באַגאָסן עס מיט אַ זילבער־ווײַסער שײַן. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פֿון די שטוב־ווינקלען שאַרן זיך אַרויס שאָטנס פֿון מײַן ווײַטער פֿאַרגאַנגענהײַט: פּליטנטרײַבער, צעשאָסענע באַ די ברעגעס פֿון היימישע טײַכן, און יונגע טרוימער פֿון אַ נײַער וועלט, אומגעקומענע אין די פֿלאַמען פֿון מילכאָמע־פֿײַערן...

אַן אַלטע ווערבע

ווי פֿיל פּליטנטרײַבער האָבן אין די זומערן אָפּגערוט אין איר שאָטן? און זי האָט, ווי אַ געטרײַע מוטער, אָפּגעהיט זייער רו.

איצט איז טיפֿער הארבסט!

די ווערבע שטייט אַ פֿאַרלאָזטע, און רעגנטראָפּנס, ווי טרערן, טריפֿן אַראָפּ פֿון אירע געלע, שטאַרבנדיקע בלעטער.

באַ איר צופֿוסנס האָט צעשפּילט זיך דער טשערמוש־טײַך.

זײַנע ברויזנדיקע וואַסערן זײַנען ווילד געוואָרן. געדרייט זיך, געיילט ערגעץ־ווו, און שטאַרקע כוואַליעס האָבן געשלאָגן אין איר אויסגעהוילטן שטאַם.

שטייט די ווערבע אַ געבויגענע, די ברוסט אַרויסגעשטעלט קעגן ווינט, גלײַך זי וואָלט געפּרוווט דערמיט פֿאַרהאַלטן די ווילדקײַט פֿונעם טײַך, ניט לאָזן אים פֿאַרפֿלייצן די ברעגעס.

גרויזאַם איז אָבער דער טשערמוש אַסיען־צײַט, ווען דריבנע רעגנס הילן אײַן די בערג און פֿון די וואַלד־טיפֿעניש קײַקלען זיך צו אים אָנצאַליקע טײַכלעך און ריטשקעס. מיט אַ ווילדן געברום צעגיסט ער זיך איבער טאָלן, פֿאַרטרינקענדיק אַלץ, וואָס שטייט אים אין וועג.

די ווערבע האָט געוווסט פֿון זײַן קראַפֿט און צאָרן, מיט טרויער געקוקט אויף די צעבושעוועטע וואַסערן און מאַכטלאָז געשטרעקט אירע שווערע אויסגעקרימטע צווײַגן.

באַם לײַדיקן ברעג, אײַנגאַנצן דורכגענעצט פֿון די גרויע רעגנס, האָט אַ יונגער פּליטנטרײַבער נאָכגעפּאָלגט די בייזע שפּיל, וועלכע דער טײַך האָט געפֿירט מיט דער אַלטער ווערבע.

זײַן לענגלעך, אָפּגעברענט פּאָנעם האָט אויסגעדריקט אומרו. ער האָט געוווסט, אַז די ווערבע קאָן יעדע רעגע אַרויסגעריסן ווערן מיט די וואָרצלען. נאָר וואָס קאָן אַ מענטש, איינער אַליין, אויפֿטאָן קעגן אַזאַ שטורמישער סטיכיי? ער האָט געזען, וויאַזוי די ווערבע אַמפּערט זיך מיט דער ניט געהעמטער ווילדקײַט און אירע צווײַגן וויגן זיך מיט אַ קלאָגנדיקן קרעכץ...

— כ'וועל ניט לאָזן זי אויף הפֿקר!

און ער האָט צעוויקלט אַ דראָט־זײַל (שוואַרע). מיט איין עק עטלעכע מאָל אַרומגענומען די ווערבע, ווי ער וואָלט אין רינגען זי אָנגעטאָן, און דעם צווייטן — געצויגן ביז צו אַ טיף פֿאַרגראָבענעם פֿעלדז. דערבײַ האָט זײַן האַרץ רויק געקלאַפּט, ווי עס דאַרף קלאַפּן באַ אַ מענטשן, ווען ער געפֿינט זיך אין אַ צושטאַנד פֿון אויספֿירן אַ כויוו...

— איצט, אויב זי וועט פֿאַרטראָגן ווערן, איז עס בלויז אַ בלינדער צופֿאַל!

און דער טשערמוש, גלײַך ער וואָלט דערפֿילט די קראַפֿט פֿונעם יונגן פּליטנטרײַבער, האָט לאַנגזאַם אָפּגעטראָטן, און נאָר פֿון צײַט צו צײַט, פֿון קאַס, ווײַזט אויס, זיי ביידן באַשפּיגן מיט אַ ברוינלעך־ווײַסן שוים...

דאָס האָט מײַן טאַטע מיר קינדווײַז דערציילט, און צוגעגעבן:

— געטרײַשאַפֿט איז די זון פֿון לעבן!

דאָס אָפּרו־הויז, אין וועלכן איך בין פאַרפאָרן, האָט זיך געפונען אין אַ טאָל באַם סאַמע ברעג פון די קאַרפּאַטן. באַם אַמאָל פון מײַנע ערשטע טרוימען, ערשטע שטרויכלונגען. און סימאָנים פון ווײַטע טעג האָבן מיט אַ זיסן ווייטעק מיך באַגעגנט.

דער טאָג האָט זיך געלאָשן.

איבער ריזיקע באַרג־שפּיצן איז געהאַנגען אַ רויטע, קײַלעכדיקע זון, און אין אירע לעצטע שטראַלן האָבן נײַע פּאַנסיאָנאַטן, מיט בונטע דעכער און ברייט געשניצטע סטריכעס, אויסגעפורעמטע אין אַ דעקאָראַטיוון הוצולישן סטיל, געלויכטן שטאָלץ און זיכער.

— אײַער נאָמען? — האָט געפרעגט בײַ מיר אַ יונגע „שוועסטער", וועלכע האָט פאַרשריבן יעדן נײַ־אָנגעקומענעם. אַ ליבלעכער שמייכל האָט געשפּילט אין אירע גרויסע קאַרע אויגן, און אליין איז זי געווען אַזוי צוטרעפלעך היימיש, אַז מיך האָט געוווּנדערט, וואָס זי טראָגט גאָר אַ ווײַסן כאַלאַט און ניט קיין פילפאַרביק אויסגענייט הוצוליש העמד, און אין אירע האָר פלאָנטערן זיך ניט קיין קאָלירטע לענטעס, ווי צוגעשפּיליעטע בליצן.

סטיליזירטע פּאַנסיאָנאַטן פאַר די אויגן.

אַ הוצולקע אין ווײַסן.

און נידעריקע, מיט שטרוי באַדעקטע פויערישע כאַטקעס אין זיקאָרן...

צופוסנס פון די בערג שפּרינגט אַ באַרג־טײַכל איבער שטיינער און גראָזן. די דורכזיכטיק־ריינע טיפקײַט באַהאַלט אין זיך די בלויקײַט פונעם הימל און דעם שאָטן פון די בערג.

דער זעלבער הימל, די זעלבע בערג.

עפּעס האָט אַ ווייע געטאָן מיט היימישקײַט...

און איך האָב דערפילט די פרייד פון קומען צוגאַסט צו פאַרגאַנגענע יאָרן, פון זען די היימישע בערג און דעם קישעף פון זון־פאַרגאַנג איבער זיי.

בײַ די ראַנדן האָבן געשאַרט זיך סילועטן פון פאַרליבטע פּאָרלעך און געזוכט אַן אָרט אַף זיך אויסבאַהאַלטן מיט זייער ליבע. עמעצער האָט זיך צעלאַכט יונג און הײַטער, האָבן די בערג באַלד געקייפלט דאָס פאַרבײַפליִענדיקע יונגע געלעכטער. אַ פרויען־שטים האָט זיך צעזונגען, און דער גאַנצער אַרום איז פול געווען מיט אויסגעכאָלעמטן ווונדער פון ליבע און געזאַנג.

אָ, קום שוין, שטילער אָוונט,
און וויג די וועלדער אײַן,
מיר זינגען דיר אַ לויב־ליד
אָ, ליבער אָוונט־שײַן.

האָט אין מײַן געמיט זיך אויך צעזונגען די אַלטע ליד, וואָס האָט אַמאָל אַנטפּלעקט פאַר מיר דעם צויבער פון יונגע, שטיל־פאַרליבטע פאַרנאַכטן.

אין דעמערונג האָט אַ קרומער, געפּלאָסטעטער וועג זיך צונויפגעגאָסן מיט די באַרגראַנדן. סאָסנעס האָבן געוויגט איבער אים זייערע צווײַגן. איך האָב געזוכט באַם וועג אַ גרויס הויז מיט אַ ברייטן הילצערנעם גאַנעק, אַרום וועלכן ס'האָבן אַמאָל בלומען־בייטן געשפּילט מיט צענדליקער פאַרבן. איך האָב געזוכט דעם אָנהייב פון מײַנע ערשטע טרוימען, און ניט געוווּסט, אַז דאָס הויז איז פון אַלטקײַט שוין לאַנג אײַנגעפאַלן. נאָר דער פּלויט איז ערטערווײַז נאָך געשטאַנען, און פון יענער זײַט פּלויט האָבן עפּלביימער מיט אַלטע אָפּגעקראָכענע צווײַגן אינדערשטיל געגויסעט.

איך האָב געקוקט אַף דעם פאַרלאָזטן גאָרטן, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי צווישן די ביימער גייט אַרום אַ נידעריקע מענערישע געשטאַלט אין שאַרפעברילן פון אַ קורצזיכטיקן און רעדט ווי צו זיך אַליין:

טרויעריק, קינדער, אַף דער וועלט דער
בריי‌טער, גראַמער!
ביטער, מיט אַ מאָשל כאָטש זיך קוויקן לאָמיר.

ניט איין מאָל, אין מינוטן פון פאַרצווייפלונג, אין אַ וועלט, פול מיט טרויער, האָבן די ווערטער, ווי אַ טרייסט, זיך אָפּגערופן אין מײַן האַרצן...

איך האָב דערזען די שמייכלענדיקע אויגן הינטער די ברילן, און מיר האָט געוואָלט זיך אויסרופן:

— כאַווער עליִעזער שטיינבאַרג!

נאָר ווי קאָן מען עס אָפּנאַרן זיך אַליין...

פון אַ באַרגשפּאַלט האָט זיך אויסגעשיילט אַ פערד און וואָגן, גלײַך אַן אָפּגעשטאָרבענע צײַט איז אַרויסגעפאָרן אַפן ברייטן שליאַך.

— וויאָ... הײַטאָ!

האָט אַ כריפּעוודיק קאָל אונטערגעטריבן די פערד. און דער וואָגן, אָן איבערגעלאָדענער מיט פריש געקאָסעטן היי, האָט פויל זיך געשלעפּט.

איך האָב אַ רעגע זיך פאַרטראַכט.

אַ רעגע איז אַ סאַך צײַט.

יעדנפאַלס, גענוג אַף אַריבערטראָגן זיך צום אָנהייב פון אַ פאַרלעבטן האַלבן יאָרהונדערט.

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין אַף דעם אַלטן וואָגן, מיט דעם אַלטן פירפאַכיקן סקריפּ פּלוצעם אַרײַנפאָרן אין מײַן ווײַטער

קינדהײַט. אַרײַנגעפּאָרן אין אַ וועלט, ווו אָרעמקײַט האָט ברייט געשפּאַנט איבער ייִדישע הײַזער, און קינדער, אײַנגעזויגענע אין שטויב, מיט פאַרגעלטע פּנעמלעך און ריינע, בלאָנדזשענדיקע אויגן, האָבן זיך אַרומגעטראָגן איבער ענגע הינטערגעסלעך, קינדער, וועלכע עליִעזער שטיינבאַרג האָט ווי טײַערע דימענטלעך אופגעקליבן, געבראַכט זיי אין דעם גרויסן הויז מיטן ברייטן גאַנעק באַם סאַמע אַרײַנפאָר אין די קאַרפּאַטן, אין הויז, וואָס האָט געהייסן:

„זומער־קאָלאָניע פון ייִדישן שול־פאַריין”.

איך בין אויך געווען איינס פון יענע קינדער, פאַר וועמען עס האָט אַנטפּלעקט זיך די גרויסע שטיינבאַרגישע ליבע.

אלעף — אלע מענטשן זײַנען ברידער,
בייס — ברידערלעך זײַנען קינדער...

און ביז הײַנט נאָך, ווען איך דערמאָן זיך זײַן גאַנצן אַלעפבייס, ביז טאָוו, קלינגט ער אין מײַנע אויערן באַזונדערס דערהויבן.

זײַנע לימודים און זײַנע ווונדערלעכע קינדער־מײַסעלעך, וואָס ער פלעגט דערבײַ דערציילן, האָבן פאַרצויבערט מיט זייער רירנדיקדיכטערישער וויזיע.

ער האָט גערן דערציילט מײַסעלעך וועגן באַלשעם, וועלכער האָט געלעבט דאָ אין די אַרומיקע בערג און געפירט טאַטשקעס לײַם אַף זיך מעפּאַרנעס צו זײַן. איך האָב מיט אַ פאַרגאַפטער באַגײַסטערונג זיך צוגעהערט צו דער ערדישער פּאַשטעס, מיט וועלכער ער האָט אויסגעוועבט זײַן בעש”ט, צום שטילן טאָן, צו דער אידילישער רו און פּאָעטיזירטער פרישקײַט פון וואָרט.

אויך מײַן טאַטע פלעגט גערן דערציילן מײַסעס וועגן באַלשעם. באַ מײַן טאַטן אָבער זײַנען זיי געווען געטלעכער, הייליקער, באַהאָפטן און דורכגעזאַפּט מיטן צויבער פון לעגענדע. מײַן טאַטנס באַלשעם האָט אויסגעזען ווי אַ מאַלעך, פאַרשטעלט אין אַ פּאָשעטן ייִדן.

האָט אָט דער ייִד, שטיינבאַרגס ייִד, אין איינעם אַ טאָג געשפּרײַזט איבער די בערג, אַ פאַרטראַכטער אין זײַנע מאַכשאָוועס, מיט עפּעס אַ ניגן אַף די ליפּן. און ער איז אַזוי גייענדיק צוגעקומען צו אַ טיפן באַרגשפּאַלט. נאָך אַ שפּאַן, — און ער וועט, ווי אַ שטיין, זיך אַראָפּקײַקלען אינעם שוואַרצן אָפּגרונט. זײַנען אין דער רעגע די בערג זיך צענויפגעקומען, און ווען ער האָט אַריבערגעשפּאַנט די טיפעניש אופגעהויבן די אויגן, האָט ער מיטאַמאָל דערזען פאַר זיך אַ יונגן הוצול אַף אַ פערדיק פערד.

— היי, סרולעק, מיט וואָס פאַר אַ קישעף האָסטו נאָרוואָס צוויי בערג צונויפגעפירט?

דער באַלשעם האָט ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן, ווײַל ער האָט ניט געזען, וואָס אונטער זײַנע פיס איז פאָרגעקומען, האָט ער אַ שמייכל געטאָן מיט זײַן ליכטיקן שמייכל און געענטפערט:

— איך בין ניט קיין קישעפמאַכער, מײַן האַר!

אַזוי האָבן שוין צום וויפלטן מאָל זיך באַגעגנט אין די בערג רעב ייִסראָעל באַלשעם און דער שטאָלצער ריטער פון די קאַרפּאַטן — אָסעקסע דאָוובוש...

ווען מיר איז אויסגעקומען שרײַבן אַ שריפטלעכע אַרבעט און איך האָב אַף פּאַפּיר געפּרוּווט אויסלייגן „מײַן באַלשעם”, האָבן קיין ווערטער ניט געסטײַעט. און די, וואָס זײַנען אונטערגעקומען, האָבן אויך עפּעס ניט געטויגט.

„...ווערטער דאַרפן זײַן אַפן רעכטן אָרט, נאָר די און ניט קיין אַנדערע”, — האָב איך פאַרגעדענקט שטײַנבאַרגס אַ זאָג.

איך האָב לאַנג געשריבן. געמעקט און געשריבן, און פאַרענדיקט מײַן ערשטן פּרוּוו אַזוי:

„ווילד און טויב איז געווען אין די וועלדער. אין די נעכט זײַנען די בערג שפּורלאָז פאַרשוווּנדן און נאָר שטערן זײַנען געפאַלן”.

מיט פּאַכעד האָב איך צוגעטראָגן שטיינבאַרגן דאָס אָנגעשריבענע, כאָטש ער איז אַליין געווען, ווי אַ קינד, וואָס האָט געלויכטן מיט דורכזיכטיקער ריינקײַט.

אַ טאַלמיד־כאָכעם און אַ קינד האָבן געלעבט אין אים געאַרעמט...

— אײַ, סאַראַ קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס!

ער האָט אַ קוק געטאָן אַף מיר, און זײַנע אויגן הינטער די ברילן האָבן זיך צעגליט מיט אַ גלי פון שטראַלנדיקער גוטסקײַט.

איך בין געבליבן אַליין מיט מײַנע „קאָטשערעס און לאָפּעטעס”. אַפן האַרצן האָבן אומעטיק געקלעמט טרערן. און נאָר דער ווינט האָט פריילעך געשטיפט אין די עפּלביימער, ווי ער וואָלט מיך באַרויִקט:

— נאַרעלע, ניט יעדן איז באַשערט צו זײַן אַ שרײַבער... דערפאַר אָבער ווועסטו שטענדיק זיך קאָנען רימען, אַז דו האָסט געלערנט ייִדיש באַ עליִעזער שטיינבאַרג.

אין יענעם טאָג האָב איך אַרויסגעשפּאַנט פון מײַן גאָלדענער קינדהײַט אַפן וועג צו רײַפער יוגנט...

* * *

איך בין געשטאַנען באַם פּלויט, זיך אײַנגעהערט אינעם אַלטן קרעכץ פון די עפּלביימער. אַ ציטער האָט מיך אַרומגענומען און איך האָב געטראַכט: אין דעם טאָל זײַנען געווען אַמאָל שאָלעם־אַלייכעם, פּערעץ, אַש. דערנאָך — שטיינ־

בארג. איציק מאנגער האָט געזען דאָ „שטערן אפן דאך”... איצט שטארבן דאָ ביימער פון אלטקײַט...

אין די פאנסיאָנאטן האָבן דערווײַל אופגעבליצט פײַערלעך, געפינטלט ווי געלע אויגן. אלץ מער און מער, ביז גאנצע ווענט זײַנען פארוואנדלט געוואָרן אין פלאמען. איך האָב זיך אומגעקערט צו די באלויכטענע סטיליזירטע פאנסיאָנאטן, צו דער העלער, יונגער וועלט, פול מיט ליבע און געזאנג, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז אין אָט דער וועלט בין איך מיט מײַן עלטער ניט מער ווי א זײַטיקער גאסט...

ג ע ש ט א ל ט ן

דער טאָג איז אויסגעפאלן א זעלטן לויטערער, גלײַך לענינגראד האָט, ווי א פאָרהאנג, צערוקט אף א ווײַלע זײַן שפעט־הארבסטיקן נעפל.

איבער פילצאָליקע דענקמעלער, ווי שטיקער פארשטיינערטע געשיכטע, איבער קלויסטער־טורעמס, איבער הארמאָניש־צעשטעלטע פאלאצן און סקווערן, האָט ווי א זײַדן געוועב זיך אויסגעשפרייט א העל־בלויער הימל. ברייטע גאסן האָבן געאָטעמט מיט א באזונדער פרישקײַט און פול געווען מיט שטאָטישע קלאנגען. פײַערלעך און שטאָלץ איז דער ווינטער־פאלאץ געשטאנען אין זײַן בלויער הימלשער פראכט און אויסגעזען אזוי דורכזיכטיק לײַכט, גלײַך ער וואָלט געשוועבט אינדערלופטן. פון אקעגן האָט אריבערגעקוקט צו אים די טרויעריק־באַרימטע פעטראָפאוולאָווער פעסטונג, און איר שארף־פארשפיצטער קופאָל האָט, ווי א גאָלדענע שפיז, געפינקלט אין זײַנע בלויע שויבן. און צווישן ביידע האָט די ניעווא, דער טײַך פון לעגענדע און העראָיזם, געטראָגן אירע וואסערן. און א מאָדנע שטימונג האָט באהערשט דאָס געמיט. געמאכט פארגעסן די ווירקלעכקײַט, פארפירט אף אנדערע וועגן, — וועגן, וואָס לויפן אף צוריק, אין דער טיף פון דוירעס...

איך האָב דורכגעקווערט דעם ברוקירטן פלאץ און פארבויגן אין ערמיטאזש, אין דער בארימטער גאלעריי פון קונסט און מאָלערײַ. בא די טרעפ האָט מען פארקויפט רעפראָדוקציעס פון קונסט־בילדער, סוווענירן, וועלכע טוריסטן פון אלע עקן וועלט פירן אוועק מיט זיך, גלײַך זיי וואָלטן מיטגענומען אומפארגעסלעכע טעג, פארבראכטע אין לענינגראד.

איך האָב זיך א לאָז געטאָן איבער די געראמע זאלן פונעם ווינטער־פאלאץ, איבער די זאלן פונעם וווּנדערלעכן ערמיטאזש. ס׳איז געווען, ווי איך וואָלט מיטאמאָל ארײַן אין א לאבירינט פון צארטסטע קאָלירן. א מין סימפאָניע פון ליכט און פארבן.

די אויסגעשטעלטע מאָלערײַ האָט מיך איבעראשט מיט דער טיפער ליבע צום לעבן, צום מענטשן, און נאָר די אבסטראקטע פאָרמען פון דער מאָדערנער קונסט האָבן פאר מיר שווער אנטפלעקט דעם סאָד און דעם זין פון זייער שיינקײַט.

פלוצעם בין איך ארײַן אין א זײַטיקן זאל, ווו אָנשטאָט אויסגעשטעלטע געמעלן האָבן בילדער פון ווײַטע, ווײַטע אוראלטע צײַטן באדעקט די ווענט און די סטעליע, גלײַך געשטאלטן, אײַנגעהילטע אין העל־פארביקער אלטערטימלעכער קליידונג, האָבן ווי נאָרוואָס ארויסגעשפאנט פון דער ביבל, און ווי לעבעדיקע מיר אנטקעגנגעגאנגען. און ס׳האָט אויסגעזען, ווי א סייפער־טוירע האָט מיטאמאָל זיך צעוויקלט, און אָנשטאָט שווארצע, פארצוקטע אויסיעס פלאמען שארלעך־רויטע און ליכטיק־גרינע פארבן.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז איך בלאָנדזשע ארום איבער די סעדרעס פון ברײשעס. איבער די ווײַטע ווינטערדיקע כיידער־נעכט — די פארקישעפטע שאָטנס פון מײַן קינדהײַט, וואָס אין רײַפן עלטער לויכטן זיי אוף מיט אן איבעראשנדיקער קראפט.

איך בין געשטאנען באם באשאפן די וועלט און באם פארניכטן סדאָם. כ׳האָב געהערט שרײַען העוועלס אומשולדיק פארגאָסן בלוט און געזען ייִצכאָקן, א געבונדענעם אפן מיסבייעך פון בלינדער אונטערטעניקײַט... געזען די שאָטנס פון טויט אין זײַנע אויגן, ווען די לעצטע רעגע איז געהאנגען אפן שארף פון כאלעף.

אונטערן געשפאָלטענעם הימל האָבן זיך געריכערט שווערע וואָלקנס. און ייִצכאָקס פארגאפטע בליקן, פול מיט יונגן לעבעדיקן ברען, האָבן געקוקט ארוף אין דער טיפקײַט פון ווײַטן הימל, גלײַך זיי וואָלטן ניט געקאָנט זיך אָפרײַסן פון עפעס אן אויסערגעוויינלעכער וויזיע.

וואָס האָבן זיי דאָרט געזען אין דער טיפקײַט?

עפשער דעם דוירעסלאנגן וועג פון בלוט און פײַער, מיט רעדיפעס און קרייץ־צוגן, מיט אינקוויזיציעס, גאז־קאמערן און אויסגעברענטע צייכנס אפן לײַב...

מאלאָכים האָבן געשוועבט איבערן געשפאָלטענעם הימל. באוויינט ייִצכאָקס יונגן, גרויזאמען טויט.

מיט א צײַט צוריק האָב איך אין דעם אלטן רוסישן נאָווגאראָד, דעם שטאָלץ און רום פון

סלאַווישן מיטלאַלטער, דערזען אין א קלויסטער, איבערן סאמע אלטאר, דעם זעלבן סוזשעט פון אקיידעס יי͏ִצכאָק. נאָר עטוואָס בלייכער אין פארבן און נאַיווער אין אויספירונג. די ווענט פונעם קלויסטער זײַנען געווען אומעטיק גרוי, און ס׳האָט זיך געדאַכט, ווי אין דער געהעמטער שטילקייַט שוועבט ארום צווישן די ווענט דאָס קאָל פונעם מאלעך:

אל תשלח ידך אל הנער! (טשעפּע ניט דאָס יי͏ִנגל!)

און איצט האָבן צום צווייטן מאָל, ווי א שווארצער בליץ, א צאַפּל געטאָן יענע ווײַטע, אומרוי͏ִקע נעכט, ווען מײַן קינדערישן שלאָף האָט געשראָקן דער כאַלעף אין דער האַנט פון אווראָהאָם אָווינו, ווען איך האָב פון ראַכמאָנעס צו יי͏ִצכאָקן זיך באַגאָסן מיט טרערן, און ערגעץ טיף־טיף באהאלטן פײַנט באקומען דעם גאָט, וואָס האָט געהייסן זיך ברענגען א לעבעדיקן מענטשלעכן קאָרבן...

אויך אין יאנקעווס אויגן, שווערע פון אלטקײַט און רײַכע מיט דערפארונג און כאָכמע, האָט געפיבערט א פארזאָרגטע אומרוי͏ִקײַט. ער האָט געגרייט זיך אוועקגיין אהין, פונוואנען מע קומט קיינמאָל ניט צוריק. קאָן זײַן, אז אין אָט די לעצטע מינוטן האָבן אים געפּײַניקט די ליידן פון זײַנע אורייניקלעך מיט צעבראָכענע גלידער און דערשטיקטע אָטעמס... עפּשער האָבן די אלטע אויגן געזען אָשווענטשים, טרעבלינקע... צי גאָר די גוורע פון אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ?..

איך האָב לאנג ניט געקאָנט זיך אָפּרײַסן פון דעם בילד. אין הארצן האָט גענאָגט א פארקלעמטער ווייטעק. און ס׳איז גאָרניט געבליבן ארום מיר, אויסער דעם אלטנס פּאָנעם, צעאַקערט פון טיפע קנייטשן, אויסער די טרויעריק־פארזאָרגטע אומעטיקע אויגן.

און מיר האָט זיך געדאַכט, אז זײַנע הענט, וואָס ער האלט איבער די קעפּ פון יויסעפס קינדער, ציטערן. די זעלבע הענט, וועלכע איך האָב נאָרוואָס געזען אף רעמבראַנדס א באַרימט געמעל, די זעלבע ווארעמע פאָטערלעכע הענט, וואָס האָבן מיט אַזויפיל צאַרטקײַט און לײַדנשאַפטלעכער ליבע, צוגעטוליעט צו זיך דעם פארלוירענעם זון... און זײַנען גרייט געווען ארומנעמען די גאַנצע וועלט. צודריקן זי צום הארצן אין אומענדלעכער גרויסער ליבשאַפט.

און א שפּאַן ווײַטער האָט דער ניל שטאָלץ און מעכטיק געטראָגן זײַנע וואַסערן. און צוויי פרויען האָבן פאָרזיכטיק ארויסגעצויגן פונעם טײַך א קעסטעלע מיט א וויינענדיק קינד, א קאָרבן פון יענעם ערשטן בלוטיק־גרויזאַמען קיניגלעכן גזאַר:

— כל הבן הילוד היארא תשליכהו... (יעדן נײַ־געבוירענעם זון ווארפט אין טײַך ארײַן).

פון די לײַכט דראַפּירטע פענצטער האָט געזיפּט א מאַטע שײַן, געפאלן אף די פרעסקעס, זיך געשפּיגלט אינעם ליכט פון זייערע פארבן. און איך בין ווי א פארקישעפטער געגאַנגען פון פרעסקע צו פרעסקע, און מיט דאַנקבארקײַט פארקריצט אין זיקאָרן די רוסישע אופשריפט באַם ארײַנגאַנג אין זאַל:

„לאָדזשי אי סטאַנצע ראַפאַעליא".

און ס׳איז אין די גלי͏ִענדיקע פארבן געווען א וווּנדערלעכע, קימאַט געצנדינערישע פארבינדונג צווישן דער רײַכקײַט פון די פרעסקעס, געשאַפענע פונעם גרויסן איטאַליענישן מײַסטער סאַנטי ראַפאַעל, און די געשטאלטן פון דער ביבל, פול מיט צוריקגעהאלטענער לײַדנשאַפט און ליבע...

ווען איך האָב פארלאָזט דעם ערמיטאַזש, האָט דער טאָג געהאלטן אין פארגיין. א הארבסטיקער נעפּל האָט ווידער אײַנגעהילט די שטאָט. און די גאַסן זײַנען מיטאַמאָל געוואָרן שמעלער, ליידיקער. די קלויסטער־טורעמס האָבן אויסגעלאָשן דעם גלאַנץ פון זייערע צלאָמים. און נאָר אין די פענצטער פונעם ווינטער־פּאַלאַץ, דעם דענקמאָל פון גרויזאַמען אבסאָליוטיזם און ליכטיקע אידעאַלן, ווו מיט העכער זעכציק יאָר צוריק האָט זיך אָנגעהויבן א נײַע צײַטרעכענונג, האָט געפלאַמט א בלייכער ווידערשײַן פונעם ווײַטן הארבסטיקן האָריזאָנט, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אז אף יענער זײַט, אין יענעם זאַל, ווו עס דרעמלען די ראַפאַעלישע פרעסקעס, באַוועגן זיך שאָטנס פון ווײַטע אוראַלטע צײַטן, גלײַך ווי זיי וואָלטן ארויסגעשפּאַנט פון געלן צעוויקלטן פארמעט.

וואַרשע

דער שנעלצוג „בוכארעסט—ווארשאַווא" טראָגט זיך מיט אײַלעניש דעם אָוונט אַנטקעגן. אף יענער זײַט פענצטער טאַנצט א יונגער פרילינג, פארשפּרייט א לינדע, קלעפּיקע זיסקײַט און עטלעכע גרויסע שטערן, ווי בריליאַנטן, כּיינדלען זיך צו א יונגער האלבער לעוואָנע.

פליט אף דער שוועל פון דער נאַכט פארבײַ א קליין וועכטער־שטיבל, און דער איינציקער לאַמטערן ווינקט שטיפעריש מיט א דינעם געלן ציטער. א באַן־סטאַנציע טויכט אוף מיט טונקעלע געשטאלטן, אויסגעשטעלטע אפן פּעראָן, גלײַך זיי וואָלטן געציילט די וואַגאָנען, און א

פאַרלײַבט פּאָרל שיקט נאָך אַ זאַפּטיקן, גליקלעכן שמייכל.

— היי־היי!

אין קופּע, באַלויכטן פון אַ מאַטער שיטערער שײַן, איז געמיטלעך און זויבער. מענטשן דרעמלען אַף די ווייכע פּאָלקעס, מענטשן, וואָס האָבן זיך פריִער קיינמאָל ניט געזען, ריידן אינדערשטיל, ווי אַלטבאַקאַנטע, און אַ קוים באַהאַלטענער נײַגער לויכט אין די אויגן.

— איר פאָרט קיין לוואָוו?

— ניין, קיין וואַרשע.

— אַף אורלויב צי אין קאָמאַנדירונג?

— אַף אַ כאַסענע... אַן אַלטער פרײַנט, אַ געוועזענער פּאַרטיזאַנען־קאָוואַר אין די ווײַסרוסישע וועלדער מאַכט כאַסענע אַ טאָכטער...

רײַסט אַף אַ ווײַלע זיך איבער דער שמועס, ווי ס׳וואָלט זיך אָפּגעשטעלט דער שטראָם פון געדאַנקען אין די דרעמלענדיקע מויכעס, ווערט אָבער באַלד ווידער אָנגעקניפּט, ווײַל עמעצער האָט עפּעס ניט דערפרעגט, עמעצער האָט עפּעס ניט דערזאָגט.

— איינצײַטיק וועל איך שוין זײַן בײַ די געטאָ־פײַערונגען!

— איר זײַנט געווען אין געטאָ?

— אַפילו אָשווענטשים ניט אויסגעמיטן...

און ווי אָפּגעלאָשענע קוילן, וואָס האַלטן נאָך אין טליִען, באַווײַזן זיך אַפן אָרעם זעקס שוואַרצע, אויסגעבריִענטע ציפערן.

יאָגט דער צוג מיט אַ שווערן אײַזערנעם געקלימפּער, ווי ס׳וואָלטן אים נאָכגעלאָפן צעשפּליטערטע עכאָס... און שוין אין שלאָף הערט מען, ווי ס׳וויקלט די ווײַטקײַט זיך אַף די רעדער...

...לויפן פּאַרויס רעלסן איבער דערפער און שטעט, שנײַדן דורך גרענעצן און לענדער. האָבן געיאָגט אַף זיי באַנען פון האָלאַנד און טשעכיִע, אונגאַרן און פראַנקרײַך. געיאָגט דער נאַכט אַנטקעגן און זיי האָט באַגלייט אַ פינצטערער ווינט, ווי דאָס געשריי פון אַ וואַנזיניקן.

— אייראָפּע מוז ענדליך יודענרײַן ווערדען!

און „שוואַרצע צוגן" האָבן נאַכט נאָך נאַכט, ווי מיט אַ פאַרבלוטיקטער שווערד, דורכגעשניטן דעם פאַרשקלאַפטן מיזרעוו, געצײַלט קיין וואַרשע, געפירט מיט זיך דעם גלאַנץ און קאַוועד פון הונדערטער אויסגעליידיקטע, באַרויבטע ייִדישע קעהילעס. געפירט געשענדטע מענטשלעכע פײַן און וויי... און ס׳האָט געקייפּלט זיך דער אומעט אין דער פאַרכאַלעשטער, אויסגעהונגערטער געטאָ, מיט העפקערע גאַסן, אויסגעשטעלטע אַף שפּאָט און פאַרניכטונג, אָנגעשטאָפּטע מיט ווייטעק און שרעק... האָבן ניט אַף לאַנג זיך פאַרהאַלטן באַנען, געפאָרן ווײַטער קיין אָשווענטשים, טרעבלינקע — לעצטע וועגן, לעצטע סטאַנציעס... און עס האָט געקלאָגט די ערד אונטער די רעדער...

אָשווענטשים...

ייִדן פון טשעכיִע און האָלאַנד, פון אונגאַרן און פראַנקרײַך וואַרטן פאַרגאַזט צו ווערן, שטייען נאַקעטע, מיט אַנטבלויזטע לײַבער. מיט פענעמער, בײַ וועלכע מע האָט צוגעראַבעוועט דעם צעלעם עלויקים. פּרוּוון געבראָכענע געשטאַלטן זיך אײַנשרומפּן, קלענער ווערן, ווילן אין גרויסער געפאַלנקײַט פאַרדעקן די שאַנד, דאָס נאַקעטע מעשוגאַס.

הויערט אום אַף אַלעמען דער טויט
און די עלנט בליט און בליט,
ווי אַן אופגעריסן צעײַטערטע וווּנד
אין האַרץ
אין סאַמע מיט
פון דער וועלט...

שאַרט זיך בײַ דער זײַט אַ ייִדישער דיכטער, אײַנגעהויקערט, ווי אין טיפן עלטער, כאָטש ער האָט קוים דרײַסיק אָפּגעלעבט. אַף זײַן בלייך אָפּגעצייגן פּאָנעם ציטערן די שאַרף פאַרשפּיצטע שטאַרצנדיקע ביינער און זײַן שוואַך קאָל בעט זיך בײַ אַ ייִנגעלע, וואָס זעט אויך שוין אויס, ווי אַ זאַקן:

— לאָמיר זיך בײַטן... איך שטעל זיך אַף דײַן אָרט... סײַווי האָב איך שוין די לונגען אויסגעשפּיגן...

קוקן אַף אים אַ פּאָר פאַרכידעשטע קינדערשע אויגן... שמייכלט דער דיכטער מיט אַ טויטבלאַסן שמייכל.

— דו גלייבסט מיר ניט?

...נאָך אין דער היים
בין איך אַ פאַרשוין אַזאַ געווען,
וואָס כ׳האָב לאַנג מײַן גוירל שוין
מיט אָרעמע געטיילט.

דאַכט זיך, נעכטן זײַנען בײַ אים געווען שוואַרצע, מיט דינעם זילבער איבערגעפלאָכטענע האָר. זײַנע קורצזיכטיקע אויגן זײַנען געווען אין שטענדיקער באַוועגונג: אופגעלויכטן און באַלד פאַרלאָשן געוואָרן, זיך אָנגעפילט מיט פרייד און אין אַ ווײַלע אַרום געקוקט שוין אומעטיק. און ס׳איז ניט מעגלעך געווען אויסצובאַהאַלטן אין זיי דעם ברויזנדיקן אומרו פון זײַן נעשאָמע.

ער איז געווען אַ באַוווּסטער דיכטער, זײַנע לידער האָט מען אין די אַרבעטער־קיכן געלייענט אַף אויסווייניק, אָפּט איז ער אַליין אַרויסגעטראָטן, און ס׳האָט פון זײַן פּאָעזיע געווייעט מיט אַזאַ טיף־איבערצײַגנדיקער אינטימקײַט, גלײַך ער וואָלט געלייענט זײַן אייגענעם טאָגבוך, זײַנע פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען

זײַן הארץ איז געווען איבערפֿולט פֿון ליבע צו דערנידעריקטע און באַליידיקטע, נאָר שטאָלצע און פֿרײַע מענטשן. צו זיי האָט ער געווענדט זײַן רוף:

לערנט ליב האָבן דאָס לעבן!

שאַרט דער דיכטער זיך, דער לעבעדיקער מענטש, — דאָס סאַמע שטאָלצע וועזן אויף דער וועלט — היט זיך, ניט באַמערקט צו ווערן פֿון נעם סוינעס אויג, און רעדט אײַן א פּאָפּצניאַריק באַכערל:

— דו ביסט נאָך יונג... דו וועסט עפּשער איבערלעבן....

און ס'דאַכט זיך, ווי ער רוימט אים אײַן אין אויער א סאָד:

באַ מיר —
איז א הארץ, פֿון טאָמיד אָן אַזאַ פּאַראַן,
וואָס ציטערט אַזוי
פֿאַר יעדן פּיצל פֿרעמדן גליק,
פֿאַר יעדן פּיצל פֿרעמדן גוטס...

גייט עפּשער ערגעץ־ווו אויף דער וועלט אַרום א ייִנגל, הײַנט שוין אין די יאָרן, און לעבט א לעבן, וואָס ס'האָט אויסגעביטן פֿאַר א שווידערלעכן טויט מײַן יוגנט־פֿרײַנט, דער צאַרטער דיכטער — זישע באַגיש...

אײַלן באַנען איבער דערפֿער און שטעט, שנײַדן דורך גרענעצן און לענדער.

— נאָך אָסטען!

הענגט איבער דער געטאָ א האַרבסטיקער טאָג, א וואַרעמער, מיט א דראָענדיקער ליכטיקײַט אויף די דערשטיקטע, פֿאַריאָמערטע גאַסן. די זון צעלייגט פֿאַרזיכטיק עטלעכע געלע שטראַלן, ווי שפּיציקע מעסערס, גלײַך זי וואָלט זיי מיט אונטערגענג אַרײַנגעשמוגלט. אויפֿן אומשלאַג־פּלאַץ, ווו ס'שטעפּן קוילנוואָרפֿער, גייט איבער דער טויטער געטאָ אַרום א פֿרוי אין שוואַרצן, ווי זי וואָלט פֿון א סרייפֿע זיך אָפּגעשפּאַלטן. די צעפֿליקטע שאַל פֿאַלט אַראָפּ פֿון איר קאָפּ, און דער ווינט פּאַטלט אירע אַשגראָווע האָר. זי טראָגט א קינד אויף די הענט, טראָגט עס צוגעטוליעט צו דער ברוסט און אויף איר פֿאַרקוילט פּאָנעם שײַנט א ליכטיקער אויסדרוק, אַן אויסדרוק פֿון אומבאַגרענעצטער מוטערלעכער צאַרטקײַט.

— שרעק זיך ניט, קדיש מײַנער... דו וועסט אימירצעשעם אויסוואַקסן גרויס און שטאַרק...

זי שפּאַנט לאַנגזאַם אָן מוירע. די קוילנוואָרפֿער שטעפּן און שטעפּן. זי וויגט איר קינד אין די אָרעמס, ווי אַלע ייִדישע מאַמעס פֿלעגן אײַנוויגן זייערע קינדער:

אונטער דײַן וויגעלע
שטייט א ווײַס ציגעלע...

און דער ווינט שפּילט מיט די פֿלאַמען פֿון דער ברענענדיקער געטאָ.

וואַכן אויף אירע זין און טעכטער, פּאַרפּײַניקטע רעשטעלעך פֿונעם שטאָלצן פּוילישן ייִדנטום, זאָגן אָן א שלאַכט דער פֿינצטערער קראַפֿט פֿון טויט און פֿאַרניכטונג. און ס'דאַכט זיך, ווי די אויסגעהאַרגעטע געטאָ פֿירט א בלוטיקן קאַמף פֿאַרן קאָווער פֿונעם פֿאָלק, פֿאַר זײַן קיום...

ווילט זיך אויסשטרעקן א האַנט, אַנעמען עטלעכע שטויבעלעך פֿונעם הייליקן אַש, באַשיטן מיט זיי דעם קאָפּ און, שטייענדיק אַזוי, זאָגן ייִזקער נאָך די קדושים פֿון וואַרשעווער געטאָ...

— — — — — — — — — —

— היי, כאַווערל, וועקט זיך דורך... עפּעס ווײַנט איר צו שטאַרק פֿון שלאָף!..

יאָגט דער שנעלצוג „בוקאַרעסט — וואַרשאַוואַ", פֿלאָנטערט זיך אויס פֿון דער נאַכט. ברענט פֿונווײַטן דער קאַיאָר אין רויטן גינגאָלד א נײַעם טאָג אַנטקעגן, קניפּט מען אָן דעם נעכטיקן שמועס:

— איר זײַנט געווען אין וואַרשע?

— ניין!

א שאָד, א זעלטן יונגע און א שיינע איז די פּוילישע הויפּטשטאָט...

קלאַפּן די רעדער, וויקלען די ווײַטקײַט, דערנעענטערט זיך וואַרשע, דער אייביקער סימבאָל פֿון מאַרטירערשאַפֿט און גוווּרע.

מאַטל גראָוומאַן

זאָל אייביק זײַן דער גרויסער טאָג

די ליד וועגן גרויסן טאָג

אַט אַזוי איז לעבן איז באַשערט:
יעדער טאָג זײַן וואָג האָט און זײַן ווערט.
טעג ווי בײַנען הודען, אָן א שיר?
יעדער טאָג זײַן פאַרב האָט, זײַן קאָליר.
טעג אָן צילן בלאָנקען, ווי די שאָף;
יעדער טאָג זײַן אָנהייב האָט, זײַן סאָף.

צווישן אַלע טעג ז'פאַראַן א טאָג,
וואָס ניט אויסמעסטן זײַן ברייט,
זײַן לענג, זײַן וואָג.
אַט דעם טאָג אין סאַמע שוואַרצער נאַכט
אויף דער ערד האָט לענין אונדז געבראַכט.
ס'האָט געבראַכט אים לענין און געזאָגט:
זאָל ער אייביק לויכטן, אונדזער טאָג!
יעדער מענטש זאָל פֿרײַ און גליקלעך זײַן,
מער ניט וויסן פון קיין גרויל און פּײַן.

פאַרן גרויסן טאָג וואָס איז גערעכט,
כ'בין געגאַן אין בלוטיקן געפעכט.
כ'האָב געליטן קעלט און היץ און פּײַן,
אַז דער גרויסער טאָג זאָל אייביק זײַן.

ווי די סאָסנע

האַרבסט. די ערד אין קאַלטער ראָסע.
ווינטער. שניי אַרום און ווינט.
נאָר די סאָסנע,
נאָר די סאָסנע
איז ווי פרילינג פריש און גרין.

און ווײַל כ'בין א מענטש, א פּראָסטער,
כ'וואָלט געוואָלט
אין פרייד, אין פּײַן —
ווי די סאָסנע,
ווי די סאָסנע
שטענדיק גרין און פריש כ'זאָל זײַן...

די קראָ

דער קראָ כ׳וואָלט א מאנטל געגעבן א נײַס,
דאָס שווארצע פארביטן איך וואָלט אף א ווײַס,
געגעבן איר פעדערן פריילעכע, בונטע.

נאָר דעמלט די קראָ
וואָלט אינגאנצן פארשוונדן...

דער שפּון און די פליג

דער שפּון, ער איז א מײַסטער,
אין איין בליק
א נעץ האָט אויסגעפורעמט —
אן אנטיק!
די פליג האָט בלויז
די נעץ געטאָן א ריר...
ס׳איז אײַך באוווּסט,
וואָס ס׳איז געשען מיט איר.

אין וועג

צום יאם,
צום יאם
די טײַכן פליסן —
א גרויסע ברידערשאפט
צו שליסן.

צוזאמען זײַן!
און עס זאָל קיינער
אין ווײַטן וועג
ניט בלײַבן איינער...

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

זעליק אַקסעלראָד

1941—1904

מוישע טייף

1966—1904

אין וואַרעמקייט פֿון שנייען

פֿאַרשאָרן מײַן שוועסטער די האָר
און א שפּרונג, ווי א זאַנג נאָך א רעגן...

צי האָט געקענט דער יונגער אַקסעלראָד זאָגן אַזוינס אויך וועגן זיך זעלבסט? געוויס. די דאָזיקע דיכטערישע שורעס זײַנען פֿאַר אים ווי אָנגעמאָסטן. אָט אַזוי איז ער געקומען אין דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג — א צאַרטער, א ליכטיקער און אַן איבעראַשנדיק רײַפער („א שפּרונג, ווי א זאַנג נאָך א רעגן”). שפּעטער, שוין אַלס דיכטער מיט א נאָמען, דערמאָנט ער זיך, ווי אַזוי ער האָט דערזען אויסגעקלעפּט אַף די ראָגן פֿון די מינסקער גאַסן דעם „וועקער”, ווו ס'איז געווען אָפּגעדרוקט זײַן ערשטע ליד:

און ס'איז מיר אַזאַ ליכטיקייט באַפֿאַלן,
ווי כ'וואָלט נאָרוואָס מײַן נאָמען זיך דערוווּסט...

און אָט אַזוי שוין ביז זײַנע 37 יאָר — א מין קלאַסישער עלטער פֿאַר איבערגעריסענע דיכטער־לעבנס — שטענדיק יונג, שטענדיק באַהעלט פֿון ווײַסער שײַן.

וואָלט אַקסעלראָד געווען בלויז אַזאַ — א ליבער, א גוטער, מיט זײַן וואָרט „פֿאַר אַלעמען, פֿאַר אַלע...”, וואָלט דאָס שוין געווען גענוג, ער זאָל פֿאַרנעמען זײַן אָרט אין אונדזער פּאָעזיע. ס'איז דען קנאַפּ צו פֿאַרבלײַבן א דיכטער פֿון „ווײַסער שײַן”? קומען אָבער אויך אַזעלכע שורעס:

אַף מיר, זאָגט מען, איז שטילער וויי געפֿאַלן
און עלטער בין איך פֿון זיך אַליין.

כ'וואָלט גערן געווען אָנרופֿן א צווייטן זיבעצניאָריקן דיכטער, וואָס זאָל אָנשרײַבן א ליד מיטן נאָמען „זיכרוינעס”. זעליק אַקסעלראָד האָט אָנגעשריבן. בלויז פֿיר שורעס. אָבער שוין מיטן כאַראַקטעריסטישן פֿאַר אים דיכטערישן אומרו („אָ, אָדערלעך דינע, באַהעפֿטע אין האַרצן פֿון פֿינקלען און לעשן”).

זיכרוינעס, ווי באַוווּסט, איז די פּרעראָגאַטיוו פֿון עלטער. „אַמאָל איז געווען” — דערמאָנען זיך זקיינים. ס'איז אָבער דאָ אויך אַזאַ פּאַראַדאָקס: מיט דער פּריצײַטיקער שאַרפֿקײַט פֿון רעטראָספּעקציע קומען אוֹף אַף דער וועלט אויך אַזעלכע יונגלינגען, ווי, לעמאָשל, מיכאַיל לערמאָנטאָוו.

אין זײַנע יוגנטלעכע זעונגען טרעט אַרויס אַקסעלראָד אַלס „סקולפּטאָר פֿון א פּערל־

נאכט", „אין לאנגע לײַלעכער געוויקלט ווײַס", מיט „דעכער בלעכענע צערונענע אין מילך"... איבער דעם טרויעריק־פארכאָלעמטן און פאַנטאַסטיש־אָרעמען שטעטל

וואשט ארום זיך האלב־פארכאלעשטע לעוואָנע
און בלײַבט א ליכטעלע בא אָוול־ערד צוקאָפּן,
און בעטלער זיך פארשלעפּט אף קרומער
הינטערגעסל
פאלט צו א פארקן שלעפ'ריק שלאָפן...

אין א צײַט, ווען „עס קײַקלען זיך געטער און באַטעמעדראַשים, ווי כײַלעוונע טראָפּנס פון ליכט", לעבט אויך אין דעם יונגן דיכטערס זיקאָרן דער קאָס פון עליאָהו האנאָווי, וועלכן עס „זוכט אלץ נאָך אין הייליקן „אָרן" א מאמע".

און דאָ, קימאט אײַנצײַטיק, בליצט אוף די לוסטיק־פינקלדיקע ליד „צו מײַן קענדל". אָנהייבנדיק פונעם 1926 יאָר, איז מיר שווער צו דערמאָנען זיך א ליטערארישן אָוונט, ווו דער דיכטער זאָל עס ניט לייענען און ווו עס זאָל ניט אופגענומען ווערן מיט דער גרעסטער באַגײַסטערונג. שווער צו פארשטיין, מיט וואָס האָט אין יענע יאָרן געקאָנט אזוי אויסנעמען די ליד וועגן דעם פּאָשעטן קופּערנעם קענדל, פון וועלכן ס'האָט זעכציק יאָר געטרונקען דעם דיכטערס זיידע, אין יענע יאָרן, ווען יוגנט האָט זיך געמיט וואָס ווײַטער צו האלטן זיך פון אלעם „זיידישן". איז אָבער, ווײַזט אויס, אינעם פארמעסט פונעם לויפנדיקן וואסער מיט דעם לויף פון קינדערשע פיס געווען אָט דאָס אייביקע, וואָס האָט געמוזט דערגיין צו די היספּײַלעסדיקע ייִנגלעך און מיידלעך, ערשט אליין געקומענע פון שטעטל:

ווי פל מאָל האָט דיך א האנט געשײַערט,
ביסטו אלץ נאָך פול און גאנץ,
טוסט א שפּריץ מיט טראָפּנס פײַער,
און א פינקל מיט רויטן גלאנץ...

אינעם וואָכעדיקן קענדל פינקלט און גלאנצט די אייגנהײַט פון דוירעס.

אָט איצט קאָנען מיר אריבער צו דער פּאָעמע „הארבסט 1915" מיטן אונטערקעפּל „היימלאָזיקײַט". דאָס דאָזיקע ווערק פונעם אכצן־נײַנצניאָריקן באָכערל האָט מיט זיך פּאָרויסבאשטימט זײַן גאנצן דיכטערישן וועג. ס'איז שוין ניט בלויז „ווײַסע שײַן", נאָר „טראָפּנס רויטע אף ווײַסער שײַן".

אין 1915 איז דער עלפיאָריקער זעליק אקסעלראָד, צוזאמען מיט זײַנע עלטערן, מיט די ברידער און דער איינציקער שוועסטער, פארטיאָגט געוואָרן פון זײַן געבורט־שטעטל מאָלאָדעטשנא, ווילנער גובערניע, דער צו נאָענטער צו דער פראָנט־ליניע, מע זאָל קאָנען פארטרויען דאָרט ווינען ייִדן. נאָך לאנגע וואָגלענישן איז די מישפּאָכע אָנגעקומען אין דעם טיף רוסישן טאמבאָוו. און איין מאָל פאר אלע מאָל, שוין אפן גאנצן לעבן, האָט זיך אינעם ייִנגלס הארצן אײַנגעקריצט דער דראמאטיזם פון יענע בלוטיקע טעג. איין מאָל פאר אלע מאָל, שוין אפן גאנצן לעבן, איז דאָס ייִנגל פארקישעפט געוואָרן פונעם רוסישן ווינטער, פונעם בלענדנדיקן שניי. ווינטער איז פארבליבן אין זעליק אקסעלראָדס לידער, ווי די באליבטסטע צײַט פון יאָר:

און סע דוכט זיך מיר אויס:
איך גיי ניט מיט דיר,
עס גייט נאָר א שניי
און פארקלעפּט אונדז די ברעמען.
און ס'הענגט אין דער לופט
א ווײַסער פאפיר,
ווו ס'צייכנט דער שניי אָן
אונדזערע נעמען.
(„מיר גייען באנאנד")

„א ווײַסער פאפיר" — דאָס איז לעבן, דאָס איז גוירל, דאָס איז האָפענונג און בייזע אומדערוואַרטקײַט. זעליק אקסעלראָדס אויסגעדיכטעטער שניי וואַרעמט, ווי א מילדער פרילינג־ווינט. ס'איז אין אים אָבער אויך פארבאָרגן די מעטאפאָר פון בייז. קאלט אײַז קאָן בריִען, ווי פײַער.

„הארבסט 1915" איז געקומען באלד נאָכן ערשטן דינינקן ביכעלע מיט זײַן נעפּלהאפטן, נאַיִוון און זויבערן נעשאָמע־צאפּל פון דעם נאָך גאָר יונגיטשקן דיכטער, און אזוי איז דאָס ביכעלע טאקע אָנגערופן געוואָרן: „צאפּל" (1922). „הארבסט 1915" איז אָנגעשריבן געוואָרן אין די יאָרן 1923—1924. צי איז עס א פּאָעמע? עפּשער טאקע יאָ. באם לייענען האָבן מיר די עמפּינדונג פון אן עפּיש ווערק. מיט אלע איוורים, בעפּויעל מאמעש, פילן מיר דעם שטרענגן טראָט פון דער צײַט. און ווען עס לאָזט אונדז, ענדלעך, אָפּ דאָס געפיל פון מילכאָמע־גרויל, פון היימלאָזיקײַט, כאפּן מיר זיך ערשט, אז מיר האָבן איבערגעלייענט סאכאקל נײַן קליינע לידער. אין דעם ווערק, וואָס פאר ליבהאָבער פון פינקטלעכע דעפיניציעס מעג עס הייסן „פּאָעמע" (אן איין־און־איינציקער פּרווו אין אקסעלראָדס שאפן), אנטפּלעקט זיך דער דיכטער אלס רײַפער מײַסטער דאפקע פון דער לירישער מיניאַטיור, דער צארטער און קאָמפּאָזיציאָנעל ביז גאָר שטײַפער. די פּערלדיק־גרויע ראָמאנטיק פון „צאפּל" טרעט דאָ אָפּ פאר דער בלענדנדיקער הערלעכער ווײַסקײַט פון שניי, שניי, באַפלעקט מיט בלוט. „די טראָפּנס רויטע אף ווײַסער שײַן" האָבן ניט געלאָזט רוען דעם דיכטער, זיי האָבן עפּעס געמאָנט פון אים, דעם זיטלעכן, דעם ריינעם — איז אין זײַן ווײַטערדיקן שאפן דאָס לויטער־לירישע געגאנגען באַנאנד מיטן טיף־דראמאטישן.

מײַן וועג האָט געטריבן אין וועלט
אף שניי און אף בלוטיקע שטיינער —
א צוג און א רוסישע קעלט
האָט געפירט מיך דורך טעג פון געוויינען...

דאָרט ווײַט, צווישן שנייען העלע,
האָט נאכט ניט אופגעהערט שיסן...
און לידער פון בלאָנדע זעלנער
מיט טרערן פון פרויען פארמישט דאָרט.

דאָס איז אין „הארבסט 1915". אין דער דאָ־זיקער דראמאטישער עקספּרעסיע איז פאר־וואָרצלט דער געזעלשאפטלעכער מעהוס פון אקסעלראָדס שאפן. „דאָרט ווײַט, צווישן שנייען העלע, האָט נאכט ניט אופגעהערט שיסן..." וואָס פאר אן אויג, וואָס פאר אן אויער, וואָס פאר א הארץ האָט געדארפט פארמאָגן א מענטש, קעדיי אזוינס צו דערזען און דערהערן, מיט אזא קלעמעניש דערפילן, און ווי דאנקבאר מיר דארפן זײַן דעם דיכטער, וואָס ווי נאָר ס'האָט עטוואָס אָפּגעלאָזט די שיסנדיקע נאכט, האָט ער מיט אזא אוניקאלער פרישקײַט געלאָזט צעזינ־גען זיך אין זײַנע לידער דעם מילדן ווינטער־פּייזאזש. בלויז אייניקע בײַשפּילן:

„ווי באטאָגיקער פראָסט, ליכטיק און פריש, גיסט זיך אין קלוב אונדזער ווערטער־געמיש"; „האָט ווײַסער שניי געגעבן זיך א שאָט, אזא ווײַסקײַט איז אין מיר פארבליבן"; „טראָגט מיך ארום, א לויטערן, דער וועג אין שניי און שײַן, אין זון און שטראלן"; „איבער אלע דעכער טריפן ווײַסע נײַסן, שטאָט איז קלאָר אזוי, דין און ניט באַרירט... גיי איך אום אָט דאָ א ליכ־טיק ווײַסער, און ס'זינגט דער פרילינג איבער מיר".

ס'איז עכטע מאָלערײַ, אָבער ווײַט פון דעם, וואָס מע רופט טיילמאָל אָן „שילדערונג".

די נאטור איז דאָ ניט קיין דרויסנדיקע, זי זינגט אינעם דיכטערס געמיט. ער איז מיט איר איינס. און אויב ער זאָגט: „אזא ווײַסקײַט איז אין מיר פארבליבן" אָדער „גיי איך אום אָט דאָ א ליכטיק־ווײַסער" — מעגט איר אים גלייבן, דער שניי איז דאָ ווײַס ניט דערפאר, ווײַל שניי איז שטענדיק ווײַס (עס טרעפט אויך א ברודיקער שניי), נאָר אויך דערפאר, וואָס די אינערלעכע ריינקײַט פונעם מענטשן האָט גע־וואָרפן איר אָפּשײַן אַפן שניי.

א שטראלנדיקער, א לויטערער, טראָגט זיך אקסעלראָדס לירישער העלד אינעם ווירבלדיקן רוסישן שניי. דעם דיכטערס וואָרט איז „פאר אלעמען, פאר אלע". אין זײַנע „קליינע שורע־לעך" האָט ער געבראכט זײַן „יוגנטלעכן טרוים און ליכטיקן געוויסן". איז אים גוט פון דעם, וואָס „באם שײַן פון פרי" טראָגט ער „דער ערשטער אָף די גאסן גרוסן" און, גייענדיק פון דער ארבעט, איז ער זיך מודיע: „טרעף איך מענטשן — ווערן אלע נאָענט, יעדן איינעם וואָלט איך צורופן צו זיך...".

בא מײַנע פּילצאָליקע באגעגענישן מיטן דיכ־טער האָט מיך שטענדיק געוווּנדערט, וואָס אים איז אזוי שווער לענגער צו פארבלײַבן אָף איין אָרט. ווער עס וועט זיך גוט אײַנלייענען אין זײַנע שורעס, וועט פארשטיין, אז אין אָט אָ־דעם אומגעדולד, אין דעם רײַסן זיך „צו זוכע־ניש און וואנדער" איז פארבאָרגן דער נערוו פון אקסעלראָדס דיכטונג.

אקסעלראָדס לירישער העלד האָט, פּונקט ווי אליין דער דיכטער, ניט ליב צו בלײַבן צווישן פיר־ ווענט. מיטן הייסן געבעט אין הארצן: „יוגנט מײַנע, יוגנט, ווער שטארקער און גע־זינטער" רײַסט ער זיך אין דרויסן. מיר טרעפן אים אין די מינסקער שמאָלע געסלעך, אָף די פארשנייטע ווײַסרוסישע וועגן, אין א רויטאר־מייִשן לאגער, אין פעלד, באם שווארצן יאם, און אויב שוין יאָ אין א געשלאָסענער געבײַדע, איז עס א קלוב, א מוזיי, א טעאטער. א היפּש אָרט פארנעמט אין אקסעלראָדס לידער דאָס קומען, דאָס אוועקגיין, דאָס געזעגענען זיך פארן אוועקפאָרן. „ס'איז גרויס די וועלט אָף זוכע־ניש און וואנדער און קליין די שטוב אין טונ־קעלע פאסן ליכט".

אקסעלראָד פאנגט דעם לייענער דעריקער מיט זײַן אומיטלבארקײַט, מיט דער עכטקײַט פון זײַן לירישן געמיט. ס'איז גוט מיט אים צו־זאמען שמייכלען, טרוימען, שפּיגלען זיך אין דער נאטור און אין פענעמער, טראָגן זיך פאר־ליבטערהייט איבער וועגן, גאסן און געסלעך. פּונקט אזוי ווי דעם דיכטערס געמיט גיסט זיך צונויף מיט דער געשילדערטער נאטור, גיסט זיך אויך צונויף דער דיכטער מיט זײַן לירישן העלד.

זי האָט זיך געטראָגן אָף טויזנטער וועגן,
מײַן טײַערע יוגנט, אין בלוטיקן לויף,
מע איז ניט ארויס איר אנטקעגן
מיט ברויט און מיט זאלץ אין יעטווידן הויף.
זי האָט זיך געטראָגן מיט אויגן צעשטראלטע,
מיט באָרוועסע פיס אָף דער נאקעטער ערד —
ס'האָט קיין קויל און קיין שפּיז ניט
געקאָנט זי פארהאלטן,
דאָס קלאפּן פון הארץ האָט זיך הויך נאָך
געהערט!

(„יוגנט")

דאָס איז די יוגנט, וואָס האָט זיך א לאָז גע־טאָן פון די שטעטלעך, פון די שמאָלע פּראָ־ווינציעלע געסלעך, פון די ענגע הילצערנע הײַזקעס צו די ראכוועסן פונעם לאנד. א דור־שטיקע נאָך ליכט און נאָך וויסן, האָט זי אופ־גענומען „אי פּיקאסאָ, אי סעזאנען, אי די דיכ־טונג, וואָס איז גוט". דאָס איז די יוגנט, וואָס האָט זיך געריסן אין גאָסעט, אין מייערכאָלד־טעאטער, געשטורעמט די ארײַנגאנגען אין די זאלן, ווו ס'האָט „געשריִען מאיאקאָווסקי" און „געוויינט יעסענין". דאָס איז די יוגנט, וואָס האָט מיט פרייד זיך געטראָגן אָף פארשיידענע „ספּארטאקיִאדעס" און, גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן פאר דער פרײַהײַט פונעם ווײַטן מאדריד, מארשירט אין דער באָטווין־קאָלאָנע. זי איז זייער עטיש, די דאָזיקע יוגנט, זייער פרײַנט־לעך צו יעדערן, ווער עס איז ווערט איר פרײַנטשאפט. דערפאר טאקע איז אזוי ווארעם בא אקסעלראָדן דער דרויסן אפילע אום ווינ־טער. ער איז שטענדיק באלעבט פון מענטשן.

און אָט גייט גאָר דעם דריטן טאָג א רעגן. איצט, דוכט זיך, וואָלטן מיר געוויס באדארפט טרעפן דעם דיכטער אין דער היים, אונטער א געמיטלעכן דאך. איז ניין. ער גייט און גייט אונטערן רעגן איבער דער גאס, ווײַל דאָ קאָן מען באגעגענען א באקאנטן און טיילן זיך מיט אים וועגן דעם, אז „ניט רויק איז נאָך אלץ מיט

כינע" און טאקע אויסהערן פון אים די ליבע ווערטער: „און פאר די נײַס — א דאנק דיר, גוטערפרײַנט!".

יאָ, „א דאנק דיר, גוטערפרײַנט!" — שמייכלדיק, ליבלעך, גוטהארציק און... אומרויִק. „הא, וואָס הערט זיך עפּעס אף דער וועלט?"

דעם דיכטערס אומיטלבארקײַט איז געווען ניט קיין כאאָטישע. דאָס איז ניט, ווי עס מאכט זיך טיילמאָל אפילע בא זייער גוטע דיכטער, בלויז עמפינדלעכקײַט, אומגעצאמטע עמאָציאָנעלקײַט. אקסעלראָד, זאָל עס דאָ געזאָגט ווערן, איז געווען קוידעמקאָל זייער א קלוגער מענטש. ער האָט באזעסן די זעלטענע פייִקײַט סײַ יענעם, סײַ זיך צו זען פון דער זײַט. דאָס לאָזט זיך דערקענען אפילע אין די סאמע נאיִווע יוגנטלעכע ליבע־לידער („איך האָב זיך אָפּגענארט", „א פרילינג־נאכט", „מיך האָט געטראָפן"...). יוגנטלעכע טרוימען, ייִנגלשע פארדראָסן, גוטסקײַט, אָפנהארציקײַט און... איראָניע. קוידעמקאָל בענעגייע צו זיך אליין. „לאכט זי: ייִנגעלע מײַן ליבער, א געזונט אין קאָפּ!" („איך האָב קיינמאָל ניט גערייכערט"). און צי דערקענען מיר ניט שפּעטער אין דעם רײַפן מאן פון די לידער „איך קום צוגאסט", „און ס'איז ווײַט שוין פון דיר" דאָס זעלבע ליבע ייִנגעלע פון די יוגנט־לידער? אָט קומט ער „צוגאסט אזייגער צען" און לאָזט „נאָך זיך די טיר א ביסל אָפן". בא דער פרוי, צו וועלכער ער קומט צוגאסט, ליגן אפן טיש „צײַטונגען, פארפולט מיט נײַסן".

בייגסט אָנעט שטיל דײַן גלאט־פארקעמטן קאָפּ,
דו ביסט א פרוי און זיצסט אזוי באשיידן,
ס'דערגייט צו מיר דײַן טאָכטערס גוטער שלאָף,
און כ'שעם זיך אין דער הויך עפּעס צו ריידן.

(„איך קום צוגאסט")

קריכט ער ארײַן, דער געקומענער, צוריק אין זײַן אלטן פעלץ, און לאָזט זיך צו דער טיר, הינטער וועלכער עס ווארט אף אים „א פראָסטיק־ווײַסע וועלט, א שניי א ליכטיקער, וואָס בלענדט...". אין דער עצעם ניט דערזאָגטקײַט פון דער ליד, אינעם עטוואָס טרויעריקן שמייכל איבער זיך אליין, איז פארבאָרגן א וווּנדערלעך־מענטשלעכע איידלקײַט. ניט נאָר די שוועל פון א פרעמדער שטוב פארלאָזט דאָ דער דיכטער, ער טרעט אריבער די שוועל פון דעם אייגענעם געפיל.

דאָס געפיל פון אכרײַעס האָט זיך זייער פרי אנטוויקלט בא אקסעלראָדן. יעדן קער און ווענד אין זײַן שאפן האָט ער אָפּגעוויגן אף דער וואָג פון געוויסן. ער האָט אָפט צוגעלייגט דעם אויער צו דעם אייגענעם הארצן, אויסגעפּרוּווט די אייגענע שטים, צי האָט זיך אין איר ניט פארגאנוועט א פאלשער טאָן: „עפּשער זינג איך ניט — איך שרײַ?". ניט איין מאָל האָט דער דיכטער באטאָנט די שטילקײַט אין זײַן שאפן: „ציטעריק־שטיל איז מײַן ליד"; „שטילקײַט האָט דערהויבן מײַנע לידער". בלויז שטילערהייט איז ער געווען פייִק דיכטעריש אויסדריקן זײַן אינערלעכן ברויז. קיין סימען פון דעקלאמאציע, פון שפּיגלען זיך אין די אייגענע רייד, פון דעם „לירישן" מאכן א וועזן פון זיך.

אָט ליגט אף מײַן טיש זעליק אקסעלראָדס לעצטע פאָטאָגראפיע. עס קוקן אף מיר זײַנע שיינע שווארצע אויגן, דאָס לינקע עטוואָס גרעסער פונעם רעכטן. אויגן אומרויִקע, אָנגעשטרענגטע, וואָס בילדן צוויי בוילעטע קנייטשן בא ביידע זײַטן פון דער נאָז, און דאָס מויל — א ווייכס און א גוטס, באהאלט אויס א שמייכל, ווי דער דיכטער וואָלט אין דעם מאָמענט שטיל געלייענט זײַנע אייגענע שורעס:

לאָמיר א ביסעלע לאכן!
דער שמייכל אף אונדזערע ליפּן
איז פארהילט
און פארשטילט
פון אָנשטרענגונג גרויסער,
פון שטענדיקן וואכן.
לאָמיר א ביסעלע לאכן...

„א ביסעלע לאכן", קיין רעגע ניט פארלעשנדיק אין זיקאָרן די „טראָפּנס רויטע אף ווײַסער שײַן", היטן זי, די שײַן, זי זאָל מער ניט פארפלעקט ווערן. דער שמייכל, די לײַכטע איראָניע איבער זיך אליין — „שרײַבסט לידער און פאטערסט פאפּיר" — קלינגט באם דיכטער טרויעריק און בענקשאפטלעך, ווײַל קיינמאָל לאָזט ער ניט ארויס פון אויג די אכרײַעס פאר דער צײַט, אין וועלכער ער לעבט, און פאר דער דיכטונג, וועלכע ער שאפט: „מיט עמעצן פארמעסטן זיך איז אייביק שווער, מיט זיך אליין איז טויזנט מאָל נאָך שווערער".

אין זײַן ליד, געווידמעט מאיאקאָווסקין, ווײַזט ארויס אקסעלראָד טיפן פארשטאנד פאר דער מעכטיקײַט פון דעם פארשטאָרבענעם דיכטערס שטים, פאר זײַן ליבע צום וואָרט, „וואָס ברעכן זאָל געשטיינען". אקסעלראָד האָט זייער גוט פארשטאנען, אז די נײַע צײַט מוז געבוירן נײַע דיכטונג. „איצט דארף מען אנדערש, און אנדערש איז שווער". ס'איז דאָ מאיאקאָווסקיס וועג. עס קאָנען אָבער זײַן אויך אנדערע וועגן. האָט אקסעלראָד זיך געמיט אף זײַן אייגענעם אופן געפינען פאר זיך די אנדערשדיקײַט.

ניט איין יונגן דיכטער האָט אקסעלראָד, זײַענדיק נאָך אליין יונג, געהאָלפן ארופטרעטן פעסט אף אן אייגענעם דיכטערישן וועג. גאנצע טעג איז ער געזעסן אײַנגעבויגן איבער מאנוסקריפּטן, געשריבן און געמעקט. ער האָט מער געארבעט איבער פרעמדע לידער, איידער געדרוקט אייגענע. און וויפל פרעמדע ווערק האָט אקסעלראָד אויסגעהערט! זײַנע אייגענע לידער האָט ער גערן געלייענט אף אָוונטן, פאר דער עפנטלעכקײַט, זעלטן — אין א היימישער סוויווע, און געהערט האָט ער מאָדנע זײַטיק, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, אויסערלעך אָפּגעפרעמדט. און טאקע דאָ, אין זײַן אָפּגעזונדערטקײַט, האָט ער אײַנגעזאַפּט אין זיך יעדעס וואָרט, יעדן קלאנג. און דערנאָך, ווי אומקערנדיק זיך פון ערגעץ פון דער ווײַט, זייער טרעפלעך עפּעס א זאָג געטאָן. טאקע א זאָג געטאָן, ווי אגעוו־

אורכע, אָן דער מינדסטער אַפעקטאַציע. אַף אַזאַ אופן איז ער אַרויסגעטראָטן אויך עפנטלעך. און ס׳איז שווער צו אָפּגעבן זיך אַ כּעזשבן, אין וואָס איז באַשטאַנען אַקסעלראָדס קראַפט אַלס רעדנער. גערעדט האָט ער דאָך מיט אַ שטילער, אפילו עטוואָס הייזעריקלעכער שטים. מיט מיקראָפאָנען האָבן זיך דאַן דיכטער בײַ זייערע אַרויסטרעטונגען ניט באַנוצט. און דאָך האָט קיינמאָל ניט געטראָפן, אַז פון זאַל זאָל עמעצער אויסשרײַען: „העכער!". אַקסעלראָדס שטילקייט האָט פאַרמאָגט אין זיך אַזאַ הילכי־קייט פון געדאַנק און געפיל, וואָס גייט זיך באַלד איבער דעם אוילעם. די פּענעמער ווערן ערנסט און אָנגעשטרענגט. מע האָט מוירע צו פאַרלירן אַ וואָרט. דאָס אײדעלע, ערלעכע געזיכט, גע־ווענדט גלײַך צום אוילעם, עטוואָס פאַרהויבן דעם קאָפּ, מיט אַ שמייכל אַף די ליפּן, פלעגט ער שאַפן זײַנע עקספּראָמטן, אַרויסזאָגן זײַנע שאַרפזיניקע באַמערקונגען וועגן ווערק און שרײַבער. געווען איז אין זײַנע רייד אַי אָפּ־ריכטיקע פרייד, אַי אָפּריכטיקער אומעט, האָט מען ניט געקאָנט איבער זיי ניט פאַרטראַכטן זיך.

ס׳איז מערקווירדיק, אַז זײַנע כאַווײרים האָבן קיינמאָל ניט געטראָגן אַף אַקסעלראָדן קיין בייז האַרץ. מע וואָלט געקאָנט דערציילן און דער־ציילן וועגן זײַנע אַמפּערנישן מיט איזי כאַריק, וועלכע האָבן ניט געשטערט זייער בעעמעס ברידערלעכער צוגעבונדנקײַט איינער צום צווייטן.

זעליק אַקסעלראָדס דיכטעריש וואָרט איז גע־ווענדט צום פאָלק, צו די גאַסן און פּלעצער פונקט אַזוי, ווי דאָס וואָרט פון דער גאַנצער פּלעיאַדע דיכטער פון די ערשטע יאָרן רעוואָ־ליוציע. שטיל און צאַרט האָט ער גערעדט וועגן ראַשיקן און פאַרענדערלעכן. צום פאָלק איז זײַן וואָרט דערגאַנגען. ניט דערגאַנגען איז עס טיילמאָל צו אַ געוויסן מין קריטיקער, וועל־כע האָבן פונעם דיכטער געהאַלטן אין איין פאָ־דערן: „העכער, העכער!". אין דער ליד „צו איינעם אַ רעדאַקטאָר אַ ראַפּישן קריטיקער" פּאָלעמיזירט אַקסעלראָד מיטן איבערפּלעכלעכן צוגאַנג צו פּאָעזיע. מיט דער פולער אַכרײַעס פאַר דער צײַט, ווען „עס דראָעט די ערד פונעם קריג, וואָס קאָן אויסברעכן הײַנט אָדער מאָרגן" (געשריבן אין 1932 יאָר. — ר. ר.) — האָט ער מיט ווירדע געמאָלדן: „אַ ליד טרעפט אַהין, ווו זי צילט, און אויך אַלע מאָל ווײַטער אַ ביסל".

אַקסעלראָדס שטילע ליריק איז פול מיט ברויז. זי עטעמט מיט אומרו פאַר דער מענטש־הײַט. און ווען אַף דער מענטשהײַט האָט זיך אַ לאָז געטאָן דער פאַשיסטישער קרייץ־צוג, האָט זײַן ליד גערופן און געוואָרנט:

עס קריכט און פויזעט אַלץ די שלאַנג,
און יעדע רעגע ציט זיך לאַנג,
און יעדע רעגע קאָסט אונדז בלוט,
און ס׳פּײַניקט יעטווידע מינוט.

(„מאַדריד")

אַקסעלראָד איז שטענדיק אָפּריכטיק. אפילו ווען אין דער ליד קומט אָן אויסגעשפּראָכענער געדאַנקלעכער אויספיר, איז דאָס קיינמאָל ניט קיין מוסער־האַסקל. דער אויספיר איז ניט אָנ־געבונדן, ער פליסט אַרויס נאַטירלעך פונעם געמיט. אַלס בײַשפּיל קאָן דינען די ליד „שאָך". נאָכן פאַרענדיקן די אָנגעשטרענגטע שפּיל אין שאָך, לאָזן זיך אַוועק אין גאַס אַרײַן „איך און קעגנער מײַנער, מײַן כאַווער און מײַן פרײַנט".

און ווידער זאָגט צו מיר מײַן פרײַנט:
עפּעס ביסטו בייז און באַרויגעז הײַנט...
דורך ווײַסן שניי,
דורך ראָזער שײַן
איך ענטפער אים אַזוי:
— עס טוט מיר זייער וויי און ס׳טוט מיר
זייער באַנק
פאַר מײַן ערשטן שלעכטן גאַנג...

די ליד פאַרמאָגט פיל באַטײַטן. דער שפּי־לעוודיקער געדאַנק זיצט דורכויס אינעם לירישן געוועב.

דעם דיכטערס לעצטע לידער — „נײַ־יאָר", „מע זאָגט מיר" און אַנד. זײַנען פול מיט אומרו פאַרן גוירל פון אונדזער לאַנד און פון דער וועלט. ער זעט פאָרויס, אַז „הײַנטיקס יאָר (1939. — ר. ר.) וועט אַריבערשפּרײַזן טיף אין ווײַטע צײַטן". אָבער אויך דאָ, פאַרטראַכטנדיק זיך וועגן דעם, ווי שווער עס איז דיכטעריש פאַרקערפּערן דאָס דאָזיקע יאָר, איז אַקסעלראָד טרײַ זײַן שמייכלדיק־טרויעריקער געמיטלעכ־קײַט, דער לײַכטער איראָניע איבער זיך אַליין:

מע זאָגט מיר אַלץ, דו שטייסט נאָך אָפּ,
און שטענדיק בלײַבסטו הינטערשטעליק,
עס ווערן שיטערער די קרויזן אַף דײַן קאָפּ
און דו שעמסט זיך גאָרניט, זעליק.
נו, וואָס זשע, פרײַנט מײַנע, פאַרגיט, פאַרגיט,
עס פאַלט אַמאָל פון הימל ניט קיין רעגן,
נאָר עפּשער האָב איך טיף אין זיך פאַרהיט
די גוטע ליד פאַר אײַערטוועגן.

(„מע זאָגט מיר")

געוויס, געוויס האָט דער דיכטער פאַרהיט אין זיך פיל גוטע לידער פאַר אונדזערטוועגן. ער האָט זיך דאָך אַזוי פרי געזעגנט מיטן לעבן, אין דעם עלטער, ווען סראַוו סטאַביליזירט זיך ערשט דער קינסטלערישער טאַלאַנט. יאָ, אַ סאַך, אַ סאַך האָט ער ניט דערזונגען. אָבער דאָס, וואָס ער האָט באַוויזן אויסצוזינגען, איז אַזוי צאַרט, קלוג און שטײַף, זאָגט אַזויפיל, אַז איך קאָן ניט בײַשטיין דעם ניסאָיען נאָכזאָגן נאָכן דיכטער זײַן ווונדערלעכן סאָנעט וועגן פּאָעזיע:

זאָל זײַן געבענטשט די לויטערע מינוט,
וואָס האָט מיך שטיל און קלאָר אַזוי דערהויבן,
געשאָנקען מיר אַי מענטשלעכקײַט, אַי גלויבן,
אין טריף אין הייסן פון מײַן יוגנט־בלוט...

אָט די רגעס, אָט די לויטערע מינוט,
ווען גענומען האָט מען זידלען מיך און לויבן,
אין די שורעס קוקן, ווי אין ריינע שויבן,
ווי זעט עס אויס: שלעכט איז דאָ, צי גוט...
אָט די רגעס, ווען איך בין שטיל פאַרבליבן,
פעסטער צוגעדריקט דעם דראַנג פון ליפּן
און געליטערט לענגער מײַן געמיט,
ווען איבער מיר איז אופגעגאַנגען
אוּנטיקער אַנזאָג פון געזאַנגען,
אָט די רגעס פון מײַן ערשטער ליד!

(„זאָל זײַן געבענטשט")

א פּאָר ווערטער וועגן באַשיידנקײַט און רום. זעליק אַקסעלראָדס באַשיידנקײַט שטעלט זיך מיר פאָר אַלס א וויכטיקער קאָמפּאָנענט פון זײַן דיכטערישער פּערזענלעכקײַט. ווילנדיק ניט ווילנדיק קומט אוף די פראַגע: צי ווידערשפּרעכט באַשיידנקײַט דעם גלויבן אין זיך אַלס דיכטער? און ווען עס גייט א רייד וועגן אַקסעלראָדן, קומט באַלד אוף א צווייטע פראַגע: צי ווידערשפּרעכן שטילע רייד דעם געזעלשאַפטלעכן און דיכטערישן טעמפּעראַמענט?

אַקסעלראָדן איז פון סאַמע אָנהייב געווען אייגנטימלעך דער, אויסערסט נערוועזער, דער זייער טעמפּעראַמענטפולער געפיל פון דערוואַרטונג: „האָסט געמיינט, אז ביסט זייער זעענדיק, לאָזט זיך אויס — דערזעסט ערשט אַצינד". אָדער: „האָסט אַף אַזויפיל געריכט זיך, לאָזט זיך אויס — גאָר א קליינע ליד". די אָנגעשטרענגטע דערוואַרטונג לאָזט זיך שפּירן אין זײַנע סאַמע ערשטע דיכטערישע טריט:

און גרעסער ווערט דער טאָג און קלענער
ווערט די נאַכט,
און פײַערן צעשיטן זיך אַף מײַנע קני —
האָב איך צו טויערן געקײַקלט זיך א יונגער,
ווי רויטע עפּל צו דער נאַקעטקײַט פון פרי.

די באַלוינונג פאַרן יונגן דיכטער, וועלכער בלאָנקעט ארום איבער דער ברייטער גאַס, איז א ביז גאָר קנאַפּע („איך גיי אין איר אַרײַן און כ'גיי פון איר ארויס"). אין דעם רעזולטאַט פון דער דערוואַרטונג איז דאָ א טראָפּעלע ביטערניש, און דאָך בלײַבט די באַשיידענע פרייד פון דערקענען. פונקט אַזוי, ווי אין זײַנע לעצטע לידער — די אַנציקונג פאַרן רעגנבויגן אין טיפן האַרבסט און דאָס געפיל, „אַז שטענדיק איז אַזוי די וועלט, ס'איז עפּעס דאָ און עפּעס פעלט".

אָדער: „נאָר אַלע מאָל, ווען רײַפקײַט דו פאַרזוכסט, איז שוין פון בליונג קיין סימען ניט פאַרבליבן".

„יעדע בעסטע שענסטע האָפענונג הייבט זיך שטענדיק אָן פון הײַנט" — זאָגט דער דיכטער. קאָן מען אַף דעם שטעלן א פונקט? וואָס פאַר א פונקט? דאָס איז דאָך גאָר אָן אָנהייב. דער נעכטן העלפט דעם דיכטער צו דערהערן דעם האַסטיקן פּולס פון דעם הײַנט. קומט א נײַע דערוואַרטונג, ווי אין לעבן, אַזוי אויך אינעם שאַפן:

דעריבער האָב איך אָנגעהויבן אויכעט
פון איצטער אָן, פון דער מינוט.
לאָמיר, פרײַנט מײַנער, זאַמלען קויבעס,
געדיכט זאָל זײַן דאָס וואָרט, ווי בלוט.

אין איינער פון זײַנע בעסטע לידער, שוין צום סאָף פון זײַן לעבן — „מע זאָגט מיר" — איז דער דיכטער ווידער גרייט אָנצוהייבן אַלץ פונדאָסניי, צי האָט ער זיך אינדערעמעסן געפילט „הינטערשטעליק", ווי ער דריקט זיך אויס האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס אין דער זעלבער ליד? אָ, ניין. אין דעם דיכטערס באַשיידנקײַט, אין דעם קעסיידערדיקן זוכן איז געווען פאַרבאָרגן דער טיפער גלויבן אין אייגענעם באַרוף און אויך פּיל מוט באַם באַשיצן דעם דאָזיקן באַרוף. צו צוויי און צוואַנציק יאָר שרײַבט ער אָן מיט טראָציקן טעמפּעראַמענט די שורעס:

זיך אַליין דאַרף איך א סאַך נאָך זאָגן.
פרעמדע, ווײַטע האָבן מיר שוין אַלץ געזאָגט.

זעליק אַקסעלראָד, איינער פון אונדזערע סאַמע ראַפינירטע און אינטעלעקטועלע דיכטער, איז געווען געבענטשט מיט אַבסאָלוטער אויפריכטיקײַט:

און ניט גיין זאָל באַזונדער
דער קאָפּ פונעם האַרץ,
נאָר אין רײַ
און אינײנעם שטענדיק...

די שאַרפקײַט פון געדאַנק, די איידלקײַט פון געפיל, די טרײַשאַפט דעם „ליכטיקן געוויסן" האָבן פאַרהיט פאַר אונדז אין דער פולער פּראַכט די שײַן פון זײַן דיכטונג.

ריווקע רובין

מוישע טײַף דער ראָמאַנטיקער

אין איינער פון זײַנע ערשטע לידער האָט מוישע טײַף אָנגעשריבן אַזעלכע צוויי שורעס:

האַגאַם איך בין דערווײַלע א מיזיניק, —
איך וואַקס א בכאָר מיט שטײַפע פליגל.

א מיזיניק און א בכאָר — דאָס איז, אייגנטלעך, א דיכטערישע זעלבסטבאַשטימונג און איינצײַטיק אָן אָנווײַזונג אַף א באַשטימטער ליטעראַטור־היסטאָרישער טקופע אין דער געשיכטע פון אונדזער דיכטונג. מיט דער שאַפונג פון מוישע טײַף איז פאַרענדיקט דער ערשטער עטאַפּ אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט אונדזערע גרונטלייגער (שוואַרצמאַן, האָפשטיין, קוויטקאָ, מאַרקיש, קולבאַק, קושניראָוו, פינינבערג, פעפער, כאַריק, האַלקין און אַנד.). מוישע טײַף איז דער מיזיניק אין אָט דער סטײַע אָדלערס און אין דער זעלבער צײַט איז ער דער בכאָר, דער אָנהייבער, דער עלטסטער פון א נײַער אָדלערישער סטײַע אין דער דיכטונג, וואָס האָט פאָרגעזעצט די טראַדיציע פון די עלטערע און שאַפט איצט די נײַע טראַדיציע.

א דיכטער הערט און זעט און פילט דאָס לעבן, באַזיניקט די האַרמאָניע און דיסהאַרמאָניע, די ווידערשפּרעכלעכע פּראָצעסן, קאָנטראַסטן און קאָנפליקטן אין דער נאַטור, אין דער געזעלשאַפט, אינעם האַרצן פון דעם מענטשן, און דורכן וואָרט, קלאַנג, פּלאַסטישן בילד רעפּראָדוצירט ער באַנײַס דאָס געזעענע און איבערגעלעבטע. אָבער דער דיכטער באַנוגנט זיך ניט בלויז מיט רעפּראָדוצירן, מיט פּאַסיווער באַאָבאַכטונג. „אָפּשפּיגלענדיק",

שאַפט דער דיכטער א נײַע וועלט, זײַן דיכטערישע וועלט, וואָס באַשטייט פון רעאַליטעטן, וועלכע רינגלען אים אַרום. אָט די נײַ־באַשאַפענע וועלט טראָגט אַף זיך דעם כויסעם פון איר באַשעפער.

מוישע טײַף איז אַן עכטער דיכטער, ווײַל ער האָט געשאַפן זײַן אייגענע וועלט. טײַפס דיכטונג איז פאַרבונדן מיט לעבן — נאַטירלעך, מיטן סאָוועטישן לעבן, וואָס איז שטענדיק זײַן דערהויבענער טרוים, דער אָנהייב און דער סאָף פון זײַן שאַפן, די פאָרם און דער אינהאַלט פון אַלע זײַנע לידער. איצט, נאָך זײַן טויט און נאָך זײַן העכער פערציקיאָריקער שאַפונג, איז דאָס קלאָר און אָנערקענט. ער האָט אָנגעהויבן זײַן שעפערישן וועג דערמיט, וואָס ער האָט באַזונגען דעם ניצאָכן פונעם סאָוועטישן פאָלק אין דער רעוואָליוציע. איך וועל זיך דערלויבן דאָ צו ברענגען אינגאַנצן זײַן ערשטע ליד „עלפטער יול 1920":

ווי דער ערשטער ראַזוועדטשיק האָט
זיך באַוויזן אַפן טראַקט,
איז געוואָרן פריילעך אַפן גאַס;
ווי דער ערשטער ראַזוועדטשיק איז
אין שטאָט אַרײַנגעקומען,
איז געוואָרן א טומל אַפן גאַס.

ווי דער ערשטער ראַזוועדטשיק איז
פון פערד אַראָפּגעקראָכן,
האָבן אַלע געוויינט פון פרייד;
ווי דער ערשטער ראַזוועדטשיק האָט
געשטעלט א טראָט,
זײַנען אָנגעלאָפן קינד־און־קייט.

איך האָב געזאָגט צו דער מאַמען:
איך וויל נעמען א ביקס
און גיין מיט די רויטע פאָנען...
האָט די מאַמע מיר געזאָגט:
ביסט א שנעק,
גיי בעסער קלײַבן פּאַטראָנען.

האַגאַם אין אָט דער ליד פילט זיך נאָך די „טעכנישע ניט געניטקײַט" פונעם זעכצניאָריקן אוּטאָר, פאַרכאַפּט זי אָבער אויך איצט מיט דער רעוואָליוציאָנערער פּאַטעטיק און מיטן ראָמאַנטיש־פאָלקסטימלעכן נוסעך, וואָס עס גיט איבער דעם טריומף פונעם פאָלק אין זײַן קאַמף פאַר א נײַ לעבן.

דערמיט איז באַשטימט דער סטיל פון טײַפס דיכטונג, דער סטיל פון רעוואָליוציאָנערן פאָלקסטימלעכן ראָמאַנטיזם. מוישע טײַף איז דער באַדײַטנדיקסטער ראָמאַנטיקער אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור.

דער נאַיווער אָדער וווּלגאַרער רעאַליזם אָנערקענט ניט קיין ראָמאַנטיק. אין דער פאָר־

שטעלונג פונעם נאַיִוון אָדער וווּלגאַרן רעאַליסט אידענטיפיצירט זיך ראָמאַנטיזם מיט אַבסטראַ־גירן זיך פונעם רעאַלן לעבן, מיט אַנטלױפֿן אין די ווײַטע וועלטן, שיִר ניט אין מיסטיק. דאָס איז אָבער אַן איבערפֿלעכלעכער און באַגרע־נעצטער קוק. דער ראָמאַנטיזם איז ניט קיין אַנטיפּאָד צום רעאַליזם. גאָרקי האָט געהאַלטן פֿאַר איינע פֿון די וויכטיקסטע מײַלעס פֿון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור דאָס, וואָס אין איר זײַנען צונױפֿגעפֿאָרט די דערגרייכונגען פֿונעם רעאַליזם און פֿונעם ראָמאַנטיזם.

טײַפֿס לידער, זײַנע באַלאַדעס און פּאָעמעס זײַנען ווערק פֿון אַ טיפּישן ראָמאַנטיקער. זײַן ראָמאַנטיזם, די באַדינגלעכקײַט און די טרוי־מערישקײַט זײַנען אַן אייגנאַרטיקער אופֿן פֿון אופֿנעמען און פֿאַרקערפּערן דאָס לעבן פֿונעם פֿאָלק. זײַנע פּאָעמעס און באַלאַדעס, האגאם זיי האָבן אַ סוזשעט, זײַנען אָפּטמאָל לויטן כאַראַק־טער מײַסעדיק, לויט זייער טאָך — לירישע אַסאָציִאַציעס און אימפּרעסיעס, וואָס זײַנען אויסערלעך און פֿאָרמעל ניט געבונדן צווישן זיך. דער סוזשעט אין טײַפֿס פּאָעמעס איז אַן אילוזיע, אַ באַדינגלעכער „פֿאָקוס", וואָס מיט זײַן הילף קומט פֿאָר די צעשטעלונג און די צעטײלונג פֿונעם קינסטלערישן פּאָעטישן מאַ־טעריאַל. די מענטשלעכע געשטאַלטן זײַנען אויך באַדינגלעכע צייכנס, וועלכע סימבאָליזירן ניט אָביעקטיווע רעאַליטעטן, נאָר סוביעקטיווע אימפּרעסיעס פֿונעם פּאָעט. דאָס הייסט ניט, אַז טײַפֿס ווערק פֿאַרמאָגן ניט קיין אינערלעכע קינסטלערישע אײנהײַט. גראָד אָט די אויסער־לעכע ניט געבונדנקײַט און, קאָן זײַן אַפֿילו, די געדאַכטע צעדרויבלטקייט פֿון די קאָמפּאָ־נענטן שאַפֿן די אינערלעכע גאַנצקײַט און די אָרגאַנישע אײנהײַט פֿון זײַנע ווערק. דער סו־זשעט און די קאָמפּאָזיציע פֿון טײַפֿס פּאָעמעס „דאָס געזאַנג וועגן ברידער", „דאָס גאָלדענע עפּעלע" — דאָס איז ניט די געשיכטע פֿון אַ לעבן, ניט די אַנטוויקלונג פֿון אַ כאַראַקטער, ניט אַ געשעעניש, ניט אַ שטײַגער־שילדערונג, נאָר אַן עמאָציאָנעלער אויסדרוק פֿון אידייען און איבערלעבונגען, וועלכע שטעקן אָן דעם לייענער. דאָס זײַנען פֿונקען, אויסגעהאַקטע אין דער שעפֿערישער קוזניע, אינעם האַרץ פֿונעם דיכטער. פֿאַר טײַפֿן איז וויכטיק ניט די פֿאַבו־לע, נאָר דער טרוים. דעריבער ווענדט ער זיך אָפֿט צו דער פֿאָלקס־מײַסע, צו דער פֿאָלקס־ליד, וועלכע זײַנען דאָך שטענדיק טרוימעריש און אַמאָל אויך פֿאַנטאַסטיש. אַזוי־אַרום, דורך דער טראַנספֿאָרמאַציע פֿון דער פֿאָלקלאָריש־פֿאַנטאַסטישער, אַפֿילו ביבליש־מיפֿאָלאָגישער בילדערישקײַט איז דער פּאָעט געקומען אין דער פּאָעמע „דאָס געזאַנג וועגן ברידער" צו דער רעוואָליוציאָנערער הומאַניסטישער אידיי וועגן פֿרײַנטלעכן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, צו דער אידיי פֿון מענטשלעכער ברודערשאַפֿט:

— אַף אײביק וועט בלײַבן געלויבט און געבענטשט
דער מענטש, וועלכער שטאַרבט פֿאַר זײַן ברודער דעם מענטש!

דער דיכטער איז געקומען צו דער אידיי פֿון אָפּהיטן דאָס פֿרידלעכע לעבן אַף דער ערד, ווו עס וועט קיין אָרט ניט זײַן פֿאַר סינע, גוואַלד־טאַט און מילכאָמעס, ווו עס וועלן לעבן באַ־נאַנד „אַ וואָלף מיט אַ שעפּס און אַ קינד אײַנ־דערמיט". די דאָזיקע אידיי רופֿט זיך איבער מיט די ווערטער פֿון יעשאַיאָהו האַנאָווי, וואָס זײַנען אָװעקגעשטעלט פֿאַר אַן עפּיגראַף צו דער פּאָעמע „דאָס געזאַנג וועגן ברידער":

און עס וועלן קומען גוטע צײַטן,
פֿעלקער וועלן איבערשמעלצן שווערד
און שפּיז אַף אַקער,
און איין פֿאָלק קעגן דעם צווייטן
וועט מער ניט אופֿהייבן קיין שווערד,
און צו מילכאָמעס
אַף דער ערד אַ סאָף.

באַ דער גאַנצער אַבסטראַקטקײַט פֿון אָט דער אַלמענטשלעכער אידיי האָט טײַפֿן פֿאָרט זיך אײַנגעגעבן ניט אָפּרײַסן זיך פֿונעם קאָנקרעטן באָדן פֿון דער הײַנטצײַטיקער רעאַלקײַט.

און מיט די זעלבע מיטלען פֿון פֿאָלקלאָריס־טישער בילדערישקײַט קומט דער דיכטער אין דער פּאָעמע „דאָס גאָלדענע עפּעלע" צו דעם ליריש־עמאָציאָנעלן אויסדרוק פֿון דער אינטער־נאַציאָנאַלער אידיי פֿון פֿעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט, צו דער באַגרינדונג פֿון דעם גערעכטן און באַ־רעכטיקטן נעקאָמע־געפֿיל בענוגע די פֿאַ־שיסטישע מערדער.

מוישע טײַף האָט אָנגעהויבן זײַן שאַפֿונג ווי אַ מין ליטעראַרישער גאַוואַרעש, וואָס ווייסט ניט פֿון „באַלעבאַטישער לײַטישקײַט". זײַן ליטעראַרישער העלד איז געווען דער אומרויִקער בונטאַרישער סאַנקיולאָט, דאָס וויגעלע פֿון זײַן ליד — דער אַמאָליקער מינסקער „אַלטער מאַרק" מיט די פֿלעבעיִשע געסלעך, וואָס זײַנען פֿאַראַלגעמײנערט באַ כאַריקן אין די „מינסקער בלאָטעס". די „יאַטן" האָבן מיט שווערע שטיוול געטאָפּטשעט די גאַרדינען אין די רײַכע הײַזער. מיר האָבן שוין געזען פֿון טײַפֿס ערשטער ליד, אַז דער לירישער העלד זײַנער האָט נאָך קינד־ווײַז דערהערט דעם רוף פֿון די באָלשעוויקעס „צום געווער!" און איז, לויט דער אייצע פֿון זײַן מאַמע, אוועק „קלײַבן פּאַטראָנען" נאָך די גאַסן־שלאַכטן אינעם בירגערקריג.

מוישע טײַף און זײַן לירישער העלד געהערן צו יענער יוגנט, וואָס „גייט אַף טויט" פֿאַר דער רעוואָליוציע. די רעוואָליוציע האָט אים דערהויבן און באַגײַסטערט.

אָבער די געשיכטע, האָט געזאָגט נאָך טשער־נישעווסקי, איז ניט קיין שפּאַציר איבער דעם ניעווסקי פּראָספּעקט. די רעוואָליוציע אַנט־וויקלט זיך און גייט פֿאָרויס אין פֿאַרביטערטע שלאַכטן קעגן די קויכעס פֿון דער אַלטער וועלט. דער היסטאָרישער פּראָצעס איז פֿול מיט דראַמאַטיזם און טראַגיזם. מוישע טײַף, וועל־כער האָט אָנגעהויבן זײַן וועג אין דער ליטע־

ראטור מיט אן ארויסרוף צו דעם גורל, מיט א פארשײַט און אזעסדיק געזאנג, האָט ביסלעכווײַז באנומען די הארבע קאָמפּליצירטקײַט פון דער גרויזאמער צײַט. און אויב ביז דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע האָט ער אין אזעלכע ווערק, ווי „וויִאָלאָנטשעל”, „א ראָמאנטישע נאכט” געזען און באזונגען בלויז דאָס דערהויבענע, דאָס טרוימערישע, האָט ער אין די לידער, באלאדעס און פּאָעמעס פון דער מילכאָמע און נאָך איר שוין דערזען און מיט א גרויסער קראפט פארקערפּערט די נײַע היסטאָרישע עפּאָכע פון אלוועלטלעכע סאָציִאלע קאָטאקליזמען. סײַ זײַן אייגענער, זײַן פּערזענלעכער שווערער גורל פון א סאָלדאט, סײַ די קאָשמארפולע שוידערלעכע נאציִאָנאלע טראגעדיע פונעם ייִדישן פאָלק האָבן ארײַנגעטראָגן נײַע וועזנטלעכע מאָמענטן אין זײַן דיכטונג, געגעבן א נײַע, קאָן מען זאָגן, וויכטיקע ווענדונג זײַן שאפן. טייף איז געבליבן דער זעלבער ליריקער, דער זעלבער ראָמאנטיקער. זײַן ליריק און זײַן ראָמאנטיק האָבן אָבער איצט באקומען א באזינטע נאציִאָנאלע באפארבונג. דאָס איז, אייגנטלעך, כאראקטעריסטיש פאר דער גאנצער ייִדישער ליטעראטור פון דעם פּעריִאָד.

די נאציִאָנאלע טעמע אין טייפס דיכטונג גיט צו זײַן שאפן א קאָנקרעט־היסטאָרישן כאראקטער, זי מאכט בוילעטער דעם אינטערנאציִאָנאליסטישן טאָך פון זײַן פּאָעזיע, וואָס עס האָט אין די לעצטע צען יאָר פון זײַן לעבן געפונען אן אויסדרוק אין אזעלכע ווערק, ווי „זעקס מיליאָן”, „אנע פראנק” און אנדערע. דאָס אלץ האָט ארײַנגעטראָגן נײַע, טיף־דראמאטישע ניואנסן און טראגישע אינטאָנאציעס אין טייפס ווערק. עס קלינגען דעריבער נאטירלעך און טיף רירנדיק די פאָלגנדיקע לויטערע שורעס, וועלכע דער דיכטער האָט, דוכט זיך, ניט פארעפנטלעכט, נאָר מיך באקאנט מיט זיי קורץ פאר זײַן אוועקגיין פונעם לעבן, און זיי האָבן זיך בא מיר פארהיט:

דורך וויפל געפארן און פּײַן,
ניט איינמאָל פארטריבן אף אומקום,
נאָר ווי א פארקישעפטער ווײַן
האָסט, ליד, מיך גענערט און געמונטערט.

ניין, ניט אין א וויכן פּאָטעל,
באם שרײַבטיש מיט דופּטיקער קאָפּע,
קימאט בא דעם טויט אפן שוועל
געפּײַקלט אין הארץ האָבן סטראָפעס.

האגאם ס'האָט מײַן גורל ביז בלוט,
מיך געשלאָגן, געריסן אף שטיקער,
גראָד דעמלט געוווּסט האָב איך גוט —
דעם עמעס וועט קיינער דערשטיקן!

עס קלאפּט אין מײַן ברוסט און עס וועקט
דאָס ווארעמע אש פון די הערצער —
פון יענע... וואָס זײַנען אוועק
אף קיינמאָל ניט קומען אהערצו.

דער לעצטער געשריי פארן שאָס...
די טרערן פון ריינע נעשאָמעס —
דער הייליקער ווײַן אין מײַן קאָס,
אין פּײַנלעכן וועג מײַן נייר־טאָמיד.

איך — זייער מיזיניק אין לאנד,
וואָס וועט זיי דערמאָנען, געדענקען,
און זאָל בא דעם פאָלק מײַן געזאנג
פארבלײַבן פון מיר, ווי א דענקמאָל.

די גרוילן פון דער נאציִאָנאלער קאטאסטראָפע, וואָס האָט קיין גלײַכן ניט צו זיך אין דער גאנצער געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק, האָט ארויסגערופן א ברייטן אָפּקלאנג אין דער ייִדישער ליטעראטור אין ראטנפארבאנד און אין אויסלאנד, אין אלע זשאנרען און פאָרמען (לידער, באלאדעס, פּאָעמעס, ראָמאנען, דערציילונגען, נאָוועלן, דראמעס, פארצייכענונגען, פּובליציסטיק און אנד.), אף ייִדיש, העברעיִש רוסיש און אין אנדערע שפּראכן. טייף האָט ארײַנגעטראָגן זײַן בײַשטײַער אין דער כורבן־ליטעראטור. זײַן לירישער העלד געפינט אן אויסוועג און מוט אין דער הילף פון א פרײַנט, אין דער האָפענונג, אז מיטן דאָזיקן פרײַנט וועט ער גויווער זײַן אלע שוועריקײַטן און זיך דערווארטן צו דער געגארטער צײַט פון א נײַעם פרילינג. טיף רירנדיק קלינגען די שורעס פון דער באלאדע „דערמאָנונג”:

און גלײַך אהער — ווי אומגעריכט! —
ווער אײַלט אזוי אהערצו, ווער?
דער פרילינג שפּילט אף זײַן געזיכט...
מײַן פרײַנט...
ער לעבט!
יאָ, יאָ, ס'איז ער!!!

אין דער שטיצע פון דעם פרײַנט, אינעם קויעך פונעם פאָלק זעט איצט טייף, דער היסטאָריש דערפארענער דיכטער, טרייסט און האָפענונג אף גליק פאר זײַן פאָלק און פאר דער גאנצער מענטשהײַט. אין דער געשיכטע פונעם אוראלטן ייִדישן פאָלק זוכט מוישע טייף פּאראלעלן צו דער הײַנטצײַטיקײַט. די נאציִאָנאל־ראָמאנטישע טרוימען פירן אים צו ביבלישע מאָטיוון און לעגענדעס. אין אוראלט־גרויען אמאָל, אין די לאנגדערווײַטערטע עפּאָכעס פונעם אלטערטום האָבן די בניי־אָדאָם אזעסדיק זיך גענומען בויען א טורעם ביז צום הימל, ביז צו גאָט. זיי זײַנען דערפאר באשטראָפט געוואָרן פון גאָט — „ער האָט זייער לאָשן צעמישט, אף אייביק צעזייט זיי, צעקריגט”. די ברידערלעכע איינהײַט פון פעלקער איז צעשטערט געוואָרן. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן ריידן אף פארשיידענע שפּראכן, זיי האָבן אופגעהערט פארשטיין איינער דעם אנדערן, זיי זײַנען געוואָרן פײַנטלעך איינער צום צווייטן. אָבער די אידיי פון מענטשן־ברידערלעכקײַט, פון פעלקער־פרײַנטשאפט איז ניט אָפּגעשטאָרבן. זי לעבט אין די הערצער. „נאָר זעט, די אקשאָנעס זיך ווידער פארזאמלט און דאָ זיך באטראכט: פאראן א געמיינזאם לאָשן — דאָס לאָשן פון הארץ!”

טייף דער ראָמאנטיקער זעט אין דער הײַנטצײַטיקער עפּאָכע א נײַעם אופברויז פון אינ־

טערנאציאָנאלער איינהײַט פון פעלקער און מענטשן. די אייניקלעך פון די אוראלטע בניי־אָדאָם, די אייניקלעך פונעם דויר־האָהאָפלאגע, פארייניקן זיך איצט אין א נײַעם בונד, זיי שאפן א נײַעם טורעם, וואָס זאָל זיי ניט צע־מישן, ניט צעשיידן, ניט צעקריגן, נאָר פאריי־ניקן אין איין מעכטיקן פארבאנד מיט א גע־מיינזאם לאָשן — דעם לאָשן פונעם הארץ, וואָס „קלינגט ניט פון מויל גאָר, נאָר טיף פון די אויגן ער זינגט"... „עס זינגען די גאסן, עס שאלן טרומייטערס און ס'הערט זיך העט־ווײַט: היי, יונגע בניי־אָדאָם, שוין צײַט אונדזער טו־רעם צו בויען, שוין צײַט..."

אזא איז די אידיי פון טייפס ליד „דער טו־רעם".

אין טייפס דיכטונג קאָן מען באמערקן זײַן וואקסנדיקן אינטערעס צו אלטע נאציאָנאלע און אלמענטשלעכע קולטור־ווערטן פונעם ייִדישן פאָלק, צו דער ביבל, צו „שיר־השירים". אין איינער פון זײַנע לידער שרײַבט ער:

אָ, שולאמיס! ייִדיש מיידל!
קלינגט דאָ ערגעץ־ווו דײַן קאָל?
„שיר־השירים" האָט א מיילעך
דיר געזונגען נאָך אמאָל...

אָט די שורעס, וועלכע דער דיכטער האָט פארשריבן אין זײַן זעלנערשן בלאָקנאָט אין דער באפרײַטער פון די דײַטשישע פאשיסטן ווילנע, האָבן מיט יאָרן שפּעטער באקומען א ווײַטערדיקע קינסטלערישע פאָרזעצונג אין א וואָגיקער ארבעט פון אונדזער פּאָעזיע — אין זײַן פרײַער איבערדיכטונג פון „שיר־השירים".

און באנאנד דערמיט האָט מוישע טייף אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן פובליקירט פריש־צאפלדיקע לידער וועגן אונדזער הײַנטצײַטי־קייט, וועגן מונטערן, לויטערן גלויבן אין לעבן, אין מענטשן, אין ליבע. א יונגע פרישע דיכטע־רישע ענערגיע אָטעמט אף אונדז פון זײַן לי־בע־ליריק, באזונדערס פונעם ציקל „א געזאנג צו דיר, עסטערל".

מוישע טייף איז א ראָמאנטיקער ניט בלויז לויטן אינהאלט פון זײַן שאפן, נאָר אויך לויט דער פאָרם, לויטן דיכטערישן סטיל זײַנעם, לויטן פּאָעטישן וואָרט און בילד און קלאנג. די ליד — דאָס איז מוישע טייף אינגאנצן, דער מענטש און דער שעפער, דער פאטריאָט און דער בויער. די ליד איז זײַן היים און זײַן פאר־מעג, זײַן שטאָלץ און זײַן טרויער — „איך ווארף זיך ארײַן אין מײַן ליד, ווי א שווימער אין יאם, און כ'הער, ווי די כוואליע, וואָס פליט, קלאפט אויס אף די פעלדזן א יאמב". אזוי זאָגט דע דיכטער וועגן זײַן ליד.

„א גוטע ליד איז ווי א שטוב דאָרט ערגעץ צווישן בערג פארשנייטע, וווהין א פײַערל זיך ציט, וואָס וועט דיך לאנג אין וועג באגלייטן" — אזוי זינגט מוישע טייף וועגן זײַן ליד:

די קורצע ליד!
די קורצע ליד!
וואָס פינקלט, ווי א פיצל דימענט,
זאָל לעבן איר געוואגטער פלי —
פון שיינער מוטער־ערד דער הימן.

אזוי שרײַבט אויס אף דער גאנצער וועלט דער דיכטער מוישע טייף זײַן פּאָעטישע דע־קלאראציע, זײַן איבערצײַגטקײַט, זײַן גלויבן אין שעפערישן בארוף. און אזוי איז ער געקו־מען צו דער הויכער שטופע פון פּאָעטישער מײַסטערשאפט. זײַן פּאליטרע איז רײַך און פיל־פארביק. זײַן דיכטערישע קלאוויאטור איז בע־קויעך ארויסצוברענגען די סאמע פארשיידנאר־טיקע קלאנגען, די רײַכסטע מעלאָדישע געזאנ־גען — פון די סאמע שטילע ביז די סאמע פּא־טעטישע און טעמפּעראמענטפולע. בא דער אָר־גאנישער פארבינדונג מיט די בעסטע טראדי־ציעס פון זײַנע פּאָעטישע פאָרגייער, באזונ־דערס מיט דער טראדיציע פון כאריקן און קול־באקן, איז זײַן דיכטונג נײַ, פריש און לעבעדיק. זײַן וואָרט איז פול מיט ענערגיע, מיט ברויזנ־דיקן אומרו, טרעפלעך און לאקאָניש. מוישע טייף איז ניט קיין „אויסטראכטער" פון אויס־טערלישע געקינצלטע בילדער. ער מאָלט און באזינגט דאָס, וואָס ער האָט געזען און איבער־געלעבט, דיכטעריש דערהויבן, באפליגלט.

מוישע טייף איז א גרויסער מײַסטער, וועל־כער ווייסט און שאצט פרײַער פאר אלץ די קראפט פונעם קינסטלערישן וואָרט, דעם יעסאָד, דעם גרונט־מאטעריאל פון ליטעראטור, פון פּאָעזיע. זײַן סטראָפע איז שטענדיק פעסט צעמענטירט. און אלס אן עכטער מײַסטער האָט ער איבערגעלאָזט דער ייִדישער דיכטונג א שטרענגן געבאָט, וועלכן ער האָט פאָרמולירט אין דער ליד „פאָרזיכטיק זײַן מיטן וואָרט":

פאָרזיכטיק זײַן מיטן וואָרט
הייסט פאָרזיכטיק זײַן מיטן הארצן,
אָפט קומט עס מיט זילבער פון האָר —
דאָס רײַפע וואָרט דאָס געגארטע.

פאָרזיכטיק זײַן מיטן וואָרט —
הייסט האָבן א ריינעם געוויסן,
אים אָנטאָן אזוי מיט דער וואָר,
אז שפּעטער זאָל דיך ניט פארדריסן.

פאָרזיכטיק זײַן מיטן וואָרט —
הייסט לערנען זיך לײַדן, זײַן מוטיק!
און שטענדיק געדענקען דאָס אָרט,
ווו דו און דײַן פאָלק האָט געבלוטיקט.

און גלײַך, ווי עס פרוווט אף די צײַן
דער פויער די קערנדלעך הארטע,
ניט אײַל זיך, נאָר פרוווו אויס אליין
דײַן וואָרט אפן שארפשטיין פון הארצן —

צי לעבעדיק קלינגט עס, צי קלאָר,
צי זײַן וועט עס נאָענט און טײַער,
ווײַל פאָרזיכטיק זײַן מיטן וואָרט
הייסט קאָנען זיך שפּילן מיט פײַער.

מוישע טייף האָט דערגרייכט דעם זעניט פון שעפערישער רײַפקײַט מיט זײַנע גלענצנדיקע ראָמאנטישע ווערק, וועלכע זײַנען א וויכטיקער בײַטראָג אין אונדזער ליטעראטור.

הערש רעמעניק

אַרן ווערגעליס

אין פופצן יאָר אַרום

16. איינקאָגניטאָ בא די „רוסישע יידן“

ווען מע איז צוגאַסט אין פרעמדע מעקוי־מעס — וויאַזוי זעט מען זיך דאָרט ניט מיט מענטשן פון היימישע קאַנטן? ס׳וואָלט בעפיירעש געווען אַן אוולע...

פאַרנדיק קיין בראַיטאָן־ביטש, דעם ניו־יאָרקער שטאָט־ביילעק, וואָס קומט אַרויס צו די פּליאַזשן און וואָס איז איצט אַ מאָקעם־מיקלעט פאַר „רוסישע יידן“, בין איך אַזוי פאַרטאָן אין מיינע ראַיוינעס, אַז איך באַמערק ניט, איבער וועלכע גאַסן און געטאָס עס גייט דורך אונדזער וועג. יאָ, דער פּאַראַדאָקס פון דער צייט קאָן בעעמעס דערשיטערן. מיט פופצן יאָר צוריק האָט בראַיטאָן־ביטש עקזיסטירט פּונקט ווי איצט, אָבער ס׳איז מיר סטאַם ניט איינגעפאַלן אַהין צו פאָרן, ווייל אויב „רוסישע יידן“ זיינען דעמלט יאָ געווען אין ניו־יאָרק, האָט מען זיי געדאַרפט זוכן צווישן די אַלטע אימיגראַנטישע דוירעס, אין דער נויט־עמיגראַציע פונעם צאַרישן רוסלאַנד און פון דעם היטלערישן דייטשלאַנד, ווען עס האָבן דעם יידישן פאָלק געדראָעט מיט פאַרניכטונג דער קעשענעווער פּאָגראָם, די קרישטאָל־נאַכט...

וואָס זשע איז איצט אַזוינס געשען? וואָס האָט געטראָפן מיט די ברידער־יידן, אַז אַ נאָכקרימעניש נאָך יענע עמיגראַציעס זאָל זיך באַווייזן אין די זיבעציקער יאָרן? די שוידערלעכע וועלט־מילכאָמע האָט זיך פון לאַנג שוין פאַרענדיקט מיטן זיג איבער דער כייע. צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער האָט דאָס יידישע פאָלק אופגענומען רו און ווידערופלעבונג. ס׳האָט זיך איינגעשטעלט אַ שטייגער־לעבן אין די אופגעריכטע היימען. ווידער שטראָמט די פרידלעכע צייט מיטן אומבייט־סיידער פון פריידן און זאָרגן, נאַכעס און פאַרדראָסן. און וואָס איז שייעך די פאַרדראָסן, זיינען זיי אין מאָסקווע און אין ווילנע, אין קעשענעווו, קיעוו, טאַשקענט, סווערדלאָווסק, לענינגראַד — גלייכלעכע פאַרדראָסן, ווי עס פירט זיך אין לעבן, און בעשום־אויפן ניט קיין ערנסטע סיבע צו „פּאַקעווען די טשעמאָדאַנעס“. אַרויסרופן בא אַ סאָוועטישן מענטשן אָט דעם דאָזיקן מעשוגאַס קאָנען איצט בלויז צוויי צאָרעס: אַ סיסטעמאַטישע ביזוויליקע פאַרפירערישע העצע פונדערווייט און אייגענע אומגעלומפּערטע, גאָר ניט קיין ערלעכע בענעגייע דער צייט, דעם היימלאַנד און בענעגייע זיך אַליין אילוזיעס און אויסרעכענונגען, וועלכע זיינען מעסוגל צו ברענגען אומפאַרמיידלעך צו אַ פּערזענלעכער קאַטאַסטראָפע.

איך מיין, אַז ווען עס וועט דורכגיין אָט דאָס מעשוגאַס, דאַן וועלן יידן, אונטערגעהאַלטן פון די אַנדערע פעלקער, מאַכן אַ היסטאָרישן מישפּעט איבער די אונטערהעצער. איך זע דאָס שוין איצט, ווייל דער גוירל האָט מיך פיל מאָל צונויפגעפירט פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט די אומגליקלעך געוואָרענע אימיגראַנטן — אין די ערטער פון זייער נייַ, מישטיינסגעזאָגט, אויסקומעניש, סיי אין אייראָפּע, סיי, איצטער, אין אַמעריקע. איך זע שוין פאָרויס דעם קומענדיקן „קליינעם ניורנבערגער פּראָצעס“, ווו אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק וועט זיצן דער ציוניזם — ניט נאָר פאַר זיינע גאַזלעוואָיעס בענעגייע דעם פּאַלעסטינישן פאָלק, נאָר אויך פאַר דורכפירן דעם עמיגראַציע־פאַרברעכן קעגן דעם יידישן פאָלק — פאַר ציניש אָפּנאַרן פיל צענדליקער טויזנטער מענטשן און, אין רעזולטאַט, פאַר שאַפן אַ סוויווע פון נאָווענאָדניקעס־יידן אַרויס־

פאַרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד“, נום. 6, 7, 8, 1979.

געריסענע פון דער וועלט פון סאָציאַליזם, ווו זיי זײַנען געבוירן, ווו זיי האָבן געלעבט, פאַרוואָרצלטע און אײַנגעשטייגערטע אין זייערע געבורט־היימען, און איצט פלאָנטערן זיי זיך אונטער די פיס בא אנדערע סוויוועס, וועלכע זײַנען אזוי אויך באַלעסטיקט מיט אייגענע צאָרעס און פּראָבלעמען. עס רופט אַרויס שטוינונג, וואָס מענטשן, בא וועמען קיינער האָט ניט אָפּגענומען זייער מאָקעם, זײַנען געוואָרן קוואַרטיראַנטן בא יענעם, זיי ריכטן אָפּ אַ מעשונע־פּרײַוויליקן גאָלעס, לעבן אין פּרעמדע דירעס, אַרבעטן, ווי מע זאָגט, בא דער פירמע „מעסטגאַס און שטיינטרעט", פאַרשטעלן זיך פאַר אַ מין נאַציאָנאַלן אוירעך, וועמען ס׳איז דערצו ניטאָ קיין ערנסטע סיבע, ווערן באָסיאַקעס, אַרומשלעפּער, און אַלס קאָנסעקווענץ פון דעם ווערן זיי אויך גאַנץ אָפט מאָראַלישע קריפּלס, וואָס ריידן אָן אָף זייער מוטערלאַנד, דינען דעם איבערקויפער פון נעשאָמעס, קריכן אין אנדערע אידעאָלאָגיעס, שטעלן זיך אַליין אונטער פּאַר רעליגיעס און סעקטעס נאָך אַ לעבנלאַנג ניט וויסן פון זיי...

בראַיטאָן־ביטש זעט אויס ווי אַ פאַרשטאָט מיט אַן אײַזנבאַן־פּלאַטפאָרמע, און ווען מע קוקט זיך גוט צו, ווײַזט זיך אַרויס, אַז די פּלאַטפאָרמע פירט אין... אָקעאַן־אײַנגוס, פּאַשעטער גערעדט — ס׳איז אַ ברייטער ברעטלדיקער טראָטואַר צווישן די לעצטע הײַזער פון דער שטאָט און דעם וואַסער־ברעג. לענגויס דעם טראָטואַר זעט מען גרין־געפאַרבטע, שוין אָפּגעבליאַקעוועטע בענק (ווי אין אַ סקווער), אָף וועלכע עס זיצן מענטשן, מערסטנס באַיאָרטע, אין אָסיענמאַנטלען און אין אָנגערוקטע ביז די אויערן שליאַפעס, אָדער אין ווינטער־היטלען. די ייִנגערע דרייען זיך אַרום אַהין־אַהער און שמועסן צווישן זיך. אַלע — אָף די בענק און אָף די טראָטואַר־ברעטער — זײַנען פאַרטאָן אין אַ שמועס, בייס וועלכן מע מאַכט שטאַרק מיט די הענט און מע רײַסט איינער באַם אַנדערן די קנעפּ פונעם מאַנטל. אינמיטן די רייד שטעלט מען זיך אָפּ, קעדיי אַרײַנרוימען עפּעס אין אויער אַרײַן, אָדער איבערכאַפּן דעם אָטעם. דער יאָם איז אָנגעכמורעט, די מענטשן זײַנען אָסיענדיקע, ס׳איז קאַלט און אומהיימלעך.

די אימיגראַנטן „עטעמען מיט לופט" — טאַקע זייער אַ נוצלעכע זאַך, אָבער אויב אַ פילאָסאָפיר טאָן, איז עס אַן אַרומדרייען זיך פון שפּאָגלנײַע לופט־מענטשן. זיי זײַנען נאָך אָנגעטאָן אין סאָוועטישע מאַנטלען און היטלען, נאָר דער פּייזאַזש איז שוין ניט אַזאַ, ווי אינעם אָדעסער פּרימאָרסקע פּאַרק.

אָט זײַנען מיר שוין אָפּן בראַיטאָנביטשער טראָטואַר — איך און עטלעכע ניו־יאָרקער כאַווײרים מײַנע, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען באַווײַזן מיר „די רוסישע גאָלדזוכער", ווי איינער פון זיי האָט זיך אויסגעדריקט. איך בין מיט אים ניט מאַסקים:

— אויב איר ווילט זיך פאַנאַנדערקלײַבן אינעם כאַראַקטער פון אָט דער דאָזיקער עמיגראַציע, — זאָג איך, — דאַרפט איר גוט וויסן, ווער די מענטשן זײַנען, אין וועלכע ערטער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן זיי געלעבט און ווער האָט אין יעדער קאָנקרעטער מישפּאָכע אַרײַנגעטראָגן דאָס נאָגן־זיך אין וואַרטעניש אָף עמיגרירן — דער טאַטע מיט דער מאַמען? דער זיידע? די קינדער?..

אין ווילנע, לעמבערג, קעשענעווו, טשערנאָוויץ, דאָס הייסט אין די מײַרעוו־געביטן פונעם לאַנד, האָב איך געוווּסט ניט ווייניק באַיאָרטע ייִדן און יידענעס, וועלכע האָבן באַלאַנגט צום „קאַפּיטאַליסטישן דאָר", און זיי האָבן אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן — איך טרײַב ניט איבער — פאַרהיט אין דער נעשאָמע דעם טרוים נאָך אַ שיפסקאַרטע, אָדער זיך אַרומגעדרייט אין עלטער פון אכצן־צוואַנציק יאָר צווישן „כאַלוצים", אין דער ציִוניסטישער יוגנט, און נאָכדעם דאָס גאַנצע לעבן זיך געהאַלטן אין איין גרייטן צום „פאָרן", נאָר עפּעס־וואָס האָט טאָמיד ניט געלאָזט: צווערשט, אין דער סמעטאָנישער ליטע, אין פּילסודסקי־פּוילן, אין דער באָיאַרישער רומעניע — די שווערקײטן צונויפנעמען אָף אַ בילעט, און דערצו נאָך די פּרישע, אָקאַרשטיקע ביטערע דערפאַרונג, וועלכע זאָגט אונטער, אַז דער שאָכן אָדער דער קאָרעוו האָט שוין געפּרווּוט „פאָרן" און איז אַרײַנגעפאַלן אין זעלבן קאַפּיטאַליזם; שפּעטער אַ ביסל האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, און די לעבן־געבליבענע זײַנען געלאָפן ניט אין אַמעריקע, ניט קיין פּאַלעסטינע, נאָר אין טיף רוסלאַנד — זיך ראַטעווען. נאָכן קריג האָט געדאַרפט דורכגיין אַ לענגערע צײַט, אַז די שיפסקאַרטע זאָל ווידער קריכן אין קאָפּ אַרײַן בא די, וואָס זײַנען געכאַפּט אָף אָט דעם סאָרט מעשוגאַס. פאַרן לאַנד גופע האָט לאַנגע יאָרן געדויערט דער ניט גוטער קאַלטער קריג, ווען מיגראַציע פון בירגער איז געווען פאַרשוועריקט. און ערשט נאָך העלסינקי, בא דער לינדערונג פון דער אַטמאָספער, בייס עס איז, ביכלאַל גערעדט, פעסטער געוואָרן די סטאַביליזאַציע פונעם מאַטעריעלן מאַצעוו, אײַנשליסנדיק, געוויינלעך, פּריידן און פאַרדראָסן, אומבאַדינגט פאַרדראָסן (וואָס אַן אַנדערש מאָל וואָלטן זיי פּונקט אַזוי דורכגעגאַנגען, ווי זיי זײַנען אופגעקומען), — ערשט אין די זיבעציקער יאָרן האָט געקאָנט אַ שפּרייט טאָן זיך די עמיגראַציע, וועלכע האָט, אומפאַרמײַדלעך, געטראָפן אויך אין אַנדערע סוויוועס, אויסער „מײַרעוודיקע ייִדן". די ציִוניסטישע סאַם־פּראָפּאַגאַנדע האָט אָפּגעזוכט באַלאָנים, און

ניט וויניק, צווישן „גרוזינער ייִדן" — אפן רעליגיעזן באָדן, צווישן די, וועמען קליינע פּאַרדראָסן האָבן פאַרטונקלט דעם קאָפּ מיטן הארצן מיטן געוויסן, אויך צווישן גלאט ניט שטאנדהאפטיקע און לײַכטזיניקע פּאַרשוינען, צווישן „קינדער, וועמענס עלטערן עס פאָרן", און צווישן „עלטערן, וועמענס קינדער עס פאָרן", צווישן קאָלערליי קרויווים, קאלעס, כאסאנים, ניט דערשאצטע דאָקטוירים, ארטיסטן, ליטעראטן...

מע דארף אויסדריקן מיטגעפיל ניט דעם לאנד, פונוואנען אָט דער אוילעם פאָרט ארויס, נאָר די לענדער, ווו זיי באזעצן זיך און וווהין זיי ברענגען ארײַן זייערע קרענקלעכע פּראָבלעמען, זייערע געשטרויכלטע כאראקטערן, די אנטוישונגען, די דערמאָנונג וועגן א פארלאָרן לעבן, די נאָסטאלגיִע. זיכער האָט די סאָוועטישע געזעלשאפט גאָרניט פארלאָרן. נו, און וואָס איז שייַעך מיטגעפיל צו די אומגליקלעכע בראיטאָנביטשער „קוראָרטניקעס", האָט מען זיי דען באם עמיגרירן ניט געוואָרנט וועגן דעם?

האקלאל, פאר מײַנע אויגן שפרייט זיך די ניו־יאָרקער פאָרשטאָט בראיטאָן־ביטש. די ברעטער אף דער קלאדקע באם ברעג פונעם אטלאנטישן אָקעאן סקריפּען, ווי ניט געשמירטע רעדער פון א וואָגן. איך קוק זיך אײַן אין די פּנעמער פון די אָפּגעפרעמדטע מענטשן, וואָס האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אין גרופּקעס און מעסטן די לענג און די ברייט פונעם טראָטואר. פארלוירנקײַט, כאראָטע, דערנידעריקונג און הילפלאָזיקײַט — אָט וואָס איך זע אף די פּנעמער פון די אימיגראנטן. מײַן אויער כאפּט אוף אלטע ווערטער, וועלכע קלינגען פאר מיר אזוי נײַ און אומגעריכט, ווי כ׳וואָלט זיי הערן צום ערשטן מאָל: „פּאָסטאָיאלעץ", „העקדעשניק", „גרינע", „נאטוראליזירטע", „אונטערטאנשאפט", „פאָדאנסטווע", „אלטגעזעסענע", „נײַגעקומענע"...

עס הערן זיך אָפּגעהאקטע פראזעס:

— ער וועט מיך ניט נעמען...

— זאָל אים נעמען דאָס קאדאָכעס...

— די קיצווע קלעקט קוים אף וואסער צו דער קאשע...

אן עלעגאנטער הויכוווקסיקער מאנצבל מיט טרוקענע אײַנגעפאלענע באקן זיצט אף א באנק, ארומגערינגלט מיט יוגנט (ער איז אלט א יאָר זיבעציק, פונעם מאנטל זעט זיך ארויס אן ארטיסטישע „באבאָטשקע") און דעקלאמירט:

В Стамбуле, под ногами турка,
Истоптан, грязен и загажен,
Валялся план Санкт-Петербурга,
В квадратном дюйме — триста сажен...[1]

אף די ברעטער פונעם טראָטואר שטייט א שטוב. עפּעס ענלעכס קאָן מען זען בא די פליטנטרײַבער אף גרויסע טײַכן. לעם ארײַנגאנג, אף דער שילד און אף די פענצטער, וואָס קוקן צום אָקעאן — א היימיש וואָרט «Москва», אָנגעשריבן טאקע מיט רוסישע אויסיִעס. אין די פענצטער זײַנען אויסגעשטעלט מאטריאָשקעס, טעלער מיט געוויכערטע פיש, קאָנפעטן „מישקא" און „בעלאָטשקא". דער רעסטאָראן געהער צו „רוסישע ייִדן". די נײַגעקומענע גייען אהין ניט ארײַן. איך עפן אוף די טיר: בא די טישלעך זיצט קיינער ניט. דאָס קאָל פונעם באַיאָרטן עלעגאנטן מאנצבל לאָזט זיך ווידער הערן, ווען איך גיי שוין אראָפּ פונעם טראָטואר און גיי אוועק מיט מײַנע פרײַנט שפאצירן איבער דער בראיטאָן־ביטש־עוועניו:

Моя тоска — как эта карта,
В квадратном дюйме — триста сажен...[2]

בראיטאָן־ביטש־עוועניו איז א לאנגע שמאָלע גאס, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון איינע קרעמלעך, גרינס־שטעלכלעך, ביליקע קאפעהײַזער. די גאס איז מיט א „דאך": אויבן, איבער איר גאנצער ברייט און לענג, דאָרט, ווו ס׳דארף זײַן בלויער הימל, ציִען זיך בעטאָנענע פליטעס, אף וועלכע ס׳זײַנען דורכגעלייגט רעלסן פון דער שטאָטישער באן, וואָס עס האָט א טיפּישן אמעריקאנער נאָמען — „עלעווייטער". בא שאָלעם־אלייכעמען ווערט געזאָגט: „אזא לייטער, וואָס מע רופט אים עלעווייטער". נו, א לייטער קאָן מען אופשטעלן און אוועקלייגן. דער עלעווייטער „ליגט", און זײַנע טרעפּלעך־שפּאלעס שפּארן זיך שיר ניט אָן אין די קעפּ פון די מענטשן אף דער גאס.

און מיט מענטשן שוויבלט און גריבלט אף בראיטאָן־ביטש־עוועניו. קעדיי א קוק טאָן אף זיי, בין איך איצט אהער געקומען. מענטשן, מענטשן! וואָס טראָגט עס אײַך אין ברודנעם שטראָם ארײַן, אין אויסרײַסעניש! אָט דו, לעמאָשל, דו מיינסט, איך ווייס ניט, אז ערשט מיט געציילטע וואָכן צוריק פלעגסטו נאָך ארײַנקומען „אין פּראָפּקאָם", „אין זאווקאָם", „אין פּארטקאָם" און רעדן מײַסע באלעבאָס און צום ווייפלטן מאָל דערמאָנען, אז ס׳איז, גאָט צו דאנקען, סאָוועטסקע וולאסט, און אויב מע וועט

[1] אונטער די פיס באם טערק — א מאפּע: סאנקט־פּעטערבורג.
סטאמבול פארוויקלט אין איר פערשקעס.
די מאפּע איז באקאנט מיר דאפּקע,
דרײַ הונדערט וויאָרסט אין יעדער ווערשקע.

[2] מײַן בענקשאפט איז אזא, ווי אָט די מאפּע.
דרײַ הונדערט וויאָרסט אין יעדער ווערשקע...

ניט טאָן אַזוי, ווי דו ווילסט, ווערסטו „ביזן צעקאַ דערגיין". איז וואָס זשע ביסטו דערגאַן ביז צו בראַיטאָן־ביטש־עוועניו? און טו אַ קוק אין שפּיגל, ס'איז דיר קיין בושע ניט? אַרופֿגעפּיאַלעט אַף זיך געקעסטלטע הויזן־„דודאָטשקעס", אַ שיטער־געל קאַשקעטל, און האַוועסט אַרום אונטערן עלעווייטער, אַ צעפּאַרעטער פֿון יאָגעניש נאָך פּריוואַט־אייגנטום — מענאַכעם־מענדל מיט די ביינער... דו — דער אומאַנער „כלאָפּעץ". האָסט אַ שפּײַ געטאָן אַף דער סאָפּיִעווקע? דײַן טאַטע ליגט אָפּן הויכן ברעג פֿונעם דניעפּער, ער האָט אָפּגענומען צוריק באַם דײַטש קיִעוו. און דו האָסט זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צו טײַנען, אַז דו ווילסט ניט אומאַן, דאַרפֿסט ניט קיִעוו, ווײַל דו האָסט אײַנגענומען בראַיטאָן־ביטש־עוועניו. טיפּעש! אין ניו־יאָרק ווערסטו, אין בעסטן פֿאַל, פֿאַרדינען עטלעכע איבעריקע דאָלער אַף צו קויפֿן פֿאַר זיי געקעסטלטע מאַטקעס, אין אומאַן דאַרפֿסטו זיי ניט האָבן. אין ניו־יאָרק פֿאַרשפּילסטו אַף אייביק אומאַן. טיפּעש!

איך לאָז זיך ניט אַרײַן מיט קיינעם אין קיין שמועס. אינקאָגניטאָ, איז אינקאָגניטאָ. קוקן, הערן און טראַכטן. ווען איך זאָל ניט וויסן, אַז דאָס אַלץ איז רעאַל, וואָלט איך געקאָנט מיינען, אַז מע דרייט דאָ אַ פֿילם וועגן נעפּ. „אײַבערגעטאָנענע" אַרומשמײַענדיקע מענטשעלעך, צווישן זיי עטלעכע שלעגערס — „בינדיוזשניקעס", סטראַשידלעס, פּראָסט גערעדט — דריבנע גאַנגסטערס, וואָס שרעקן דעם אוילעם און נעמען בײַ אים ציִנז. ווולגאַרע מוידן. הונגעריקע קינדער. רעדלעך פֿון נײַגעריקע אינמיטן דער גאַס. באַראַכאָלקעס אַף די ראָגן. שטופּערײַ. מיִעסע ווערטער. אַ ספּעציפֿישער רוסיש־יִידישער זשאַרגאָן. היי, דו! ביסט נאָך נעכטן געגאַנגען „אין פּראָפּקאָם", „אין זאַווקאָם", „אין פּאַרטקאָם", געטראָגן אַ ריין העמדל, געגאָלט די באָרד, גערייניקט די נעגל. האָסט גענוצט אַזעלכע ווערטער, ווי „איזוויניטיע, פּאָזשאַלויסטאַ", „טשעלאָוועק זוווטשיט גאָרדאָ"[1], — וואָס זשע האָסטו פֿאַר אַ קורצער צײַט אַזוי זיך אַראָפּגעלאָזט?

אַ רעסטאָראַן אַף דער עוועניו. די שילד — אַף רוסיש: «Одесса». אַן אַנדער אויפֿשריפֿט — מיט יִידישע אויסיִעס: „קאָשערע קנישעס". באַם אַרײַנגאַנג אין „אָדעססאַ" — אַ בופֿעט. „וועגט מיר אָפּ אַ האַלב פֿונט רוסישן קאָלבעס"... „מיט אודאָוואָלסטוויִע, דאַמאָטשקע... מאַטילדאַ סאַמוילאָוונאַ! פּאָדאַיטע קוסאָק קאָלבאַסי איז לוטשעוואָ סאָרטאַ... אוּ נאַס ניע

[1] „אַנטשולדיקט, ביטע", „מענטש קלינגט שטאָלץ" (רוס.).

אָבוויעשיוואַיוט"...[1]. „וואָס זאָגט איר אַף אים? פֿאַראַכטאָגן פֿרײַטיק האָב איך אויך דאָ געקויפֿט אַ האַלב פֿונט קאָלבעס, איז דאָרט געווען ווייניקער מיט פּופּציק גראַם... פֿעלן זאָל אים פּופּציק כאַדאָשים צום לעבן!.."

שאַט, מע זינגט אַף יִידיש. דאָס איז ניט קיין שאַרמאַנשטשיק, קיין בלינדער פֿידלער, קיין גאַסן־טענצערן. אַ פֿרוי אין די מיטעלע יאָרן האָט זיך צוגעשפּאַרט צו אַ קעלער־ווינקל פֿון אַ קלייט. לעם איר שטייען צוויי מאַנצבלען, מע זעט גלײַך, אַז איינער איז אַ נאַטוראַליזירטער אַמעריקאַנער, דער צווייטער — אַ גרינער. מײַנע באַגלייטער באַמערקן ניט אָט דעם דרײַלינג און גייען ווײַטער, שמועסנדיק צווישן זיך. די פֿרוי זינגט פֿאַר זיך. און ווען איך שטעל זיך אָפּ, איז זי ניט צופֿרידן. איך פֿאַרשרײַב די ווערטער פֿון איר ליד:

איך גיי אַרום אין די גאַסן
איינע אַליין.
איך האָב ניט, מיט וועמען צו רעדן,
נאָר מיט זיך אַליין.
אוי, אין אַ פֿרעמדער מדינע
בין איך פֿאַרוואָגלט געוואָרן.
פֿון גאָט אַליין
איז געקומען דער צאָרן...

זי וויל מיך, ווײַזט אויס, אַ שטאָך טאָן, רײַסט זי איבער די דאָזיקע ליד און הייבט אָן אַן אַנדערע:

קומט אַ ייִד אין אַ פֿרעמד לאַנד,
קלאַפּט אין פֿרעמדע טירן.
קיינער דריקט אים ניט די האַנט.
וועמען וועט זײַן עלנט רירן!

זי קוקט אַף מיר אַזוי, ווי זי וואָלט זאָגן: אָט האָסטו דיר, שלימאַזל, דײַן כיילעק פֿאַר אָפּשטעלן זיך אומגעבעטן לעם אַ מענטשן, וואָס זינגט פֿאַר זיך, מער פֿאַר קיינעם ניט. און איך, פֿון מײַן זײַט, בין דערווײַל פֿול מיט דײַגעס: ניט אַרויסלאָזן פֿון אויג די כאַווײרים, וואָס זײַנען אַוועק פֿאָרויס, און קורץ זיך דורכשמועסן מיט דער זינגערן און מיט די צוויי מאַנצבלען. די זינגערן לייגט אַף מיר קיין אַכט ניט. זי שעפּטשעט שטיל די ווערטער פֿון איר ליד און ווישט די אויגן מיטן דינעם שאַרפֿעלע, וואָס וויקלט אַרום איר האַלדז. איינער פֿון די מאַנצבלען — דער נאַטוראַליזירטער — טוט מיר צוליב און וואַרפֿט צו עטלעכע ווערטער:

— איר זײַנט דאָ אַלע אַף גרויסע צאָרעס...

ער איז מיט מיר אַף „דו":

[1] „מיט פֿאַרגעניגן, דאַמאָטשקע... מאַטילדע סאַמוילאָוונע! דערלאַנגט אַהער אַ שטיקל וווּרשט פֿונעם בעסטן סאָרט... בײַ אונדז וועגט מען אָן נאַרערײַ"... (רוס.).

— אויב דו ביסט א מענטש פון סאָכנות און קלײַבסט זיך אײַנריידן די יורדים, זיי זאָלן זיך אומקערן קיין ייִסראָעל, בעט איך דיך, גיי אוועק.

א ווונק צו דער זינגערן:

— זי איז אין קאס אָף דער ייִדישער מעדינע, ווײַל איבער דעם ארויסרוף־בריוו אהינצו האָט דער וועג געבראכט אהערצו...

זעענדיק, אז איך קלײַב זיך אוועקגיין, כאפט ער ארויס פון קעשענע אן אלט ביכל, וואָס איז פארגעלט פון דער צײַט און אינגאנצן שוין צעשאָטן. ער נעמט לײַכט אראָפּ דאָס זײַטל, אָף וועלכן דאָס ביכל איז אופגעעפנט, און שטופט עס מיר ארײַן אין קעשענע:

— קיין געלט האָב איך ניט, איז נעם די שיימע, זי וועט דיר צוניץ קומען...

איך יאָג אָן מײַנע כאווירים און באקוק דערווײַל די „שיימע". ס'איז א בלעטל פון יויסעף אָפּאטאָשוס א בוך, וועלכן כ'האָב געליינט מיט א יאָר פערציק צוריק, און עס געדענקט זיך, אז דאָס איז א זאמלונג פון בילדלעך און סקיצן וועגן באגעגענישן, וואָס דער אווטאָר האָט געהאט אין וועג. דאָס מאָל קומט אָפּאטאָשו אָן מיט דער באן עפּעס אין אן אמעריקאנער שטעטל, ווו ער וועט האלטן א לעקציע וועגן דער רײַזע קיין סאָוועטן־רוסלאנד, וואָס ער האָט ניט לאנג צוריק דורכגעמאכט (די סקיצע איז אָנגעשריבן אין 1929 יאָר). פאר דער לעקציע שמועסן די אָרטיקע ייִדן מיטן גאסט. אָט איז דער טייל פונעם דיאלאָג, וועלכער איז אָף דעם זײַטל פונעם בוך אונטערגעשטראָכן מיט א רויטן בלײַער:

— כאווער אָפּאטאָשו, איר זײַנט טאקע געווען אין אָדעס אויך?

— געווען.

— טאָ ווי זעט איצט אויס אָדעס? שיין, ווי אמאָל?

— אָדעס איז שיין.

— הערסט, ליובאָטשקע? זיי זאָגן, אז אָדעס איז נאָך אלץ שיין! מיר זײַנען דאָך געבוירענע אָדעסער! מיר האָבן דאָרט געארבעט ביזן טויזנט נײַן הונדערט צוויי און צוואנציקסטן. כ'בין געווען א קאָמיסאר איבער דרוקערײַען, איז מיר אײַנגעפאלן א מעשוגאס דאָ אהערצוקומען, פּעדלען מיט א וואָגן אויבסט... אײַ, כאווער אָפּאטאָשו, אָדעס, אָדעס! ווי קומט מען צוריק אהין? אָבער פּושקינסקאיא איז א שיינע גאס, הא?

— זייער שיין.

— הערסט, ליובאָטשקע? ווער עס רעדט א שלעכט וואָרט אפן ראטנלאנד, מעג אים ס'מויל פארקרימט ווערן!

דאָס האָט געשריבן ניט ארן ווערגעליס, נאָר יויסעף אָפּאטאָשו.

17. אין טכוס־האַמוישעוו פון אמעריקע

פאָרנדיק צוריק פון בראַיטאָן־ביטש, שטעלן מיר זיך אָפּ אין ווילליאמסבורג און אין קראַון האַיטס — בא די סאטמארער און ליובאַוויטשער. ס'איז מיר שוין אויסגעקומען ניט איין מאָל צו שרײַבן וועגן די דאָזיקע נעסטן פונעם ייִדישן מיטלאלטער, דעריבער וועל איך איצט אויסמײַדן באוווסטע פראָטים. וויכטיק איז דאָס, וואָס גופע די עקזיסטענץ פון געטאָס אין לעצטן פערטל פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט איז עמעצן בייטיק. אין דער וועלט קומט איצט פאָר אן עכטע רעוואָליוציע קעגן פארגליווערטע היסטאָרישע ווערטן. צענדליקער פעלקער און לענדער זאָגן זיך אָפּ פון נעכטיקע סאָציאלע און נאציאָנאלע אטריבוטן. איז דען ניט מאָדנע, וואָס אין אזא לאנד, ווי אמעריקע, האָט זיך דער אָרטאָדאָקסיִע אײַנגעגעבן ארופוואַרפן א צײַמל אף א גרויסן טייל פון דער ייִדישער באפעלקערונג? פאר די פופצן יאָר, וואָס איך בין דאָ ניט געווען, זײַנען די געטאָ־ווענט אין ברוקלין געוואָרן שטארקער און העכער. וועגן דעם זאָרגט זיך די ראבאָנישע רעאקציע. דאָס איז, זעט אויס, איר איינציקער אויסוועג. אין א פארשלאָסענער נאציאָנאלער סוויווע קאָן מען אופהאלטן א קאָנסערוואטיוון שטייגער, וווהין עס וועט שווערער זײַן ארײַנצודרינגען דעם פּראָגרעס.

צו דעם ברייטן אוילעם רעדט מען מיט פּראָפּאגאנדיסטישע דריידלעך. אָט אזוי:

— לאָמיר אופהערן צו שרעקן זיך פארן וואָרט געטאָ. אין געוויסע אומשטענדן זײַנען געטאָס טאָמיד געווען און זיי פארבלײַבן דער פּראַקטישער אויסוועג, ווען פאר די ייִדן שטייט די פּראָבלעם פון זעלבסטהילף און קאָאָפּעראַציִע אינווייניק אין דער נאציאָנאלער סוויווע;

— אין די שטעט וועט אונדזער ייִדישקײַט זיך לאנג ניט קענען האלטן, דארפן מיר זיך צונויפנעמען אין קליינע גרופּעס און אויסבויען שטעטלעך, בײַשטעטלעך, פאָרשטעטלעך. א ייִדישע יוגנט, פאר וועמען די עלטערן וועלן אופבויען א רויִק שטעטל, וועט זיך אײַנלעבן מיט ייִדישקײַט אף א גאנץ לעבן.

איינער פון די טעאָרעטיקער פונעם ייִדישן נאציאָנאליזם — א. גאָלאָמב — האָט אין זײַנס אן ארטיקל געפּרווט פארינטערעסירן אלע רעאקציאָנערע שטרעמונגען מיט דער אידיי פון שאפן א ספּעציפיש אמעריקאנישן טכום־האַמוישעוו: „אופריכטיקע ציִעניסטן, וואָס זאָרגן וועגן דעם קיִעם פון ייִסראָעל, דארפן זען, אז די קומענדיקע דוירעס זאָלן אויך העלפן דער מעדינע, זאָלן וועלן העלפן איר, זאָלן וויסן דעם טאַם פון גאנצער ייִדישקײַט און בענקען נאָך אזא. עס דארפן וועלן די שטעטלעך פרומע ייִדן,

ווײַל נאָר אין אַזוינע קלענערע און אײנהײטלעכע קיבוצים וועט מען קענען אָפּהיטן אַ ייִדישן שאַבעס און יאָמטעוו. עס דאַרפן אומבאַדינגט וועגן דעם זאָרגן עמעסע און אופריכטיקע בונדיסטן. מע רעדט וועגן אויטאָנאָמיע — אַדראַבע, קומט און נעמט זי. קיינער שטערט אײַך ניט צו האָבן אַזאַ קולטור־אויטאָנאָמיע... די שטעטלעך קענען זיך אויספורעמען פאַרשיידן, לויט די אידעאָלאָגיעס, זיי וועלן אָבער אַלע זײַן ייִדישע"... (א. גאָלאָמב. „טעריטאָריאַליזם אַף די ערטער". זשורנאַל „אויפן שוועל", מײַ — יוני, 1963).

איצט, אַזוי ווי מיט פופצן יאָר צוריק, זע איך מיט די אייגענע אויגן, וואָס אַזאַ ייִדישקײַט באַטײַט אַף דער פּראַקטיק.

ס'איז ריכטיק, אַז באָראָ־פּאַרק, לעמאָשל, זעט אויסערלעך אויס ווי אַן אַמאָליק ייִדיש שטעטל אין גאַליציע. אַלטע נידעריקע הײַזער מיט ייִדישע שילדן, געשריבן אינעם לאָשנקוידעשדיקן סטיל, גאַסן אָן קינאָ־טעאַטערן, קלובן, טאַנץ־זאַלן, צירקן, רעסטאָראַנען — די שילדן און מוידאָעס זאָגן אָן ניט וועגן סערוויס־אונטערנעמונגען, ניט וועגן פאַרווײַלונגס־ערטער, נאָר — טאַלמעטוירעס און יעשיוועס, ראַבאָנים און שאַדכאָנים, שידוכים און בריסן, כאַסענעס און לעווײַעס. דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט אַמאָל אַן אייגענע עקאָנאָמיק, זאָל זײַן אַן אָרעמע, אַ זעלבסטבאַדינערישע, אָבער דאָך — אַ גאַנצן קלאַס באַלמעלאָכעס, אַ פּראָדוצירבאַזע, וועלכע האָט באַדינט סײַ דאָס שטעטל גופא, סײַ די אַרומיקע דערפער. די אויסטויש־סיסטעם האָט געהאַט ניט נאָר עקאָנאָמישע פונקציעס — אויך סאָציאַלע. דאָס אַלץ האָט געשאַפן די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער אינעם שטעטל און אין לעצטן רעזולטאַט — די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

אַרומפאָרנדיק איבער די „ייִדישע גאַסן" פון ניו־יאָרק — ראַטלעדזש סטריט, בעדפאָרד עוועניו, איסטערן פּאַרקוויי, קינגסטאָן, לי עוועניו, ראַדני סטריט, עמפּײַער בולוואַרד און נאָך און נאָך, קאָן איך ניט געפינען דאָס וויכטיקסטע, וואָס פאַרייניקט מענטשן אין אַ יישעוו — סימאָנים פון עקאָנאָמישער טעטיקײַט. די קאָשערע קרעמלעך, מאַצע־בעקערײַען, יאַטקעס זײַנען, אַזוי צו זאָגן, פאַרשטיינערטע קעמערלעך פונעם רעליגיעזן אומגאַנג־לעבן. דער סאַטמאַרער „הויף", דער ליובאַוויטשער „הויף" (מע רופט זיי אין דער פּרעסע „אימפּעריעס") זײַנען פאַקטיש צעשפּרייטע איבער דער ברוקלינער פאַרשטאָט, פײַנטלעכע איינע צו דער אַנדערער סעקטאַנטישע באַוועגונגען, באַ אַנדערע רעליגיעס וואָלטן זיי געקאָנט הייסן מאָנאַסטירן. פאַרשטייט זיך, הײַנטיקע צײַטן באַגייט מען זיך ניט מיט אַרבעטן אַף די גערטנער־בייטן און מיט אופראַמען די אייגענע קעליעס. די באַלעבאַטים פון דער סאַטמאַרער „אימפּעריע", אַ שך טייגער, פאַרמאָגן אַנצאָליקע פלייש־געשעפטן, אַ מיל, אַ גרויסע בעקערײַ, וועלכע באַקט ווינטער־מאַצע פאַר די כסידים פון סאַטמאַר אין פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט. די דאָזיקע „אינדוסטריע" ברענגט אַרײַן שווערע מיליאָנען האַכנאָסע. דער רעבע איז אַ גרויסער מומכע אַף ביזנעס, דאָס זעלבע אויך דער קאָנקורירנדיקער, דער ליובאַוויטשער.

אויב אָבער ריידן ערנסט, זײַנען די דאָזיקע צוויי אומגעלומפּערטע, פּאַראָדיע־„אימפּעריעס" — אויסגעכאָוועטע אַף אַ קינסטלעכן באָדן רעזערוואַציעס פון אָבסקוראַנטישן פּאַראַזיטיזם, און אין פאַרגלײַך מיט זיי זײַנען די אַמאָליקע ייִדישע שטעטלעך — דאָס ווײַסרוסישע ליובאַוויטש און דאָס אונגאַרישע סאַטמאַר — געווען בעעמעס קוואַליקע, טיף פאַרוואָרצלטע געמיינשאַפטן פון האָרעפּאַשנע מענטשן. פונעם שטאַנדפּונקט פון סאָציאַלער נוצלעכקייט האָט איין שמיד, איין באָנדער פונעם אַלטן ליובאַוויטש מערער די ווערט, איידער אַ טויזנקעפּיקע כאָפּטע כאַבאַדניקעס (פאַרשפּרייטער פון „ייִדישקייט", וועלכע רופן זיך „חב"ד" — כאָכמע, בינע, דאַאַס) — כסידים, מאַדריכים, מעלאַמדים און אַנדערע לײַדיקגייער, וועלכע שטעלן צונויף דאָס כאַיל פון רעבע מענאַכעם־מענדל שנייערסאָן, דעם באָס פון די הײַנטצײַטיקע ליובאַוויטשער.

איך פאָר אַרום איבער די פרומע גאַסן פון ברוקלין און קאָן זיך ניט צווינגען צו גלייבן, אַז דאָס אַלץ, וואָס איך זע, איז רעאַל אין אונדזער צײַט. עפּשער בין איך אַרײַנגעפאַלן אַף אַ מאַסקאַראַד, אָדער אַף אַ פּאַראַד פון אַלטע מאָדעס? אָט שטעלט מען דאָך אַרויס אָפּגעלעבטע אויטאָמאָבילן, איז פאַרוואָס ניט באַווײַזן דאָס אָנטועכץ פון לאַנג פאַרגאַנגענע צײַטן? שטרײַמלעך פון פעלץ, ציצעס, קאַפּאָטעס, אונטער וועלכע עס זעען זיך אַרויס ווײַסע זאָקן. מאַנצבלען אין יאַרמלקעס, פרויען אין שײַטלעך, קינדער מיט געקרײַזלטע פייעס. טשיקאַווע? אַוואַדע וואָלט ניט געשאַדט זיך דערמאָנען, ווי אַזוי ס'האָט אויסגעזען דאָס נעכטיקע, אָבער מיטן טנאַי, אַז דאָס דאָזיקע נעכטיקע זאָל ניט אַרויס פון צווישן די ווענט פונעם מוזיי.

איך פאָר צוריק קיין מאַנהעטן דורך דער אַלטער בריק. אווראָם לעסין האָט אַמאָל באַשריבן, ווי אַזוי ער פאָרט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. דאָס מיזרעך־פערטל פון איסט־סאַיד איז אים אויסגעקומען אַף דער רעכטער זײַט פון דער בריק. פאַר מיר שפּרייט עס זיך אַף לינקס. דאַן איז געווען אַ גאָלדענער ווינטער־טאָג, ראָזלעכע שטיקער אײַז זײַנען געדיכט אַרומגעשווומען אינעם גרינלעך־בלויען וואַסער

פון דעם איסט־ריווער. איצט איז דער ווינטערטאָג פול מיט זון, וואָס עס איז אזוי זעלטן אינעם ניו־יאָרקער וועטער. איך קוק אראָפּ אונטער דער בריק: שטיקער אײַז — אוואדע ראָזלעכע, ווײַל מאנהעטן גיסט ארײַן אין איסט־ריווער אזויפיל הייסע פאבריק־וואסער, אז דאָס אײַז שמעלצט זיך און קרישלט זיך. ווײַטער פונעם טײַך גרייכט ניט דער ווארעמער שטראָם פון דער ציוויליזאציע. צו וויליאמסבורג און סאטמאר דערגייט ער ניט.

אווראָם לעסין האָט געשריבן, אז פאָרנדיק פון מאנהעטן דורך דער ברוקלינער בריק, האָט ער געטראכט וועגן דעם האלבן מיליאָן ייִדישע אימיגראנטן, אײַנוווינער פון דער איסט־סאיד, און ער האָט געהאט א גרויסן ווילן — שטארקן זייער גײַסט, אָנרירן מיט פײַער זייער הארץ.

פאָרנדיק פון ברוקלין דורך דער אלטער ברוקלינער בריק, פיל איך און וויל דאָס זעלבע.

18. א גלעזעלע מאשקע אין רעסטאָראן „באלאלײַקא“

אזוי טאקע איז אָנגעשריבן אף דער שילד: „Balalajka“ — א רעסטאָראן מיט רוסישע מײַכאָלים. ניו־יאָרק האָט גענוג אינטערעס פאר דעם, איבערהויפּט, אז דער באלעבאָס איז א זינגער, וואָס האָט ערשט ניט לאנג צוריק געהאט זײַן באשטענדיק אָרט אף די כאָשעווסטע עסטראדעס אין סאָוועטן־רוסלאנד.

עמיל האָראָוועץ הייסט דער באלעבאָס פונעם ניו־יאָרקער רעסטאָראן. ער האָט עמיגרירט קיין יִסראָעל מיט פינף יאָר צוריק. אין מאָסקווע זײַנען נאָך פאראן ליבהאָבער פון דער עסטראדע, וואָס געדענקען אים, דעם מיטלוווקסיקן פולבלעך־געפאקטן סימפאטישן זינגער מיטן טיף לירישן קאָל און מיט די אופגעכאפטע מאָדערנע אויספילערישע מאנירן.

מע דארף פארשטיין, אז פון אָנהייב אָן האָט ניט יִסראָעל אים געצויגן צו זיך. זײַן „רײַכער פעטער“ וווינט אין אמעריקע, און עמיל האָראָוועץ איז בעטעווע א פראקטישע נאטור, עס האָט אים געצויגן און געקישעפט דאָס אנדערע לעבן, ניט ספּעציעל באם קויסל מאאראָווי, נאָר, לאָמיר זאָגן אָן פארדרייעניש — דאָס לעבן, וואָס איז געזיכערטער אין דער נאָענטקײַט מיטן „רײַכן פעטער“.

עס האָט מיך בעפיירעש א צי געטאָן זיך זען מיט האָראָוועצן — ערשטנס, דערפאר, ווײַל מיר האָבן אין מאָסקווע זיך געכאווערט, געוועזן, קאָן מען זאָגן, גוטעפרײַנט, קיינמאָל מיט קײַן וואָרט זיך ניט פארביטן, און, צווייטנס, ווײַל צום אלגעמיינעם בילד פון „רוסישע ייִדן“ אין זייער אמעריקאנער גילגל האָט מיר געפעלט דער אײַנגעאָרדנטער, דער צופרידענער מיטן מאָטעריעלן מאצעוו אין דער עמיגראציע.

מײַן באווײַזן זיך אין זײַן ניו־יאָרקער רעסטאָראציע האָט, עמעס, אין די ערשטע רעגעס עטוואָס דערשיטערט עמיל האָראָוועצן. ער האָט אָבער שנעל זיך באהערשט און, ניט מאכנדיק קיין וועזן פון דעם, וואָס דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך באגעגנט מיט העכער פינף יאָר צוריק אפן טווערסקאָי בולוואר אין מאָסקווע, האָט ער אזוי זיך, דערעכאגעוודיק, א מאך געטאָן:

— דו ווייסט, הײַנט איז בא מיר אָן עכטער אוקראיִנישער באָרשטש, באלד הייס איך גרייטן א טישל, און בראנפן איז בא מיר, פארשטייט זיך, אויך עכטער, „סטאָליטשנער“...

אומגעקערט האָט ער זיך פון דער קיך אין א פאָר מינוט ארום, טראָגנדיק אין איין האנט א פלאש און מיט דער צווייטער פירנדיק, ווי אף א וואלס, זײַן פרוי.

— מוסיע, — האָט ער אויסגערופן, — טו א קוק און זאָג, ווער דאָס איז...

ווען דאָס געמיט האָט זיך אײַנגעשטילט, האָט עמיל האָראָוועץ א ווײַז געטאָן אף די עטלעכע טישלעך, וועלכע זײַנען געווען צונויפגערוקט אינמיטן זאל (ארום זיי זײַנען געזעסן א צענדליק ענגליש־רוסיש־ייִדיש־רעדנדיקע מענטשן), און געזאָגט צו מיר מיט הארץ:

— אָט דאָס, וואָס דו זעסט, איז דער גאנצער עמעס. איצט קאָנסטו עס באשרײַבן...

איך האָב זיך אָנגעפרעגט:

— דו זינגסט דאָ?

— יאָ, נאָר איך וויל ניט, דו זאָלסט זען, ווי איך זינג צווישן די טישלעך...

— איך בעט דיך...

ער איז אוועק אין צווייטן עק זאל, זיך צוגעשפארט צו א בענקל און אויסגעזונגען א פּאָפּורי פון רוסישע און ציגײַנערשע ראָמאנסן און פון ייִדישע שליאגערס. ווען ער האָט זיך אומגעקערט צו אונדזער טישל, האָבן אלע געהאלטן די אויגן אראָפּגעלאָזט.

— וואָס מוטשעסטו זיך, — האָב איך באַרויִקט האָראָוועצן, — דו האָסט אין צענטער פון ניו־יאָרק א רעסטאָראן...

— איך בין א זינגער, — האָט ער ניט געלאָזט מיך ווײַטער ריידן.

— דער רעסטאָראן איז גאָר א פײַנער...

— ווילסט, וועל איך דיר דערציילן, וואָס עס איז געווען, אשטייגער, נעכטן... טוריסטן פון יִסראָעל זײַנען געזעסן בא די זעלבע טישלעך. ווען זיי האָבן אײַנגענומען עטלעכע פלעשלעך, איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן, אז זיי פאָדערן מיך צו זיך. זינגט „האטיקוואָ!“, האָב איך דערהערט, און ווען כ׳האָב געזאָגט, אז איך זינג

ניט אף העברעיִש, איז געוואָרן א טומל, אן אומאָרדענונג. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט באצאָלן פיר הונדערט דאָלער פאר דער וועטשערע. כ׳האָב ארויסגערופן פּאָליציי. מע האָט געבראָכן בענקלעך. די פּאָליציי האָט בא זיי געדרייט אף היגּטן די הענט...

— נו, האָט מען דאָך סאָפּקאָלסאָף באצאָלט פאר דער וועטשערע...

— מע האָט באצאָלט. אָבער איך בין א זינגער...

— פונדעסטוועגן, געלט האָסטו מערער, איידער אין מאָסקווע.

— כ׳וועל נאָך דארפן א סאך יאָרן אויסצאָלן פארן רעסטאָראן...

— זאָג, וואָס איז איצט דײַן ווילן?

— איך וויל, מע זאָל מיר דערלויבן צופאָרן קיין מאָסקווע צום זון.

— דו האָסט שוין אמעריקאנער בירגערשאפט?

— איבעראיאָר וועל איך האָבן בירגערשאפט... איז מײַן איינציקער טרוים פארבליבן: צופאָרן קיין מאָסקווע צום זון...

האראָוועץ האָט הערצלעך געליטן. ער איז ניט געווען אין א געענגטער לאגע, זיך ניט גענייטיקט אין מאטעריעלער הילף, ניט געוואָרט, מע זאָל אף אים ראכמאָנעס האָבן. אין אים האָט געליטן די נעשאָמע. ער האָט געמאכט אף מיר דעם אײַנדרוק פון א בעעמעס אומגליקלעכן מענטשן.

אין קעשענע בא מיר איז געלעגן דער „פאָרווערטס” מיט א מוידאָע, אז אין עטלעכע טעג ארום וועט אין א פּראָפּאגאנדיסטישער אנטיסאָוועטישער פּראָגראם ארום דעם גוירל פון די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור פּערעץ מארקיש, דאָוויד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ און איציק פעפער ארויסטרעטן מיט א קאָנצערט „עמיל האראָוועץ, וועלכער איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע זינגער אין סאָוועטן־רוסלאנד”. דעם קאָנצערט אָרדנט אײַן בעשוטפעסדיק דער ארבעטער־רינג — א שאָטן פון אן אמאָל אמביציעזער אנטיקאָמוניסטישער אָרגאניזאציע — און די „סאָסעייעטי פאָר אדווענסטמענט אָוו דזשודאיזם”.

וואָס זשע קלאָגסטו זיך, עמיל האראָוועץ? אָט האָסטו דאָך אויך קאָנצערטן, ניט נאָר א רעסטאָראן...

און אין דער זעלבער קעשענע בא מיר איז געלעגן א בייגעלע פּאפּיר, אף וועלכן כ׳האָב בא די זאלצמאנס אין שטוב, ווו איך האָב אן אכסאניע, ארויסגעשריבן פון דעם טאטנס, רוווןְ זאלצמאנס, א נאָטיץ־ביכעלע עטלעכע שורעס, וועלכע שטאמען פון כאיִם־נאכמען ביאליקס אן ארויסזאָגונג וועגן אמעריקע. אָט וואָס עס האָט מיט גרויס ווייטעק אָפּגעמערקט דער גרויסער דיכטער:

„די ברעקלעך ייִדישקײַט, וואָס די אמעריקאנער ייִדן האָבן מיטגעבראכט מיט זיך פון זייערע געבורט־לענדער, האָבן ניט פארהיט קיין הייוון פאר נײַעם טייג, זיי זײַנען פארשימלט געוואָרן און טויגן בלויז אלס מײַכל פאר די בייזע מײַז”.

פארזעצונג קומט

קורצע רעצענזיעס

די מאָס פון עכטער מענטשלעכקייט

אין אלע פריערדיקע ווערק, וועלכע ס'האָט פאַר־עפנטלעכט שמועל גאָר־דאָן, האָט דער לייענער געהאַט אַ מעגלעכקייט דערפילן די אומדערמידלעכע אָנשטרענגונגען פו־נעם אווטאָר אינעם זוכן און אָפּשפּיגלען די סאַמע קאָמפּליצירטע סאָציאַלע און זיטלעכע פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקייט, באַזונדערס יענע טיפע שטייגערישע, ווי אויך געאָגראַפישע ענדערונגען, וואָס די מילכאָמע האָט אַרויסגערופן אינעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן. דער לייענער האָט אויך גע־קאָנט באַמערקן די רײַכע שילדערונגס־מיטלען, מײַס־טערישע נאַטור־בילדער און זאַפטיקע שפּראַך.

אָט די אַלע אייגנשאַפטן האָבן זיך פאַרהיט און באַקומען אַ נײַע אַנטוויקלונג אינעם בוך, וואָס איז ניט לאַנג צוריק דערשינען. און אויב רעדן וועגן דעם ראָמאַן „די אייביקע מאָס", מיט וועלכן דער בוך הייבט זיך אָן און וואָס האָט אַ נאָמען געגעבן דעם גאַנצן בוך, זײַנען צו דעם אַלעמען צוגעקומען יענע באַזונדערע דראַמאַטישע קאָליזיעס, וועלכע דערהייבן זיך אָפּטמאָל צו עכטן טראַגיזם, ווײַל אַזאַ איז דער גורל פון די הויפּט־העלדן פונעם ראָמאַן, וואָס טראָגן אין זיך דעם גורל פון דעם איבערגעלעבטן בײַס די פאַשיסטישע מערדערײַען.

צוויי מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַלפּי־נעס אַרויס־געראַטעוועט פון די גריבער — די יונגע שיינהייט צירל און דער שוין באַיאָרטער מאַנצבל כאָנע — באַהאַלטן זיך אויס אין מעשעך פון דריטהאַלבן יאָר אין אַ פינצטערן קעלער בײַ די אוקראַיִנישע פרײַנט טימאָפיי וואַסיליעוויטש און קסעניע אַנדרייעוונאַ, וועלכע האָבן דערבײַ ריזיקירט מיטן אייגענעם לעבן. אין אָט דער שוידערלעכער סיטואַציע, וועלכע איז בלויז די פאָרגעשיכטע פונעם ראָמאַן, איז שוין פאַ־ראַן דאָס אומגעוויינלעכע און ניט נאָרמאַלע אין די לײַדנספולע הונדערטער טעג און נעכט, וואָס עס האָבן איבערגעלעבט די העלדן. אין איינער אַ לאַנ־גער און פינצטערער נאַכט האָט דאָס יונגע שיינע מיידל צירל אָנערקענט זיך פאַר דעם שוין באַיאָרטן מאַן, וואָס איז ערעוו דער מילכאָמע געוואָרן אַ זייד־דע, אַז זי האָט אים ליב. און ווען עס קומט די לאַנג־געגאַרטע באַפרײַונג און ביידע דערוויסן זיך, אַז פון אַלע זייערע אייגענע איז קיינער ניט געבליבן לעבן, ווען זיי דערפילן, אַז נאָך דעם איבערגעלעבטן זײַנען זיי די סאַמע נאָענטסטע, ווערן זיי מאַן און ווײַב.

געוויס האָט דאָס געקאָנט געשען איבערן שרעק־לעכן געפיל פון איינזאַמקייט, איבער יענעם הייסן פאַרלאַנג צו האָבן לעבן זיך אַ מענטשן, וואָס זאָל דיך פאַרשטיין און דיר מיטפילן, און מיט וועמען מע זאָל קאָנען ווי־ניט־איז אָפּסנײַ אָנהויבן דאָס לעבן. און אוודאי האָבן זיי ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, וועלכע אויספּרוּוון עס שטייט זיי פאָר.

צוערשט קאָן זיך דוכטן, אַז דאָ גייט אַ רייד וועגן דעם געוויינלעכן, ניט גרינגן נאָכמילכאָמעדיקן לעבן, ווען יעדערער איז געווען פאַרטאָן, כוץ דער פּערזענלעכער אויסקומעניש, אין זײַן קאָנקרעטער אַר־בעט: צירל — אין איר סטראַכיר־קאָנטאָר און כאָנע — אויפן צוקער־זאַוואָד. נאָר מיט יעדן נײַעם זײַטל פו־נעם ראָמאַן הייבט זיך אָן שטאַרקער פילן עפּעס ניט געוויינלעכס, באַזונדערס ווען דער פאַרוואַלטער פון דער סטראַכיר־קאָנטאָר, דער יונגער באָכער זײַוול יעווסייעוויטש פאַרליבט זיך אין צירלען, און זי אַליין, טראָץ אַלע אירע לײַדנספולע אינערלעכע גע־ראַנגלען, קאָן ניט בײַקומען דעם געפיל. אין אָט די געראַנגלענישן מיט זיך אַליין, אין אָט די ליידן פון דער יונגער פרוי וואַקסט אויס פאַר אונדז אַ העל געשטאַלט. דאָס עמאָציאָנעלע, פּרוויִשע איז בײַ צירלען איבערגעפלאָכטן מיט טיפן פאַרשטאַנד, מיט ניכ־טערן קוק אויפן לעבן.

אין דעם באַשטייט געוויס די היפּשע אויפווירקונגס־קראַפט פונעם ראָמאַן און דאָס וויכטיקסטע, וואָס דער שרײַבער האָט געוואָלט באַשטעטיקן: נאָך דעם, ווי ביידע, צירל און כאָנע, זײַנען אַזוי־פיל אויסגע־שטאַנען, זיך אָנגעזען מיט אַזאַ גרויסער מאָס רײַ־

שמועל גאָרדאָן. די אייביקע מאָס, פאַרלאַג „סאָ־וועטסקי פּיסאַטעל", מאָסקווע, 1979.

שעס, מיט דעם אומענטשלעכן, וואָס די פאַשיסטישע מערדער האָבן געבראַכט מיט זיך אָף אונדזער ערד, ווען אַלע מענטשלעכע ווערטן זײַנען צעטראָטן געוואָרן און יעדער מענטשלעך לעבן איז געהאַנגען אָף אַ האָר, האָבן זיי, צירל און כאָנע, פאַרהיט אין זיך דאָס מענטשלעכע. און ניט נאָר פאַרהיט, נאָר אויך געטראָגן דעם טיפן פאַרשטאַנד און די פאַראַנטוואָרטלעכקייַט פאַר דעם רעכט צו רופן זיך מענטש.

און דאָ קומט די סוויווע, וואָס האָט דערמעגלעכט, זיי זאָלן קאָנען בײַשטיין אַלע זייערע ניסיוינעס, די סוויווע, וואָס איז פול מיט טרײַשאַפט און פרײַנטשאַפט, מיטן טיפן פאַרשטאַנד צו דער אויסטערלישקײַט פון אָט דעם ניט גלײַכן שידעך און מיט גרייטקײַט באַשיצן זייער מענטשלעכע ווירדע פון אָ שלעכט וואָרט, פון בייזע רעכילעס.

מיך אימפּאָנירט זייער דער געוועזענער סאָלדאַט געדאַליע, וואָס אַרבעט אינאיינעם מיט כאָנען אָפן צוקער־זאַוואָד. די שינעל האָט ער שוין אויסגעטאָן, נאָר פאַרהיט דעם סאָלדאַטישן כאַראַקטער, די אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע, און איז גרייט שלאָגן זיך פאַר מענטשלעכקײַט און גערעכטיקײַט, קעגן דער אוולע. ער דערלאַנגט טאַקע אַ רעכטן טראַסק דעם אינזשעניער אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש (וואָס איז גאָר ניט אַלעקסיי, נאָר אוורעמל), ווען יענער הייבט אָן פאַרפּאָלגן און שאַנטאַזשירן צירלען.

און אין נאָענטער שכיינעס מיט דעם אַלעמען שטייט דאָס נאָבעלע געשטאַלט פונעם לערער, באַליויעץ און באַלפינקעס, נאַפטאָלע דאַווידאָוויטש מיט זײַן הויכן מאָראַלישן אַווטאָריטעט, מיט זײַן ניט אײַנגעשטילטן ווייטעק פון אַלץ דעם שוידערלעכן, וואָס אָף אונדזער ערד איז געשען, און מיט זײַן טיפער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַרן גורל פון די קומענדיקע דוירעס, זיי זאָלן דאָס ניט פאַרגעסן און ניט דערלאָזן, אַז אַזוינס זאָל איבערגעכאַזערט ווערן. טאַקע צוליב דעם פירט ער אין מעשעך פון די אַלע יאָרן זײַן פּינקעס, אין וועלכן ער פאַרשרײַבט אַלץ, וואָס איז געשען און וואָס יעדערער איז אויסגעשטאַנען בײַס דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע. טאַקע אונטער זײַן ווירקונג וועט זײַוול יעווסייעוויטש, וועמען ער וועט באַקאַנט מאַכן מיט זײַן פּינקעס, באַשטימען פאַרלאָזן דאָס שטעטל. און כאָנע אַליין, דער אַלטער און גוטער כאָנע, פאַר וועמען צירל איז זיך מוידע, אַז זי איז ניט איין מאָל געשטאַנען אָפן סאַמע ראַנד בײַס אירע באַגעגענישן מיט זײַוולען, ענטפערט איר אָפּ מיט פולן פאַרשטאַנד צו די געפילן, וואָס האָבן געקאָנט בײַ איר אויפקומען: „דו ביסט מיט גאָרנישט ניט שולדיק פאַר מיר"...

צום אָנהייב טראָגן די געשעענישן פונעם ראָמאַן אַ לאָקאַלן כאַראַקטער. דערנאָך אָבער פירט זיי דער שרײַבער אַרויס אָף זייערע ראַכוועסן, צוגעבנדיק אַן אַלמענטשלעכן באַטײַט. דאָס טרעפט, ווען אין שטעטל יאַוועט זיך אַראָפּ אַן אויסלענדערן פון ברייסעל. עס לאָזט זיך אויס, אַז זי איז ניט קיין אויסלענדערן, נאָר אַן אָפּשטאַמיקע פון אַ שכיינעסדיק שטעטל. אַלפּי־נעס איז זי אַרויס אַ לעבעדיקע פון גרוב, דערנאָך געווען אין געטאָ און קאָנצלאַגער, ביז ס'האָט זי נאָך דער מילכאָמע פאַרשלעפט קיין בעלגיע. בײַס די שמועסן פון אָט דער „אויסלענדערן" — בליומען — מיט נאַפטאָלע דאַווידאָוויטשן ווערט באַרירט די ווייטעקדיקע פּראַגע: וויאַזוי האָט געקאָנט געשען, אַז טויזנטער מענטשן האָבן זיך געלאָזט פירן אָף זיכערן טויט, ווען ס'האָבן זיי קאָנוואָירט ניט קיין גרויסע צאָל סאָלדאַטן? זי, בליומע, פאַרשטייט דאָס גוט, ווײַל זי האָט אַליין אויסגעפּרוווט אָף זיך די סיסטעם פון היטלערישן העגאָציד. אָפן מײַרעוו זוכט מען איצט מיטלען צו פאַרמינערן דעם פעלקער־מאָרד, מע סטאַרעט זיך פאַרגעסן אין אים.

ווען דו לייענסט שמועל גאָרדאָנס ראָמאַן און נעמסט דערנאָך אין דער האַנט אַ פרישע צײַטונג, אין וועלכער עס דערציילט זיך, אַז דער געריכט פון דיסעלדאָרף האָט אַנערקענט פאַר אומשולדיק נאַציסטישע מערדער פונעם טויט־לאַגער מײַדאַנעק, וועמענס הענט עס זײַנען אײַנגעטונקט אין מענטשלעך בלוט, אָדער, אַז אין בונדעסטאַג פון מײַרעוו־דײַטשלאַנד ווערט הייס דעבאַטירט די פּראַגע וועגן אויפהערן פאַרפּאָלגן די נאַציסטישע מערדער, פילסטו באַזונדערס, אַז די פּראָבלעמען, וואָס זײַנען באַרירט אין אים ווערק, האָבן אַ שײַכעס ניט נאָר צום אָוואַר, נאָר אויך צום הײַנט און צום מאָרגן. און אַוואַדע איז גערעכט דער לערער נאַפטאָלע דאַווידאָוויטש ווען ער זאָגט: „די וועלט וואָלט קיין קיעם ניט געהאַט, ווען זי פאַרגעסט, וואָס מיט איר איז געשען"...

דער גאַנצער ראָמאַן איז דורכגעדרונגען מיטן טראַגיזם פון דער מילכאָמע־צײַט. דאָס איז אַ מין יזקער־ווערק ניט נאָר אָף פאַרהיטן דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע, נאָר אויך, אַז די לעבנגעבליבענע דאַרפן דערטראָגן די געשעענישן צו די קומענדיקע דוירעס. און נאָך אַ זאַך: די אַלע אַזוי בוילעט אָנגעמאָלטע געשטאַלטן און די באַרירטע היסטאָרישע און זיטלעכע פּראָבלעמען זײַנען ווי אַ הימן דעם מענטשן מיט זײַן הויכער מאָראַלישער קראַפט, וואָס באַשטעטיקט די אייביקע מאָס פון עכטער מענטשלעכקײַט.

מיט דער זעלבער העכסטער מאָס מישפּעט דער אַלטער הילעל פונעם „באַלשעם־געסל" די פאַשיסטישע מערדער און זייערע מיטהעלפער, וואָס האָבן געוואָלט אויסקויפן זיך באַם סוינע מיט זייער אומגעהערטן פאַראַט. הילעל איז אין פיל אויפאַנים ענלעך אָף כאָנען. זײַן פאַמיליע איז אויך אומגעקומען, ער האָט אויך כאַסענע געהאַט דאָס צווייטע מאָל שוין אָף דער עלטער, און צו אַכציק יאָר זויכע געווען כאַסענע צו מאַכן זײַן זון, זײַן בען־זעקונים. דאָס גאַנצע שטעטל גרייט זיך צו דער סימכע, און ערשט אין טאָג פון דער כאַסענע דערוויסט ער זיך, אַז דער קומענדיקער מעכוטן זײַנער מאַטעש איז געווען אַ נאַטשאַלניק פון דער ייִדישער פּאָליציי אין געטאָ, איינער פון יענע ייִדנראַטלער, וואָס האָבן אוועקגעשיקט אין די טויט־לאַגערס טויזנטער ייִדן. איז שוין אויס כאַסענע, אויס סימכע, און דער אַלטער הילעל אָרדנט אײַן אַן עפנטלעכן געריכט איבערן פאַרעטער. אייגנטלעך, איז מאַטעש שוין געווען געמישפּעט און זײַנס אָפּגעזעסן, נאָר דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער מישפּעט. דער אַלטער הילעל האָט אין נאָמען פון עכטער מענטשלעכקײַט געמוזט ברעכן דעם שידעך און אינאיינעם מיט דער גאַנצער איידע לעבנגעבליבענע אַרײַנוואַרפן דעם פאַרעטער אין כיירעם.

מיט דער זעלבער מאָס מישפּעט זיך אַליין דער העלד פון דער דערציילונג „מעכילע" אורי אַנשין. אין איינעם אַ פאַל, באַ אומשטענדן, וואָס האָבן קלאָר

ניט געדאַרפט ברענגען צו דעם, איז ער זיך באַגאַנגען ניט איידל, אַפילע גראָבלעך מיט זײַן סאַמע אַ נאָענטסטן פרײַנט איליאַ לעסאָוו. זײַן אומווירדיקע אויפירונג לאָזט אים ניט רוען, און ער שרײַבט איין בריוו נאָכן אַנדערן, קעדיי דערקלערן, וויאַזוי דאָס איז געשען, און בעטן מעכילע. קיין ענטפער באַקומט ער ניט, און דאָס צווינגט אים זיך לאָזן אין אַ ווײַטער נעסיע, קעדיי זיך דורכשמועסן און אַראָפּנעמען פון זיך די שולד. נאָר ער פאַרשפּעטיקט. איליאַ סאַוועליעוויטש איז געשטאָרבן מיט אַ פּאָר כאַדאָשים פאַר זײַן קומען.

ס׳איז אַ פּראָבלעם, וואָס האָט די לעצטע צײַט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון פיל סאָציאָלאָגן, די פּראָבלעם פון באַציִונגען צווישן מענטשן אין אונדזער געזעלשאַפט, דער פּסיכאָלאָגישער קלימאַט אין יעדן אַרבעטער־קאָלעקטיוו. דאָ פילן זיך דאָך יענע ביטערע רעשטלעך פון קליינבירגערטום, וואָס פאַרסאַמען אָפט דאָס לעבן. די סאָציאָלאָגן פאָרשן די דאָזיקע פּראָבלעם אַף זייער אויפן, מיט דער הילף פון אַנקעטעס. דער שרײַבער האָט זיך גענומען אויספאָרשן זי מיט זײַנע, ריין קינסטלערישע מיטלען. דער שרײַבער רופט צו מענטשלעכקײַט, צו איידלקײַט, ער וואָרנט קעגן גלײַכגילט, קעגן גרויסהאַלטערישקײַט, קעגן טאַקטלאָזיקײַט, וועלכע ברענגען דעם מענטשן אומזיסטע ליידן.

שמועל גאָרדאָן איז אַן אומרויִקע נאַטור. ער איז אויסגעווען אומעטום, ווו דאָס לאַנד האָט אַ ברעג. זײַנע רײַזעס זײַנען שטענדיק פרוכטבאַר און געפינען אַ ברייטע אָפּשפּיגלונג אין זײַנע ווערק — צו ערשט אין פאַרצייכענונגען, רײַזע־נאָטיצן, דערנאָך אין ראָמאַנען און דערציילונגען. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז דער שרײַבער געווען אין פּאָלטאַווע, אין דער שטאָט פון זײַן ווײַטער און ניט גרינגער קינדהײַט, און מיר האָבן באַקומען אַ פּרעכטיקע דערציילונג „צוגאַסט אַף אַ ווײַל“, וועלכע איז פול מיט העלע בילדער וועגן דעם לעבנסשטייגער פון דער אוקראַיִנישער שטאָט און פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וועלכע וווינט דאָרט. אַלטע גאַסן זײַנען פאַרשווונדן און נײַע זײַנען אויפגעקומען. די אַמאָליקע יוגנט־כאַווײרים זײַנען שוין עלטערע לײַט, און זייערע קינדער און אייניקלעך אַרבעטן אין אַלע געביטן פון דער עקאָנאָמיק און קולטור. דאָס נײַע איז איבערגעמישט מיטן אַלטן, דאָס פריידיקע מיטן טרויעריקן. אַזאַ איז דאָס לעבן!

שמועל גאָרדאָן ווערט הײַנטיקס יאָר אַ בען־שיווים. דער בוך „די אייביקע מאָס“ איז דער בעסטער סימען פון זײַן שעפערישער יונגקײַט.

כאַיִם מעלאַמוד

■ ■ ■

אַ בוך וועגן קאַרל מאַרקס׳ טעכטער

קאַרל מאַרקס׳ דרײַ טעכטער — זשעני, לאַוראַ און עלעאָנאָראַ — זײַנען אין דער געשיכטע באַוווּסט, ווי אָנגעזעענע רעוואָליוציאָנערן, אַקטיווע טוער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. יעדע פון זיי איז געווען אַ זעלטענע פּערזענלעכקײַט. זייערע לעבנס זײַנען דורכגעגאַן פאַרשיידן, אָבער אַלע דרײַ זײַנען געווען דעם טאַטנס מיטקעמפער, זיי האָבן געקעמפט דערפאַר, אַז די גרויסע לערע — דער מאַרקסיזם — זאָל פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן.

איינמאָל האָט מען מאַרקס׳ דרײַ טעכטער, ווען זיי זײַנען געווען נאָך זייער יונג, געבעטן ענטפערן אַף אַן אַנקעטע: „וואָסער שפּריכוואָרט איז בא אײַך באַזונדערס באַליבט און וועלכער איז אײַער דעוויז?“ זשעני האָט אָנגערופן איר דעוויז: „דורך שטעכיקע דערנער — צו די שטערן“; לאַוראַ: „דער עמעס איז העכער פון אַלץ, און דער עמעס וועט זיגן“; די 10־יאָריקע לעאָנאָראַ: „שטרעב פאָרויס“. יעדע פון זיי איז דאָס גאַנצע לעבן געווען טרײַ דעם דעוויז פון די יוגנט־יאָרן.

אינעם בוך פון אָ. וואָראָביאָווא און אי. סינעלניקאָווא „קאַרל מאַרקס׳ טעכטער“ זײַנען געבראַכט מאַטעריאַלן, וועלכע דערציילן, ווי די דרײַ שוועסטער האָבן געהאָלפן מאַרקסן אין זײַן אַרבעט. לויט זײַן אויפטראָג פלעגן זיי אַראָפּשרײַבן ציטאַטן פון ביכער, צײַטונגען, זשורנאַלן. יעדע איז אין פאַרשיידענע צײַטן געווען דעם טאַטנס „סעקרעטאַרשע“.

אין בוך איז באַשריבן זשעני אַלס פּעדאַגאָג. אָבער מיט אַ באַזונדערן אינטערעס לייענען זיך די זײַטלעך, ווו עס ווערט דערציילט איר אָנטייל אינעם קאַמף פונעם אירלענדישן פאָלק פאַר אומאָפּהענגיקײַט. אין דער צווייטער העלפט פון די 60־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך באַזונדערס פאַרשאַרפט, איז זשעני אַרויסגעטראָטן אין דער פּרעסע מיט אַ סעריע אַרטיקלען, אין וועלכע זי האָט דעמאַסקירט די פּאָליטיק פון

О. Б. Воробьева, И. М. Синельникова. Дочери Маркса, издание пятое, дополненное, издательство «Мысль», Москва, 1978.

דער ענגלישער רעגירונג. פון די מאטעריאלן וועגן לאורא דערוויסן מיר זיך, אז זי האָט זיך נאָך אין פריִען עלטער אויסגעטיילט מיט איר ליטעראַרישן טאלאנט — געשריבן און איבערגעזעצט לידער. זי האָט כאַסענע געהאט מיטן אקטיוון טוער פונעם I אינטערנאציאָנאל פּאָל לאפארג, איינעם פון די גרינ־דער פון דער פראנצויזישער ארבעטער־פארטיי, אן אָנגעזעענעם פּראָפּאגאנדיסט פון מארקסיזם. נאָכן אריבערפאָרן קיין פראנקרײַך האָט לאורא צוזאמען מיטן מאן זיך באטייליקט אין דער אינטערנאציאָנא־לער ארבעטער־באוועגונג, אינעם ארויסגעבן מארקס׳ ליטעראַרישע ירושע, זי האָט איבערגעזעצט אין פראנצויזיש א ריי זייער וויכטיקע ווערק פון מארקס און ענגעלס. אינעם בוך „קארל מארקס׳ טעכטער״ זײַנען געבראכט די זיכרוינעס פון נ. ק. קרופּסקאיא וועגן וו. אי. לענינס באגעגעניש מיט פּאָל און לאורא לאפארג זומער 1909. וולאדימיר איליטש און פּאָל לאפארג האָבן געשמועסט וועגן פילאָסאָפיע, נאדעזש־דא קאָנסטאנטינאָוונא און לאורא — וועגן רוסלאנד, וועגן דעם אָנטייל פון די פרויען אין דער רעוואָלוי־ציאָנערער באוועגונג.

אין דער ענגלישער און אינטערנאציאָנאלער אר־בעטער־באוועגונג איז געווען ברייט באקאנט מארקס׳ יינגערע טאָכטער עלעאָנאָרא. אונטער ענגעלסעס אָנ־פירונג פלעגט זי ארויסטרעטן אלס אן אקטיווער אָר־גאניזאטאָר פון דער מאסן־באוועגונג צווישן די ניט־קוואליפיצירטע ארבעטער, אלס אָרגאניזאטאָר פון מיטינגען, שטרײַקן, דעמאָנסטראציעס. זי האָט גע־פירט א גרויסע ארבעט צווישן די פרויען. די אָוו־טאָרן פונעם בוך דערציילן וועגן דעם, ווי עלעאָנאָ־רא האָט געהאָלפן די יידישע ארבעטערנס:

„א סאך צײַט און אופמערקזאמקײַט האָט עלעאָנאָ־רא געשענקט די יידישע ארבעטערנס פון ווייטשע־פעל. ווײַטשעפעל — דאָס זײַנען ענגע, שמוציקע געסלעך מיט קליינע קלייטלעך און קוסטאר־וואר־שטאטן, מיט אויסגעמאטערטע, הונגעריקע מענטשן. א גרויסער טייל פון דער היגער באפעלקערונג זײַ־נען געווען יידן, די מערהײַט — עמיגראנטן. מיט די פרויען פון ווײַטשעפעל האָט געארבעט עלעאָנאָרא. און קעדיי מע זאָל זי בעסער פארשטיין, האָט זי אין די אינטערעסן פון דער סאָציאליסטישער פּראָפּא־גאנדע ספּעציעל דערלערנט די יידישע שפּראך און געלייענט פאר זיי לעקציעס אף יידיש״.

עלעאָנאָרא האָט גענומען אן אקטיוון אָנטייל אינעם צוגרייטן און דורכפירן דעם I קאָנגרעס פונעם II אינטערנאציאָנאל אין פּאריזש אין 1889, זי איז גע־ווען א דעלעגאט אף די קאָנגרעסן אין בריסעל (1891) און אין ציריך (1893).

אינעם בוך זײַנען אויסגענוצט די אינטערעסאנטע דערינערונגען וועגן עלעאָנאָרא פונעם אָנגעזעענעם יידישן פּראָלעטארישן דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי. זיי באלאנגען צום פּעריאָד, ווען עס איז פאָרגעקו־מען דער ציריכער קאָנגרעס.

„ווי שטענדיק, — שרײַבן די אָווטאָרן פונעם בוך, — איז עלעאָנאָרא געווען איבערגעלאָדן מיט ארבעט. אין איינעם א טאָג האָט זיך צו איר געווענדט א פארשטייער פון די יידישע ארבעטער אין ענגלאנד מ. ווינטשעווסקי, ער האָט איר דערציילט, אז ער רעפּרעזענטירט אכט פאריינען, וועלכע פארייניקן קימאט 600 יידישע ארבעטער. אפן קאָנגרעס זײַנען פאראן ניט ווייניק סאָציאליסטן, וואָס ווייסן ביז גאָר ווייניק וועגן די יידישע ארבעטער, ווער רעדט נאָך וועגן די אָרגאניזירטע, און וועגן דעם דארף מען דערציילן״. „ווייסט איר וואָס, — האָט געענטפערט לעאָנאָרא, — שרײַבט מיר אָן דאָס, וואָס איר האָט מיר איצט דערציילט, און איך, אלס איבערזעצערן, וועל זיך שוין זאָרגן, אז וועגן דעם זאָל געזאָגט ווערן אפן קאָנגרעס״. אין א שאָ ארום האָט זי אף דרײַ שפּראכן — אף דײַטש, פראנצויזיש און ענג־ליש — באקאנט די דעלעגאטן מיט דער לאגע פון די יידישע ארבעטער אין ענגלאנד, מיט זייערע אָר־גאניזאציעס. איר ארויסטרעטונג איז אופגענומען גע־וואָרן מיט שטורמישע אפּלאָדיסמענטן. עלעאָנאָרא האָט געשײַנט פון שטאָלץ״.

ווען מארקס איז געשטאָרבן, האָט עלעאָנאָרא צו־געגרייט צום דרוק א ריי זײַנע ווערק און אקטיוו מיטגעארבעט אין דער סאָציאליסטישער און דעמאָ־קראטישער פּרעסע פון ענגלאנד, פראנקרײַך, דײַטש־לאנד, אמעריקע און אנדערע לענדער. דער פירער פון די דײַטשישע סאָציאליסטן ווילהעלם ליבקנעכט האָט מיט פולן רעכט געזאָגט וועגן עלעאָנאָרא, אז „אָט די ווילנספולע און מוטיקע פרוי האָט פארמאָגט די ענערגיע און קראפט פון צען מאנצבלען״. נאָך האָט ער געשריבן, אז „זי האָט פארייניקט אין זיך די צארטע פרויִשקײַט און דעם סייכל פון איר מו־טער מיטן לײַדנשאפטלעכן אומגעצוימטן גײַסט פון איר פאָטער״.

אינעם בוך ווערט געגעבן באוויזן דער וואקסנדיקער אינטערעס פון אלע מיטגלידער פון מארקס׳ מישפּא־כע צו די סאָציאל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּאר־שריטן, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין רוסלאנד נאָכן אָפּשאפן דאָס לײַבייגנטום, באזונדערס צום וווּקס פון דער ארבעטער־ און רעוואָלוציאָנערער באוועגונג אין אונדזער לאנד.

אין די טעג פון דער ערשטער רוסישער רעוואָ־לוציע פון 1905 האָט לאורא לאפארג געשריבן מיט באגײַסטערונג: „אין אלגעמיין האָט די רעוואָלוציע זיך אָנגעהויבן אין רוסלאנד... מיטן העלדנמוטיקן פּראָלעטאריאט, מיט די מאנצבלען און פרויען, וועל־כע קעמפן אזוי מוטיק, טרעט רוסלאנד ארײַן אין א נײַער ערע״. מארקס׳ טעכטער, ווי דער פאָטער זיי־ערער, האָט טיף געגלייבט אינעם זיג פון דער רוסי־שער רעוואָלוציע, אין איר באדײַטונג פארן בא־פרײַונגס־קאמף פון די ארבעטנדיקע פון גאָר דער וועלט.

וועגן דעם אלעם און וועגן נאָך פיל זאכן וועט דער לייענער געפינען אינטערעסאנטע מאטעריאלן אין דער נײַער אויסגאבע פונעם בוך „קארל מארקס׳ טעכטער״.

באָריס רודיאק

■ ■ ■

פּאָרטרעטן פון פרײַנט

„מענטשן און ביכער. ליטעראַרישע נאָטיצן" — אזא איז דער נאָמען פונעם נײַ־דערשינענעם בוך פון דעם באַוווסטן רוסישן שרײַבער סערגיי בארוזדין. אלע קאפיטלען פונעם בוך זײַנען געווידמעט די ליטעראַטן, מיט וועלכע ער האָט זיך באגעגנט אַף זײַן שעפערישן וועג. איר טרעפט דאָ ברייט באַקאַנטע נעמען, ווי וואַלענטין קאַטײַעוו, ארקאַדי גאַידאַר, רוווים פרײַערמאַן, אגניִא בארטאָ, קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו; אויך ווייניקער באַוווּסטע מענטשן, נאָר מיט א ספעציפישער ביִאָגראַפיע (באָריס יעגאָראָוו, איליא מיקסאָן, עספיר צורופא, אקאָפּ סאַלאַכיאַן). באַרירנדיק די סוויווע פון די הײַנטצײַטיקע ייִדישע שרײַבער דערציילט ס. בארוזדין וועגן זײַנעם א בריוו־אויסטויש מיט ארן ווערגעליסן — אינעם קאַפּיטל, ווו עס גייט א רייד וועגן דער אָפּשאַצונג פון אזא קאָמפּליצירטער דערשײַנונג, ווי שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר. דער אַווטאָר פילט, אַפּאָנעם, אז דער לייענער וועט זיך כידעשן, דערזעענדיק אין א בוך, ווו עס ווערן באַשריבן באַגעגענישן מיט הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע שרײַבער, א קאַפּיטעלע „וועגן שאָלעם־אַלייכעמען", — און ער באַמערקט: „מע קאָן מיר זאָגן, פאַרוואָס ווערט אין אָט דעם בוך פּלוצעם דערמאָנט וועגן אים?" יאָ, ער איז ניט געווען און האָט, נאַטירלעך, ניט געקאָנט זײַן קיין סאָוועטישער שרײַבער. אָבער מיט רוסלאַנד און מיטן גורל פון זײַן פאָלק אין רוסלאַנד איז ער געווען פאַרבונדן. פון דעם האָט עפּשער געצויגן זײַן יעניקע דער גרויסער שרײַבער שאָלעם־אַלייכעם. און נאָך איין זאַך. עס איז עפּשער ניטאָ אַף דער וועלט נאָך אזא לאַנד, ווי אונדזער לאַנד, דאָס סאָוועטישע, ווו עס זאָל אזוי ברייט, אזוי פול און אין אזעלכע טיראַזשן אַרויסגעגעבן ווערן שאָלעם־אַלייכעמס ווערק".

נאָכן איבערלייענען אזא אַרײַנפיר קאָן באַם לייענער אויפקומען א געדאַנק, אז ס. בארוזדינס בוך איז א זאַמלונג פון אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור־קענטעניש. אָבער ניין, דאָס איז א בוך פּאָרטרעטן פון פרײַנט, נאָר די פּאָרטרעטן זײַנען דאָ פון אזא כאַראַקטער, וואָס צומאָל שרײַבט מען זיי א גאַנץ לעבן. אין זייער גרונט ליגן פּערזענלעכע באַאָבאַכטונגען, באַגעגענישן, בריוו, אַווטאָר־עקזעמפּליאַרן, וועלכע זײַנען אונטערגעטראָגן געוואָרן אַלס מאַטאָנע, פּערזענלעכע צעטעלעך, ראַיווּנעס וועגן פרײַנט, — קורץ, א בוך וועגן פיר און פערציק שרײַבער, מיט וועלכע דער אַווטאָר איז פאַרבונדן מיט אזא פרײַנטשאַפט, וואָס ציט זיך א גאַנץ לעבן.

ניט קיין לײַכטע איז זי, די פרײַנטשאַפט צווישן שרײַבער. צומאָל איז זי הייס און פול מיט שײַן, ביידע צדאָדים זײַנען גרייט מאַקריוו זײַן פאַר איר זייערע לעבנס. צומאָל אָבער גיט אין איר אומגעריכט א בלאָז א קאַלט ווינטל, שעפערישע גוויראָלעס גייען זיך צונויף און צעשיידן זיך... נאָך אזא פרײַנטשאַפט בלײַבן איבער בריוו, נאָטיצן אין בלאָקנאָטן, אויפשריפטן אַף ביכער. א סאַך פּרעכטיקע געדאַנקען טרעפן מיר אין ס. בארוזדינס בוך. וועגן דעם, ווי אזוי עס ווערט אויסגעקליבן דער וועג אין דער ליטעראַטור, וועגן דער ביִאָגראַפיע פון א שרײַבער, וועלכער ווידמעט זײַן טאַלאַנט דעם פאָלק, וועגן דער ראַליע, וואָס א „פרײַנטלעכער קרײַז" שפּילט אין דער שאַפונג. מע דאַרף זאָגן, אז אזא פּראָבלעם ווערט אין דער ליטעראַטור־קענטעניש ניט באַהאַנדלט. זי האָט אָבער שטענדיק געלעבט אין דער ליטעראַטור. ס. בארוזדין האָט אין זײַנע ליטעראַרישע נאָטיצן אויפגעהויבן זי אַף א פּרינציפּיעלער הייך. ער שרײַבט וועגן ביִאָגראַפיעס פון שרײַבער ווי וועגן נײַע שטערנס אַפן הימל פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, ער ווערט אָבער ניט פאַרפירט פון שטייגערישע קלייניקײַטן.

רירנדיק זײַנען די זײַטלעך אינעם בוך, וועלכע זײַנען געווידמעט רוווים פרײַערמאַנען, וועלכער איז אַמאָל געווען בארוזדינס לערער אין דער סטודיע פונעם מאָסקווער פּיאָנערן־הויז. סערגיי בארוזדין דערמאָנט עפּיזאָדן, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט פרײַערמאַנס באַוווּסט ווערק „דער ווילדער הונט דינגאָ" — א בוך, וועלכן עס קענען איצט אַף אויסווייניק מיליאָנען סאָוועטישע שול־קינדער. דעמלט אָבער, מיט פערציק יאָר צוריק, קאָנקרעט אין נײַן־און־דרײַסיקסטן יאָר, ווען דאָס ווערק איז אָקאָרשט דערשינען, האָט פרײַערמאַן ערשט „געפאַנגען" דעם לייענער. „מיט וואָס פאַר א פלײַס האָבן מיר דעם בוך דעמלט געלייענט! איך קאָן זאָגן, אז נאָך קיינמאָל אין לעבן האָב איך אין מײַנע הענט ניט געהאַלטן אזא פאַרכאַפּנדיק אינטערעסאַנט ווערק. דעם בוך פלעג איך צוליב עפּעס האַלטן אונטערן קישן, אויסבאַהאַלטן פון די עלטערן און פון כאַוויירים, ווי איך וואָלט מוירע געהאַט, אז מע וועט אים בא מיר אָפּנעמען. פון יענער צײַט זײַנען שוין פאַרלאָפן א סאַך יאָרן. עס זײַנען אויסגעוואַקסן און קימאַט אַלט געוואָרן די ערשטע לייענער פונעם „ווילדן הונט דינגאָ"... ניט ווייניק פון זיי זײַנען אין איין־און־פערציקסטן יאָר אַוועק אַף דער מילכאָמע און א סאַך האָבן זיך ניט אומגעקערט, מאַקריוו געווען זייערע לעבנס פאַר דער היים־ערד, וואָס וועגן איר האָט אזוי פּרעכטיק געשריבן רוווים פרײַערמאַן"...

אָט אזוי דערציילט ס. בארוזדין וועגן זײַן לערער, פאַרייניקנדיק אין איין ליניע פאַרשיידענע צײַטן, דורעס, יאָרן. דער גורל פונעם בוך און דער גורל פון זײַן לייענער זײַנען דאָ ענג פאַרבונדן. ניט אומזיסט איז סערגיי בארוזדין געוואָרן א קינדער־שרײַבער. ווען מע לייענט אויפמערקזאַם זײַנע קינדער־לידער און קינדער־דערציילונגען, ווערט קלאָר, אז

С. Баруздин. Люди и книги. Литературные заметки, издательство «Советский писатель». М., 1978.

ער איז א געבוירענער שרײַבער פארן אונטערוואקסנדיקן דאָר, אזא ווי זײַנע עלטערע לערער ר. פרײַערמאן, וו. יעלאגין, נ. אילינא, ס. מארשאק — די אָנפירער פונעם סעמינאר אף דער ערשטער אלפארבאנדישער בארטונג פון יונגע שרײַבער אין 1947 (אז ער האָט באזוכט דעם דאָזיקן סעמינאר, שרײַבט דער אווטאָר אליין אינעם נאָכוואָרט צום רעצענזירטן בוך). דער פאָדעם פון בארוזדינס פײַנעם אינטערנאציאָנאלן געפיל צו מענטשן ציט זיך טאקע פונעם בוך „דער ווילדער הונט דינגאָ״.

אין סערגיי בארוזדינס ווערק „מענטשן און ביכער״ שפיגלט זיך אָפ, ווי די זון אין א טראָפן וואסער, אויך דער פאָרטרעט פונעם אווטאָר גופא. מע קאָן דערווידערן: מיט די דאָזיקע ווערטער ווערט קיין שום אמעריקע ניט אנטדעקט, ווײַל אין יעדן ווערק פון א שרײַבער איז פאראן א קײלעך פון זײַן אייגענעם פאָרטרעט. געוויס איז דאָס אזוי. מע טאָר אָבער ניט פארגעסן, אז גאנץ אָפט דעקט צו דאָס קונסטווערק, ווי מיט א וווּאל, דאָס פאָנעם פונעם אווטאָר. אָבער אינעם בוך „מענטשן און ביכער״ רעדט דער אווטאָר אָפן וועגן זײַנע לײַדנשאפטן, גוסטן און אָנשווינגען, ער באהאלט קיין זאך ניט אויס, באנאנד מיט די דערציילונגען וועגן זײַנע פרײַנט ליטעראטן ברענגט ער זייערע לידער און בריוו. דערבײַ מאמעש אָן א ספעציעלן אויסוואל, אָן באפוצונג, ער האָט קיין מוירע ניט באשולדיקט צו ווערן, אז ער האָט געבראכט ניט די בעסטע לידער, לעמאָשל, די פאשטעס דערגרייכט דאָ דעם אפאָגיי. דאָס איז א מין הארציקער, צוטרוילעכער שמועס מיט א פרײַנט א לייענער וועגן א פרײַנט א שרײַבער. א שמועס א טיפער, מיט די נייטיקע אָנצוהערענישן, מיט א ווײַטן קוק. מיר ווייסן ניט פון קיין סאך ביכער, ווו עס זאָל זײַן אזא גרויסע צאָל פאָרטרעטן פון שרײַבער, אזעלכע, וועלכע זײַנען אָנגעשריבן אפן סמאך פון פערזענלעך געזאמלטן מאטעריאל, און ניט אראָפגעשריבענע פון אנדערע קוועלן.

אזא טראדיציע צו שרײַבן פאָרטרעטן שטאמט נאָך פון אלעקסאנדער סערגייעוויטש פושקינס צײַטן — וויפל פאָרטרעטן זײַנען געווען צעוואָרפן איבער זײַנע ארטיקלען און נאָטיצן, וויפל צייכענונגען זײַנען געווען אָנגעמאָלט אף די זײַטן פון זײַנע מאנוסקריפטן! אין דער סאָוועטישער ליטעראטור טרעפן מיר דעם זשאנער פון דאָקומענטאלע פאָרטרעטן אין די ביכער פון די מעמואריסטן וו. ווערעסײַעוו, ק. טשוקאָווסקי, ל. ניקולין און אנד. ס. בארוזדין זעצט פאָר די דאָזיקע טראדיציע, אָבער ניט מעכאניש, זײַן זשאנער איז ניט באגרענעצט מיט די ראמען פון דערינערונגען.

ווי מיר האָבן שוין אָפגעמערקט, זײַנען די העלדן פון בארוזדינס פאָרטרעטן ניט שטענדיק ברייט באקאנטע, פאָפולערע שרײַבער. גרויס איז אונדזער פילנאציאָנאלע ליטעראטור, איר טרעפט אין איר א סאך רומפולע נעמען, זי ווערט געשאפן קימאט אף 130 שפראכן. ס. בארוזדין פירט אונדז איבער דער דאָזיקער ליטעראטור, באקאנט אונדז מיט די סאמע טאלאנטפולע פאָרשטייער אירע: מיטן עסטאָנער פאול קווסבערג, מיטן קאלמיק דאוויד קוגולטינאָוו, מיטן אוזבעק ראשיד ראשידאָוו, מיטן לעטלענדער אימאנט זיעדאָניס, מיטן גרוזינער קאָנסטאנטין לאָרדקיפאנידזע. דאָ זײַנען איבערגערעכנט ווײַט ניט אלע, וועגן וועמען סערגיי בארוזדין האָט געשריבן.

אין יעדן שרײַבער סטארעט זיך ס. בארוזדין צו געפינען אן אייגנארטיקן שטריך, וואָס איז באזונדערס כאראקטעריסטיש פאר אים — א וואָרט, א ווונק, אראָפגעכאפט, קאָן מען זאָגן, מיט דער פארהוילענער פאָטאָ־קאמער. דער אווטאָר ווייסט גוט, אז די אָפיציעלע באגעגעניש מיט א שרײַבער איז ניט מער ווי אן אָפיציעלע, וואָס דערציילט אונדז פאקטיש זייער ווייניק. אין בארוזדינס בוך געפינען מיר א גאנצע סעריע אינטימע שמועסן און באגעגענישן.

אינעם קאפיטעלע וועגן שאָלעם־אלייכעמס פערזענלעכקײַט און וועגן זײַן שאפונג זאָגט ס. בארוזדין ארויס אזא טעזיס: „אָן נאציאָנאלע שטריכן זײַנען קיינמאָל ניט געווען און האָבן ניט געקאָנט זײַן קיין אינטערנאציאָנאלע״. פארשטייט זיך, אז אזא טעזיס איז א רעזולטאט פון זײַן פיליאָריקער טעטיקײַט אלס שרײַבער און אלס רעדאקטאָר פונעם זשורנאל „דרוזשבא נאראָדאָוו״ („פעלקער־פרײַנטשאפט״). עס רעדט זייער פיל דער פאקט, וואָס דעם דאָזיקן טעזיס זאָגט ער ארויס אין זײַנע געדאנקען וועגן שאָלעם־אלייכעמען, וועמענס שעפערישער וועג האָט זיך פארענדיקט נאָך ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, און א וועלט־אנערקענטער שרײַבער איז ער געוואָרן אין אונדזער צײַט. ריידנדיק וועגן שאָלעם־אלייכעמען, באגלייט ס. בארוזדין אין זייער געלונגענע עפיטעטן דאָס וואָרט „אינטערנאציאָנאליזם״: „שאָלעם־אלייכעמס קלוגשאפטלעכער, קלוגער אינטערנאציאָנאליזם, וואָס האָט שטענדיק אויסגעדריקט דעם גײַסט און די באגערן פון זײַן פאָלק, איז אונדז אלעמען טײַער און נאָענט״...

אין זײַן וואָרט וועגן שאָלעם־אלייכעמען באריט דער אווטאָר די שטעלונג פונעם גאנצן דאָר, צו וועלכן ער אליין געהער, געבנדיק דערמיט צו פארשטיין, אז זײַן ליבע צום יידישן קלאסיקער איז אן אָביעקטיווער פאקט, וואָס ליגט אינעם עצם באגריף סאָוועטישער אינטערנאציאָנאליזם. „איך ווייס ניט, — שרײַבט סערגיי בארוזדין, — ווי דאָס איז פאר אנדערע, נאָר מײַן דאָר, פאר די מענטשן, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן אין די צוואנציקער יאָרן, ארײַנגעטראָטן אינעם גרויסן און שווערן לעבן אין די דרײַסיקער און זיך געגרייט צו די הארבע ניסיונעס פון די פערציקער יאָרן, פאר די רוסישע, סאָוועטישע מענטשן, איז צווישן די פיל רוסישע און אויסלענדישע הייליקע נעמען פון שרײַבער געווען דער אווטאָר פון „מאָטל פייסי דעם כאזנס״ און פון „טעוויע דער מילכיקער״. איך און די מענטשן פון מײַן עלטער האָבן דעמלט נאָך ניט געלייענט ניט די „בלאָנדזשנדע שטערן״, ניט די פיעסן „צעזייט און צעשפרייט״, „דאָס גרויסע געווינס״, אויך דאָס אווטאָביאָגראפישע ווערק „פונעם יאריד״, אָבער דאָס, וואָס איך האָב דעמלט געלייענט און געזען — און איך האָב געהאט דאָס גליק צו זען „טעוויע דעם מילכיקער״ אין יידישן טעאטער פון דער ארבעטער־יוגנט („טראם״) אין מאמאָנאָווער געסל, — איז געניאל״...

מע דארף באמערקן, אז ס. בארוזדינס ארויסזאָגונגען וועגן שאָלעם־אלייכעמען, כאָטש זיי פרעטענדירן ניט אף פארענדיקטע אָפהאנדלונגען וועגן דער יידישער קלאסיק, זײַנען אין פיל הינזיכטן נאָענט

צו די ארויסזאָגונגען פון אזעלכע בארימטע סאָוועטישע שרײַבער און ליטעראטור־קענער, ווי א. לונאטשארסקי, מ. גאָרקי, מ. באזשאן און אנד. דערצו איז אין סערגיי בארוזדינס ארויסזאָגונגען געגעבן דער הײַנטיקער קוק אף שאָלעם־אלייכעמען. „שאָלעם־אלייכעם — דאָס איז א דערשײַנונג, וואָס האָט א וועלט־באדײַטונג, — שרײַבט ס. בארוזדין, — אזא, וואָס האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט און לאָזט זיך ניט איבערכאזערן, ווײַל שאָלעם־אלייכעם איז געווען און פארבלײַבט א געניאַל־טאלאנטפולער שרײַבער, דערפאר, ווײַל ער איז געווען און פארבלײַבט א קלאָר אויסגעשפּראָכענער נאציאָנאלער שרײַבער". ווײַטער גייט דער אווטאָר איבער צו דער אָפּשאצונג פון „מאָטל פּייסי דעם כאזנס": „דאָס איז א בוך פון א ייִדישן שרײַבער, וואָס לערנט אויך הײַנט די ייִדן און רוסן, די אוקראַיִנער און אוזבעקן, גרוזינער און ארמענער, ענגלענדער און פראנצויזן, אמעריקאנער און שוועדן צו טאָן גוטס"...

מיט די באגריפן גוטס און מענטשלעכקײַט איז דורכגעדרונגען יעטווידעס זײַטל פון סערגיי בארוזדינס בוך, זיי באשטעטיקן דעם איקער — די ווירדע פונעם סאָוועטישן מענטשן, פון דעם לייענער און פון דעם שרײַבער.

לעוו פּרוכטמאן

■ ■

נאָך א בלאַט פון אנטיפאשיסטישן ווידערשטאנד

די הילע פון דעם בוך, וועלכער איז ארויסגעגעבן אין דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק, איז סימבאָליש: אף א בלוט־רויטן פאָן — שווארצע אויסיִעס: „יוגנט אין בערלינער ווידערשטאנד"[1]. עס גייט די רייד ניט בײַכלאל וועגן דעם קאמף פון דער יוגנט קעגן היטלערישן פאשיזם, נאָר הויפּטזאכלעך וועגן דעם קאמף פון געוואגטע ייִדישע — ניט קיין איינצלנע, נאָר גרופּעס — יוגנטלעכע קעגן דער פאשיסטישער אידעאָלאָגיע, קעגן דער היטלערישער מעלוכע. דער בוך איז אָנגעשריבן ריין פּובליציסטיש, ווי א מין היסטאָרישע פאָרשונג: פאקטן, ציפערן, היסטאָרישע דאָקומענטן, איליוסטרירטע מיט פאָטאָבילדער.

אין שווידערלעכע באדינגונגען, ווען אין דײַטשלאנד האָבן געווילדעוועט די היטלערישע טאליאָנים, האָט א געוויסער טייל יוגנטלעכע זיך קעגנגעשטעלט דער פאשיסטישער מאכט און געפירט מיט איר אן אומופהערלעכן מעסירעסנעפעשדיקן קאמף, ביז די אונטערערדלער זײַנען אומגעקומען אין די געסטאַפּישע טפיסעס און קאָנצלאגערן.

די מערהײַט פון די, וועגן וועמען עס ווערט דאָ דערציילט אינעם בוך, זײַנען געווען ייִדן. זיי האָבן אף זיך געפילט דעם יאָך פונעם היטלעריזם, ווען מע האָט אין דײַטשלאנד פולשטענדיק פארווערט די ייִדן אָנטיילנעמען אין ווירטשאפטלעכן, געזעלשאפטלעכן און קולטורעלן לעבן. די אנטי־ייִדישע קאמפּאניע האָט באקומען א נײַעם שטויס נאָך דער טרויעריק בארימטער „קרישטאָל־נאכט" — דער נאכט פון 9־טן אפן 10־טן נאָיאבער 1938, ווען אין גאנצן לאנד זײַנען אָרגאניזירט געוואָרן ייִדישע פּאָגראָמען. די כוואליעס פון ייִדן־העצע האָט זיך אלץ מער און מער צעבושעוועט. איניגיכן האָט מען אלע ייִדן באפוילן טראָגן מאָגנדאָווידן, אלעמען אוועקגעשיקט אף צוואנגס־ארבעט. פארשטייט זיך, אז דאָס אלץ האָט ניט אָפּגעשטעלט דעם קאמף פון די פּראָגרעסיווע קויכעס אין דײַטשלאנד.

מע דארף אונטערשטרײַכן, אז די ייִדישע אנטיפאשיסטן אין לאנד זײַנען לאכלוטן ניט געווען איזאָלירט, זיי זײַנען געווען ענג פארבונדן מיט דער גאנצער טעטיקײַט פון דער דײַטשישער קאָמוניסטישער פארטיי, וועלכע האָט פון טיפן אונטערערד גערופן צו אָרגאניזירן א געמיינזאמען פאָלקס־פראָנט קעגן דעם היטלערישן פאשיזם. אין בוך ווערט באוויזן, אז דער אופרוף פון די דײַטשישע קאָמוניסטן האָט געפונען א טיפן אָפּקלאנג בא פארשיידענע שיכטן פונעם דײַטשישן פאָלק און אויך בא די פאָרשטייער פון אנדערע נאציאָנאליטעטן, וועלכע האָבן געלעבט אין דײַטשלאנד, אײַנגעשלאָסן די ייִדן.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי האָט נאָך דער „קרישטאָל־נאכט" ארויסגעלאָזט א ספּעציעלע דערקלערונג „קעגן דער שאנדע פון ייִדן־פּאָגראָמען", אין וועלכער עס איז דעמאסקירט געוואָרן דער עמעסער פארצעף פון דער היטלערישער אנטיסעמיטישער פּאָליטיק. די דערקלערונג האָט צוגעגעבן מוט אויך די ייִדישע אנטיפאשיסטישע קעמפער, וועלכע האָבן געשריבן: „עס איז א גרויסער ליגן, אז די פּאָגראָמען זײַנען אן אויסדרוק פון אלגעמיינעם פאָלקס־צאָרן, זיי זײַנען שוין געווען פונלאנג צוגעגרייט און אָרגאניזירט דורך די נאציאָנאל־סאָציאליסטישע פירער, קעדיי אריבערלייגן אף אומשולדיקע מענטשן דעם וואקסנדיקן פאָלקס־צאָרן קעגן דעם וואנזיניקן באראבעווען דאָס גאנצע

[1] Margot Pikarski, Jugend im Berliner Widerstand. Herbert Baum und Kampfgefährten, Militärverlag der Deutschen Demokratischen Republik, Berlin, 1978.

דײַטשישע פֿאָלק צוליב די באוואָפֿענונגס־מיליאָנערן, צוליב די קאָרופּצירטע נאַצי־באָנזעס...״ אזוי האָט געשריבן די אנטיפֿאשיסטישע גרופּע, וועלכע איז טעטיק געוועזן אין דאָרעם־מיזרעכדיקן בערלין אונטער דער אָנפֿירונג פֿון הערבערט באָים. דער בוך, וועלכן מיר רעצענזירן דאָ, איז געווידמעט הערבערט באָים און זײַנע קאמפּס־כאַווײרים.

מארגאָט פּיקארסקי האָט דורכגעמאכט א קאָלאָסאַלע וויסנשאפֿטלעכע פֿאָרשונגס־ארבעט. ס׳איז פֿארשטענדלעך, אז אין די באדינגונגען פֿון אונטערערד האָט מען ניט געקאָנט און מע האָט ניט געדארפֿט פֿירן א דאָקומענטאציע. דאָסראָוו יונגע אנטיפֿאשיסטן זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן, און וועגן זיי האָט מען זיך געקאָנט דערוויסן נאָר פֿון די געסטאפּאָ־ארכיוון. דער אווטאָר האָט צונויפֿגעקליבן די זעלטן פֿארבליבענע דאָקומענטן, בריוו, זיכרוינעס פֿון קרויווים און פֿרײַנט און געגעבן א בילד פֿון דער טעטיקײַט פֿון עטלעכע גרופּעס יונגע אנטיפֿאשיסטן אין בערלין.

מ. פּיקארסקי באנוגנט זיך ניט מיטן באשרײַבן די טעטיקײַט פֿון אײנצלנע גרופּעס, זי גיט א פֿאָרשטעלונג אויך וועגן דער אלגעמײנער אנטיפֿאשיסטישער באוועגונג אין דײַטשלאנד, באזירנדיק זיך אף א ריי פֿאָרשונגען, וואָס זײַנען דורכגעפֿירט נאָך היטלערס מאפּאָלע און פּובליקירט אין די לעצטע פֿאָר צענדליק יאָרן אין דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק.

ס׳איז באוווּסט, אז ווען אונדזער ארמיי איז אריבערגעטראָטן די דײַטשישע גרענעץ, האָט זי ניט באגעגנט קײן מאסן־באוועגונג קעגן דער היטלערישער מאכט גופֿע אין לאנד, ווי עס האָט זיך געטראָפֿן אין יוגאָסלאוויע אָדער אין טשעכאָסלאָוואקיע. דער פּאָליצײ־אפּאראט האָט אין דײַטשלאנד פֿארניכטעט יעטווידן ווידערשטאנד, טויזנטער און טויזנטער אנטיפֿאשיסטן — קאָמוניסטן, סאָציאַל־דעמאָקראטן, בײַכלאל פּראָגרעסיוו־געשטימטע מענטשן — זײַנען ארײַנגעוואָרפֿן געוואָרן אין די טפֿיסעס און קאָנצלאגערן. די עצעם רעשימע פֿון די פֿארפּײַניקטע און דערמאָרדעטע איז א שווײַגנדיקער, אָבער אָנשוילעכער גוויִעס־אײדעס פֿון דעם, אז א געוויסער טײל פֿונעם פֿאָלק אין דײַטשלאנד איז נישט נאָר ניט געווען אײניק מיט די פֿאשיסטן, נאָר ווי ווײַט מעגלעך געפּרווווט זיך זיי קעגנשטעלן.

ווען די היטלעריסטן האָבן פֿארכאפּט די מאכט, האָבן אלע אנטיפֿאשיסטישע פּארטײען, אין דער ערשטער ריי די קאָמוניסטישע, פֿארשײדענע פּראָגרעסיווע געזעלשאפֿטן און פֿארײניקונגען געמוזט אוועקגײן אין אונטערערד. אָבער דער דעוויז זײערער איז געוועזן — ניט באהאלטן זיך, נאָר קעמפֿן. אזוי האָט אומלעגאל פֿאנאנדערגעוויקלט איר ארבעט אין דאָרעם־מיזרעך פֿון בערלין אויך די גרופּע פֿון דעם דײַטשישן קאָמוניסטישן יוגנט־פֿארבאנד. אקטיווע מיטגלידער פֿון דער גרופּע זײַנען געוועזן ייִדישע יוגנטלעכע: הערבערט אנסבאך, הערבערט און מאַריאנא באָים, הײנץ בירנבוים, הילדע אדאמאָוויטש, מארטין און סאלא קאָרמאן, לאָטאר זאלינגער, הײנץ ראָטהאָלץ, אירינע וואלטער און אנד. אינעם צוגאָב צו דעם בוך גיט מ. פּיקארסקי זײערע ביאָגראפֿיעס (אף וויפֿל מע האָט זיי געקאָנט אופֿשטעלן). קורץ איז געוועזן זײער לעבן:

געבוירן דעם 10 פֿעווראל 1912 אין מאָשין (פּויזן), דערמאָרדעט דעם 11 יון 1942 אין מאָאביט (הערבערט באָים); געבוירן דעם 9 דעקאבער 1912 אין סאארבורג, געטויט דעם 18 אווגוסט 1942 אין בערלין־פּלעצענזעע (מאריאנע באָים); געבוירן דעם 22 סענטיאבער 1920 אין בערלין, געטויט דעם 4 מארט 1943 אין בערלין־פּלעצענזעע (הײנץ בירנבאום); געבוירן דעם 30 דעקאבער 1920 אין בערלין, דערמאָרדעט דעם 7 סענטיאבער 1943 אין בערלין־פּלעצענזעע (הערבערט בודזיסלאווסקי); געבוירן דעם 28 אפּרעל 1923 אין בערלין, דערמאָרדעט אין 1943 אין קאָנצלאגער אוישוויץ (אליסע הירש) אאוו.

ניט צופֿעליק איז בעראָש פֿונעם מארטיראָלאָג אוועקגעשטעלט הערבערט באָים, א זון פֿון א בוכהאלטער, פֿארענדיקט א רעאל־שול, געארבעט אלס עלעקטריקער, אָנגעקומען זיך לערנען אף אן אינזשעניער, אָבער אלס ייִד האָט מען אים אויסגעשלאָסן פֿון די קורסן און דערנאָך געשיקט מיט דער פֿרוי מאריאנע ארבעטן אין א ספּעציעלער „ייִדן־אָפּטײלונג״ פֿון אן עלעקטראָ־זאוואָד. פֿון דער יוגנט אָן איז ער געוואָרן אן איבערצײַגטער אנטיפֿאשיסט, ארײַנגעטראָטן אין קאָמוניסטישן יוגנט־פֿארבאנד. אף וויפֿל ער איז פֿריִער געווען פֿארבונדן מיט א ריי יוגנטלעכע אָרגאניזאציעס, האָט מען אים באופֿטראָגט פֿירן אן אנטיפֿאשיסטישע ארבעט. ביסלעכווײַז איז ער געוואָרן אן אָנפֿירער פֿון א גאנץ גרויסער אומלעגאלער גרופּע, וועלכע האָט אויסגענוצט אלע מעגלעכקײַטן צו פֿירן אן אגיטאציע קעגן דער היטלערישער דיקטאטור. זי שרײַבט און פֿארשפּרייט אנטיפֿאשיסטישע פֿלוגבלעטלעך, לאָזט ארויס אן אומלעגאלע צײַטונג, מערקט אָפּ אזעלכע דאטעס, ווי דער 1־טער מײַ, 1־טער אווגוסט (טאָג פֿון קאמף קעגן מילכאָמע), 7־טער נאָיאבער אאוו. נאָכן אָנעמען אין 1935 די אזויגערופֿענע נירנבערגער ראַסיסטישע געזעצן („געזעץ צום שוץ פֿונעם דײַטשישן בלוט און דײַטשישער ערע״, „געזעץ צום יערושעגעזונט פֿונעם דײַטשישן פֿאָלק״ און אנד.) זײַנען אלע ייִדישע לעגאלע געזעלשאפֿטן געוועזן פֿארבאָטן. צווישן דער ייִדישער באפֿעלקערונג פֿון דײַטשלאנד האָבן זיך פֿארשטארקט ציִעניסטישע שטימונגען. אין אזעלכע באדינגונגען האָבן די דײַטשישע קאָמוניסטן געדארפֿט באווײַזן, אז נאָר זיי זײַנען די עכטע פֿארטײדיקער פֿון די אינטערעסן פֿון די ארבעטנדיקע ייִדן.

אָט איז אן אויסצוג פֿון א געהײמען באריכט פֿון דער בערלינער פּאָליצײ, וועלכער ווערט געבראכט אינעם בוך, וועלכן מיר רעצענזירן דאָ: „אין די לעצטע וואָכן און כאדאָשים מערן זיך די פֿאלן, וואָס באווײַזן, אז די ייִדישע עלעמענטן ווערן טרעגער פֿון דער אומלעגאלער ארבעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּארטײ. מע מוז טײקעף אָנהײבן מער שפּירן נאָך דער קאָנספּיראטיווער טעטיקײַט פֿון די ייִדן״. די קאָמוניסטישע פּארטײ האָט אופֿגעקלערט, אז שאָוויניזם, אנטיקאָמוניזם און אנטיסעמיטיזם זײַנען באשטאנדטײלן פֿון דער אימפּעריאליסטישער קלאסןפּאָליטיק. הערבערט באָים און זײַנע כאווײרים, באזונדערס אליסע און גערהארדט צאדעק, פֿלעגן דיסקוטירן מיט די ציִעניסטיש געשטימטע יוגנטלעכע און זיי דערווײַזן, אז דער אײנציקער וועג צו ראַטעווען זיך פֿון די ראסיסטישע רעדיפֿעס איז דער

קאָנסעקווענטער קלאַסנקאַמף פון אַלע אַרבעטנדיקע קעגן דעם היטלערישן רעזשים. בלויז אַזאַ קאַמף קאָן ברענגען פרײַהײַט פאַר אַלע פעלקער.

נאָכן אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע זײַנען די באַדינגונגען פאַרן אַנטיפאַשיסטישן קאַמף געוואָרן נאָך קאָמפּליצירטער. די מערהײַט פון באַומס גרופּע איז צוזאַמען מיט מענגעס ייִדן אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעט אויף סימאָנס זאַוואָדן. פאַקטיש זײַנען זיי געווען פאַרשפּאַרט אין אַן אָפּטיילונג פון אַ קאָנצלאַגער: פאַר דער אַרבעט האָט מען געמוזט זיך אויסשטעלן אין קאָלאָנעס און אַזוי אַרײַנגיין אין צעך, אַ באַשטענדיקער אויפזיכט בײַם דער אַרבעט, בײַסן איבערײַס, אַפילו אין טואַלעט האָט מען ניט געטאָרט גיין אַליין. אָבער באַום און זײַנע כאַווירים פלעגן אויך דאָ געפינען מעגלעכקײַטן צו פאַרשפּרייטן פלוגבלעטלעך און אָרגאַניזירן סאַבאָטאַזש־אַקטן.

אַ באַזונדערס גרויסע אַרבעט האָבן זיי פאַנאַנדערגעוויקלט נאָכן אָנפאַל פון דער היטלערישער אַרמיי אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד. שוין דעם 24 יוני 1941 פאַרשפּרייטן זיי אַ פלוגבלעטל פון דער קאָמפּאַרטיי, אין וועלכן עס ווערט אָנגעוויזן, אַז דער פרעכער אָנפאַל אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד איז דער שווערסטער פאַרברעכן קעגן דער מענטשהײַט. „אונדזער סוינע, — האָט זיך געזאָגט אינעם פלוגבלעטל, — איז אין אונדזער אייגענעם לאַנד. די פאַשיסטישע לאַנדקנעכט פון די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע ווילן זיך באַרײַכערן פון דער מילכאָמע, — זיי, און ניט קיין אַנדערע, זײַנען אונדזערע פײַנט. דער געמיינזאַמער זיג פון דער רויטער אַרמיי און פון די קעמפנדיקע פאַר נאַציאָנאַלער פרײַהײַט אונטערדריקטע פעלקער וועט זײַן אויך דער זיג פון אונדזער דײַטשישן פאָלק".

די באַדינגונגען פאַרן אומלעגאַלן קאַמף ווערן אַלץ שווערער און שווערער, אָבער ניט געקוקט אויפן בלוטיקן טעראָר, וואָס בושעוועט אין לאַנד, שטעלן די אַנטיפאַשיסטן ניט נאָר ניט אָפּ זייער טעטיקײַט, נאָר פאַרקערט — זיי אַקטיוויזירן זי נאָך מער.

מאַרגאָט פּיקאַרסקי באַווײַזט, אַז אָנהייבנדיק פון האַרבסט 1941 און ביז מײַ 1942, האָט זיי אַרעסטירט אין נאָיאַבער 1942, זײַנען די אָנטיילנעמער פון באַומס גרופּע געווען באַזונדערס טעטיק. זיי פאַרשפּרייטן די צוויי באַרימטע אויפרופן פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער דײַטשישער קאָמפּאַרטיי: „דער וועג צום זיג. צום דײַטשישן פאָלק און צו דער דײַטשישער אַרמיי" און „דער אויסוועג". זיי אַליין דרוקן אָפּ אַ בראָשור אויף 19 זײַטלעך „אָרגאַניזירט דעם רעוואָליוציאָנערן מאַסנקאַמף קעגן דעם פאַשיזם און דעם אימפּעריאַליסטישן קריג". ניט באַנוגענענדיק זיך מיט פאַרשפּרייטן פלוגבלעטלעך, פאַרבינדן זיי זיך מיט די סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע און מיט די סאָוועטישע בירגער, וועלכע זײַנען מיט גוואַלד אַרויסגעפירט געוואָרן קיין דײַטשלאַנד. די אונטערערדלער ווײַזן אַרויס מאַטעריעלע הילף די צוואַנגסאַרבעטער, קלערן אויף פאַר זיי די באַציִונג פון די דײַטשישע קאָמוניסטן צו דער מילכאָמע, דערציילן זיי וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן, נוצנדיק זיך צוליב דעם מיט די מיטיילונגען פון דעם מאָסקווער און לאָנדאָנער ראַדיאָ. ה. באַום און ר. האָלצער פלעגן קריגן בײַ די אויסלענדישע אַרבעטער זייערע דורכלאָז־שײַנען און איבערגעבן זיי ייִדן, קעדיי יענע זאָלן קאָנען פרײַ פאָרן איבער דער שטאָט אויף די זאַוואָדן, וווּ ס'פלעגן אויסגעאַרבעט ווערן פאַרשיידענע עלעקטרישע מאַכשירים פון דער מיליטער־אינדוסטריע, אָרגאַניזירן סאַבאָטאַזש־אַקציעס.

אין מײַ 1942 האָט באַומס גרופּע דורכגעפירט איר גרעסטן העלדנטאַט — אונטערגעצונדן די אַנטיסאָוועטישע אויסשטעלונג אינעם בערלינער לוסטפּאַרק. אַ גאַנצן כוידעש האָט די פאַשיסטישע פרעסע רעקלאַמירט די קינפּטיקע אויסשטעלונג, וועלכע זיי האָבן אָנגערופן „דער סאָוועטישער גאַניידן". אויף אַ קאָלאָסאַלער טעריטאָריע, בערעך פון 12 טויזנט קוואַדראַטע מעטער, האָט מען אויסגעבויט פאַלשע סאָוועטישע שטעט מיט קרומע געסלעך, צעוואַלגערטע כאַלופּעס, אָן קיין שום באַקוועמלעכקײַטן, אויפגעהאַנגען פאָטאָבילדער פון סאָוועטישע אַרבעטער און פּויערים, ענלעכע מער אויף כײַעס, איידער אויף מענטשן, פון רויטאַרמייער, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי מאַראָדיאָרן, באַוואָפנטע מיט העק און מעסערס. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט אָנוואַרפן אויף דער דײַטשישער באַפעלקערונג אַ מוירע און גלײַכצײַטיק אַרויסרופן האַס צו די סאָוועטישע פעלקער, וועלכע האָבן העראָיִש פאַרטיידיקט זייער ערד, זייער סאָציאַליסטישן לעבנסשטייגער. דעם 8 מײַ 1942 (פּונקט מיט דרײַ יאָר שפּעטער איז אין בערלין אין דעם זעלבן טאָג געווען פאַרפיקסירט דער גרויסער ניצאָכן פון דער סאָוועטישער אַרמיי) האָט זיך די אויסשטעלונג פײַערלעך געעפנט. הערבערט באַום האָט פאָרגעלייגט זײַן גרופּע אונטערצינדן די אויסשטעלונג. דער פאָרשלאָג האָט אַרויסגערופן מאַכלויקעס. אייניקע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז דאָס וועט שטעלן אין געפאַר די גאַנצע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע, איר ווײַטערדיקן קאַמף, אָבער סאָפקאָלסאָף האָט מען באַשלאָסן די אַקציע דורכפירן, קעדיי עפנטלעך באַווײַזן, אַז אין דײַטשלאַנד זײַנען פאַראַן קויכעס, וואָס שטעלן זיך קעגן דעם שווינדל. פאַר אַ וואָך צײַט האָט מען דורכגעפירט אַלע צוגרייטונגען, און מאָנטיק דעם 18 מײַ האָט שוין די אויסשטעלונג געברענט.

12 מיטגלידער פון באַומס ווידערשטאַנד־גרופּע האָבן דורכגעפירט די אַקציע, צווישן זיי הערבערט און מאַריאַנע באַום, הײַנץ בירנבאַום, סאַלאַ קאָרמאַן, געראַרדט מייער, ווערנער שטיינבריק, אירענע וואַלטער און סיוזאַנע וועסע. זיי האָבן פאַרשטייט זיך, געוווּסט, אַז מיט זייער אַקציע וועלן זיי זיך רעאַל גאָרניט דערשלאָגן, אָבער, ווי עס שרײַבט ריכטיק די מעכאַבערן, „עס איז געווען אַ טאַט פון מעסירעסנעפעשדיקער ליבע און פרײַנטשאַפט צו די סאָוועטישע פעלקער".

די געסטאַפּאָ האָט גענומען זוכן די אָנטיילנעמער פון דעם אויסערגעוויינלעכן טאַט. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן. קימאַט אַלע מיטגלידער פון באַומס און אַנדערע ווידערשטאַנדגרופּעס, וועלכע זײַנען געווען מיט באַומען פאַרבונדן, זײַנען אַרעסטירט און ברוטאַליש דערמאָרדעט געוואָרן. אייכמאַן האָט אָפּגעגעבן אַ באַפעל, עס זאָלן דעפּאָרטירט ווערן פינף הונדערט ייִדן פון בערלין, 250 זאָל מען גלײַך דערשיסן, די איבעריקע אָפּשיקן אין קאָנצלאַגערן. דער באַפעל איז אויסגעפילט געוואָרן. דער דאָזיקער מאַסן־מאָרד פון אומ־

שולדיקע האָט געדאַרפֿט ווערן אַ פּראָבע פֿון דער „ענדגילטיקער לייזונג פֿון דער ייִדן־פּראַגע".

מ. פּיקאַרסקי דערציילט וועגן דעם גורל פֿון די ייִדן, אַנטיילנעמער פֿון די יוגנטלעכע אַנטיפֿאַשיסטישע גרופּעס פֿון בערלין. די קאַמפּס־כאַווייריםהאָבן געפּרווט אייניקע אויסבאַהאַלטן, נאָר דאָס איז ניט געלונגען. קימאַט אַלע אונטערערדלער זײַנען אומגעקומען. איינעם נאָכן אַנדערן האָט מען זיי אויסגעשפּירט און דערמאָרדעט. בלויז עטלעכע פֿרויען האָבן אויסגעמיטן דעם שרעקלעכן גורל און זײַנען געבליבן לעבן. ווי מע קאָן זען פֿון די איינציקע דערגאַנגענע בריוו, האָבן די יונגע אַנטיפֿאַשיסטן אָפּגענומען דעם אורטייל מיט שטאָלץ, ווי עס פּאַסט פֿאַר עמעסע רעוואָליוציאָנערן. זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז זיי גיבן אָפּ זייער לעבן פֿאַרן קינפֿטיקן ניצאָכן איבער די היטלערישע הענקער. מאַריאַנע יאָאַכים האָט געשריבן פֿון דער טפֿיסע: „וועגן דעם, וואָס עס שטייט מיר פֿאַר, האָב איך ניט קיין אילוזיעס, אָבער איך פֿאַל באַ זיך ניט אַראָפּ". ווײַטער ברענגט זי לענינס ווערטער: „העכער דעם קאָפּ! געדולד איז דער לאָזונג פֿון אַ רעוואָליוציאָנער".

ווי ס'איז שוין אויבן אָנגעוויזן, ברענגט צום סאָף די מעכאַבערן קורצע ביִאָגראַפֿיעס פֿון די קעמפֿער. אַלע זײַנען זיי געווען פּאַשעטע מענטשן — אַרבעטער, אָנגעשטעלטע. אָנהענגער פֿון פֿאַרשיידענע פּאָליטישע אָנשויונגען, האָבן זיי פֿאַר דעם זיג פֿון די קאָמוניסטישע אידעאַלן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס.

ס'איז באַמערקבאַר, אַז אין אַ סאַך פֿאַלן זײַנען פֿאַררייניקט די ביִאָגראַפֿיעס פֿון צוויי קעמפֿער. כאָסן און קאַלע, מאַן און ווײַב, ברודער און שוועסטער: הערבערט און מאַריאַנע באַום, אַליסאַ און העללאַ הירש, היינץ און מאַריאַנע יאָאַכים, פּאַלאַ און מאַרטין קאָכמאַן, גערהאַרדט און האַני מייער, זיגבערט און לאָטע האָלץ... זיי האָבן פֿאַרגעשטעלט ניט נאָר איין מישפּאָכע, נאָר איין וועלט־אָנשויונג, געווען אייניק אויך אין קאַמף.

אינעם פֿאָרוואָרט צו דעם בוך ווערט אָנגעוויזן, אַז אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק פֿאַרהיט מען דעם אָנדענק פֿון די געפֿאַלענע אַנטיפֿאַשיסטן. עטלעכע יוגנטלעכע קאָלעקטיוון, פּראָדוקציר־בריגאַדעס טראָגן דעם נאָמען „הערבערט באַום".

דער דאָזיקער בוך איז אויך אַ באַשיידענער, אָבער אַ פּרעכטיקער דענקמאָל די יונגע קעמפֿער.

זאַלמען ליבינזאָן

נייעס פֿון אויסלאַנד

אַן אַנטיפֿאַשיסטישע דעמאָנסטראַציע אין בריסעל

באַ דעם מעמאָריאַל, וואָס איז געווידמעט די קדושים פֿון בריסעל, איז פֿאָרגעקומען אַן אַנטיפֿאַשיסטישע מאַניפֿעסטאַציע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַטן פֿון געוועזענע דעפּאָרטירטע ייִדן פֿון בעלגיע, פֿון די אָרגאַניזאַציעס פֿון דער אַנטיפֿאַשיסטישער ווידערשטאַנדבאַוועגונג און פֿון דער פֿעדעראַציע פֿון די ייִדישע קעהילעס.

די דעמאָנסטראַנטן האָבן געפֿאָדערט, מע זאָל פֿאַרווערן די נעאָנאַציסטישע פּראָפּאַגאַנדע.

געווידמעט דער יונגער מאַרטירערן

אין טאָקיאָ און אין יאָקאָהאַמאָ איז פֿאָרגעקומען אַ אויסשטעלונג, געווידמעט אַנע פֿראַנק, וועלכע עס האָבן באַזוכט העכער 250.000 מענטשן. פֿאַר דער לעצטער צײַט זײַנען אין יאַפּאַן פֿאַרקויפֿט געוואָרן אַ מיליאָן עקזעמפּלאַרן פֿונעם טאָגבוך פֿון דער יונגער מאַרטירערן.

אַן אָנדענק־אויסשטעלונג

די ייִדישע געמיינדע אין ווין האָט אָרגאַניזירט אַן אָנדענק־אויסשטעלונג פֿון די וויכטיקסטע ווערק, וואָס זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן אַף די שײַטערהויפֿנס אין עסטרײַך גלײַך נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט.

בײַס דער אויסשטעלונג זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן קולטור־פֿאַרזאַמלונגען, קאָנפֿערענצן, סימפּאָזיומס און צוזאַמענטרעפֿן פֿון געלערנטע געווידמעט דער טעמע.

אויסגאַבעס אַף ייִדישער טעמאַטיק אין טשעכאָסלאָוואַקיע

אין דער פּראַגער צײַטונג „פּראַצע" ווערט געדרוקט אין פֿאָרזעצונגען אַ ראָמאַן פֿונעם ייִדישן שרײַבער קאַרל־יאַקוב קירש (דער אויטאָר האָט געלעבט און געשאַפֿן אין אָנהייב פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט), אין וועלכן עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פֿון אַ מישפּאָכע פֿון אַ ייִדישן אַדוואָקאַט.

אין אַן אַנדער פֿאַרלאַג — „אָדעאָן" איז דערשינען אין אַ טשעכישער איבערזעצונג ליִאָן פֿיכטוואַנגערס „די ייִדישע טאָכטער פֿון טאָלעדאָ".

„אַ דורכבראָך אין דער וואַנט"

אַזוי האָט דער שטאָטישער טעאַטער אין כײַפֿע אָנגערופֿן זײַן נײַע שטעלונג — אַ קאָמפּאָזיציע פֿון ייִדישע און אַראַבישע פֿאָלקס־דערציילונגען, וואָס ווערט באַוויזן אַף צוויי שפּראַכן (העברעיִש און אַראַביש) אין דער פֿאָרם פֿון שפּיל און געזאַנג. די אויספֿילער זײַנען צוויי אַרטיסטן, אַ ייִדישער און אַ אַראַבישער.

לעאָנעל דאַדיִאַני

די פּעקין־פּאָליטיק אפן נאָענטן מיזרעך

עס איז שווער אָנצורופן אוועלכן־ניט־איז ראַיאָן אפן ערדקײַלעך, אוועלכע־ניט־איז ספער פון צווישנפעלקערלעכע באַציִונגען, ווו פּעקין זאָל פּראַקטיש ניט האָבן זיך בלאָקירט מיטן אימפּעריִאַליזם, מיט די סאַמע רעאַקציִאָנערע קרײַזן. קיין אויסנאַם איז אויך ניט דער נאָענטער מיזרעך.

פאָרמעל שטעמפּלט פּעקין דעם ציִעניזם און די פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל. וועגן דעם האָט, אשטייגער, גערעדט דער פאָרזיצער פונעם צק פון דער קאָמפּאַרטיי פון כינע כוא גאָפען אין אָנהייב פעוורואַל 1978, ווען ער האָט אין פּעקין געהאַט א באַגעגעניש מיט סאַדאַטס אַן עמיסאַר. דאָס איז אָבער ניט מער ווי א קאַמופליאַזש פונעם פּראָ־אימפּעריִאַליסטישן קורס פון די כינעזישע לידערס. די געשעענישן צווינגען צו מאַכן דעם אויספיר, אַז זיי האָבן געטאָן און טוען ווײַטער גאַנץ פיל, קעדיי אָפּשוואַכן די איינהײַט פון די פּראָגרעסיווע קרעפטן פונעם אַראַבישן מיזרעך, זיי סטימולירן אַלמעגלעך און האַלטן אונטער די אַראַבישע טוער, וועלכע שטייען אף רעאַקציִאָנערע און אַנטיסאָוועטישע פּאָזיציעס, פירן א סעפּאַראַטיסטישע, פּראָ־אימפּעריִאַליסטישע פּאָליטיק אין די פראַגן פון לייזן די פּראָבלעמען פון דער אײַנרעגולירונג אפן נאָענטן מיזרעך. פּעקין באַמיט זיך, ס׳זאָל ניט דערלאָזט ווערן א פרידלעכע אײַנרעגולירונג פונעם קאָנפליקט צווישן ייִסראָעל און די אַראַבער אף דער באַזע פון די באַוווּסטע רעזאָלוציעס פונעם זיכער־הײַט־ראַט.

די באַראַטונג פון די פאָרשטייער פון די קאָמוניסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען פון די אַראַבישע לענדער (אין אַפּרעל 1975) האָט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט באַטאָנט, אַז „עס איז נייטיק אויך אף ווײַטער אַקטיוו דעמאַסקירן די אונטערײַסערישע טעטיקײַט פון די מאַאָיִסטן קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד; דעמאַסקירן זייער אָפּגיין פון די פּרינציפּן פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם, די שענדלעכע אונטערײַסערישע ראָליע, וועלכע זיי האָבן געשפּילט און שפּילן אויך ווײַטער בענעגייע דער אַראַבישער באַפרײַונגס־באַוועגונג; פאַרורטיילן זייער קורס, וואָס פירט דערצו, אַז עס זאָל אַרײַנגעטראָגן ווערן א שפּאַלטונג אין דער דאָזיקער באַוועגונג און זי זאָל איזאָלירט ווערן פון אירע פאַרבינדעטע, באַזונדערס פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד; שטעמפּלען זיי דערפאַר, וואָס זיי האַלטן אונטער די רעאַקציִאָנערע פּראָ־אימפּעריִאַליסטישע קרעפטן אין די אַראַבישע לענדער".

די כינעזישע רעגירנדיקע קרײַזן שטעלן זיך קעגן יעדעס מאָל די מאָסמיטלען, וועלכע אַנדערע לענדער לייגן פאָר אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס אין פּראַט פון זוכן וועגן צום אײַנרעגולירן אף א יושרדיקן אופן דעם נאָענטמיזרעכדיקן קאָנפליקט אין די אינטערעסן פון אַלע פעלקער פונעם רעגיִאָן, אין די אינטערעסן פון פאַרפעסטיקן דעם שאָלעם אין גאָר דער וועלט. פּעקין רוקט ניט אַרויס קיין שום זאַכלעכע אַלטערנאַטיוו קעגן די רעאַליסטישע און קאָנסטרוקטיווע פאָרשלאָגן, ער באַגרענעצט זיך מיט קנאַקעדיקע דערקלערונגען, מיט דעמאַגאָגישע, אָפּט אינהאַלטלאָזע פּאָליטישע לאָזונגען. צווײַעסדיק אַרויסשטעלנדיק זיך אין די רייד אַלס פרײַנט און פאַרבינדעטער פון די אַראַבער, זוכט פּעקין אין דער זעלבער צײַט צו דיסקרעדיטירן און פאַלסיפיצירן דעם טאָך פון די רעזאָליוציעס פונעם זיכערהײַט־ראַט נומ. 242 און נומ. 338, וועלכע שאַפן א באַזע פאַר א יושרדיקער פרידלעכער אײַנרעגולירונג אפן נאָענטן מיזרעך. די כינעזישע אָנפירער פאַרנעמען זיך סיסטעמאַטיש מיט אונטערײַסערישער אַרבעט אף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע, זיי באַמיִען זיך ניט דערלאָזן צו באַ־

נייַען די זשענעווער פרידנס־קאָנפערענץ מיקויעך דער נאָענטמיזרעכדיקער פראגע. די כינעזישע פאָלקס־רעפובליק האָט ניט אונטערגעהאלטן קיין איין באשלוס פונעם זיכערהייַט־ראט אָדער פון דער גענעראלער אסאמבליי פון די פאראייניקטע נאציעס וועגן דער אומדערלאָזבארקייַט צו פארכאפן פרעמדע טעריטאָריעס דורך קראפט און אנעקסיעס. די כינעזישע לידערס, וועלכע האלטן אין איין דערקלערן, אז זיי שטיצן דעם קאמף פונעם אראבישן פאָלק פון פאלעסטינע, האָבן אין דער זעלבער צייַט קיין איין מאָל ניט ארויסגעזאָגט זיך שארף און קלאָר, אז זיי שטיצן די געזעצלעכע רעכט פון די פאלעסטינער צו שאפן זייער נאציאָנאלן צענטער, זייער סוווערענע מעלוכע.

די צווייפענעמדיקע פאָזיציע פון פעקין אין די פראגן וועגן דעם נאָענטמיזרעכדיקן קריזיס איז א שפיל, וואָס איז געפערלעך פארן שאָלעם. די כינעזישע שפיל לוינט אָפט גאנץ שטארק די רעגירנדיקע קרייַזן פון יִסראָעל און די רעדלפירער פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם. אין יון 1967, לעמאָשל, האָט פעקין געסטארעט זיך מיט אלע קויכעס צו צעבלאָזן די סרייפע פונעם מילכאָמע־קאָנפליקט. אזוי, אשטייגער, האָבן די כינעזישע לידערס דעמאגאָגיש און אונטערהעצעריש קוואליפיצירט די רעזאָליוציע נומ. 242 פונעם זיכערהייַט־ראט (פון 22 נאָיאבער 1967) אלס א „נייַע גרויסע פארשווערונג, אויסגעטראָגן דורכן אמעריקאנער אימפעריאליזם און דורך די סאָוועטישע רעוויזיאָניסטן, האָבנדיק זיך צונויפגערעדט איינער מיטן צווייטן צו צווינגען די אראבישע לענדער צו א פולער קאפיטוליאציע מיט דער הילף פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס”. די כינעזישע פראָפאגאנדע האָט געהעצט די אראבישע לענדער און די פאלעסטינער פעדאיִנען (פארטיזאנער), זיי זאָלן „אָפערירן מיט א שארף קעגן א שארף”.[1]

אין סענטיאבער 1970, ווען אין יאָרדאניע האָבן אויסגעבראָכן ערנסטע ברודער־קאמפן און א ריי אראבישע לענדער האָט בא דער אקטיווער מיטווירקונג פון פססר באמיט זיך ניט דערלאָזן צו אן אריַינמישונג פון די אימפעריאליסטישע קרעפטן און פון זייער פארבינדעטן — יִסראָעל, האָבן די כינעזישע לידערס זיך באצויגן אבסאָליוט גלייַכגילטיק צום גוירל פון די פאלעסטינער. פעקין איז, ווי שטענדיק, געווען פארינטערעסירט בלויז אינעם צעבלאָזן דעם קאָנפליקט, האָט צוגעגאָסן בוימל אינעם פייַער פון די אינערלעך־אראבישע ווידערשפרוכן און כלוקעדייעס, גערופן צו א מילכאָמע אינעם לאגער פון די אראבער. קעדיי פארמאסקירן די דאָזיקע העצע־פאָליטיק, האָט די כינעזישע פראָפאגאנדע דערקלערט, אז די צוזאמענשטויסן צווישן דער יאָרדאנער ארמיי און די אָטריאדן פון דער פאלעסטינער ווידערשטאנד־באוועגונג זייַנען ניט מער און ניט ווייניקער, ווי... „אן אָנוווקס פון א נייַעם רעוואָליוציאָנערן שטורעם קעגן דעם אמעריקאנער אימפעריאליזם”.

אָט זייַנען נאָך אייניקע פאקטן, וועלכע איליוסטרירן דעם פאָליטישן קורס פון פעקין אפן נאָענטן מיזרעך. כינע האָט זיך אָפגעזאָגט צו אונטערהאלטן די רעזאָליוציע וועגן דער לאגע אפן נאָענטן מיזרעך, וועלכע עס האָבן פאָרגעלייגט די זיך אנטוויקלענדיקע לענדער און וועלכע האָט פארורטיילט יִסראָעל פאר פאָרזעצן די אגרעסיע און עקספאנסיע, פאָדערנדיק „ארופצולייגן אן עמבארגאָ אף געבן מיליטערישע הילף דעם אגרעסאָר. אין יול 1973 האָט כינע זיך אָפגעהאלטן צו שטימען פאר דעם פראָיעקט פון דער רעזאָליוציע וועגן דעם נאָענטן מיזרעך, וועלכן עס האָבן פאָרגעלייגט אכט לענדער, וואָס שליסן זיך ניט אָן צו קיינע בלאָקן, — דער פראָיעקט איז דעמלט באטראכט געוואָרן אינעם זיכערהייַט־ראט, ער האָט אנטהאלטן א מינימום פאָדערונגען צו יִסראָעל, וואָס אויספילן זיי איז אבסאָליוט נייטיק אף צו דערגרייכן א פרידנס־אייַנרעגולירונג. אין אָקטיאבער 1973 האָט דער פאָרשטייער פון דער כינעזישער פאָלקס־רעפובליק אינעם זיכערהייַט־ראט קוואליפיצירט אלס „שווינדל” די רעזאָליוציע וועגן דעם פייַער־אָפּשטעל אפן נאָענטן מיזרעך, — די דאָזיקע רעזאָליוציע האָט אָפגעשפילט א באשטימטע פאָזיטיווע ראָליע אין דער אנטשפאנונג פון דער שארפער קריזיס־סיטואציע. דאָס איז געווען געגליכן צו א פראָוואָקאציאָנעלן רוף, מע זאָל ניט אָפהיטן די באשלוסן פון די פאראייניקטע נאציעס.

דער דעמלטיקער הויפט פון דער דעלעגאציע פון דער כינעזישער פאָלקס־רעפובליק אין דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס ציאָ גואנכוא האָט געטייַנעט, אז א נייַע מילכאָמע איז „א גוטע זאך, ניט קיין שלעכטע”.[1]

די כינעזישע פאָרשטייער אין זיכערהייַט־ראט, אין די אנדערע אָרגאנען פון די פאראייניקטע נאציעס, די מאאָ־פרעסע און מאאָ־פראָפאגאנדע האָט, פונקט ווי אין 1967, געטאָן אלץ, קעדיי ניט דערלאָזן צו פארלעשן די מילכאָמע־סרייפע אין הארבסט 1973, נאָר, פארקערט, ווי ווייַט מעגלעך צעבלאָזן זי שטארקער. אין דעם דאָזיקן פעריאָד האָט דער שטעלפארטרעטער פונעם אויסערן־מיניסטער פון דער כינעזישער פאָלקס־רעפובליק כע אין אף דער באגעגעניש אין פעקין מיט די דיפלאָמאטישע פאָרשטייער פון 12 אראבישע לענדער און פון דער אָרגאניזאציע פאר דער באפרייַונג פון פאלעסטינע ווידער און אָבערמאָל מיט אקשאָנעס אייַנגערעדט די אראבישע דיפלאָמאטן, זיי זאָלן ניט מאסקים זייַן אף דער פאָליטישער אייַנרעגולירונג פונעם קריזיס. אין דער זעלבער צייַט האָט פעקין, אין איינקלאנג מיט די אימפעריאליסטישע און ציִעניסטישע פראָפאגאנדע־צענטרען, דורכגעשלעפט די פאלשע ווערסיע, אז די אראבער טראָגן די פאראנטוואָרטלעכקייַט פאר די קריגס־אָפעראציעס.

[1] ציטירט לויט דער פעקינער צייַטונג „זשענמין זשיבאאָ” פון 25 נאָיאבער 1967.

[1] „זשענמין זשיבאאָ” פון 21 נאָיאבער 1970.

די פעקין־דיפלאָמאטיע האָט אונטערגעשטויסן די אראבער, זיי זאָלן פירן א לאנגע און פערספעקטיוולאָזע מילכאָמע, „שטיצנדיק זיך אף די אייגענע קויכעס״.

ווי באוווסט, האָבן אף דער XXX סעסיע פון דער גענעראלער אסאמבליי פון די פאראייניקטע נאציעס (אין 1975) די דעלעגאציעס פון 84 מעלוכעס, אזעלכע, וואָס שליסן זיך ניט אָן צו קיינע בלאָקן, ווי אויך פון סאָציאַליסטישע, און א ריי מײַרעוודיקע מעלוכעס, זיך ארויסגעזאָגט פאר ארויספירן דאָס ייִסראָעל־מיליטער פון אלע טעריטאָריעס, וועלכע זײַנען אָקופירט געוואָרן אין 1967, פאר באפרידיקן די געזעצלעכע נאציאָנאלע רעכט פונעם אראבישן פאָלק פון פאלעסטינע, אײַנגעשלאָסן דאָס רעכט אף זעלבסטבאשטימונג. די לענדער פון צאָפן־אטלאנטישן פאקט, דערונטער אויך די פאראייניקטע שטאטן, האָבן געשטימט קעגן. פעקין, ווידער, האָט, ווי שטענדיק אין אזעלכע פאלן, זיך אָפגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין דער אָפשטימונג. אין יאנואר 1976, ווען דער זיכערהײַט־ראט האָט ווידער באהאנדלט די נאָענטמיזרעכדיקע פראגע, האָבן די מאאָיסטן און ייִסראָעל ווידער פאקטיש געשאפן א בלאָק, אָבער דאָס מאָל אף דער פלאטפאָרם פון אָבסטרוקציאָניזם און אבסענטעיִזם (פאָליטיק פון ניט נעמען קיין אָנטייל). די ייִסראָעל־רעגירונג האָט זיך אָפגעזאָגט צו נעמען אן אָנטייל אין דער ארבעט פונעם זיכערהײַט־ראט (אונטערן אויסגעטראכטן אומגעזעצלעכן טערעץ, אז אין אָט דער ארבעט האָבן גענומען אן אָנטייל פאָרשטייער פון דער אָרגאניזאציע פאר דער באפרײַונג פון פאלעסטינע). די מאאָיסטן, ווידער, האָבן זיך אָפגעזאָגט צו אונטערהאלטן דעם רעזאָליוציע־פראָיעקט, וועלכן עס האָבן פאָרגעלייגט זעקס לענדער און וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט א פאָזיטיוון און קאָנסטרוקטיוון צוגאנג צום לייזן די פראָבלעם פון נאָענטן מיזרעך. באזונדערס שארף איז דער פאָרשטייער פון דער כינעזישער פאָלקס־רעפובליק אָנגעפאלן אף יענעם טייל פונעם רעזאָליוציע־פראָיעקט, ווו עס האָט זיך גערעדט וועגן גאראנטיעס פאר דער סוווערעניטעט, טעריטאָריִעלער גאנצקײַט און אומאָפהענגיקײַט פון אלע מעלוכעס פונעם נאָענטמיזרעכדיקן רעגיִאָן.

די כינעזישע דעלעגאציע אף דער גענעראלער אסאמבליי פון די פאראייניקטע נאציעס אין 1977, די כינעזישע פאָרשטייער אין די אנדערע אָרגאנען פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס האָבן לאכלוטן ניט געענדערט זייער קורס בענעגייע דעם ייִסראָעל־אראבישן קאָנפליקט. אין דער זעלבער צײַט האָט די פעקין־פראָפאגאנדע צעבלאָזן די לעגענדע, וועלכע זי אליין האָט אויסגעטראכט, אז א פרידלעכע אײַנרעגולירונג איז קלוימערשט אומעגלעך און די מי ארום דעם איז אן ארויסגעוואָרפענע ארבעט.

ארויסטרעטנדיק מיט עקסטרעמיסטישע, אוואנטוריסטישע לאָזונגען, העלפט פעקין פאקטיש צו צעבלאָזן די ראסיסטיש־שאָוויניסטישע אטמאָספער און דעם מיליטאריזם אפן נאָענטן מיזרעך און בלאָקירט זיך מיט די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל און מיט די קרעפטן, וועלכע שטייען הינטער זיי. אין די קאָנקרעטע באדינגונגען פון דער הײַנטיקער לאגע אינעם רעגיִאָן פון נאָענטן מיזרעך, ווען דער פאראייניקטער פראָנט פונעם אימפעריִאליזם, ציִעניזם און אראבישער רעאקציע באדראָען די סוווערעניטעט, די גאנצקײַט און פראָגרעסיווע אנטוויקלונג פון א סאך לענדער, דינט די פעקין־פאָזיציע בלויז יענע, וועלכע ווילן שטערן דער ווײַטערדיקער איזאָליאציע פון די ייִסראָעל־אגרעסאָרן און זייערע באשיצער אף דער צווישנפעלקערלעכער ארענע.

ווען די כינעזישע העגעמאָניסטן האָבן זיך איבערצײַגט, אז די נאציאָנאלע באפרײַונגס־באוועגונג אין די אראבישע לענדער איז ניט אוועק מיטן וועג פון די מאאָ־לאָזונגען, האָבן זיי זיך געשטעלט אפן וועג פון אָפזאָגן זיך צו געבן דער דאָזיקער באוועגונג שטיצע און הילף. באזונדערס האָט זיך באמיט צו באטאָנען דעם דאָזיקן נײַעם פעקין־קורס דער דעמלטיקער אויסערן־מיניסטער פון דער כינעזישער פאָלקס־רעפובליק צזי פענפיי בײַס זײַן באזוך אין טעהעראן אין 1972 און 1973.

אגעוו, האָבן די מאאָיסטן אויך אין די פאָרייקע יאָרן אונטערגעהאלטן ענגע קאָנטאקטן ניט בלויז מיט די פראָמאאָיסטישע, נאָר אויך מיט די פארשיידענע רעכטע, קאָנסערוואטיווע און קלעריקאלע עלעמענטן אפן נאָענטן מיזרעך, סטימולירנדיק מיט אלע מעגלעכקײַטן זייער טעטיקײַט. אין די 60־ער יאָרן, לעמאָשל, האָבן די כינעזישע דיפלאָמאטן אין ליבאן אונטערגעהאלטן קאָנטאקטן מיט די פאשיסטן פון דער אזויגערופענער סאָציִאלער פאָלקס־פארטיי.

קעדיי פארווירקלעכן זייערע פלענער אינעם נאָענטמיזרעכדיקן רעגיִאָן, האָבן די כינעזישע לידערס בעשײַטע ארויסגערוקט דעם טעזיס וועגן דער „רעליגיִעזער געמיינזאמקײַט״ צווישן די מוסולמענער פון כינע און פונעם אראבישן מיזרעך. זיי האָבן זיך געפרוווט שפילן אף די רעליגיִעזע געפילן פון די אראבער, גערופן צו איינהײַט פון די מוסולמענער אינעם קאמף קעגן דעם אימפעריִאליזם און דעם „הײַנטיקן רעוויזיאָניזם״. נאָכן XI צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון כינע (1969) האָבן די מאאָיסטן געשטעלט דעם הויפט־טראָפ אין זייער נאָענטמיזרעכדיקער פאָליטיק גראָד אף די רעכטע קויכעס. פעקין איז מער ניט פארינטערעסירט אין די אראבישע רעוואָליוציאָנערע באוועגונגען, האָט אָפגעמערקט אין 1971 דער ענגלישער זשורנאל „ניו מידל איסט״, פארקערט, פעקין האלט פאר בעסער צו פארשטארקן די באציִונגען מיט די עקזיסטירנדיקע רעגירונגען, אפילע אויב זיי זײַנען בורזשואזע און פראָ־אמעריקאנישע.

די הײַנטיקע פאָליטיק פון פעקין אין די פראגן וועגן דעם נאָענטן מיזרעך איז א טייל פון זײַן אלגעמיינעם קורס, וואָס האָט דעם ציל צו

אײַנשטעלן „א גוט לעבן" צווישן די זיך אנטוויקלענדיקע לענדער און די אימפּעריִאליסטישע מעלוכעס, אָנרייצן די „דריטע וועלט" אף דעם סאָוועטנפארבאנד און אף די אנדערע לענדער פון דער סאָציִאליסטישער געמיינשאפט.

דעם נײַעם קורס פון דער עגיפּטישער אָנפירונג — דערנעענטערן זיך מיט די פארייניקטע שטאטן און מיט יִסראָעל — האָט פּעקין אופגענומען מיט ענטוזיִאזם. „די אָפיציִעלע כינעזישע פּרעסע... ווי מע האָט זיך געקאָנט ריכטן, — האָט געשריבן, לעמאָשל, די פראנצויזישע צײַטונג „קאָטידיען דע פּארי", — האָט אין גרויס אײַלעניש און פרייד רעאגירט אפן באשלוס פון עגיפּעט צו אנולירן דעם פרײַנטשאפט־אָפּמאך, וואָס פארבינדט קאיִר מיט מאָסקווע". די רעכטע פּרעסע פון דער דײַטשישער פעדעראטיווער רעפּובליק האָט מיט באפרידיקונג אָפּגעמערקט, אז „פּעקין האָט דעמאָנסטראטיוו אונטערגעהאלטן די עגיפּטישע רעגירונג אין אירע אומפרײַנטלעכע אקציעס בענוגע דעם סאָוועטנפארבאנד".

וועלנדיק פארמאסקירן דעם טאָך פון זייער פּאָליטיק אפן נאָענטן מיזרעך, כאזערן איבער די כינעזישע פּראָפּאגאנדע־מיטלען אף קאָלערליי אויפנים די אויסגעטראכטע טעאָריע וועגן א „בונד צווישן די צוויי היפּערמאכטן", טרײַבנדיק רעכילעס, אז עס איז פאראן א „הינטערקוליסן־אָפּמאך צווישן דעם סאָוועטנפארבאנד און די פארייניקטע שטאטן", וואָס פירן צו א „נאָענטמיזרעכדיקן מינכען", צו דער לאגע „ניט קיין שאָלעם, ניט קיין מילכאָמע", אז דער סאָוועטנפארבאנד פארווירקלעכט, קלוימערשט, „אן עקספּאנסיע אפן נאָענטן מיזרעך", אז ער „פאראט די אינטערעסן פון די אראבער" אאוו. אדגל. עס איז ניט שווער צו זען, אז די פּעקין־פּראָפּאגאנדע גייט גאנץ אָפט אָפן אין איין שפּאן מיט די פּראָפּאגאנדיסטישע אפּאראטן פונעם אימפּעריִאליזם און ציִעניזם. אזוי, לעמאָשל, איז דער פאלשער טעזיס, אז „די סאָוועטן דרינגען ארײַן אפן נאָענטן מיזרעך" — איינער פון די איקערדיקע אף די זײַטן פון דער רעאקציִאָנערער פּרעסע.

פּעקין האָט איינער פון די ערשטע און ביז גאָר אקטיוו באוויליקט סאדאטס קאפּיטוליאנטישע פּאָליטיק. אין דער זעלבער צײַט האָט די מײַרעוו־דײַטשישע „שטוטגארטער צײַטונג" אָפּגעמערקט, אז כינע האָט אָפּגעשטעלט די ליפערונגען פאר די פּאלעסטינער און זי „באדינט די לענדער, וועלכע באקומען ארויס נאפט און וועלכע זי האָט אמאָל געשטעמפּלט אלס רעאקציִאָנערע". עס איז ניט צופעליק, האָט ווײַטער געשריבן די דאָזיקע צײַטונג, וואָס „די מערהײַט פּאלעסטינער ווידערשטאנד־אָרגאניזאציעס האָבן אָנגעהויבן קלאָגן זיך, אז פּעקין האלט אונטער די אראבישע רעאקציִאָנערן און פארעטער".

אין זייערע דערקלערונגען (גאנץ אָפט אנעקדאָטישע) וועגן דער לאגע אפן נאָענטן מיזרעך שעמען זיך ניט די פּעקין־טוער צו טרײַבן אפּילע שקאָרים און רעכילעס. אזוי, לעמאָשל, האָבן זיי געשריבן, אז דער סאָוועטנפארבאנד איז... דער הויפּט־שולדיקער אינעם קאָנפליקט צווישן די אראבער און יִסראָעל און אז די סאָוועטישע ספּעציִאליסטן אין עגיפּעט פארנעמען זיך, קלוימערשט, מיט שפּיִאָנאזש לעטויוועס יִסראָעל. די פּרעסע פון דער כינעזישער פאָלקס־רעפּובליק באשולדיקט רעגולער דעם סאָוועטנפארבאנד, אז ער פירט א פּאָליטיק פון „עקספּאנסיע" אפן נאָענטן מיזרעך, א פּאָליטיק פון „עקספּלואטירן" די אראבישע לענדער, פון „געבן הילף" יִסראָעל אדגל.

די דאָזיקע פּראָוואָקאטאָרישע קאמפּאניע (און אזא קאמפּאניע כאפּן טייקעף אונטער די מאאָ־גרופּעס אין פארשיידענע לענדער) האָט דעם ציל צו דיסקרעדיטירן די פּאָליטיק פונעם סאָוועטנפארבאנד אפן נאָענטן מיזרעך.

דער פּעקין־קורס בענוגע די קאָמוניסטישע פּארטייען אין די לענדער פונעם נאָענטן מיזרעך איז אויך גינסטיק פאר דעם אימפּעריִאליזם, ציִעניזם און פאר דער רעאקציע. אין 1958—1959, לעמאָשל, ווען די פּאָליטישע לאגע אין סיריע און איראק האָט זיך פארשארפט צוליב דער אונטערײַסערישער טעטיקײַט פון די אימפּעריִאליסטן, האָט די כינעזישע אָנפירונג אונטערגעשטויסן די עקסטרעמיסטישע עלעמענטן, וועלכע האָבן אָרודעוועט אין די קאָמפּארטייען פון סיריע און איראק, זיי זאָלן ארויסטרעטן מיט אוואנטוריסטישע אקציעס. זי האָט זיי גערופן אראָפּצוווארפן מיט געווער אין די הענט די נאציִאָנאליסטישע רעזשימען. פיל קויכעס האָבן די מאאָיִסטן געשענקט דער אופגאבע צו אָפּשוואכן דעם אײַנפלוס פון די קאָמוניסטן אין די אָרגאניזאציעס פון דער פּאלעסטינער ווידערשטאנד־באוועגונג.

די מאאָיִסטן האָט זיך אײַנגעגעבן צו שאפן לינקאטשישע גרופּירונגען פון רענעגאטן און שפּאלטער, וועלכע זײַנען אויסגעשלאָסן געוואָרן אָדער זײַנען ארויסגעטראָטן פון די קאָמפּארטייען פון איראק, סיריע, ליבאן, סודאן. די אקציעס פון די דאָזיקע לינקאטשעס, וועלכע זײַנען אָנגעפירט און פינאנסירט געוואָרן מיצאד די כינעזישע געזאנדשאפטן, האָבן געבראכט א היפּשן שאָדן דער נאציִאָנאל־באפרײַערישער און קאָמוניסטישער באוועגונגען אין די דאָזיקע לענדער, זיי האָבן געגאָסן וואסער אף די מיל־רעדער פון די רעאקציִאָנערע קרעפטן, צווישן זיי אויך פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון יִסראָעל.

צו דער פרייד פון די אימפּעריִאליסטן, ציִעניסטן און אראבישע רעאקציִאָנערן האָבן די לידערס געבראכט פיל שאָדן דער נאציִאָנאלער באפרײַונגס־באוועגונג פונעם אראבישן פאָלק פון פּאלעסטינע. עס איז גענוג צו דערמאָנען וועגן דער טעטיקײַט פונעם געוועזענעם פאָרזיצער פון פּאלעסטינע א. שוקיירא, וועלכער האָט געפּרוּווט פארווירקלעכן אין דער פּראקטיק די „מאאָ־אידייען". אין 1967—1969 האָבן די מאאָיִסטן צעבלאָזן מיט אלע קויכעס די עקסטרעמיסטישע שטימונגען אין דער פּאלעסטינער ווידערשטאנד־באוועגונג. אין מײַ 1967, לעמאָשל,

ווען די סיטואציע אפן נאָענטן מיזרעך איז געווען א ביז גאָר אָנגעשטרענגטע, דער אימפּעריִאליזם און ציִעניזם האָבן זיך ארומגעטראָגן מיט פּלענער צו דערלאנגען א „פּרעווענטיוון קלאפּ" און פיבערהאפט געזוכט די געהעריקע געלעגנהײַט דערצו, האָט דער שטעלפארטרעטער פונעם פאָרזיצער פון דעם שטענדיקן קאָמיטעט פון דער אלכינעזישער פארזאמלונג פון די פאָלקס־פאָרשטייער, דער פּרעזידענט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון דער כינעזישער פאָלקס־רעפּובליק גאָ מאָזשאָ גערופן אין זײַן רעדע אף א מיטינג אין פּעקין (די רעדע איז געווען פול אויך מיט אנטיסאָוועטישע אָנפאלן) צו „ארײַנווארפן ייִסראָעל אין יאם ארײַן". אין טאָך איז אָט דער רוף געווען א לאנג דערווארטע מאטאָנע די ציִעניסטן און זייערע אימפּעריִאליסטישע פארבינדעטע, די מאטאָנע דינט זיי נאָך ביז הײַנט.

יענע פּאלעסטינער פארטיזאנער, וועלכע זײַנען דורכגעגאנגען די צוגרייטונג אין דער כינעזישער פאָלקס־רעפּובליק, האָבן אין טאָך פאקטיש דורכגעמאכט א קורס פון פארשווערערישער טעטיקײַט קעגן די אראבישע פעלקער. עס איז דערגאנגען דערצו, אז ג. א. נאסער איז געווען געצוווּנגען פערזענלעך ארויסטרעטן פאר די פּאלעסטינער, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון כינע, און דערקלערן זיי, אז די הויפּט־אויפגאבע איז דער קאמף פאר ליקווידירן די רעזולטאטן פון דער ייִסראָעל־אגרעסיע.

אין 1972 אָבער, ווען דער לינקער פליגל פון דער פּאלעסטינער ווידערשטאנד־באוועגונג איז געוואָרן אן אָביעקט פון א פארביטערטער פּראָפּאגאנדיסטישער קאמפּאניע מיצאד דעם פאראייניקטן פראָנט פון די אימפּעריִאליסטן, ציִעניסטן און דער אראבישער רעאקציע, האָט פּעקין אָנגענומען א פול מויל מיט וואסער און געשוויגן. די כינעזישע פּרעסע האָט אפילע ניט דערמאָנט וועגן דעם, אז די ייִסראָעל־אגענטן האָבן אף א כײַיִשן אויפן דערמאָרדעט אין ביירוט דעם רעדאקטאָר פונעם זשורנאל פון פאָלקס־פראָנט פאר דער באפרײַונג פון פּאלעסטינע „אל־האדאף", דעם מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פונעם פראָנט, דעם באוווּסטן דיכטער ג. קאנאפאני, זי האָט ניט דערמאָנט וועגן דעם אטענטאט אפן נײַעם רעדאקטאָר פון דעם דאָזיקן זשורנאל ב. א. שאריף און אפן דירעקטאָר פונעם פאָרשונג־צענטער פון דער אָרגאניזאציע פאר דער באפרײַונג פון פּאלעסטינע דעם אָנגעזעענעם געלערנטן א. סאיעג.

דעמאסקירנדיק די צוויפּנעמדיקײַט פון די כינעזישע לידערס, האָט די סירישע צײַטונג „נידאל אש־שאאב" געשריבן אין מײַ 1976: „ארויסטרעטנדיק קעגן דער סאָוועטישער פּאָליטיק אפן נאָענטן מיזרעך, זײַנען די פּעקינער טוער פאקטישע פארבינדעטע פון די פאראייניקטע שטאטן און פון די ייִסראָעל־אגרעסאָרן".

וועגן די באציִונגען צווישן דער כינעזישער פאָלקס־רעפּובליק און ייִסראָעל שרײַבט מען, צוליב פארשטענדלעכע סיבעס, אין ביידע לענדער זעלטן און זייער נעפּלהאפט. אויך אין דער וועלט־פּרעסע פיגורירט די דאָזיקע טעמע ניט אָפט, און די מיטיילונגען, וועלכע באווײַזן זיך, צייכענען זיך ניט אויס מיט פולקײַט און קלאָרקײַט.

אורטיילנדיק לויט די אָנגאבן, וועלכע זײַנען פארעפנטלעכט אין פארשיידענע קוועלן, האָט פּעקין ביז אפּרעל 1955 אונטערגעהאלטן קאָנטאקטן מיט ייִסראָעל. אף דער קאָנפערענץ אין באנדונג האָבן, ווי די פּרעסע האָט געשריבן, די כינעזישע פאָרשטייער זיך געהאלטן בא דער מעגלעכקײַט און צוועקמעסיקײַט צו אנטוויקלען באציִונגען צווישן כינע און ייִסראָעל. כאָטש די כינעזישע פאָרשטייער האָבן געשטימט פאר ג. א. נאסערס פאָרשלאָג וועגן אונטערהאלטן די רעכט פונעם אראבישן פאָלק פון פּאלעסטינע און וועגן דער נייטיקײַט צו אויספילן די רעזאָלוציעס פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס מיקויעך דער פּאלעסטינע־פראגע, איז אין די ארויסטרעטונגען פון די פאָרשטייער פון כינע ניט געזאָגט געוואָרן קיין איין וואָרט, וואָס זאָל פארורטיילן די ייִסראָעל־פּאָליטיק.

אין די פאָלגנדיקע יאָרן האָט די כינעזישע פאָלקס־רעפּובליק געפירט א קורס אף אײַנשטעלן ענגע באציִונגען מיט די אראבישע לענדער, רײַסנדיק זיך צו דער ראָליע פון א לידער צווישן די זיך אנטוויקלענדיקע לענדער און אין דער נאציִאָנאלער באפרײַונגס־באוועגונג פון אפריקע, אזיע און לאטײַן־אמעריקע. אין 1963, ווען די מאאָיִסטן זײַנען ארויסגעטראָטן קעגן דער גענעראלער ליניע פון דער קאָמוניסטישער וועלט־באוועגונג און קעגן דער קאָנטאקטירטער אויסערן־פּאָליטיק פון די סאָציִאליסטישע לענדער, האָבן די ציִעניסטישע לידערס פארשטאנען, אז פּעקין וועט אָביעקטיוו זיך אלץ מער דערנעענטערן מיט טעל־אוויוו. א באגײַסטערטער פונעם אנטיסאָוועטישן קורס פון פּעקין, האָט בען־גוריאָן אין יול 1965 דערקלערט: „דער וועג צו שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך ליגט דורך פּעקין".

שפּעטער האָבן די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל ניט איין מאָל באגריסט דעם אנטיסאָוועטיזם און נאציִאָנאליזם פון די מאאָיִסטן און גערעדט וועגן דעם, אז עס איז מעגלעך און געוווּנטשן צו דורכפירן געמיינזאמע אקציעס אף דער דאָזיקער פּלאטפאָרם. אזוי, לעמאָשל, האָט די אײַנפלוסרײַכע ציִעניסטישע ייִסראָעל־צײַטונג „מאאריוו" געשריבן זומער 1971: „כינע מעג זײַן זיכער, אז ייִסראָעל איז דאָס איינציקע לאנד, וואָס באציט זיך פײַנטלעך צום סאָוועטישן אײַנפלוס אפן נאָענטן מיזרעך ניט בלויז צוליב פּאָליטישע טײַמים, נאָר אויך מאכמעס די נאציִאָנאלע גרונט־פּרינציפּן..." בען־גוריאָן איז אָפן ארויסגעטראָטן און געשטיצט די אומגעזעצלעכע טעריטאָריעלע פּרעטענזיעס פון פּעקין צום סאָוועטנפארבאנד. אזוי, לעמאָשל, האָט ער אין פרילינג 1969, ווען ער האָט געווײַלט אין לאטײַן־אמעריקע, אָנגערופן דעם סאָוועטנפארבאנד מיטן נאָמען קאָלאָניִאלע אימפּעריע,

וואָס האָט „פאַרכאַפּט ריזיקע שטיקלעך פון דער כינעזישער טעריטאָריע".

זינט אַפּריל 1968 האָבן אין דער פּרעסע פון איינציקע לענדער אָנגעהויבן צו באַווייזן זיך מיטיילונגען וועגן געהיימע האַנדלס־געשעפטן צווישן דער כינעזישער פאָלקס־רעפּובליק און ייִשׂראָעל, געשעפטן, וועלכע העלפן מיט דער פאַרשטאַרקונג פון ייִשׂראָעל. די ביירוטער צייטונג „אַש־שאַאַב", אַשטייגער, האָט געשריבן, אַז די מאַאָיִסטן פאַרקויפן ייִשׂראָעל סטראַטעגישע סכוירעס.

ס'זײַנען אויך געווען מיטיילונגען אין דער פּרעסע, אַז כינעזישע אַמט־פּערזאָנען אין מייערעוו־אייראָפּע האָבן עטלעכע מאָל געהיים אײַנגעשטעלט קאָנטאַקטן מיט די ציִעניסטן. אין יול 1971, לעמאָשל, האָט דער כינעזישער געזאַנדטער אין פראַנקרײַך געהאַט אַ באַגעגעניש מיט אַ מיטגליד פונעם אויספירקאָם פון „מאַפּאַם". דער דאָזיקער אויספירקאָם־מיטגליד האָט שפּעטער אין דער טעל־אוויווער ראַדיאָ געזאָגט, אַז די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען לויט דער איניציאַטיוו פון די כינעזישע דיפּלאָמאַטן. אין האַרבסט פונעם זעלבן יאָר זײַנען אין אַ סיטואַציע פון שטרענגער געהיימניס פאָרגעקומען אין בערן נײַע אונטערהאַנדלונגען צווישן פאָרשטייער פון כינע און ייִשׂראָעל. דער איניציאַטאָר פון די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען איז ווידער געווען פּעקין. דער ייִשׂראָעל־צאַד האָט אַרויסגעוויזן זײַן גרייטקייט צו פאַרברייטערן די ניט־אָפיציעלע קאָנטאַקטן צווישן די ביידע לענדער ביז יענער צײַט, ווען די באַדינגונגען וועלן דערלויבן אײַנצושטעלן דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען.

קעדיי צו פאַרברייטערן די קאָנטאַקטן מיט די מאַאָיִסטן, האָט ייִשׂראָעל איינגיכן געעפנט אַ קאָנסולאַט אין האָנקאָנג. די אַרטיקע צײַטונג „טשײַנאַ מעיל" האָט געשריבן אין 1974, אַז ייִשׂראָעל „פלירטעוועט איצט מיט פּעקין, וועלנדיק אײַנשטעלן דיפּלאָמאַטישע קאָנטאַקטן מיט די כינעזישע פאָרשטייער אין האָנקאָנג".

אין אַפּריל 1971 האָט די ייִשׂראָעל־ראַדיאָ אָפּגעמערקט, אַז די כינעזישע פאָלקס־רעפּובליק „באַציט זיך מיט סימפּאַטיע צו דער שטאַנדהאַפטיקייט פון ייִשׂראָעל אינעם קאַמף קעגן פּסטר, און אַז די פּאָליטיק פון דער ייִשׂראָעל־רעגירונג ווידערשפּרעכט ניט דער אַלגעמיינער פּאָליטישער ליניע פון פּעקין". די צײַטונג „איליוסטרירטע נאָיע וועלט" (דערשײַנט אין ווין) האָט, פון איר זײַט, פאַרופנדיק זיך אויף די „אַמעריקאַנער עקספּערטן וועגן כינעזישע פּראָגן", געשריבן אין דעקאַבער 1973 אין אַ נאָטיץ אונטערן קעפּל „כינע — פאַר אַ שטאַרק ייִשׂראָעל", אַז די כינעזישע אָנפירונג „ניט בלויז זי באַוויליקט די ברייטע מיליטערישע און פּאָליטישע אָנוועזנהייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אויפן נאָענטן מיזרעך, נאָר זי איז אויך „לעבּהאַפטיק פאַרינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פון אַ רייע שטאַרקע מעלוכעס אין אָט דעם ראַיאָן", דערונטער ייִשׂראָעל. אַ שטאַרק ייִשׂראָעל, וואָס פירט אַן אַגרעסיווע עקספּאַנסיאָניסטישע פּאָליטיק, איז נייטיק די פּעקינער סטראַטעגן אַלס אַ פּערמאַנענט מיטל פון דרוק אויף דער נאַציאָנאַלער באַפרײַונגס־באַוועגונג פון די אַראַבישע פעלקער.

ווי עס גיט איבער די ביירוטער צײַטונג „אַש־שאַאַב", האָט בײַס דער יאָמקיפּער־מילכאָמע (אין אָקטיאַבער 1973) דער הויפּט פון דער דעלעגאַציע פון דער כינעזישער פאָלקס־רעפּובליק אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס געהאַט עטלעכע באַגעגענישן מיט פּראָ־ייִשׂראָעליש און פּראָציִעניסטיש געשטימטע אַמעריקאַנער סענאַטאָרן און קאָנגרעסמענער און האָט זיי פאַרזיכערט, אַז די „כינעזישע פאָלקס־רעפּובליק וועט פאַרנעמען אַ מעסיקע פּאָזיציע בענעגייע דעם איצטיקן קאָנפליקט אויפן נאָענטן מיזרעך, אויף וויפל פּעקין קאָן זיך ניט שטיצן אויף דער פרײַנטשאַפט מיט די עגיפּטער און סיריער מאַכמעס דעם, וואָס דער סאָוועטנפאַרבאַנד האַלט זיי אונטער... וועלכע־ניט־איז מעגלעכע מאַפּאָלע פון די אַראַבישע לענדער וועט ניט אַרויסרופן קיין אומרו אין פּעקין, ווײַל אַזאַ מאַפּאָלע קאָן מיטהעלפן דעם אופקום פון כלוקעדייעס צווישן די אַראַבער און פּסטר". אַנאַליזירנדיק די פּאָליטיק פון די מאַאָיִסטן אויפן נאָענטן מיזרעך, האָט דער אָרגאַן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון דײַטשלאַנד — די צײַטונג „פאָרווערטס" — אויך געשריבן אין 1973, אַז גראָד צוליב דעם אַנטיסאָוועטיזם פון די כינעזישע לידערס איז „גאַנץ לאָגיש די מיינונג, אַז פּעקין האָט געהיים געקאָנט זײַן פאַרינטערעסירט אין דער ווײַטערדיקער מאַפּאָלע פונעם אַראַבישן בונד, אינעם קאַמף קעגן ייִשׂראָעל, אַ בונד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט שוועריקײַטן". קעדיי די שולד פאַר דער מאַפּאָלע זאָל פאַרעכנט ווערן אויפן כעזשבן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

די אָנפירנדיקע ציִעניסטישע קרײַזן פון די פאַראייניקטע שטאַטן געפינען זיך צווישן יענע פאָרשטייער פונעם אַמעריקאַנער איסטעבלישמענט, וועלכע טרעטן אַקטיוו אַרויס פאַר אַ דערנענטערונג מיט כינע, ווײַל זיי זעען, אַז פּעקין פירט אַ פאַרביסענע אַנטיסאָוועטישע פּאָליטיק, שטרעבט אַרויסצורופן קריגערײַען פון די אַראַבישע מעלוכעס מיט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און מיט די אַנדערע לענדער פון דער סאָציאַליסטישער געמיינשאַפט.

אין יול 1974 האָט די ייִשׂראָעל־ראַדיאָ מיטגעטיילט (פאַרופנדיק זיך אויף זיכערע קוועלן אין ירושלאַיִם), אַז אין אַ שמועס מיטן אַמעריקאַנער סענאַטאָר ה. דזשעקסאָן, וועלכער האָט באַזוכט די כינעזישע פאָלקס־רעפּובליק, האָט טשזשאָו ענלײַ באַזונדערס באַטאָנט די פאַראינטערעסירטקײַט פון כינע, אַז ייִשׂראָעל זאָל זײַן שטאַרק און פייִק צו דינען אַלס שטערונג פאַר דער „סאָוועטישער עקספּאַנסיע" אויפן נאָענטן מיזרעך. נאָך אַן אָרדנטלעכער רײַזע קיין פּעקין אין פעווראַל 1978 האָט ה. דזשעקסאָן אָנגעוויזן אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ אויף דער נאָענטקײַט פון די פּאָזיציעס פון די פאַראייניקטע

שטאַטן און פֿון דער כינעזישער פֿאָלקס־רעפּוב־
ליק אין דער פּראַגע וועגן די סעפּאַראַטע אונ־
טערהאַנדלונגען צווישן סאַדאַטן און ייִסראָעל.
אַט אַזוי איז דער אַנטיסאָוועטיזם געוואָרן די
געמיינזאַמע פּלאַטפֿאָרם פֿון די אַמעריקאַנער
פּראָציִוניסטישע אולטראַ פֿון די ייִסראָעל־אַג־
רעסאָרן, פֿון דער אַראַבישער רעאַקציע און פֿון
פּעקין.

דער קאָרעספּאָנדענט פֿון „פּראַנס־פּרעס" אין
טעל־אַוויוו טיילט מיט, אַז אין יוני 1978 זײַנען
פֿאָרגעקומען אַזעלכע באַגעגענישן צווישן דעם
דעמלטיקן פֿאָרשטייער פֿון ייִסראָעל אין די
פֿאַראייניקטע נאַציעס כאַים הערצאָג (געוועזע־
נער אָנפֿירער פֿון דער מיליטערישער ייִסראָעל־
אויסשפּירונג) און אַ כינעזישן דיפּלאָמאַט, דעם
מיטגליד פֿון דער דעלעגאַציע פֿון דער כינעזי־
שער פֿאָלקס־רעפּובליק אין די פֿאַראייניקטע נאַ־
ציעס מין טשזשענטאַן. די באַגעגעניש, גיט
איבער די ייִסראָעל־צײַטונג „ידיאָט אַכראָ־
נאָט", איז פֿאָרגעקומען לויט דער איניציאַטיוו
פֿונעם כינעזישן צאַד.

אין דעם זעלבן כודעש יוני פֿון פֿאַריקן יאָר,
שרײַבט „מאָנד", האָט דער שוץ־מיניסטער פֿון
ייִסראָעל עזער ווייצמאַן פֿולשטענדיק געהיים
געהאַט אַ באַגעגעניש אין דער אומגעגנט פֿון
ציריך מיטן כינעזישן אויסערן־מיניסטער כואַן
כואַ. פֿאַרופֿנדיק זיך אױף יאַרדאַנישע קוועלן,
האָט די ייִדישע טעלעגראַפֿן־אַגענטור מיטגע־
טיילט דעם 11 יאַנואַר 1979, אַז די באַגעגעניש
איז געווען אַ נײַער וויכטיקער עטאַפּ אין דער
פֿאַקטישער דערנענטערונג צווישן פּעקין און
טעל־אַוויוו.

אין נאָיאַבער פֿון פֿאַריקן יאָר איז אין פּעקין
פֿאָרגעקומען אַ טרעפֿונג צווישן דעם שטעל־
פֿאַרטרעטער פֿונעם פֿאָרזיצער פֿון דער ציִ־
ניסטישער אָרגאַניזאַציע פֿונעם אַמעריקאַנער
ייִדישן קאָנגרעס האַרוואַרד סקואַדראָן מיט איי־
נעם פֿון די שטעלפֿאַרטרעטערס פֿונעם פּרע־
מיער פֿון דעם מעלוכע־ראַט פֿון דער כינעזי־
שער פֿאָלקס־רעפּובליק גען ביאַאָ. בײַ דער
דאָזיקער טרעפֿונג האָט דער פּעקינער טוער
דערקלערט דעם ציִעניסטישן לידער, אַז „די
פּאָזיציע פֿון כינע אין דער פּראַגע וועגן די
פֿרידנס־אונטערהאַנדלונגען אויפֿן נאָענטן מיזרעך
פֿאַלט אין אַ גרויסער מאָס צונויף מיט דער
פּאָזיציע פֿון עגיפּטן". ער האָט געמאַכט אַזאַ
טיפּיש שאָוויניסטישע דערקלערונג, וועלכע מע
דאַרף אָפּשאַצן אויך אַלס אַ באַשטימטן אויפֿן
פֿון קיינדלען זיך מיט די ציִעניסטן. ער האָט
געזאָגט: „דאָס געמיינזאַמע צווישן דעם כינע־
זישן פֿאָלק און דעם ייִדישן באַשטייט דערין,
וואָס זייער ליבע צום אייגענעם לאַנד איז
שטאַרקער, איידער בײַ אַלע אַנדערע פֿעלקער".

אין יאַנואַר הײַנטיקס יאָר האָט „מאַאַריוו"
מיטגעטיילט (פֿאַרופֿנדיק זיך אױף אַ כינעזישן
דיפּלאָמאַט, וואָס אַרבעט אין דער פֿאָרשטייער־
שאַפֿט פֿון דער כינעזישער פֿאָלקס־רעפּובליק
בײַ די פֿאַראייניקטע נאַציעס), אַז אין די אַנט־
שפּרעכיקע קרײַזן פֿון ביידע לענדער ווערט
באַהאַנדלט די פּראַגע וועגן אײַנשטעלן האַנדלס־
און קאָנסול־באַציִונגען צווישן פּעקין און טעל־
אַוויוו.

מיט אַ געוויסער צײַט צוריק האָט אין פּעקין
געוויילט געהיים אַן עקאָנאָמישע דעלעגאַציע
פֿון ייִסראָעל, קעדיי, ווי עס האָט געשריבן דער
טעל־אַוויווער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער האָלענ־
דישער בורזשואַזער צײַטונג „נרק־האַנדעלס־
בלאַד", „אײַנשטעלן קאָמערציִעלע קאָנטאַקטן".
ווי די ייִסראָעל־צײַטונגען גיבן איבער, טרעט
אַרויס אַלס פֿאַרמיטלער צווישן טעל־אַוויוו און
פּעקין דער אונטערנעמער פֿון ייִסראָעל ס. איי־
זענבערג. די אָנגערופֿענע צײַטונג האָט אויך
מיטגעטיילט, אַז דער אויסערן־מיניסטער פֿון
ייִסראָעל דאַיאַן, וועלכער פּלאַנירט צו באַזוכן
הײַנטיקס יאָר אַ ריי לענדער פֿון דאָרעם־מיז־
רעך־אַזיע און פֿון ווײַטן מיזרעך, קלײַבט זיך
אָפּשטאַטן אַ וויזיט אויך אין כינע. די צוגרייי־
טונג פֿון דער דאָזיקער רײַזע, האָט געשריבן
דער קאָרעספּאָנדענט, גייט דורך אין „אומ־
שטענדן פֿון פֿולער געהיימניס".

איינער פֿון די בײַשפּילן פֿון קאָנטאַקטן
צווישן די מאַאָיִסטן און ציִעניסטן איז די פֿיל־
יאָריקע ענגע מיטאַרבעט צווישן די אויסשפּיר־
אַמטן פֿון ייִסראָעל און כינע מיט דער געהיים־
פּאָליציי פֿונעם געוועזענעם איראַנער שאַך „סאַ־
וואַק". פֿון די דאָקומענטן, וועלכע זײַנען פֿאַר־
כאַפּט געוואָרן אין לאָקאַל פֿון דער געוועזענער
פֿאָרשטייערשאַפֿט פֿון ייִסראָעל אין טעהעראַן,
איז קלאָר געוואָרן, אַז די אויבן אָנגעוויזענע
אויסשפּיר־אַמטן האָבן סיסטעמאַטיש קאָאָרדי־
נירט צווישן זיך דאָס זאַמלען אינפֿאָרמאַציע
און רעגולער געטוישט זיך מיט איר. די כינע־
זישע ספּעציִעלע אַמטן האָבן באַזאָרגט ייִסראָעל
מיט ידיִעס וועגן דער טעטיקייט פֿון די אָרגאַ־
ניזאַציעס, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין אָפּאָזי־
ציע צום שאַך, וועגן זייערע פֿאַרבינדונגען מיט
די פּאַלעסטינער אָרגאַניזאַציעס (די לעצטע
ידיִעס פֿלעגן די כינעזישע אַגענטן באַקומען
פֿון די מאַאָ־גרופּעס, וועלכע זײַנען געווען טע־
טיק צווישן די אָפּאָזיציִאָנעלע קרעפֿטן אין אי־
ראַן און אין אויסלאַנד). די אַגענטן פֿון ייִס־
ראָעל פֿלעגן די דאָזיקע ידיִעס איבערגעבן די
טעליאָנים פֿון דער געהיים־פּאָליציי „סאַוואַק".

בײַ דער הערשאַפֿט פֿון באַכטיאַרס רעגירונג
אין איראַן האָבן די אָנהענגער פֿון די מאַאָ־גרו־
פּירונגען צוזאַמען מיט די אַגענטן פֿון „מאָסאַד"
(געהיים־פּאָליציי פֿון ייִסראָעל) אַקטיוו אָנטייל־
גענומען אינעם דורכפֿירן פֿאַרשיידענע פּראָ־
וואָקאַציעס, קעדיי אַרונטערײַסן אין לאַנד דעם
אויטאָריטעט פֿונעם איאַטאָלאַ כאָמייני און באַ־
שולדיקן אים אין דער שטרעבונג צו אײַנשטעלן
זײַן דיקטאַטור. דערבײַ האָבן די ייִסראָעל־אַגענ־
טור און די מאַאָ־גרופּירונגען געאַרבעט לויטן
פּלאַן, וועלכן עס האָט פֿאַנאַנדערגעאַרבעט
„סאַוואַק".

די הײַנטיקע פּעקין־פּאָליטיק אויפֿן נאָענטן מיז־
רעך טיילט זיך ניט אונטער מיט קיין זאַך פֿון
איר קורס אין די אַנדערע רעגיאָנען פֿונעם
ערדקײַלעך. די פּאָליטיק פֿון די מאַאָיִסטן אויפֿן
נאָענטן מיזרעך איז אַ טייל פֿון זייער גלאָבאַ־

לער אוואַנטוריסטישער העגעמאָניסטישער סטראַטעגיע און טאַקטיק און איז געריכטעט אַף אויסנוצן פאַר גרויסמאַכטישע צילן דעם רעגיאָן, ווו עס דראָעט די געפאַר פון אַן אופרײַס. קוידעמקאָל וואָלטן די פּעקין־לידערס ווועלן, אַז אין אָט דעם ראַיאָן זאָל הערשן אַ פּערמאַנענטע אָנגעשטרענגטקײַט, וואָס פירט צו נײַע מילכאָמעס. אַף וויפל די פּאָליטיק פונעם אימפּעריִאַליזם און צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם גייט אין דער ריכטונג פון שאַפן קאָנפליקט־סיטואַציעס, אַף וויפל ייִסראָעל, וואָס האַלט אין איין דערקלערן צוויִעסדיק וועגן שטרעבונגען צו שאָלעם, טרעט סיסטעמאַטיש אַרויס אַלס אַן אַגרעסאָר, האָבן די פּעקינער סטראַטעגן, אונטערן אַקאָמפּאַנעמענט פון די לאָזונגען וועגן סאָלידאַריטעט מיט דער אַראַבישער נאַציִאָנאַל־באַפרײַערישער באַוועגונג, זיך בלאָקירט מיט די קרעפטן פון אימפּעריִאַליזם און ציִעניזם.

די מאַאָ־לידערס טרוימען וועגן פאַרוואַנדלען דעם קאָנפליקט צווישן ייִסראָעל און די אַראַבער אין אַ ברייטערן און פּערמאַנענטן קאָנפליקט, קעדיי פאַרווירקלעכן זייער גלאָבאַלע העגעמאָניע. פּעקין האָט כיישעק אויסצונוצן די לאַגע אַפן נאָענטן מיזרעך אַף צו וואַרפן אַ שאָטן אַף דער אויסערן־פּאָליטיק פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אַרײַנטראָגן אַ שפּאַלטונג אין די רייען פון דער נאַציִאָנאַל־באַפרײַערישער באַוועגונג, אין די רייען פון אַלע רעוואָליוציִאָנערע קרעפטן.

ענדלעך, שטרעבן די כינעזישע לידערס אויסצונוצן דעם קאָנפליקט אַפן נאָענטן מיזרעך, קעדיי פּרוּוון דערפירן צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן די פאַרייניקטע שטאַטן און דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אַרויסרופן אַ סאָוועטיש־אַמעריקאַנישע קאָנפראָנטאַציע אַרום די פּראָבלעמען פונעם נאָענטן מיזרעך אָדער, לעכאָלהאַפּאָכעס, שטערן דעם פּראָצעס פון פאַרבעסערן די באַציִונגען צווישן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און די פאַרייניקטע שטאַטן, טאָרפּעדירן אָדער פאַרטאָרמאָזירן די צווישנפעלקערלעכע אַנטשפּאַנונג. די דאָזיקע פּרינציפּלאָזע פּאָליטיק ווערט צוויִעסדיק מאַסקירט מיט דער פּסעוודאָרעוואָליוציִאָנערער דעמאַגאָגיע, זי איז אינגאַנצן אין די אינטערעסן פון די עקסטרעם־רעכטע קרײַזן פונעם אימפּעריִאַליזם, פון די לידערס פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם.

כראָניק

געזאַנגען פון די קרימטשאַקעס און קאַראַימען

נית לאַנג צוריק איז אין דער סטודענטישער וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט באַ דער עטנאָגראַפישער קאַטעדרע פונעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּאָרטראָג דער סטודענט וולאַדימיר טשערנין אַף דער טעמע „די קרימטשאַקעס און די קאַראַימען, זייער געשיכטע, קולטור און עטנאָגראַפיִע.

דער פּאָרטרעגער האָט באַקאַנט די צוהערער מיט די פאַרשיידענע היפּאָטעזעס וועגן דעם אָפּשטאַם פון אָט די צוויי פעלקערשאַפטן.

באַם גרייטן דעם פּאָרטראָג האָט דער סטודענט אויסגענוצט די ווערק פון די פאַררעוואָליוציִאָנערע און סאָוועטישע פאָרשער אַף אָט דער טעמע, אויך דאָס בוך פון אַוורואָם פירקאָוויטש „אַבנה זכרון”, עפראַיִם דייינאַרדס „מעשה קרים”, די מאַנוסקריפּטן פון יודע סאַאַך קאַיאַ (דעם ערשטן קרימטשאַק, וועלכער האָט באַקומען הויכבילדונג), דאָס אַרטיקל פון יעווסיי פּייסאַך וועגן די קרימטשאַקעס, וואָס איז געוועזן פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד” (נומ. 7 און 9 פון 1974). ער האָט אויך ציטירט די פאַרנאָטירונגען, וועלכע ער האָט געמאַכט בײַס זײַן רײַזע איבער קרים.

די צוהערער האָבן זיך בעשאַס דעם פּאָרטראָג באַקאַנט מיט די מאַגניטאָפאָן־פּלאַטן, אַף וועלכע עס זײַנען פאַרשריבן געזאַנג־מאָטיוון פון די קרימטשאַקעס. די געזאַנגען זײַנען אַף העברעיִש און אַף דער שפּראַך פון די קרימטשאַקעס. די מאַגניטאָפאָן־טאַשמעס זײַנען געמאַכט געוואָרן אין האַרבסט 1978 אין סימפעראָפּאָל.

■ ■ ■

אונדזער
רעפּליק

דער בלאָפֿער פּ. נאָוויק האָט זיך ווידער אַרײַנגעזעצט אין אַ קאַליוזשע

אין אָקטיאַבער כוידעש פֿון פֿאַריקן יאָר איז אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אָפּגעדרוקט געוואָרן מײַן אַרטיקל „דער ציוניזם און דער אַנטיסעמיטיזם". ווי מע האָט געקאָנט דערוואַרטן, האָט אַן אַרויסטרעטונג אַף אַזאַ טעמע ניט געשמעקט דעם געוועזענעם מאַרקסיסט פּייסעך נאָוויק, וועלכער האַלט נאָך אַלץ אין שענדן די אַמאָל פּראָגרעסיווע צײַטונג „מאָרגן־פֿרײַהײַט".

וועלכע פּרעטענזיעס שטעלט אַרויס דער הער נאָוויק? אים איז, זעט אויס, ניט געפֿעלן דאָס, וואָס אינעם אַרטיקל ווערט דערמאָנט, אַז ציוניסטישע לידערס, צווישן זיי פּאָאַלע־ציוניסטן, האָבן זיך פֿאַרנומען מיט צעבלאָזן קינסטלעך דעם אַנטיסעמיטיזם. אין מײַן אַרטיקל איז אין צוזאַמענהאַנג דערמיט געבראַכט געוואָרן אַן אַרויסזאָגונג פֿון אַ. שאַראָן, וועלכן מ'האָט אין פֿאַרשיידענע קוואַלן אָנגערופֿן אַלס איינעם פֿון די רעדאַקטאָרן פֿון דער ייִסראָעלצײַטונג „דאַוואַר". נאַטירלעך, אַז אין אָט דעם איניען איז וויכטיק ניט אַזוי שאַראָנס אמת, ווי זײַן אַרויסזאָגונג גופֿע, וועלכע עס האָט אָנגעדרוקט „דאַוואַר". אָט איז זי: „ווען איך וואָלט פֿאַרמאָגט אַזויפֿיל מאַכט, וויפֿל איך פֿאַרמאָג כיישעק, וואָלט איך אָפּגעקליבן אַ גרופּע שטאַרקע יונגעלײַט..., וועלכע זײַנען איבערגעגעבן אונדזערע אידייען, ברענען מיטן פֿאַרלאַנג צו העלפֿן ראַטעווען די ייִדן, און וואָלט זיי געשיקט אין די לענדער, ווו די ייִדן זײַנען פֿאַרזונקען אין טײַוועס און זעלבסטצופֿרידנקײַט. די דאָזיקע יונגעלײַט וואָלטן באַדאַרפֿט פֿאַרמאַסקירן זיך אַלס ניט־ייִדן און אַרויסרופֿן רעדיפֿעס קעגן די ייִדן מיט דער הילף פֿון אַזעלכע אַנטיסעמיטישע לאָזונגען, ווי „שמוציקער ייִד!", „טראָגט זיך אָפּ קיין פּאַלעסטינע!"

דער רענעגאַט נאָוויק, וועלכער איז שטענדיק גרייט צו ראַטעווען די רעפּוטאַציע פֿונעם ציוניזם, האָט זיך געכאַפּט שרײַבן אַ בריוו צו דעם שעף־רעדאַקטאָר פֿונעם ציוניסטישן „דאַוואַר" כאַנע זעמער. אינעם בריוו האָט ער געבעטן, אַז די ציוניסטישע זשורנאַליסטקע זאָל, אַזוי צו זאָגן, אים געבן די האַנט אַף צו דעמאַסקירן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", ווײַל ער, נאָוויק, שטעלט אונטער אַ סאָפּעק, צי ס'איז טאַקע אַן עמעס דאָס, וואָס עס ווערט געזאָגט אין דער געבראַכטער ציטאַטע. זעמער האָט ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן איר ניו־יאָרקער קליִענט, און זי האָט טייקעף דערקלערט אַז, ערשטנס, איז אַ רעדאַקטאָר פֿון „דאַוואַר" מיט דער פֿאַמיליע שאַראָן ניט געווען און, צווייטנס, האָבן אַזעלכע געדאַנקען, וועלכע ס'ציטירט „סאָוועטיש היימלאַנד", ניט געקאָנט אַרויסגעזאָגט ווערן אין די מאַטעריאַלן פֿון דער דאָזיקער צײַטונג. נאָוויק איז געווען אַפֿן זיבעטן הימל! ער האָט זיך גלײַך צעפֿילדערט מיט אַן אַרטיקל אין דער „מאָרגן־פֿרײַהײַט", וואַרפֿנדיק שמוץ אַף „סאָוועטיש היימלאַנד" און אַף מיר.

מאַדאַם זעמער באַמערקט דערעכאַגעוו, אַז ס'איז, זעט איר, ניט קיין צופֿעליקײַט, וואָס דער אויטאָר פֿונעם אַרטיקל אין „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט ניט אָנגעוויזן דעם קוואַל, פֿונוואַנען ער האָט גענומען די ציטאַטע. וועל איך גערן פֿאַריכטן דעם דאָזיקן פֿאַרזען. די ציטאַטע האָט זיך צוערשט אָנגעטראָפֿן אינעם בוך פֿונעם אַמעריקאַנער אויטאָר אַלפֿרעד ליליִענטאַל „די צווייטע זײַט פֿון דער מעדאַל" (ניו־יאָרק, 1965). אַף דער ז. 47 פֿון אָט דעם בוך זײַנען געבראַכט די ווערטער, וועלכע איך ציטיר, און אַף דער ז. 361 ווערט געזאָגט, אַז אָט די ווערטער געהערן „דעם רעדאַקטאָר פֿון „דאַוואַר" שאַראָן".

דאָרט ווערט אויך געזאָגט, אַז די אַנטיסעמיטישע דערקלערונג פֿונעם ציוניסטישן טוער ווערט ציטירט לויטן נומער פֿון 11 יול 1952 פֿון דער ניו־יאָרקער ייִדישער פֿאַריזאַדישער אויסגאַבע „קעמפֿער", געמיינט „ייִדישע קעמפֿער". דאָס זעלבע קאָן מען איבערלייענען אין אַ צווייטן בוך פֿון אַ. ליליִענטאַל — „וויפֿל קאָסט ייִסראָעל", אַרויסגעגעבן אין 1953 אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

דער „ייִדישער קעמפֿער" איז, אַף וויפֿל אונדז איז באַוווּסט, אַן אָרגאַן פֿונעם פּאָאַלע־ציִען, וועלכער איז אַזוי נאָענט צום האַרצן און צום סייכל דעם הער נאָוויק. זאָל זשע נאָוויק אַרײַנקוקן אינעם נומער פֿונעם „ייִדישן קעמפֿער" פֿאַר דעם 11 יול 1952, וועט ער זיך איבערצײַגן, אַז ווען ער האָט זיך גענומען דעמאַסקירן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", איז ער ווידעראַמאָל (שוין צום וויפֿלטן מאָל!) אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ קאַליוזשע.

מע קאָן אויך אָפּמערקן, אַז וועגן דעם אַנטיסעמיטישן קרעדאָ פֿונעם ציוניסט אַ. שאַראָן האָט מיט צאָרן געשריבן די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטקע טאַמאַר גאָזשאַנסקע (זע „אַראַכים" פֿון יול 1975, נום. 3). אין דעם דאָזיקן אַרטיקל איז אָנגערופֿן אויך דער אורקוואַל — די צײַטונג „דאַוואַר" פֿון 24 אַפּרעל 1952. אַזוי, אַז מאַדאַם זעמער קאָן געפֿינען די דאָזיקע ציטאַטע אינעם אַרטיקל „אַ דערקלערונג, וועלכע איז שוין אַלט 3400 יאָר".

עס ווילט זיך מיר, אַגעוו, רעקאָמענדירן דעם הער נאָוויק, ער זאָל זיך באַקאַנען מיטן אַרטיקל פֿונעם געוועזענעם קנעסעט־דעפּוטאַט, אַן אָפּשטאַמיקן פֿון איראַק, שלאָם קאָען, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין פֿעוורואַל 1978 אינעם פּאַריזשער זשורנאַל „אַפֿריקאַנער פֿרויען". אין דעם דאָזיקן אַרטיקל קאָן נאָוויק איבערלייענען, אַז לויטן באַפֿעל פֿון דאָוויד בען־גוריאָן האָט דער ציוניסטישער עמיסאַר מאָרדעכײַ בען־פּאָראַט (אַ מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי „מאַפּאַי", איצט „מאַי"), ווילנדיק אינספּירירן דעם אַרויספֿאָר פֿון די ייִדן קיין ייִסראָעל, צעבלאָזן אין באַגדאַד אַנטיסעמיטישע שטימונגען. בען־פּאָראַטס יונגען, צוזאַמען מיטן ייִסראָעל־אָפּיצער יעהודע מאַדזשער, וועלכער האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַן איראַנער הענדלער מיט טעפּיכער, האָבן אָרגאַניזירט אַן אָפּרײַס אין דער באַגדאַדער סינאַגאָגע מאַסעוד טעמטאָי דעם 11 יאַנוואַר 1951, ווי אויך דרײַ אַנדערע פּראָוואָקאַציאָנעלע אָפּרײַסן, וועלכע האָבן דערפֿירט צו מענטשלעכע קאָרבאָנעס.

אָט אַזוי האַלט עס מיט די פֿאַקטן, הער נאָוויק. איר און אײַערע פֿרײַנט באַליידיקן זיך, ווען מע זאָגט אַף אײַך, אַז, טרײַבנדיק רעכילעס אַפֿן סאָוועטנפֿאַרבאַנד און אַף סאָוועטישע מענטשן, לאָזט איר אין גאַנג דעם סטיל און די מעטאָדן פֿון דער געלער פּרעסע. דאָס איז אָבער אָן שום גוזמע דער ריינער עמעס. קעדיי זיך ניט וואַלגערן אָן אויפֿהער אין די בולוואַר־קאַליוזשעס, וואָלט איר באַדאַרפֿט וויסן און ניט פֿאַרגעסן אַ ייִדיש גלײַכווערטל: „אַמאָל איז די גרעסטע כאָכמע ניט ריידן קיין נאַרישקײַטן"...

ל. יאַקאָוולעוו

די בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל בויט זיך שוין פינף יאָר



מיט פינף יאָר צוריק איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס וועגן דורכלייגן איבער די ראַכוועסן פון סיביר און פונעם ווײַטן מיזרעך א צווייטן שטאַלענעם וועג צום אָקעאַן.

קימאַט א דריטל פון דער טראַסע איז שוין הײַנט באַדעקט מיט רעלסן — 1400 קילאָמעטער. אף דער בײַגעלייגטער מאַפּע זײַנען אָפּגעמערקט די שוין גרייטע באַצירקן: אוסט־קוט — בײַקאַלער טונעל (292 קילאָמעטער);

טינדאַ—לאַרבאַ (130 קילאָמעטער);

טינדאַ—אונאַכאַ (150 קילאָמעטער);

באַם—טינדאַ—בערקאַקיט (406 קילאָמעטער);

אורגאַל—גערבי (145 קילאָמעטער);

אורגאַל—אַלאָנקאַ (52 קילאָמעטער);

בערעזאָווקאַ—באַדזשאַל (120 קילאָמעטער).

כוץ דעם האָבן די בויער פאַרביטן 140 קילאָמעטער פון דער רעלסן־נעץ אף דער ליניע דוקי—קאָמסאָמאָלסק־אפן־אַמור.

עס וועט זײַן ניט ריכטיק צו אונטערפירן דעם סאַכאַקל פון די פינף האָרעפּאַשנע „באַם"־יאָרן בלויז לויט דער צאָל קילאָמעטערס פונעם דורכגעלייגטן אײַזנבאַן־וועג. א ריזיקע אָנשטרענגונג פון קויכעס און צײַט האָט געפאָדערט צו שאַפן נײַע בוי־טרעסטן, טונעל־אָטריאַדן, אָפּטיילן פון בריק־בויער, די צוגרייטונג פון דער פּראָדוציר־טעכנישער באַזע. אין מעשעך פון די אַלע פינף יאָר האָבן די מעכאַניזירטע אָטריאַדן טאָג נאָך טאָג זיך אַרײַנגעגעשניטן אין דער טײַגע, איבערגעוואָרפן איבער די טײַכן בריקן, אָן אופהער עקספּערימענטירט, צופּאַסנדיק זיך צו די קאָמפּלי־

די בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל בויט זיך שוין פינף יאָר

צירטע קלימאַטישע און געאָלאָגישע באַרג־באַדינגונגען. די אייביק געפרוירענע גרונטן, אומגעריכטע זומערדיקע געוויסערן און ווילדע פרעסט — דאָס אַלץ האָט סיסטעמאַטיש אַרײַנגעטראָגן קאָרעקטיוון אין די אַרבעטס־פּראָיעקטן.

פאַר די פינף יאָר זײַנען אויסגעבויט א סאַך בריקן, ס׳זײַנען דורכגעהאַקט געוואָרן 3.700 מעטער טונעלן. און נאָך א זיג: דער „באַם" האָט אָנגעהויבן דעקן די הויצאָעס. אַף די פּאַרטיקע באַצירקן פון דער מאַגיסטראַל הערט זיך שוין די רעדער־קלאַפּערײַ פון עשעלאָנען מיט געהילץ, אַלץ אָפטער קאָן מען אַף דער ליניע בערקאַקיט—סטאַנציע „באַם" טרעפן צוגן מיט קוילן פון דאָרעם־יאַקוטיע.

די אַרבעט גייט איצט פריילעכער, ווײַל פאַר די פינף יאָר האָט „באַם" ניט בלויז געבויט זיך, נאָר אויך געשאַפן אַן אייגענע פּראָדוציר־באַזע, פאַרגרעסערט די מעכטיקײַט פון די טרעסטן, פון די בוי־ און מאָנטאַזש־צוגן, מעכאַניזירטע קאָלאָנעס.

ווען מע וואָלט אין 1974 פאָרגעלייגט דורכצופאָרן זיך פון טינדאַ צום טשאַרער טאָל אַף אויטאָמאָבילן — קימאַט 700 קילאָמעטער איבער באַרג־שפּאַלטן און פאַרפרוירענע טײַכן — ערנוואָרט, מע וואָלט געקײַכט פון געלעכטער. איצט איז אָט דער אויסערסט קאָמפּליצירטער וועג שוין באַהערשט. אַוודע איז ער נאָך ניט אַזוי גלאַט, ווי א בעטאָן־מאַגיסטראַל, אָבער די ערשטע קאַראַוואַנען מיט ברענשטאָף, בוי־מאַטעריאַלן, פּראָדוקטן, רעזערוו־טיילן זײַנען שוין דורכגעגאַנגען ביז טשאַרא...



בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

דער פובליציסט־קאָמוניסט פון ייִסראָעל שאָלעם בוים איז אלט געוואָרן 70 יאָר. אין דער רובריק „בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען" געפינט אָפט דער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד" כ׳ בוימס אייגנארטיקע, הויך טאלאנטירטע פאָליטישע קאָמענטארן. מיר דרוקן אויך איצט איבער פון דער צײַטונג „דער וועג" צוויי פון זיי, וועלכע זײַנען געווידמעט אקטועלע פראָבלעמען פון דער ייִסראָעלדיקערווירקלעכקייט.

די רעדאקציע און רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד" באגריסן הארציק דעם אָנגעזעענעם פובליציסט שאָלעם בוים מיט זײַן רומפולן יובֿיליי און ווינטשן אים פיל געזונט און נײַע דערפאָלגן אין זײַן קאמפּס־טעטיקײַט.

שאָלעם בוים

אקטועלע נאָטיצן

די עמעסע אבסאָרבציע

אז ס׳איז ניטאָ קיין מאזל, — זאָגט מען, — איז אן אווייִרע די יאָרן, און אז ס׳איז ניטאָ קיין סייכל, איז אן אווייִרע די ארבעט. כוץ סייכל, דארף מען נאָך האָבן געפילן, און בעיִקער — ניט פארזען די ווירקלעכקײַט, אין וועלכער מע לעבט אף דער וועלט.

אין דער פּאָליטישער טעטיקײַט איז אוואדע נייטיק צו זען, וויִאזוי די סאָציִאל־עקאָנאָמישע רעאליטעט אנטוויקלט זיך. ווען מיניסטאָרן פארלירן פונעם אויג די פערספּעקטיוו פון זייער פּאָליטישער ארבעט, די פאָלגן פון זייערע מײַסים, טויגן ניט זייערע רייד, די פּאָליטישע ספּעקטאקלען.

פיקטיווע פריילעכע סימכעס פון די רעגירנדיקע קרײַזן האָבן א קורצן ה‍ויער. זיי זײַנען ווי יענע שטרוי־פײַערן, וועלכע צינדן זיך גיך אָן און לעשן זיך באלד אויס. דאָס ליכט פון אזעלכע בענגאלישע פײַערן איז געל און גרין. פינצטער איז דאָרטן, ווו מיניסטאָרן מאכן זיך ניט וויסנדיק וועגן די ליידן און נויטן פונעם פאָלק.

אינעם סאָציִאל־פּאָליטישן מידבאָר, אין וועלכן עס לעבט דאָס פאָלק אין ייִסראָעל אונטערן שטעקן פון בעגינס הערשאפט, הערט זיך דאָס ווילדע געשריי: „שלח את עמי" (שיק מײַן פאָלק).

די מײַסע פון אָט דעם „שלח" האָט אָבער סײַ א טראגישע באדײַטונג, סײַ אנטוישונג־פאָלגן. טראגיש איז זי פאר די ייִדן, וועלכע פארלאָזן זייער סאָוועטישע היים, און אנטוישונג — פאר די ייִסראָעלדיקע הערשנדיקע קרײַזן, וועלכע ווארטן, עס זאָל זיי ארײַנפאלן די „ביליקע סכוירע" (ביליקע ארבעטס־הענט און הארמאטן־פלייש), און קומען קומט מען ניט. ניטאָ, מיט וועמען צו גיין אין דער קאלטער מילכאָמע קעגן ראטנפארבאנד, ניטאָ, מיט וועמען צו מאכן פאראדן, צו הייבן די רעוואָכים פון די אמעריקאנער אינוועסטיטאָרן און פון אייגענע באנקירן און פאבריקאנטן, און די יערידע וואקסט פון טאָג צו טאָג.

די נײַגעקומענע קאָרמעט מען מיט שיינע ווערטער און מיט צוזאָגן. מע נעמט זיי אוף מיט גרויס פּאראד און מע טראָגט זיי אנטקעגן די גליקן פון בעגינס גאניידן. מע זאָגט זיי, אז דאָ וועלן זיי זיך באָדן אין הייליקע „ייִדישקײַטן": ראבאָנים וועלן זיי נאָכגיין פוסטריט און געבן זיי קאָשערע שאבאָסים, בייס וועלכע די גאסן וועלן זײַן ארומגעצוימט מיט קייטן, אז קיינער זאָל, כאָלילע, ניט פאָרן איבער זיי. די זעלבע ראבאָנים וועלן צוטיילן די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן זייער כיילעק אוילעם־האבע. און זיי, די נײַגעקומענע, זאָגן גאָר, אז זיי ווילן דאפקע א בולקע מיט פּוטער. ווען אונדזער פינאנץ־מיניסטער

סימכע ערליך הערט אזעלכע טרייפע רייד, ווערט ער מאַלע רעציכע. ווי געפעלט אײַך א כוצפע פון ייִדן! צו מאָנען א בולקע מיט פוטער! איך, — זאָגט ער, — קאָן זיי געבן פינאנציִעלע אינפליאציע, וואקסנדיקע פרײַזן, וואָס מער שטײַערן, קעדיי די כאָשעווע און זײַדענע ייִדן, די באנקירן און פאבריקאנטן, זאָלן, כאָלילע, ניט דארפן אויסשטרעקן א האנט... מיט די ייִדן פונעם ראטנפארבאנד, וועלכע הערן אונדז ווי דעם פאראיאָריקן שניי, — פאָרנדיק, בלײַבן זיי שטעקן אין ווין אָדער אין רוים, — וועלן מיר היידן, ווען זיי וועלן ארײַנפאלן אין אונדזערע הענט. מע דארף זיי לערנען א ביסל דערעכערעץ פאר אזעלכע הייליקע הערשער, ווי מיר, וואָס לייגן אײַן וועלטן, קעדיי זיי צו... ראטעווען.

גיי ראטעווע, אז קיינער הערט דיך ניט! וויל מען ראטעווען די ייִדן פון אמעריקע פון אסימיליאציע — וואקסן דאָרט די געמישטע כאסענעס; וויל מען ראטעווען די ייִדן פון ראטנפארבאנד פון „פאָגראָמען", „מאסן־שכיטעס" און פון „אנטיסעמיטיזם" — רירט זיך ניט די פולסטע מערהײַט פון אָרט.

זייער אָפזאָג צו קומען איז א באווײַז, אז וואָס שײַעך ראטעווען, איז פאקטיש נייטיק צו ראטעווען די פאָלקסמאסן אין ייִסראָעל, ראטעווען די מעדינע פון געפארן, וועלכע שטאמען פון דער הערשנדיקער פאָליטיק, אָפּווענדן די מאטעריעלע און גײַסטיקע נויטן, די אָרעמקײַט פונעם פאָלק, די מילכאָמע־געפארן.

דוכט זיך, אז אָט די ווירקלעכקײַט איז „קלאָר, ווי דער טאָג" און פינצטער, ווי די נאכט, — א פינצטערניש, וואָס זויגט אײַן, ווי א שוואָם, מענטשלעכע טרערן, שווייס און בלוט, האָפענונגען און כאלוימעס. נאָר די אבסאָרבציע־מיניסטאָרן האנדלען אין דער זעלבער צײַט מיט כאלוימעס, בויען פלענער אף פאפיר.

כאלוימעס, ווייסט מען, צערינען זיך, פארשווינדן, ווען עס פאלט אף זיי א זון־שטראל. זאָגן די ייִסראָעל־הערשער, אז שולדיק זײַנען די זון־שטראלן, די טאָג־ליכטיקײַט, און ניט זייער פינצטערע פאָליטיק.

מע דארף, — זאָגן זיי, — אויסלעשן די ליכט, ווײַל אָט דער „שלח את עמי" האָט ניט קיין שליטע אף מענטשן, וועלכע האָבן ליב צו קוקן אָפן, וויִאזוי די זון שײַנט. זיצן די „פארזאָרגער" טאָג און נאכט אף די אסיפעס זייערע, דרייען דעם פאָסעק פון אבסאָרבציע אהין און אהער, בײַטן מיניסטאָרן, ווארפן ארוף די שולד איינער אפן אנדערן, אף די ייִדן פון ראטנפארבאנד, וועלכע מײַדן אויס די גאָל־גרינע סעמאָפאָרן, — דער וועג פון אבסאָרבציע איז בלאָקירט.

ווען די רעדער דרייען זיך ניט, דאַן זאָגט דער באלעגאָלע, אז די פערד זײַנען שולדיק, און ער נעמט זיך פאר דער בײַטש. די ווירטשאפט ליגט נײַן איילן אין דער ערד. די לירע האָט א פאָנעם, ווי די לעוואָנע אין סאָף כוידעש. יעדער מיניסטער איז א קיניג אף זײַן בענקל. שאראָן טרײַבט ייִדן אף „ערד", ערליך ניאנטשעט דעם „שווער פארהאָרעוועטן" שווארצן קאפיטאל, און דערווײַל ווערן אזעלכע פראָדוקטן, ווי מילך, ברויט און אייער א לוקסוס־ארטיקל. וואָס שײַעך פאָליטיק, טאָר זיך קיינער צו בעגינס „שאָלעם"־ און „אווטאָנאָמיע"־פלאַן ניט צורירן. אין רעזולטאט האָט מען ניט וועמען צו אבסאָרבירן, סײַדן אייניקע ייִדן פון דער מעדינע גופע, לעמאָשל, דאָס הײַפל קאָלאָניסטן פון גוש עמונים, וועלכע מע טוט אין איין קאָלאָניע ארײַנפירן און פון דער אנדערער אף א צײַט ארויספירן...

— איך אליין, — זאָגט בעגין, — וועל איבערנעמען די ארבעט פון אבסאָרבציע. איך וועל ארויס מיט א דראָשע צו ייִדן אין דער וועלט און זיי זאָגן, אז איצט, בייס סאדאט שטייט אפן בארג סינײַ און קארטער האָט אנטדעקט, אז די גרענעצן פונעם אמעריקאנער אימפּעריִאליזם גייען דורך אין נעגעוו, טאָר בעשום־אויפן זיך ניט אָפשטעלן מײַן פאבריק פון „אבסאָרבציע". מאַלע וואָס איין ייִד וועט ארײַן און צוויי וועלן ארויס. עס טאָרן אָבער ניט בלײַבן אָן ארבעט די מיניסטאָרן, דירעקטאָרן, פאָקידים, און איך אליין אויך. ס'איז מיר איצט געבליבן צו ווארטן, אז קארטער זאָל מיר ארײַנשיקן זײַנע מיליטערישע ספּעציִאליסטן — די „באָיטשיקעס", און דאָס וועט זײַן די עמעסע אבסאָרבציע, א גינסטיקע פאר מײַנע „שאָלעמדיקע" מילכאָמע־פלענער. אדאנק די „באָיטשיקעס" וועל איך אבסאָרבירן געלט, געווער, פולע אנערקענונג פון מײַנע אימפּעריִאליסטישע פרײַנט, און איך וועל קאָנען זאָגן דאָס, וואָס נאפּאָלעאָן דער דריטער האָט געזאָגט אין צײַט פון דער מילכאָמע אין יאָר 1870: „די מאפּאָלע וועט זײַן אונדזער זיג".

מיר גלייבן, אז די רעאלע פאָליטישע קויכעס־פארהעלטענישן אין דער וועלט, דער קאמף פון די פעלקער פאר שאָלעם און פראָגרעס וועלן אבסאָרבירן פאר דעם ארכיוו בעגינס פאָליטישע פלענער, זײַן הערשאפט, און אים אליין באזעצן דאָרט, ווו עס זיצן פיל געוועזענע הערשער.

בעגינס אווטאָנאָמיע־פלאַן

אפן סיידער האיאָם פון דער הערשנדיקער פאָליטיק אין ייִסראָעל שטייט הײַנט־צו־טאָג די הארבע פראָבלעם — אווטאָנאָמיע. דאָס איז א ביטערע פיל פארן פרעמיער־מיניסטער מ. בעגין, וועלכער מוז זי אראָפשלינגען, קעדיי דער אזויגערופענער שאָלעם זײַנער זאָל, כאָלילע, ניט פלאצן, ווי א באלאָן, אין דער שטורעמדיקער, פאָליטישער אטמאָספער פונעם מיטעלן מיזרעך. ווײַזט זיך אָבער ארויס, אז זײַן אווטאָנאָמיע־פלאַן האָט אזא פאָנעם, ווי דער שאָלעם זײַנער.

דאָס וואָרט „אווטאָנאָמיע" איז א צוזאמענשטעל פון צוויי ווערטער, און אין טאָך אנטהאלט עס צוויי באגריפן: אומאָפּהענגיקײַט און זעלבסטבאשטימונג. מיט אָט די צוויי באגריפן קאָן מ. בעגין ניט לעבן בעשאָלעם.

— וואָס שײַעך „זעלבסטבאשטימונג", — זאָגט בעגין, — באשטים איך, און אינעם וואָרט „אומאָפּהענגיקײַט" געפעלט מיר ניט דער „אום".

ראנגלט זיך דער פּרעמיער־מיניסטער מיט דעם ס׳אמישן לעקסישן צווילינג: ער וויל אָפּרײַסן אײנס פונעם אנדערן, אָבער עס גייט ניט.

אין פאַל פון א ס׳אמישער אָרגאנישער פארבינדונג, זאָגן דאָקטוירים, קאָן מען ניט שנײַדן. אינעם איניען פון שאָלעם און אווטאָנאָמיע פאר די פעלקער קאָן מען ניט גיין מיטן מעסער. א פולקומער גערעכטער שאָלעם מוז גיין האנט־בא־האנט מיט א פולקומער זעלבשטענדיקײַט.

א דעצידירנדיקע ראָליע אינעם פּראָצעס פון אווטאָנאָמיע פאר א פאָלק האָט די שטרעבונג צו דעראָבערן, אין אײַנקלאנג מיט זײַנע לעבנס־אינטערעסן, די נייטיקע אומאָפּהענגיקײַט אף אלע געביטן פון עקאָנאָמישער און נאציאָנאלער עקזיסטענץ. די רעגירער פון ייִסראָעל זײַנען אָבער בעטעווע געשטימט פײַנטלעך צו די לעבנס־פּראָבלעמען פון די פעלקער אין דער וועלט און אין נאָענטן מיזרעך.

— איך,—זאָגט בעגין, — וואָלט אָט די צוויי טרייפע ווערטער ארויסגעוואָרפן פונעם ווערטערבוך. וואָס שײַעך אווטאָנאָמיע פאר די אײַנוווינער פון יעהודע און שאָמראָן, וועל איך האנדלען ווי יענער דאָקטער, וועלכער האָט צו זײַנעם א פּאצ׳יענט געזאָגט, אז קעדיי אים ראטעווען דאָס לעבן, מוז ער קוידעמקאָל מאכן אן אווטאָפּסיִע (אונטערזוכונג נאָכן טויט)...

— די אײַנוווינער פון יעהודע און שאָמראָן וועל איך מאכן, — זאָגט בעגין, — א פּאָליטישע אווטאָפּסיִע, און דאן וועלן זיי זײַן פרײַ צו לעבן אונטער מײַן הערשאפט.

לויט ווי עס זעט אויס פאקטיש די פּראָבלעם פון אווטאָנאָמיע, האנדלט זיך דאָ וועגן צוויי זאכן: מענטשן און ערד. דער אייבערשטער, זאָגן די לעגענדעס, האָט קוידעמקאָל געשאפן די ערד און דערנאָך דעם מענטשן. בעגין טײַנעט, אז ווען ער זאָל זײַן דער באשאפער, וואָלט ער זיך באנוגנט בלויז מיט ערד. מענטשן, פעלקער זײַנען פאר אים אן איבעריקע זאך.

— פאר ערד (באָדן) — זאָגט בעגין,— בין איך גרייט אומצוברענגען א וועלט מיט מענטשן, ביפראט אזעלכע, וועלכע ווילן ניט לעבן אונטער מײַן הערשאפט. מע אייצעט מיר, איך זאָל זיי געבן אווטאָנאָמיע, אָבער ווי׳אזוי קאָן איך זיי עס געבן, אז איך אליין בין ניט אווטאָנאָם? איך לעב און הערש אונטער דער אפּעטראָפּסעס פונעם אמעריקאנער באָס.

וועגן די אײַנוווינער פון יעהודע און שאָמראָן דריקט זיך בעגין אויס אזוי: „זיי וועלן הערשן איבער זיך, און איך וועל ווײַטער הערשן איבער זיי"...

צו זיי זאָג טער:

— אין ראַם פון מײַן אָרדענונג און מיט דער הילף פון מײַנע מיליטערישע און פּאָליציייִשע קויכעס וועט איר קאָנען לעבן רויִק און זיך פרײַ באוועגן, ווי אוייפעס אין א שטײַג. העגער וועלן קרייען, הינער וועלן לייגן אייער און שאָכטים וועלן שעכטן.

מיט אזעלכע רייד און פּלענער, און מיט אזעלכע מײַסים־טויווים וויל דער פּרעמיער־מיניסטער בעגין כאפּן צוויי האָזן מיט איין שאָס: ראטעווען דעם „שאָלעם" זײַנעם און פאַרזעצן צו רעגירן מיט א פאָלק, וואָס קעמפט פאר זײַנע רעכט אף זעלבסטבאַשטימונג און פולקומער אומאָפּהענגיקײַט.

ווען א פאָלק קעמפט אָבער פאר פרײַהײַט, העלפן ניט די קאוואָנעס פון די הערשער. בעגין וועט בלײַבן מיט זײַן אווטאָנאָמיע־פּלאן, און די אײַנוווינער פון די אָקופּירטע שעטאָכים וועלן אין גאנג פון דער צײַט אויסקעמפן זייער פרײַהײַט, זייער עמעסע אומאָפּהענגיקײַט, אָן בעגינס אווטאָנאָמיע־פּלאן און קעגן אים.

קינסטלער הערש אינגער (מאָסקווע)

פאָרטרעט פון א פרוי

אילוסטראציעס
צו שאָלעם־אלייכעמס ווערק

דער זייגער

פאַן טולטשינסקי

אפן פידל

צארבאלעכאים

פּאָרטרעט פון א מיידל

מיר ענטפֿערן אויף פֿראַגעס פֿון אונדזערע לייענער

אלעקסאנדער בארקאָווסקי

אונדזער לייענער פֿון דאוגאווּפּילס (לעטלאַנד) נ. קאַפּמאַן בעט דערציילן וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך עספּעראַנטאָ און איר שעפֿער דאָקטאָר לודוויג זאַמענהאָף (1859—1917). נ. קאַפּמאַן דערמאָנט, אַגבֿ, אַז זאַמענהאָף איז געווען אויך דער אָווטאָר פֿון דער ערשטער ייִדישער גראַמאַטיק, וואָס איז דערשינען אינעם פֿאַררעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד. ער טראָגט אַרײַן אַ פֿאָרשלאָג, אַז די רעזומע, וואָס ווערט געגעבן צו יעדן נומער „סאָוועטיש הײמלאַנד“, זאָל געדרוקט ווערן אויך אין דער עספּעראַנטאָ־שפּראַך.

א. בארקאָווסקי, וועלכער ענטפֿערט דעם כ׳ קאַפּמאַן, איז אַ מאָסקווער זשורנאַליסט, אַן אָנטײלנעמער פֿונעם 63־טן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פֿון עספּעראַנטיסטן.

א שפּראַך פֿון האָפֿענונג

דאָס וואָרט „עספּעראַנטאָ“ באַטײַט — האָפֿן. נאָך אין טיפֿן אוראַלטער, אין די פֿאָרביבלישע צײַטן, האָט געלעבט דער טרוים וועגן שאַפֿן אַן אַלמענטשלעכע שפּראַך, ד. ה. אַ שפּראַך, מיט וועלכער אַלע מענטשן זאָלן זיך קאָנען באַנוצן. די ביבל דערציילט וועגן דעם אַזוי: ביז דעם באָוול־טורעם (מגדל בבל) האָבן אַלע מענטשן אויף דער וועלט גערעדט אויף איין שפּראַך. זיי האָבן פֿאַרטראַכט אויסבויען אַ דענקמאָל אין דער פֿאָרם פֿון אַ טורעם, וואָס זאָל דערגרייכן ביזן הימל, און דעם דאָזיקן טורעם פֿאַרוואַנדלען אין אַ פֿאַרײניקונגס־צענטער פֿאַר די מענטשן. נאָר „ווען גאָט האָט זיך פֿון דעם דערוווּסט, — דערציילט די ביבל, — האָט ער זיך דערשראָקן, אַז די מענטשן וועלן דערגרייכן דעם הימל און זיך נעמען אַרײַנמישן אין זײַנע איניאָנים, האָט ער צעמישט זייער שפּראַך, געמאַכט פֿון איר אַ סאַך לעשוינעס, אַזוי אַז איין מענטש זאָל ניט קאָנען פֿאַרשטיין דעם אַנדערן“.

דאָס איז, ווי געזאָגט, אַ לעגענדע. די וויסנשאַפֿט דערווײַזט אָבער, אַז קיין אײנהייטלעכע וועלט־שפּראַך איז קיינמאָל ניט געווען. אָבער די נייטיקייט אין אַזאַ שפּראַך האָט זיך שטענדיק געפֿילט. די קאָלאָניזאַטאָרן — אָנהייבנדיק פֿון די רוימער און ביז די בריטן — האָבן אויסגענוצט אַלע מעגלעכקייטן, קעדיי אָנבינדן זייער שפּראַך די אָרטיקע פֿעלקער. עס איז אָבער באַוווּסט, אַז צווינגען מענטשן אָננעמען אַ לאָשן מיט געוואַלט, איז אוממעגלעך.

אין סוף XIX יאָרהונדערט האָט דער פּוילישער אויגן־דאָקטער לודוויג זאַמענהאָף פֿאָרגעלייגט אַ נײַע אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך, וועלכע וועט ניט פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון וועלכער־ניט־איז אַנדערער, זי וועט זײַן ניט קיין נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר אַ קינסטלעכע. צונויפֿגעזאַמלט אַלע וואָרצלען פֿון לאַטײַן, פֿאַרײניקט די ווערטער מיט אַ לאָגישער גראַמאַטיק, וועלכע ווייסט ניט פֿון קיין אויסנאַמען, האָט זאַמענהאָף אין דער נײַער שפּראַך אָנגעשריבן זײַנע ערשטע לידער. דאָס ווערק וועגן אָט דער שפּראַך האָט ער אונטערגעשריבן „ד״ר עספּעראַנטאָ“. ווי מיר ווייסן, האָבן זײַנע האָפֿענונגען זיך פֿולשטענדיק באַרעכטיקט. שוין אין 1905 האָט אין פֿראַנקרײַך, אין דער שטאָט בולאָן־סיר־מער, זיך פֿאַרזאַמלט דער ערשטער קאָנגרעס פֿון מענטשן, וועלכע ריידן אויף עספּעראַנטאָ. אויף דער דאָזיקער שפּראַך זײַנען דערשינען ניט בלויז איבערזעצונגען, נאָר אויך אָריגינעלע ווערק. הייסע אָנהענגער פֿון עספּעראַנטאָ זײַנען געווען לעוו טאָלסטאָי, ראָמען ראָלאַן, אַנרי באַרביוס, מאַקסים גאָרקי. עס האָט זיך געהאַנדלט ניט בלויז וועגן דעם פּאַשטעס, אַלגעמיינער צוטריטלעכקייט פֿון אָט דער שפּראַך, נאָר דעריקער וועגן איר אינטערנאַציאָנאַלן גייסט.

זײַן עכטער אינטערנאַציאָנאַליסט, האָט לייזער זאַמענהאָף געשאַפֿן זײַן שפּראַך פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט. „מע קאָן ניט, — האָט ער געשריבן, —

פאַרבינדן זיך מיט די צילן און אידעאַלן פון איין פאָלק, פון איין רעליגיע. איך בין טיף איבערצײַגט, אַז יעטווידער מין נאַציאָנאַליזם איז אַן אומגליק פאַר דער גאַנצער מענטשהײַט, ווײַל דער אַלגעמיינער ציל איז שאַפן אַן איינהײַטלעכע, האַרמאָנישע מענטשן־סוויווע"... אָט די אייגנשאַפט פון עספּעראַנטאָ, איר אַלמענטשלעכקײַט האָט אַרויסגערופן צו זיך האַס און צאָרן בײַ די רעאַקציאָנערן פון אַלע שאַטירונגען. ניט ווייסנדיק פון קיין שפּראַך־באַריערן, וואָלטן דאָך די אַרבעטער געקאָנט לײַכטער פאַרווירקלעכן אין לעבן דעם לאָזונג „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!". דערפאַר טאַקע האָט דער שוואַרץ־מייעדיקער אימפּעראַטאָר פון רוסלאַנד ניקאָלײַ II פאַרבאָטן די רוסלענדישע עספּעראַנטאָ־ליגע, און דער פעלקער־מערדער היטלער האָט פאַרפּײַניקט אין די טפיסעס צענדליקער טויזנטער עספּעראַנטיסטן, ייִדן און ניט־ייִדן. אין „מײַן קאַמף" האָט היטלער געשריבן: „קאָלזמאַן דער ייִד איז ניט געוואָרן קיין באַלעבאָס איבער אַנדערע פעלקער, מוז ער, ניט ווילנדיק, ריידן אויף זייערע שפּראַכן. אָבער ווי נאָר אַלע מענטשן וועלן ווערן זײַנע שקלאַפן, וועט ער זיי צווינגען, זיי זאָלן דערלערנען איין שפּראַך, עספּעראַנטאָ, כּדי דעם ייִדנטום זאָל זײַן לײַכטער צו הערשן איבער דער וועלט".

גאָר אַנדערש האָט זיך באַצויגן צו עספּעראַנטאָ די יונגע סאָוועטן־רעפּובליק. דאָ האָט די עספּעראַנטאָ־באַוועגונג צום ערשטן מאָל באַקומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. אין 1926 איז אין לענינגראַד פאָרגעקומען אַ וועלט־צוזאַמענפאָר פון אַרבעטער־עספּעראַנטיסטן. ער האָט זיך געעפנט אין טאַווּרישן פּאַלאַץ. מיט אַן אַרײַנפיר־וואָרט איז אַרויסגעטראָטן דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר בילדונג א. וו. לונאַטשאַרסקי. אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט מען עספּעראַנטאָ־שפּראַך צום ערשטן מאָל דערהערט דורך ראַדיאָ, לעקאָוועד איר זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן פּאָסט־מאַרקעס.

נאָך דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה האָט די עספּעראַנטאָ־שפּראַך אָפּגעהילכט אויפן מאָסקווער פעסטיוואַל פון יוגנט און סטודענטן. פון דעמלט אָן אַנטוויקלט זיך אָט די אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונג אַלץ ברייטער און ברייטער. אין 1959 האָבן די סאָוועטישע ליבהאָבער פון עספּעראַנטאָ, צוזאַמען מיט מיליאָנען אויסלענדישע פרײַנט, אָפּגעמערקט, לויטן רוף פון „יונעסקאָ", דעם 100־טן געבורטסטאָג פון לודוויג זאַמענהאָף. אין אַן איבערזעצונג אויף אָט דער שפּראַך זײַנען דערשינען די ווערק פון גאָרקי, מאַיאַקאָווסקי, שאָלאָכאָוו, גײַדאַר, לעסיא אוקראַיִנקא, רײַניס, יעסענין און פון אַ סך אַנדערע שרײַבער. אַגעוו, מיט אַ צײַט צוריק איז אין אַ באַזונדער בײַלאַגע אַרויס אויף עספּעראַנטאָ אַן אַרטיקל פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". עס זײַנען שטאַרקער געוואָרן אונדזערע פאַרבינדונגען מיט די אויסלענדישע עספּעראַנטיסטן. פאַר די לעצטע יאָרן האָבן סאָוועטישע דעלעגאַטן אָנטיילגענומען אין די קאָנגרעסן פון דער אוניווערסאַלער עספּעראַנטאָ־אַסאָציאַציע, וועלכע פאַראייניקט צענדליקער טויזנטער מיטגלידער קימאַט אין אַלע לענדער. אין פעברואַר 1978 האָבן דורך דער מאָסקווער ראַדיאָ זיך אָנגעהויבן פּרווו־טראַנסלירונגען אויף עספּעראַנטאָ (אַזעלכע טראַנסלירונגען פירן זיך שוין אין צוויי צענדליק לענדער). אין דעם זעלבן יאָר זײַנען אַלס בײַלאַגע צו דער צײַטונג „מאָסקאָווסקיִע נאָוואָסטי" אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף עספּעראַנטאָ ל. אי. ברעזשנעווס רעדעס און די קאָנסטיטוציע פון פסס״ר.

עספּעראַנטאָ איז אַ שפּראַך פון פרידן און פרײַנטשאַפט, דעריבער איז זי באַזונדערס שטאַרק פאַרשפרייט צווישן די קעמפער פאַר שלום. אין 1953 איז געשאַפן געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע „די עספּעראַנטיסטן פאַר שלום". שוין באַלד פינף און צוואַנציק יאָר, ווי בעראָש פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע שטייט דער בולגאַרישער קאָמוניסט ניקאָלאַ אַלעקסיעוו, איינער פון די אַנפירער זײַנען מיטגלידער פונעם וועלט־ראַט פאַר שלום. די סאָוועטישע סעקציע פון „עספּעראַנטיסטן פאַר שלום" איז איינע פון די אַקטיווסטע.

דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון סאָוועטישע עספּעראַנטיסטן איז פאָרגעקומען אין מאַרט 1978. אין פיל גרויסע שטעט פון אונדזער לאַנד זײַנען פאַראַן קלובן און קרײַזלעך פאַר ליבהאָבער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך. די מיטגלידער פון די קלובן אָרדענען אײַן באַגעגענישן מיט זייערע אויסלענדישע קאָלעגן, באַקאַנען זיי מיטן לעבן פונעם סאָוועטישן פאָלק פּערזענלעך און דורך בריוו, פאָרן אַליין אָפט אַרויס קיין אויסלאַנד.

די סאָוועטישע געלערנטע פירן אַן אינטערעסאַנטע לינגוויסטישע אַרבעט, וועלכע איז פאַרבונדן מיט דער עספּעראַנטאָ־באַוועגונג. אונטער דער רעדאַקציע פונעם פּראָפעסאָר מ. איסײַעוו דערשײַנט אַ קאָלעקטיוו ווערק „די פּראָבלעמען פון אינטערלינגוויסטיק". אין דעם ווערק ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז עספּעראַנטאָ איז אַ רײַפע, לעבעדיקע אינטערנאַציאָנאַלע הילפס־שפּראַך, וועלכע מע נוצט ברייט אין דער ליטעראַטור און אין לעבן.

אָפט קאָן מען הערן אַזאַ פראַגע: „און וויפל עספּעראַנטיסטן זײַנען בכלל פאַראַן אויף דער וועלט?" דערמיט מיינט מען, אַפּאָנעם, צו זאָגן, אַז אויב די צאָל עספּעראַנטיסטן איז נאָך אַ קליינע, קאָן מען אָט די שפּראַך ניט רעכענען פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלער. אַזאַ צוגאַנג איז ניט קיין ריכטיקער. אויף כינעזיש, לעמאָשל, ריידן בערעך אַ מיליאַרד מענטשן, דאָך איז כינעזיש ניט קיין אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך. אַ ראָליע פון אַ וועלט־שפּראַך שפּילט אין אַ געוויסער מאָס ענגליש. אָבער גאָר ניט לאַנג צוריק האָט אויף דער וועלט־אַרענע געהערשט די דײַטשישע שפּראַך, נאָך פריִער — די פראַנצויזישע, אין מיטלאַלטער — לאַטײַן. קיין איינע פון די דאָזיקע שפּראַכן איז ניט געוואָרן קיין אינטערנאַציאָנאַלע. די געשיכטע האָט באַשטעטיקט וו. אי. לענינס טעזיס: „קיין פּריווילעגיע ניט פאַר קיין איין נאַציע, פאַר קיין איין שפּראַך!"[1]

וואָס אָנבאַלאַנגט דער פראַגע, וויפל עספּעראַנטיסטן עס זײַנען פאַראַן אין דער וועלט, קאָן אויף איר קיינער ניט געבן אַ פּינקטלעכן ענטפער. עספּעראַנטיסטן־אַסאָציאַציעס זײַנען פאַראַן קימאַט אין אַלע לענדער פון דער וועלט — פון יאַפּאָניע ביז איסלאַנד, ניט אויסגעשלאָסן אַפריקע, אַווסטראַליע, אָקעאַניע. אין זיי זײַנען אָבער פאַראייניקט בלויז די אָרגאַניזירטע ליבהאָבער פון דער שפּראַך. אין 1966, ווען אין

---

[1] וו. אי. לענין. פולע זאַמלונג פון די ווערק, ב. 23, ז. 150.

דער אָרגאַניזאַציע פון די פֿאַראייניקטע נאַציעס איז אָנגעקומען אַ פּעטיציע וועגן אײַנפֿירן די עספּעראַנטאָ־שפּראַך אַלס לימעד אין די שולן, זײַנען אונטער איר געשטאַנען 72 מיליאָן אונטערשריפֿטן.

עספּעראַנטאָ איז אַ שפּראַך פֿון דער צוקונפֿט, אַ שפּראַך פֿון האָפֿענונג. דער פֿאָטער פֿונעם קאָסמאָ־נאַווט הערמאַן טיטאָוו — ס. פּ. טיטאָוו האָט געזאָגט אויף אַ פֿאָרום פֿון עספּעראַנטיסטן אין האַאַג: „איך גלייב ניט, אַז מיר וועלן דאַרפֿן מיטנעמען אין קאָסמאָס צי אויף אַנדערע פּלאַנעטעס אויך איבערזעצער״.

די מענטשהײַט בײַטיקט זיך אין אַן אײנהײַטלעכער שפּראַך, וועלכע זאָל אויף קיין האָר ניט באַגרענעצן די שפּראַכן פֿון די עקזיסטירנדיקע נאַציאָנאַליטעטן; אַ שפּראַך, וואָס, ריידנדיק אויף איר, וועלן מיר, די מענטשן פֿון אונדזער פּלאַנעטע, פֿאַרשטיין איינער דעם אַנדערן. דערפֿאַר טאַקע זעען מיר, ווי די מענטשהײַט באַהערשט אַלץ מער די עספּעראַנטאָ־שפּראַך. די שאַפֿונג פֿון ל. זאַמענהאָף, ווען מ. גאָרקי האָט פֿאַרגליכן מיטן לעגענדאַרן העלד פֿון דער גריכישער מיטאָלאָגיע פּראָמעטיי, וועלכער האָט אָפּגענומען בײַ די געטער דאָס פֿײַער און געבראַכט עס די מענטשן.

נײַס פֿון אויסלאַנד

40־טער יובל פֿונעם זשורנאַל „וועסטניק״

די כּוידעשלעכע צײַטשריפֿט פֿונעם פֿאַרבאַנד פֿון די ייִדישע געמיינדעס אין טשעכאָסלאָוואַקיע דער „וועסטניק״ מערקט אָפּ 40 יאָר פֿון זײַן טעטיקײַט. דער „וועסטניק״ האָט אָנגעהויבן דערשײַנען אין 1933. בײַס דער נאַציסטישער אָקופּאַציע איז ער געווען געצוווּנגען צײַטווײַליק אָפּצושטעלן זײַן טעטיקײַט.

געשטאָרבן אַ באַוווּסטער ייִדיש־סערבישער שרײַבער

אין בעלגראַד איז געשטאָרבן דער באַוווּסטער שרײַבער און פּובליציסט יוזעף ברונער, וועלכער איז באַזונדערס באַקאַנט מיט זײַן דערציילונג „די קאַלטע קרעמאַטאָריע״, געווידמעט דעם לאַגער אָשווענטשים.

קאָנצערט פֿון ספֿאַרדישער מוזיק

אין שטראַסבורג (פֿראַנקרײַך) איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנצערט פֿון ספֿאַרדישער מוזיק, אויף וועלכן די זינגערן סאָפֿי נאָעל האָט אויסגעפֿילט לידער פֿון 15־טן יאָרהונדערט (מוזיקאַלע באַאַרבעטונג פֿון פּעדראָ עליאַס).

וואָס

דערוויסן מיר זיך

פון נײַע פּובליקאַציעס

דאָס געשטאַלט פונעם פּאַלעסטינישן אַראַבער פאָלק

דער באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס פאַרן 14 אָקטיאַבער 1974 צו פאַרבעטן אַ פאָרשטייער פון דער „אָרגאַניזאַציע צו באַפרײַען פּאַלעסטינע" אַלס סטאַבילן באַאָבאַכטער און די ערשטע רעדע פון יאַסיר אַראַפאַט האָבן פאַרגרעסערט די פאַרינטערעסירטקייט אין דער וועלט מיט דעם אַראַביש־פּאַלעסטינישן פאָלק. פאַר דעם אויבנדערמאָנטן באַשלוס האָבן געשטימט 105 לענדער, קעגן — 4 (ייִסראָעל, די פאַרייניקטע שטאַטן, באָליוויע און די דאָמיניקאַנער רעפּובליק), 20 לענדער האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען. דער אָנגענומענער באַשלוס האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין דער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, און דער איניען באַקומט שוין אַן אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור. אַ באַלערנדיקע ווערק אַף דער דאָזיקער טעמע איז דאָס בוך פונעם אַמעריקאַנער פאָרשער פראַנק עפּ — „די פּאַלעסטינער — דאָס געשטאַלט פון אַ פאָלק אין קאַמף", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן גלײַכצײַטיק אין קאַנאַדע און אין די פאַרייניקטע שטאַטן אין 1976.

ד״ר פראַנק עפּ, אין דער פאַרגאַנגענהײַט אַ זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר, איז אין די לעצטע יאָרן דער פּרעזידענט פונעם קאָנראַד גרעבעל־קאָלעדזש אין וואַטערלאָאָ־אוניווערסיטעט אין אָנטאַריאָ (קאַנאַדע). אַחוץ זײַן פריערדיקן בוך וועגן די פּראָבלעמען פון מיטעלן מיזרעך, „וועמענס לאַנד איז ערעץ־ייִסראָעל (פּאַלעסטינע)? דער סיכסעך אין מיטעלן מיזרעך אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו", וואָס איז אַרויס אין מיטשיגאַן (פּשא) און אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע) אין 1970, איז ער אויך דער מעכאַבער פון אַ צאָל ביכער וועגן דער מענאָניטן־מינדערהײַט (רעליגיעז־רעפאָרמיסטישע גרופּעס, וועלכע שטאַמען פון האָלאַנד. די צאָל פון די מענאָניטן אין דער וועלט איז איצט בערעך 600 טויזנט, פון זיי אַ פערטל מיליאָן אין די פאַרייניקטע שטאַטן און פופציק טויזנט אין קאַנאַדע).

דאָס בוך „די פּאַלעסטינער — דאָס געשטאַלט פון אַ פאָלק אין קאַמף", ווי עס זאָגט וועגן דעם זײַן אַרויסגעבער, האָט די אויפגאַבע „צו באַלײַכטן די זײַט פון די פּאַלעסטינער אין דער טראַגישער געשיכטע פונעם מיטעלן מיזרעך און דערציילן דעם מענטשלעכן עמעס וועגן די ערעץ־ייִסראָעלדיקע אַראַבער. צווישן די קוואַלן, אַף וועלכע דער מעכאַבער שטיצט זיך — דעריקער אַראַביש־פּאַלעסטינישע, נאָר אויך ייִסראָעלדיקע און אַמעריקאַנישע — געפינען זיך די באַריכטן פון דער אַגענטור פאַר סאָציאַלער שטיצע און באַשעפטיקונג בא דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס, מאַטעריאַלן פונעם אינסטיטוט פאַר פּאַלעסטינפאָרשונג אין ביירוט און פון אַנדערע אַראַבישע אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס.

אָבער דעריקער שטיצט זיך דער מעכאַבער אַף די רעזולטאַטן פון זײַנע פאָרשונגס־רײַזעס אין מיטעלן מיזרעך, אָנהייבנדיק פון זומער 1968, אין דער ערשטער ריי אַף די שמועסן אין 1971 און 1974 מיט הונדערט צוויי און זיבעציק מאַנצבלען און פרויען, וועמענס נעמען (אָדער צוגעטראַכטע נעמען — לויט דער פאָדערונג פון די מיטשמועסער) עס ווערן אָנגעגעבן אין סאָף פונעם בוך. עס ווערט אויך אָנגעגעבן זייער באַשעפטיקונג, דער אָפּשטאַם און וווינאָרט. די שמועסן זײַנען געפירט געוואָרן טיילווײַז אין אַמעריקע, אָבער דעריקער אין ליוואַן, סיריע, יאָרדאַניע, ייִסראָעל, אַפן מײַרעוו־ברעג, אין אַזאַ־פּאַס און אין מיזרעך־ירושאָלאַיִם. צווישן די אינטערוויויִרטע זײַנען פאַראַן מענטשן פון פאַרשיידענע לעבנס־געביטן: געשעפטסלײַט, גײַסטלעכע, מענטשן פון פרײַע פּראָפעסיעס, סטודענטן, הויז־באַלעבאָסטעס, מיליטערלײַט, שטאָטישע באַאַמטע, מענטשן, וואָס זיצן אין זייער היים, און אַזעלכע, וואָס געפינען זיך אין פּליטים־לאַגערן, פּאָשעטע פאָלקס־מענטשן און פּאָליטישע פירער. אַפן סמאַך פון פערזענלעכער דערפאַרונג דערציילן די מיטשמועסער וועגן זייערע איבערלעבונגען און מיינונגען, וועגן זייער טאָגטעגלעכן געראַנגל און באַגערן. דאָס בוך אַנטהאַלט 240 זײַטן. דער איקער־ציל פונעם מעכאַבער איז געווען צו דערגרייכן, אַף וויפל ס׳איז מעגלעך, אַ פרײַען שמועס און אָפענעם אויסדרוק פון די געפילן. דער מעכאַבער פאַרשטייט, אַז מענטשן, וועלכע האָבן ניט קיין היים, פאַרהיטן זעלטן אַ געניִיעם זיקאָרן. די קאַוואָנע פונעם מעכאַבער איז געווען צו דערציילן, וואָס עס פילן די פּאָשעטע פאָלקס־מענטשן לעגאַבע זייער פאַרגאַנגענהײַט, זייערן איצטיקן מאַצעוו און די אויסזיכטן אַף דער צוקונפט.

ווי עס מערקט אָפּ דער מעכאַבער, איז דאָס בילד ניט אַזוי פולקאָם, ווי ער האָט געהאָפּט. ס׳איז אָבער ווי ווײַט מעגלעך אַ גאַנצס, נעמענדיק אין אַכט די באַגרענעצטקײַט זיך נוצן מיט נייטיקע קוואַלן אין די געגעבענע באַדינגונגען. פראַנק עפּ ווײַזט אָן, אַז ניט אין אַלע פאַלן האָט ער געפונען פולן צוטרוי מיצאַד די מיטשמועסער, אָבער צוליב זייערע אָפטע אַנטוישונגען מיט די מײַרעוו־מענטשן גייט ער אַרויס

פונעם שטאַנדפּונקט, אַז „צוטרוי דאַרף מען פאַרדינען". דער מעכאַבער פונעם בוך פאַרשטייט אויך, אַז לעגאַבע זײַנע ייִדישע פרײַנט „קאָן דאַפקע דער אָנשטרענגונג צו דערגרייכן דעם עמעס עפשער צעטרייסלען זייער גלויבן". ווי ס'זאָל אָבער ניט זײַן, איז זײַן קאַוואָנע געווען — זיך צוהערן אויך צו די ייִדן־ייִסראָעלים, „קעדיי צו שאַפן אַ באַגלייבט בילד אויך פון דעם צווייטן צאַד, וואָס איז פאַרקאַפּט פון דעם סיכסעך".

לויט דער מיינונג פונעם מעכאַבער, איז אויך דאָס ייִסראָעל־פאָלק „ניט גענוג געהערט געוואָרן איבער דער מילכאָמע־מעהומע און איבער דער פּראָפּאַגאַנדע פון די אָפיציעלע קרײַזן. און שאָלעם — גלייבט ער — קאָן מען דערגרייכן דורך טיפער זיך אײַנהערן, מיט פילבאָרן און לאַנגן געדולד, צו די פעלקער פון ביידע זײַטן באַריקאַדע. אַזאַ פילבאַר אײַנהערן זיך וועט אַנטפּלעקן, לויט זײַן מיינונג, אַז גערעכטיקײַט פאַר די פּאַלעסטינעזער, זיכערקײַט פאַר ייִסראָעל און פאַרווירקלעכונג פון די האָפענונגען פון ביידע פעלקער זײַנען איבערגעפלאָכטן און קיין שום צאַד קאָן ניט דערגרייכן זײַן ציל אָן דעם, אַז אויך דער צווייטער צאַד זאָל דערגרייכן זײַן ציל. דער מעכאַבער דערקלערט, אַז זײַן קאַוואָנע איז פּאָרצושטעלן דאָס בילד פון די פּאַלעסטינעזער, ניט פּאַרטיידיקנדיק די ייִדן, און געבן דאָס בילד פון די ייִסראָעלים, ניט פּאַרטיידיקנדיק די פּאַלעסטינעזער, קעדיי די וועלט זאָל אויסהערן ביידע פעלקער. און זיי אַליין זאָלן אויסהערן איינער דעם אַנדערן: „די פּאַלעסטינעזער קומען די ערשטע (אין דעם בוך), קלערט אוף דער מעכאַבער, ווײַל, לויט אונדזער באַשיידענער מיינונג, האָט מען זיי אויסגעהערט די לעצטע".

אינעם בוך זײַנען פאַראַן מאַפּעס און דיאַגראַמעס, וועלכע באַווײַזן, וואָס פאַר אַ ענדערונגען עס זײַנען פאָרגעקומען אין דעם לאַנד, זינט דעם סאָף פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, ווי אויך די פאַרשיידענע פּלענער, וועלכע זײַנען געווען צו פאַנאַנדערטיילן דאָס לאַנד, און וואָס פאַר אַ פאָרם האָט זיך אײַנגעשטעלט אין דער ווירקלעכקײַט. דער לייענער באַקענט זיך מיט דער מיגראַציע פון די פּליטים פון 1948 און 1967 און מיט דער מאַפּע פון די פּליטים־לאַגערן, אין וועלכע זיי געפינען זיך לעצטנס.

פּליטים, פאַרעגיסטרירטע אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס

געביט	פּאַלעסטינער אַראַבער אין לאַגערן	פּאַלעסטינער אַראַבער ניט אין לאַגערן	סאַכאַקל פּליטים — פּאַלעסטינער אַראַבער	פּאַלעסטינער אַראַבער ניט פּליטים	סאַכאַקל פּאַלעסטינער
איבער האַיאַרדן	200.000	400.000	600.000	400.000	1.000.000
מערעוו־ברעג	75.000	225.000	300.000	450.000	750.000
אַזאַ־פּאַס	200.000	125.000	325.000	75.000	400.000
ייִסראָעל (אָן דעם אַראַבישן טייל פון ירושאָלאַיִם)				375.000	375.000
ליוואָן	100.000	100.000	200.000	85.000	285.000
סיריע	50.000	125.000	175.000	15.000	190.000
אַראַבישע לענדער באַם פּערסישן אײַנגוס און אַנדערע				225.000	225.000
מיצראַיִם				40.000	40.000
אייראָפּע, צאָפן־ און דאָרעם־אַמעריקע				235.000	235.000
סאַכאַקל	625.000	975.000	1.600.000	1.900.000	3.500.000

ייִסראָעל־פאָרשער, וואָס זײַנען באַקאַנט מיט אָט די איניאָנים, לייקענען ניט דעם יעסאָד פון די ציפערן, אָבער אין דער צײַט, ווען פראַנק עפּ שטעלט פעסט די צאָל פון דעם פּאַלעסטינעזער פאָלק אַלס דרײַ מיט אַ האַלבן מיליאָן, גיבן די ייִסראָעל־פאָרשער אַ מער עלאַסטישע ציפער: „צווישן דרײַ און דרײַ מיט אַ האַלבן מיליאָן נעפאָשעס".

דאָס בוך פון פראַנק עפּ באַווײַזט אין אַ קלאָרער פאָרם דעם איקער אין דער „פּאַלעסטינער סיטואַציע", וועגן וואָס עס פירט זיך איצט אַ ברייטע דיסקוסיע אין ייִסראָעל און אין אַנדערע לענדער. דאָס איז אַ בילד פון דעם פאָלק, וואָס איז דער פּאָטענציעלער און וויכטיקער פּאַרבינדעטער פון ייִסראָעל אין קאַמף פאַר זיכערן איר עקזיסטענץ, איר שאָלעם און איר צוקונפט.

אַרן קאַהען
(„ייִסראָעל־שטימע")

א נײַער „מאוגלי"

א צעניאָריק ייִנגעלע, וואָס האָט געהאָדעוועט זיך עטלעכע יאָר צווישן וועלף, לעבט איצט אָפּגעזונדערט פון דער וועלט אין א מיסיאָנערישן שפּיטאָל פאר שוועַרע כאלאָיִם. דער שפּיטאָל געפינט זיך אין דער אינדישער שטאָט לאַקנאו.

די מאָנאכינעס האָבן דעם ייִנגל א נאָמען געגעבן פּאסקאל. הײַנט איז ער דאָס איינציקע ייִנגל אין דער וועלט, וואָס איז געוואקסן צווישן וועלף.

ווען איך האָב באזוכט דעם מיסיאָנערישן שפּיטאָל, איז פּאסקאל געזעסן צוזאמען מיט דער מעדיצין־שוועסטער יעווא און פאָרזיכטיק, מע מעג זאָגן מיט פּאכעד, פון מאָל צו מאָל א ריר געטאָן איר האנט, ווי ער וואָלט וועגדן אף זיך איר אופמערקזאמקײַט, זײַענדיק גלײַכצײַטיק גרייט טייקעף צו אנטלויפן. מיט די קינדער פון זײַן עלטער, וועלכע ליגן אין שפּיטאָל, שפּילט זיך פּאסקאל ניט, ער האָט מיט זיי ביכלאל קיין שום מאגע־מאסע ניט. צומאָל קוקט ער אף די קינדער אָנגעשטרענגט מיט זײַנע גלאנציקע ברוינע, לאכלוטן פּוסטע אויגן. אין דרויסן לעבט ער זיך צונויף מיט דער נאטור. ער כאפּט מורעשקעס און עסט זיי.

פּאסקאל האָט דארע קרומע פיס, ווי ער וואָלט געקרענקט אף פּאָליאָמיעליט. ער שלאָפט אָדער רוט ליגנדיק אפן בויך, די הענט אויסגעשטרעקט פאר זיך, ווי בא א יאשטשערקע, די פיס אויסגעצויגן.

איצט איז אין לאַקנאו ווינטער, און פּאסקאל טראָגט א קורטקע מיט א קאפּיושאָן, וואָס פארדעקט די שראמען, וועלכע ער האָט באַקומען בייסן לעבן צווישן וועלף.

דאָ האָט ער זיך באוויזן אן ערעך מיט א יאָר צוריק. געבראכט האָט אים איינער א מיסיאָנער, אָנגעטאָן איז ער געווען קרוע־בלוע, האלטנדיק זיך אף ציטערנדיקע שפּינען־פיסלעך. ער האָט פארמאָגט שארפע ציינער פון א רויבכײַע.

...אין א הייסן מײַ־טאָג פון 1972 האָט נארסינגך, דער אײַנוווינער פונעם אינדישן דערפל נאראיאפּור, געמאכט די גרעסטע אנטדעקונג אין זײַן לעבן. ער איז געפאָרן אף א וועלאָסיפּעד דורכן וואלד מוסאפיקבאן, וואָס געפינט זיך אינעם שטאט אוטאר־פּראדעש, און דערזען א מענטשלעך קינד אין עלטער פון דרײַ־פיר יאָר, וואָס גייט אף פיר פיס און שפּילט זיך מיט קליינע וועלפּעלעך.

נארסינגך האָט דאָס ייִנגל געכאפּט און געבראכט אין דאָרף. די דאָרפסלײַט דערציילן וועגן דער סענסאציע: נארסינגך מיט פארבלוטיקטע הענט (דאָס קינד, וואָס איז דערצויגן געוואָרן צווישן וועלף, האָט אים צעביסן) און א נאקעט קינד מיט טיפע שראמען און וווּנדן אפן גאנצן גוואלדיק שמוציקן קערפּער מיט לאנגע אויסגעקרימטע נעגל אף די הענט און פיס...

אינגיכן האָט נארסינגך פארשטאנען, אז פון פּאסקאלן קאָן מען פארדינען געלט. זײַן קליין ליימשטיבל איז געוואָרן א צירק־ארענע, ווו דער דערצויגלינג פון וועלף, וואָס האָט אויסגעמיטן מענטשן און געזוכט פרײַנטשאפט צווישן די דאָרפישע הינט, האָט באקומען די מעגלעכקײַט צו דעמאָנסטרירן די דזשונגל־זיטן. מע פלעגט אים צוווארפן הינדעלעך, וועלכע ער האָט געגעסן לעבעדיקערהייט. דערזעענדיק א שטיקל רוי פליש, פלעגט ער זיך אזש טרייסלען. געטרונקען האָט ער וואסער אָדער מילך, לעקנדיק פון די שיסעלעך.

זײַנע דינע, דארע פיס האָט מען רעגולער מאסירט און אײַנגעריבן מיט זענעפט־אייל. אין פינף כאָדאָשים ארום האָט ער מיט שוועריקײַטן אָנגעהויבן, ענדלעך, גיין אף די פיס.

דער מיסיאָנער, דער גאלעך זשאָזעף, וואָס האָט אין יאנואר 1978 געבראכט פּאסקאלן אין שפּיטאָל, האָפט, אז עס וועט געשען א נעס: פּאסקאלס דרעמלענדיקער מענטשלעכער באוווּסטזײַן וועט אופגעשטעלט ווערן אדאנק דעם פאָרזיכטיקן און געדולדיקן באגיין זיך מיט אים. זשאָזעף האָפט אויך, אז צו פּאסקאלן וועט זיך אומקערן דאָס לאָשן און דער זיקאָרן, ער וועט קאָנען דערציילן וועגן זײַן לעבן צווישן וועלף.

אנא־מאריִא לאנץ

„עקספּרעסען", שטאָקהאָלם

די צאָל ייִדן אין דער וועלט

לויט די אָנגאבן פון דעם אמעריקאנער ייִדישן „יאָרבוך 1979", וועלכער איז לעצטנס ארויסגעגעבן געוואָרן אין אמעריקע, דערוויסן מיר זיך, אז די אלגעמיינע צאָל ייִדן אין דער וועלט איז איצט פערצן מיליאָן מיט 286 טויזנט. אין פארלויף פונעם פארגאנגענעם יאָר איז די ייִדישע באפעלקערונג אויסגעוואקסן אף 26.475 מענטשן.

אין די פאראייניקטע שטאטן וווינען 5 מיליאָן 781 טויזנט ייִדן. דאָס איז אומגעפער די זעלבע צאָל ווי מיט א יאָר פריִער. ייִדן אין די פאראייניקטע שטאטן, ווײַזט אָן דאָס „יאָרבוך", שטעלן מיט זיך פאָר צוויי מיט זיבן צענטל פּראָצענט לעגאבע דער גאנצער באפעלקערונג אין לאנד.

דאָס צווייטע אָרט נאָך די פאראייניקטע שטאטן, לויט דער צאָל פון דער ייִדישער באפעלקערונג, פארנעמט ייִסראָעל, ווו עס לעבן איצט דרײַ מיליאָן 76 טויזנט ייִדן.

אין פראנקרײַך איז די צאָל ייִדן — 650 טויזנט, אין ענגלאנד — 410 טויזנט, קאנאדע — 305 טויזנט, ארגענטינע — 300 טויזנט, בראזיליע — 150 טויזנט, דאָרעם־אפריקע — 118 טויזנט.

47 פּראָצענט פון אלע ייִדן אין דער וועלט לעבן אין צאָפן־צענטראל־ און דאָרעם־אמעריקע, 29 פּראָצענט — אין אייראָפּע, 22 פּראָצענט — אין אזיע, אָנדערהאלבן פּראָצענט — אין אפריקע, א האלבער פּראָצענט — אין אווסטראליע און אין נײַ־זעלאנד. ייִדן זײַנען פאראן: אין בעלגיע — 41 טויזנט, אין דײַטשלאנד — 34 טויזנט, אין עסטרײַך — 13 טויזנט, אין איטאליע — 39 טויזנט, אין האָלאנד — 30 טויזנט, אין שוועדן — 16 טויזנט, אין אונגארן — 80 טויזנט, אין רומעניע — 60 טויזנט, אין יוגאָסלאוויע — 6 טויזנט, אין גריכנלאנד — 6 טויזנט אין דער שווייץ — 21 טויזנט, אין טערקײַ — 27 טויזנט, אין דענעמארק — 4 טויזנט.



פאראן פאָטענציעלע לייענער

טשעליאבינסק איז א שטאָט פון ריזיקע אונטערנעמונגען און רומפולע רעוואָליוציאָנערע טראַדיציעס. אין קאמף פאר דער סאָוועטן־מאכט האָבן דאָ א היפּשע ראָליע געשפּילט רעוואָליוציאָנערן־ייִדן. ש. צווילינג, צום בייַשפּיל, איז געווען דער ערשטער פאָרזיצער פונעם שטאָט־סאָוועט. ער איז העלדיש געפאלן אין געראנגל מיט די ווייַסגווארדייִשע האָרדעס. די טשעליאבינסקער טוישווים היטן הייליק אָפּ זייַן אָנדענק און דעם אָנדענק פון אנדערע רעוואָליוציאָנערן. צווילינגס נאָמען איז צוגעיינגט דעם אָרטיקן דראמאטישן טעאטער און איינער פון די צענטראלע גאסן. עס זייַנען אין טשעליאבינסק פאראן גאסן, וועלכע טראָגן דעם נאָמען פון די ברידער אָלקין, פון סאָניע קריוואיא, פון זאלמען לובקאָוו. דאָס אלץ זאָגט אײדעס וועגן דעם, אז נאָך פאר דער רעוואָליוציע איז טשעליאבינסק געווען א שטאָט מיט א היפּשער ייִדישער באפעלקערונג. אויך איצט לעבן דאָ א סאך ייִדן, וואָס מיִען זיך אָף די בויונגען, אין דער אינדוסטריע, אין אינסטיטוטן, טעכניקומס און אין אנשטאלטן פון געזונט־פארהיטונג. פיל פון זיי זייַנען יונגע מענטשן, וועלכע ווייַזן ארויס א נייגונג צו דער ייִדישער שפראך און קולטור. א בוילעטער באווייַז דערצו איז דער אינטערעס, וואָס עס האָבן ארויסגערופן בא דער אָרטיקער באפעלקערונג, בעסויכעם אויך בא דער יוגנט, די גאסטראָלן פונעם מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל. זייַנע ספּעקטאקלען זייַנען דורכגעגאנגען בא פול געפּאקטע זאלן.

מיר, די טשעליאבינסקער געזעלשאפטלעכע פארשפרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", פארשטייען, אז אין אונדזער שטאָט זייַנען פאראן ניט ווייניק פּאָטענציעלע לייענער. העלפן זיי ווערן אבאָנענטן פונעם זשורנאל איז אונדזער כיווו, און מיר טוען אלץ צוליב דעם.

איך פערזענלעך בין שטארק צופרידן, וואָס איך לייען דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאַנד". איך בין אלט 35 יאָר, לייענען און שרייַבן האָב איך זיך אויסגעלערנט צו 18 יאָר, אין 1962, טאקע אדאנק דעם זשורנאל. די מאטעריאלן, וועלכע ער דרוקט, בארייַכערן מיך, און איך וויל, אז וואָס מער מייַנע לאנדסלייַט זאָלן האָבן האנאָע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. דעריבער בין איך געוואָרן א געזעלשאפטלעכער פארשפרייטער. די צאָל אבאָנענטן פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאַנד" אין טשעליאבינסק וועלן מיר אין 1980 פארמערן.

לעאָניד ראכמאן, טשעליאבינסק

די דערפינדערישקייַט פון א געזעלשאפטלעכן פארשפרייטער

א גלענצנדיקער פארשפרייטער פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז מייַן פרייַנט הערשל באראז. פערציק לייענער האָט ער אבאָנירט אפן 1979. ווי האָט זיך אים אייַנגעגעבן אופטאָן אזא מין גרויסע ארבעט? ער אליין ענטפערט אָף אָט דער פראגע:

— מע דארף ארויסווייַזן דערפינדערישקייַט.

באראז געפינט לייענער אין די ראָסטאָווער ביבליאָטעקן, אין די אונטערנעמונגען, אפילע אין די הייל־אנשטאלטן, אָפּרו־הייַזער, סאנאטאָריעס. מענטשן ציִען זיך צו אים — אזא מין טאלאנט פארמאָגט ער. מע קומט צו אים זיך דורכשמועסן וועגן די נייַע ווערק פון די הייַנטצייַטיקע ייִדישע שרייַבער, וועגן א ליטעראָרישן אָוונט, וועגן א צאפּלדיק פרישן קאָמענטאר פון דער רעדאקציע.

באראז איז אן אקטיווער לעקטאָר. אָפט ציטירט ער אין זייַנע ארויסטרעטונגען מאטעריאלן פון „סאָוועטיש היימלאַנד", דערבייַ פארגעסט ער ניט אָנווייַזן, פונוואנען די ציטאטעס זייַנען גענומען, און דערמיט פּראָפּאגאנדירט ער דעם זשורנאל. איך בין אן איידעס, ווי אָף איינער א קאָנפערענץ פון די ראָסטאָווער זשורנאליסטן, נאָך דעם, ווי ה. באראז האָט געבראכט אן אויסצוג פון א פּאָלעמישן ארטיקל אין „סאָוועטיש היימלאַנד", זייַנען צו אים צוגעגאנגען פיר כאווײרים און געבעטן, ער זאָל זיי אבאָנירן אפן זשורנאל.

הערשל באראז טרוימט פארגרעסערן אין 1980 די צאָל לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אמווייניקסטן אָף צען מענטשן.

איך ווינטש אים דערפאָלג אין זייַן ארבעט.

דאָוויד מייַדאנסקי, יעסענטוקי

די פּראקטיק זאָגט אונטער

געווייַנלעך קומט פאָר די אבאָניר־קאמפּאניע אָף צוציִען נייַע לייענער אין די לעצטע כאדאָשים פונעם יאָר. דאָס איז נאטירלעך. ס'איז אָבער איבעריק

צו דערמאָנען, אַז מיר באַגעגענען זיך מיט מענטשן א קײַלעכיק יאָר און די פּראַקטיק זאָגט אונטער, אַז די אַבאָנירונג אױפֿן זשורנאַל איז װינטשנסװערט צו פֿירן טאָמיד אָן איבעררײַס — מע דאַרף ניט װאַרטן, ביז עס הײבט זיך אָן די אָפֿיציעלע אַבאָניר־קאַמפּאַניע.

לעצטנס האָב איך זיך באַגעגנט מיטן דאָקטער קאַמענקער, סעמיאָן מאָיסײעװיטש, ער איז דער פֿאַרװאַלטער פֿונעם טעראַפּעװטישן אָפּטײל אינעם מאָסקװער שפּיטאָל נום. 20. בײַם אונדזער שמועס האָב איך זיך דערװוּסט, אַז ייִדיש פֿאַרשטײט ער, אָבער דעם זשורנאַל „סאָװעטיש הײמלאַנד" לײענט ער ניט, און איך האָב אים דערצײלט, װאָס פֿאַר א מײַלעס פֿאַרמאָגט אונדזער זשורנאַל, װי אינטערעסאַנט ער איז, װי אײגנאַרטיק.

— איך װעל אומבאַדינגט זיך אַבאָנירן אױף „סאָװעטיש הײמלאַנד", — האָט געזאָגט סעמיאָן מאָיסײעװיטש. — כ'װעל זיך שטאַרען אױפֿשטעלן מײַנע קענטענישן אין ייִדיש.

אַזעלכע, װי ס. קאַמענקער — פּאָפּולער־פּראַקטיקע מענטשן, װעלכע געדענקען די ייִדישע שפּראַך, זײַנען פֿאַראַן אין פֿיל מאָסקװער מישפּאָכעס. און איך האָב אין זינען צו אַבאָנירן נאָך אײניקע מײַנע באַקאַנטע אױף 1980.

כ א ס ק ל ז י ע ץ, מאָסקװע

אָ ן צ װ ײ פֿ ל

די „דרוזשינע" פֿון געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרײטער אין דאָנעצק זעצט פֿאָר די אַבאָנירונג אױפֿן זשורנאַל „סאָװעטיש הײמלאַנד". איך פֿאַרזיכער צװײפֿל ניט, אַז אַלע „מײַנע" זעכצן אַבאָנענטן װעלן בלײַבן אַבאָנענטן אױך אין 1980, און עס װעלן צוקומען נײַע. אײן נײַעם לײענער האָב איך שױן אין מײַן צעטל.

ז א ל מ ע ן מ י נ ק י ן, דאָנעצק

װידער לײען איך אױף ייִדיש

דעם זשורנאַל „סאָװעטיש הײמלאַנד" באַקום איך, און איך בין זײער צופֿרידן, װאָס אַדאַנק אים האָב איך נאָך א גרױסן איבעררײַס װידער אָנגעהױבן לײענען אױף ייִדיש. איצט געניס איך פֿון ליטעראַטור אױף דרײַ שפּראַכן — רוסיש, אוקראַיִניש, ייִדיש. ס'איז מיר געװען זײער אינטערעסאַנט דורכלײענען אין „סאָװעטיש הײמלאַנד" לעאָניד איליטשס װערק „צעלינאַ".

בעפֿײַערעס איז נאָװאַטאָריש און נוצלעך דאָס אײַנפֿירן א רעזומע אױף רוסיש און ענגליש, װי אױך דאָס זוכן נײַע פֿאָרמען אױף צו העלפֿן די ייִדיש־לערנער. װעגן דעם זשורנאַל „סאָװעטיש הײמלאַנד" דערצײל איך אַלע מײַנע באַקאַנטע.

ס י ר אָ ט א ש מ ו ע ל, טשערנאָװיץ

א פֿאַרזאַמלונג אױף א בערדיטשעװער זאַװאָד

אױפֿן בערדיטשעװער מאַשינבױ־זאַװאָד „פּראָגרעס" איז פֿאָרגעקומען א פֿאַרזאַמלונג פֿון ייִדיש רײדנדיקע אַרבעטער, אױף װעלכער עס איז אַרױסגעטראָטן דער לאַורעאַט פֿון דער מעלוכע־פּרעמיע א. ראַבינאָװיטש — אן אױטאָר פֿון „סאָװעטיש הײמלאַנד". ער האָט דערצײלט װעגן דער „ביִאָגראַפֿיע" פֿונעם זשורנאַל, װעגן די װערק, װאָס װערן אין אים געדרוקט, דער מיטאַרבעטער פֿון דער זשיטאָמירער געגנטלעכער געזעלשאַפֿט „זנאַניע" װ. ליפּשיץ האָט גערעדט װעגן דעם ברײטן דיאַפּאַזאָן פֿון זשאַנרען און װעגן דעם הױכן פּראָפֿעסיאָנעלן ניװאָ פֿון „סאָװעטיש הײמלאַנד". ער האָט באַטאָנט, אַז, אָנהײבנדיק פֿונעם נומער 3 פֿאַרן 1979 פּובליקירט דער זשורנאַל א נײַעם קורס הילפֿס־מאַטעריאַלן אױף צו דערלערנען די ייִדישע שפּראַך.

אױף דער פֿאַרזאַמלונג איז געגאַנגען א רײד װעגן דעם, אַז עס װערט פֿאַרגרעסערט די צאָל אַבאָנענטן פֿון „סאָװעטיש הײמלאַנד". ס'איז װינטשנסװערט, אַז יעדערער, װער עס לײענט ייִדיש, זאָל זיך אױף אים אונטערשרײַבן.

דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם סעקרעטאַר פֿון דעם זאַװאָדישן פּאַרטײ־קאָמיטעט װאַסילי װיקטאָראָװיטש דמיטרענקאָ האָט אין זײַן אַרױסטרעטונג צװישן אַנדערס געזאָגט, אַז די פֿאַרזאַמלונג איז געװען א נוצלעכע. די אַרבעטער פֿונעם זאַװאָד האָבן באַקומען אן אױספֿירלעכע אינפֿאָרמאַציע װעגן „סאָװעטיש הײמלאַנד", און ער צװײפֿלט ניט, אַז דער זשורנאַל װעט נאָך דער פֿאַרזאַמלונג באַקומען נײַע לײענער.

ס ע מ י אָ ן מ י ד אָ נ י ק, בערדיטשעװ

■ ■ ■

מרישע טײף

פֿון פֿאָלקלאָר

I

שײַקע פּײַפּער

מע רופֿט מיך שײַקע פּײַפּער,
דאָס ווייסט די גאַנצע וועלט,
איך פּײַף אַף די יאַכסאָנים,
וואָס האָבן זעק מיט געלט.
נאָר דאַרפֿט איר אַ גלײַכוווערטל,
איך האָב אַ פֿולע קראָם,
און אויב איר ווילט אַ לידל —
זינג איך בעקויל־ראָם:
אוי טשירי־בירי־באָם!
אוי טשירי־בירי־באָם!
מע רופֿט מיך — דער בראָדיאַגע,
קאָלבויניק און וואָס ניט,
און כאָטש איך בין אַ קאַפּצן,
נאָר אַ פֿריילעכער ייִד.
און וואָס עס זאָל ניט טרעפֿן,
אַן אומגליק, אַ פּאָגראָם,
צולאָכעס אַף די סאָנים,
זינג איך בעקויל־ראָם:
אוי טשירי־בירי־באָם!
אוי טשירי־בירי־באָם!

II

שײַקע רעדט מיט דעם ווײַב

— אוי, ווײַבעלע, טײַבעלע,
גענוג מיט די קלאָלעס,
איך האָב שוין אַ בײַטש,
איך ווער אַ באַלעגאָלע!
— אוי, הולטײַ, ראַזבויניק,
דו ביטערער שיקער,
די בײַטש גיט קיין ברויט ניט,
אַ פֿערד איז דער איקער!
— אוי, ניין, דושע־לעבן,
איך ווער אַ פֿאַרדינער,
זאָל זײַן נאָר אַ בײַטש,
וועט אַ פֿערד זיך געפֿינען...

III

שײַקע ענטפֿערט

— וואָס שטייסטו, שײַקע, אַפֿן דאַך און קוקסט אין אַלע זײַטן?
— איך דאַרף דערזען, ווי אַף זײַן פֿערדל וועט אַהער מאָשיִעך רײַטן.
— און וואָס וועט זײַן, ווען דו דערזעסט מאָשיִעכן פֿונווײַטן?
— איך לויף די סימכע אָנזאָגן אין שטעטעלע באַצײַטנס.
— און קאָהאָל האָט דײַן אַרבעט כאָטש פֿאַרעכנט אין דער סמעטע?
— גלאָמפּ! אַז ניט, וואָלט איך דאָ שטיין פֿון פֿרי ביז אָוונט שפּעטן?!
— און סכירעס צאָלט מען דיר דערפֿאַר עפּעס נישקאָשעדיק?
— אַ האַלבן קערבעלע אַ וואָך און מער קיין האַלבן גראָשן ניט.
— אוי, שײַקע, שײַקע, ווייניקלעך! אַף ברויט נאָר און אַף בולבע.
— גלאָמפּ! דערפֿאַר אָבער אַף אייביק שוין אַ סלוזשבע.

IV

שײַקע דער אײַצעגעבער

שײַקע, וואָס טוט מען?
דער סטאַנאָוואָי
טרינקט זיך און גוואַלדעוועט:
ייִדן, ראַטוּי!
— וואַרפֿט אים אַ שטריק.
— ער נעמט ניט, דער ביק!
— שײַקע, וואָס טוט מען?
מע זעט אים ניט... אויס...
— ווײַזט אים אַ קערבל —
שפּרינגט ער אַרויס!

„זאַמלונג פון אַלאַן מאַרשאַלס דערציילונגען"

דער בוך איז דערשינען אין מעלבור־נער פאַרלאַג „נעלסאָן". דער באַרימטער ליטעראַט סטיווען מעריי־סמיט שרײַבט אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט: „אַלאַן מאַר־שאַלן האָט ליב די גאַנצע אויסטראַלישע נאַציע". דער רעצענזענט פונעם זשורנאַל „אַסטרעדיאַן בוק רעוויו" ווײַזט אָן, אַז „אַלאַן מאַרשאַלס שאַפונג דערגרייכט מיט אירע וואָרצלען צו די טראַדיציעס פונעם גרונטלייגער פון דער אויסטראַלישער דערציילונג הענרי לאָוסאָן. מאַרשאַל האָט די דאָזיקע טראַדיציע אַנטוויקלט, באַרײַ־כערט מיט געשטאַלטן פון דער איצטי־קער אויסטראַליער ווירקלעכקײַט.

מײַסטערהאַפט איז אינעם באַנד באַ־שריבן דאָס לעבן פון די קליינע שטעט אין אויסטראַליע. עס ווערט אויך באַ־האַנדלט די פּראָבלעם פון די אויסטראַלי־שע באַלעכײַים, וואָס זייער עקזיסטענץ איז באַדראָעט דורך דער אַרומיקער נאַ־טור.

אויף דער פּאַטאָ: די הילע פון אַלאַן מאַרשאַלס בוך.



שאָטנס פונעם נעכטן

„הובערט, אָדער ער קערט זיך אום קיין קאַסאַבלאַנקאַ" — דאָס איז אַ נײַער ראָמאַן פונעם באַוווּסטן מײַרעוו־דײַטשישן שרײַבער פּעטער הערטלינג. הובערט איז אַ זון פון אַ הינגעשטעלטן נאַציסט — אַן עסעסאָווועץ. זײַן טאַטע האָט ניט אופגעהערט צו אײַנטײַנען מיט אים, אַז „קיין עמעסער מאַנס־פּאַרשוין וועט פון דיר קיינמאָל ניט אַרויסקומען", ווײַל „דו ביסט צו איידל געפּאַטשקעט".

דאָס ייִנגל שטעלט זיך קעגן דעם טאַטנס פּאַשיסטישן צוגאַנג צו דער פראַגע וועגן אַ מוטיקן מאַנספּאַרשוין, אָבער ער טוט דאָס שטיל, ניט אָפן.

הובערט ווערט מעגוּלגל קיין אַמעריקע, וווּ ער אַרבעט אַלס קעלנער אין אַן אַמעריקאַנער אָפיצערן־קאַזינאָ. דאָרט זעט ער אַ פילם, אין וועלכן די הויפּט־ראָל שפּילט העמפרי באָגאַרט — דער אָפּגאָט פון דער אַמעריקאַנער יוגנט אין די 40—50־ער יאָרן. הובערט מאַכט אויך נאָך העמפרי באָ־גאַרטס מאַנירן, נעמט איבער זײַן גענגעלע, זײַן אופירונג, ניט פאַרשטייענדיק, אַז דאָס געשטאַלט פון אָט דעם גרויזאַ־מען סופּערמען איז ניט מער ווי אַ וואַריִאַציע פון זײַן טאַטנס אידעאַל וועגן אַן „עמעסן מאַנצבל".

דער ליטעראַטור־קריטיקער פון דער צײַטונג „פראַנקפור־טער אַלגעמיינע" קומט צום אויספיר, אַז „הערטלינגס ראָמאַן באַווײַזט די שאָטנס פונעם דריטן רײַך, וועלכע דראָען נאָך".

באַרבאַרע פּימס ווערק

די ענגלישע שרײַבערן באַרבאַרע פּים איז באַוווּסט גע־וואָרן סאַכאַקל מיט צוויי יאָר צוריק, ביז דעמלט האָט קיין איין פאַרלאַג ניט פאַרעפנטלעכט אירע ווערק. איצט האָבן אַלע ראָמאַנען פון אָט דער שוין ווײַט ניט יונגער שרײַ־בערן דערזען די ליכטיקע שײַן.

דער נײַסטער ראָמאַן פון באַרבאַרע פּים הייסט „די גסיסע פון אַ פייגעלע". ער איז דערשינען אינעם פאַרלאַג „מאַקמי־לאַן". די קריטיק שרײַבט: „איבערדערציילן דעם אינהאַלט פון באַרבאַרע פּימס ראָמאַן איז פּונקט אַזוי אומעגלעך, ווי איבערגעבן אין אַ פּאָר ווערטער די געשיכטע פון אַ מענטשנס לעבן".

„די גסיסע פון אַ פייגעלע" איז אַ ראָמאַן וועגן די קליי־ניקײַטן אינעם לעבנסשטייגער, וועגן דער האָוועניש אינעם טאָגטעגלעכן ווירוואַר, וועגן די ניט צוגעפּאַסטע צום לעבן כאַראַקטערן, וועלכע זײַנען אין אַ געוויסן מאָמענט די אַנט־שיידנדיקע אין די גורלאָלעס פון באַרבאַרע פּימס העלדן.

אַ ווערק פונעם שוועדישן שרײַבער פּער גונאַר עוואַנדער

„די געשיכטע פון לילעמור האָלם" איז דער נאָמען פון פּער גונאַר עוואַנדערס נײַעם ראָמאַן, וועל־כער איז דערשינען אינעם שוועדישן פאַרלאַג „באָניער".

די העלדן פונעם ווערק זײַנען — אַ יונגער דאָקטער און זײַן פּאַציִענטקע. ווי אַ סאַך אַנדערע עוואַנ־דערס פּערסאָנאַזשן, געפינען זיי זיך אין אַ צושטאַנד פון מאָראַלישן קריזיס, פון אַן אינערלעכן קאָנ־פליקט מיט דער אַרומיקער וועלט.

דער ראָמאַן איז אָנגעשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן, אין דער פאָרם פון אַ ווידע פונעם הויפּט־העלד, וואָס מאַכט אַן אַנאַליז פון זײַן לעבן נאָך דעם פּרוּוו צו באַגיין זעלבסטמאָרד. דער דאָזיקער מעטאָד גיט צו דער דערציילונג די אינטאָנאַציע פון אופריכטיקײַט, דאָקומענטאַלער וואָרהאַפטיקײַט.

„באַם אויספאָרשן דאָס לעבן פון זײַנע העלדן, זייער קאַמף פאַר געזונט ווערן, דערווײַזט עוואַנ־דער דעם טריִומף פון הומאַניזם, פון פילבאַרקײַט און קעגנזײַטיקער פאַרשטענדעניש, דעם קאַמף קעגן די קליינלעכע אידעאַלן פון דער געברויכערישער פּסיכאָלאָגיע", — שרײַבט דער קריטיקער י. האַנסאָן אינעם זשורנאַל „באָניערס ליטערער מעגעזין".

„ביבליאָפּאָליס"

אין דער איטאַליענישער שטאָט פלאָרענץ איז פאַראַן א פאַרלאַג, וועלכער עקזיסטירט פון 1866 און גיט ארויס ביכער וועגן קונסט, ארכעאָלאָגיע, בוכקענטעניש, ביבליאָגראַפיע און מוזיק. דער גרינדער פונעם פאַרלאַג איז לעאָ סאַמועל אָלשקי. בייס דער הערשאַפט פון מוסאָליני האָט ער געמוזט עמיגרירן אין דער שווייץ, און דער פאַרלאַג, וועלכער האָט פריִער געטראָגן דעם נאָמען פון זײַן גרינדער, איז אָנגערופן געוואָרן „ביבליאָפּאָליס".

לעצטנס איז דאָ דערשינען דער בוך פון מאַרקאָ פּאָלאָ „פלאָרענץ באַם פאַשיסטישן רעזשים". אפן סמאַך פון א היפשן דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל מאָלט דער אווטאָר די גרויל־יאָרן, וועלכע דער עלטסטער און גרעסטער צענטער פון דער איטאַליענישער קולטור — פלאָרענץ — האָט איבערגעלעבט בייס מוסאָליניס מעמשאָלע.

„איך בעט א וואָרט"

אזוי האָט אָנגערופן זײַן נײַעם ראָמאַן דער רומענישער שרײַבער דראַגאָמיר כאָראָמין. דאָס איז אין טאָך א קינסטלערישער רעפּאָרטאַזש וועגן א פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג אף א גרויסער בויונג, ווען מע נעמט אָן אין דער פּאַרטיי א יונגן אינזשעניער.

סײַ די קריטיקער, סײַ די לייענער האָבן זיך ארויסגעזאָגט, אז אינעם ראָמאַן איז פאַראַן א גרויסע צאָל זייער אינטערעסאַנטע דיאַלאָגן און דראַמאַטישע קאָליזיעס, פון וועלכע מע קאָן שאַפן א ספּעקטאַקל אין טעאַטער, א פילם אפן עקראַן.

און אזוי איז טאַקע געשען: אינעם האַיאָריקן טעאַטער־סעזאָן פאַרנעמט א בעקאָוועדיק אָרט דער ספּעקטאַקל „איך בעט א וואָרט". דער רעצענזענט פון דער צײַטונג „סקינטייאַ" ס. אַנלעניי שרײַבט, אז דער דערפאָלג פונעם ספּעקטאַקל רעדט ניט בלויז וועגן דער טאַלאַנטפולער ארבעט פונעם רעזשיסער און פון די שוישפּילער, נאָר אויך וועגן דעם גרויסן אינטערעס מיצאַד די צושויער צו די פּיעסן מיט אַזאַ טעמאַטיק.

די אַקטועלע „באַלאַדע וועגן דער רעדינגער טפּיסע"

אין ענגלישן פאַרלאַג „דזשאָרנימען פּרעס" איז דערשינען אָסקאַר ווײַלדס פּאָעמע „די באַלאַדע וועגן דער רעדינגער טפּיסע", וועלכע איז געשריבן געוואָרן מיט העכער אכציק יאָר צוריק. דער רעצענזענט פון דער צײַטונג „מאָרנינג סטאַר" ווײַזט אָן, אז אויך איצט קלינגט די באַלאַדע זייער היינטצײַטיק. דאָס בוך איז איליוסטרירט מיט קסילאָגראַפיעס פון פראַנץ מאַזערעל.

אף דער פאָטאָ: איינע פון פראַנץ מאַזערעלס איליוסטראַציעס.

פרויען וועגן פרויען

אינעם בעלגישן פאַרלאַג „רייִנאַרט" איז דערשינען אַן אַנטאָלאָגיע פון 22 נאָוועלן וועגן דעם גורל פון דער הײַנטצײַטיקער בעלגישער פרוי. די אַנטאָלאָגיע הייסט „פרויען אין פלאַנדריע". אירע אווטאָרן זײַנען פרויען, וועלכע געהערן צו פאַרשיידענע קלאַסן און סאָציאַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט.

די מערהײַט פרויען, וועגן וועלכע עס ווערט אינעם בוך דערציילט, זײַנען דורכגעדרונגען מיט שטימונגען פון איינזאַמקײַט, אָפּגעפרעמדטקײַט פונעם מאַן און צומאָל אפילע פון טאַטע־מאַמע און פון די אייגענע קינדער. זשעמינאַ דע ראָפּ, דער אווטאָר פון דער דערציילונג „א רעקוויעם נאָך א פרוי", באַשרײַבט, ווי אזוי א טאַלאַנטפול מיידל, וואָס האָט געטרוימט וועגן אן אידעאַלער ליבע און וועגן גײַסטיקע ווערטן, האָט כאַסענע געהאַט מיט א באַגרענעצטן קליינבירגער, וואָס איז איבערצײַגט, אז א ווײַב דאַרף בלויז געבוירן און דערציִען קינדער. עס ווערן געשילדערט די ליידן פון א מוטער פון פיל קינדער: זי טאָגט און נעכטיקט אינעם קינדער־צימער, דער מאַן האָט פאַרלוירן יעטווידן אינטערעס צו איר. זי שטאַרבט פון א האַרץ־קרענק. אין איר צוואָע פאַרזאָגט זי איר עלטערער טאָכטער, זי זאָל אויסקלײַבן פאַר זיך אַן אַנדער גורל. אָבער ווי קאָן דאָס מיידל אויסקלײַבן א גורל, אז זי מוז ווערן א ניאַנקע פון אירע שוועסטער און ברידער.

אומגעפער דאָס זעלבע, נאָר אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן, לייענען מיר אין די אַנדערע נאָוועלן פונעם בוך.

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור

מיזשיריצקי, מוישע
(1892 — 1951)

— ליטעראַטור-קריטיקער. געבוירן אין כאַבנע, קיִעווער גובערניע. נאָך דער אָקטיאָבער-רעוואָלוציע פאַרענדיקט די ליטעראַריש-לינגוויסטישע אָפּטיילונג אין צווייטן מאָסקווער מעלוכע-אוניווערסיטעט. דעביוטירט מיט ליטעראַריש-קריטישע אַרטיקלען אין 1924. זיך געדרוקט אין די זשורנאַלן און צייטונגען „פּאַרמעסט", „פּראָלעטאַרישע פּאַן", „סאָוועטישע ליטעראַטור" און אַנד. מיזשיריצקי האָט צונויפגעשטעלט לערנבוכער פון ליטעראַטור פאַר דער מיטלשול: צוזאַמען מיט א. אַבטשוק און י. ראַדאַק — „ליטעראַטור", לערנבוך פאַרן 5-טן קלאַס, צוזאַמען מיט א. אַבטשוק — „ליטעראַטור" פאַרן 7-טן קלאַס, צוזאַמען מיט ש. בריאַנסקי „לערנבוך און כרעסטאָמאַטיע פון ליטעראַטור" פאַרן 5-טן קלאַס. פאַר דער מאָנאָגראַפיע „דאַוויד בערגעלסאָן" האָט מיזשיריצקי באַקומען דעם וויסנשאַפטלעכן טיטל קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן. נאָך דער מילכאָמע האָט מוישע מיזשיריצקי געאַרבעט אלס וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער אין קאַבינעט פאַר יידישער קולטור בא דער אַלוקראַיִנישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע, געזאַמלט און קאָמענטירט מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער קאַטאַסטראָפע בייס דער דײַטשישער אָקופּאַציע, וועגן באַבי יאַר, וועגן אָנטייל פון די יידישע פּאַרטיזאַנער אין קאַמף קעגן די דײַטשישע פאַשיסטן.

ווערק: אויסער די לערנביכער אַף ליטעראַטור פאַר דער מיטלשול — „דאַוויד בערגעלסאָן", מאָנאָגראַפיע, קיִעוו, 1935; „ליטעראַריש-קריטישע עטיודן", זאַמלונג אַרטיקלען וועגן דאַוויד האָפשטיין, איציק פעפער, מ. דאַניעל און אַנדערע. אָנגעשריבן אַן אַרבעט „דער אָנהייב פון דער סאָוועטישער יידישער פּראָזע".

ביבליאָגראַפיע: א. גורשטיין, „וויסנשאַפטלעכע יאַרביכער", ב. 1, מאָסקווע, 1929; י. דאָברושין, „צײַטשריפט", ב. 5, מינסק, 1931; מ. דובילעט, צײַטונג „דער עמעס", נומ. 65, מאָסקווע, 1934; וו. שאַץ, זשורנאַל „ראַטנבילדונג", נומ. 1 און 6, 1934; וו. אַלטמאַן, צײַטונג „אָקטיאָבער", מינסק, 1935.

מעלאַמוד, כאַים (1907)

— פּראָזאַיִקער. געבוירן אין שטעטל כאַשטשעוואַטע (קיראָוואָגראַדער געגנט, אוקראַיִנע). פון די פריִע קינדער-יאָרן אָנגעהויבן אַרבעטן אין פעלד, אַף א צוקער-זאַוואָד, געוועזן פאַרזיצער פון א דאָרפּראַט אין סאָף פון די צוואַנציקער און אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן, דערנאָך אין מעשעך פון צען יאָר געאַרבעט אין דער ניי-זלאַטאָפּאָליער ראַיאָנישער צײַטונג „קאָלווירט-שטערן" אלס סעקרעטאַר פון רעדאַקציע און רעדאַקטאָר. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. וווינט אין טשערנאָוויץ. פאַר דער מילכאָמע איז כאַים מעלאַמוד געווען אַקטיוו אינעם זשאַנער פון דער פאַרצײַכענונג, געווידמעט דעם יידישן קאָלווירטניק. די מערהײַט פון זײַנע נאָכמילכאָמעדיקע ראָמאַנען זײַנען אויך געווידמעט דעם קאָלווירטישן דאָרף.

אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט ער פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע ווערק: „שוועסטער", דערציילונג, נומ. 4, 1963; „פרײַנטשאַפט", ראָמאַן, נומ. 7, 1965; „יונגע יאָרן" ראָמאַן, נומ. 1, 2, 3, 1967; „קאַלטס און וואַרעמס" ראָמאַן, נומ. 1, 2, 3, 1973; „צווישן דניעסטער און פּרוט", ראָמאַן, נומ. 7, 8, 9, 1975; „די טעג מיט די נעכט", ראָמאַן, נומ. 1, 2, 1977; „דאָס גאַנצע לעבן", ראָמאַן, נומ. 1, 2, 1979.

כ. מעלאַמודס ראָמאַנען און דערציילונגען זײַנען דערשינען אין רוסיש און אוקראַיִניש.

ווערק: „בליענדיקע אַקאַציעס", דערציילונג, קיִעוו, 1938, „באַנײַטע ערד", פאַרצײַכענונגען, דאַרטן, 1939; „אַראָן קיסלער", פאַרצײַכענונג, דאַרטן, 1939; „דער וועג צום לעבן", פאַרצײַכענונג, דאַרטן, 1939; „ערד", ראָמאַן, מאָסקווע, 1948; „וואַרעם אַש", ראָמאַן און דערציילונגען, מאָסקווע, 1978.

ביבליאָגראַפיע: אי. קאַנטאָר, „א בוך וועגן איבערגעבוירט פון מענטשן", אַלמאַנאַך „היימלאַנד", נומ. 6, 1948; כ. לויצקער, „די מענטשן אַף דער ערד", זשורנאַל „דער שטערן", 1948; א. פּאָלינעץ, ל. טשערנעץ, „אין שעפערישן אומרו", צײַטונג „ראַדיאַנסקאַ בוקאָווינאַ", 15 סענטיאַבער 1967; אי. טשיטשעלניצקי, „פאַרן מיר ווײַטער", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 9, 1967; א. פּאָלינעץ, „יונגע יאָרן", צײַטונג „ראַדיאַנסקאַ בוקאָווינאַ", 15 דעקאַבער 1972; וו. קראַסנאָדעמסקי, „פּרוכטבאַרע זוכונגען", צײַטונג „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ", 22 מאַרט 1976; ב. מילער „איינגעשפּאַרטע מי", צײַטונג „ביראבידזשאַנער שטערן", 11 סענטיאַבער 1977; ל. טשערנעץ, „א וואָרט וועגן שרײַבער", צײַטונג „ראַדיאַנסקאַ בוקאָווינאַ", 1977; מ. בורבאַק, „כאַים מעלאַמודס באַגינענס", צײַטונג „זאָריאַ בוקאָווינאַ", 14 סענטיאַבער 1977; ג. טאַראַסיוק, „דער זינגער פון פעלקער-פרײַנטשאַפט", צײַטונג „קאָמסאָמאָלעץ בוקאָווינע", 14 סענטיאַבער 1977; י. סערעבריאַני, „וואַרעם אַש און גאָלדענע כאַלוימעס", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 5, 1978; ב. מילער, „יעדער מענטש — מיט זײַן ניגון", צײַטונג „ביראבידזשאַנער שטערן", 3 דעקאַבער 1978; א. ווערגעליס, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 12, 1977 און נומ. 12, 1978;

או. גוראלניק, זשורנאל „ליטעראטורנאָיע אָבאָזרעניע“, נומ. 3, 1978 און נומ. 4, 1979; הערש רעמעניק, „שעפערישע פּראָבלעמען פון דער פּראָזע“, זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, נומ. 9, 1968; דער זעלבער, „נאָטיצן וועגן דער הײַנטצײַטיקער נאָוועלע“, נומ. 3, 1978.

מיטלמאן י. (1898 — 1951)

— ביבליאָגראַף. געבוירן אין סאַטאנאָוו, פּאָדאָליע. נאָך דער רעוואָליוציע גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין דער קאָמיוגישער באַוועגונג אף אוקראַיִנע. אין 1930 פארענדיקט דעם כימישן פאקולטעט פונעם קיִעווער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט. וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער אין אָפּטייל פאר בודקענטעניש און ביבליאָגראפיע באם קיִעווער אינסטיטוט פון ייִדישער פּראָלעטארישער קולטור.

ווערק: „סימען דאלעס“ (צוזאמען מיט י. קוויטני); „ביבלאָלאָגישער זאמלבוך“, מאָסקווע — כארקאָוו — מינסק, 1930; „וועגן ייִדישן „קארטלעך־רעפּערטואר“ אין דער אוקראַיִנישער ביכערקאמער“, דאָרטן; „דער ייִדישער אָפּטייל אין דער אלוקראַיִנישער פאָלקס־ביבליאָטעק“, דאָרטן; „די ביבליאָלאָגישע קאָמיסיע און די ביבליאָלאָגישע צענטראלע באם אינסטיטוט פאר ייִדישער קולטור“, דאָרטן; „די ייִדישע בורזשואזע פּרעסע אין דינסט פון דער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע“, זשורנאל „וויסנשאפט און רעוואָליוציע“, נומ. 3, קיִעוו, 1935.

טײַערע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד“, טײַערע געזעלשאפטלעכע פארשפּרייטער!

ווי אלע באם אָנהייב פון דער אבאָניר־קאָמפּאניִע, ווענדעם זיך ווידער די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד“ צו אײַך מיט א רוף זיך אײַנשליסן באצײַטנס און מיט דער גאנצער ענערגיע אין דער וויכטיקער ארבעט אף צו שאפן נײַע לייענער פונעם זשורנאל. מיר וועלן דאָ ניט איבערכאזערן אלט־באקאנטע לויבווערטער פאר „סאָוועטיש היימלאנד“, ווײַל אונדזער אײַערע באליבטע ליטעראריש־קינסטלערישע אויסגאבע ליגט איצט פאר אײַערע אויגן און דעריבער וועלן מיר בלויז דערמאָנען אײַך אין א ריי נײַע אנטוויקלונגען, וועלכע הייבן אוף נאָך אף א העכערער שטופּע די ווערט און באדײַטונג פון „סאָוועטיש היימלאנד“.

ס'איז קיין צווייפל ניט, אז די ברייטע מאסן ייִדישע לייענער וועלן מיט גרויס פרייד אופנעמען די צוגאָב־ביבליאָטעק צום זשורנאל, וואָס וועט רעגולער דערשײַנען, אָנהייבנדיק פונעם קומענדיקן יאָר. די רעדאקציע באקומט פיל בריוו, וועלכע זאָגן איידעס, אז די נײַע לעקציעס פון ייִדיש אינעם זשורנאל זײַנען געוואָרן אן אמבעסטן צוגעפּאסטער מאטעריאל פאר די ייִדיש־לערנער און, ווי עס ווײַזט אויס, וועלן זיי שוין אין דער איצטיקער אבאָניר־קאָמפּאניע אָפּשפּילן זייער ראָל. צוזאמען מיט די אײַנגעבירגערטע רעזומע־אָפּטיילן אף רוסיש און ענגליש גיט דאָס אלץ א מעגלעכקײַט אונדזערע געזעלשאפטלעכע פארשפּרייטער זיך ווענדן צו ייִנגערע קאטעגאָריעס פּאָטענציִעלע לייענער, ווי אויך צו אזעלכע, וואָס האָבן שוין פריִער געוווּסט ייִדיש און האָבן איצט ווידער צו אים אן אינטערעס.

טײַערע כאוויירים, די רעדאקציע וואַרט אף אײַערע מיטיילונגען וועגן גאנג פון דער אבאָנירונג. געדענקט, אז די אבאָניר־צײַט וועט זײַן א קירצערע איידער אין די פאָריקע יאָרן. איר דארפט אויך וויסן, אז קיין שום באגרענעצונגען וועלן פאר „סאָוועטיש היימלאנד“, פּונקט ווי פאר די אנדערע ליטעראַרישע אויסגאבעס, ניט זײַן.

מיר האָפן, אז אין דער איצטיקער אבאָניר־קאָמפּאניע וועט גילטיק זײַן דער פּרינציפּ: יעדער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד“ פירט ארײַן א נײַעם לייענער; די געזעלשאפטלעכע פארשפּרייטער פון יעדער שטאָט און ייִשעוו דערשלאָגן זיך, אז די, וואָס לייענען ייִדיש, זאָלן זיך באצײַטנס אבאָנירן אף „סאָוועטיש היימלאנד“. פארשטייט זיך, אז עס איז ווינשנסווערט, די אבאָנירונג זאָל גלײַך פון אָנהייב אויסגעפאָרמירט ווערן אף א גאנץ יאָר.

אין פאלן, אויב ס'וועלן אופקומען פראגן ארום דער אבאָניר־קאָמפּאניע, בעטן מיר זיך ווענדן צו דער רעדאקציע.

מיר ווינטשן אײַך, טײַערע פרײַנט, דערפאָלג אין אײַער נוצלעכער ארבעט.

רעדאקציע פון „ס אָ וו ע ט י ש ה יי מ ל א נ ד“

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Урок V

Окончание

לימעד פינף

סאָף

Лимэд финф

[соф]

> Печатные и рукописные
> [ф], [и], [ц], [ж], [ч], [щ]
> Словесное ударение

§ 28. Ударение чаще всего падает на первый слог, например:

ק’ומען, ז’ינגען, ’אָפּפּאָרן, ל’ייענען

Задание 60. Читайте, соблюдая ударение.

1. Приди! — приходить — приходя — приходящие.	1. קום!—ק’ומען—ק’ומענדיק—די ק’ומענדיקע.
2. Пой! — петь — напевая — поющие.	2. זינג!—ז’ינגען—ז’ינגענדיק—די ז’ינגענדיקע.
3. Сиди! — сидеть — сидя — сидящие.	3. זיץ!—ז’יצן—ז’יצנדיק—די ז’יצנדיקע.
4. Работай! — работать — работая — работающие.	4. ’ארבעט! — ’ארבעטן — ’ארבעטנדיק — די ’ארבעטנדיקע.
5. Спроси! — спросить — спрашивая — спрашивающие.	5. פרעג!—פר’עגן—פר’עגנדיק—די פר’עגנדיקע.

§ 29. Запомните следующие 6 приставок (префиксов), **все** они безударные.

1. אנט־; 2. באַ־; 3. גע־; 4. דער־; 5. פאַר־; 6. צע־.

1. убежать, 2. получить, 3. запомнить, 4. рассказывать, 5. понимать, 6. разбить.	1. אנטל’ויפן, 2. באק’ומען, 3. געד’ענקען, 4. דערצ’יילן, 5. פארשט’ייין, 6. צעבר’עכן.

Задание 61. Читайте следующие слова с неударными приставками.

— бегать — 1. убежать, 2. обегать, 3. бег, 4. добежать, 5. забежать, 6. разбежаться.	— ל’ויפן—1. אנטל’ויפן, 2. באל’ויפן, 3. געל’ויף, 4. דערל’ויפן, 5. פארל’ויפן, 6. זיך צעל’ויפן.
— крыть — 1. открыть, 2. покрыть, 3. покрыт, 4. прикрыть.	— ד’עקן—1. אנטד’עקן, 2. באד’עקן, 3. געד’עקט, 4. פארד’עקן.
— лить — 1. поливать, 2. доливать, 3. проливать, 4. разливать.	— ג’יסן,—1. באג’יסן, 2. דערג’יסן, 3. פארג’יסן, 4. צעג’יסן.
— держать — 1. содержать, 2. прятать, 3. жалование (получка), 4. получать, 5. задержать.	— ה’אלטן—1. אנטה’אלטן, 2. באה’אלטן, 3. געה’אלט, 4. דערה’אלטן, 5. פארה’אלטן.
1. развитие, 2. движение, 3. собрание, 4. жалование, 5. рассказ, 6. разрушение.	1. די אנטוו’יקלונג, 2. די באוו’עגונג, 3. די פארז’אמלונג, 4. דאָס געה’אלט, 5. די דערצ’יילונג, 6. די צעשט’ערונג.

§ 30. В идише имеется ряд **приставочных слов**, которые подобно приставкам изменяют значение глагола и пишутся слитно.

Например:

1. ехать — отъехать — подъехать — переехать.	1. פאָרן—אָפּפאָרן — צופאָרן — אריבער־פאָרן.
2. идти — войти — выйти — подойти.	2. גיין—ארײַנגיין—ארויסגיין—צוגיין.

Однако, в отличие от приставок **приставочные слова всегда ударные,** а в формах настоящего времени и повелительного наклонения они ставятся **после** глагола, например:

1. отъехать, я отъезжаю, ты отъезжаешь.	1. אָפּפאָרן, איך פאָר אָפּ, דו פאָרסט אָפּ.
2. входить, мы входим, вы входите.	2. ארײַנגיין, מיר גייען ארײַן, איר גייט ארײַן.

Задание 62. Руководствуясь образцом спряжения глагола **[óпфорн]**, образуйте формы настоящего времени остальных глаголов, подставляя вместо точек недостающее слово или часть слова.

Неопределенная форма	Единственное число			Множественное число		
1. אָפּפאָרן	איך פאָר אָפּ	דו פאָרסט אָפּ	ער פאָרט אָפּ	מיר פאָרן אָפּ	איר פאָרט אָפּ	זיי פאָרן אָפּ
2. אײַנקויפן	איך קויף אײַן	... קויפסט אײַן	... קויפט אײַן	... קויפן אײַן	איר קויפט אײַן	... קויפן אײַן
3. ארויפלויפן	... לויף ארויף	... לויפסט ...׳	... לויפט ארויף	... לויפן ...׳	... לויפט ...׳	... לויפן ...׳
4. אָנקלינגען	... קלינג אָן	... קלינג... ...	... קלינג... ...׳	... קלינגען...׳	... ...ט ...׳	... ...ען ...׳
5. צונעמען	... נעם צו	... ...סט ...׳	... ...ט ...׳	... ...ען ...׳	... ...ט ...׳	... ...ען ...׳
6. אײַנשלאָפן	... ...׳	... ...׳	... ...׳	... ...ן ...׳	... ...׳	... ...ן ...׳
7. אופשטיין	...שטיי ...׳	... ...סט ...׳	... ...ט ...׳	... ...ען ...׳	...שטייט ...׳	... ...ען ...׳
8. ארויסגיין	... ... ארויס	... ...׳	... ...׳	... ...ען ...׳	... ...ט ...׳	... ...ען ...׳

1. отъехать, 2. закупать, 3. подняться (бегом), 4. позвонить, 5. забрать, 6. уснуть, 7. вставать, 8. выходить.

§ 31. В отличие от русского языка в сложных еврейских словах ударение падает на **первую** часть сложного слова, сравните:

стена+газета=стенгазета — די וואנט+די צײַטונג=די וואַנטצײַטונג.

Задание 63. Читайте следующие сложные слова соблюдая ударение на **первой** части.

1. родной край — родина, 2. Советская власть, 3. Советский Союз, 4. детдом, 5. детсад, 6. учебник, 7. читальный зал, 8. земледелие, 9. пионерлагерь, 10. пятилетний план, 11. рабочий день, 12. дневная работа, 13. город рабочих, 14 городские рабочие, 15. источник воды, родник, 16. родниковая, ключевая вода, 17. поле цветов, 18 полевые цветы.

1. דאָס היימלאַנד, 2. די ראַטנמאַכט, 3. דער ראַטנפאַרבאַנד, 4. דאָס קינדערהויז, 5. דער קינדערגאָרטן, 6. דאָס לערנבוך, 7. דער לייענזאַל, 8. די ערדאַרבעט, 9. דער פּיאָנערלאַגער, 10. דער פינפיאָר־פּלאַן, 11. דער אַרבעטס־טאָג, 12. די טאָג־אַרבעט, 13. די אַרבעטער־שטאָט, 14. די שטאָט־אַרבעטער, 15. דער וואַסער־קוואַל, 16. דאָס קוואַל־וואַסער, 17. דאָס בלומען־פעלד, 18. די פעלד־בלומען.

Примечание: В некоторых сложных словах, главным образом, вошедших в идиш из древнееврейского, ударение падает на вторую часть, например:

1 — новоселье, 2 — извозчик — 1 — כאַנוקאַס־האַבאַיס, 2 — באַלעגאָלע

Задание 64. Спишите неопределенную форму глаголов (с переводом) из задания 62, а также, дополнительно, следующие слова к тексту «Мы едем в Москву».

Слова

1. рано, 2. покупать, 3. два, 4. оплатить, 5. тридцать, 6. масло, 7. четыре, 8. затем, 9. мы находимся, 10. занимать. 11. место — места, 12. показать, 13. приносить, 14. постель, 15. чай, 16. сахар, 17. двадцать, 18. благодарить, 19. поезд — поезда, 20. уже поздно, 21. спать, 22. утром.

ווערטער

1. פרי, 2. ק′ויפן, 3. צוויי, 4. באצ′אָלן, 5. דר′ײַסיק, 6. פּ′וטער, 7. פיר, 8. באלד, 9. מיר ז′ײַנען, 10. פארנ′עמען, 11. דאָס אָרט — די ′ערטער, 12. באוו′ײַזן, 13. בר′ענגען, 14. בעטצײַג, 15. טיי, 16. צ′וקער, 17. צוו′אנציק, 18. באד′אנקען, 19. דער צוג — די צ′וגן, 20. עס איז שוין שפּעט, 21. של′אָפן, 22 אינדערפר′י.

Задание 65*. Добейтесь правильного и беглого чтения текста «Мы едем в Москву». Переведите текст на русский язык. Обратите внимание на глаголы с приставками и с приставочными словами.

מיר פאָרן קיין מ′אָסקווע

1. איך און ס′אָניע פאָרן קיין מ′אָסקווע. 2. איך שטיי א′וף אינדערפר′י. 3. איך פאָר צום וואָקז′אל. 4. איך גיי אר′ײַן און גיי צו דער ק′אסע. 5. איך קויף צוויי ביל′עטן. 6. איך באצ′אָל דר′ײַסיק (30) רובל. 7. איך גיי אר′ײַן אין א גאסטראָנ′אָם. 8. איך קויף א′ײַן ב′ולקעס, פּ′וטער און קאָנפ′עטן. 9. איך באצ′אָל פיר ר′ובל. 10. איך גיי אר′ויס און גיי צום אווט′אָבוס. 11. דער אווט′אָבוס פאָרט ′אָפּ.

12. באלד גיי איך אר′ויס. 13. איך לויף אר′וף אפן צוו′ייטן עט′אזש. 14. איך קלינג ′אָן און גיי אר′ײַן. 15. מיר נע′מען דעם טשעמאָד′אן און ג′ייען אר′ויס. 16. מיר ג′ייען אר′ײַן אין אן אווט′אָבוס. 17. באלד ז′ײַנען מיר אפן וואָקז′אל. 18. מיר ג′ייען אר′ײַן אין א′ונדזער וואג′אָן און פארנ′עמען א′ונדזערע ′ערטער. 19. דער קאָנד′וקטאָר קומט. 20. מיר באוו′ײַזן א′ונדזערע ביל′עטן. 21. ער נעמט צ′ו די ביל′עטן און ברענגט ב′עטצײַג, טיי און צ′וקער. 22. מיר באצ′אָלן צוויי ר′ובל און צוו′אנציק ק′אָפּעקעס. 23. מיר באד′אנקען דעם קאָנד′וקטאָר. 24. ער גייט אר′ויס.

25. דער צוג פאָרט ′אָפּ. 26. עס איז שוין שפּעט. 27. מיר ג′ייען של′אָפן. 27. מיר של′אָפן א′ײַן.

28. אינדערפר′י שט′ייען מיר א′וף. 29. דער קאָנד′וקטאָר ברענגט די ביל′עטן. 30. מיר באד′אנקען און ג′ייען אר′ויס פונעם וואג′אָן. 31. מיר ז′ײַנען שוין אין מ′אָסקווע.

Задание 66*. Выпишите отдельно номера глаголов а) с неударными приставками и б) с ударными приставочными словами.

1. פארשטעלן, 2. פאָרשטעלן, 3. בײַקומען, 4. באקומען, 5. געפעלן, 6. אָפּפאלן, 7. באנעמען, 8. מיטנעמען, 9. אָפּנעמען, 10. אנטוויקלען, 11. אײַנוויקלען, 12. צעשלאָגן, 13. צושלאָגן, 14. פאָרשלאָגן, 15. פארשלאָגן, 16. אופשטעלן, 17. באשטעלן, 18. אָפּשטעלן, 19. באשרײַבן, 20. אָנשרײַבן.

Ключи к уроку V. (Окончание)

К заданию 65.

Мы едем в Москву. 1. Я и Соня едем в Москву. 2. Я встаю рано. 3. Еду на вокзал. 4. Вхожу и иду к кассе. 5. Покупаю два билета. 6. Плачу 30 рублей. 7. Захожу в гастроном. 8. Закупаю булки, масло и конфеты. 9. Плачу 4 рубля. 10. Выхожу и иду к автобусу. 11. Автобус отъезжает. 12. Вскоре я выхожу. 13. Поднимаюсь (бегу вверх) на второй этаж. 14. Звоню и вхожу. 15. Мы берем чемодан и выходим. 16. Входим (садимся) в автобус. 17. Вскоре мы (находимся) на вокзале. 18. Мы садимся (входим) в наш вагон и занимаем свои (наши) места. 19. Приходит кондуктор (проводник). 20. Мы предъявляем свои (наши) билеты. 21. Он отбирает билеты и приносит постель, чай и сахар. 22. Мы платим 2 руб. 20 коп. 23. Мы благодарим проводника. 24. Он уходит. 25. Поезд отъезжает. 26. Уже поздно. 27. Идем (ложимся) спать. 28. Засыпаем. 29. Утром мы встаем. 30. Проводник приносит билеты. 31. Благодарим и выходим из вагона. 32. Мы (находимся) уже в Москве.

К заданию 66.

а) глаголы с приставками №№ 1, 4, 5, 7, 10, 12, 15, 17, 19;
б) глаголы с приставочными словами 2, 3, 6, 8, 9, 11, 13, 14, 16, 18, 20.

Задание 67 (контрольное). Переведите русский текст ключа к заданию 65 обратно на еврейский язык. Сверьте свой перевод с еврейским текстом «Мы едем в Москву» (см. задание 65).

Задание 68. Ознакомьтесь с таблицей № 19, обобщающей все изученные вами правила чтения. Выучите еврейский алфавит (см. графу «название»).

Таблица 19

Примеры: русское	Примеры: еврейское	Название	Произношение	Буквы и буквосочетания: рукописное	Буквы и буквосочетания: печатное	№№ п.п.
Абакан	אבאקאן	אלעף	а	א	א	1
аул	אאול		ау ...	...אאו	...אאו	2
Улан-Удэ	אולאן־אודע		у ...	...או	...או	3
Ойтал	אויטאל		ой ...	...אוי	...אוי	4
Илим	אילים		и ...	...אי	...אי	5
Эйфель	אייפעל		эй ...	...איי	...איי	6
Айша	אײַשא		ай ...	...אײַ	...אײַ	7
зоолог	זאָאָלאָג	קאָמעץ־אלעף	о	אָ	אָ	8
Бобруйск	באָברויסק	בייס	б	ב	ב	9
Гагры	גאגרי	גימל	г	ג	ג	10
Домодедово	דאָמאָדעדאָוואָ	דאלעד	д	ד	ד	11
[hэйнэ] — Гейне	היינע	היי	h	ה	ה	12
Бузулук	בוזולוק	וואָוו	у	ו	ו	13
Куусинен	קוּוּסינען		у	וּ	וּ	14
Вова	װאָװא	צוויי וואָוון	в	װ	װ	15
дойна	דוינא	וואָוו־יוד	ой	וי	וי	16
Занзибар	זאנזיבאר	זײַען	з	ז	ז	17
Жорж	זשאָרזש	זײַען־שין	ж	זש	זש	18
Тарту	טארטו	טעס	т	ט	ט	19
Чичерин	טשיטשערין	טעס־שין	ч	טש	טש	20
Минин	מינין	יוד	и, ы	י	י	21
Каир	קאיִר		и, ы	יִ	יִ	22
Ялта	יאלטא		я	יא	יא	23
Йоркшир	יאָרקשיר		ё (йо)	יאָ	יאָ	24

Продолжение таблицы 19

Примеры: русское	Примеры: еврейское	Название	Произношение	Буквы и буквосочетания: рукописное	Буквы и буквосочетания: печатное	№№ п.п.
Нью-Йорк	ניו־יאָרק		ю	יו	יו	25
Йойэл	יויעל		йой	יוי	יוי	26
Елец	יעלעץ		е [йэ]	יע	יע	27
Бейрут	ביירוט	צוויי יודן	эй	יי	יי	28
Байкал	בײַקאַל	צוויי יודן מיט א פאסעך	ай	ײַ	ײַ	29
Халхингол	כאַלכינגאָל	כאף	х	כ	כ	30
Бах	באַך	לאנגע כאף	... х	...ך	...ך	31
Луцк	לוצק	לאמעד	л	ל	ל	32
Мамоново	מאַמאָנאָוואָ	מעם	м	מ	מ	33
БАМ	באַם	שלאָסמעם	... м	...ם	...ם	34
Нина	נינאַ	נון	н	נ	נ	35
Дон	דאָן	לאנגע נון	... н	...ן	...ן	36
Сосновка	סאָסנאָווקאַ	סאמעך	с	ס	ס	37
Эверест	עווערעסט	אײַען	е, э	ע	ע	38
Папанин	פּאַפּאַנין	פּיי	п	פּ	פּ	39
Франкфурт	פֿראַנקפֿורט	פֿיי	ф	פֿ	פֿ	40
шарф	א שאַרף	לאנגע פֿיי	... ф	...ף	...ף	41
Царицын	צאַריצין	צאַדיק	ц	צ	צ	42
Олонец	אָלאָניעץ	לאנגע צאַדיק	... ц	...ץ	...ץ	43
Курск	קורסק	קוף	к	ק	ק	44
Ривьера	ריוויערא	רייש	р	ר	ר	45
Шушенское	שושענסקאָיע	שין	ш	ש	ש	46
Щорс	שטשאָרס		щ	שטש	שטש	47

קאנדידאט פון פעדאגאגישע וויסנשאפט, דאצענט
שימען סאנדלער

anti-fascists in Germany were not isolated; they were closely associated with all the activities of the German Communist Party, which called from the depths of the underground for the organisation of a united people's front for the struglge with Hitlerite fascism. This book shows once again that the German Communist Party's appeal found a warm response at various levels of the German Society and among other nationalities living in Germany, especially the Jewish community. After 'Crystal Night', the Central Committee of the German Communist Party issued a special leaflet, 'On the Disgrace of the Jewish Pogroms', which exposed the true aim of Hitler's antisemitic policy. This leaflet gave strength and courage to the Jewish fighters against fascism also."

Lev Frukhtman of Moscow writes about "Books and Portraits", a new book by well-known Russian writer Sergei Baruzdin. The reviewer gives special praise to Baruzdin's many portraits of contemporary writers and lays emphasis on the internationalist essence of the book, on the feeling of fraternal unity characteristic of our multinational Soviet literature.

Readers' Questions

Under this heading, we are publishing an article by Moscow journalist and Esperanto specialist, Alexander Kharkovsky, "Language of Hope", in which he discusses the history of the creation of Esperanto by Ludwig Zamenhof (1859–1917) and the successful study of Esperanto in the USSR.

There is much of interest to the reader in our other regular features, "Editorial Comments", "Items of Interest", "Chronicle", "Readers' Letters", "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature", etc.

The issue ends with another lesson in the series "An Aid to Those Learning Yiddish", Comedy Corner and photographic items.

Translated by Alex Miller

A divided city. And not only into white and Black.

The capital city of cancer.

A steam boiler about to blow up.

A gigantic iceberg of steel and glass.

A city which is morally devastated by terror, by ignorance of what to do, by poverty and by its own cruelty...

However, let us return to Rockefeller.

They say that he made a profit of four million dollars a month. I was told this by a New Yorker who was working part of the week in a transport company for 480 dollars a month. This man, who used to earn four million, did not have an easy life. He once told the TV viewers about his childhood. Papa John Rockefeller used to give his son fifty cents pocket money and made him enter up the debets and credits. If the balance was in the red, Papa John used to be furious.

Here is another incident from the hard life of the boss of Standard Oil, The Chase Manhattan Bank, Eastern Airlines etc. etc.

When he became Vice-President of the USA, the special Senate investigation committee was curious about a matter that concerned him personally: on what basis did he present fifty thousand dollars pocket money to his close colleague and adviser, Harvard Professor Henry Kissinger, who had just become State Secretary in the Nixon Administration? It might be thought that Rockefeller had bribed the busy statesman. Nothing of the kind. To a multimillionaire, a mere fifty thousand dollars is little more than fifty cents for a poor boy.

There is another intriguing fact. When Richard Nixon became President of the United States, at a reception in his house he began introducing the new Minister of Justice to Rockefeller. "There's no need to introduce John Mitchell to me," commented the multimillionaire. "He's my personal lawyer or, if you like, *was* my personal lawyer..."

The reader may be interested to know what else is the average New Yorker talking about. Believe me, there's no lack of events. For instance, everybody's discussing the race up to the sixty-eighth floor of the Empire State Building. The winner was a young man who dashed up 1,557 steps in twelve minutes, nineteen seconds.

I hope that before I leave New York, I'll be able to learn something about future events....

Reviews and Brief

Our critical and bibliographical section contains short reviews of recently published books.

Samuil Gordon's new book, "The Eternal Measure", published in Yiddish by the "Soviet Pisatel" publishing house, is reviewed by Chaim Melamud of Chernovtsy. Analysing Gordon's work as exemplified by the novel "The Eternal Measure", which gave the title to the whole book, the reviewer goes down to the social and psychological roots of the complex mutual relations and conflicts of the characters.

B. Rudyak of Moscow warmly recommends a book, "The Daughters of Marx", by O. B. Vorobyeva and I. M. Sinelnikova. The reviewer stresses the importance of the part which describes the contribution of Marx's daughters to political life, especially the help given by the youngest, Eleanor, to the Jewish workers in Whitechapel, London. "Much time and attention," the authors tell us, "was devoted by Eleanor to the Jewish workers' "ghetto" in Whitechapel, a district of narrow, dirty little streets, small shops and workshops, and overtired, hungry people.... Many of the people here were Jews, mainly emigrants. It was here that Eleanor worked with the local women. In order that they should understand her better in the interests of socialist propaganda, she learned Yiddish specially and read them lectures in their language." The book tells us about Eleanor's friendship with outstanding Jewish proletarian writer Morris Vinchevsky.

In the review of Margaret Pikarsky's book, "The Young in the Berlin Resistance", by *Militärverlag*, GDR, Z. Libinzon of Gorky writes: "The Jewish

Apropos of the position of Jewish culture in the country whose guest I am, never before has the sense of imminent catastrophe been as strong as it is now. The reason for this is the melting down on the American Jewish arena of Apollo's ceremonial chariot. that once bore the classics of Jewish writing and the theatre, and its conversion into a cold-war wagon with rusty squeaking wheels, a crooked pole and with a gang of untalented Judases sitting on top of the wreck. For the salvation of Jewish culture and literature in America (as in similar countries), these brazen parasites must be jettisoned and deprived of the chance to influence public morals. This is what I spoke about at the "Jewish Affairs" banquet.

Antisoviet propaganda is the opium thrown to the crowd by the dirty-handed philistines. Like an every other reactionary abuse, antisovietism bears antisemitism with it. Just as, in the *hot* war, it became necessary to protect the Jews from the cannibalistic attempts on them–and the Soviet Union undertook this task, as did its Red Army–so it is now essential to put obstacles in the way of exploiting, in the *cold war,* Jewish problems as political calumny invoked to pit one country against the other, one camp against the other. It is known that certain malignant forces are goading the Jewish national element into the very thick of the dangerous squabble that was provoked by those same forces. Jews must defend themselves against such hostile actions, for, in fact, the Red Army that saved them from fascism is not going to start saving them from Zionist propaganda. That is more than it can be expected to do... Those who have been fooled must themselves find the way to the truth. This I spoke of at the banquet in honour of the American communist magazine, "Jewish Affairs".

When the people at the tables were talking among themselves, drinking and eating, a distinguished white-haired man came all the way across the hall to speak to me. He said that I probably didn't remember him, in which case he would remind me that fifteen years ago, when I was in New York and visited the editorial office of the now defunct Zionist "Tog-Morgen zhurnal", I was received there by some writers (here followed a list of names) including Meyer Shtikker... "Save yourself the effort," I interrupted. "You are Meyer Shtikker, I recognise you..."

As he was returning to his place, memory reminded me of a few lines from a poem of his about a forest scenery. I've no idea why I recalled this particular poem. In literal translation, the lines I remember ran roughly as follows: "The ants play at love in the shade of the mossy roots. But the melancholy centipedes are on the branches.." And so on. Not, of course, a brilliant picture. The whole point is that in the poem, the ants and the centipedes are referred to by words which I find difficult to understand, possibly because the American Jewish poet was born in Galicia and uses a Galician dialect of Yiddish. A pity that Meyer Shtikker went away. I wanted to ask him: "Colleague, do me a kindness... Translate the words I can't understand into the Volhynian dialect.." But the well-known poet had already vanished. The festivities at the tables continued.

I subsequently learned that, apart from the tables in the hall, there was one at the entrance for journalists "of other persuasions". I don't know who, apart from Shtikker, was scratching the eternal pen at that table, but the next day, one gutter-press hack published an article about the Communist banquet in the anticommunist newspaper "Forverts". This was Sh. L. Schneiderman, about whom "Sovietish Heimland" once wrote that as far back as during the Spanish Civil War he had been a provocateur, and Schneiderman had never denied this. This gentleman now told the readership of "Forverts" a remarkable story. Only yesterday evening, at the Communist newspaper's banquet, "Vergelis incessantly kept nodding in my direction, but, of course, I did not respond to his cunning and enticing smiles". For God's sake, who in his right mind would want to entice a character like that?

13. *Events of the Day*

If you want to find out about a country or city at which you've arrived for a short while, listen to the events of the day being discussed by the average citizen.

New York is talking about the sudden death of Nelson Rockefeller. A multimillionaire, he was four times governor of this city, of which it is said that you can look at it without stopping, but it's best to live in it only with frequent breaks...

I heard many more affectionate comments on New York in that city:

...A city which is afraid of itself.

A city which is fed up to the teeth with itself.

For one dollar you can buy enough aspirin here to last a lifetime, but you'll swallow the lot in a week.

XII

One table stretches right across the width of the hall and is "face to face" with it. Here, a few minutes before the dinner commences, about two dozen people gather with whom I am already acquainted. Here comes humourist writer Sam Lipzin. How pleased I am to see him! I avail myself of the opportunity to comment that America, when reflecting on her literary history, may be proud of such Jewish proletarian humourists as Moishe Nadir, Josl Kotler and Sam Lipzin. Many have wondered why it is that Jewish humour should be so vivid and pithy in this country. Because there's something to laugh at? Or because the first generations of Jewish immigrants brought with them their sad but cheerful national character? No doubt both are reasons why you can fall about laughing at the Jewish jokes about "American happiness".

Eighty-year-old communist Sam Lipzin has not missed a single day with his satirical feature for "Morgen Freiheit", although the editors of that newspaper have betrayed their revolutionary principles. One can often see how he launches the shafts of his scathing aphorisms at his "own" editors. And it is not difficult to imagine how disconcerted they are when this indomitable and youthful old man presents his editorial office with a rhymed welcome to the Soviet Union for publication on 7 November.

Honour and glory to your proud heart, Sam Lipzin, outstanding Jewish writer!

It is not true that Morris Vinchevsky and Moishe Olgin's newspaper is absent from the "Jewish Affairs" banquet. The above-mentioned editors are missing, but then there is nothing for them to do here after all. "Morgen Freiheit" itself, however, in the person of the guardians of its traditions, is here with us in the hall. Avrom Weiss, for many years on the management of "Morgen Freiheit" is sitting next to me. Would you be interested in knowing what we discuss during the few minutes before the chairman rings his bell? The history of the Jewish working-class movement is a permanent reproach to the renegades for bringing the favourite of the progressive Jewish press to such a decline... As for the prophecies by the sceptics about the decline of the Jewish people's press in America, there is only one answer: No, no, no! Healthy forces will again raise the banner of "Morgen Freiheit" and it will, of course, be a red banner.

Until recently, communist poet David Seltzer was a member of the "Morgen Freiheit" editorial board. He had to leave. This major writer and the author of important poems about Bessarabia and Kotovsky found a place with the editorial staff of "Jewish Affairs". Quite recently, during his trip to the USSR, David Seltzer, in the Volgograd city newspaper and in the Moscow magazine "Sovietish Heimland", described a little-known incident of the wartime years about the transatlantic journey of an exhibition of drawings by Stalingrad children.

My chats with friends are interrupted by the chairman's bell. Gertrude Hekker, vice-president of the progressive Lazarus Women's Federation, is opening the ceremonial part of the banquet. Addresses are made by Professor Herbert Apteker, professor at California University and editor of "Jewish Affairs", Daniel Rubin, a member of the Politbureau of the American Communist Party, and Victoria Missik, a communist journalist.

Victoria Missik is a young black. While she is speaking, I quietly whisper in David Seltzer's ear: "How come she's so well informed about the problems of the Jewish community?" Seltzer replies: "Victoria is a member of the Jewish comission under our national committee..." I think to myself: "Now there's a lesson in internationalism for you!..."

It is my turn to speak.

I must confess that I don't really know how a speaker thinks up his address, or whether there are rules governing the matter. I personally cannot remember a single public speech of mine when I was making a "prepared" speech. I sometimes jot down a plan with a few "salient ideas", learn off a couple of particularly striking phrases, even note in what order to express my thoughts–this one first, that one later, and... I clean forget everything as soon as I begin to talk, as if I were dominated by the rule: "Before speaking, free your mind of everything you've prepared..." I say: "Comrades!", and the speech begins to weave itself together, though it would be hard to say of what threads. It is like a ball ready to unwind. Sometimes the thread runs easily, sometimes not so well. It also happens that after the very first word addressed to the audience, I lose the thread and the speech comes out inconsistent and half-baked.

It is impossible to retell one's own speech in detail, just as it is impossible to retell a dream, and so I will merely mention a couple of ideas in connection with the speech I made at the banquet.

In recent years, the cold war has become particularly irrational, and it is only clutched at by those who seek to gain by supporting such a stifling atmosphere. The "local" cold war on the Jewish street is one source of the chill in the world "house". It is therefore not surprising that every time we Soviet Jews meet representatives of the average Jewish public, we make an appeal for an end to the cold war.

Yet our Berko won't crawl for a bonus,
For to his way of thinking, it's wrong,
And that's why Olesya so wanted
To present him at least with a song.

He's been touched to the heart, without question,
For that song's brought the memories back,
And shamefacedly Berko
Wipes a tear from his weather-tanned cheek.

The music fades into the distance
Until it's not heard any more;
And the audience shouts in excitement,
Just as in a real theatre: "Encore!"

Then they rise to their feet in a body,
They're applauding and cheering him now,
And the talented singer Olesya
Gives the blacksmith a long, low bow.

Memorable Literary Dates

Two dates are commemorated in our September issue: the 75th anniversary of the birth of poets Moisei Teif and Zelik Axelrod. A profile of M. Teif is given by Grigori Remenik.

"Teif's work", writes Remenik, "ends the first stage in the history of Soviet Jewish poetry, a stage associated with the names of its founders (Shvartzman, Gofstein, Kvitko, Markisch, Kushnirov, Feffer, Kharik, Kulbak and others). Moisei Teif was the youngest in this eagle's nest, but he was as also the oldest, the founder of a new generation of eagles in Soviet Jewish poetry who are carrying on in the tradition and creating new ones."

In addition to these items, the magazine is printing some humorous verse by Teif, "Shaike Faifer", with illustrations by Grigori Inger of Moscow.

Z. Axelrod's poetry is discussed in an article by Riva Rubina.

We are continuing with the travel notes written by Aron Vergelis of Moscow and entitled "Fifteen Years After" (see also Nos. 6, 7 and 8 of the magazine for the current year. Here are two more chapters.

Aron Vergelis

Fifteen Years After

12. All the Tables Are in the Hall, but There's One at the Entrance

Today, the whole of the great hall in New York's popular Roosevelt Hotel is communist. Did you get that? Yes, the whole of the hall is communist. The first row of tables is laid, like the rest, with white table cloths and is for the Party Central Committee. All eyes in the hall are fixed on it and the names of much-loved fighters are on all lips. The faces of the fifty or sixty guests at the annual banquet in honour of the magazine "Jewish Affairs" radiate calm assurance which Americans rarely show these days and which is totally free of nervous tension and unease...

Prose and Poetry in September

We are continuing Matvei Talalayevsky's novel, "The Heirs", with which we opened our August issue.

Boris Mogilner of Moscow is represented by a new prose work–"My Evening Sunset". The characters in the story are elderly teachers from an institute on the outskirts. The author tells us about their complicated relationships with one another, their love and their loyalties. Moral and aesthetic issues are raised. Contemporary life in the story alternates with reminiscences of the leading character's wartime past. We are publishing the beginning of the story in our current issue.

Hirsh Reles of Minsk and Motl Gruvman of Novgorod have contributed new verse cycles. Here is one of the poems by Hirsh Reles.

Hirsh Reles

Concert in the Village Club

Evening's hung the stars over the rooftops,
But there isn't a local in sight;
For the talented singer Olesya
Is giving a concert tonight.

What wonderful songs she is singing!
Sweeter "Evening Star" never was heard;
And it stirs up such sadness and yearning
As it flies round the hall like a bird.

All the villagers listen, enraptured;
They're completely enthralled by the air;
But "My Dear Little Hometown of Beltsy"
Sung in Yiddish is what they next hear.

All the finest nuances of folk-song
Are so clearly within the girl's range,
And there's something that's almost familiar
In the song that at first seems so strange.

And the villagers sit there, enchanted,
And their hearts are all beating as one.
It's a shame that lyrics mean something
To old Berko the blacksmith alone.

A fine looking man, hale and hearty,
He sits in the front row over there,
And hundreds of eyes are turning on him
With respect that is deep and sincere.

He's white-haired, but his bearing is youthful;
You can see that he fought in the war,
And he's worked in the farm's roaring smithy
For a good thirty years, if not more.

Life's weighed heavy sometimes as a hammer–
When you've troubles, not all understand;
But every ploughshare was beaten
Into shape by the strength of that hand.

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")

No. 9, September 1979

International Year of the Child

Our September issue begins with the latest "Sovietish Heimland' Conference on Theory", devoted to the vital problems of the development of human society, the dialectical interrelations and interdependence of these problems, their complexity, and their social, political, technical, scientific, cultural, historical, moral and ethical aspects. These problems are dealt with by the following articles: "Global Problems of the Present Time: the Search for Solutions" by V. Zagladin and I. Frolov; "The Ideological and Moral Problems of the Socialist Way of Life" by N. Bikkenin; and "October and the Rights of Man" by I. Mintz.

The latest publication devoted to the International Year of the Child is represented by the poetry of Lev Kvitko.

Lev Kvitko

Anna-Vanna the Team-Leader

"Anna-Vanna, all us kiddies
Want to see the piggy-wiggies!
We won't make them squeak,
We'll just take a peek!"

"Straight out of the yard you go,
And you needn't loiter!
It's the piglets' bath-time, so
Come and see them later."

"Anna-Vanna, all the kiddies
Want to see the piggy-wiggies!
Are their backs quite bare?
Have they lots of bristly hair?"

"Straight out of the yard you go,
And you needn't loiter!
It's their feeding-time, and so
Come and see them later."

"Anna-Vanna, all the kiddies
Want to see the piggy-wiggies!
Are their snouts too small to bite?
Are their tails all curled up tight?"

"Straight out of the yard you go,
And you needn't loiter!
It's the piglets' bedtime, so
Come and see them later."

"Anna-Vanna, all the kiddies
Want to see the piggy-wiggies!"

"No you can't. It's much too late.
Till tomorrow you must wait.
See, the lamp shines on the shed,
And the piglets are in bed."

тории Германии, в частности в еврейской среде. Центральный комитет КПГ после «хрустальной ночи» выпустил специальную листовку «О позоре еврейских погромов», в которой разоблачалась истинная цель гитлеровской антисемитской политики. Эта листовка придала силы и мужество и еврейским борцам — антифашистам».

О новой книге известного русского писателя Сергея Баруздина «Книги и портреты» пишет Л. Фрухтман (Москва). В рецензии находят высокую оценку многочисленные литературные портреты современных писателей, созданные С. Баруздиным, подчеркивается интернациональная суть книги, чувство братского единства многонациональной советской литературы.

Отвечаем на вопросы читателей

Под этой рубрикой публикуется статья московского журналиста и эсперантиста Александра Харьковского «Язык надежды», в которой рассказывается об истории создания языка эсперанто доктором Людвигом Заменгофом (1859—1917) и об успехах изучения эсперанто в СССР.

В других рубриках журнала — «Комментарии редакции», «Это интересно», «Хроника», «Письма читателей», «Материалы для лексикона советской еврейской литературы» и др. содержится много нового информативного материала.

Заключает номер продолжение уроков «В помощь изучающим идиш», уголок юмора и фото-материалы.

Когда он стал вице-президентом страны, специальная следственная комиссия сената занялась делом, лично его касавшемся: на каком основании подарил он пятьдесят тысяч долларов карманных денег своему бывшему сотруднику и советнику, профессору Гарварда Генри Киссинджеру, ставшему как раз в это время государственным секретарем в администрации Никсона. Могут еще подумать, что Рокфеллер подкупил везучего государственного деятеля. Ах, оставьте. Для мультимиллионера какие-то жалкие пятьдесят тысяч долларов — намного ли это больше, чем пятьдесят центов для бедного ребенка.

Между прочим, известен еще такой пикантный факт. Когда Ричард Никсон стал президентом Соединенных Штатов, он однажды на приеме в своем доме стал знакомить нового министра юстиции с Рокфеллером. «Нет надобности представлять мне Джона Митчела, — заметил мультимиллионер, — он мой личный юрист, или, если вам угодно, *был* моим личным юристом...»

Наверное, читатель хочет знать, чем еще заинтригован средний нью-йоркец. Поверьте, что событий хоть отбавляй. Например, в Нью-Йорке говорят о соревновании между охотниками подниматься бегом на шестьдесят восьмой этаж «Эмпайр Стейт Билдинг». Победителем вышел молодой человек, преодолевший 1557 ступенек за двенадцать минут и девятнадцать секунд.

Ну, надеюсь, что перед отъездом из Нью-Йорка мне удастся узнать о событиях, которые еще впереди...

Краткие рецензии

В критико-библиографическом разделе журнал публикует краткие рецензии на книги, вышедшие за последнее время.

Новую книгу Самуила Гордона «Вечная мера», которую выпустило на еврейском языке издательство «Советский писатель», рецензирует Хаим Меламуд (Черновцы). Анализируя творчество С. Гордона на примере романа «Вечная мера», давшего название всей книге, автор статьи исследует социальные и психологические корни сложной житейской коллизии в судьбе героев.

Б. Рудяк (Москва) горячо рекомендует читателям книгу «Дочери Маркса», написанную О. Б. Воробьевой и И. М. Синельниковой. Автор рецензии подчеркивает важность той части книги, где рассказывается об участии дочерей Маркса в политической жизни. В частности, говорится о помощи, которую оказывала младшая дочь Элеонора еврейским работницам лондонского гетто Уайтчепель. «Много времени и внимания, — пишут авторы, — Элеонора уделяла еврейским работницам Уайтчепеля. Уайтчепель — это тесные, грязные улочки, маленькие лавчонки и мастерские, и изнуренные, голодные люди... Значительную часть населения здесь составляли евреи, в большинстве своем эмигранты. И вот там-то с женщинами Уайтчепеля и работала Элеонора. А для того, чтобы они лучше понимали её, в интересах социалистической пропаганды, она специально изучила еврейский язык и читала им лекции на их языке». В книге рассказывается и о дружбе Элеоноры с выдающимся еврейским пролетарским писателем Морисом Винчевским.

З. Либинзон (Горький) пишет в рецензии на книгу Марго Пикарски «Молодежь в берлинском сопротивлении», вышедшую на немецком языке в издательстве «Милитерферлаг» (ГДР): «Еврейские антифашисты в Германии не были в изоляции, они были тесно связаны со всей деятельностью немецкой компартии, которая из глубокого подполья звала к организации единого народного фронта для борьбы с гитлеровским фашизмом. Эта книга еще раз показывает, что призыв компартии Германии находил горячий отклик в различных слоях немецкого народа и в среде других национальностей, живших на терри-

ствий, ибо, в самом деле, не станет же Красная Армия, спасшая их от фашизма, спасать их теперь от сионистской пропаганды. Только этого ей не хватало... Сами обманутые должны найти путь к правде. Об этом я говорил на банкете в честь американского коммунистического журнала «Джуиш Афферс».

Был момент, когда люди за столиками переговаривались между собой, пили и ели, и тогда приблизился ко мне, пройдя через весь зал, стройный седовласый мужчина, сказавший мне, что, наверное, я его не помню, в таком случае он напомнит, что пятнадцать лет назад, когда я в Нью-Йорке посетил редакцию «ныне уже покойного» сионистского «Тог-Морген-журнала», меня там принимали такие-то литераторы (следует перечень фамилий), в том числе Мейер Штиккер... «Напрасно тратите много слов, — перебил я его, — вы и есть Мейер Штиккер, я узнал вас...

Когда он возвращался на свое место, память подсказала мне несколько строчек из одного его стихотворения с лесным пейзажем. Почему вспомнилось именно это стихотворение, мне невдомек. В подстрочном переводе сохранившиеся в памяти строки звучат примерно так: «Муравьи играют в любовь в тени мшистых корней. А на ветвях — меланхоличные сороконожки...» И еще что-то. Картина, как видно, ничем не блещет. Все дело в том, что в стихотворении муравьи и сороконожки обозначены по-еврейски какими-то трудными для моего понимания словами, возможно потому, что американский еврейский поэт родом из Галиции, и он пользуется галицийским диалектом идиша. Жаль, что Мейер Штиккер удалился. Меня потянуло попросить его: «Коллега, не откажите в любезности... переведите непонятные мне слова... на волынский диалект...» Но известный поэт уже исчез. Праздник за столиками продолжался...

Впоследствии я узнал, что кроме столов, разместившихся в зале, был один — «для журналистов других направлений» — у самого входа. Мне неизвестно, кто еще кроме Штиккера скрипел вечным пером за тем столиком, однако уже на второй день один бульварный писака напечатал в антикоммунистической газете «Форвертс» статью о коммунистическом банкете. Это — небезызвестный Ш. Л. Шнейдерман, о котором «Советиш геймланд» как-то писал, что он еще в гражданской войне в Испании был провокатором, а он, Шнейдерман, не посмел опровергнуть это. Теперь сей господин доверительно сообщил читателям желтого «Форвертса» удивительную историю. Не далее, как вчера, на банкете коммунистического журнала «Вергелис беспрестанно кивал мне головой, а я, естественно, не отвечал на его коварные и заманивающие улыбки». Куда уж там, помилуй бог заманивать эдакого субъекта...

13. События дня

Если ты хочешь узнать страну, или город, куда ты приехал на короткое время, прислушайся, о каких событиях дня толкует здесь средний гражданин.

В Нью-Йорке говорят о внезапной кончине Нельсона Рокфеллера. Мультмиллионер четырежды был губернатором с резиденцией в этом городе, о котором сказано, что смотреть на него можно беспрерывно, однако жить в нем лучше с частыми перерывами...

И еще много других ласкательных слов о Нью-Йорке я слышал в Нью-Йорке:

...Город, который боится самого себя.

Город, который осточертел сам себе.

Здесь можно за доллар купить аспирин на всю жизнь, но проглатывают этот аспирин за одну неделю.

Разделенный город. И не только на белых и черных.

Столица рака.

Паровой котел, который вот-вот взорвется.

Гигантский айсберг из стали и стекла.

Город, который морально опустошен от страха, от незнания что делать, от бедности и от собственной жестокости...

Однако, вернемся к Рокфеллеру.

Рассказывают, что он получал ежемесячно четыре миллиона долларов прибыли. Об этом говорил мне нью-йоркец, работающий неполную неделю в транспортной компании за 480 долларов (в месяц). Человек, зарабатывающий четыре миллиона, прошел нелегкий путь. Как-то поделился он с телезрителями воспоминаниями о своем детстве. Папа Джон Рокфеллер давал сыну пятьдесят центов карманных денег и заставлял его записывать расходы и доходы. И если в бюджете случался дефицит, папа Джон страшно сердился.

А вот еще один эпизод из тяжелой жизни главного хозяина «Стандарт-ойл», «Чейз Манхэттен бэнк», «Истерн Эйрлайнз» и прочее и прочее.

хайт» в лице хранителей её традиций, находится здесь, вместе с нами в этом зале. Рядом со мной сидит Авром Вайсс, многолетний член правления «Морген-фрайхайт». Не хотите ли знать, о чем мы разговариваем в те считанные минуты, пока председательствующий еще не нажал на звонок? История еврейского рабочего движения пригвоздит ренегатов к позорному столбу за то, что они довели любимицу прогрессивной еврейской прессы до такого падения... Ну, а что касается пророчеств скептиков о закате еврейской народной печати в Америке, то ответ один: нет и нет! Здоровые силы снова поднимут знамя «Морген-фрайхайт», и это будет, естественно, красное знамя.

До последнего времени в редакции «Морген-фрайхайт» еще заседал поэт — коммунист Давид Сэльцер. Он был вынужден уйти оттуда. Среди сотрудников редакции «Джуиш Афферс» нашел свое место этот крупный мастер, автор весомых стихов о Бессарабии, о Котовском. Совсем недавно, во время поездки по СССР, Давид Сэльцер рассказал в городской газете советского города Волгограда и в московском журнале «Советиш геймланд» малоизвестный эпизод военных времен — о переправке через океан выставки рисунков сталинградских детей.

Мое общение с друзьями прерывает председательский звонок. Гертруда Геккер, вице-президент прогрессивной женской федерации имени Лазарус, открывает официальную часть. Говорят редактор «Джуиш Афферс», профессор калифорнийского университета Герберт Аптэкер, член политбюро компартии США Дэниэл Рубин, коммунистическая публицистка Виктория Миссик.

Виктория Миссик — молодая негритянка. Когда она говорит, я тихо шепчу Давиду Сэльцеру на ухо: «Откуда такая осведомленность в проблемах еврейской общины?» Сэльцер отвечает: «Виктория член еврейской комиссии при нашем национальном комитете»... Я думаю: какая наглядная лекция интернационализма...

Настала моя очередь выступать.

Признаюсь, мне неведомо, как оратор рождает свою речь, и существуют ли вообще в этом деле правила. Я лично не припомню ни одного своего выступления, когда говорилось именно то, что было «заготовлено». Бывает, я намечаю план с несколькими «ударными идеями», заучиваю пару особо выразительных фраз, даже намечаю, каким порядком высказывать мысли — эту вначале, а ту после, и... забываю начисто все, как только начинаю говорить, словно надо мной довлеет правило: прежде чем говорить, освободи мозги от заготовок... Я произношу «Товарищи!», и речь начинает плестись — трудно сказать из каких нитей. Она подобна клубку, уже готовому разматываться. Иногда ниточка идет легко, другой раз — трудно. Случается и так, что после первого же слова, обращенного к слушателям, нить теряется, и речь выходит сбивчивая, пресная.

Пересказывать в подробностях собственную речь невозможно, точно также как нельзя точно пересказать приснившийся сон, и я поэтому, касаясь произнесенной мной на банкете речи, выскажу теперь лишь пару соображений.

В последние годы холодная война стала особенно безрассудна, за неё цепляются лишь те, в чьих эгоистичных интересах поддерживать удушающую атмосферу. «Локальная» холодная война на еврейской улице — один из источников холода в глобальном «доме»... Неудивительно поэтому, что каждый раз, когда мы, советские евреи, встречаемся с представителями зарубежной еврейской общественности, от нас исходит призыв покончить с холодной войной.

Что касается положения еврейской культуры в стране, где я в гостях, то никогда еще так явственно, как теперь не ощущалась близость катастрофы. Причиной тому — «переплавка» на американской еврейской арене торжественной колесницы аполлона, несшей на себе когда-то классиков еврейского слова и театра, — в тачанку холодной войны со ржавыми скрипучими колесами, с кривым дышлом, и на этой развалюшке восседает компашка бездарных иуд. Для спасения еврейской культуры и литературы в Америке (как и в других подобных странах) необходимо ссадить этих обнаглевших паразитов на грешную землю, лишить их возможности влиять на общественные нравы. Именно об этом я говорил на банкете еженедельника «Джуиш Афферс».

Антисоветская пропаганда — это тот опиум, который подбрасывает толпе мещан нечистоплотная рука. Как любое другое реакционное поветрие, антисоветизм несет с собой антисемитизм. Точно также, как в *горячей* войне возникла необходимость защищать евреев от людоедских притязаний по отношению к ним, и этим занялся Советский Союз, его Красная Армия — теперь необходимо строго воспрепятствовать использованию в ходе *холодной* войны еврейских проблем в качестве политических наветов, призванных натравливать одну страну на другую, один лагерь на другой. Известно, что определенные зловредные силы подталкивают еврейскую национальную среду, на самую середину спровоцированной ими же опасной драчки. Евреи должны сами защищаться от подобных враждебных по отношению к ним дей-

Памятные литературные даты

В сентябрьском номере отмечаются две памятные даты: 75-летие со дня рождения поэтов Моисея Тейфа и Зелика Аксельрода. Творческий портрет М. Тейфа дан в статье Григория Ременика.

«С творчеством Тейфа, — пишет Г. Ременик, — заканчивается первый этап в истории советской еврейской поэзии, который связан с именами основоположников (Шварцмана, Гофштейна, Квитко, Маркиша, Кушнирова, Фефера, Харика, Кульбака и др.). Моисей Тейф — младший сын в этой орлиной семье, и в то же время он старший сын, зачинатель новой орлиной смены в еврейской советской поэзии, которая продолжила традиции и творит традиции новые».

Наряду с этими материалами журнал печатает юмористические стихи М. Тейфа «Шайка Файфэр» с иллюстрациями художника Григория Ингера (Москва).

О поэзии З. Аксельрода рассказывается в статье Ривы Рубиной.

Продолжается публикация путевых заметок Арона Вергелиса (Москва), озаглавленных «Пятнадцать лет спустя» (начало см. в №№ 6. 7 и 8 журнала за нынешний год). Приводим две главки этих путевых заметок.

Арон Вергелис

Пятнадцать лет спустя

12. Все столы — в зале, а один у входа...

Сегодня весь большой зал популярного в Нью-Йорке Рузвельт-отеля — коммунистический. Вы слышите? Весь зал — коммунистический. Первый ряд столов, накрытых, как и другие, белоснежными скатертями, отдан членам Центрального Комитета партии. Сюда смотрят со всех уголков зала с восхищением, повторяют имена любимых борцов. Лица пятисот—шестисот гостей ежегодного банкета в честь журнала «Джуиш Афферс» излучают ту спокойную уверенность, которую у американцев можно теперь видеть редко — совершенно свободную от взвинченности и настороженности...

Один стол тянется во всю ширину зала и обращен к нему «лицом». Сюда за несколько минут до начала банкета собираются десятка два людей, с которыми я уже знаком. Вот приближается писатель-юморист Сэм Липцин. Как я рад видеть его! Пользуясь случаем, замечу, что Америка, размышляя над своей литературной историей, может гордиться такими еврейскими пролетарскими юмористами, как Мойше Надир, Йосл Котлер, Сэм Липцин. Многие задаются вопросом: почему в этой стране так ярок и ядрен именно еврейский юмор? Потому, что есть над чем смеяться? Или от того, что первые поколения евреев-иммигрантов затащил сюда печальный, но веселый национальный характер? Нет сомнения, что и то и другое являются причинами того, что от еврейских хохм относительно «американского счастья» можно смеяться до упаду...

Восьмидесятишестилетний коммунист Сэм Липцин ни на один день не прекращает вести свою сатирическую рубрику в «Морген-фрайхайт» несмотря на то, что редакторы этой газеты предали революционные принципы. Часто можно наблюдать, как из его бичующих афоризмов летят стрелы в них же, в «собственных» редакторов. И не трудно себе представить, как расстраиваются они, когда непокорный молодой старец приносит в редакцию для номера за 7 ноября рифмованное приветствие Советскому Союзу.

Честь и слава твоему гордому сердцу, большой еврейский писатель Сэм Липцин!

Неправда, что газета Мориса Винчевского и Мойше Ольгина отсутствует на празднике коммунистического «Джуиш Афферс». Это они, вышеупомянутые редакторы, отсутствуют, да им и в самом деле нечего тут делать. Но сама «Морген-фрай-

Проза и поэзия в сентябре

Читатель найдет в номере продолжение романа Матвея Талалаевского «Наследники», которым мы открывали предыдущий, августовский номер.

С новым прозаическим произведением — «Заря моя вечерняя» — выступает Борис Могильнер (Москва). Герои повести — уже немолодые люди, преподаватели в периферийном институте. Автор рассказывает об их сложных взаимоотношениях, любви и верности, затрагивает морально-этические проблемы. Современная жизнь перемежается в повести с воспоминаниями о военном прошлом главного героя. В номере напечатано начало этой повести.

С новыми стихотворными циклами выступают Гирш Релес (Минск) и Мотл Грувман (Новгород). Приводим одно из стихотворений Г. Релеса.

Гирш Релес

Концерт в сельском клубе

Вечер звезды над крышами свесил,
Но не встретишь сельчан у ворот:
Молодая солистка Олеся
В сельском клубе сегодня поет.

Что за песни Олеся выводит!
Чудно «Зорка Венера» звучит,
Грусть и негу нечайно наводит
И по залу, как птица, летит.

И готовы сельчане-умельцы
Душу песне отдать сполна.
Но вдруг «Городок мой Бельцы»
По-еврейски запела она.

Все нюансы народных мелодий
Постигал её голос грудной,
И мотив незнакомый вроде
Зазвучал как далеко-родной.

Зал притих, очарованный замер,
Отвечая биеньем сердец.
Жаль, слова этой песни незнамой
Понимает лишь Берко-кузнец.

Вот он, ладно и крепко сбитый,
Впереди восседает как раз.
И к нему с уваженьем открытым
Обращаются сотни глаз.

Он уж сед, но вихры непокорны,
По осанке видать — воевал.
Тридцать лет у горячего горна
Он в колхозе родном простоял.

Тяжек хлеб, как и молот кузнецкий,
Но в страду — ты сам себе друг.
Помнят силу руки молодецкой
Каждый лемех и каждый плуг.

Но за премией Берко не лезет
И не любит о том говорить.
Потому и хотелось Олесе
Хоть бы песней его одарить.

За живое взяла его крепко,
Память сердца мотив всколыхнул.
И со щек обожженных Берко
Чуть стыдливо слезу смахнул.

Песня смолкла. Растаяли звуки
И как будто бы вдаль унеслись.
Разом дружные вскинулись руки,
Как в театре, послышалось: «Бис!»

И сельчане вставали с кресел:
Ей овации нынче к лицу! —
Молодая солистка Олеся
Низко кланяется кузнецу.

Перевод Л. Фрухтмана

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 9, сентябрь, 1979

Международный год ребенка

Номер открывается очередной «Теоретической конференцией «Советиш геймланд», посвященной насущным вопросам развития человеческого общества, диалектической взаимосвязи и взаимозависимости этих проблем, их комплексному характеру, социально-политическим, научно-техническим, культурно-историческим и нравственно-этическим аспектам. Этим вопросам посвящены публикуемые статьи: «Глобальные проблемы современности: поиски решений» В. Загладина и И. Фролова, «Идейно-нравственные проблемы социалистического образа жизни» Н. Биккенина и «Октябрь и права человека» И. Минца.

Очередная публикация, посвященная Международному году ребенка, представлена стихами Льва Квитко.

Лев Квитко

Анна-Ванна — бригадир

— Анна-Ванна, наш отряд
Хочет видеть поросят!
Мы их не обидим,
Поглядим и выйдем!

— Уходите со двора,
Лучше не просите!
Поросят купать пора,
После приходите.

— Анна-Ванна, наш отряд
Хочет видеть поросят
И потрогать спинки:
Много ли щетинки?

— Уходите со двора,
Лучше не просите.
Поросят кормить пора,
После приходите!

— Анна-Ванна, наш отряд
Хочет видеть поросят!
Рыльца — пятачками?
Хвостики — крючками?

— Уходите со двора,
Лучше не просите!
Поросятам спать пора,
После приходите!

— Анна-Ванна, наш отряд
Хочет видеть поросят!

— Уходите со двора,
Потерпите до утра.
Мы уже фонарь зажгли,
Поросята спать легли.

Перевод С. Михалкова

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

**Ежемесячный
литературно-художественный журнал**

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
**Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Ноте Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, С. Фрай,
И. Шустер** (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Сдано в набор 29.VI.1979. Подписано к печати 17.VIII.1979 г. Формат $70 \times 108^1/_{16}$. Бумага типографская № 1. Печ. л. 13+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 18,15). Бум. л. 6,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1415.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1979 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

■

В НОМЕРЕ:

Теоретическая конференция. Статьи В. Загладина и И. Фролова, Н. Биккенина, И. Минца.

Международный год ребенка. Стихи Л. Квитко.

М. Талалаевский. Наследники (роман, продолжение).

Б. Могильнер. Заря моя вечерняя (повесть).

Стихи Г. Релеса, М. Грувмана.

Рассказы И. Бурга.

Публицистика. Л. Дадиани. Политика Пекина на Ближнем Востоке.

Листая газеты и журналы. Отвечаем на вопросы читателей. Это интересно. Хроника. Уголок общественного распространителя. Материалы для лексикона советской еврейской литературы. В помощь изучающим идиш.

Резюме на русском и английском языках.

1979

№ 9